בלעטער פון מיין לעבן

אב. קאהאן

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

NOV 0 0 1984

[illegible] PUBLIC LIBRARY

בלעטער פון מיין לעבען

פון אב. קאהאן.

צווייטער באנד

מיינע ערשטע אכט יאהר אין אמעריקא

(מיט בילדער און מיט א ווערטערבוך פון ענגליש־אידישע אויסדריקע
וואס געפינען זיך אין דיזען ווערק).

ארויסגעגעבען פון „פארווערטס" אסאסיאיישאן

ניו יארק, 1926.

Copyright, 1926,
by
Abraham Cahan

אפּ־טו־דעיט פּרינטינג קאָ., 195 קאַנאַל סט., נ. י.

אינהאַלט

ערשטער קאַפּיטעל
דער אָנהויב פון דער גרויסער אידישער אימיגראַציע.

אין ראַגאָטשאָוו. — מאַלאָרוסישע פויערים. — אידען נעמען מיך אויף אַ פאַרהער 9
די שיף קומט קיין קיעוו. — ביים האַפען. — אָפּקלאַנגען פון קיעווער פּאָגראָם. — איך פאַרשפּעטיג אַ צוג. — מען גיט מיר צו פיהלען, אַז איך בין אַ ליטוואַק 11
אַ שבת־צו־נאַכט, וואָס פאַרגעסט זיך ניט. — עמיגראַציע — פריהער און אין 1882. — אַ היסטאָרישער צוג 16
דורך בערדיטשעוו. — מיר גנב'ענען דעם גרענעץ 20

צווייטער קאַפּיטעל
אין דעם זאַמלונגס־פּונקט פון דער עמיגראַציע.

אַ שטאָדט ווי פון דר'ערד אויסגעגראָבען. — אַ שטוב ווי אין אַ מעשה מיט גזלנים 25
איך באַקום ווידער אַ ציוויליזירטען אויסזעהן. — אַ באַגעגעניש. — די עמיגראַנטען פיהלען זיך גוט אין עסטרייך 29
מען וואַרט אויף אַ בילעט צו פאָהרען ווייטער. — אינטעליגענטען. — ביי די קולישערס. — מאַשביר און דער באַלטער „עם־עולם“. — ענטוישונג. 33
אַלעיניקאָוו, ספּיוואַקאָווסקי, שאַמראַיעווסקי. — וואָס דר. ראַיעווסקי האָט געדענקט וועגען מיר 40
מיינע איבערצייגונגען 43
חתונות 45

דריטער קאַפּיטעל
פון בראָד ביז ניו יאָרק.

דער צוג געהט אָפּ. — לעמבערג און קראַקאו 48
בערסלאו, בערלין, האַמבורג. — דער ים 51
אין האַלל. — אין ליווערפּול. — ערשטע ערפאַהרונגען מיט דער ענגלישער שפּראַך 53
אַ פרעהליכע נייעס 59
אויפ'ן שיף. — „מיסטער“. — שבועות ..... „
אַמעריקא 64

פערטער קאַפּיטעל
ווי אַ ניי־געבאָרענער.

מיר טרעטען אויף אַמעריקאַנער ערד. — פילאַדעלפיאַ. — אַ פעררי. — „קעסל־גאַרדן“ 66
אימיגראַנטען־קאָמיטעט 68
מיינע חברים פון ווילנא. — באַדאַנעס, מענאַקער 70
דער אידישער קוואַרטאַל אין ניו־יאָרק אין אַלגעמיין 72
דייטשע, ליטווישע און פוילישע אידען. — דער כאַראַקטער פון דעם אידישען קוואַרטאַל. — די רובינשטיין קעיס 77
רוסיש אין דעם אידישען קוואַרטאַל. — אַ צוזאַמענשטויס צווישען צוויי וועלטען 82
האָבען קאָמוניסטישע קאָלאָניעס אַ ממשות? — ווילליאַם פרעי. — דעבאַטען. — אוים עם־עולם'ניק 84

די „פאָלקס־צייטונג“. — שעוויטש. — דייטש. — סאָציאַליזם . . . 87
פריוואַט און קאַפּיטאַליסטישע שקלאַפעריי. — „פאַרבאָטענע פרוכט“ 90
„מאַכען אַ לעבען“. — אויף אַ סיגאַר־פאַבריק. — אַ בורזשואַ. —
בערנאַרד וויינשטיין. — דער פאָרמאַן. — סעמיועל גאָמפּערס.
— אויף אַ בלעך־פאַבריק. — „וואָס עלם ?“ — געסעקט 91
ערשטע לאָזשי. — ערשטע אייגענע קוואַרטיר. — די זאַסס פאַמיליע.
— ענגליש 97
אַ טרויעריגע נאַכריכט פון ווילנא. — אונשולדיגע סקעבס. —
אַ סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונג אויף רוסיש און אויף דייטש . . 100
מיין ערשטע רעדע. — אַ צווייטע און אַ דריטע 104
פרעמדקייט. — בענקעניש. — בריף אַהיים. — אַלץ אַנדערש. —
אַ נייע וועלט, אַ גרויסע וועלט. — אַ נייער „איך“ 109

פינפטער קאַפּיטעל
גרופּען און פּערזענליכקייטען

די ווילנער קאָמונע. — באַקאַל 115
אין אַ גרעמער־סקול, צוזאַמען מיט אַמעריקאַנער באָים. — פאַררעל,
מיין אַמעריקאַנער לעהרער 118
וויליאַם פרעי. — פעליקס אַדלער. — מיין ערשטער אַרטיקעל אויף
ענגליש 123
מיכאיל האַלפּערין. — זיין זוהן לואי 131
בין איך דאַן געווען אַן אַנאַרכיסט? — מיראַוויטש. — סאָציאַל־
רעוואָלוציאָנערען, אַנאַרכיסטען און דער קאַמף אין רוסלאַנד. —
יוסטוס שוואַב 138

זעקסטער קאַפּיטעל
אין אַ בוידעם־צימער אויף קלינטאָן סטריט.

עטליכע פון מיינע שילער 148
אַן אָווענד־שול פאַר אידען. — עמאַניועל קורשעעדט. — די גראַסס
פאַמיליע 154
פאול קאַפּלאַן. — מיין צימער. — מיין אַרט לעבען 157
עדוואַרד קינג 159
ניקאָלאַי אַלעניקאָוו. — יאַקאָב פעיסאַכאָוויטש 163
אונזער ערשטע ניי־יאָהר אונטערנעמונג 164
פאַפּאָוו. — אַן אוצר פון דער שווייץ 166
אַנדערע אוצרות. — מיין צווייטע ביבליאָטעק 169
אַ מתנה פון ווילנא. — הספדים 174
מאָשקאָוויטש. — לעאָ האַרטמאַן 177
ערשטע אידישע טעאַטער־קאָמפּאַניעס. — ענגלישער טעאַטער 182
פּאַטטי 187
אידישע אָווענדען. — אַ העברעאישע סמאָרקע. — רוסישע גרופּען.
— רוסיש 190

זיבעטער קאַפּיטעל
ערשטע לעסאָנס אין אַמעריקאַנער פּאָליטישען לעבען.

גראָווער קליוולענד. — דער בלעין־קליוולענד קעמפּיין. — עוואַרטס.
— בענדזשאַמין פ. באָטלער. — אַ רעדע מיינע 195
עלעקשאָן סצענעס. — טשאַרלי סמיטה. — פּאָליטישע זומפּען. —
אַ נאַרישע דרשה 208
מיינע רוסישע קאָרעספּאָנדענציעס 213

דזשאהן סווינטאָן 217
בודעל אָלדערמען. — דזשייקאָב שאַרפּ 219
סאָציאַליסטישע מיטינגען אויף ענגליש. — קוירנעל הינטאָן. — מײַן טרויעריגע ערשטע פּראָבע 221

אכטער קאַפּיטעל
ערשטע פּראָבעס אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג.

אָנפאַנג פון דער שניידער־יוניאָן. — גרעסטע פאַרזאַמלונג אין די ערשטע יאָהרען. — די ערשטע אידישע אַרבייטער־פיהרער .. 226
„לייבאָר־לייסעאום“. — דר. מערקין 233
די ברידער גרעטש. — אידישער אַרבייטער פאַראיין. — ערשטע קלאָוק־מאַכער יוניאָן 236
הייראַט. — רעגירונג־שול. — „די נייע צייט“ 238

ניינטער קאַפּיטעל
צוויי שטורמדיגע יאָהרען.

די שיקאַגאָ'ער באָמבע 245
אַ נייעס אין דער געשיכטע פון ניו־יאָרקער וואַהל־קעמפּיינס. — דער הענרי דזשאָרדזש קעמפּיין. — די הענרי דזשאָרדזש טעאָריע 249
סענטראַל לייבאָר יוניאָן. — דייטשע סאָציאַליסטען און זייער איינפלוס 253
אָנהויב פון דעם הענרי דזשאָרדזש קעמפּיין. — דער „לידער“. — יוּאיט. — אַ דעבאַטע דורך בריף. — טעאָדאָר רוזוועלט 257
דעניעל דע ליאָן. — פאַדהער מעק־גלין 264
עלעקשאָן טאָג 1886 266
אַ דעבאַטע צווישען הענרי דזשאָרדזש'ן און שעוויטש'ן 269
דער „לידער“ און דער „ארגוס“ 273
רעוואָלוציאָנערע רעדעס. — אַ רוף צו וואַפען. — יאָהאַן מאָסט פאַראורטיילט 275
דער עלפטער נאָוועמבער 278

צעהנטער קאַפּיטעל
איך קום צו צו אַ ברעג.

איך הויב אָן צו פרעגען קשיות. — קען אַ פרייע געזעלשאַפט אויס־קומען אָהן אָפּשטימונג? 281
באַכמאַן. — אַ שפּאַציר וואָס האָט מיר געמאַכט פאַר אויס אַנאַרכיסט. — אַ געשפּרעך מיט אַלעקסאַנדער יאָנאַס'ן. — צוויי ביכער .. 286
ווילהעלם ליבקנעכט. — עלעאָנאָראַ, די טאָכטער פון קאַרל מאַרקס, און איהר מאַן עוועלינג 293
די ניי־אָדעסער קאָמונע פאַלט דורך. — ווי די מיטגלידער האָבען געלעבט צווישען זיך. — מיינע דעבאַטען מיט קאַפּלאַנ'ען וועגען דער געפאַלענער קאָמונע 296
אַן אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער קלוב. — מיסס דזשאהנסאָן. — מיסעס לעאָנאַרד. — עדגאַר סאָלטוס. — יוגאָ פאָכט. — וואָלטער ווּרומען 306
לאָרענס גראָנלענד און זיינע צוויי ביכער 310
די סאָציאַליסטישע באַוועגונג און די דייטשען 312

עלפטער קאפיטעל

אנדערע אמעריקאנער בעקאנטשאפטען.

א קלוב פון יונגע אמעריקאנער לעהרער. — סטודענטען אין רוס־
לאנד און סטודענטען אין אמעריקא 316
אנטיסעמיטען אין יענע צייטען 323
אין דער רעדאקציע פון דער „ניו־יארק סאן“. — אמעריקאנער
זשורנאליזם. — דאנא און פוליטצער 326
נוים. — בורזשויעס און קבצנים. — איך הויב אן צו שטודירען לאא 335
אן אונאנגענעהמע ערפאהרונג. — עדוארד סירינג. — דזשאדזש
גאלדפאגעל. — א צווייטע אונאנגענעהמע ערפאהרונג. — איך
ווער אוים לאיער 344
זארגלאזע פויגעל. — ספענסער׳ס ווערק 353

צוועלפטער קאפיטעל

אינ׳ם אידישען קווארטאל.

ענגלישע קלאסען אין „ישיבת עין חיים“. — די גבאים, די מלמדים,
די קינדער. — פארוואס איך האב פארלוירען דעם דזשאב ... 357
דער בליזארד 362
עטליכע טיפען פון דער איוונינג־סקול 365
דער פרינסיפאל און דער סופעראינטענדענט.................. 370
פייגענזאן, קאצענעלענבאגען און זייער ספרים־סטאר.—מ. ראזענפעלד 374
זיגמונד מאגולעסקא און מיין אינטערעס אין דעם אידישען
טעאטער. — שמר׳ס „קאקעטע דאמען“ 377
„מיסא עסלאר“. — „פראפעסאר“ הורוויץ. — פיינמאן, דייוויד
קעסלער. — „היסטארישע אפערעס“. — א צווילינג פון אדעם 382
הורוויציזם. — מעאטער־קאנקורענץ. — אברהם גאלדפאדען 385
א סאלון־קיפער. — „דוד׳ס הארף“. — טהאמאשעווסקי, אדלער,
שעהנגאלד. — רודאלף מארקס 391
קהלות וואקסען. — מען אימפארטירט בארימטע חזנים 398
דער רב הכולל. — אליקום צונזער 401
וועגען דעם אידישען קווארטאל פון יענע יאהרען אין אלגעמיין .. 407

דרייצעהנטער קאפיטעל

דער „וואירקמענ׳ס עדוואקעיט“ און די סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי.

בושע. — וויקטאר יאראס. — א געשריבענע דעבאטע. — פראפעסאר
גאנטאן. — א געשפראכענע דעבאטע 416
לעקטשורס און ארטיקלען. — רעאליזם. — א בראשורע. — לוסיען
סעניעל 421
ווערעשטשאגין און זיין אויסשטעלונג 424
גארסייד און א מעשה מיט א בריטווע 428
דער ערשטער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער קאנגרעס (צווייטע
סעריע). — א פאריזאמלונג וועגען א „ספליט“ אין דער פארטיי 431
לואי מילער, מיכאיל זאמעטקין, לעאן באנדאס, מאררים הילקאוויץ.
— פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען. — מאגידאוו 438
די אידישע אנארכיסטען. — זייער צייטונג „וואהרהייט“ 440
מיינע ערשטע רעדעס אויסער ניו־יארק 441

בילדער אין צווייטען באנד:

	ביי פּיידזש
אליעזר מאַשביר	37
טש. שאמראיעווסקי (דר. ראַיעווסקי)	43
שואל באדאנעס	71
סאַלאָמאָן מענאקער	75
בערנאַרד וויינשטיין	95
סערגעי שעוויטש	103
אב. קאַהאַן (אין 1883)	111
מיכאַיל באַקאַל	117
וויליאַם פּרעי	125
מיכאַיל האַלפּערין	133
ח. ספּיוואַקאָווסקי (דר. ספּיוואַק)	141
עמאַניועל קורשעעדט	155
מאַרק אַש	159
עדואַרד קינג	163
ניקאָלאַי אַלעיניקאָוו	167
לעאָ האַרטמאַן	179
דזשאַהן סווינטאָן	219
קוירנעל חיגטאָן	225
אַנגאַ קאַהאַן (אין 1885)	239
אב. קאַהאַן (אין 1885)	245
אַלעקסאַנדער יאָנאַס	289
ווילהעלם ליבקנעכט	293
עלאָנאָראַ מאַרקס־עוועלינג	297
פּאַול קאַפּלאַן	301
מיסעס לעאָנאַרד	309
לאָרענס גראָנלענד	313
עראַזמוס דאַרווין ביעטש	329
וויקטאָר יאראָס	419
לוסיען סעניעל	425
מיכאַיל זאַמעטקין	439
י. פּינן	443

מיינע ערשטע אַכט יאָהר אין אַמעריקאַ

ערשטער קאפיטעל

דער אָנהויב פון דער גרויסער אידישער עמיגראַציע.

.1

אין ראָגאטשאָוו. — מאלאָרוסישע פויערים. — אידען נעהמען מיך אויף א פארהער.

מיין רייזע קיין אמעריקא האָט זיך, אלזאָ, אָנגעהויבען אין מאָהילעוו אויפ'ן דניעפּער, גלייך נאָך פּסח, אין 1882, אויף א דאמף־שיף מיט'ן נאָמען „מארוסיא".

אלץ וואָס איך געדענק פון דעם ערשטען טאָג, וואָס איך האָב פארבראכט אויף דיזער שיף, איז: אז עס איז געווען קאלט, אז איך האָב זיך געטוליעט אין מיין שאָקאָלאד־קאָלירטען פּאלטאָ און אז עס האָט לאנג געדויערט איידער די פּאסאזשירען האָבען אויפגעהערט זיך צו פיהלען פרעמד איינער צום אנדערען.

אויפ'ן וועג ליגט די שטאָדט ראָגאטשאָוו, מאָהליווער גובערניע. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אהין, איז אויפ'ן דאמפּפער ארויפגעקומען פּאָליציי און געהייסען אלעמען אראָפּ־געהן. איך האָב געזוכט א תירוץ צו פארבלייבען אויף דער שיף. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. מען האָט ארויסגעטריבען יעדען פּאסאזשיר פון יעדען ווינקעלע. איך האָב געמוזט געהן איבער דער „סקאָדקע" („נעננג־פּלענק") אויפ'ן ברעג.

ביי דער זייט פון דער „סקאָדקע" איז געשטאנען א פּאָליציי־נאדזיראטעל, וועלכער האָט באקוקט יעדען ארונטערקומענדען פּאסאזשיר און איהם געהייסען ווייזען דעם פּאס.

אפשר האָט ער א צעטעל פון מענשען וועמען מען זוכט, און איך בין איינער פון זיי? — האָב איך זיך געקלעהרט. איך האָב זיך געפיהלט כמעט ווי א קרבן פון א ים־גזלן, וועלכער

טרייבט זיין געפאנגענעם איבער א קלאדקע אין וואסער אריין. אום דער נאדזיראטעל זאל ניט באמערקען מיינע אויגען, האב איך זיי געפרופט האלטען ארָאפּגעלאָזען; כלומר'שט אויפ'ן וואסער געקוקט. אויב ער וועט פאָדערען אז איך זאל איהם קוקען אין די אויגען, וועלען מיר דאן זעהן.

עס האט מיר אָפּגעגליקט. דער פּאָליציי־נאדזיראטעל איז געווען פארנומען מיט די, וואס זיינען געגאנגען פאר מיר; און ער האט מיר פשוט פארנאכלעסיגט. ער האט מיך ניט אָפּגעשטעלט.

פונקט אנטקעגען,ביים טייך, אויף א בערגעל, איז געשטאנען א שענק; האב איך זיך געלאָזען אהין. ווען איך בין אריין אין שענק, איז גלייך נאך מיר אריין א פּאָליציייסקער, און ער האט מיר געהייסען ווייזען מיינע פּאַפּירען. ווען איך האב איהם דערלאנגט מיין פּאַס, האט ער איהם אנגענומען מיט'ן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף. ער האט זיך געמאכט, אז ער קען לייענען, און ער האט מיך צו־רוהע געלאָזען.

מיר זיינען געפאָהרען ווייטער. עס איז אריבער מעהר ווי א מעת־לעת.

ביסלעכוועיז האב איך גענומען פיהלען, אז איך געפין זיך אין מאלאָראָסיע (אוקראינע). עס האבען זיך באוויזען גרופען פויערים אין הויכע באראשקענע היטלען. אזעלכע היטלען האב איך פריהער נאר געזעהן אויף בילדער. זיי האבען גע־רעדט צווישען זיך מאלאָרוסיש, א שפראך וועלכע איך האב פריהער באגעגענט נאר ווערטער־וויז, אין דער רוסישער ליטעראטור, אָדער אין געזונגענע לידער. מייסטע פון זיי זיינען געווען שכור און זיי האבען זיך געהאלטען ווי שכור'ע פויערים פון מיין געבורטס־פּלאַץ. א פּאָר פון זיי זיינען פשוט געפאלען און געלעגען אין שמוץ אויסגעצויגען אויף דער „פּאלובע" ווי טויטע.

ארום ניעזשין האבען זיך גענומען באוויזען נייע אידען. איינער פון זיי איז געווען א רב, אָדער עפּעס אנאנדער „כלי־קודש". ער האט געטראָגען א שווארצען, גלאנציגען, ניט קיין הויכען, צילינדער־קאפּעלוש, און ער האט געהאט א פּאָר שווארצע

נעגרייזעלטע פּאות. ער האָט גערעדט מיט אַ וואָהלינער אַקצענט, וועלכער האָט מיר נעגרילצט אין די אויערען. עפּעס האָט ער אויף מיר געוואָרפען אַן אויגעל און האָט זיך צו מיר געטשעפּעט מיט פראַגען

— וואוהין פאָהרט איהר?

— קיין בערדיטשעוו, — האָב איך געענטפערט.

— וואָס וועט איהר טאָן אין בערדיטשעוו?

— איך פאָהר דאָרטען וועגען אַ צוקער־געשעפט.

— וואָס פאַר אַ צוקער־געשעפט?

— איך וועל פאַרקויפען צוקער דאָרטען.

— וואָס? פון דער ליטע וועט איהר פאָהרען פאַרקויפען צוקער אין בערדיטשעוו? אין בערדיטשעוו איז דאָך צוקער אַ סך ביליגער ווי ביי אייך.

דאָס אַלץ האָט ער געזאָגט מיט אַ גיפטיגען שמייכעלע. ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך איהם אַר־יינגעוואָרפען אין דניעפּר.

— נו, וועל איך דאָרטען קויפען צוקער, — האָב איך נעפּרופט מאַכען שפּאַס.

צו מיר האָט זיך אויך צוגעטשעפּעט אַ הויכער יונגער מאַן, אַ בלאָנדער, וועלכער איז געפאָהרען פון מאָהילעוו קיין קיעוו (אזוי האָט ער געזאָגט). ער האָט געשטיפט מיט אַלעמען און ניט אויפגעהערט צו דערצעהלען וועגען אַ שטעלע וואָס ער האָט ביי דעם קיעווער מיליאָנער, טעראָשטשענקאָ. ער האָט מיר אויך געפרעגט וואוהין איך פאָהר. ווי אזוי איך האָב איהם געפּרופט פאַררייידען די צייהן, געדענק איך ניט.

.2

די שיף קומט קיין קיעוו. — ביים האַפען. — אָפּקלאַנגען פון קיעווער פּאָגראָם. — איך פאַרשפּעטיג אַ צוג. — מען גיט מיר צו פיהלען, אַז איך בין אַ ליטוואַק.

די גאַנצע רייזע האָט געדויערט צוויי טעג מיט איין נאַכט. אין קיעוו זיינען מיר אָנגעקומען ביינאַכט. איך זעה

איצט פאַר די אויגען ווי עס בלישטשען און פינקלען טויזענדער פלאַמען. אַ צויבער שטאָדט. ביי דעם פּריסטאַן (האַפען) איז געשטאַנען אַ זשאַנדאַרמסקער אָפיצער, וועלכער האָט געקוקט יעדען פּאַסאַזשיר גלייך אין פּנים אריין. ווידער דערמאָן איך זיך אָן מיינע צרה'דיגע אויגען! אויב עס איז פּאַראַן וועגען מיר אַ שריפט, וועט ער מיך דורך זיי דערקענען...

איך בין געפאַלען אויף אַזאַ פּלאַן: אײנער פון מיינע מיטרייזענדע, אַ מאָהילעווער איד, אַ הויכער, מיט אַ ברוינע בערדעל, האָט געהאַט צוויי קופּערטלעך; האָב איך איהם אָנגעבאָטען צו העלפען אַראָפּטראָגען איינעם פון זיי. מיין כּונה דערביי איז געווען, אַז, האַלטענדיג דעם קופּערטעל אויף דער פּלייצע, וועל איך פאַרשטעלען איינע פון מיינע אויגען, וועט דער אָפיצער זעהן נאָר איינע, און אויף איין אויג איז מען ניט „קאָסאָקע".

דער אָפיצער האָט מיר אריינגעקוקט אין דער פרייער אויג, און — צי ער האָט געהאַט אַ באַריכט וועגען מיר צי ניט — ער האָט מיר געלאָזען געהן.

איך בין די קלאַדקע אַריבער פריהער ווי דער אייגענטימער פון דעם קופּערטעל, און ער האָט ניט געוואוסט וואו איך בין אַהינגעקומען. ווען איך בין שוין געווען אויפ'ן ברעג, הער איך ווי ער שרייט אויפ'ן קול: „קרוגלאַנסקי! קרוג־לאַנסקי!" ער האָט געמיינט, אַז איך האָב זיך אָפּגעטראָגען מיט זיין באַגאַזש.

געהן אָבער צוריק און ווידער פאַרבייגעהן דעם אָפיצער האָט זיך מיר ניט געלוינט; האָב איך געוואַרט ביז מיין אונרוהיגער מיטרייזענדער איז אַריבערגעקומען אויפ'ן ברעג מיט זיין צווייטען קופּערט. ער איז געווען זעהר צוטראָגען, און האָט אַלץ געשריען: „קרוגלאַנסקי!"

— שאַ, שרייט ניט! אָט איז אייער קופּערטעל, — האָב איך איהם איינגעשטילט.

אויבען אויפ'ן באַרג, איבער'ן טייך, איז געשטאַנען אַ האָטעל; זיינען מיר אַהין אריין אויף נאַכט־לעגער. מיר ביידע

און עפּעס אַ דריטער אויך: באַלד איז צו אונז אריינגעקומען ציטלין, דער בעל הבית, און אונז ערקלעהרט, אַז איבער נאַכט קען מען ביי איהם בלייבען, אָבער נישט לענגער, ווייל אידען טאָהען אין קיעוו נישט וואוינען און איצט איז נאָך שטרענגער ווי אומער.

אין קיעוו איז מיט אַ געוויסער צייט צוריק געווען דער פּאָגראָם און פילע אידען האָבען זיך דאָרטען געקליבען צו פאָהרען אין אמעריקא, אָט וועגען דעם און די נייע שטרענגקייטען צו אידען האָט מיט אונז געשמועסט ציטלין. איך געדענק ווי מיינע מיטרייזענדע האָבען צו איהם גערעדט מיט אונטערטעניגקייט, ווי אָרימע מענשען רעדען צו אַ רייכען; און ווי ציטלין האָט געענטפערט אויף זייערע פראַגען מיט דעם זעלבסטבאַוואוסטזיין פון אַ מענשען וואָס געהערט צו אַ העכערען קלאַס.

דאָס איז געווען דאָנערשטאָג אָוועגד. איך געדענק דאָס, וואָרים מאָרגען האָב איך זיך געאיילט אַוועקצופאָהרען פון קיעוו, כדי איך זאָל דאָרטען נישט מוזען פארבלייבען איבער שבת: פאָהרען אום שבת האָב איך נישט געקענט, צוליב דער ראָלע וואָס איך האָב געשפּילט אלס אַן אַלט־מאָדישער אידישער יונגערמאַן מיט פּאות'ן: אויף מאָרגען (פרייטאָג) אין דערפריה האָב איך אויסגערעכענט, אַז נאָך האַלבען טאָג, אייהער עס וועט ווערען שבת, קען איך קומען קיין פאַסטאָוו, וואו אידען האָבען געמעגט וואוינען;

צו דעם אָפּגאַנג פון צוג איז מיר געבליבען ביי דריי שטונדען צייט: איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט באַקוקען די שטאָדט. געהענדיג איבער אַ גאַס, וואָס האָט זיך געצויגען ארויף באַרג, האָב איך זיך אָנגעטראָפען מיט אַ יונגען מאַן, אַ חזיכליכען, מיט אַ בלאָנדע בערדעל. איך האָב זיך צו איהם געווענדעט מיט עפּעס אַ פראַגע; ער האָט מיר געענטפערט; און אזוי שמועסענדיג, זיינען מיר געגאַנגען צוזאַמען. איך געדענק זיין שטימע און זיין וואָהלינער אַקצענט; ווי ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ „טיטין שנאַדער" (טיטון־שניידער).

ער האָט מיר דערצעהלט, אז א סך אידישע פאמיליעס קלייבען זיך קיין אמעריקא.

מיר זיינען צוגעקומען צו א פּלאַץ, וואו אידישע פרויען זיינען געשטאנען ביי אָפּגעניצטע מעבעל און אלערליי אנדערע בעבעכעס. מיין באגלייטער האָט מיר ערקלעהרט, אז פילע פון זיי זיינען קרבנות פון דעם קיעווער פּאָגראָם; אז זיי פארקויפען זייערע זאכען, כדי איצט צו פאָהרען קיין אמעריקא. עטליכע צעהנדליג אזעלכע פרויען זיינען דאָרטען געווען, עטליכע מענער אויך; אָבער הויפּטזעכליך פרויען.

די סצענע איז איינע פון די שטאַרקסטע, וואָס זיינען אין מיין זכרון געבליבען פון מיין רייזע קיין אמעריקא.

ווען איך האָב זיך געכאַפּט, אז עס איז געבליבען ווייניג צייט צו דעם אָפּגאַנג פון דעם צוג, האָב איך אָפּגעשטעלט א יונגען אידישען איזוואָשטשיק און איהם געפרעגט צי ער וועט פאַספּייען מיך צו ברענגען צום וואָקזאַל.

— עס וועט דאָך ניט געדאָווערען, — האָט ער מיר געענטפערט.

איך געדענק זיין שטימע, זיין אויסשפּראַכע און זיין נגונ'דעל דערביי. אז אנשטאָט „געדויערען" זאָל מען זאָגען „געדאָווערען" — דאָס איז פאַר מיר געווען א קאָמישע נייעס. אָבער ניט דאָס איז געווען די אורזאַכע, פאַרוואָס דער איזוואָשטשיק האָט אויף מיר איבערגעלאָזען אן איינדרוק.

ווען מיר זיינען צוגעפאָהרען צום וואָקזאַל, איז שוין דער צוג געווען אָפּגעגאַנגען. מיר האָבען פארשפּעטיגט אויף א פערטעל שעה. דער איזוואָשטשיק האָט געוואוסט, אז עס וועט יאָ „געדאָווערען".

איך האָב זיך מיט איהם גענומען קריגען, פאַרוואָס ער האָט מיך אָפּגענאַרט; אָבער ער האָט נאָך געהאַט טענות צו מיר, און צופיל ליאַרם מאַכען האָב איך ניט געוואָלט.

א איד האָט מיר אָנגעוויזען, אז גלייך דערביי, לעביען וואָקזאַל, געפינט זיך א פאָרשטעדטעל מיט'ן נאָמען סאָלאָמינקאַ, וואו אידען מעגען וואוינען; האָב איך זיך באשלאָסען דאָרטען

צו האַלטען שבת. איך האָב דאָרטען געפונען אַ אידישע אכסניה, און איך האָב זיך אָפּגעשטעלט.

שבת האָבען די געסט אַ גאַנצען נאָכמיטאָג געקנאַקט „סעמעטשקעס“. דאָס איז ניט קיין ליטווישע אכילה. די סעמעטשקעס זיינען אין מיין געדאַנק צוזאַמענגעבונדען מיט דער אויסשפּראַך און הויפּטזעכליך מיט דעם נגון פון דעם וואָהלינער אידיש. די דאָזיגע קליינינקייטען האָבען פיל פאַרגרעסערט דעם געפיהל פון איינזאַמקייט אין מיין האַרצען. אגב, האָבען די וואָהלינער אידען געמאַכט שפּאַס פון מיין ליטווישען אידיש. זיי האָבען מיר איבערגעקרימט, געמאַכט חוזק פון מיר און פון גאַנץ ליטע.

צום ערשטען מאָל אויף מיין לעבען האָט מען מיר געלאָזט פיהלען אַז איך בין אַ ליטוואַק, און אַז „ליטוואַק“ איז אַ זידעל־וואָרט.

איך בין אויך ניט הינטערשטעליג געבליבען; אָבער איך בין געווען איינער געגען עטליכע און אין אַ פרעמדען לאַגער. מעהר פון אַלע האָט זיך מיר איינגעגעסען אין די ביינער אַ רויטער איד פון דובנא. דער נאָמען פון זיין שטעדטעל איז אונז, ווילנער, גוט באַקאַנט געווען; ווארים ווילנא האָט אין יענע יאָהרען גראַד געהאַט אַ שטאָדט־מגיד פון דובנא, שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם, אַז די שטעדטעל איז אַלעמען באַקאַנט דורך דעם באַריהמטען דובנער מגיד.

מיר האָבען דאָס אָבער גערופען „דובנע“ און ניט „דיבנע“, ווי ער. דאָס וואָס דיזער איד רופט אָן זיין אייגענע שטעדטעל מיט אַ „צודרעהטע“ אויסשפּראַך, האָט אויף מיר געמאַכט אַ אונאַנגענעהמען איינדרוק. צו אַלע צרות האָט ער נאָך גערעדט אונטער׳ן נאָז. און דאָך, טראָץ דעם אַלעם, טראָץ אַלע נאָכקרימענישען און בלוט־פאַרגיסונגען, וואָס איך האָב פון איהם געהאַט אויסצושטעהן, איז ביי מיר געבליבען אַן איינדרוק, אַז ער איז אַ סימפּאַטישער מענש.

.3

א שבת־צו־נאַכט, וואָס פארגעסט זיך ניט. — עמיגראַציע — פריהער און אין 1882. — א היסטאָרישער צוג.

דער צוג צום גרענעץ האָט געדאַרפט אָפּגעהן שבת־צו־נאַכט. אליין קויפען א בילעט האָב איך ניט געוואָלט, ווארים ביי דער קאסע פלעגט אויף יעדען וואָקזאַל שטעהן א זשאַנדאַר, און טאָמער באַמערקט ער מײַנע אויגען און ער האָט געלעזען א מעלדונג וועגען מיר? איך האָב געבעטען דעם בעל־הבית'ס טאָכטער און זי האָט מיר געקויפט דעם בילעט.

אין בין אריין אין וואגאָן, פאַרנומען א פּלאַץ ביי א פענסטער, געזעסען און געקוקט אויף די אנדערע פּאסאזשירען. דאָס וואָס איך האָב דאָ געזעהען, קען מען היינט אָנרופען א היסטאָרישע סצענע. נאָר דאָ פאָדערען זיך צוערשט עטליכע הקדמה באַמערקונגען.

אין פריהערדיגע צייטען זיינען פון רוסלאַנד געפאָהרען גאַנץ ווייניג אידען קיין אַמעריקא, און דאָס ביסעלע וואָס איז יאָ געפאָהרען איז געווען פון ליטא און פוילען — די אָרימסטע געגענדען. פון מיין שטאָדט, צום ביישפּיל, האָבען אין די זיבעציגער יאָהרען קיין אַמעריקא עמיגרירט נאָר עטליכע פאַמיליען און די שטאָדט האָט מיט זיי געקלונגען. פון קאָוונא, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון אונז, איז די אויסוואַנדערונג געווען גרעסער, הויפּטזעכליך פון אַלעקשאַט, א פאָרשטאָדט, וואָס ליגט אויף דער אנדערער זייט פון דעם טייך ניעמאַן. אַלעקשאַט האָט געהערט ניט צו קאָוונער גובערניע נאָר צו סואוואַלקער. און פון סואוואַלקער גובערניע זיינען געפאָהרען מעהר אידען ווי פון אנדערע גובערניעס, א חוץ „גרויס־פוילישע" — דאָס הייסט די וואָס געפינען זיך לעבען דעם דייטשען גרענעץ, ווארים פון יענעם געגענד איז מען אויך געפאָהרען קיין אַמעריקא.

און אפילו פון סואוואַלקער גובערניע און פון גרויס־פוילען איז מען אויך געפאָהרען אין קליינע צאָהלען. מייסטענס איינציגווייז, איינער פון דאנען, אייגער פון דאנען.

פון מאַלאָראָסיא, בעסאַראַביע — פון דעם גאַנצען דרום פון רוסלאַנד, וואו דעם אידען האָט זיך געלעבט בעסער, האָט זיך וועגען עמיגרירען קיינעם ניט גע'חלום'ט. איצט אָבער, אַלס רעזולטאַט פון די פּאָגראָמען, האָט זיך דוקא אין יענע געגענדען אָנגעהויבען אַ גרויסע עמיגראַציאָנס־כוואַליע. און מען איז פון דאָרטען געפאָהרען ניט איינציגוויז, און ניט קליינע גרופּענווייז, נאָר צו הונדערט און צו טויזענד מיט אַמאָל; און ניט פון איינציגע שטעדט אָדער שטעדטלעך, נאָר פון אומעטום.

די מאַסען נייע עמיגראַנטען האָבען זייערע היימען פאַרלאָזען, אום צו זוכען אַ נייע היים ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר דעם גאַנצען אידישען פאָלק, הגם די מאַיאָריטעט פון די וואַנדערער האָט דיזען צוועק און זינען ניט געהאַט. יעדער האָט געמיינט צו פאַרבעסערען זיין אייגענע לאַגע; צי ער איז געפאָהרען ווייל ער איז רואינירט געוואָרען אין אַ פּאָגראָם, צי ווייל איהם איז אַזוי אויך ניט געגאַנגען גוט, צי ווייל ער האָט זיך סתם אָנגעשטעקט מיט דעם נייעם גייסט — ער האָט זיך אַוועקגעלאָזען זוכען אַ בעסערען מזל אין דער ווייטער מדינה. וועגען פאָלק בכלל האָבען געטראַכט אינטעליגענטע אידעאַליסטען — די „אַמעריקאַנצעס“, וועלכע האָבען אָרגאַניזירט פּאַרטייען צו דיזען צוועק; אָבער די גאַנצע עמיגראַציע, אין אַלגעמיין גענומען, איז אַרויסגערופען געוואָרען פון אורזאַכען, וועלכע האָבען יעדען אידען באַוויזען, אַז ניט נאָר ער אַליין, נאָר דאָס גאַנצע אידישע פאָלק דאַרף זוכען אַ נייע היים. עמיגרירענדיג, האָט יעדער אויך דעריבער געהאַט אַ באַוואוסטזיין, אַז זיין רייזע איז ניט נאָר אַ פּערזענליכע רייזע, נאָר אַ טייל פון אַ גרויסער מאַסען־אויסוואַנדערונג, וועלכע איז אַ היסטאָרישע פּאַסירונג אין דעם לעבען פון דעם אידישען פאָלק. דער אונוויסענדסטער עמיגראַנט האָט דאָס געוואוסט.

נאָך אַ זאַך: און דער אידעאַליסטישער זייט פון דער באַוועגונג זיינען אריינגעצויגען געוואָרען גאַנץ פּשוט'ע אידען אויך; די זיינען באַגייסטערט געוואָרען צוגלייך מיט די

אינטעליגענטען. גאנץ געוועהנליכע אידען, בעל מלאכה'ס און הענדלער, ווען עס האט זיך אין רוסלאנד געלעבט ניט שלעכט, האבען אלץ פארקויפט און ארייננעטראטען אין די פארטיעס, וועלכע זיינען געפאהרען גרינדען א נייעם אידישען לעבען אין אמעריקא. מיט א רעליגיעזער באגייסטערונג האבען זיי דאס געטאן; און דערביי זיינען געווען פילע ביישפילען פון זעלבסט־אפפערונג, פילע גאלדענע מאמענטען זיינען אין יענע טעג פארצייכענט געווארען.

דאס איז געווען דער אנהויב פון דער אידישער עמיגראציע פון דרום רוסלאנד און דאס איז געווען דער אנהויב פון דער גרויסער אידישער עמיגראציע קיין אמעריקא פון אומעטום. ווארים קוים האט זיך אנגעפאנגען א גרויסע אויסוואנדערונג: אין דרום־רוסלאנד, האט איהר ווירקונג זיך גענומען פיהלען אין ליטע, אין פוילען און אפילו אין גאליציען, וואו דער אנטיסעמיטיזם האט דאן קיין באדייטונג ניט געהאט. יעדער אידישער ארימאן האט געטרוימט וועגען אמעריקא.

'עס איז אזוי אויסגעקומען, אז דער צוג, אויף וועלכען איך האב זיך געזעצט, איז געווען דער גרעסטער עמיגראנטען־צוג, וואס איז ווען עס איז אפגעגאנגען פון קיעוו. גרופעס עמי־גראנטען זיינען פון דארטען, פון אדעס און פון אנדערע ערטער אוועק נאך פריהער. אבער יענע גרופעס זיינען געווען א סך קלענער. די גרויסע מאסע וואס האט זיך געקליבען אין וועג, האט געווארט אויף נאך פסח, אויף דעם אנהויב פון ווארימערע טעג; און דער שבת־צו־נאכט, וועגען וועלכען איך רייד דא, איז געווען דער ערשטער שבת־צו־נאכט נאך פסח (דער לעצטער טאג פסח איז געווען דינסטאג; האט מען שוין געווארט ביז ענדע וואך). צו דערזעלבער צייט איז אפגעגאנגען א גרויסער עמיגראנטען־צוג פון אדעס, און אויפ'ן וועג האבען אויף פילע סטאנציעס פון די דאזיגע אייזענבאהן־ליניען געווארט אנדערע אידען צו פאהרען מיט דיזעלבע צוגען.

יענעם שבת־צו־נאכט קען מען באצייכענען אלס דעם אווענד, ווען עס האט זיך אנגעהויבען די גרויסע אידישע עמיגראציע

קיין אמעריקא. אין דעם דאָזיגען שבת־צו־נאכט האָט זיך אָנגע־הויבען א ברייטער שטראָם, וועלכער האָט זיך געצויגען כמעט צוויי דורות, געמאכט אמעריקא פאר א גרויסען צענטער פון אידישער באפעלקערונג און געהאט א ווירקונג אויפ׳ן לעבען פונ׳ם גאנצען אידישען פאָלק.

אין דעם באטרעפענדען יאָהר (1882) איז די צאָהל אידען אין די פאראייניגטע שטאאטען געווען ווייניגער ווי הונדערט טויזענד. ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, מיט עטליכע און פערציג יאָהר שפּעטער, האַלט זי שוין נאָהענט צו פיער מיליאָן.

ווען איך בין אריין אין וואגאָן, איז נאָך געווען ביי צוואנציג מינוט פאר דעם צוג׳ס אָפּגאנג. דער וואגאָן איז שוין אָבער געווען פול — פול מיט אידען, וואָס זיינען געפאָהרען קיין אמעריקא, און מיט זייערע פריינד. מען האָט זיך געזעגענט. קיין „גובערנאטאָרשען פּאַס“ אויף אריבערצופאָהרען דעם גרענעץ האָט קיינער ניט געהאט. פונדעסטוועגען האָבען אלע אָפען גערעדט וועגען דער רייזע אלס א רייזע ק׳ין אמעריקא.

פילע פון די פּאסאזשירען זיינען געווען קרבנות פון דעם פּאָגראָם, און אנדערע האָבען פון איהם געליטען אינדירעקט. ווידער אנדערע האָבען זיך באשלאָסען אויסצוּוואנדערען אונטער דעם איינפלוס פון דער אלגעמיינער עמיגראציאָנס־שטימונג, וואָס די פּאָגראָמען האָבען געשאפען.

פּונקט אנטקעגען מיר איז געשטאנען א קאָמפּאניע יונגע אידען, וועלכע האָבען באגלייט א שעהנעם יונגען מאן מיט א בלאָנדער באָרד. זיי האָבען געהאט א פלאַש וויין און זיי האָבען געטרונקען און געזונגען. איך געדענק דעם נגון. אזעלכע זאכען פארגעסט מען ניט.

לעבען מיר איז געזעסען א בחור׳ל פון א יאָהר זעכצעהן, מיט א פּנים פון א גימנאזיסט, אָבער מיט א היטעל פון א בעל־מלאכה, און די היטעל איז געווען צו קליין אויף איהם. דערביי איז געשטאַנען זיין פאָטער, א איד מיט שווארצע האָר, מיט רויטע באקען מיט אַן אנגענעהמען שמייכעל און מיט דעם

אלגעמיינעם אויסזעהען פון א סוחר. דער פאטער האט מיך באקוקט און געזאגט צו מיר:

— איהר פאהרט דאך אודאי אויך אין אמעריקא. מיין זוהן פאהרט אויך. איך בעט איך גיט אויף איהם אכטונג אויפ'ן וועג. און ארפלאזענדיג זיין קול נאך נידעריגער, האט ער צוגעלייגט: — ער איז א גימנאזיסט; איהר זייט דאך מסתמא א סטודענט. איך בעט אייך, גיט אויף איהם אכטונג.

דאס, וואס טהאט מיין היטעל און מיינע פאות, האט ער געטראפען, אז איך בין „מסתמא א סטודענט", איז פאר מיר געווען אן אונאנגענעהמע איבערראשונג.

דער פאמיליען-נאמען פון דעם יונגען מאן און זיין פאטער איז געווען ברוידא. איך האב דעם פאטער צוגעזאגט אויף זיין זוהן אכטונג צו געבען. קיין אנדערע איינצעלהייטען פון דער סצענע איידער דער וואגאן האט זיך גערירט פון ארט, געדענק איך נים. אין מיין זכרון איז נאר פארבליבען אן אלגעמיינער איינדרוק פון א גערודער, אי א פרעהליכען, אין אן אומעטיגען. געזאנג און געזעגענישען, געוויין און געלעכטער. דער צוג איז געווען א לאנגער און איך האב געוואוסט, אז אין יעדען וואגאן קומען פאר אזעלכע סצענעס.

.4

דורך בערדיטשעוו. — מיר גנב'ענען דעם גרענעץ.

מיר זיינען דורכגעפאהרען דורך פאסטאוו, און אויף מארגען זיינען מיר אנגעקומען קיין בערדיטשעוו. אין אונזער צוג האט זיך באוויזען א גאנצע קאמפאניע אינטעליגענטע יונגע לייט און פרויען. זיי זיינען אריין מיט א פרעהליכען געפילדער, ריידענדיג רוסיש. זיי זיינען אלע געפאהרען קיין אמעריקא. איך האב זיך באלד דערוואוסט, אז דאס איז די בערדיטשעווער אפטיילונג פון דער פארטיי „עם-עולם", וועלכע האט זיך געגרינדעט אין אדעס, קיעוו און עטליכע אנדערע שטעדט, מיט דעם צוועק צו עמיגרירען אין דער נייער וועלט. פון אדעס איז אזא פארטיע אוועקגעפאהרען נאך מיט עטליכע מאנאט

פֿריהער. און איצט האָט זיך געקליבען אין וועג דער „קיעווער עם עולם" און א צווייטער אדעסער אָפּטיילונג. צום „קיעווער עם עולם" זיינען צוגעשטאַנען אויך אָרגאַניזאַציעס פֿון אַנדערע ערטער.

דיזע רוסיש־ריידענדע בערדיטשעווער יונגע לייט זיינען, אַלזאָ, געפֿאָהרען אַלס מיטגלידער פֿון דעם קיעווער „עם עולם". די קיעווער „עם עולם'ניקעס" גופא האָבען זיך געגרייט אַרויס־צופֿאָהרען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער.

איך בין געזעסען אין מיין וואַגאָן, באַקוקט די אינטע־ליגענטע יונגע לייט און זיך צוגעהערט צו זייערע פּרעהליכע געשפּרעכען. נים, העהזעלבער מאַרט מענשען ווי די אינטע־ליגענטע אידען און אונזערע געגענדען; זיי האָבען זיך געהאַלטען אַנדערש און זייער רוסישע אויסשפּראַך האָט אויך געקלונגען אַביסעל אַנדערש, ווי אונזערע, אָבער דאָך מענשען פֿון מיין קלאַס.

איינער פֿון דער גרופּע איז געווען אַ שילער פֿון דעם זשיטאָמירער לעהרער־אינסטיטוט. מיט איהם האָב איך זיך ספּעציעל אינטערעסירט; ווארים אין גאַנץ רוסלאַנד זיינען נאָר געווען צוויי לעהרער־אינסטיטוטען פֿאַר אידען: איינער אין ווילנא און דער צווייטער אין זשיטאָמיר. אַלזאָ, האָב איך דיזען אינסטיטוטס־שילער באַטראַכט ווי אַ קרוב, וועלכען מען זעהט צום ערשטען מאָל. זיין „פֿאָרמע" איז אַביסעל געווען אַנדערש ווי אונזערע.

צווישען די בערדיטשעווער איז געווען אַ הויכער שלאַנ־קער יונגער מאַן, וועלכער האָט געטראָגען שטיוועל מיט הויכע, גלאַנציגע כאָליאַוועס. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן וואָקזאַל, וואַרפֿענדיג מיט די לאַנגע באַשטיוועלטע פֿיס און היידענדיג לוסטיג צו זיינע לאַנדסלייט.

מען האָט געדאַרפֿט נעהמען נייע בילעטען און איך האָב געוואָלט קויפֿען אַ בילעט ביז'ן סאַמע גרענעץ; אָבער אַ פּאָר פֿון די פּאַסאַזשירען האָבען געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט: מען „מאַכט אָפּ" מיט'ן קאָנדוקטאָר. און ווירקליך: באַלד אין

אריינגעקומען א קאָנדוקטאָר (אַ קריסט, נאַטירליך) און ער האָט געזאָגט אַ העברעאישען וואָרט, „שלשה", אָדער „שנים". איך געדענק ניט גענוי וויפיל. אַזוי ווי איך האָב באַדאַרפט זיין פאָרזיכטיג, ביז איך וועל אַריבערגעהן דעם גרענעץ, וואָלט זיך פאַר מיר בעסער געלוינט צו קויפען אַ בילעט און באַצאָהלען דעם פולען פּרייז. אָבער אָפּשטעהן פון חברה קען מען ניט; האָב איך באַצאָהלט די „שנים" אָדער די „שלשה", און מיר זיינען געפאָהרען ווייטער.

מיר זיינען דערפאָהרען צו אַ סטאַנציע מיט'ן נאָמען זדאָלבונאָוואָ. דאָרטען האָט מען באַדאַרפט בייטען דעם צוג. עס איז אויסגעקומען צו וואַרטען אַ פּאָר שטונדען. עס איז געווען אַ פיינער טאָג אין מאָנאַט מאַי. די זון האָט געשיינט און געוואַרימט. די עמיגראַנטען האָבען אַרומגעשפּאַצירט.

איך בין אַרומגעגאַנגען מיט מיין יונגען נייעם פריינד ברוידא. ענדליך איז אונזער צוג אָנגעקומען און מיר זיינען ווייטער געפאָהרען.

גלייך ווי מיר האָבען זיך אויסגעזעצט אויף די בענק, האָבען זיך באַוויזען קאָנטראַבאַנדשטשיקעס. זיי האָבען אונז פאָרגעשלאָגען צו גנב'ענען דעם גרענעץ. איינער פון זיי איז געווען אַ איד מיט אַ טונקעל רויטער בערדעל, מיט אַ הייזעריגער שטימע; עטליכע פּאַסאַזשירען, וואָס זיינען געזעסען אַרום מיר, האָבען זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט און זיך אָפּגעקערט פון איהם. זיי האָבען איהם ניט געטרויט. איך אָבער האָב איהם פאַנאַנדערגעפרעגט, און איך האָב זיך איבערצייגט, אַז ער מיינט ניט קיין אַנדער זאַך ווי געשעפט.

מען האָט אָבער געדאַרפט צוזאַמענשטעלען אַ גרופּע. אַז ניט, וואָלט זיך איהם ניט געלוינט. האָב איך גענומען זוכען שותפים צו זיך, און דאָס איז מיר ניט אָנגעקומען גרינג. איין יונגער פּאַסאַזשיר האָט מיך באַקוקט מיט גרויס חשד. איך האָב איהם פאַרזיכערט, אַז דער רויטער אידעל מיינט ניט קיין שלעכטס. ער האָט אָבער געמאַכט אַ קאַלטען פּנים. ריידענדיג

מיט א הארטער וואָהלינער שפּראַך, מיט שווערע שארפע ריש'ען, האָט ער געלייקענט, אז ער פאָהרט צום גרענעץ. א פּאָר אנדערע פּאסאזשירען האָבען יאָ אָנגענומען מיין פאָרשלאַג, און מיר האָבען דעם רויטען, הייזעריגען אידען געגעבען האנד־געלט. דער סוף איז געווען, אז דער יונגער מאַן מיט די הארטע ריש'ען איז צו אָונז אויך צוגעשטאַנען.

ער האָט אויף מיר געמאַכט אַן א'ינדרוק ווי א בעל מלאכה, הויפּטזעכליך ווי א דאַמסקער שניידער.

דער אָפּמאַך מיט דעם קאָנטראַבאַנדשטשיק איז געווען, אז מיר זאָלען צופאָהרען מיט'ן באַהן ביז דובנא און פון דאָרטען זאָל מען אונז נעהמען אויף א פוהר, דורך דעם געגענד וואָס ליגט לעבען ראַדזיווויל, צו דער עסטרייכישער גרענעץ. אויף דער אנדער זייט גרענעץ ליגט די גאַליצישע שטאָדט בראָד. ראַדזיווויל האָט דאַן געהערט צו רוסלאַנד און בראָד צו עסטרייך.

אין דובנא האָבען מיר געוואַרט ביז עס איז געוואָרען פינסטער. דאַן האָבען זיך באַוויזען צוויי יונגע מאַלאָרוסישע פּויערים. מען האָט אונז געפיהרט א היבשע צייט. ענדליך האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט אין א פּויערשע שטוב, א קליינע כאַטקע, פריש אויסגעקאַלכט פון דרויסען און פון אינווייניג — גאַנץ אנדערש ווי פּויערשע וואוינונגען אין די דערפער פון דער ליטע. איינעם פון די צוויי „שקצים", וואָס האָבען אונז געפיהרט, געדענק איך: ער איז געווען א הויכער און א בּאָרוועסער, און ביים זייט איז ביי איהם געהאַנגען א פעסעל. ער האָט אריבערגעשמוגעלט שנאַפּס פון עסטרייך קיין רוסלאַנד, ווארים אין עסטרייך איז אויף בראַנפען קיין אָפּצאָהלונג ניט געווען און אין רוסלאַנד — יאָ. דערפאַר איז טאַבאַק דאָרטען געווען טייערער; האָבען די קאָנטראַבאַנדשטשיקעס פון רוסלאַנד קיין עסטרייך „אריבערגעפּעקעלט" פּאַפּיראָסען און פּאַפּיראָסען־טאַבאַק.

אין דער פּויערשער שטיבעל האָבען מיר געהאַט צו וואַרטען זעהר לאַנג. מיר האָבען פאַרלאָרען די געדולד און גענומען

חושד זיין, אז מען האלט אונז אומישנע כדי אונז איבערצושרעקען און אויסנאַרען מעהר געלד ביי אונז. און אזוי איז טאַקע געווען.

ענדליך האָט מען אונז גענומען פיהרען; צו־פוס האָט מען אונז געפיהרט, איבער פעלדער און לאָנקעס. דערביי האָט מען געמאַכט גרויסע צערעמאָניעס. אַלע ווײַלע האָט דער הויכער „שייגעץ" אונז געגעבען אַ צייכען מיט'ן פינגער, אַז מיר זאָלען זיין „שאַ", אַז ניט, וועט זיין גאָט ווייסט וואָס.

מיר זיינען געגאַנגען און געגאַנגען. דער הייזעריגער קאָנטראַבאַנדשטשיק איז פארשוואונדען געוואָרען. אויפ'ן וועג איז צו אונז צוגעשטאַנען אַ הויכער, ברייטער איד, אַ געלער, אַ געגאָלטער. ער האָט גערעדט גאָר מיט אַנאַנדער אַקצענט ווי די וואָהלינער אידען. ער איז געווען אַ בראָדער, און ער איז געגאַנגען אַהיים מיט אַביסעל קאָנטראַבאַנד.

די גאַנצע צייט האָב איך מיין פאַלשען פאַס געהאַלטען אין האַנט. טאָמער פאַלען מיר אַריין און די פאָליציי דערוויסט זיך, אַז מען זוכט מיך פאַר רעוואָלוציאָנערע חטאים, וואָלט מיט אַ פאַלשען פאַס געווען ערגער ווי גאָר אָהן אַ פאַס. און אויסער מיר וואָלט געליטען דעם מאָהילעווער סבאָרשטשיק, וועלכער האָט פאַבריצירט מיין פאַס. דעריבער האָב איך דעם דאָקומענט געהאַלטען גרייט, אוועקצוואַרפען איהם אויב מען וועט דאַרפען.

ווייטער געדענק איך נאָר דעם מאָמענט, ווען מען האָט אונז אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז מיר זיינען שוין אויף דער עסטרייכישער זייט פון גרענעץ. דאָרטען האָט מען אונז ווידער אַרויפגעזעצט אויף אַ פוהר.

צווייטער קאפיטעל

אין דעם זאמלונגס־פונקט פון דער עמיגראַציע.

1.

א שטאָדט ווי פון דר'עֶרד אויסגעגראָבען. — אַ שטוב ווי אין א מעשה מיט גזלנים.

מיר זיינען ווייטער געפאָהרען. ענדליך זיינען מיר אָנגע־קומען אין בראָד.

עס איז אַ שפּראָץ אויף טאָג.

קליינטשינקע, געלבליך־ווייסינקע מויערלעך. אויפ'ן נאָם נעהט אַ יונגער מאַן אין אַ לאַנגער, לאַנגער קאַפּאָטע פון אַ גוטען ברוינעם געוואַנט, מיט אַ פלושענעם קאַפעלוש פון דעמזעלבען קאָליר. ער איז אַ בלאָנדער, און קענטיג פון אַ רייכער, פרומער משפחה. אזעלכע יונגע לייט האָב איך אין רוס־לאַנד קיינמאָל ניט געזעהן. ווי עס האָט געשיינט, איז ער געגאַנגען אין שול, צום ערשטען מנין. אַלץ האָט אויסגעזעהען אונגע־וועהנליך, כמעט אוננאַטירליך. אפשר האָט מיין פארשלאָפענער צושטאַנד געהאַט אַ שייכות צו דעם איינדרוק, וואָס דער בילד האָט אויף מיר געמאַכט. אין מיין זכרון איז ער צוזאַמענגע־מישט מיט דעם טעם פון פריהמאָרגענדיגע פריהלינג־לופט.

די פוהרען האָבען זיך גערוקט טיפער אין שטאָדט אַריין. אין פילע ערטער זיינען געשטאַנען חורבות פון הייזער אָדער הויפע אויוועגס און זייערע קוימענס. שפּעטער האָב איך געהערט אַז אין בראָד איז מיט עטליכע יאָהר פריהער געווען אַ גרויסע שרפה. און דער בראָדער עולם איז געווען צו אָרים די הייזער ווידער אויפצובויען.

בראָד איז אַמאָל געווען אַ רייכע האַנדעל־שטאָדט. דאָס איז געווען דאַן, ווען זי איז געווען אַ „פריי־שטאָדט”. ווען מען האָט ביי איהר צוגענומען איהר האַנדעלס־פרייהייט, איז זי פאַראָרימט געוואָרען. נאָך דער שרפה זיינען געבליבען אַ סך רואינען, אומעטום האָבען זיך געפונען סמנים פון פאַרוויסטונג. דאָ און דאָרטען האָט אַ שטיק גאַס אויסגעזעהען ווי אַ מויל, אין וועלכען עס זיינען איבערגעבליבען נאָר צוויי אָדער דריי ציינער. און דאָס האָט פאַרגרעסערט דעם משונה'דיגען איינדרוק וואָס די שטאָדט האָט אויף מיר געמאַכט.

אין דער ביבליאָטעק פון אונזער אינסטיטוט איז געווען אַ בוך (צוזאַמענגעשטעלט פון עטליכע זשורנאַל אַרטיקלען) וועגען אַלטע רוימישע שטעדט, און דאָרטען איז געווען אַן אַרטיקעל וועגען פּאָמפּעי, די שטאָדט וועלכע איז איבער זיבעצעהן הונדערט יאָהר געלעגען אונטער דער ערד, אַ פאַרשאָטענע און פאַרגעסענע. אין דעם דאָזיגען אַרטיקעל איז געווען דערציילט ווי מען האָט די שטאָדט געפונען און אויפגעגראָבען. האָט זיך מיר בראָד פאָרגעשטעלט ווי אַן אויפגעגראָבענע שטאָדט אַזעלכע.

מיר זיינען אַריינגעפאָהרען אין דעם מיטעל־פונקט פון שטאָדט. קיין סך מענשען האָט מען נאָך ניט געזעהן; דער עולם האָט נאָך געשלאָפען. די עטליכע אידען, וואָס האָבען זיך יאָ באַוויזען, האָבען אויסגעזעהען זעהר זאָנדערבאַר. אַ וואַסער־טרעגער אין אַ הויכען קאַפּעלוש; אַ באָרוועסער אינגעל פון אַ יאָהר דרייצעהן, וועלכער איז אַרומגעלאָפען מיט אַ גרויסען קאָשיק מיט בייגעל, האָט אויך געטראָגען אַ הויכען קאַפּעלוש; ביי אונז האָט אַזאַ קאַפּעלוש געטראָגען בלויז אַ בעל־תּבֿת'ישער איד, און נאָר שבת. רבנים זיינען אין ווילנא געווען די איינציגע, וואָס האָבען געטראָגען הויכע קאַפּעלושען אין מיטען וואָך. אַ וואַסער־טרעגער אין אַ קאַפּעלוש, ווען ער געהט מיט זיינע עמערס וואַסער, און אַ באָרוועסער בייגעל־אינגעל אין אַ קאַפּעלוש! — ביי אונז וואָלט מען זיי פאַרמאַכט אין אַ משוגעים־שטיבעל.

דער צענטער פון שטאָדט איז אַ קליינער סקווער מיט קראָמען פון אַלע זייטען. פון איין זייט זיינען די קראָמען

געגאַנגען הינטער אַ צייל פון אַרקען, ווי האַלב־קיילעכדיגע טויערלעך. אַלץ איז געווען ברודנע, טראַנטעוואַטע, אָרים ווי די אָרימסטע געסעל פון מיין שטאָדט. אַזוי ווי איך האָב פריהער זעהר ווייניג געררייזט (פּעטערסבורג און וויטעבסק זיינען געווען די איינציגע היבשע שטעדט, וועלכע איך האָב באַזוכט), האָט אויף מיר יעדער נייער ווינקעל געמאַכט אַ שאַרפען איינדרוק; אָבער בראָד האָט אויף מיר געמאַכט אַן אונבאַ־שרייבליך שאַרפען איינדרוק. כמעט אַלץ איז אין איהר געווען אַנדערש ווי ביי אונז. און דיזע אַנדערשקייט איז געווען פאַרבונדען מיט דער גרעסטער אָרימקייט און אָפּגעריסענקייט, וואָס איך האָב ווען עס איז געזעהן.

דער הויכער, ברייטער געלער איד, דער בראָדער קאָנטראַ־באַנדשטשיק, וואָס איז צו אונז צוגעשטאַנען אויפ'ן וועג, האָט אונז פאָרגעשלאָגען, אַז מיר זאָלען פאַרפאָהרען צו איהם. אַזוי ווי מיר האָבען אין בראָד קיינעם ניט געקענט, האָבען מיר זיין פאָרשלאַג אָנגענומען.

זיין דירה איז געווען אַ שוידערליכע. זי איז באַשטאַנען פון אַן איינציגען צימער, וואָס איז איבערגעבליבען אין אַ צו־פאַלענעם מויער — אַ חורבה פון דער אויבען־דערמאָנטער שרפה. אויף דער אַנדערער זייט פון דיזער הויז, אונטער דעם זעלבען דאַך, איז די פּאָדלאָגע און אַ טייל פון דעם פונדאַמענט געווען אינגאַנצען פאַרניכטעט. עס איז איבערגעבליבען אַ גרויסע גרוב מיט צואוואָרפענע שטיקלאַך ציגעל. אין מיינע אויגען האָט דאָס אויסגעקוקט ווי אַ באַגעגעניש־פּלאַץ פון גזלנים.

די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון דעם הויכען געלען קאָנטראַ־באַנדשטשיק, זיין קליינע, דאַרע פרוי און אַ קליינע, דאַרע מיידעל פון אַ יאָהר צוואַנציג, דער באַלעבאָסטע'ס אַ פּלימעניצע.

מיר האָבען די פריהערדיגע נאַכט ניט געשלאָפען; און דערצו נאָך זיינען מיר אַזוי לאַנג געגאַנגען צופוס. זיינען מיר איצט געפאַלען שלאָפען ווי גע'הרג'עטע. אַ פּאָר פון אונז האָבען זיך געמוזט לייגען אויף דער ערד, מיט אַ פּעקעל צוקאָפּענס.

שפעטער, ווען מיר זיינען אויפגעשטאנען, האבען מיר זיך גענומען שושקען וועגען געהן זוכען עפעס א רעכטע קווארטיר.

דער געלער קאנטראבאנדשטשיק און זיין דארע פרוי האבען אונז גוט באהאנדעלט און מיר האבען זיי ערקלעהרט פאר אנשטענדיגע און ליבליכע מענשען. מילא זייער ליבליכקייט איז טאקע געווען אן אמת'ע. וואס אנבאטרעפט אבער זייער אנשטענדיגקייט, האבען מיר זיך באלד ערקונדיגט, אז מיר האבען א טעות. איינער פון אונזערע מיטוואנדערער האט אונז איינגע־ראמט א סוד, אז די באלעבאסטע האט איהם פארגעשלאגען איהר פלימעניצע פאר עטליכע גרייצער — „ניט אין שטוב, נאר דארטען" (דאס הייסט, אין דער רואינירטער טייל פון דעם מויער). „נעבעך, אן ארימע יתומה; זי וויל פארדינען עטליכע גראצער" — האט זי געזאגט.

מען וואלט געקענט מיינען, אז די מיידעל איז גארניט קיין פלימעניצע. זי איז אבער געווען שטארק עהנליך צו דער באלעבאסטע.

דאס אלץ האט אזוי ווי באשטעטיגט מיין איינדרוק, אז מיר זיינען דא אריינגעפאלען אין א באהעלטעניש־פלאץ פון פארברעכער. טראץ דער באלעבאסטע'ס אנבאט אבער איז זי און איהר מאן געווען עהרליכע מענשען. אזוי האב איך געפיהלט. דער לעבענס־קאמף איז זיי פשוט אנגעקומען צו שווער. זיי האבען געהערט צו א וועלט, וואו מאראלישע אנשטענדיגקייט איז א לוקסוס.

אין סך הכל האט די געשיכטע פארשארפט מיין איינדרוק, אז איך בין אויף א מין יענער וועלט, וואו אלע באגריפען זיינען קאפויר.

מיר זיינען אוועק זוכען קווארטירען, יעדער באזונדער. וואס אנבאטרעפט מיר, האב איך נאך דיזער ערפאהרונג ניט געהאט קיין צוטרוי צו קייגעם; כ'האב זיך אפגעזונדערט פון מיינע מיטרייזענדע.

איך בין אריין צו א פעלדשער, זיך ארומגעשארען, ארום־געפוצט זיך אביסעל, געגאנגען קויפען א הוט, און דאן זיך גענומען זוכען א קווארטיר. איך האב באלד געפונען.

2.

איך באקום ווידער א ציוויליזירטען אויסזעהן. — א באגע־געניש. — די עמיגראנטען פיהלען זיך גוט אין עסטרייך.

דאס איז געווען א וואוינונג אויף אן אונגטערשטען עטאזש, מיט אן אריינגאנג גלייך פון גאס. די דירה איז באשטאנען פון צוויי גרויסע צימערען, איינער צום גאס, און איינער צום הויף. מיין בעט איז געשטאנען אין דעם אינגוויינגסטען צימער. און דארטען האבען לאזשירט נאך צוויי רוסישע עמיגראנטען. איינער פון זיי איז געווען א יונגער מאן מיט'ן נאמען ווארהאפטיג, אן אדוואקאט פון קאוועל, וואהלביער גובערניע — ניט קיין הויכער און ניט קיין דארער, מיט שווארצע האר, מיט א שווארצינקער שטיקעל בערדעלע אונטער'ן ליפ און מיט א באסאווע שטימע. דעם אנדערען געדענק איך ניט. די באלעבאסטע איז געווען אן אלמנה און זי האט דארטען געוואוינט מיט איהרע צוויי יונגע זיהן.

אויפ'ן פענסטער, צום גאס, אונטער א גלאז, איז געשטאנען א גרויסער קאסטבארער זייגער. איהר מאן איז געווען א זייגער־מאכער און דאס איז געווען זיין „שילד". דאס און א געוויסע צאהל אנדערע זייגערס איז געווען די ירושה, וואס פון איהם איז געבליבען.

די וואוינונג האט די אלמנה געהאלטען ריין און אלץ איז דא געווען אנשטענדיג און אנגענעהם.

דעם נעקסטען טאג בין איך אוועק קויפען א נייעם קאסטיום. אויף נאך קיין טייערען „גארבימער" האב איך נאך געהאט געגוג געלט. איך האב געקויפט דעם ביליגסטען, וואס איך האב געקענט קריגען. ער איז געווען פון א זעהר לייכטען ברוינעם טוך. איך האב געמיינט, אז אט־אט צופאלט ער זיך. אויסגעזעהען האט ער אבער פיין און געניים איז ער געווען נעט. אויף מיין קווארטיר האט מען מיר געזאגט, אז ער פאסט מיר.

פון בראד האב איך געשריבען מיין ערשטען בריעף אהיים — צו מיינע עלטערען און צו מיין מוהמע פייגע'ן. איך האב

זיי געזאָגט, וואו איך געפין זיך איצט, און אז איך גרייט זיך צו פאָהרען קיין אמעריקא. דערביי האָב איך זיי געגעבען אָנצוהערעניש, אז דעם בריעף וועגען מיין אָנקומען אין פאריז האָב איך דיקטירט נאָר אום זיי צו בארוהיגען.

איך האָב אויך געשריבען קיין נעוועל צו מיינע חברים, טראָצקי און יונאָוויטש. איך האָב זיי דערצעהלט, אז איך בין אין בראָד, עסטרייך, און פאָהר אין אמעריקא. צום שלום האָב איך צוגעשריבען די פאָלגענדע ווערטער: „געהט אריין אין דיליזשאַנס־קאָנטאָר און זאָגט מאַכאָווער'ן, אז ליפשיץ איז טאַקע קאַהאַן". קיין געפאָהר איז פאר זיי מיין בריעף שוין ניט געווען. וויבאלד אז איך פאָהר אין אמעריקא, האָב איך מיט דער רוסישער רעוואָלוציע ניט צו טאָן.

נאָכמיטאָג שטעה איך אַזוי ביים שוועל פון מיין וואוינונג און קוק אויף די פארבייגעהער. איך זעה: עס קומט אָן דער הויכער, בלאָנדליכער בחור, מיט וועלכען איך בין געפאָהרען אויפ'ן שיף פון מאָהילעוו ביז קיעוו; אָט דער, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו דערצעהלען וועגען דער שטעלע וואָס .ער האָט ביי דעם קיעווער מיליאָנער טאַראַשטשענקאָ.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אָן ערשטוינטער. באַקוקענדיג מיר פון קאָפּ ביז די פיס, מיר מיט מיין נייעם עסטרייכישען גאַרניטער, האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— איהר האָט דאָך געזאָגט, אז איהר פאָהרט אין בערדיטשעוו האַנדלען מיט צוקער?

— און איהר האָט דאָך געזאָגט, אז איהר פאָהרט אויף אַ שטעלע צו טאַראַשטשענקאָ'ן אין קיעוו? — האָב איך אָפּגעענטפערט.

— מפו זאָל עס ווערען! איך האָב געמיינט איהר זייט אַ ישיבה־בחור!

אויפ'ן שיף האָט ער צו מיר גערעדט מיט פריינדליכער חוצפה. איצט איז זיין טאָן געווען גאָר אַנאַנדערער.

אין בראָד האָבען זיך דאַן געפונען עטליכע טויזענט אידישע עמיגראַנטען פון רוסלאַנד. מען האָט זיי באַגעגענט וואו מען

איז געשטאַנען און וואו מען איז געגאַנגען, וואָרים דערקענען איז זיי געווען זעהר לייכט: נאָך זייער אַלגעמיינעם אויסזעה'ן און נאָך זייער אויסשפּראַך. מען איז זיך אַהין צוזאַמענ־געפאָהרען פון אַלע ווינקלען פון זיד־רוסלאַנד. כמעט יעדען טאָג זיינען אָנגעקומען נייע צוגען פול מיט עמיגראַנטען.

בראָד איז געווען דער זאַמלונגס־פּונקט פון דער אידישער אויסוואַנדערונג. דער וואָס וועט אַמאָל שרייבען אַ גענויע געשיכטע פון יענע פּאָגראָמען און פון דער גרויסער עמיגראַציע, וועלכע זיי האָבען אַרויסגערופען, וועט דער שטאָדט בראָד אָפּגעבען פּלאַץ אַלס אַ היסטאָרישען פּונקט.

פון דאָרטען איז מען געפאָהרען ווייטער: דורך לעמבערג און קראַקוי, נאָך ברעסלאַו, דייטשלאַנד, און פון דאָרט, דורך בערלין, קיין האַמבורג. אין האַמבורג האָט מען זיך געזעצט אויף אַ קליינע שיף, וועלכע האָט די עמיגראַנטען געבראַכט קיין ענגלאַנד (קיין האָלל אָדער וועסט האַרטלפּול); פון דאָרטען מיט'ן באַהן ביז ליווערפּול און פון ליווערפּול אויף אַ גרויסער שיף קיין אַמעריקא (דאָס רוב קיין פילאַדעלפיא). דאָס זיינען געווען דאַמפּפערס פון אַ קאָמפּאַני, מיט וועלכע דער ענגלישער אידישער קאָמיטעט האָט געהאַט אַן אָפּמאַך צו פיהרען די אויסוואַנדערער.

דיזער קאָמיטעט איז געווען פאַרבונדען מיט'ן באַריהמטען „אַלליאַנס איזראַעליט אוניווערסאַל“ (אַלוועלטליכער אידישער פאַרבאַנד), אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט אידישע מיליאָנערען פון פראַנקרייך און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. דער „אַלליאַנס“ האָט געשאַפען די געלט און קאָנטראָלירט די גאַנצע באַוועגונג. די אידען פון די פאַרשידענע שטעדט, דורך וועלכע די עמיגראַנטען זיינען דורכגעפאָהרען, האָבען זיי אויפגענומען און מכבד געווען ווי גוטע געסט; די גרויסע רייזע־קאָסטען זיינען געקומען פון דעם „אַלליאַנס“ גופא, אָדער פון די קאָמיטעטען וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט איהם. אין בראָד האָט פאַר די עמיגראַנטען געאַרבייט אַ צווייג פון דער אַלליאַנס אָרגאַניזאַציע פון וויען.

ווען איך האָב זיך געפונען אין בראָד, איז אַהין פון וויען

געקומען דער באריהמטער שריפטשטעלער קארל עמיל פראנצאָז. ער איז געווען א מיטגליד פון דעם וויענער קאָמיטעט און ער איז אריבערגעפאָהרען אין די אינטערעסען פון דער עמיגראציע. איך האָב געהערט זיינע א רעדע צו די עמיגראנטען.

די עסטרייכישע רעגירונג איז צו די עמיגראנטען געווען פריינדליך. קיין פאספּאָרטען האָט זי ביי קיינעם ניט געפאָדערט, און מיר האָבען זיך דאָרטען איבערהויפּט געפיהלט א סך פרייער ווי אין רוסלאנד.

דער עיקר איז באשטאנען אין דעם, וואָס די עסטרייכישע רעגירונג האָט ארויסגעוויזען ווייניג אנטיסעמיטיזם — כמעט גאָרניט. די דאָרטיגע אידען האָבען זיך אין זייער געבורטס־לאנד געפיהלט א סך בעסער ווי רוסישע אידען האָבען זיך געפיהלט אין רוסלאנד. די עסטרייכישע אידען פלעגען וועגען פראנץ יאָזעף'ן, זייער קיסר, ריידען מיט ליבע: און דער עסטרייכישער סאָלדאט אָדער אָפיציר האָט זיי ניט געשראָקען;

דאָס אלץ האָט אויף אונזערע עמיגראנטען געמאכט אן אנגענעהמען איינדרוק. זיי האָבען זיך אין בראָד געפיהלט היימיש. די עסטרייכישע מיליטער האָבען זיי ניט גענומען ערנסט. אפילו דער עסטרייכישער זשאנדאר, מיט זיין גרויסער דאמסקער הוט, מיט'ן שווארצען פעדער, און מיט זיין בלויזען שווערד — אפילו ער איז זיי אויסגעקומען ווי א שפאס. דער רוסישער זעלנער האָט אויסגעזעהן גרעסער, פאָלנער, שטארקער און „סטראשנער".

„אונזערער א סאָלדאט וואָלט אזא „העלד" מיט'ן קליינעם פינגערל אנידערגעוואָרפען" — פלעג איך אָפט הערען פון אונזערע אויסוואנדערער, ווען עס פלעגט פארביגעהן אן עסטרייכישער סאָלדאט.

דערביי פלעגען זיי אָבער אויסדריקען פריינדליכע געפיהלען צו עסטרייך מיט איהר חיל און שילטען דעם רוסישען קיסר מיט זיין מיליטערישער מאכט.

ארום די בראָדער קאזארמעס האָבען שטענדיג ארומגע־שפּאצירט רוסישע עמיגראנטען, און ווען דאָרטען פלעגט מען

מושטירען סאָלדאַטען, פּלעגט זיך אָנזאַמלען אַ גאַנצער עולם אונזערער. זיי פלעגען שטעהן און קוקען, מאַכען פאַרגלייכונגען, מאַכען הונדערט מאָל דיזעלבע באַמערקונג.

אַן אינטערעסאַנטער מאָמענט פלעגט זיין אין אָווענד, ווען ביי די קאַזאַרמעס האָט מען געטרומייטערט „אַ גוטע נאַכט!" צו די סאָלדאַטען. דאַן פלעגען זיך האַרטען צוזאַמענ־קומען עטליכע הונדערט רוסישע אידען. די מיליטערישע אינסטרומענטען האָבען געשפּילט מיט פאַרטראַכטע איידעלע טענער, וועלכע האָבען גערעדט צו דעם עמיגראַנט'ס פאַר־טרויערטער הארץ. ווען זיי פלעגען אַזוי שטעהן אין די אָוונד־שאָטענס, קוקענדיג אויף די בלישטשענדע טרומייטען און צוהער־רענדיג זיך צו זייערע אומעטיגע נגונים, פלעגט אַ בענקעניש ליגען אויף זייערע פּנים'ער, אַ בענקעניש נאָך דער פאַרלאָזענער היים און אַ מורא פאַר דער אומבאַוואוסטער צוקונפט.

3.

מען וואַרט אויף אַ בילעט צו פאָהרען ווייטער. — אינטע־ליגענטען. — ביי די קולישערס. — מאַשביר און דער באַלטער „עם־עולם". — ענטווישונג.

אויפגענומען צו ווערען פון דעם קאָמיטעט אַלס אַ קאַנדידאַט צו פאָהרען קיין אַמעריקא איז ניט געוועזן קיין לייכטע זאַך. עס זיינען געוועזן צופיל עמיגראַנטען און מען האָט געמוזט לאַנג וואַרטען איידער מען האָט פאַרשריבען אויפ'ן צעטעל, און דאַן ערשט האָט זיך אָנגעהויבען די וואַרטעניש צו באַקומען אַ קאַרטע אויף דער רייזע. פילע פון די עמיגראַנטען זיינען געקומען אין בראָד אָהן אַ גראָשען; און איינִיגע האָבען פּשוט געהונגערט. ס'איז געווען אַ צדקה־קיך. מען איז ווי עס איז אויסגעקומען; געשלאָפען אויף דער ערד, זיך געמוטשעט און געוואַרט.

עס זיינען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען קיין בראָד מיט היבשע סומען, איינִיגע זאָגאַר מיט טויזענדער. אָבער צו וואָס דאַרף מען קויפען אַ בילעט, ווען דער קאָמיטעט

שיקט אומזיסט? האָבען די רייכע דאָס רוב אויך געוואָרט. און עס איז אַ פאַקט, אַז איינינע פאַמיליען האָבען אויפגעגעסען צו פאַר טויזענט רובעל וואַרטענדיג אויף אַן אומזיסטע רייזע, וועלכע האָט באַטראָפען אַ פאַר הונדערט.

איך האָב געקענט אַזעלכע. אויך האָב איך אין בראָד געקענט אַ פאַר רוסיש־אידישע פאַמיליען, וואָס זיינען געווען שעהן געקליידט און זיך געפיהרט אויף אַ ברייטען שטייגער, כאָטש זיי האָבען ניט געהאַט קיין קאָפּיקע אין קעשענע. איין משפחה, צום ביישפּיל, האָט מיט אַ מערקווירדיגער חוצפּה ביי דעם קאָמיטעט יעדע וואָך ארויסגעקראָגען אַ היבשע סומע, אום זיי זאָלען קענען לעבען נאָך זייער „שטאַנד" נאָך. ענדליך האָט דער קאָמיטעט זיי אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקאַ, אום פון זיי פּטור צו ווערען.

ווען עס פלעגט אָפּגעהן אַן עמיגראַנטען־צוג, פלעגען פילע פון די בלייבענדע עמיגראַנטען איהם קומען באַגלייטען.

„פאָהרט געזונט! אַ גליקליכע רייזע!" — פלעגען זיי צואווינ'שען מיט קנאה אין זייערע שטימען. און יענע פלעגען פון די וואַגאָן־פענסטערלעך אָפּענטפערען מיט שטאָלץ און מיט מיטגעפיהל: „זייט געזונט, מיר וועלען זיך באַלד טרעפען אין אַמעריקאַ! און אפשר נאָך אין ליווערפּול!"

איך האָב גענומען זוכען די אינטעליגענטע עמיגראַנטען, וועלכע בעלקין האָט פאַר מיר געשילדערט, יענע קאָמפּאַניע באַגייסטערטע סאָציאַליסטען, וואָס קלייבען זיך קיין אַמעריקאַ, אום דאָרטען צו פאַרווירקליכען זייער אידעאַל.

געהענדיג איבער די גאַסען, האָב איך זיך צוגעהערט צי מען רעדט רוסיש צי אידיש. אויב רוסיש, הייסט עס אַז דאָס זיינען אינטעליגענטען.

דאָס האָט מיר צוערשט ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטען. האָב איך אָפּגעשטעלט אַ יונגען מאַן, וועלכער האָט מיר אויסגעזעהען אינטעליגענט, און זיך צו איהם געווענדעט אויף

רוסיש: „ענטשולדיגט מיר, וואו וואוינען דאָ די אינטעליגענטע יונגע לייט, וואָס פאָהרען קיין אמעריקא?"

— איך בין אינטעליגענט און איך פאָהר קיין אמעריקא"

— האָט ער מיר געענטפערט. ער האָט אָבער קוים ארויס־גערעדט די רוסישע ווערטער. עס איז געווען דייטליך, אז ער פארשטהט זאָגאר ניט וואָס איך מיין.

דערנאָך האָב איך אָפּגעשטעלט א אינטעליגענט־אויסזעהענדע פּאָר־פּאָלק. אין זיי האָב איך שוין קיין טעות ניט געהאט. איך האָב זיי ערקלערט וואָס איך זוך, און זיי האָבען מיר געוויזען וואוהין צו געהן. זיי האָבען מיר געגעבען אַן אדרעס, וואו עס האָט דאן געוואוינט א קיעווער פּאָר־פּאָלק מיט'ן נאָמען קולישער. דער מאַן פון דער פאמיליע האָט געדינט אלס לעהרער אין דעם הויז פון דעם קיעווער מיליאָנער בראָדסקי, פון די באריהמטע צוקער־פאבריקאַנטען. א טייל פון די בראָדסקים זיינען נאָך די פּאָגראָמען אוועק קיין בראָד און דאָרטען זיך ציטווייליג באזעצט; און קולישער מיט זיין פרוי און קינד זיינען מיטגעקומען מיט זיי. די קולישערס האָבען געוואוינט אין א באזונדערע דירה און ביי זיי פלעגען זיך פארזאמלען פילע פון די אינטעליגענטע עמיגראַנטען.

בין איך אוועק צו די קולישערס.

די קולישערס האָבען געהאט א גאַנץ בעל־הבת'ישע דירה אויפ'ן ערשטען עטאַזש פון א מויער אין רעכטען מיטען פון שטאָדט. איך בין ארויפגעקומען און האָב זיך פאָרגעשטעלט אלס אַן אויסגעשטודירטער לעהרער פון ווילנא. זיי האָבען מיך פריינדליך אויפגענומען.

קולישער איז געווען א שעהנער יונגערמאַן מיט א גרויסע גאָלדענע באָרד און שעהנע לאַנגע גאָלדענע האָר, און זיין פרוי איז געווען א שעהנע אינטעליגענטע יונגע ווייבעל, מיט שווארצע האָר און שווארצע לעבעדיגע אויגען. זי האָט געהאלטען א קינד אויף די הענט. ביי זיי זיינען דאן געווען א פּאָר געסט פון די אינטעליגענטע עמיגראַנטען, און זיי האָבען אונז פאָר־געשטעלט. באלד איז פון גאס געקומען א יונגערמאַן פון

מיטעלען וואוקס, מיט א דונקעל־בלאנדער בערדעל און אין ברילען. זיי האבען איהם פארגעשטעלט מיט דעם נאמען מאשביר.

— דער הערר קאהאן האט אויך געענדיגט אינסטיטוט, דעם ווילנער, — האט קולישער מיך רעקאמענדירט.

עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז מאשביר האט געענדיגט דעם זשיטאמירער אינסטיטוט און אז ער איז אין באלטא געווען פארוואלטענדער־לעהרער אין פונקט אזא שול (א נאטשאלנאיע אוטשילישטשע) ווי די ווילנער. ער איז געווען מיט עטליכע יאהר עלטער פאר מיר און ער האט אויסגעשטודירט מיט פיר יאהר פריהער. מיר האבען זיך פאראינטערעסירט איינער אין דעם אנדערען.

נאכדעם ווי אין באלטא האט אויסגעבראכען דער פאגראם, דער שרעקליכסטער אנטיסעמיטישער איבערפאל פון יענע צייטען, האט זיך דארטען ארגאניזירט אן עמיגראציאנס פארטיי און ער איז געווארען זייער פיהרער. איצט איז ער, אלזא, געווען אין בראד מיט די באלטישע עמיגראנטען. ער און קולישער זיינען געווען שול חברים און נאהענטע פריינד; איז ער ביי איהם איינגעשטאנען; און דא איז געווען דער מיטעל־פונקט פון דעם באלטער „עם עולם“.

מיר האבען געשמועסט וועגען אונזערע לעהרער־אינסטיטוטען, וועגען זיין באלטער שול און וועגען מיין ווילנער שול. ער איז געווען א געלאסענער, א העפליכער, און דורך דיזע שמועסען בין איך מיט איהם געווארען באקענט נעהנטער ווי מיט אלע אנדערע עמיגראנטען.

ער האט מיר פארגעשלאגען צוצושטעהן צו זיין באלטער קרוזשאק.

קיין סאציאליסט איז ער ניט געווען. און, ווי איך האב גלייך פארשטאנען, זיינען די אנדערע מיטגלידער פון זיין קרוזשאק אויך ניט געווען קיין סאציאליסטען. די קאלאניע וואס זיי זיינען געפאהרען גרינדען, איז געווען געפלאנעוועט אויף א אידעאליסטישען שטייגער; אבער אין וואס דער דאזיגער אידעאליזם איז באשטאנען, האט מאשביר אליין ניט געוואוסט.

אליעזר מאַשביר. — פאָטאָגראַפירט אין מיטשעל, דאַקאָטאַ, אין 1885.

— ווער די קאָלאָניע זיין אַ קאָמוניסטישע? — האָב איך געפרעגט.

אויף דיזער פראַגע האָט ער ניט געהאַט קיין קלאָרען ענטפער. און דאָס זעלבע קאָן מען זאָגען װעגען מייסטע פון די אַנדערע עם־עולם־ניקעס. וועגען קאָמוניזם אָדער סאָציאַליזם האָבען דיזע עמיגראַנטען־פּאַרטייען איבערהויפּט ווייניג געטראַכט. זיי האָבען סתם געמיינט צו גרינדען קאָלאָניעס, וואו מען וועט אַרבייטען און פיהרען אַ שעהנעם, אַ נייעם סאָרט לעבען; אָנהויבען אַ נייעם קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק.

די איינציגע גרופּע עם־עולם'ניקעס, וועלכע איז געפאָהרען מיט אַ באַשטימטער קאָמוניסטישער פּראָגראַם און האָט דיזע פּראָגראַם געבּרופט פאַרווירקליכען, איז געווען דער ערשטער „אָדעסער עם עולם", אַ גרופּע, וועלכע איז אַוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקאַ מיט עטליכע מאָנאַט פריהער (אין אַמעריקאַ זיינען אויך געמאַכט געוואָרען פילע אַנדערע פּראָבעס צו גרינדען קאָמוניסטישע קאָלאָניעס. אין דיזע אונטערנעמונגען האָבען זיך אָבער מייסטענס באַטייליגט קריסטען און זיי האָבען ניט קיין שייכות צו אונ־זער ענין).

אַ ווילנער גרופּע, וועלכע האָט זיך אָנגעשלאָסען אין דעם קיעווער „עם־עולם" איז דורכאויס באַשטאַנען פון סאָציאַליס־טען, מיטגלידער פון אונזער ווילנער רעוואָלוציאָנערען קרוזשאָק; אָבער זי איז ניט געפאָהרען דורך בראָד און איך האָב נאָך אפילו ניט געוואוסט, אַז אַזאַ גרופּע האָט זיך אין ווילנא אָרגאַניזירט. אין בראָד האָבען זיך געפונען אַ פּאָר מיטגלידער פון דעם סאָציאַליסטישען קרוזשאָק פון קרעמענטשוג, אָבער פון דעם האָב איך צוערשט אויך ניט געוואוסט.

איך בין ביטער ענטוישט געוואָרען. די גרויסע צאָהל סאָציאַליסטען, וועלכע איך האָב ערוואַרטעט דאָ צו געפינען, האָב איך ניט געפונען. די צאָהל סאָציאַליסטען צווישען די עמיגראַנטען איז איבערהויפּט געווען אַ גאַנץ אונבעדייטענדע. און אפילו די וואָס זיינען אין דער היים געווען פאַרבונדען מיט דער רעוואָלוציאָ־

ציאָנער באַוועגונג, האָבען דאָ אין בראָד, אין דעם קאָך און טומעל פון דער עמיגראַציע, אַליין ניט געוואוסט צי זייער פאָהרען אין אמעריקא האָט אַ שייכות צום סאָציאַליזם צי ניט. ניט זיי האָבען געוואוסט, ניט עס האָט זיי געאַרט; איינציגע פון זיי זיינען דורך די פּאָגראָמען געוואָרען דורכגעדרונגען מיט דעם נאַציאָנאַליס־טישען גייסט און זיי האָבען זיך מעהר אינטערעסירט מיט דעם וואָס זיי וועלען טאָן פאַר׳ן אידישען פאָלק ווי מיט דער פראַגע וועגען בויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

צווישען אונזערע בראָדער עמיגראַנטען זיינען זאַגאר געווען אַזעלכע, וואָס האָבען ניט געהערט צו די „אמעריקאַנצעס" נאָר צו די „פּאַלעסטינצעס". עס פלעגען דאָ פאָרקומען הייסע דעבאַטען צווישען די צוויי לאַגערען און אויך צווישען די פאַרשידענע ריכ־טונגען ביי די „אמעריקאַנצעס" גופא. אַזעלכע דעבאַטען האָב איך ניט איין מאָל געהערט אין קולישער׳ס הויז.

איך זאָג, אַז איך האָב די דעבאַטען „געהערט", וואָרים אַליין קיין אַנטייל האָב איך אין זיי צוערשט ניט גענומען. איך האָב קיין מוט ניט געהאַט. איך האָב געפיהלט, אַז איך האָב קיין פעסטע מיינונג ניט.

אַ חוץ דעם: איך בין געווען אַ שעמעוודיגער און דאָ בין איך געווען דער איינציגער „ליטוואַק", און אין אַ געזעלשאַפט פון מאַלאָ־רוסישע אינטעליגענטען האָב איך זיך דאָ געפונען צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען. זיי האָבען גערעדט אביסעל אַנדערש ווי איך און זייערע מאַניערען זיינען אויך געווען אביסעל אַנדערע.

ביי זיך אין הארצען האָב איך זיך געהאַלטען גרויס. איך בין אַ סאָציאַליסט און פאָהר ניט אלס אַ געוויינליכער עמיגראַנט, נאָר אלס אַן „אונטער־ערדישער", וועמען די רוסישע זשאַנדאַרמעריע האָט צוויי מאָל „אַביסקעוועט" און זיך געקליבען צו אַרעסטירען. און ווער זיינען זיי? זיי האָבען אַן אונטער־ערדישע בלעטעל מסתמא קיין מאָל אין די אויגען ניט אָנגעזעהן...

די וועלט איז ביי מיר אַלץ געווען צוטיילט אויף „אונזערע" און „ניט אונזערע" און עס איז מיר ניט שווער געווען צו דער־קענען צו וועלכע קלאַס דער אָדער יענער געהערט. בלויז אַ פּאָר

ווערטער האָט מען בעראָפּט אויסריידען, האָט מען שוין געקענט פאַרשטעהן, צי יענער האָט עפּעס א שייכות צו א רעוואָלוציאָנערען „קרוזשאָק“, צי ניט. אויב ניט, און אויב ער איז אפילו קיין „סימפּאַטיזירער“ אויך ניט, — געהערט ער צו א נידעריגערען קלאַס.

איינער פון די אינטעליגענטע עמיגראַנטען פון בראָד האָט אַמאָל פאַר מיר גענומען דערצעהלען ווי ער האָט פאַרשפּרייט די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ אין רוסלאַנד. איך האָב גלייך געפּיהלט, אז עס איז א ליגען.

— וועלכער נומער איז דאָס געווען? האָב איך איהם א פרעג געטאָן.

— דער 47טער, — האָט ער געענטפערט.

דאָס איז געווען גענוג פאַר מיר. דער העכסטער נומער „נאַ־ראָדנאַיאַ וואָליאַ“ וואָס איז ביז דאַן ארויס, איז געווען דער אכטער (דער זיבעטער און אכטער צוזאַמען, דאַכט זיך).

איך גלויב ניט, אז אין גאַנץ בראָד האָט זיך דאַן געפונען א מנין מענשען, וועלכע האָבען ווען עס איז „פאַרזוכט“ די אונטער־ערדישע רוסישע פּרעסע.

ביי זיך אין האַרצען האָב איך זיך, אלזאָ, געהאַלטען גרעסער פאַר קולישער׳ן, מאַשביר׳ן און די אַנדערע געבילדעטע יונגע לייט, וואָס פּלעגען צו זיי אריינקומען. אָבער דאָס האָט מיר ניט געשטערט זיך צו שעהמען פאַר זיי — צו שעהמען זיך בלויז ווייל זיי זיינען געווען וואָהלינער, אָדער אָדעסער, און איך — א ליטוואַק.

די טעג זיינען געווען שעהנע; די פריהלינגס־זון האָט געלויכטען און געוואַרימט אַנגענעם. זיינען די עמיגראַנטען אומגעגאַנגען איבער די גאַסען און איבער די פּאָר קליינע פּאַרקען, וואָס בראָד פאַרמאָגט; מען איז געגאַנגען און געשמועסט, ווער פרעהליך, און ווער מיט אומעט אין זיין שטימע. די אינטעליגענטע רוסישע יונגע לייט האָבען דעבאַטירט, געקאָכט זיך, געשריען, און די נאַליציאַנער אידען האָבען צוגעקוקט נייגעריג.

4.

אלעיניקאָוו, ספּיוואַקאָווסקי, שאַמראַיעווסקי. — וואָס דר. ראַיעווסקי האָט געדענקט וועגען מיר.

אין קולישער'ס הויז האָב איך זיך צום ערשטען מאָל געטראָפען מיט ניקאָלאַי אַלעיניקאָוו'ן, דעם פיהרער פון דער קיעווער פּאַרטיי „עם עולם", וועלכער איז איצט געפאָהרען קיין אַמעריקא. ער איז געווען אַ הויכער, דאַרער, מיט אַ שוואַרצער בערדעל, מיט אַן עכט אידישען פּנים, און מיט ברילען אויף די אויגען. זיין קיעווער פּאַרטיי האָט געצויגען אַ סך אויפמערקזאַמקייט אין בראָד, און אויף איהם פלעגט מען אויפ'ן גאַס אָנווייזען מיט'ן פינגער. ער איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע פּערזענליכקייטען אין דער עמיגראַנטען־פּאַרטיי.

צווישען די עמיגראַנטען, וועלכע איך פלעג אָפט זעהן אויף די גאַסען פון בראָד, זיינען אין מיין זכרון פאַרבליבען די פאָלגענדע דריי פיגורען: אַ אידישער דראַגונער פון רוסלאַנד, וועלכער איז אַריבער דעם גרענעץ, רייטענדיג אויף זיין קאַזיאָנעם פערד, און צוויי אידישע טעלעגראַפיסטען — איינער זעהר אַ הויכער, און איינער זעהר אַ נידעריגער, מיט אַ הויקער.

אַ איד אַ דראַגונער איז אין רוסלאַנד געווען אַ זעלטענהייט. אויך זיינען אידישע טעלעגראַפיסטען געווען אַן אונגעוועהנליכע זאַך. אַלע דריי פלעגען זיי אַרומשפּאַצירען איבער בראָד אין זייערע יוניפאָרמס; די צוויי טעלעגראַפיסטען אימער צוזאַמען.

איינמאָל, ווען איך בין געגאַנגען איבער דער הויפּט גאַס פון בראָד מיט אַן עמיגראַנט, האָט מיין באַגלייטער זיך אָפּגעשטעלט צו באַגריסען אַ יונגען מאַן, וועלכער האָט זיך מיר געוואָרפען אין די אויגען מיט זיינע רויטע האָר און מיט זיין פול־בלוטיגען פּנים. מיט איהם צוזאַמען איז געגאַנגען דער יונגערמאַן מיט די האַרטע „חיש'ען", מיט וועלכע איך בין אַריבערגעגאַנגען דעם גרענעץ. איך האָב איהם ניט געזעהן זינט מיר האָבען פאַרלאָזען די זאַנדערבאַרע הויז, וואו מיר

האָבען געהאַט אונזער ערשטען נאַכטלעגער. ער האָט איצט שוין אויך געהאַט אַ אינטעליגענטען אויסזעהן.

מיין באַגלייטער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם הויטען יונגען מאַן, וועמענס נאָמען איז געווען ספּיוואַקאָווסקי; און יענער האָט פאַר אונז פאָרגעשטעלט דעם עמיגראַנט מיט די האַרטע „רייש'ען“. פריהער האָב איך זיין נאָמען ניט געוואוסט. איצט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מען רופט איהם שאַמראַיעווסקי.

— מיר זייגען דאָך שוין באַקאַנט, — האָב איך באַמערקט אויף רוסיש.

שאַמראַיעווסקי האָט מיך אָנגעקוקט מיט איבעראַשונג. אַז איך קען רייד'ען רוסיש און נאָך אויפ'ן אינטעליגענטען שטייגער — דאָס איז פאַר איהם געווען אַן אונערוואַרטעטע נייעס. פאַר מיר ווידער, איז געווען אַ נייעס, אַז ער איז אויך אַן אינטעליגענט און ניט קיין דאַמסקער שניידער.

ריידענדיג אין איילעניש, האָט ספּיוואַקאָווסקי געזאָגט עפּעס וועגען דער באַוועגונג, און וועגען אַ וויכטיגער פּערזענליכקייט, מיט וועלכער ער געהט זיך זעהן וועגען פּאַלעסטינאַ. זיין הויטער פּולבלוטיגער פּנים און דער דרינגענדער, האַסטיגער קול, מיט וועלכען ער האָט אין יענעם מאָמענט גערעדט, האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ער איז אַ באַגייסטערטער, סאָבערדיגער, סימפּאַטישער יונג.

עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז ער און שאַמראַיעווסקי זיינען פון קרעמענטשוג, וואו זיי זיינען געווען מיטגלידער פון אַ רעוואָלוציאָנערען קרוזשאָק.

ספּיוואַקאָווסקי איז דער איצטיגער דאָקטאָר ספּיוואַק פון דענווער, קאָלאָראַדאָ, און שאַמראַיעווסקי — דער איצטיגער דר. ראַיעווסקי פון ליבערטי.

אין שפּעטערע יאָהרען האָט דר. ראַיעווסקי באַשריבען אונזער ערשטע באַגעגעניש*) און איך גלויב, אַז עס וועט ניט

---

*) אין אַ יובילעאום־שריפט, וועלכער איז אַרויסגעגעבען געוואָרען צו דעם 50־יאָהריגען געבורטס־טאָג פון דעם פּראָפעסער פון דיזען ווערק.

זיין אונאינטערעסאנט דאָ איבערצוגעבן א טייל פון זיין שילדערונג.

אויפ'ן צוג איז שאַפּראַיעווסקי געזעסען מיט פּאַרציייטיגע אידען און האָט פאר זיי געשפּילט די ראָלע פון א פרומען ארבייטער. אויף א געוויסער צייט איז ער אריבער אין אנאנדער וואגאָן, וואָרים נעפינענדיג זיך לעבען יענע אידען, וואָלט ער געמוזט דאווענען, און דאָס האָט ער געוואָלט אויסמיידען. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין פריהערדיגען וואגאָן און געזאָגט די פרומע אידען, אז ער האָט געדאַווענט אין דעם צווייטען וואגאָן. ער באַשרייבט, ווי אין בערדיטשעוו איז אריינגעקומען די פּרעהליכע קאָמפּאַניע פון אינטעליגענטען, וועלכע איך האָב אויבען דערמאָנט, און ווי דאָרטען האָט ער מיך באמערקט. איך האָב אויף איהם קיין גוטען איינדרוק ניט געמאַכט.

ווייטער דערצעהלט דר. ראַיעווסקי וועגען מיר אזוי:

„געטראָגען האָט ער א לאַנגען אויבער־ראָק, וועלכער האָט אויסגעזעהען אי ווי אַן אויבער־ראָק אי ווי עפּעס א לאַנגע קאַפּאָטע. איך זעה ער שאַרט זיך אויך צו די אינטעליגענטען, און דאָך איז ער ניט זייערער און רעדט מיט קיינעם ניט. ער קוקט און הערט זיך צו. אָט זעהט ער מיר אויס ווי אַן אָרים־בחור, וואָס קומט צו אונז אין מאַלאָראָסיע ווערען א מלמד, און אָט איז ער דאָך ניט דאָס".

איינפאַך גערעדט: שאַפּראַיעווסקי האָט חושד געווען, אז איך דין ביי דער פּאָליציי. אזוי ווי ער איז געווען ניט קיין „כשר'ער", האָט ער פון אזא חברה־מאַן געוואָלט זיך האַלטען וואָס ווייטער. ער דערצעהלט ווי איך האָב זיך צו איהם געווענדעט וועגען דינגען א קאָנטראַבאַנדשטשיק צוזאַמען, ווי ער האָט מיר ניט געטרויט, און ווי נאָכהער האָט ער זיך בעראַטען וועגען מיר מיט זיינע אָרטאָדאָקסישע אידען. זיי האָבען אויך געזעהן ווי איך זוך שותּפים אויף צו דינגען א קאָנטראַבאַנדישטשיק, און זיי האָבען איהם געזאָגט, אז איך מאַך דעם איינדרוק פון א גאַנץ עהרליכען יונגען מאַן. זיי האָבען איהם געראַטען צו באַדינגען זיך צוזאַמען מיט מיר. דער איצטיגער דר. ראַיעווסקי

טש. שאַמראַיעווסקי (דר. ראַיעווסקי). — פאָטאָגראַפירט אין ניו יאָרק, אין דזשולײַ, 1882.

דערצעהלט ווי ער האָט מיט מיר גערעדט און ווי זיין איינדרוק וועגען מיר האָט זיך געענדערט צום גוטען.

ווייטער דערצעהלט ער ווי שפּעטער, זיצענדיג אין וואַגאָן, שוין אויפ'ן וועג צום גרענעץ, האָט ער מקנא געווען דעם יונגען ברוידא וואָס איך דעק איהם אַלע ווייַלע צו, עס זאָל איהם ניט זיין קאַלט, און גיב אַכטונג אויף איהם ווי אַ מוטער אויף אַ קינד. ער שרייבט, אַז ער האָט זיך געוואונשען צו האָבען אימיצען וואָס זאָל אויף איהם אויך אַזוי אַכטונג געבען.

וועגען דער וואוינונג פון דעם געלען קאָנטראַבאַנדשטשיק, שרייבט דר. ראַיעווסקי, אַז אויף איהם האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק ווי איינע פון די געהיימניספּולע היילען אין די ראָמאַנען פון גאַבאָריאַ.

ווען מיר האָבען זיך דערנאָך באַגעגענט אויפ'ן גאַס אין בראָד, שוין אַלס אינטעליגענטען, האָט ער אויף מיר ווידער געהאַט אַ חשד. ווען ער האָט דערהערט ווי איך רייד רוסיש, האָט דאָס איהם באַשטעטיגט, אַז כ'האָב פריהער געשפּילט אַ פאַלשע ראָלע: אפשר טאַקי אַ שפּיאָן, וואָס איז געקומען נאָכ־קוקען רוסישע רעוואָלוציאָנערען צווישען די עמיגראַנטען?

.5

מיינע איבערצייגונגען.

איך בין באַקאַנט געוואָרען מיט פאַרשידענע „עם־עולם'ניקעס" און מיט עמיגראַנטען פון אַנדערע גרופּען (שאַמראַיעווסקי און ספּיוואַקאָווסקי זיינען צוגעשטאַנען צו דעם „קיעווער עם־עולם"). כמעט אַלע זיינען זיי געווען פון דרום רוסלאַנד. ליטוואַקעס זיינען געווען זעהר ווייניג. איך האָב זיך שוין אָבער גענומען פיהלען היימישער צווישען די „יוזשאַנעס" (דרום'ניקעס), און איך האָב דעבאַטירט מיט זיי טאָג און נאַכט.

ווען עס איז אַריבער מיין שעמעוודיגקייט, האָב איך אַרויס־געוויזען אַזוי פיל לעבען און טעמפּעראַמענט, אַז איך בין געוואָרען „אַ גאַנצער קנאַקער", הויפּטזעכליך אין אַ געוויסער גרופּע. איין מאָל זאָגט צו מיר אַן אינטעליגענט (פון אָדעס דאַכט זיך):

— איך האָב געמיינט אז איהר קענט קיין צוויי ניט צעהלען.
איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז איהר זייט אזא לעבעדיגער יונג
און אזא פייערדיגער דעבאטאנט.

עס האָט זיך ביי מיר אויסגעארבייט אַן אייגענארטיגע
פּראָגראם, וועלכע איז מיר אליין ניט געווען דייטליך.

עס איז ניט געווען דאָס וואָס איך האָב זיך פאַרגעשטעלט
לויט בעלקינ'ס באשרייבונג; עס איז אָבער דאָך געווען שעהן.
מיר וועלען גרינדען קאָלאָניעס, מיר וועלען לעבען ניט
עגאָאיסטיש, נאָר אין די אינטערעסען פון דער מענשהייט
(אנדערע האָבען גערעדט וועגען דעם אידישען פאָלק. איך אָבער
האָב נאָר גערעדט וועגען דער מענשהייט). אז מיר וועלען
האָבען קאָלאָניעס, וועגען דעם איז ביי קיינעם קיין צווייפעל
ניט געווען.

קיין באשטימטען באגריף האָב איך דאַן ניט געהאט אפילו
וועגען דעם סאָציאַליזם גופא. אלץ, אין וואָס איך בין ווירקליך
געווען איבערצייגט, איז אז מען דארף פארניכטען די מאַכט
פון פּריוואַט אייגענטום, פון טראַהנען און פון רעליגיע. איך
האָב פארשטאַנען קאַרל מאַרקס'עס ערקלעהרונג, אז די קאַפּי-
טאַליסטישע סיסטעם געהט צו איהר זעלבסט-פארניכטונג. דאָס
איז אָבער געווען א ריין טעאָרעטישער סאָרט פארשטעהן.
קיין פּראַקטישע באדייטונג האָט דאָס פאַר מיר ניט געהאט.

פון דעם זשורנאל „וופּעריאָד“ און פון די צייטונגען
„טשאָרני פּערעדיעל“ און „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ בין איך געווען
באקאַנט מיט די צוויי רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און מיט
זייערע דעבאַטען וועגען אנאַרכיזם און סאָציאַליזם; אָבער
וועגען די פּראַקטישע זייטען פון דעם סאָציאַליזם און פון זיינע
פּאָליטישע פּראָגראַמען האָב איך געוואוסט ווייניג.

דער סוף איז געווען, אז איך האָב זיך פארשריבען אין העם
באלטער „עם-עולם“. אי די אנדערע מיטגלידער זיינען ניט קיין
סאָציאַליסטען? וועל איך זיי „פּאַנאַנדער-פּראָפּאַגאַנדירען“!

איינמאָל, אין א דעבאַטע מיט א פאָר פון די מיטגליעדער,
האָב איך זיך צוהיצט:

— איהר זייט א קאָנסערוואַטאָר — האָב איך געזאָגט צו

איינעם פון זיי — אייך אָרט ניט וואָס די האָרעווען און שאַפען אַלץ ווערען בארויבט און אונטערדריקט.

— טאָ וואָרום פאָהרט איהר מיט אונז? — האָט יענער נעפרעגט מיט אַ גיפטיגען שמייכעל.

—איך וועל אייך פאַנאַנדער־פּראָפּאַגאַנדירען! — האָב איך אָפּגעענטפערט מיט שטאָלץ. — איך וועל האָבען אַ דאָפּעלטע ארבייט: איך וועל ארבייטען אין פעלד מיט אַלעמען צוגלייך און אין די פרייע שטונדען וועל איך לערנען מיט אייך.

— מען בעט אייך ניט! ווער דאַרף אייך? — האָט יענער אויסגעשאָסען.

מיינע טאַקטלאָזע ווערטער האָבען געמאַכט אַ שלעכטען איינדרוק. עס איז אָבער גיך פאַרגלעט געוואָרען. מיינע באַציהונגען מיט דעם באַלטער קרוזשאָק זיינען געווען זעהר גוטע. זיי האָבען זיך צו מיר פאַרהאַלטען ווי צו אַן אייגענעם, און האָבען מיר ארויסגעוויזען רעספּעקט.

פון דערהיים האָב איך באַקומען די סומע געלט וואָס איז מיר נויטיג געווען — ארום הונדערט דאָלאַר. פון דעם האָב איך צוויי־דריטעל אַריינגעטראָגען אין דער קאַסע פון דעם באַלטער קרוזשאָק, און דאָס האָט באַזאָרגט מיין רייזע ביז ניו יאָרק. איך האָב מיט אונגעדולד געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען מיר וועלען זיך זעצען אויפ׳ן צוג.

6.

חתונות.

וואַרטענדיג אין בראָד, האָט אַ היבשע צאָהל עמיגראַנטען חתונה געהאַט — דאָס רוב פון זיי מיט בראָדער מיידלעך. צווישען אונזערע וואַנדערער איז געווען פאַרשפּרייט אַ מיינונג, אַז די גאַליציאַנער פרויען זיינען זעהר שעהנע. און אַזוי ווי כמעט אין יעדער גאַליציאַנער הויז זיינען איינגעשטאַנען עמי־גראַנטען, זיינען ראָמאַנען צווישען רוסישע יונגע לייט און די טעכטער פון בראָדער אידען, געוואַקסען ווי שוועמלאַך.

די גאַליציאַנער עלטערן, מייסטענס ניט קיין רייכע אידען, האָבען דערווייל געהאַט אַ געלעגענהייט חתונה צו מאַכען זייערע טעכטער. און אַזאַ שדוך האָט זיך גערעכענט פאַר אַ תכלית. די פאַר־פאָלק וועט פאָהרען אין דעם לאַנד פון גאָלד, און וועט אפשר דערנאָך אריבערנעהמען די גאַנצע פאַמיליע... אונזערע יונגע לייט, פון זייער זייט, האָבען זיך פאָרגעשטעלט, אַז אין די קאָלאָניעס, וואָס זיי וועלען גרינדען, וועט מיט אַ פרוי זיין בעסער צו פיהרען די בעל־הבתישקייט. קורץ, עס איז געוואָרען אַ מין מגפה אויף חתונה האָבען. היינט באַקאַנט געוואָרען, מאָרגען חתונה געהאַט.

ווען איך דערמאָן זיך אָן די טעג, וואָס איך האָב פארבראַכט אין בראָד, זעה איך אימער פאַר די אויגען די פאָלגענדע סצענע: שבת־צו־נאַכט, אונגעפעהר צוויי וואָכען נאָכדעם ווי איך בין אהין געקומען, אויף אַ פאַרוויסטער גאַס, וואו אַלע הייזער זיינען אָפּגעברענט געוואָרען, טאַנצט מען און מען הוליעט. קלעזמער שפּילען. איך שפּאַציר אַרום מיט אַ צווייטען עמיגראַנט. מיר פרעגען וואָס דאָס טאַנצען באַדייט, און מען ענטפערט:

— מ'האָט חתונה.

— אויפ'ן גאַס פּראַוועט מען אַ חתונה?

— יאָ, אויפ'ן גאַס.

אַ פּאָר פידלער שפּילען אויף דריי חתונות מיט אַמאָל. איין חתונה איז אויף איין זייט גאַס, די אנדערע איבער דער אַנ־דערער זייט גאַס און די דריטע איבער אַ חורבה לעבען דער צווייטער. די מוזיקאַנטען שטעהען אין מיטען גאַס און ארבייטען מיט אַלע כחות. אביסעל ווייטער איז ווידער דאָס זעלבע.

מיר געהען, מיר קוקען. אין איין אָרט דערזעה איך אַן עמיגראַנט, מיט וועלכען איך בין אביסעל באַקאַנט. ער טאַנצט — דאָ מיט דער, דאָ מיט יענער, אַ לוסטיגער, אַ פאַרסאָפּעטער. איך שטעל איהם אָפּ.

— וואָס איז מיט אייך די שמחה? — פרעג איך.

— איך האָב חתונה! — ענטפערט ער.

ער גיט מיך אַ שלעפּ און שטעלט מיך פאָר פאַר זיין כלה

(אַ שעהנע מיידעל), און דאַן גיט ער מיך אַ כאַפּ און שלעפּט מיך אויף טאַנצען.

די עמיגראַנטען זיינען מייסטענס געווען מענשען, וואָס זיינען פריהער קיינמאָל ניט ארויסגעפאָהרען פון דערהיים. בענקעניש און עלענד האָט געגריזשעט די נשמה. מען וואָלט געדורשט נאָך אַ אינטימען חבר, פאַר וועמען אויסצוגיסען דאָס האַרץ.

אזא געמיט איז אַ פרוכטבאַרע פעלד פאַר די בלומען פון ליבע. נאָך אַן אורזאַכע: מען איז געווען אָפּגעריסען פון קרובים און פריינד, און דאָס הייסט, אַז מען איז געווען פריי פון די אייזערנע כללים, וועלכע רינגלען אַרום אַ שדוך. אַלץ האָט זיך איבערגעדרעהט און איז אויסגעמישט געוואָרען. אַ תהו־וובהו־וועלט!

צי מען האָט זיך אין אמת'ן פאַרליבט, צי מען האָט געמיינט אז מ'איז פאַרליבט — מען האָט ניט געפרעגט קיין קשיות און חתונה געהאַט.

דריטער קאַפּיטעל

פון בראָד ביז ניו יאָרק.

1.

דער צוג געהט אָפּ. — לעמבערג און קראקאו.

ענדליך, אין אַ שבת־צו־נאַכט, האָב איך מיט מײנע חברים פון'ם באַלטער קרוזשאָק אָנגעהויבען די רייזע. איך האָב אין בראָד פאַרבראַכט דריי וואָכען. אַנדערע עמיגראַנטען האָבען דאָרטען אָפּגעוואַרט צו עטליכע מאָנאַט.

— עס לעבע דער באַלטער עם עולם! — האָט מען געשריען.

— אַ גליקליכע רייזע און אַ גליקליכע צוקונפט! עס לעבע די אמעריקאַנישע רעפּובליק!

מעהר פון אַלץ האָט מען באַגריסט „די רעפּובליק", אָדער „די פרייהייט". פאַר רוסישע אונטערטאַנען זײנען דאָס געווען צויבערליכע ווערטער. מען האָט זיך געקוויקט מיט זייער קלאַנג.

איך געדענק דעם אויסדרוק אויף דעם געזיכט פון אַ יונגען מאַן, וואָס האָט דער לעצטער מיט מיר זיך געזעגענט דורכ'ן פענסטערל פון מײן וואַגאָן. פריהער האָבען מיר זיך געהאַלטען פון ווייטען. ער איז געווען אַ פראַנט און אַ פּוסטער בעל־גאוה, און פלעגט אימער איבערקרימען די ליטוואַקעס. אײנמאָל בין איך אָנגעקומען אויף אַ געשפּרעך, אין וועלכען ער האָט גערעדט מיט פאַראַכטונג וועגען אונז. איך האָב געכאַפּט דאָס וואָרט, איך האָב חוזק געמאַכט פון זײן נאַרישער גרויסקייט־ביי־זיך און אַרויסגעשטעלט זײן אונוויסענהייט און שמאָל־זיניגקייט. די צוהערער זײנען געווען וואָהלינער. זיי האָבען מיר אָבער אַפּלאָדירט. פון דאַמאָלסט אָן האָט ער מיך

אויסגעוויינט. איצט אָבער איז ער צוגעקומען זיך זעגענען מיט מיר.

— אַל דאָס גוטס צו אייך! עס לעבע דער באַלטער עם עולם! — האָט ער געשריען אויף רוסיש. — גליק צו אייער קאָלאָניע!

מיר האָבן זיך שטאַרק געדריקט די הענט. זיינע צו־וואונשונגען האָבן אויף מיר געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק.

מיר זיינען אַלע געפאָהרען מיט'ן דריטען קלאַס. אין מ'יין וואַגאָן האָבן זיך געפונען עטליכע פון די יונגע פאַרלעך — רוסישע עמיגראַנטען מיט זייערע גאַליציאַנער ווייבלעך. עס זיינען פאַר־געקומען „האָניג־מאָנאַט" סצענעס.

דער צוג איז געגאַנגען לאַנגזאַם. עס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט אײידער מיר האָבן דערגרייכט לעמבערג.

אין לעמבערג האָט אונז ערוואַרט אַ קאָמיטע פון דאָרטיגע בעלי־בתים. מען האָט אונז מכבד געווען מיט טהיי און מיט זעמעל. שפּעטער — מיט זופּ און מיט פלייש. אַ גאַנצען טאָג זיינען מיר דאָרטען געשטאַנען, און מייסטע פון אונז האָבן זיך אַראָפּגעכאַפּט אין שטאָדט. דער מיטעל־פּונקט פון לעמבערג מיט די גרינע לאַנקעס פון אַ קליינעם פּאַרק, איז געווען אנגענעהם צו זעהן. לינקס פון דאָרטען פאַנגט זיך אָן דער אידישער קוואַרטאַל; האָב איך זיך אוועקגעלאָזען אהין.

— עס זעהט אויס פּונקט ווי ווילנא! — האָב איך געזאָגט צו מיין באַגלייטער. און ער — איך געדענק ניט ווער דאָס איז געווען — האָט אָפּגעענטפערט מיט אונגעדולד:

— אַלץ זעהט איהם נאָר אויס ווי ווילנא! גלייך קיין אנדער שטאָדט איז נאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

אין דעם קליינעם פּאַרק האָט אונז דערנאָך באַגעגענט אַ יונגער מאַן, וועלכער האָט געטראָגען אַ ווייכען שוואַרצען הוט מיט אַ זעהר ברייטען ראַנד, און האָט געהאַלטען אַ „טרובקע" ביים אויער. ער איז געווען טויב. ער האָט זיך פאַר אונז פאָרגעשטעלט אַלס וואָלטער, איינער פון די גרינדער פון דעם קיעווער „עם עולם".

ער אליין האט פון זיינע זעמליאקעס אפגעהערט צוליב רעוואלוציאנערע
פארבינדונגען.

צוריק צו אונזער צייט וויסן מיר [illegible] איינ׳ן בערד
באהן. און [illegible] אין [illegible] די [illegible]. מיט
ווילנער רעדער [illegible] האט [illegible] [illegible]: און
[illegible] [illegible] די [illegible] [illegible] [illegible] פון דעם
[illegible], מיט [illegible] רעדער [illegible] האט [illegible] די [illegible].
רעדער [illegible] [illegible] אין [illegible] צו [illegible] [illegible].

אין קראַקאָו [illegible] מיר [illegible] [illegible] [illegible]. און [illegible]
האט אונז [illegible] א [illegible]. [illegible] האט אינו [illegible] [illegible]
מיט [illegible] און מיט [illegible]. [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
איך [illegible] [illegible]; [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
איך איין [illegible]: א [illegible] [illegible] [illegible] מיט א [illegible]
[illegible], [illegible] [illegible]. מיט [illegible] [illegible]. מיט די
[illegible] פון [illegible] [illegible] [illegible] אין [illegible]
[illegible], האט ער [illegible] [illegible] [illegible] אין [illegible] [illegible] פון
א באַרוועס.

מיט א [illegible] [illegible] אין [illegible] [illegible]. אין קראַקאָו [illegible]
[illegible] [illegible] „[illegible] [illegible]“. [illegible] אין [illegible] א [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible], און מיט [illegible] האט [illegible] [illegible] א [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] מיט [illegible]. [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
איך [illegible] [illegible] [illegible]. [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
די [illegible] [illegible] אין [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible].

[illegible] „[illegible] [illegible]“ האט מיט [illegible] [illegible] א [illegible]
[illegible] — [illegible] [illegible] א [illegible] [illegible] [illegible] צו [illegible]
[illegible] [illegible]. [illegible] די [illegible] האט [illegible] [illegible] [illegible] צו [illegible].
[illegible] [illegible] די [illegible] [illegible]. [illegible] די א [illegible].

[illegible] „[illegible] [illegible] [illegible]“ האט [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible]. [illegible] האט [illegible] [illegible] [illegible] מיט
[illegible]. און [illegible] [illegible] אין [illegible] [illegible] — [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible]. [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] א

וואָך צייט. די פיהרער פון דער קאָמיטע זיינען דאָרטען געווען צוויי יונגע לייט פון דער העכסטער אינטעליגענץ, דיאמאנט און נאָססיג. זיי האָבען געוויזען אונערמידליכע גאסטפריינד־ליכקייט צו די געסט, הויפטזעכליך צו די אינטעליגענטערע מיטגלידער פון דעם „עם עולם“, יונגע לייט און מיידלעך, וועלכע זיינען איינגעשטאַנען ביי די אָנגעזעהענסטע בעלי־בתים פון שטאָדט*).

אין קראקאָו האָט זיך דאָן געפונען א קריסט, א פּאָליאַק, מיט'ן נאָמען אָנופּראָוויטש, וועלכער האָט גענומען א פריינדליכען אינטערעס אין דער אידישער עמיגראציע. זיין נאָמען איז אונז געווען באַקאַנט נאָך פון רוסלאַנד, וואָרים ער האָט גוט געקענט רוסיש און ער איז געווען דער קראקאָוער קאָרעספּאָנדענט פון דעם רוסיש־אידישען וואָכענבלאַט „רוסקי יעווריי“. דעם „קיעווער עם־עולם“ איז ער געקומען מקבל פנים זיין אוים'ן באהן, און אַלס מתנה האָט ער זיי געבראַכט א רייך־געבונדענעם בוך: קאַרלס מאַרקס' „קאַפּיטאַל“ אין א פראַנצויזישער איבערזעצונג.

2.

ברעסלאַו, בערלין, האַמבורג. — דער ים.

ווייטער האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט אין ברעסלאַו, דייטשלאַנד. דאָרטען איז צו אונז אויך געקומען א קאָמיטעט, אָבער שוין גאָר פון אַנאַנדער סאָרט. די מיטגלידער זיינען געווען דייטשע אידען, שעהן געקליידעטע, אוים'ן אייראָפּעאישען שטייגער, און ראַזירט. זיי האָבען אונז מכבד געווען מיט א גוטען מיטאָג.

מיר האָבען געהאַט א פּאָר שטונדען צייט, בין איך ארויסגעלאָפען באַזוכען די שטאָדט, און דאָ האָב איך צום

*) ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, איז דיאמאנט גוט בעקאַנט אַלס איינער פון די פיהרער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּארטיי, און פון די וויכטיגסטע רעדנער אין דעם וואַרשעווער סעים; נאָססיג איז א בעקאַנטע פערזענליכקייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ערשטען מאל באמערקט דעם אונטערשיד פון א הויך־ציוויליזירטע לאנד און אזא לאנד ווי רוסלאנד. איך האב באוואונדערט די ציכטיגקייט און אויסגעפוצטקייט פון אלעמען און אלעם. איך בין ערשטוינט געווארען.

אין פעטערסבורג האב איך אויף די וויכטיגסטע גאסען געזעהן א סך מענשען וואס האבען געטראגען גראבע שטיוועל און קיינע קראגענס און האלזטיכער. דא איז יעדער געגאנגען געקליידט ווי א פריץ — אזא איינדרוק האב איך באקומען.

פון ברעסלאו זיינען מיר געפאהרען קיין בערלין. דארטען האט אונז ווידער מקבל פנים געווען א קאמיטעט. צווישען די רייכע מיטגלידער איז געווען א באנקיר, א ברונעט, מיט'ן נאמען מאגנוס. ער האט מאשביר'ן געגעבען עטליכע גאלדענע מטבעות אויף צו קויפען ביכער פאר דעם פרושאק, צו לערנען זיך ענגליש.

קיין סך צייט האבען מיר דא ניט געהאט. איך האב נאר פארפאסט [?] א קוק צו טאן אויף א פאר גאסען, ניט פון די וויכטיגסטע.

פון בערלין איז אונזער צוג אוועק קיין האמבורג, און דארטען זיינען מיר פון וואקזאל גלייך געגאנגען צו דער שיף, וואס האט אונז געדארפט דערפיהרען ביז ענגלאנד. מיר זיינען אנגעקומען ביינאכט, און מען האט אונז געפיהרט דורך ענגע, שמוציגע האפען־געסלעך — דאס איז אלץ וואס מיר האבען געקענט זעהן פון דער שעהנער שטאדט האמבורג.

אויף דער שיף האט אונזער קאמפאניע, מיט ווייניג אויס־נאהמען, געליטען פון ים־קראנקהייט. איך בין געווען איינער פון דער קליינער מינאריטעט. אויף די ליידענדע איז געווען שרעקליך צו קוקען. איך האב אזא סצענע נאך קיינמאל ניט געזעהן. דער ים האט מיך ענטוישט. פון אלץ, וואס איך האב געלעזען וועגען איהם, האב איך זיך איהם פארגעשטעלט

אַלס עפּעס מאַיעסטעטישעס, וואונדער־שעהנעס; און דאָ שאַפט ער גאָר אַזעלכע שווינדעלדיגע סצענעס!

דער הימעל איז געווען פאַרכמאַרעט און אַלע האָט אויס־געזעהען גרוי, אין אַ טומאַן איינגעהילט. וועגען שעהנקייט האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. די כוואַליעס האָבען אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק פון מיאוסע, בייזע באַשעפענישען, ווי „ניט־גוטע“.

.8

אין האַלל. — אין ליווערפּול. — ערשטע ערפאַהרונגען מיט דער ענגלישער שפּראַך.

מיר זיינען פון שיף אַראָפּ אין האַלל, אַ האַפען־שטאָדט אויף דעם מזרח־ברעג פון ענגלאַנד. דאָרטען זיינען מיר געשטאַנען נאָר ביי אַ שטונדע. אַלע וואָס איך געדענק פון יענער שטונדע איז ווי איך און נאָך אַ פּאָר עמיגראַנטען זיינען אַריין עפּעס קויפען אין אַ קראָם. דער קרעמער איז געווען אַ דייטשער איד. און ער האָט צו אונז געזאָגט: „אין אַ פּאָר יאָהר אַרום וועט איהר זיין גלענצענדע אַמעריקאַנער קויפלייטע“.

פון האַלל האָבען מיר מיט'ן באַהן דורכגעשניטען די גאַנצע ברייט פון ענגלאַנד. מיר זיינען געקומען קיין ליווערפּול.

בראָד האָט אויף מיר געמאַכט אַ משונה'דיגען איינדרוק; דאָס זעלבע איז געווען מיט ליווערפּול, נאָר אויף אַנאַנדער שטייגער.

אַ מאָדערנע שטאָדט, אַ גרויסע, אַ רייכע, אַ קאָבינגע; און דאָך האָט זיך מיר כמעט ניט געגלויבט, אַז איך בין אין אייראָפּאַ. לעמבערג, קראָקאָו, ברעסלאָו, בערלין, פּעטערסבורג, וויטעבסק, ווילנא — יעדע פון זיי איז אַנדערש ווי די איבעריגע. אָבער אין פאַרגלייך מיט ליווערפּול זיינען זיי אַלע געווען דיזעלבע. ליווערפּול איז געווען גאַנץ אַנדערש. כמעט אַלע, וואָס איך האָב דאָ דערזעהן, איז געווען ניט ווי דאָרטען. וואו

איך האָב זיך נאָר געגעבען אַ קעהר, האָב איך אויסגעשטעלט די אויגען מיט פאַרוואונדערונג.

אַן איבעררעשענדע נייעס זיינען פאַר מיר געווען די בייסיקלס (וועלאָסיפּעדען). אויסער ענגלאַנד האָט מען דאָס נאָך דאַן אין אייראָפּאַ ניט געזעהן. די דאַמאָלדיגע בייסיקלס זיינען געווען אַ סך גרעסער ווי די היינטיגע — איין זעהר גרויסע ראָד און איין קליינטשיקע. דער ר׳יטער פלעגט רייטען אויף דער גרויסער, אינדערהויך. פון ווייטען האָט עס אויסגעזעהן, אַז ער שטעהט אין דער לופטען און אַזוי טראָגט ער זיך.

היינט די „איזוואָשטשיקעס"! אַ דראָזשקע, וואָס האָט נאָר צוויי רעדער, ביידע משונה׳דיג גרויסע! און דער קוטשער זיצט אויף אַ הויכען, הויכען שטול, און ניט פון פאָרענט, נאָר הינטער דער דראָזשקע; די לייצעס ציהען זיך איבער דער דראָזשקע׳ס דאַך; אַז דער קוטשער וויל געבען די פערד אַ שמיץ, קומט ער צו זיי צו איבער׳ן דאַך, מיט אַ לאַנגען בייטש. די־זע „הענסאָם קעבס" זעהט מען אין ענגלאַנד נאָך היינט, און מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט מען זיי געקענט זעהן אין ניו יאָרק אויך. אין אַנדערע לענדער אָבער האָט מען זיי קיינמאָל ניט געברויכט.

פון די פילע אַנדערע זאַכען, וואָס האָבען אונז איבעררעשט, געדענק איך די „בוט־בלעקס" (אָרימע אינגלעך, וואָס פּוצען שיך אין מיטען טראָטואַר). איך האָב וועגען די דאָזיגע שטיוועל־פּוצערס געלעזען אין וואָדאָוואָזאָוואַ׳ס „דאָס לעבען פון אייראָפּעאישע פעלקער". אָבער לעזען איז איין זאַך, און זעהן מיט די אויגען איז אַנאַנדער זאַך.

גע׳חדוש׳ט האָבען מיר זיך אויך אויף די ליווערפּולער וואָקזאַלען. מיר פלעגען שטעהן און קוקען ווי צוגען קומען אָן און געהען אַוועק. פון העלער הויט שוועבט אַריין אַ לאַנגער, לאַנגער „פּאָיעזד", אָהן הכנות, אָהן געפּילדער. דאָס זעלבע איז מיט דעם צוג, וואָס דאַרף אַוועקגעהן. אָט שטעהט ער, און אָט ווערט ער ניט! אין רוסלאַנד, איידער עס געהט אָפּ אַ צוג, ווערט אַ קלינגעריי, אַ געלאַף, אַ קושעריי און אַ געוויין; און

זשאַנדאַרען מיט באַקען־בערד, מיט גרויסע וואָנצעס, שפּאַצירען אַרום מיט „סטראַשנע" טריט, קלינגענדיג מיט זייערע שפּאָרען. און דאָ געהט אַ צוג אָפּ אָהן שום ליאַרם, אָהן צערעמאָניעס, אַזוי ווי ניט איהם מיינט מען דאָס.

פאַרשידענע אַנדערע זאַכען האָבען מיך פאַרוואונדערט. אפשר האָט דער אונבאַקאַנטער קלאַנג פון דער ענגלישער שפּראַך אין דיזע משונה'דיגע איינדריקע אַ חלק געהאַט, דערביי אָבער האָבען מיר געפיהלט סמנים פון פרייהייט, נאָך מעהר ווי אין עסטרייך.

אַלס רעזולטאַט האָט זיך ביי מיר אין קאָפּ צוזאַמענגעשטעלט אַ באַגריף, אַז אַ לאַנד וואָס געניסט מעהר אָדער ווייניגער פרייהייט, קאָן גאָרניט אויסזעהען ווי רוסלאַנד, אָדער דייטשלאַנד. און אַזוי ווי אַמעריקאַ איז נאָך פרייער ווי ענגלאַנד (אַזוי האָבען מיר דאַן געמיינט), און די שפּראַך איז דאָרטען אויך ענגליש, זיינען די זאָנדערבאַרקייטען פון ליווערפּול מיר פאָרגעקומען ווי אַ מוסטער פון דעם לאַנד, אין וועלכען איך פאָהר זיך באַזעצען.

אויף אונזער שיף האָבען מיר געהאַט צו וואַרטען איבער אַ וואָך צייט.

די ביכער, וואָס מען האָט געקויפט פאַר מאַגנוס'עס מתנה, זיינען געוועזען „זעלבסט־לעהרערס" פון דער ענגלישער שפּראַך פאַר דייטשען. איך האָב אָבער געוואָלט האָבען אַ לעהר־בוך פאַר רוסען, און אויך אַ ווערטערבוך פון ענגליש אויף רוסיש און פון רוסיש אויף ענגליש. און גלייך דעם ערשטען טאָג בין איך אַוועק זוכען אַ בוך־קראָם. איך האָב זיך אַרומגעשלעפּט אַ פּאָר שטונדען איבער די גאַסען און געמאַטערט זיך צו פרעגען וואו עס געפינט זיך אַ בוך־קראָם. אַזוי ווי ענגליש האָב איך ניט געוואוסט קיין איינציג וואָרט, האָב איך געפּרופט ריידען דייטש און פראַנצויזיש. איך האָב געשאַטען אַלע פראַנצויזישע ווערטער וועגען ביכער, וועלכע איך האָב זיך געקענט דערמאָנען (אין ווילנא האָב איך דאָך גענומען אוראָקען אויף פראַנצויזיש און אין

וועליזש האָב איך פאַרטגעזעצט צו לערנען פראַנצויזיש פאַר זיך).
איך האָב געמאַכט מיט די הענט, מיט די אויגען, געשריען, געזיפצט פארצווייפעלט, און כאָטש שריי צו גאָט! קיינער האָט מיך ניט פארשטאַנען. אָבער די געדולד און די פריינדליכקייט, מיט וועלכער יעדער האָט מיך אויסגעהערט, האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק, אז ענגלענדער זיינען דימענטענע מענשען. מסתמא זיינען די אמעריקאַנער אויך אזוי, — האָב איך געטראַכט.

פון האַמבורג ביז ליווערפּול איז מיט אונז מיטגעפאָהרען אַ איד פון קורלאַנד, אַ גוט־געקליידעטער, מיט געגאָלטע באַקען און מיט אַ שוואַרצער „שפּאַניש בערדעלע". ער איז געפאָהרען וועגען געשעפט — אזוי האָט ער אונז געזאָגט — און ער איז געווען זיכער אַז ער קען ריידען ענגליש. איצט, זוכענדיג די בוך־קראָם, האָב איך איהם גראַד באַגעגענט. איך האָב זיך דערפרעהט. און ער האָט מיר טאַקע געוואָלט העלפען; אָבער זיין ענגליש האָבען די ענגלענדער פאַרשטאַנען ניט בעסער ווי מיין דייטש און פראַנצויזיש.

ענדליך האָב איך באַגעגענט אַן אַלטען מאַטראָז, וועלכער האָט געקענט אביסעל רוסיש. אזוי ווי משיח וואָלט פּלוצלונג פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסען!

דער מאַטראָז האָט מיך צוגעפיהרט צו אַ בוך־האַנדלונג.

דאָרטען האָב איך געקויפט אַ רוסיש־ענגלישען און ענגליש־רוסישען ווערטער־בוך (אין אַ בונד פון אַ בלישטשענדיג שוואַרצען לעדער) און אַ רוסישען „זעלבסט־לעהרער" פון דער ענגלישער שפּראַך.

איך האָב זיך גענומען צוהערען ווי מען רעדט ענגליש. די שפּראַך איז מיר אויסגעקומען אזוי אוננאַטירליך, ווי די בייסיקלס, די „הענסאָם־קעבס" און די „בוט־בלעקס". מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ביי די ענגלענדער זיינען די מ־ילער גאַנץ אַנדערש געבויט ווי ביי אונז. די ליפּען זיינען קיין ליפּען ניט, דער צונג קיין צונג ניט.

איך געדענק ווי מאשביר און איך זיינען געגאַנגען זיך דורכרעדען מיט דעם ליווערפּולער עמיגראַנטען־קאָמיטעט. זיי האָבען זיך צו אונז געווענדט דורך א דייטשען דאָלמעטשער; און בשעת זיי האָבען גערעדט, האָב איך זיך צוגעקוקט צו זייע־רע ליפּען און צינגער. איינעם פון דעם קאָמיטעט געדענק איך. ער איז געווען אינגאַנצען געגאָלט און ער האָט געטראָגען גאָלדענע ברילען און א פּיינעם האַלז־טוך. ניט קיין הויכער און גאָרניט קיין דאַרער איז ער געווען. ווי א קניידעלע האָט ער אויס־געזעהן. ווען ער האָט גערעדט, האָט זיך מיר געדוכט, אז זיינע ווערטער זיינען צוהאַקט ווי מיט א האַק־מעסער אויף קליינינקע פּיצעלעך, וועלכע שפּריצען אַרויס פון זיין מויל ווי פונקען פון א שמיד'ס קאָוואַדלע. אָט דעם משוגענעם לשון וועל איך דאָס דאַרפען לערנען! — האָב איך זיך געקלערט כמעט מיט פאַר־צווייפלונג.

היינט די ענגלענדער גופא! גוטע מענשען, אָבער זייער רוהיגקייט און געלאַסענקייט האָט מיך צייטענווייז פון געדולד אַרויסגעבראַכט. אַזעלכע קאַלטע לונג־און־לעבערס האָב איך זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט. ליווערפּול האָט מיך אי געצויגען, אי אָפּגעשטויסען. און דאָס אַלץ האָב איך אָנגענומען פאַר א מוסטער פון אַמעריקאַ.

איך געדענק ווי מיר זיינען געזעסען אויף אונזער קוואַרטיר, עטליכע פון אונז, און צו אונז איז אַריינגעקומען דער באַלעבאָסטע'ס טאָכטער מיט א קינד אויף'ן האַנט. זי האָט אָנגעהויבען צו ריידען צו אונז; מיר האָבען, נאַטירליך, ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט. אַלץ וואָס מיר האָבען יאָ פאַרשטאַנען איז, אז זי רעדט זעהר העפליך. יונג זיינען מיר געווען, האָבען מיר גענומען מאַכען שפּאַס. איך און נאָך א פּאָר האָבען צו איהר גערעדט אויף רוסיש, און אונזערע מיטרייזענדע האָבען זיך געשטיקט פון געלעכטער. אָבער זי האָט ניט געלאַכט; זי האָט זיך אפילו ניט באַליידיגט; און אויף אַלץ וואָס מיר האָבען צו איהר געזאָגט, האָט זי העפליך געענטפערט: „יעס, יעס“.

דריי טעג נאָכאַנאַנד האָבן מיר איהר ניט אויפגעהערט איבערצוקרימען: „יעס, יעס“.

עס איז ניטאָ אַן עמיגראַנט, וועלכער האָט די ווערטער „אייס־קרים“ ניט געלעזען „איצע קרעאם“. מיט מיר האָט דאָס אויך געטראָפען. דאָס איז אָבער געווען ערשט שפּעטער. אין ליווערפּול האָב איך אויף אַזאַ אופן געמאַכט שפּאַס פון אַנדערע ענגלישע סאַינס. אייניגע ווערטער האָבן מיר איבערגעדרעהט אויף אַן אונאַנשטענדיגען שטייגער.

איך האָב אָבער גענומען לערנען ענגליש גאַנץ ערנסט און טאַקע דאָרטען אין ליווערפּול. דאָס ביסעל פראַנצויזיש, וואָס איך האָב געקענט, איז מיר איצט צוניץ געקומען, הגם די פראַנצויזישע ווערטער, וועלכע די ענגלישע שפּראַך ענטהאַלט, ווערען אין איהר אויסגערעדט גאַנץ אַנדערש ווי אין פראַנצויזיש. איך האָב זיך צוגעהערט צו אונזער בעל הבית, צו זיין פרוי, צו זייער זוהן, צו זייער טאָכטער; איך האָב געפּרופט בעאָבאַכטען ווי אַזוי זיי ריידען אויס די ווערטער.

אין דער ענגלישער אויסשפּראַך איז צווישען פאַרשידענע געגענדען פאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד. די מאַסען אין לאָנדאָן, צום ביישפּיל, פלאָנטערען דעם „ה“, אַזוי ווי די אידען פון גראָדנאָ אָדער פון פילע שטעדט אין זיד־רוסלאַנד. מיינע בעלי בתים זיינען מסתמא געווען לאָנדאָנער, וואָרים זייער „ה“ האָט געפעלט דאָ וואו מען האָט איהם געדאַרפט, און ער פלעגט זיך באַווייזען גראָד דאָרטען וואו מען האָט זיך אויף איהם ניט געריכט. אָבער אַז דאָס זיינען גרייזען, האָב איך ניט געוואוסט. איך האָב זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זייער אויסשפּראַך, ווי ווייט איך האָב נאָר געקענט; און איך האָב זיך געמאַטערט זיי נאָכצוריידען מיט זייערע גרייזען מיט אַלעמען. איך האָב געלערנט זאָגען „אאף“ (האַלב) אַנשטאָט „האאף“, אָדער „האסק“ (פרעגען) אַנשטאָט „אסק“. די אַמע־ריקאַנער האָבן ניט קיין צרות מיט די „ה“ען, און ביי זיי איז דאָס גאָרניט „האאף“, נאָר „העף“. אָבער וועגען דעם שפּעטער.

.4

אַ פרעהליכע נייעס.

איינמאָל, געהענדיג איבער'ן גאַס, האָב איך דערזעהן אַ ווילנער יונגען מאַן, אַ געוועזענעם גימנאַזיסט, מיט'ן נאָמען בראָז. אין דערהיים זיינען מיר קוים געווען באַקאַנט. דאָ אָבער האָבען מיר זיך ארומגעכאַפּט ווי נאָהענטע פריינד. ער איז אויך געפאָהרען קיין אַמעריקא, צו אַ מוהמע'ן. פון איהם האָב איך זיך דערוואוסט אַ נייעס, וועלכע איז פאַר מיר געווען אַ זעהר אַנגענעהמע איבעררראַשונג: פון ווילנא איז קיין אַמעריקא ארויסגעפאָהרען אַ גרופּע אידישע רעוואָלוציאָנערען פון מיין קרוזשאָק. דער פיהרער פון דער גרופּע איז געווען באָרים קאַספּע, דער עלטערער פון די צוויי ברידער, גימנאַזיסטען, וועמען איך פלעג אָפט באַזוכען. און צווישען די אַנדערע מיטגלידער פון דער גרופּע האָבען זיך געפונען מיינע חברים שואל באַדאַנעס און סאָלאָמאָן מענאַקער, און נאָך אַ פּאָר גוטע באַקאַנטע. דער ווילנער יונגער מאַן האָט מיר אויך מיטגעטיילט, אַז דער אינגערער קאַספּע וועט קומען עטליכע מאָנאַט שפּעטער, מיט אַ צווייטער ווילנער גרופּע.

הייסט עס, אַז איך בין ניט דער איינציגער פון אונזער קרוזשאָק, וואָס איז צוגעשטאַנען צו די „אַמעריקאַנצעס“. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ קוואַל פון מאָראַלישע צופרידענהייט. דער עיקר אָבער איז געווען דער געדאַנק, אַז אין ניו יאָרק וועל איך געפינען חברים פון דערה'ים. עלענד וועל איך שוין דאָרט ניט זיין.

.5

אויפ'ן שיף. — „מיסטער“. — שבועות.

ענדליך האָט מען אונז מיט דעם גאַנצען „באַלטער עם עולם“ און אַ גרויסע צאָהל אַנדערע עמיגראַנטען אוועקגעפיהרט צו דער שיף, וואָס האָט אונז געדאַרפט פיהרען קיין אַמעריקא. זי האָט געהייסען „דהי בריטיש קוויען“ (די בריטישע קעניגין).

מיר זיינען, נאטירליך, געפאָהרען סטירעדזש (אין דריטען קלאַס).

מען האָט אונז געזאָגט, אז מען מוז קויפען א סך ציטראָנען (לעמאָנס), האָב איך איינגעהאנדעלט גאנצע צוויי טוץ; אָבער אזוי ווי איך האָב ניט געליטען פון ים־קראנקהייט, האָב איך זיי קיינמאָל ניט אָנגעריהרט.

איינמאָל זעה איך אויפ'ן „דעק" א יונגען־מאנטשיקעל, ווי ער געהט פון פאסאזשיר צו פאסאזשיר און בעט זיך מען זאָל איהם געבען א „לימענע" פאר זיין פרוי, וועלכע האָט שטארק געליטען. איך האָב איהם אוועקגעגעבען אלע פיער־און־צוואנציג. זיי האָבען מיר ניט אויפגעהערט צו דאנקען. די ווייבעלע האָט מיר געזאָגט, אז איך האָב איהר געראטעוועט דעם לעבען*).

דעם קאַפּיטאַן האָבען מיר געזעהן זעלטען, און נאָר פון ווייטען. ער איז פאר די סטירעדזש פאסאזשירען געווען א געהיימניספולע, מאַיעסטעטישע מאכט. א ווירקליכע מאכט, ניט קיין געהיימניספולע, איז איבער אונז געווען דער סטירעדזש־סטיוארט. ער האָט אונז געשפייזט און באדינט און געקעניגט איבער אונז. ער איז אָבער ניט געווען קיין בייזער קעניג. די סטירעדזש פאסאזשירען זיינען געווען אזוי אָפּהענגיג אָן איהם, אז זיי האָט זיך געדאכט דאָס אין זיינע הענט ליגט זייער שיקזאל איבערהויפּט דער שיקזאל פון די קראנקע און הילפלאָזע.

די ניט־אינטעליגענטע רייזענדע האָבען געהערט, אז מען רופט איהם „מיסטער", האָבען זיי געמיינט אז דאָס איז זיין נאָמען. איך האָב זיי ערקלערט, אז דאָס הייסט נאָר „הערר", אָדער „גאָספּאָדין"; עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. אפילו, ווען ער איז ניט געווען דערביי, פלעגען זיי איהם אויך רופען

*) דער פאַמיליען נאָמען פון דער פּאָר פּאָלק איז געזוען חיימאָוויטש, אָבער אין אַמעריקא האָבען זיי דאָס געענדערט אויף „הימאָוויטש". פילע יאָהרען זיינען אַוועק און עד תיום, ווען מיר באַגעגענען זיך דערמאָנט זי מיר יענע „לימענעס" און דאנקט מיר פאַר זיי.

„מיסטער“ : „איך וועל זאָגען מיסטער'ן“, אָדער „דער שוואַרץ יאָהר ווייסט איהם, מיסטער'ן“.

דיזער „מיסטער“ איז געווען מיין ערשטער לעהרער אין דער ענגלישער שפּראַך. איך פלעג איהם אָנווייזען אויף אַ וואָרט אין מיין ווערטערבוך אָדער „זעלבסט־לעהרער“, און ער פלעגט מיר ווייזען ווי מען דאַרף דאָס אויסריידען. עס איז מיר ניט לייכט געווען איהם נאָכצוזאָגען. ווארים די ענגלישע תנועות האָבען ביי מיר געהאַט אַן אונבאַשטימטען קלאַנג, עפּעס גאָרניט ווי אין אַ מענשליכער שפּראַך. אַ „קמץ“ איז קיין קמץ ניט, אַ „פּתח“ קיין פּתח ניט. און „מיסטער'ס“ אויסשפּראַך האָט אַפילו מיט מיין בוך אויך ניט געשטימט. איך וויין איהם אַ וואָרט, און ווען ער לעזט איהם איבער, קומט גאָר ארויס אַנאַנדער וואָרט—אַזוי האָט דאָס אויסגעזעהען. יעדעס מאָל פלעג איך ערשטוינט ווערען. איך פלעג אויף שפּאַס זאָגען, אַז איך שרייב אויף „בנימין“ און ער לעזט דאָס „יאַנקעל“.

דאָך האָט מיסטער מיר פיל נוץ געבראַכט. די שיף איז נעגאַנגען דרייצעהן טעג, און יעדען טאָג האָב איך עפּעס געלערנט פון איהם.

ווען ער האָט געדאַרפט עפּעס זאָגען צו אַן עמיגראַנט, פלעגט ער איהם צופיהרען צו מיר און אויפשרייבען די ווערטער, און איך פלעג דעם פּשט אויפזוכען אין מיין ווערטערבוך. דאַן פלעג איך ערקלעהרען דעם עמיגראַנט וואָס ער וויל. פאַרקעהרט, ווען אַן עמיגראַנט פלעגט עפּעס וועלען בעטען ביי איהם, פלעג איך די ווערטער אויסזוכען אין דער רוסיש־ענגלישער טייל פון מיין ווערטערבוך און דאָס איהם ווייזען*).

אין פאַרלויף פון אונזער רייזע אויפ'ן שיף איז געווען שבועות. דער יום־טוב איז אין מיין זכרון פאַרבונדען מיט דעם

*) אין שפּעטערע יאָהרען, ווען איך האָב געשריבען ערצעהלונגען אין אַמעריקאַנער זשורנאַלען, האָב איך דיזען צוזאַמענריידען זיך מיט דער הילף פון אַ ווערטער־בוך אויסגענוצט אין איינער פון מיינע סקיצען („דמיטרי ענד זיגריד“, אין דעם „קאָסמאָפּאָליטאַן“ פון מאַרטש 1901).

געשטאַלט פון אַ געזונטען בלאָנדען יונג, אַן אָדעסער, מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ געשאָרענער געלער בערדעל. געוועהנליך איז ער געווען אַ לוסטיגער, און פון זיין מויל זיינען אָפּט אַרויסגעקומען אונאַנשטענדיגע רייד. פּלוצלונג זעה איך ווי ער שטעהט מיט אַ סדור אין האַנט און דאַווענט. איך האָב אויך באַמערקט, אַז ער איז אויסגעפּוצט. ער האָט געזעהן, אַז איך קוק אויף איהם. ווען ער איז אויסגעגאַנגען שמונה עשרה, האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אַ סעריעזער מינע:

— גוט יום טוב! ס'איז דאָך שבועות. מ'איז דאָך אויפ'ן וואַסער. אַלץ קען טרעפען....

דעם קאַפּיטאַן פון שיף געדענק איך ניט. זיינע אָפּיצירען אויך ניט. איך געדענק נאָר אַן אַלטען מאַטראָז, וועלכער פלעגט שטעהן אויבען אויפ'ן בריק פון שיף און באַטראַכטען דעם וועטער; מיט דער אויסערליכער זייט פון האַנט צוגעלעגט צום שטערען און מיט די אויגען אַנגעשטעלט אויף דער ווייטענס, פלעגט ער קוקען און קוקען. דאָס פלעגט מיך באַצויבערען. ער פלעגט קוקען אויפ'ן הימעל און איך אויף איהם. צעהן אָדער פופצעהן מינוט נאָכאַנאַנד פלעג איך שטעהן ווי אַ צוגעשמידטער, ניט אָראָפּלאָזען די אויגען פון איהם. איך פלעג אָבער אַ סך מעהר קוקען אויפ'ן ים.

ווען מען איז צוגעוואוינט געוואָרען צו דער טרייסלעניש פון דער שיף און צו דעם ריח פון דעם דריטען קלאַס — צו דעם פאַרשטיקטען, געזאַלצענעם, שרעקליכען ריח פון דעם קעלער, וואָס מען האָט גערופען „סטירעדזש"; ווען די קראַנקע זיינען געזונט געוואָרען, און ז'יי זיינען אַרויסגעקראָכען פון די פלאַכע הילצערנע קעסטלעך, וועלכע מען האָט גערופען בעטען, — פלעגט דער עולם גאַנצענע טעג זיצען אויפ'ן „דעק".

ס'פלעגט מיר ניט מיאוס ווערען צו קוקען אויף די כוואַליעס און אויף דעם ענדלאָזען שטח וואַסער אין אַלגעמיין. שטונדען־ווייז פלעג איך שטעהן ביי דעם פאַרענטש פון שיף און קוקען, קוקען, קוקען. ווי אַ פאַר'חלום'טער, ווי פון אַ כשוף אַ פאַרגליווערטער.

עס האָט זיך ניט געגלויבט, אז עס וועט ווען עס איז קומען אַן ענד צו דער וואסער.

אין דערהיים איז דער דניעפּר געווען דער גרעסטער טייך, וואָס איך האָב ווען עס איז געזעהן. איך בין איבער איהם געפאָהרען דריי טעג; אָבער די גאַנצע צייט האָבען זיך דאָך געזעהןביידע ברעגעס — דערפער, הייזער, מענשען. זייענדיג אין פּעטערסבורג, בין איך מיט סאָקאָלאָווס ברודער געפאָהרען אויף א פּאראכאָד קיין קראָנשטאדט און צוריק. יענער וואסער איז געווען א טייל פון ים, און ער האָט אויף מיר געמאַכט א גרויסען איינדרוק. אָבער דעם ברעג האָב איך געזעהן כמעט די גאַנצע צייט פון דער קורצער רייזע. און דאָ — שטונדען, און שטונדען און שטונדען זיינען אַוועק, און מעהר ווי וואסער האָט זיך ניט געזעהן. פון די שטונדען זיינען געוואָרען טעג. איין טאָג, אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער, אַ פינפטער, און אַרום און אַרום איז אַלץ ניטאָ קיין אַנדער זאַך ווי וואסער. צוערשט האָט זיך ניט געגלויבט, אז עס קאָן זיין אַזוי פיל וואסער. יאָ, עס האָט זיך אבסאָלוט ניט געגלויבט. און דערנאָך, אַז מען איז צוגעוואוינט געוואָרען, האָט זיך ניט געגלויבט, אַז צו דער וואסער וועט ווען עס איז קומען אַ סוף. עס האָט זיך ניט געגלויבט, אַז עס איז דאָ אַן אַמעריקא ערגעץ־וואו.

אין אָוונד, ווען דער הימעל איז געווען קלאָר, פלעגען מיר קוקען אויף די צויבער־פארבען פון דעם זון־אונטערגאנג — קוקען און אויסדריקען אונזער ענטציקונג.

שפּעטער, ווען די וואונדער־קאָלירען פלעגען ביסלעכווייז פארלאָשען ווערען, פלעגט דאָס הארץ אויסגעהן פון בענקעניש. מיר פלעגען זיך צוזאַמענקלייבען און זינגען רוסישע פאָלקס־לידער, די אומעטיגע, בענקשאַפטפולע נגונים פון גרויס־רוסישע אָדער מאַלאָרוסישע דערפער.

אַנדערע פון די פאסאזשירען, מייסטענס נאָרוועגער און שוועדען און אייניגע ענגלענדער, פלעגען זיך צוהערען צו אונזער געזאַנג. אָדער אַז ניט, פלעגען די ענגלענדער זינגען און מיר פלעגען זיך צוהערען. די נאָרוועגער האָבען מעהר געטאַנצט ווי געזונגען, און אָפט פלעגען מיר שטעהן אַרום און אַרום און

קוקען אויף זייערע פארלעך. איין פאר־פאלק פון די טאנצענדע זעה איך איצט ווי לעבעדיג. דער קאוואליער — א העל־בלאנדער נארוועג, האט געטראגען א פענסנע, וועלכע איז פון דעם טאנצען אלע ווײלע אראפגעפאלען פון זיין נאז. האטש־קענדיג זיך צום טאקט, האט ער איהם יעדעס מאל אויפגעכאפט, צוריק אנגעטאן אויפ׳ן נאז, אביסעל צוגעהאלטען מיט׳ן האנט, דערנאך איהם ווידער אפגעלאזען, ביז ער איז אראפגעפאלען, און ווידער איהם אויפגעכאפט.

.6

אמעריקא!

דעם געפיהל, מיט וועלכען דער עמיגראנט דערזעהט צום ערשטען מאל אמעריקאנער לאנד פון דער שיף (איבערהויפט נאך ווען ער איז אויפ׳ן ים אפגעווען דרייצעהן טעג), האב איך שוין באשריבען ביי אנאנדער געלעגענהייט*). איך וויל נאר זאגען, אז ווען די „בריטיש קוויען“ איז צוגעקומען נאהענט צום ברעג, און ס׳האבען זיך שוין דייטליך געזעהן קאלירען און פארמען פון יבשה, בין איך בוכשטעבליך פארגאפט געווארען. די גרינע ברעגעס באלויכטען מיט א גאלדענער זון, די גן־עדן׳שע בלויקייט פון וואסער און הימעל, די מאיאקען אויפ׳ן ים, די ליארעמדיגע קאמפאניעס ים־פויגלען — דאס אלץ האט אין מיין מוח צונויפגעשטעלט א בילד טאקי ווי פון א כשוף־וועלט. דער ענדלאזער ים האט מיך איבערראשט און באצויבערט; דאס צוקומען צום ברעג — נאך מעהר.

דער לעזער דארף ניט פארגעסען, אז ביי דעם היינטיגען עמיגראנט איז אמעריקע נים דאס זעלבע וואס זי איז געווען ביי אונז. ער האט דארטען א סך לאנדסלייט, קרובים, בעקאנטע. פון אמעריקא קומען אן מיליאנען בריף און הונדערטער געסט. וועגען אמעריקא הערט מען ניט אויף צו לעזען און צו ריידען. די לאנד איז שוין ניט קיין געהיימניס. מען האט אפשר וועגען

---

*) אין „דחי ראיז און דייוויד לעווינסקי“.

איהר ניט קיין ריכטיגען באגריף. מען ווייס אָבער וועגען איהר טויזענטער זאכען און מען איז פארבונדען מיט איהר דורך טויזענטער מענשען און פאקטען. זי איז א ווירקליכקייט. דאָס אַלץ איז אין יענע צייטען ניט געווען. א בריף פון אמע־ריקא איז געווען א מוזעאום־ארטיקעל, און א גאסט פון דאָר־טען — אן אונמעגליכקייט. אמעריקא איז אין אונזער איינביל־דונגס־קראפט געווען א געהיימניס אין דעם פולען זין פון דעם וואָרט.

ווי א טרוים־לאנד האָב איך זיך אמעריקע פריהער פאָרגע־שטעלט, און די בילדער וואָס האָבען זיך פאנאנדערגעוויקעלט פאר מיינע אויגען איצט, ווען די „בריטיש קווין" איז צוגע־שוואומען צו פילאדעלפיא, האָבען אויף מיר אויך אזא איינדרוק געמאכט.

די אמעריקאנער האָבען זיך אין מיין איינבילדונגס־קראפט פאָרגעשטעלט ווי הויכע שלאנקע מענשען, מיט געלע הויזען און הויכע קאפעלושען. פארוואָס עפּעס גראד אזוי, ווייס איך ניט, אפשר האָט אזוי אויסגעזעהן איינער פון די אמעריקאנער, וועגען וועלכען איך האָט ערגעץ־וואו געלעזען. איינער פון די ביכער וואָס מאכאָווער'ס אינגערער זוהן האָט מיר געבראכט פון דער מאָהילעווער ביבליאָטעק איז געווען א ראָמאן פון דעם אמעריקא־נער לעבען (אין א רוסישער איבערזעצונג), פון א שרייבערין מיט'ן נאָמען עטטא פיערם. אפשר האָט דער העלד פון דיזען ראָמאן אזוי אויסגעזעהן. יעדענפאלס האָט זיך ביי מיר צוזאַ־מענגעשטעלט אזא געשטאלט. אלזאָ, האָב איך איצט ערוואַרט צו זעהן אזעלכע מענשען.

פערטער קאפיטעל.

ווי אַ ניי־געבאָרענער.

1.

מיר טרעטען אויף אמעריקאנער ערד. — פילאדעלפיא. — אַ פעררי. — „קעסל־גארדען“.

דעם 6טען יוני זיינען מיר אָנגעקומען אין פילאדעלפיא.

דער באוואוסטזיין, אז איך בין אין אמעריקא, האָט אָנגע־פילט מיין גאנצען וועזען. איך בין ניט אויף דער געוועהנליכער וועלט, נאָר אין אמעריקא.

איך געדענק דעם געפיהל, מיט וועלכען איך האָב אין האפען דערזעהן אַ קאַץ.

„זעה, פונקט אזא קאַץ ווי ביי אונז“ — האָב איך שיער ניט אויסגערופען.

זי איז פאר מיר געווען אַ באווייז, אז אמעריקא איז די זעלבע וועלט, ווי רוסלאנד, עסטרייך, דייטשלאנד. עס איז מיר גרינגער געוואָרען אויפ'ן הארצען.

אונז האָבען אויפגענומען פאָרשטעהער פון דער „היברו אימיגראנט עיד סאָסייעטי“ (אידישע אימיגראנטען הילפס גע־זעלשאפט)*). דערביי זיינען אויך געווען עטליכע בעאמטע פון

---

*)די געזעלשאַפט האָט עקזיסטירט עטליכע יאָהר, און דאַן איז זי אונטערגעגאַנגען. מיט פילע יאָהרען שפעטער האָבען אונזערע רוסישע אימיגראַנטען געגרינדעט פונקט אַזאַ געזעלשאַפט, מיט דעם זעלבען נאָ־מען. זי איז באַקאַנט געוואָרען אונטער די ראשי תיבות „האיאס“. ווען דיזע ווערטער ווערען געשריבען, עקזיסטירט זי נאָך. זי איז גרויס און האָט ברענטשעס איבער גאַנץ אייראָפּא.

דער רעגירונג. קיינער האָט ניט געטראָגען קיין געלע הויזען און קיין הויכע קאַפּעלושען, און קיינער איז ניט געווען איבעריגס הויך.

מען האָט אונז אַרויפגעפיהרט אויף אַ צווייטען עטאַזש, אויסגעזעצט אַרום אַ לאַנגען טיש און געגעבען עסען. דער פּלאַץ האָט אויסגעזעהן ווי אַ גרויסער שטאַל, און די גאַנצע סצענע האָט מיר געשמעקט מיט צדקה און מיט קאַזאַרמע.

מען האָט אונז אַלעמען פאַרשריבען, און דאָס האָט מיין געמיט נאָך שווערער געמאַכט. ווי רעקרוטען ביי אַ רוסישען „פּריזיוו" באַהאַנדעלט מען אונז, האָב איך זיך געקלערט.

איך האָב געמאַכט אַ קאָלעקשאָן ביי די אימיגראַנטען צו געבען „מיסטער'ן" אַ מתנה.

ווען איך האָב זיך מיט איהם געזעגענט און צו איהם געזאָגט אויף ענגליש „גוד באַי"! האָב איך געפיהלט אַ בענקעניש נאָך דער שיף, אויף וועלכער מיר האָבען פאַרבראַכט נאָהענט פון צוויי וואָכען.

אין פילאַדעלפיא האָט מען אונז געהאַלטען ביז שפּעט אין אָוועגט. דאַן האָט מען אונז אַוועקגעפיהרט קיין ניו יאָרק, מיט'ן אייזענבאַהן; דיזער טייל פון דער רייזע איז פון מיין זכרון אויסגעמעקט. איך געדענק נאָר אַז מיר האָבען זיך עטליכע מאָל אָפּגעשטעלט און אַז ווען דאָס פאָהרען האָט זיך געענדיגט, האָט שוין געטאָגט. דאַן האָט מען אונז אַריינגעפיהרט אין אַ מין זאַל — אַ גרויסען, אַ הויכען, אַ שעהנעם. עס איז נאָך געווען פינסטערליך, און דער זאַל איז געווען זעהר העל באַלויכטען. אַ לאַנגע, לאַנגע רייהע מיט פענסטער, אינגאַנצען באַגאָסען מיט ליכט. ווי אַ צויבער פּאַלאַץ האָט עס מיר אויסגעזעהן. ווען דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעהויבען באַוועגען, בין איך איבעררַאשט געוואָרען. אַז דאָס רופט מען „פּעררי" האָב איך זיך דערוואוסט דערנאָך און כ'האָב זיך דערוואוסט, אַז „פּעררי" איז אַ פּאַראָם. ווען מען וואָלט דאַן ביי מיר געפרעגט ווי דאָס הייסט אויף רוסיש אָדער אויף אידיש, וואָלט איך ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. ווער האָט דאָס געקענט טרעפען, אַז די אָרימע

ברעט, וואס געהט מיט דער הילף פון א שטריק איבער דער ווילִיא אין ווילנע, און איבער דער דווינא אין וועליזש, טראגט דעם זעלבען נאמען, ווי דער שווימענדער פאלאץ.

אין פופצעהן מינוט ארום אונגעפעהר זיינען מיר צוגעקומען צו אן אנדער ברעג. מיר זיינען אנגעקומען אין ניו יארק.

מיר האבען אריינגעמארשירט אין דעם היסטארישען „קעסל גארדען“, וואו אימיגראנטען האבען זיך אפגעשטעלט אין פאר־לויף פון עטליכע צעהנדליג יאהר.

דאס איז ביי דער „בעטערי“ אויפ׳ן ברעג ים. היינט איז אין דער „קעסל־גארדען“ געביידע אן אקוואריום (א מוזעאום פון לעבעדיגע פיש). די גרויסע דאמף־שיפען, וואס געהען פון ניו יארק קיין אייראפא, שווימען פארביי ניט ווייט פון דיזער געביידע.

אין יענע יאהרען פלעגט מען דעם אימיגראנט לאנג ניט פארהאלטען. מען פלעגט איהם פארשרייבען און ארויסלאזען. קיינע געזעצען, וואס זאלען באשרענקען אימיגראציע, זיינען דאן נאך ניט געווען. די אימיגראנטען וואס האבען ניט געהאט וואו צו געהן, פלעגען בלייבען אין „קעסל גארדען“ ביז זיי האבען זיך געפונען אן אנדער פלאץ. זיי זיינען אבער אימער געווען פריי צו געהן וואו זיי האבען געוואלט.

2.

אימיגראנטען־קאמיטעט.

אויף סטייט סטריט, גלייך אנטקעגען „קעסל־גארדען“, איז געווען די הויפט קווארטיר פון דער „היברו אימיגראנט עיד סאסייעטי“. איך געדענק מיין ערשטען באזוך דארטען. אן אמע־ריקאנער איד האט מיט מיר גערעדט אויף דייטש, וועלכען ער האט געבראכען אויף זיין שטייגער, און איך אויף מיינעם. מיר האבען זיך ניט קלאר פארשטאנען און מיר זיינען געבליבען אונצופרידען איינער מיט׳ן אנדערען. איך בין אוועק מיט דער מיינונג, אז יענער איז א הארצלאזער בורזשוא און ער איז ווארשיינליך געבליבען מיט דער מיינונג, אז איך בין א „ווילדער רוס“,

וואָרים אַזוי פלעגען זיי רופען אונזערע אימיגראַנטען הינטער די אויגען און אָפט אין די אויגען אויך.

מען דאַרף באַמערקען, אַז דאָס וואָס די רוסישע אימי־גראַנטען און די אַמעריקאַנער „יהודים“ האָבען זיך שלעכט פאַרשטאַנען, האָט געהאַט אַ סך צו טאָן מיט די באַציהונגען, וועלכע האָבען עקזיסטירט צווישען זיי. ווי איך האָב שפּעטער באַגריפען, זיינען צווישען די „יהודים“ געווען מענשען, וועלכע האָבען געהאַט אַ וואַרימען וואונש אונז צו העלפען זיך שטעלען אויף די פיס אין אַמעריקאַ. זיי זיינען געווען באַרייט צו אָפּפערען צייט און געלט פאַר אונז. די פּאָגראָמען האָבען אין זיי אַרויסגערופען אמת׳ע געפיהלען, און אויף דיזע געפיהלען איז געווען געגרינדעט זייער באַטייליגונג אין דער „סאָסייעטי“. זיי האָבען זיך אָבער ניט געקענט צוזאַמענרעדען מיט אונז. ניט נאָר די שפּראַך, אין דעם געוועהנליכען זין, איז אונז געשטאַנען אין וועג. דאָס וואָלט ניט געווען אַזוי געפעהרליך. פיעל וויכטיגער איז געווען דער אונטערשיעד צווישען די אינערליכע שפּראַכען. די באַגריפען און געוואוינהייטען זיינען ביי אונז געווען גאַנץ אַנדערע. מענשען מיט איידעלע הערצער און מיט די בעסטע אַבזיכטען האָבען באַליידיגט אימיגראַנטען, ניט וויסענדיג אַז זיי באַליידיגען זיי. עס זיינען אָבער געווען אַנדערע „יהודים“ אויך.

צווישען די סימפּאַטישע מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט איז געווען אַ הויך געבילדעטער מאַן, מיט אַן אינטערעסאַנטער פאַרגאַנגענהייט און מיט אַ נאָבעלען כאַראַקטער, אַ גייסטיגער אַריסטאָקראַט אין דעם שעהנסטען זין פון דעם אויסדרוק. איך מיין מיכאַיל האַלפּערין׳ען.

איהם איז צוצוקומען צו די הערצער פון די אימיגראַנטען שוין ניט געווען שווער. אויך איז אונז, אימיגראַנטען, ניט געווען שווער צו פאַרשטעהן וואָס פאַר אַ טייערע האַרץ זיין ברוסט טראָגט אין זיך. מען האָט איהם פּשוט פאַרגעטערט. נאָר ווענען איהם וועל איך דערצעהלען באַזונדער.

די ערשטע טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין אַמעריקאַ, האָב איך געהאַט ווײניג צייט זיך צו אינטערעסירען מיט דעם קאָמיטעט און זיינע פאַרשידענע מיטגלידער. איך בין געווען פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכען. פריהער פון אַלץ האָב איך געדאַרפט אויפזוכען די ווילנער סאָציאַליסטען. איך בין געווען אין א פיבער פון אונגעדולד מיט זיי זיך צו זעהן און צו הערען וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין ווילנא מיט די אַרעסטען.

אין ליווערפּול האָב איך געהערט, אַז זיי זיינען אַריינגעטראָטען אין דעם „קיעווער עם עולם". די הויפּט־קוואַרטיר פון דעם „קיעווער עם עולם" איז געווען אין גרינפּאָינט, א ווייטע טייל פון ברוקלין. האָב איך געקראָגען דעם אַדרעס מיט איינצעלהייטען ווי אַזוי צו פאָהרען (שפּעטער האָב איך זיך ערקונדיגט, אַז עס איז פאַראַן א קירצערער וועג), און איך האָב זיך גלייך אוועקגעלאָזען אהין. דעם טייך (איסט ריווער) בין איך אַריבערגעפאָהרען אויף א פעררי, און דערנאָך האָב איך זיך געזעצט אויף א „האָרס־קאַר" (דער ברוקלינער עלעווייטעד איז נאָך דאַן ניט געווען פאַרטיג). די קאַר איז געווען א צוויי־גאָרנדיגע און איך בין געזעסען אויף דעם אויבערשטען „עטאַזש"; געזעסען מיט מיין ליווערפּולער ווערטערבוך אין האַנד, געקוקט אויף די סאַינס און געזוכט דעם פּשט פון די ענגלישע ווערטער. דאָ האָב איך דאָס איבערגעלעזען „איצע קרעאַם". איך האָב זיך אָבער גלייך פאַרריכט: „אייס קרים", לויט די ערקלעהרונגען פון מיין זעלבסט־לעהרער.

3.

מיינע חברים פון ווילנא. — באַדאַנעס; מענאַקער.

ענדליך בין איך אָנגעקומען קיין גרינפּאָינט. ווען מיינע ווילנער חברים האָבען מיך דערזעהן, זיינען זיי אָנגענעהם איבערראַשט געוואָרען. די שמחה איז געווען גרויס פון ביידע זייטען. זיי האָבען וועגען מיין רייזע קיין באַגריף ניט געהאַט. ווי פון הימעל בין איך צו זיי אַראָפּגעפאַלען.

אפשר צוויי שטונדען זיינען מיר אָפּגעשטאַנען אין א

שואל באַדאַנעס (אין 1883).

קליינעם קאָרידאָר, דערצעהלענדיג זיך איינע די אנדערע וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיר אין ווע‏ליזש און מיט ז'י דאָרטען, אין ווילנא — וועגען די „אָביסקעס" און ארעסטען, וועגען זייער באשלוס צו עמיגרירען, און וועגען דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס זיי האָבען געפיהרט מיט פּאָרשטעהער פון דעם „קיעווער עם עולם".

זיי זיינען געקומען קיין אמעריקא (אויך קיין פילאדעלפיא) דעם 30טען מאַי, מיט א וואָך פריהער ווי איך.

פון אונזער געשפּרעך האָב איך זיך דערוואוסט, אז די ערוואַרטונגען וועגען קאָלאָניעס האָבען פּאָרלויפיג זיי געבראַכט ניט מעהר ווי ענטוישונגען און צווייפלען. אימיגראַנטען, וואָס זיינען מיט עטליכע מאָנאַט פריהער געקומען, האָבען געמאַכט פּראָבעס צו גרינדען אזעלכע קאָלאָניעס; אָבער די נאַכריכטען וועגען זיי זיינען געוועזען ניט קיין פרעהליכע. די האָפנונגען האָט מען אָבער ניט אויפגעגעבען.

איינער פון דער ווילנער גרופּע איז געוועזען שואל באדאנעס, א צווייטער — סאָלאָמאָן מענאַקער, און א דריטער — דער עלטערער פון די קאַספּע ברידער. צווישען די אנדערע זיינען געוועזען א פּאָר יונגע לייט, וועלכע האָבען אין ווילנא צו אונזער קרוזשאָק ניט געהערט, אָבער מיט וועלכע איך בין באקאַנט געוועזען, און עטליכע אידישע בעל־מלאכה'ס, וואָס זיינען „פּאַנאַנ־דערפּראָפּאָגאַנדירט" געוואָרען אויף דער פּאָהוליאַנקער קוואַרטיר נאָך מיין אוועקפאָהרען. איינער פון זיי, שפּיעז, איז געוועזען א ברודער פון מיין אמאָליגען חבר, הירשקע לעווענסאָן־שפּיעז, פון מאַלאַט. מיט דער ווילנער גרופּע איז אויך געקומען אלעקסאַנדער האַרקאַווי, דער היינט־באַריהמטער פּארפאַסער פון ווערטער־ביכער און לעהר־ביכער פון ענגליש פאַר אידישע אימיגראַנטען.

די ערשטע נאַכט, וואָס איך האָב פּאַרבראַכט אין אמעריקא, האָב איך גענעכטיגט אין „קעסל־גאַרדען". מענאַקער האָט מיך אהין אוועקגעפיהרט און ער איז מיט מיר דאָרטען געבליבען שלאָפען. דער געלעגער איז געוועזען אַ שרעקליכער און די לופט

א שרעקליכע — אזוי ווי טויזענד קעץ וואָלטען זיך דאָרטען אויפגעהאַלטען.

מיר האָבען כמעט די גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט אין שמועסען. פון דיזען געשפרעך איז ביי מיר אין זכרון פארבליבען א קליינינקייט, וועלכע איז זעהר כאַראַקטעריסטיש.

לעבען אונז זיינען געלעגען צוויי פוילישע אידען און זיי האָבען אויך געשמועסט.

— פוילישע, — האָב איך באַמערקט צו מענאַסער'ן, הערענדיג זייער אויסשפּראַך, — און וואָס זיינען מיר, ווייסטו?

— ליטוואַקעס, — האָט ער געענטפערט מיט א שמייכעל אין זיין טאָן.

איך האָב, נאַטירליך, געוואוסט, אז אין פוילען און אין וואָהלין רופט מען אונז „ליטוואַקעס", און אין סאַלאַמינקע, לעבען קיעוו, האָט מען דאָס מיר געגעבען צו פיהלען. איך בין אָבער נאָך ניט געווען צוגעוואוינט צו דעם וואָרט. אז איך בין א „ליטוואַק" איז מיר אויסגעקומען קאָמיש. אין ווילנא בין איך קיינמאָל קיין ליטוואַק ניט געווען...

.4

דער אידישער קוואַרטאַל אין ניו יאָרק אין אַלגעמיין.

מיין ערשטער באַזוך אין אידישען קוואַרטאַל איז געווען אין א נאַכמיטאַג. איך בין אריינגעקומען אויף איסט־בראָדוויי. עס איז געווען פאַרנאַכטלעך. אויף אייניגע פון די סטופּס זיינען געזעסען אידען. א פּאָר פון זיי זיינען געווען עלטערע מענשען, מיט ווייסע בערד און מיט יאַרמולקעס אויף די קעפּ. איך האָב זיך דערפיהלט ווי אין דערהיים.

דער אידישער קוואַרטאַל איז דאַן געווען זעהר קליין. אויף איסט־בראָדוויי האָבען זיך געפונען סטאָרס, וואו אידישע קאַסטאָמער־פּעדלער האָבען געקויפט די סחורה, וואָס זיי האָבען גענעבען זייערע קאַסטאָמער, מייסטענס קריסטען, ווייסע און שוואַרצע, אויף־אויסצאָהלען. אַזעלכע סטאָרס זיינען אויך געווען אויף קאַנעל סטריט. אין דיזער באַציהונג קען מען זאָגען, אז די

צוויי סטריטען האָבען זיך פון דאן אָן ניט געענדערט, הגם אין אנדערע פּרטים האָבען זיי זיך שטארק געענדערט.

ווייטער אויף איסט בראָדוויי, ביי קלינטאָן, מאָנטגאָמערי, האָבען דאן געוואוינט ווייניג אידען. און מיט עטליכע יאָהר פריהער איז דאָס געווען אַן עכט אמעריקאנישע סטריט, אַן אריסטאָקראטיש־אמעריקאנישע זאַגאר. ווען איך בין געקומען, איז דער עלטערער ווילליאם וואנדערבילט געווען דער גרעסטער מיליאָנער אין אמעריקא, און מיט א פּאָר צעהנדליג יאָהר פריהער, ווען ער האָט חתונה געהאט, איז זיין ערשטע דירה געווען אויף איסט בראָדוויי. דער מעיאָר פון ניו יאָרק האָט דאָרטען געוואוינט מיט א גאַנץ קורצער צייט פאר מיין קומען. איבערי־גענס, האָט דער מעיאָר פון ניו יאָרק זעלטען געהערט צו דער „אריסטאָקראטיע".

מיליאָנערען, דאָלאר־יחסנים, זיינען אין אמעריקא נאָך דאן איבערהויפּט געווען כמעט א נייע זאך. פאר דער מלחמה צווישען צפון און דרום, איבער דער נעגער פראגע, איז דער עולם מייסטענס באשטאנען פון פארמערס און מיטעלע און קליינע געשעפטס־לייט. גרויסע פאבריקען זיינען נאָך ניט אויסגעוואקסען, און ריזיגע גרויסע שטעדט אויך ניט. די אינדוסטריע און דער האנדעל, און צוזאמען מיט זיי די גרויסע שטעדט, האָבען זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען ערשט נאָך יענער מלחמה, אין די זעכציגסטע יאָהרען. די ענטוויקלונג איז אָבער געגאנגען אונגעהייער שנעל. מיט א יאָהר זעכציג, זיבעציג צוריק איז אמעריקא געווען א מדינה פון שטעדטלעך און דערפער, א נאציאָן אָהן גרויסע גבירים און מיט ווייניג אָרימע לייט. היינט גלויבט זיך דאָס קוים.

ווען דיזע שורות ווערען געשריבען איז די העכסטע געביידע אין ניו יאָרק א 53 עטאזשיגער מויער, און מויערען פון דרייסיג אָדער עטליכע און צוואנציג עטאזשען זיינען אין ניו יאָרק, שיקאגאָ, פילאדעלפיא און צעהנדליגע אנדערע אמעריקאנער שטעדט א גאנץ געוויינליכע זאך. ווען איך בין געקומען, איז

די העכסטע געביידע אין ניו יאָרק (און אין גאַנץ אַמעריקא) באַשטאַנען פון אַכט עטאַזש.

לאָמיר זיך אומקערן צו דער אידישער איסט בראָדוויי און די אַרומיגע גאַסען, ווי איך האָב זיי געפונען. אויף הענרי סטריט האָבען געוואוינט נאָך וויניגער אידען ווי אויף איסט בראָדוויי. נאָך וויניגער האָבען זיך געפונען אויף מעדיסאָן סטריט; און אויף מאָנראָו סטריט זיינען אידען גאָר געווען א זעלטענהייט. אויף טשערי סטריט זיינען אַבסאָלוט קיין אידען ניט געווען.

פון דער אַנדערער זייט, איז דער קוואַרטאַל נעגאַנגען ביז דעלענסי סטריט, און אפילו ביז דאָרטען איז אויך די באַפעל־קערונג געווען שטאַרק געמישט. דאָרטען האָבען געוואוינט א סך איירישע און א סך דייטשען. אויף גרענד סטריט האָבען זיך געפונען צוויי קאַפעס, האָט איינע באַלאַנגט צו א דייטש און די צווייטע צו א פראַנצויז. קיין אידישע קאַפעס און רעסטאָראַנען זיינען נאָך דאַן ניט געווען. אויף גרענד סטריט, צווישען עלען און אָרטשאַרד, איז געווען א באַריהמטע דעפּאַרטמענט סטאָר, רידלי'ס, וואוהין אַמעריקאַנער פלעגען קומען קויפען פון פאַרשידענע טיילען פון דער איצטיגער גרייטער ניו יאָרק. אויף גרענד סטריט, ניט ווייט פון עלען, איז געווען א באַריהמטע סטאָר פון לאָרד ענד טיילאָר, א פירמע וועלכע איז איצט גוט באַקאַנט מיט איהר סטאָר אויף דער פינפטער עוועניו, ביי דער 39טער סטריט.

אויף העסטער סטריט פלעגען זיך פאַרזאַמלען אידישע שניידער (שאַפּ אַרבייטער), און אהין פלעגען קומען קאָנט־ראַקטאָרס אָדער „באָסעס" נעהמען זיי צו דער אַרבייט. א מאַרק אויף אָפּערייטאָרס, בעיסטערס, „האַלבע בעיסטערס", פינישערס, בינלערס. דאַן האָט מען דעם פּלאַץ גערופען „חזיר מאַרק". מיט עטליכע יאָהר פריהער איז העסטער סטריט געווען באַוואוינט פון דייטשען און איירישע. ווען איך בין געקומען, איז דער צענטער פון דעם אידישען קוואַרטאַל געווען צווישען איסט בראָדוויי און גרענד סטריט און צווישען סאָפאָלק און עלען.

סאלאמאן מענאקער.

עס איז אויך געווען א צווייטער צענטער, א קלענערער — עטליכע מינוט גאנג פון איסט בראָדוויי — באיארד סטריט און מאטט סטריט (אויף יענער זייט פון דער באוערי). זיי זיינען גע־ווען פול מיט אידען, און מיט עטליכע יאָהר פריהער איז דאָס געווען כמעט דער גאנצער אידישער קווארטאל.

דער מיטעל־פונקט פון דעם אידישען קווארטאל איז געווען אָנגעפּאקט מיט אידען. ער האָט זיך אָבער געצויגען ניט ווייטער ווי דריי, העכסטענס פיער, בלאָק אין אירגענד וועלכער זייט. צום איסט ריווער צו האָבען געוואוינט איירישע, און אפּטאון צו, אויף האָוסטאָן סטריט, איז שוין געווען דייטשלאנד. אויף דער צווייטער עוועניו און אויף די זייטיגע גאסען זיינען די סטופּס אין די זומער אָווענדען געווען פול מיט דייטשע מענער, פרויען און קינדער. די סאינס זיינען דאָרטען געווען אויף דייטש און אויף ענגליש. און דער כאראקטער פון די סטאָרס איז געווען אַן עכט־דייטשער: ביער־האלעס, דעליקאטעסען־סטאָרס, דייטשע גראָסערים און דאָ און דאָרטען א דייטשע בוך־קרעמעל. אויף די גאסען און אין די טרינק־פּלעצער האָט מען גערעדט דורכאויס דייטש; מען איז געזעסען אויף די סטופּס און געלעזען דייטשע צייטונגען.

די באוערי איז געווען א סך מעהר באוערי ווי זי איז איצט. איך ברויך דעם נאָמען ווי ער איז באקאנט אין גאנץ אמעריקא, לויט דעם באריהמטען אלטען כאראקטער פון דער סטריט. דאָרטען האָבען זיך אויפגעהאלטען די געפערליכסטע פארברע־כער און אויסוואורפען פון שטאָדט. אויף די סאידוואָקס פלעגען ארומשפּאצירען אונאנשטענדיגע פרויען פון דעם אָרימערען סאָרט. די צוויי, דריי גאסען, וואָס געהען נעקסט צו דער באוערי, קריסטי סטריט און פאָרסייטה סטריט, און טיילווייז עלדרידזש סטריט, זיינען דאן אין די אָווענדען אויך געווען אונאנשטענדיגע גאסען. אידען האָבען דאָרטען געוואוינט ווייניג. איצט איז א היבשע טייל פון קריסטי סטריט באוואוינט פון איטאליענער; דאן זיינען קיין איטאליענער דאָרטען ניט געווען (אין ניו יאָרק זיינען דאן איבערהויפּט געווען ווייניג

איטאַליענער). דאָרטען האָבען געוואוינט איירישע, דייטשען און אַמעריקאַנער.

קיין עלעקטרישע קאַרס זיינען נאָך דאַן ניט געווען. עס פלעגען נעהן האָרס־קאַרס. אויף איסט בראָדוויי איז געווען אַ קליינע בלויע קאַר מיט איין פערדעל און מיט אַ דרייווער, וועלכער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ קאָנדוקטאָר אויך. מען פלעגט אריינוואַרפען אַ ניקעל אין אַ גלעזערנער פּושקע און דער קוטשער, זיצענדיג פון דרויסען, ביי די פערד, פלעגט זעהן, צי עס איז פינף סענט. אויב איהר האָט געדאַרפט טשיינדזש, האָט זיך געעפענט אַ טירעלע און ער האָט אייך געגעבען אַ קאָנווערטעל מיט קליינגעלד פאַר אַ דאָלאַר, פאַר אַ קוואָדער אָדער פאַר צעהן סענט. טאָמער האָט אימיצער געפּרופט פאָהרען און ניט באַצאָהלען, פלעגט דער דר־ייווער־קאָנדוקטאָר אָפּשטעלען די קאַר.

דער עלעווייטעד איז אין ניו יאָרק שוין דאַן געגאַנגען, און מיין ערשטע ערפאַהרונג מיט איהם האָט באַוויזען, אַז איך בין נאָך „גאָר אַ גרינער“. דאָס איז געווען אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך מיין קומען. איך געדענק ניט וואו איך האָב געדאַרפט פאָהרען; איך בין ארויף, באַצאָהלט דעם ניקעל און באַקומען מיין טיקעט; אָבער וואָס צו טאָן מיט איהם, האָב איך ניט געוואוסט. האָט מיר דער „טיקעט־טשאָפּער“ אָפּגעשטעלט און געוויזען מיט'ן פינגער, אַז איך דאַרף דאָס אַריינוואַרפען אין דער גלעזערנער קעסטעל, לעבען וועלכען ער איז געשטאַנען. האָט ער אָבער אַזוי מאָדנע געמאַכט מיט'ן פינגער, אַז איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט (וואָרים ביים אָנווייזען מיט'ן פינגער האָט אַן אַמעריקאַנער אויך אַנאַנדער „אַקצענט“ ווי אַ ווילנער איד). דאַן האָט דער „טיקעט־טשאָפּער“ מיך גענומען פאַר'ן האַנט און איהר גענומען טרייסלען איבער'ן קאַסטען. זיין מיין איז געווען אריינצוטרייסלען דעם טיקעט. איך האָב איהם אָבער אַלץ ניט פאַרשטאַנען. איך האָב געמיינט, אַז ער מאַכט חוזק פון מיר און איך האָב דעם טיקעט צוגעהאַלטען מיט אַלע כחות. ענדליך האָב איך פאַרשטאַנען.

קיין סאָבוועיס זיינען נאָך ניט געווען (פאַרבייגעהענדיג וויל איך באַמערקען, אַז וועגען אויטאָמאָבילס, פאָנאָגראַפס און

מואווינג־פּיקטשורס האָט זיך נאָך דאַן אויך קיינעם ניט געַ'חלום'ט. טעלעפאָנען זיינען אָבער שוין יאָ געוועזן, הגם זיי זיינען ניט געוועזן אַזוי אַלגעמיין פאַרשפּרייט ווי איצט). דער ברוקלין ברידזש איז שוין געוועזן פאַרטיג. ער איז אָבער נאָך ניט געוועזן אָפען. מען האָט איהם געעפענט אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי איך בין געקומען. די אַנדערע דריי בריקען איבער'ן איסט ריווער זיינען נאָך ניט געוועזן.

די שטאָדט האָט מיר אויסגעזעהען זעהר גרויס; אָבער אין פאַרגלייך מיט דער היינטיגער ניו יאָרק איז זי געוועזן קליין — ניט מעהר ווי אַ דריטעל אפשר. און אַזוי ווי די העכסטע געביידע האָט געהאַט אכט עטאַזש, איז די שטאָדט געוועזן אַ קאַרליק אין פאַרגלייך מיט דעם ריעז, וועלכער הייסט היינט ניו יאָרק. זי איז איבערהויפּט געוועזן גאַנץ אַנדערש. פּאַריז און לאָנדאָן בייטען זיך כמעט ניט. ניו יאָרק האַלט שטענדיג אין בייטען זיך. ניט נאָר וואַקסט זי אימער, נאָר מען האַלט איהר שטענדיג אין רייסען, בויען און ענדערען.

אַרום דעם ברוקלין־ברידזש און אויף בראָדוויי, ביי פולטאָן סטריט, איז צווישען פינף און זיבען דעם זייגער נאָכמיטאָג דער סציסק געוועזן אונגעהייער גרויס. אַזעלכע געדיכטע, האַסטיג־שטראָמענדע מאַסען האָב איך נאָך אויף מיין לעבען ניט געזעהן. דאָס זיינען אָבער געוועזן די איינציגע פּלעצער אַזעלכע. די אַנדערע צענטערס פון פאַרקעהר זיינען געוועזן אַ סך קלענער, און אַזעלכע צענטערס זיינען דאַן געוועזן וועניגער ווי היינט.

5.

דייטשע, ליטווישע און פּוילישע אידען. — דער כאַראַקטער פון דעם אידישען קוואַרטאַל. — די רובינשטיין קעים.

איך וועל דעם לעזער אַביסעל באַקאַנט מאַכען מיט דעם כאַראַקטער פון דער דאַמאַלסדיגער אידישער באַפעלקערונג אין ניו יאָרק.

אין דעם אידישען קוואַרטאַל האָבען געוואוינט ניט נאָר רוסישע און פּוילישע אידען, נאָר אויך אַ געוויסע צאָהל דייטשע

„יהודים"; פילע פון זיי זיינען געווען פון פויזען, דער פוילישער טייל פון דער דאמאָלסדיגער דייטשלאנד, און זייער מוטער־שפּראך איז געווען דייטש. אנדערע אידען זיינען געווען פון דייטשלאנד גופא. פילע פון דעם יונגען דור זיינען געווען אמעריקאנער געבאָרענע. מיט עטליכע יאָהר פריהער האָבען כמעט אלע „יהודים" פון ניו יאָרק געוואוינט אין דעם אידישען קווארטאל. אין מיין צייט האָבען די רייכערע פויזנער און דייטשע אידען שוין געוואוינט אפּ־טאון. פון דעם מיטעל־קלאַס אָבער האָט א היבשע ביסעל זיך נאָך געפונען ארום איסט בראָדוויי.

אונגעפעהר א יאָהר, אָדער צוויי, נאָכדעם ווי איך האָב אימיגרירט, האָט מען אויף איסט בראָדוויי געעפענט א ברענטש פון דער „יאַנג מענס היברו אסאָסיאיישאָן" (דער הויפּט אנשטאלט איז געווען אפּ־טאון). א היבשער טייל פון די מיטגלידער איז באשטאנען פון אמעריקאנער־געבאָרענע אידישע באָים, קינדער פון דייטש־אידישע אימיגראנטען. דיזע אלע באָים האָבען געוואוינט אין דעם געגענד פון איסט בראָדוויי און גרענד סטריט.

היינט איז א דייטשער „יהודי" אין דעם אידישען קווארטאל אן אונמעגליכע ערשיינונג. דאן אָבער האָבען מיר דאָרטען געהאט א סך „יהודים". כמעט אלע קלענערע סטאָרס אויף גרענד סטריט, און עטליכע פון די גרויסע, זיינען געווען אין זייערע הענט. לאנג זיינען זיי אָבער אין אונזער קווארטאל ניט פארבליבען. ווען עס האָט זיך אָנגעפאנגען די גרויסע עמיגראציע פון רוסלאנד, האָבען זיי גענומען ביסלעכווייז אוועקמופען ווייטער אפּ־טאון (ס'איז מיר איבעריג צו באמערקען, אז דער אפּ־טאון האָט דאן גאנץ ווייט אין די נומערירטע סטריטען ניט דערגרייכט. די פופציגסטע סטריט האָט שוין געהייסען ווייט אפּ־טאון; ארום דער הונדערטער סטריט האָבען זיך געצויגען פרייע פעלדער). אָבער זייער אוועקמופען האָט צו אונזער קומען קיין שייכות ניט געהאט. אז מען ווערט רייכער מופט מען אפּ־טאון, אזוי געהט דאָס עד היום.

איך האָב שוין באמערקט, אז אין די פריהערדיגע יאָהרען

זיינען פון רוסלאנד קיין אמעריקא געפאָהרען גאנץ ווייניג אידען. די אויסנאהמען זיינען געווען אידען פון דער סואוואלקער און קאלישער (גרוים פוילישער) גובערניע. ווען איך בין געקומען קיין ניו יאָרק, זיינען די סואוואלקער אידען געווען דער עיקר פון דער אידישער באפעלקערונג אויף דער איסט סייד. וואו מען איז געשטאנען און וואו מען איז געגאנגען, האָט מען באגעגענט אידען פון סואוואלק אָדער פון די קלענערע שטעדט פון יענער גובערניע. כמעט אלע פעדלער און קאסטאָמער־פעדלער זיינען דאן געווען פון יענעם געגענד, און די סטאָר־קיפּערס פון איסט בראָדוויי און קאנעל סטריט, וועלכע האָבען פארקויפט קליידער, טוך, פוירניטשור אָדער דזשועלערי צו קאסטאָמער־פעדלער, זיינען מייסטענס געווען פון דער זעלבער גובערניע.

אידישע ארבייטער זיינען אין ניו יאָרק געווען ביי דרייסיג אָדער פערציג טויזענד. זיי האָבען זיך מייסטענס באשעפטיגט מיט שניידעריי ביי מענער־קליידער. קלאָוקמאכער זיינען אויך געווען, אָבער פארהעלטניסמעסיג ניט קיין סך. די גאנצע קלאָוק טרייד איז נאָך דאן געווען ניי אין אמעריקא. מיט עטליכע יאָהר פריהער פלעגט מען די בעסערע קלאָוקס אימפּאָרטירען פון דייטשלאנד. די געוועהנליכע אמעריקאנער פרויי פלעגט טראָגען א שעהנע פאטשיילע. די ערשטע קלאָוק־שעפּער זיינען געגרינדעט געוואָרען פון דייטשע יהודים, וועלכע זיינען קיין שניידער קיינמאל ניט געווען. זיי זיינען געווען די באלעבאטים פון דעם טרייד און זיינען אין דיזער ראָלע געבליבען א היבשע צייט נאָך מיין קומען. די קלאָוק ארבייטער אָבער — שניידער, אפּערייטאָרס און פּרעסערס — זיינען געווען אידען פון ליטע און פון פוילען.

צווישען די מענער־שניידער האָבען זיך געפונען א סך אידען פון גרוים־פוילען. שניידער־ארבייטער פון סואוואלקער גובערניע זיינען אויך געווען, אָבער ווייניגער.

אינטעליגענטע אידען זיינען צווישען די פריהערדיגע רוסישע און עסטרייכישע אימיגראנטען געווען זעהר ווייניג. כמעט גאָרניט. צווישען די סואוואלקער אימיגראנטען האָט זיך געפונען

אביסעל גמרא אידען. אין די פעדלער־סטאָרס אויף איסט בראָדוויי און קאַנעל סטריט פלעגט מען ניט זעלטען הערען א שמועס איבער א שטיקעל גמרא אָדער וועגען א לשון קודש׳דיגען ביכעל. דאָס איז געווען די גייסטיגע אריסטאָקראַטיע פון דעם אידישען קוואַרטאַל.

זייערע קינדער האָבען ־יזע אידען געשיקט אין פּאָבליק סקול; זעלטען העכער. אין דעם סיטי־קאַלעדזש אין ניו יאָרק האָבען זיך דאַן געפונען א היבשע ביסעל אידען. אָבער דאָס זיינען מייסטענס געווען דייטשע יהודים, ניט קינדער פון אונזערע אידען, ווי דאָס איז איצט. וואָס אנבאַטרעפט האַי־סקולס, האָבען זיי דאַן אין ניו יאָרק איבערהויפּט ניט עקזיסטירט. און ווען זיי וואָלטען יאָ געווען, ווייס איך ניט צי די דאַמאָלסדיגע אידישע אימיגראַנטען וואָלטען אהין געשיקט זייערע קינדער אין א באַדייטענדער צאָהל.

די קינדער האָבען גערעדט ענגליש. אידיש כמעט גאָרניט. געגאַנגען אין סקול און דערנאָך זיך גענומען צו ביזנעס.

וועגען דעם דורשט נאָך העכערער בילדונג, וועלכער איז איצט אַזוי פאַרשפּרייט אין די אידישע קוואַרטאַלען פון אַמעריקא, האָט מען דאַן געוואוסט אין א פיל קלענערער מאָס ווי היינט. דער קוואַרטאַל האָט זיך געפונען אונטער דער גייסטיגער הערשאַפט פון אן אַלט־מאָדישער אידישקייט, געמישט מיט א ניט־געבילדעטען אַמעריקאַניזם.

עס איז פאַרשפּרייט אן איינדרוק, אַז די ערשטע אידישע אימיגראַנטען זיינען הויפּטזעכליך געווען פאַרברעכער, וועלכע האָבען געמוזט פון דערהיים אנטלויפען אום אויסצומיידען א קרימינעלען פּראָצעס. דאָס איז אונגעהייער איבערטריבען. אַזעלכע חברה האָב איך יאָ געפונען, דאָס זיינען אָבער געווען צוואַוואָרפענע איינצעלנע פאַלען. די גרויסע, גרויסע מאַיאָריטעט אידען, וועלכע זיינען געקומען אין די זיבעציגער יאָהרען און נאָך פריהער, זיינען געווען עהרליכע פּראָסטע מענשען, זעהר אונוויסענדע, מיט א מינאָריטעט פון גמרא אידען.

מען מוז אויך צולייגען דאָס פאָלגענדע: איינינע פון די

היימישע פארברעכער האָבען אין אמעריקא, אונטער די נייע אומשטענדען, גענומען פיהרען אן אנשטענדיגען לעבען. עס האָט אָבער אויך אָפט געטראָפען א פארקערטער פאַל: מענשען, וואָס זיינען אין זייערע געבורטס־פלעצער געווען אנשטענדיג, זיינען דאָ געוואָרען שווינדלער. אזעלכע זאכען פּאַסירען אָבער איבער דער גאנצער וועלט, אפילו אונטער געוויינליכע אומ־שטענדען, א פּשיטא שוין דאָ וואו אלץ איז אנדערש ווי אין דערהיים, און וואו מען איז אָפּגעזונדערט פון משפּחה, און איבערהויפּט פון מענשען, מיט וועלכע מען איז אויסגעוואַקסען צוזאמען.

ווען איך בין געקומען אין אַמעריקא, איז נאָך דאָ פּריש געווען א סענסאציע מיט איינעם א רובינשטיין, א דזשועלרי פּעדלער, פון קאָוונער גובערניע, וועלכער איז באגאנגען א מאָרד. ער האָט, נעמליך, געטויט זיין פלימעניצע, כדי צו פארבאָרגען די אינטימע פארהעלטניסען, וואָס ער האָט מיט איהר געהאַט.

רובינשטיין איז געווען א פרומער איד, אן אונגעוועהנליך פרומער. מיט דעם האָט ער געהאט א שם אין דעם גאנצען אידישען קווארטאַל.

זיינע פארהעלטניסען מיט זיין פלימעניצע האָבען זיך געענדיגט מיט דעם, וואָס ער האָט איהר אוועקגעפיהרט אין דעם איצטיגען בראָנזוויל (דאן איז דער געגענד באַשטאנען פון לאָנקעס און פעלדער) און האָט איהר געקוילעט מיט א מעסער, פון דעם סאָרט וועלכען ציגארען־מאכער געברויכען ביי זייער ארבייט.

אויסגעזאָגט האָט ער איינענטליך אליין. ער האָט דערצעהלט, אז די מיידעל איז איהם געקומען צו חלום און איהם געזאָגט, אז איהר טויטער קערפּער ליגט דאָרטען און דאָרטען (אפשר האָט ער מורא געהאַט, אז דאָס וואָס זי קומט ניט צו קבר ישראל וועט פארגרעסערען זיין עבירה, און זי וועט איהם קומען שטיקען. וויינגסטענס איז אזא מיינונג געווען פארשפּרייט אין דעם קווארטאַל). דאָס, און דער מעסער, וועלכען ער האָט געקויפט אויף דיוויזשאָן סטריט, האָט געפיהרט צו סליאַדען אין

צו פאַלשטענדיגע באַווייזען, אַז ער איז שולדיג. מען האָט איהם פאַראורטיילט צום טויט. ער האָט זיך אָבער אַליין גענומען דעם לעבען אין טומס פּריזאָן.

דאָס איז דאַן געווען דער איינציגער אידישער מאָרד אין דער געשיכטע פון די אידען אין אמעריקא.

.6

רוסיש אין דעם אידישען קוואַרטאַל. — א צוזאמענשטויס פון צוויי וועלטען.

ווען מיר האָבען זיך באַוויזען, און מען האָט אָנגעהויבען צו הערען רוסיש אויף די גאַסען, איז דאָס געווען אַן איבער־ראַשונג. די פאָלגענדע סצענע איז פאָרגעקומען מיט מיר פּערזענליך, און אַנדערע פון אונזערע אימיגראַנטען האָבען געהאַט ענליכע ערפאַהרונגען:

איך בין געגאַנגען איבער איסט בראָדוויי מיט א צווייטען רוסישען אימיגראַנט, שמועסענדיג אויף רוסיש. עס איז פאַרביי־געגאַנגען א אידענע מיט א בעסקעט אויפ'ן האַנט. דערהערענדיג אונזער געשפּרעך, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, באַקוקט אונז מיט א מינע פון איבעררַאשונג און שפּאָט, און אויסגעשפּיגען.

— טפו! רוסיש רעדען זיי גאָר! — האָט זי געזאָגט, — עס איז אייך ווייניג וואָס איהר האָט געדאַרפט די פּאַסקודנע שפּראַך הערען אין רוסלאַנד?

פילע פון די נייַ־געקומענע אידען האָבען געקענט רוסיש; פילע זאָגאַר פון די ניט־געבילדעטע; וואָרים זיי זיינען מייסטענס געווען פון מאַלאָראָסיע, וואו די רוסישע שפּראַך איז ביי די אידען געווען פאַרשפּרייט א סך מעהר ווי אין ליטע. זיי האָבען געקענט ריידען רוסיש; אָבער צווישען זיך האָבען זיי געברויכט אידיש. צווישען די אימיגראַנטען איז אָבער געווען א אינטעליגענטע מינאָריטעט, וואָס האָט צווישען זיך אימער־נערעדט רוסיש; און דאָס איז אין ניו יאָרק געווען א גרויסע נייעס אין יענע צייטען. מיר זיינען געווען די ערשטע גרופּע אינטעליגענטע רוסישע אידען אין אמעריקא.

אונזער רוסיש ריידען איז אָבער ניט די וויכטיגסטע נייעס וואָס מיר האָבען אריינגעבראכט אין דעם אידישען קוואַרטאַל. דער אָנהויב פון דער גרויסער אימיגראציע איז געווען דער אָנהויב פון א נייעם איינפלוס. עס האָבען אָנגעפאנגען צו קומען מענשען, וועלכע האָבען אין זייערע הערצער געטראָגען דעם שם המפורש פון דער פּאָרטגעשריטענער רוסישער קולטור, און זיי האָבען פארזייהט קערנער פון א נייער באוועגונג מיט א נייעם לעבען.

די ערשטע צייט האָט זיך געפיהלט דער צוזאמענשטויס פון די פארשידענע גייסטער: דער גייסט פון דער פּאָרטגע־שריטענער רוסישער אינטעליגענץ און דער גייסט פון דעם אַלטמאָדישען סוּאוואַלקער אידען.

די פריהערדיגע אימיגראנטען האָבען אויף אונז געקוקט ווי אויף אפיקורסים און משוגעים; און מיר האָבען זיי באטראכט ווי אינטעליגענטען באטראכטען אונוויסענדע פארצייטיגע מענשען.

דאָ האנדעלט זיך וועגען דער אינטעליגענטער רוסישער אימיגראציע אין אַלגעמיין. אָבער אין איהר איז געווען א מינאָריטעט, וואָס האָט פון רוסלאנד געבראַכט די פאָהן פון אידעאַליזם. איך מיין די, וואָס האָבען אין דערהיים סימפּאַ־טיזירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

דער גייסט, וועלכען מיר האָבען דאָ פארשפּרייט, איז געווען א נייע זאך, ניט נאָר פאר די סוּאוואַלקער אידען, נאָר אויך פאר א גרויסער מאַיאָריטעט פון אונזערע אייגענע מיטוואנדערער; וואָרים אין דערהיים האָט די אידישע מאסע דעמאָלט פון סאָציאַליסטישע אידעען ווייניג געוואוסט. די צענזור און די שרעק פאר די זשאנדארען האָט דעם סאָציאַליזם אין רוסלאנד ארומגעצאמט מיט א וואנט פון ביקסען און תליות. וועגען דעם „בונד" האָט זיך נאָך ניט גע׳חלום׳ט. ער איז געגרינדעט געוואָרען אין ווילנא מיט פופצעהן יאָהר שפּעטער. די אידישע ארבייטער, וועלכע מיר האָבען אין ווילנא געלערנט די סאָציאַ־ליסטישע געדאנקען, זיינען געווען זעהר קליין אין צאָהל —

א הייפעלע. און דיזע הייפעלע איז איצט כמעט אינגאנצען געקומען קיין אמעריקא.

.7

האבען קאמוניסטישע קאלאניעס א ממשות? — וויליאם פרעי. — דעבאטען. — אוים עם עולם'ניק.

אין בין ניט אפגעווען אין ניו יארק קיין דריי טעג, ווען פאר מיר איז קלאר געווארען, אז די האפנונג אויף קאלאניעס איז א פוסטער חלום.

דער אמת איז, אז צו א דארף־לעבען, צו ערד־ארבייט און צו דער סארט עקזיסטענץ, וואס איז מיט איהר פארבונדען, האב איך קיין חשק ניט געהאט. מיר האט געצויגען צו דער שטאדט. איך בין געווען פול מיט טעמפעראמענט און לעבענס־לוסט, גאר אנאנדער טיפ ווי דער געבארענער קאלאניסט. און ווי די הארץ פיהלט, אזוי דענקט דער מוח.

אבער אז קאמוניסטישע פארמער־קאלאניעס אין אמעריקא זיינען איבערהויפט א טרוים — דאס איז ניט געווען נאר א געפיהל־זאך; אין דעם האט מען זיך לייכט געקענט איבערצייגען. איך בין ניט געווען דער איינציגער, וואס האט אין אזעלכע פלענער גלייך אויפגעהערט צו גלויבען.

איך האב מיין מיינונג אין דיזער באציהונג אויסגעדריקט אפען און שארף, אפשר אביסעל צו שארף. עטליכע פון אונזערע אימיגראנטען זיינען געווען אויפגערעגט פון מיינע ווערטער, און איינער פון זיי האט זיך מיט מיר צוקריגט, פארוואס איך פיהר אן אן אגיטאציע געגען זיינע אידעאלען.

דער נומער 2 פון דעם רעוואלוציאנערען רוסישען זשורנאל „וופעריאד“, וועלכער איז ערשינען אין דער שווייץ אין די זיבעציגסטע יאהרען, האט ענטהאלטען אן ארטיקעל, צוגעשיקט פון אמעריקא, וועגען קאמוניסטישע קאלאניעס. דער ארטיקעל איז געווען אין דער פארמע פון א בריעף פון איינעם וויליאם פרעי, א געלערטער רוסישער קאפיטאן, וועלכער איז מיט עטליכע

יאָהר פריהער געקומען קיין אמעריקא, צוזאמען מיט נאָך עטליכע רוסישע אידעאַליסטען, מיט דעם צוועק אזעלכע קאָלאָניעס צו גרינדען.

דעם בריעף האָט ער צוגעשיקט פון דעם סטייט קענזעס, וואו ער האָט דאן געוואוינט אויף אַ קאָמוניסטישען פארם. דאָס איז געווען מיט עטליכע יאָהר פריהער איידער איך האָב עמיגרירט קיין אמעריקא. ווען איך בין אהער געקומען, האָט זיך פרעי געפונען אין ניו יאָרק; און ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, האָט ער אַ געוויסע צייט געהאַט אַ גייסטיגען איינפלוס אויף אונזערע אינטעליגענטע אימיגראַנטען. אין רוסלאנד איז ער צוערשט געווען אַ הייסער אָנהענגער פון טשערנישעווסקי'ן און אַ רעוואָלוציאָנער. דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען צו אַ ריין־אידעאַליסטישען קאָמוניזם און אַ געגנערשאַפט צו רעוואָלוציעס.

דאן האָט ער זיך דאָס באַשלאָסען צו עמיגרירען קיין אמעריקא. ער האָט אויפגעגעבען אַ גלענצענדע קאַריערע און איז געפאָהרען אין דער נייער וועלט, מיט'ן צוועק צו דינען זיין אידעאַל. שפּעטער, זייענדיג אין אמעריקא, איז ער געוואָרען אַן אָנהענגער פון אוגוסט קאָנט'ס פּאָזיטיוויסטישער פילאָזאָפיע. ער האָט אָנגעהויבען צו פּרעדיגען קאָנט'ס „רעליגיע פון דער מענשהייט“. און צו דעם האָט ער צוגעלייגט די קאָמוניסטישע אידעע, מיט וועלכער ער איז געקומען קיין אמעריקא. צוזאמען מיט דעם האָט ער געפּרעדיגט געגען יעדער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, געגען יעדען קאמף; אפילו געגען דעם קאמף, וואָס די ארבייטער פיהרען אָן פאר העכערע ווייגעס אָדער קירצערע ארבייטס־שטונדען. דאָס אַלץ איז געווען אַ טייל פון זיין „מענשהייטס־רעליגיאָן“.

אין דעם זעלבען נומער „ווּפּעריאָד“ האָט זיך געפונען אַן אנטוואָרט פון דער רעדאַקציע, אין וועלכען עס איז געווען אויסגעדריקט אונגעפעהר דער פאָלגענדער געדאַנק:

די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם מוז פארניכטעט ווערען דורך גרויסע מאַסען־באוועגונגען; מיט קליינע קאָמוניסטישע קאָלאָניעס קען מען אין דעם ניט ווירקען. די רעדאַקציע פון „ווּפּעריאָד“ רעדט מיט רעספּעקט וועגען די באַגייסטערטע קאָמוניסטען, וואָס

ווילען אזא קאָלאָניע אָפּגעבען זייערע קרעפטען; זי גיט זיי קאָמפּלימענטען; זי פארגלייכט אָבער זייער אונטערנעהמונג צו א פּלאַנצונג, וואָס ווערט געהאָדעוועט מיט קינסטליכע מיטלען, אונטער א גלאָז, מיט ספּעציעלע באהייצונגען. אין דעם שיקזאַל פון דער מענשהייט קענען אזעלכע קינסטליכע אונטערנעהמונגען קיין באדייטונג ניט האָבען. פאר איהר האָט א באדייטונג נאָר אזא באוועגונג, וואָס האָט א נאטירליכען כאראקטער, און געהט אָן אויף א גרויסען און רעוואָלוציאָנערען שטייגער.

א פּאָר נומערען פון דעם זשורנאַל „ווּפּעריאָד" האָב איך געזעהן נאָך זייענדיג אין ווילנא. אָבער פּרעי'ס בריף און די באמערקונג פון דער רעדאקציע צו איהם האָב איך דאן ניט געלעזען. דעם באטרעפענדען נומער 2 האָב איך איבערגעלעזען ערשט דאָ אין ניו יאָרק. מיר האָט דאָס געליהען איינער פון פּרעי'ס אָנהענגער, דאכט זיך ענגעלהארדט (א רוס).

דער אַנטוואָרט פון דער „ווּפּעריאָד"־רעדאקציע האָט אויף מיר געמאכט א שטארקען איינדרוק. עס האָט מיר מיינע אויגען געעפענט.

איך האָב וועגען דעם ענין א סך געקלעהרט און בין געקומען צו פעסטע איבערצייגונגען וועגען איהם; דיזע איבערצייגונגען האָבען ביי מיר זיך אויסגעארבייט אין פארבינדונג מיט א משל, וועלכען איך האָב געלעזען אין א רוסישער כרעסטאָמאַטיע (א לעזע־בוך פאר שול קינדער): א נאר איז צו איינעם געקומען פארקויפען א הויז, און אלס א „סעמפּעל" האָט ער איהם געבראכט א ציגעל. איך האָב דעם דאָזיגען משל צוגעפּאסט אויפ'ן פאָלגענדען שטייגער:

דער סאָציאַליזם קען ניט פארווירקליכט ווערען דורך סעמפּעל קאָלאָניעס, נאָר דורך דער גרויסער ברייטער ארבייטער באוועגונג. וואָס פאר א ממשות קען האָבען א קאָמוניסטישע קאָלאָניע, ווען דאָס גאַנצע לאַנד איז א קאפּיטאַליסטישע און די קאָלאָניע מוז אויף טריט און שריט זיין אָפּהענגיג אָן קאפּיטאַליסטישע באהנען, באנקען און קראָמען, און מוז .

קאָנקורירען מיט ריזיגע קאַפּיטאַליסטישע פֿאַרמס. די גאַנצע געזעלשאַפֿטליכע געביידע פֿון דער ציוויליזירטער וועלט מוז געענדערט ווערען. אַ באַזונדערער ציגעל קען דאָ אַלס סעמפּעל ניט דינען.

אַזוי האָב איך גע׳טענה׳ט אין מיינע דעבאַטען מיט אָנהענגער פֿון סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס.

אַלס אַ שטיצע צו דיזען אַרגומענט, האָב איך געהאַט לעבעדיגע ביישפּילען. פּראָבעס אויף צו גרינדען קאָמוניסטישע קאָלאָניעס זיינען אין אַמעריקאַ געמאַכט געוואָרען אַ סך און מיט דער אויסנאַהמע פֿון דער רעליגיעזער סעקטע „קוועיקערס“, ביי וועלכער די קאָמונעס האַלטען זיך אויף אַ משונה׳דיגען רעליגיעזען פֿונדאַמענט, זיינען אַלע דורכגעפֿאַלען.

איך געדענק עטליכע געשפּרעכען, וואָס איך האָב געהאַט וועגען דיזער פֿראַגע און דעם פֿייער, מיט וועלכען איך האָב געפּרופֿט איבערציינגען אונזערע קאָלאָניע־ענטוזיאַסטען, אַז זיי פֿאַרברענגען זייער ענערגיע און צייט אויף אַ פּוסטען חלום.

איך האָב זיך אויסגעשריבען פֿון דעם באַלטער סרוזשאָק. איך האָב דערפֿיהלט אַ טיפֿען אינטערעס אין דעם קאָכינגען לעבען פֿון דער גרויסער אַמעריקאַנער שטאָדט. פֿריהער האָב איך נאָר געלעזען וועגען דעם קאַפּיטאַליזם; איצט האָב איך איהם דער־זעהן און דערפֿיהלט אין לעבען. ער האָט מיך אַרומגערינגעלט פֿון אַלע זייטען.

8

די „פֿאָלקס־צייטונג“. — שעוויטש. — דייטש. — סאָציאַליזם.

מיר האָבען אין ניו יאָרק געפֿונען אַ טעגליכע סאָציאַליסטי־שע צייטונג: די דייטשע „פֿאָלקס־צייטונג“, וועלכע איז גע־גרינדעט געוואָרען מיט עטליכע יאָהר פֿריהער. פֿאַר אונז, רוסישע סאָציאַליסטען, איז דאָס געווען אַן אמת׳ער אוצר. אין רוסלאַנד איז אַ סאָציאַליסטישע צייטונג געווען אַ געפֿעהרליכע געהיימע זאַך, אַן אונטער־ערדישער אַרטיקעל; און ערשינען זיינען אַזעל־

כע שריפטען דאָרטען נאָר פון צייט צו צייט. און דאָ — גאַנץ אָפּען און רעגעלמעסיג, אַלע טאָג!

צוערשט איז דאָס לעזען אונז אָנגעקומען שווערליך; אָבער וויפיל דאַרף ביי אונזערען א אידען נעהמען זיך אויסצו־לערנען דייטש? איינינע פון אונז האָבען זיך אויסגעלערענט א היבש ביסעל דייטש א סך פריהער ווי זיי זיינען באַקאַנט געוואָרען מיט דער ענגלישער שפּראַך — טאַקע דורך דער סאָציאַ־ליסטישער „פאָלקס־צייטונג”.

דיזע צייטונג האָט אין דעם גייסטיגען לעבען פון אונזערע ערשטע אינטעליגענטע אימיגראַנטען געשפּילט א גרויסע ראָלע.

זי איז געווען א שטרענג סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַן. אין יעדען נומער האָבען מיר געפונען א מאַרקסיסטישע באַלייכ־טונג פון די טעגליכע פּאַסירונגען — שפּייז פאַר נייע געדאַנקען.

אין דער היים איז אונזער סאָציאַליסטישע ענטוויקלונג גע־ווען כמעט באַשרענקט אויף עטליכע אונטער־ערדישע ביכלעך און בלעטלעך, און זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט דעם געהיימען רעוואָלוציאָנערען קאַמף; און דאָ האָבען מיר יעדען טאָג גע־האַט טעגליכע נייעס מיט א סאָציאַליסטישען פּשט, א מאַרקסיסטישען פּירוש אויף דעם טעגליכען לעבען אין א גרויסער קאַפּיטאַליסטישער לאַנד. יעדער טאָג האָט אונז געבראַכט פּראַק־טישע לעסאָנס אין מאַרקסיסטישען סאָציאַליזם.

פון דעם איז וואָס א טאָג מיר דייטליכער געוואָרען, ווי ווייניג ממשות עס האָט דער פּלאַן וועגען סאָציאַליסטישע קאָ־לאָניעס.

איינער פון די צוויי הויפּט־רעדאַקטאָרען פון דער „פאָלקס־צייטונג” איז דאַן געווען סערגעי שעוויטש, וועלכער איז אַליין געווען פון רוסלאַנד. ער איז געווען א דייטשער באַראָן פון דעם לאַטווישען געגענד. זיין ערציהונג האָט ער אָבער באַקומען אין א רוסישער גימנאַזיע און אוניווערסיטעט; און א חוץ רוסיש און דייטש, האָט ער גוט גערעדט און געשריבען פראַנצויזיש, ענגליש און איטאַליעניש. זיין סאָציאַליזם האָט ער געלערענט טיילווייז

אין רוסלאַנד און טיילווייז אין דייטשלאַנד. זיין פרוי איז גע־ווען די באַריהמטע העלענאַ פאָן ראַקאָוויטץ, צוליב וועלכער פערדינאַנד לאַסאַל איז געפאַלען אין אַ דועל.

שעוויטש איז געווען אַ טאַלאַנטפולער שרייבער און רעדנער, און זיין פאַרבינדונג מיט דער „פאָלקס־צייטונג" האָט געהאַט אַ סך צו טאָן מיט דעם איינפלוס וואָס די צייטונג האָט דאַן געהאַט אויף אונז.

שפּעטער אביסעל וועט מיר אויסקומען צו דערצעהלען וועגען אַ רוסישער רעדע, וואָס איך האָב געהערט פון דיזען באַגאַבטען מאַן. דאָס איז געווען אין מיטען יולי. פריהער האָב איך בייגע־וואוינט אַ דייטשען ארבייטער־מיטינג, אויף דער צווייטער עווע־ניו, לעבען האוסטאָן סטריט וואו ער האָט גערעדט אויף דייטש, ער און אַלעקסאַנדער יאָנאַס, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־צייטונג" (שעוויטש איז געווען רעדאַקטאָר פון דעם זונ־טאָג־נומער און מיט־רעדאַקטאָר פון דער טעגליכער צייטונג). דאָס איז געווען די ערשטע ארבייטער־פאַרזאַמלונג, וואָס איך האָב ווען עס איז געזעהן. די דייטשע רעדעס האָב איך ניט איינגאַנצען פאַרשטאַנען; זייער אַלגעמיינעם זין האָב איך אָבער באַנומען. און איך קען ניט געפינען קיין ווערטער איבערצוגעבען דעם איינדרוק וואָס זיי האָבען אויף מיר געמאַכט. איך בין געזעסען אין אַ פיבער פון התלהבות.

היינט ווי האָט מיר שוין געקענט ליגען אין זינען אַ קאָמו־ניסטישע קאָלאָניע ערגעץ ווייט, ווייט פון דעם קאָכיגען לעבען מיט זיין ארבייטער קאַמף, אַ קאָלאָניע, וואָס קען קעמפען מיט דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער וועלט נאָר ווי אַ פליג מיט אַ העלפאַנט? טאָמער איז נאָך ביי מיר פאַרבליבען אַ שפּור פון אַ טרוים וועגען אַ גן עדן התחתון, וואו מיר וועלען פאַרווירקלי־כען דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל אין אַ קליינער מאָס, אָבער אויפ'ן שטעל, איז ער איצט זיך צוגאַנגען ווי אַ רויך.

די „פאָלקס־צייטונג" און די דייטשע סאָציאַליסטישע מי־טינגען האָבען פאַרנומען דעם פּלאַץ, וועלכען פריהער האָט אין מיר געהאַט דער קאָלאָניע געדאַנק.

9.

פרייהייט און קאפיטאליסטישע שקלאפעריי.—„פארבאטענע פרוכט.“

אמעריקא׳ס פרייהייט האב איך געפיהלט יעדע מינוט. עס האט זיך מיר געדוכט, אז איך אטעם פרייער און טיפער ווי איך האב ווען עס איז געאטעמט. צו דער זעלבער צייט האב איך אבער צו זיך געזאגט: „דאס אלץ איז א טורמע פון קאפיטאל“.

ווי מיר ווען זעהן ווייטער, האב איך די ערשטע עטלי־כע מאנאט געארבייט אין פאבריקען און דארטען האב איך זיך געפיהלט נאך ערגער ווי א שקלאף. אין מיין מוח איז געווען א פלאנטער.

איך געדענק מיין פלאן צו דרוקען „סאציאליסטישע פרא־קלאמאציעס“ און טיילען זיי אין די גאסען, בשעת די ארביי־טער געהען פון דער ארבייט. און און פאר זיך וואלט דאס גארנישט געווען נאריש. ביי מיר האט דאס אבער געהאט דעם טעם פון אן אונטער־ערדישער אגיטאציע, וועלכע וואלט אין אמעריקא קיין זין ניט געהאט. פון רוסלאנד האב איך געהאט א באגריף, אז נאר דאס איז הייליג, וואס ווערט געטאן אונטער דער ערד, נאר דאס וואס מען טאר ניט טאן; אבער דארטען, אין רוסלאנד, אז מען האט געטיילט פראקלאמאציעס איז דאס געווען א געהיימע ארבייט, און עס האט געשמעקט מיט סיביר. דא, ווידער, איז דאס ניט געווען פארבונדען מיט קיין שום געפאהר.

די אויסערליכע פארמע פון דער זאך האט ביי מיר געהאט דעם רעוואלוציאנערען רוסישען טעם. אט אין דעם איז געלעגען די קדושה. איך האב זיך געוואלט איינריידען, אז טיילענדיג סא־ציאליסטישע בלעטלעך, פיהר איך דעם לעבען פון א רוסישען רע־וואלוציאנער דא אין ניו יארק. דער ווארט פראקלאמאציע גופא האט ביי מיר געהאט א הייליגען קלאנג. פארבאטענע פרוכט, וועלכע איז נים פארבאטען.

אויף אנאנדער שטייגער, אבער מיט דעמזעלבען עיקר, הא־בען דא אין אמעריקא זיך געפיהלט און געפיהרט הונדערטער

רוסישע רעוואָלוציאָנערען אין שפּעטערע יאָהרען. אַזוי ווי אין אַמעריקא איז ניטאָ קיין געהיימע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, האָט דער רוסישער רעוואָלוציאָנער אויף דער היגער באַוועגונג געקוקט מיט פעראַכטונג. וואָס איז דאָס פאַר א סאָציאַליזם, אז מען דאַרף זיך מיט איהם ניט באַהאַלטען? אי דער סאָציאַליזם גופא לערענט דאָך, אז מען מוז האָבען אין זינען די ספּעציעלע אומשטענדען פון דעם אָרט און פון דער צייט? דאָס מאַכט ניט אויס! די קראַפט פון איינגעוואָרצעלטע באַגריפען איז גרעסער ווי די קראַפט פון לאָגיק און פון דעם פּראַקטישען פאַרשטאַנד. אָבער דאָס איז אפשר ניט דאָס ווײכטיגסטע. דער ראָמאַנטישער געפיהל פון געפאַהר, בשעת מען טוט וואָס מען טאָר ניט — אָט דאָס האָט מסתמא דערבײ געשפּילט די הויפּט־ראָלע. ווײבאַלד אז מען מעג, און עס איז ניטאָ קיין געפאַהר, איז מען ניט קיין העלד; דאַן איז דער גאַנצער סאָציאַליזם א „וואַסערדיגער".

.10

„מאַכען אַ לעבען".—אויף אַ סיגאַר־פאַבריק.—אַ בורזשוא.—בערנאַרד ווײנשטיין. — דער פּאַרמאַן. — סעמיועל גאָמ־פּערס.—אויף אַ בלעך־פאַבריק.—„וואַט עלס?"—געסעקט.

אין די אַכציגער יאָהרען איז לײכט געווען צו קריגען לאַנד אין אַמעריקא. די רעגירונג האָט דאָס געגעבען כמעט אומזיסט. אָבער גרינדען א גרויסע פאַרם מיט הוילע הענט קען מען ניט; מען מוז צו דעם לאַנד האָבען א הויז, א שטאַל, געצייג, מאַשינען, בהמות, וועגען און אַזוי ווייטער. פאַר הונדערטער, אויב ניט טויזענדער, אימיגראַנטען וואָלט דאָס אַלץ באַטראָפען אַן אייגענס, און די קאָמיטע האָט דאָס ניט פאַרמאָגט. דער רעזולטאַט איז געווען אז אַפילו די, וואָס זײנען געבליבען טריי זייער פּלאַן צו גרינדען א אידעאַליסטישע קאָלאָניע, האָבען איהם אויך געמוזט אָפּלײגען אַן א זייט.

עס איז בלויז געווען איין אויסנאַהם — די גרופּע „ניו אָדעסאַ". זי האָט ווירקליך געמאַכט א פּראָבע צו גרינדען א

קאָמוניסטישע קאָלאָניע — א פּראָבע, לאָמיר גלייך אויסזאָגען, וועלכע האָט סוף כל סוף זיך אויך געענדיגט מיט א דורכפאַל.

יאָ קאָלאָניעס, צי ניט קאָלאָניעס, דערווייל האָט מען געמוזט האָבען פון וואנען צו לעבען. האָבען אַלע אימיגראַנטען גענומען זוכען עפּעס א באַשעפטיגונג — אין ניו יאָרק אָדער אין אַנדערע שטעדט. אַלע האָבען גערעדט וועגען „מאַכען א לעבען". דאָס איז געווען איינער פון די ערשטע אַמעריקאַניזמען, וועלכע מיר האָבען זיך ניט־ווילענדיג אויסגעלערנט. איך זאָג „ניט־ווילענדיג", ווייל דער אַמעריקאַנער אידיש האָט אונז דאַן געגרילצט אין די אויערען, ווי יעדען „גרינעם".

די, וואָס זיינען געקומען אהער אָהן פּאַרטייען און אָהן געזעלשאַפטליכע אידעאַלען, האָבען ענטוועדער געזוכט אַרבייט אָדער זיי האָבען זיך גענומען צום פּעדלען; די אָבער, וואָס זיינען געקומען אַלס מיטגלידער פון אידעאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָבען געהאַט אין זינען נאָר אַרבייט. וועגען פּעדלען האָבען זיי אפילו ניט געטראַכט.

אין דעם ווילנער קרוזשאָק „עם עולם", איז געווען א מיטגליד, וועמען אַן אַמעריקאַניזירטע קוזינע האָט געמאַכט פאַר א פּעדלער, איז ער פאַרשוואונדען. ער האָט זיך געשעהמט צו ווייזען פאַר די איבעריגע מיטגלידער אין די אויגען; אַזוי ווי ער וואָלט זיך גענומען פאַר אַן אונאַנשטענדיגע באַשעפטיגונג.

די ראַדיקאַלע אימיגראַנטען האָבען געוויס ניט געטראַכט וועגען פּעדלען. אָבער אפילו אונוויסענדע אָרטאָדאָקסישע אידען פון די אימיגראַנטען־פּאַרטייען האָבען אויך געהאַלטען פּעדלעריי און האַנדעל פאַר א שענדליכע באַשעפטיגונג; נאָר אַרבייטען, און טאַקע אַרבייטען מיט די הענט! נאָר דאָס איז געווען באַטראַכט פאַר אַן אָרענטליכען מיטעל צו פאַרדינען אויף חיונה.

דער קאָמיטעט האָט געטרייט צו געפינען אַרבייט פאַר די אימיגראַנטען און איך האָב זיך געווענדעט צו איהם נאָך אַזאַ באַשעפטיגונג. צווישען די מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט זיינען געווען ניט ווייניג פאַבריקאַנטען און עטליכע פון זיי האָבען א

געוויסע צאָהל פון אונז צוגענומען צו זיך. א רייכער פאַבריקאַנט מיט'ן נאָמען שטאכעלבערג, האָט געהאט א פעקטאָרי פון א הויכען סאָרט ציגארען. א צווייטער האָט געהאט א פאַבריק פון שפּיל־צייג, א דריטער פון לולקעס, און אזוי ווייטער. איך האָב געקראָגען א דזשאב אויף שטאכעלבערג'ס פאַבריק. דאָס איז געוועזן אויף סאוטה פינפטע עוועניו (איצט הייסט עס וועסט בראָדוויי), צווישען גרענד און ברום. מען האָט מיך אוועקגעזעצט אין א קעלער „סטריפּען" טאבאק, דאָס הייסט, ארויסציהען די „קאָרנעס" פון די בלעטער.

שטאכעלבערג איז אליין געוועזן פון גרויס־פּוילען, ניט ווייט פון דעם דייטשען גרענעץ. ער האָט אָבער פריהער וואהרשיינליך געוואוינט ערגעץ אין דייטשלאנד גופא. וואָרים ער האָט גערעדט דייטש. דאָס איז געוועזן ניט קיין הויכער, דיקליכער מאן מיט רויטע באקען. ער איז אימער געוועזן אויסגעפּוצט ווי א פּראַנט און איך געדענק איהם מיט זיין נידעריגער העלער „דוירבי" הוט, וועלכע איז יענעם זומער געוועזן אין דער מאָדע. איך געדענק איהם מיט א ציגאַר אין מויל, ווי ער שטעהט אָהן א ראָק און רעדט צו די צוויי, דריי אימיגראנטען, וועלכע ער האָט געגעבען דזשאבס ביי זיך.

איך האָב געפיהלט, אז ער מיינט טאקע צו טאָן עטוואָס פאַר די אימיגראנטען און אז צו בארויבען זיי, האָט ער ניט אין זינען. ער האָט אָפען געזאָגט, אז ער קען אונז נאָר האַלטען עטליכע וואָכען ביז מיר וועלען זיך אביסעל צוגעוואוינען צו אמעריקא און זיין אימשטאנד צו קריגען עפּעס אַן אנדער באשעפטיגונג; וואָרים ער וויל דערנאָך צונעהמען נייע אימיגראנטען, אויך נאָר אויף עטליכע וואָכען. עס איז לייכט געוועזן צו פארשטעהן, אז נויטיגען, נויטיגט ער זיך אין אונז ניט, וואָרים אזעלכע „קינצלער" ווי מיר, האָט ער צווישען איירישע, דייטשען, אָדער אמעריקאנער געקענט קריגען א סך. און א פּרייז האָט ער אונז געצאָהלט ווי אלע פאַבריקאנטען האָבען געצאָהלט פאַר אזא ארבייט — דריי, פיער דאָלער א וואָך. איך האָב אויך געוואוסט, אז ער לאָזט זיך קאָסטען אויף דעם קאָמיטעט היבשע סומען און אז ער איז זעהר טעטיג אין איהם. ער האָט איבערהויפּט

ניט געמאכט קיין שלעכטען איינדרוק. ער האט זיך אבער גע־האלטען שטאלץ און זיין אויסזעהן האט זיך אפגעדרוקט אין מיין מוח ווי א בילד פון אן „עכטען בורזשוא"; מיר האט זיך גע־דוכט אז דעם גאנצען לעבען האב איך זיך פארגעשטעלט א בורזשוא אין אזא געשטאלט ווי שטאכעלבערג׳ס.

דאס סטריפען איז מיר לייכט ניט אנגעקומען. איך בין פשוט ניט צוגעוואוינט געווען צו פיזישער ארבייט. זינט איך בין אלט געווען פינף יאהר האב איך געלערענט, געלייענט, גע־שריבען, גערעכענט. יעדע שטונדע קערפערליכע ארבייט איז מיר געווען א יאהר; ווען ניט דער מיט־ארבייטער, וואס איז גע־זעסען לעבען מיר וואלט מיר געווען נאך שווערער.

דיזער שכן מיינער איז געווען בערנארד ווייגשטיין, וועל־כער איז גאנץ גוט באקאנט אין דער אידישער ארבייטער בא־וועגונג. דארטען האבען מיר זיך באגעגענט צום ערשטען מאל. ער איז געווען מיט זעקס יאהר אינגער פאר מיר. אן אדעסער אינגעל, זעהר א סימפאטישער, אן עהרליכער, א גוטער. מיר הא־בען צווישען זיך גערעדט רוסיש און די געשפרעכען וואס מיר האבען געהאט, זיינען פאר מיר געווען א ליבער צייט־פארטרייב. איך האב איהם ערקלעהרט דעם סאציאליזם און דערצעהלט ווע־גען דעם רוסישען רעוואלוציאנערען קאמף; ער האט זיך צו־געהערט מיט א טיפען אינטערעס, און דאס האט מיר פארשאפט פארגעניגען. אזוי זיצענדיג און שמועסענדיג,פלעג איך פארגע־סען אן דער נודנעסקייט פון מיין פראצע. איך פלעג א שלעפ טאן דעם „קארען" מיט א באגייסטערטען ציה, אזוי ווי א שמיץ מיט א בייטש. פון אימפעט פלעגט ער זיך ארומוויקלען ארום מיין האנד. און אזוי ציהענדיג א „קארען" נאך א „קארען", אפ־רייניגענדיג א בלאט נאך א בלאט, פלעג איך דערצעהלען און טאלקעווען ביז דער פארמאן האט אויף מיר א בליק געווארפען.

הערמאן, דער פארמאן פון יענער אפטיילונג, איז געווען א דייטשער „יהודי" מיט גרויסע, שיטערע, שווארצע באקען־בערד. ער איז אויך געווען א גוטער מענש; און דאס האט אויך געהאל־פען פארגרינגערען מיין לאסט.

אויף די אויבערשטע עטאזשען האבען געארבייט די צי־

בערנאַרד ווײנשטײן. — פאָטאָגראַפירט אין 1882.

גאַרען־מאַכער, די באַנטש־מאַכער און די פּעקערס.

איינער פון די ציגאַרען־מאַכער אויף שטאַכעלבערג׳ס פאַבריק איז דאַן געווען סעמיועל גאָמפּערס, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען דער הויפּט פיהרער פון די אַמעריקאַנער טרייד יוניאָנס, דער איינפלוסרייכער פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. איך גלויב ניט, אַז איך האָב איהם דאַן געזעהן. מיין פריינד ווײַנשטיין אָבער פלעגט אויף די העכערע עטאַזשען טאָן געווייסע ארבייט אַלס געהילף, און ער איז מיט גאָמפּערס׳ען דאָרטען באַקאַנט געוואָרען.

ווען עס האָבען זיך געענדיגט די עטליכע וואָכען, בין איך געגאַנגען זוכען ארבייט אין אַן אַנדער פעקטאָרי. איך האָב געפונען אַ דזשאָב ביי בלעך אויף הובער סטריט, אַ קליין געסעל אויף דער וועסט סייד, דאַון טאַון, ניט ווייט פון קאַנעל סטריט. דאָרטען איז מיר אויסגעקומען צו שטעהן אַ גאַנצען טאָג ביי אַ מאַשין, וואוהין איך האָב אַריינגעלעגט דעקלעך צו בלעכענע פּושקעלעך. פון יעדען טראָט, וואָס איך האָב געטאָן מיט׳ן פוס, האָט זיך די שטיקעל בלעך אויסגעבויגען, און עס איז געוואָרען אַ דעקעל. די ארבייט איז געווען זעהר אַ לייכטע, אָבער זי איז געווען נאָך לאַנגווייליגער ווי מיין דזשאָב ביי די טאַבאַק; די „אַלץ־דאָס־זעלביגקייט״ האָט מיך געמוטשעט. שטעה אַ גאַנצען טאָג, לייג שטיקלעך בלעך און טרעט צו מיט׳ן פוס! פאַר מיר איז דאָס געווען קאַטאָרגע.

איך פלעג בוכשטעבליך צעהלען די מינוטען. איך פלעג זיך צוקוקען צו די אַרומיגע סצענעס, צו די אַרומיגע באָיס, מיידלעך. אַלע צוויי אָדער דריי מינוט פלעג איך אַ דרעה טאָן די קאָפּ אַ קוק צו טאָן אויפ׳ן זייגער. ווען מען פלעגט נעהמען פייפען צו לאָנטש, בין איך געווען דער גליקליכסטער מענש אין דער גאַנצער פעקטאָרי; און שפּעטער, זעקס אוהר, ווען עס האָט זיך דערהערט דער פייף אויף צו געהן אהיים, פלעג איך זיין אויפגערעגט פון שמחה. איך געדענק ווי איך פלעג געהן איבער הובער סטריט און דערנאָך איבער קאַנעל; אַזוי ווי אַן ארעסטאַנט, וואָס איז באַפרייט פון זיין טורמע פלעג איך שפּרייזען.

איין מאָל האָט מען מיר געגעבען אן אנדער ארבייט: צו־זאמענשטעלען עטליכע טיילען פון עפּעס א פּושקע און מיט א מאשין זיי צוזאמענדריקען. דאָס האָט שוין געפאָדערט אביסעל שׂכל. האָב איך געארבייט מיט אן אונגעוועהנליכען אינטערעס. איך האָב שוין אויפ'ן זייגער כמעט ניט געקוקט. אָבער דיזע ארבייט האָט לאנג ניט אָנגעהאלטען.

אין מיינע לאנגווייליגע דזשאבס האָב איך געזעהן א לעבע־דיגען ביישפּיל ווי די קאפּיטאליסטישע אינדוסטריע צוטיילט יעדע ארבייט אויף פילע טיילען, אזוי אז יעדער טייל זאָל קענען געטאָן ווערען פון אבי ווער, און ניט פאָדערען קיין בעל מלאכה; איך האָב געזעהן, ווי אזא ארבייט ווערט געטאָן מעכאניש, אָהן אינ־טערעס; ווי דער ארבייטער ווערט פארוואנדעלט אין א טויטען געצייג. דאָס וואָס איך האָב פריהער געלעזען אין ביכער איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע האָב איך איצט דורכגעלעבט אויף זיך אליין. „אָט בין איך א טויטער געצייג!" — פלעג איך זיך טראכטען. דער פאקט, אז עס קומט אוים פּונקט ווי ס'איז גע־שריבען אין בוך, איז מיר געווען אינטערעסאנט.

צו לאָנטש פלעגען פילע פון די ארבייטער ארייגלויפען אין א דערבייאיגער בעקעריי און דאָרטען קויפען עפּעס צום עסען: ראָלס, קעיק, פּאַי. איך פלעג אויך אזוי טאָן. דערביי האָב איך זיך צוגעהערט צו די ענגליש, וואָס איז געפלויגען צווישען דער סטאָר־קיפּערקע און איהרע קאָסטאָמער.

— וואָט עלס? — פרעגט זי.

— נאטהינג עלס, — ענטפערט איהר א מיידעל.

די פראגע און דער אנטוואָרט זיינען ביי מיר פארבליבען אין זכרון; ווארים דעם ערשטען מאָל איז דער אנטוואָרט מיר אויסגעקומען זעהר מאָדנע. איך האָב די ווערטער פארשטאנען; און דאָך האָב איך די קרעמערקע איבערגעקרימט. „וואָס נאָך?" — „גאָרניט נאָך" — האָב איך דאָס אויף שפּאס פארטייטשט אין מיין געדאנק.

און אזוי פלעג איך דאָס איבערזאָגען צעהנדליגער מאָל: „וואָס נאָך? גאָרניט נאָך".

ווי יעדען, וואָס הויבט אָן באַקאַנט צו ווערען מיט אַ פרעמדער שפּראַך, האָבען פילע ענגלישע אויסדרוקען מיר גע־קלונגען לעכערליך און ווילד. ביי מיר אין געדאַנק האָב איך די פראַגע מיט דעם אַנטוואָרט אויף שפּאַס איבערזעצט ווער־טערליך.

„וואָס נאָך? גאָרניט נאָך!" — איך פלעג דאָס איבערזאָגען מיט אַ געפיהל פון שפּאָט און עקעל.

איין מאָל האָב איך זיך ביי דער אַרבייט פאַרטראַכט. איך בין געשטאַנען און געקוקט ווי אַ פאַר׳חלום׳טער. דאָס פלעגט מיט מיר טרעפען גאַנץ אָפט. פריהער אָבער האָט דער פאָר־מאַן דאָס ניט באַמערקט, און דיזען מאָל האָט ער דאָס גראָד דער־זעהן, און ניט ער אַליין, נאָר דער מענעדזשער אויך. וואָרים זיי זיינען גראָד פאַרבייגעגאַנגען צוזאַמען.

איך בין געווען אַזוי פאַרטיפט אין מיינע רעיונות, אַז איך האָב זיי אפילו ניט באַמערקט. דער פאָרמאַן האָט אויף מיר אָנגעשריען און דער מענעדזשער האָט ערקלעהרט מיט אַ שמייכעל אַז איך וויל ניט אַרבייטען.

מען האָט מיך געסעקט.

11.

ערשטע לאָזשי. — ערשטע אייגענע קוואַרטיר. — די זאַסס פאַמיליע. — ענגליש.

מיין ערשטע לאָזשי אין אַמעריקאַ איז געווען אין אַ ביליגער לאָדזשינג־הויז אַנטקעגען „קעסל־גאַרדען", אונטער דעם צווייטע עוועניו עלעווייטער, דאָרט וואו ער קירעוועט זיך אַריין אין אַ שמאָלער גאַס, עטליכע טריט פון סאַוטה פערי. דאָס איז אָבער געווען נאָר אַ פאָרלויפיגער נאַכטלעגער, מיט וועלכען דער קאָמי־טעט האָט אונז באַזאָרגט אויף עטליכע טעג, ווען מיר זיינען אַראָפּ פון שיף, ביז מיר וועלען זיך געפינען אַ קוואַרטיר.

פיר פון אונז (אַ חוץ מיר איז געווען נאָך אַ יונגער מאַן און

א יונגע פאר פאלק) האבן גענעכטיגט אין איין קליינעם צימערל. מיר זיינען אלע געקומען אויף דער זעלבער שיף, און ביי דער פאר פאלק איז געווען „האניג־מאנאט". ער איז געווען עלטער פון איהר און וואהנזיניג פארליבט.

זיי זיינען געווען אינטעליגענטע, שטילע, איידעלע מענשען. אויפ'ן שיף האב איך מיט איהם אפט ארומגעשפאצירט, און עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז מיט זיינעם א אינגערען ברודער בין איך באקאנט געווארען אין ווילנא, אויף קאספע'ס קווארטיר. און מיט איהרען אן אנקעל בין איך באקאנט געווארען אין בראד; מיר האבען זיך אלזא געפיהלט ווי גוטע באקאנטע.

דער צווייטער בחור, וואס האט מיט אונז געטיילט דעם צימער, איז אויך געווען אן אינטעליגענטער מענש. איך בין מיט איהם אויך באקאנט געווארען אויפ'ן שיף. איך האב איהם אלזא פארגעשטעלט פאר דער פאר פאלק, און מיר זיינען געווארען ווי איין פאמיליע.

דער דאזיגער בחור איז געווען א ביסעל עלטער פאר מיר, און ער האט זיך אויף שפאס אויפגעפיהרט ווי א פעטער צו אונז אלעמען. זעהענדיג ווי שווער עס איז פאר דעם יונגען באלעבעסעל זיך איינצוהאלטען פון קושען זיין פרוי, האט ער איהם געגעבען ערלויבניש דערצו. ער האט נאר געפאדערט, אז ער זאל אונז פריהער געבען א סיגנאל, אז מיר זאלען צומאכען די אויגען און די אויערען. די פאר פאלק האט זיך צוערשט געשעמט, און געמאכט שפאס פון דעם פארשלאג. ביסלעכווייז אבער האט דער באלע־בעסעל באקומען מוט.

מיר זיינען דארטען פארבליבען נאר איין וואך.

מיין נעקסטע וואוינונג איז געווען אויף נומער איינס מאנראו סטריט, אויפ'ן קארנער קעטהרין סטריט, ביי באראנעס'עס א קוזינע, אן אלמנה מיט'ן נאמען מיסעס זאסס. זי איז געווען א קאסטאם־פעדלערקע און זי האט געוואוינט מיט איהרע צוויי קליינע קינדער — א באי פון א יאהר ניין און א מיידעלע פון א יאהר אכט; אלס באדערס האבען ביי איהר געוואוינט

איהרע אַ פאַרהייראַטע טאָכטער מיט איהר מאַן. אויף „באָרד“ איז ביי איהר אויך איינגעשטאַנען אַ מיידעל פון אַ יאָהר אַכצעהן.
דאָס איז געווען מיין אמת'ע ערשטע קוואַרטיר אין אמעריקאַ.
דער איינגעלע און די מיידעלע און די אַכצעהן־יאָהריגע באָרדערקע זיינען געבאָרען געוואָרען אין אמעריקאַ. די פאַרהיי־ראַטע טאָכטער און איהר מאַן — אַ צושניידער ביי קאַמאַשען — זיינען קיין אמעריקאַ געקומען ווען זיי זיינען נאָך געווען קליינע קינדער. אין שטוב פלעגט אָפט קומען דער אלמנה'ס אַן עלטערע טאָכטער—אויך אַן אמעריקאַניזירטע—מיט איהרער אַ מיידעלע. אַלע האָבען זיי גערעדט כמעט דורכאויס ענגליש. מיט דער אויס־נאַמע פון מיסעס זאַסס, האָבען זיי אידיש גערעדט זעהר שוואַך, מיט אַן אמעריקאַנער אויסשפּראַך און מיט אמעריקאַנער אויס־דרוקען. צום ביישפּיל: איין מאָל, אין אַן אָוועגט, ווען איך האָב געמאַכט שפּאַס מיט בעקי'ן, דער אַכט־יעהריגער מיידעלע, האָט זי צו מיר געזאָגט:
— דו קענסט ניט מאַ־כען מיר לאַ־כען.
מיר איז דאָס געווען אַזוי קאָמיש, אַז פילע מאָנאַטען נאָכדעם פלעג איך איהר די דאָזיגע ווערטער איבערקרימען.
בעקי האָט אימער געזאָגט „דו“ צו מיר. און אַזוי פלעגט צו מיר אויך ריידען „רעיטשקע“, די אַכצעהן־יעהריגע באָרדערקע. דאָס אַלץ איז פאַר מיר געווען אַ קוואַל פון שפּאַס. אָבער ניט נאָר פון שפּאַס. עס איז מיר געווען פריקרע. דאָס, וואָס אַן אונאַנגע־נעמער גערוך איז אין נאָז, איז דיזע ניט־אידישע אידיש געווען אין מיינע אויערען.
מיין „מיסעס“ האָט מיר געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז אין דער ענגלישער שפּראַך איז ניטאָ קיין „איהר“; אַז מען זאָגט אַלעמען „דו“. איך האָב שוין דאַן געוואוסט נענוג ענגליש צו פאַרשטעהן אַז עס איז פּונקט פאַרקערט. אָבער מיסעס הערים, איהר אינגערע פאַרהייראַטע טאָכטער, האָט איהר אונטערשטיצט אין איהר מיינונג, און מיינע „גרינע“ טענות האָבען ניט געהאָלפען.
מען האָט אין שטוב אַלזאָ גערעדט אַ סך מעהר ענגליש ווי אידיש און דאָס איז פאַר מיר געווען וויכטיג.
פאַר מיין לאָזשי האָב איך געצאָהלט ניט מיט געלט, נאָר מיט

לעסאָנס. דער אינגעל, סעם, א שעהנינקער, שטילינקער באַיטשיקעל, איז געווען מיין שילער. איך האָב איהם געלערענט שרייבען אידיש און לעזען העברעאיש (וואָס איך האָב אליין ניט געקענט). איך האָב זיך ביי איהם אויסגעלערענט א סך מעהר ענגליש ווי ער ביי מיר העברעאיש.

אין יענע מאָנאַטען פלעג איך אין די פרייע שטונדען לערנען ענגליש פון א לעהר־בוך מיטן נאָמען „אפּעלטאָנ'ס גרעמער" — א דיקער באַנד, פאַר דייטשען וואָס ווילען לערנען די ענגלישע שפּראַך. עס איז געווען א פּראַקטישע ווערק מיט דער אויסשפּראַך פון יעדען ענגלישען וואָרט, מיט גראַמאַטישע כללים, מיט איבער־זעצונגען פון ענגליש אויף דייטש און פון דייטש אויף ענגליש. איך האָב דעם בוך געלערענט מיט גרוים התמדה. ווען איך פלעג ניט זיין זיכער אין דער אויסשפּראַך פון א וואָרט, פלעג איך זיך ווענדען צו מיסעס הערים אָדער צו איהר מאַן.

איך האָב דאַן מייסטענס געאַרבייט טאָג און נאַכט. א גאַנצען טאָג אין פעקטאָרי, ביי די טאַבאַק אָדער ביי די בלעך, און אין אָוונט, אין דער היים — איבער מיין „אַפּעלטאָנ'ס גרעמער".

12.

א טרויעריגע נאַכריכט פון ווילנא.—אונשולדיגע סקעבס.—א סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונג אויף רוסיש און אויף דייטש.

אין דער צייט וואָס איך האָב געאַרבייט אין שטאַכעלבערג'ס ציגאַרען פאַבריק, האָב איך געהאַלטען מיין ערשטע רעדע פאַר אַן עולם און אָנגעהויבען מיין קאַריערע אלס סאָציאַליסטישער טוער אין אַמעריקא.

איין מאָל, אין אַן אָוונט, האָט מיין ווילנער חבר, שואל באַראַנעס, מיר איבערגעגעבען א טרויעריגע נייעס פון ווילנא. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אונזער חבר ראַבינאָוויטש, וועמען מען האָט אַרעסטירט אין דער צייט פון די אָביסקעס מיט די פאַר־האַפטונגען, צוליב וועלכע באַראַנעס האָט פאַרלאָזען ווילנא און איך — וועליזש. ראַבינאָוויטש איז געזעסען אין דער ווילנער פּאָליטישער געפענגניש, אין דעם „פּערצעהנטען נומער". איין

מאָל, ווען זיין מוטער איז איהם געקומען זעהן, האָט אַ בעאַמטער פון טורמע איהר געזאָגט, אז מען פארשיקט איהם אויף קאטאָרגע. די אונגליקליכע פרוי איז גלייך געפאלען טויט פון אַפּאָפּלעקסיע.

דאָס וואָס דער בעאַמטער האָט איהר געזאָגט איז ניט געווען אמת; איהר זוהן האָט מען גאָרניט געהאלטען ביים פארשיקען; אין עטליכע טעג ארום האָט מען איהם אין גאנצען ארויסגעלאָזען פריי. דער טשינאָווניק האָט פשוט געזאָגט אַ ליגען כדי זיך צו רייצען מיט דער אידישער פרוי. באדאנעס און איך האָבען אָבער געמיינט, אז עס איז אמת, און אז ראבינאָוויטש׳ען פארשיקט מען ווירקליך אויף קאטאָרגע. די געשיכטע האָט געמאכט אַ שווערען איינדרוק אויף אונז.

דעם נעקסטען פרייטאָג, אין אַ פּאָר טעג ארום, האָט געדאַרפט פאָרקומען דער ערשטער סאָציאַליסטישער מאַסען־מיטינג פון אידי־שע אימיגראנטען. וואָס פאר אַ מיטינג דאָס וועט זיין, האָבען מיר ניט געוואוסט. מיר האָבען נאָר געהערט, אז עס וועט רײדען שעוויטש אויף רוסיש און אנדערע סאָציאַליסטישע רעדנער אויף דייטש. מיר האָבען מיט אונגעדולד געוואַרט אויף דער פער־זאמלונג. צוליב די נייעס וועגען ראבינאָוויטש׳ען זיינען מיר געווען אין אַ ספּעציעל סאָציאַליסטישער שטימונג און דער מיטינג האָט פאר אונז געהאַט אַ ספּעציעל־גרויסען אינטערעס.

אייגענטליך איז דאָס געווען די צווייטע סאָציאַליסטישע פער־זאמלונג פאר אונזערע אימיגראנטען. די ערשטע איז אָפּגעהאלטען געוואָרען מיט אַ פּאָר וואָכען פריהער. ס׳איז דאָן פאָרגעקומען אַ סטרייק פון די, וואָס ארבייטען אויף די „דאָקס“ פון דעם ניו יאָרקער האַפען, און אַ היבשע צאָהל אידישע אימיגראנטען זיינען אהין געגאנגען „סקעבען“. זיי האָבען איינפאך ניט פארשטאנען.

אין ניו יאָרק האָט זיך דאַן געפונען אַ יונגער רוסישער איד פון פעטערסבורג, אַ רעוואָלוציאָנער מיט׳ן נאָמען מיראָוויטש. האָט ער צוזאמענגערופען אַ מיטינג פון אונזערע אימיגראנטען און זיי ערקלעהרט וואָס דאָ איז. דער רעזולטאַט איז געווען, אז די אידען האָבען אויפ׳ן שטעל אויפגעהערט צו סקעבען. דאַן האָט מיראָוויטש אָרגאניזירט אַ „אידישען פּראָפּאַגאנדע פאַראיין“, און

איצט האָט אַלזאָ געדאַרפט פּאַרקומען דער ערשטער פּראָפּאַגאַנדע־מיטינג פון דיזען פאַראיין.

די אימיגראַנטען זיינען אין ניו יאָרק געווען צוזייהט און צושפּרייט און פון מיראָוויטש'עס ערשטען מיטינג האָב איך און באַדאַנעס אפילו ניט געהערט. וועגען דיזען צווייטען מיטינג, אָבער, האָבען מיר זיך יאָ דערוואוסט.

איך האָב די פערזאַמלונג ערוואַרטעט מיט אונגעדולד. עס האָט מיר געצויגען צו זיין אויף אַ מיטינג, וואו אַ רעוואָלוציאָנער וועטריידען אויף רוסיש. אָבער מיין הויפּט־געדאַנק איז געווען צו געהן אויפ'ן מיטינג לכבוד ראַבינאָוויטש'ן. אַזוי, אונגעפעהר, האָב איך זיך אויסגעדריקט פאַר באַדאַנעס'ן.

עס איז געקומען דער פרייטאָג אָוונט (דעם 27טען יולי). מיר זיינען אַוועק אויף דער פאַרזאַמלונג. זי איז פאָרגעקומען אין 125 ריווינגטאָן סטריט, אַ האַל, וואו אין שפּעטערע יאָהרען זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען הונדערטער מיטינגען פון אונזערע אידישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, הויפּטזעכליך פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

די פערזאַמלונג האָט געעפענט דער אויבענדערמאָנטער מיראָוויטש, אַ יונגערמאַן פון מיטעלען וואוקס, מיט לאַנגע, זעהר שוואַרצע האָר און מיט אַ שוואַרצער באָרד. אלס ערשטען רעדנער האָט ער פאָרגעשטעלט אַ הויכען, שעהנעם מאַן מיט שוואַרצע האָר, מיט אַ נעטער שוואַרצער בערדעל, מיט אַריסטאָקראַטישע מאַניערען. דאָס איז געווען סערגעי שעוויטש. איך האָב שוין געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ גלענצענדער רעדנער און אַז ער האָט זיך געפיהלט פריי אין עטליכע שפּראַכען. אויך איז שוין באַמערקט געוואָרען, אַז ער איז געווען איינער פון די צוויי רעדאַקטאָרען פון דער „פאָלקס־צייטונג". דאָ וועל איך צולייגען, אַז ער איז געווען דער וויכטיגסטער אַגיטאַטאָר אויף די דייטשע סאָציאַליסטישע מיטינגען. אָפט פלעגט ער האַלטען אַ רעדע אויף ענגליש. אויף רוסיש אָבער האָט ער אין אַמעריקאַ פריהער נאָך קיינמאָל ניט גערעדט; און דיזע רעדע זיינע האָט ער געהאַלטען אויף רוסיש.

דער פאַקט, אַז זיין פרוי איז די העלדין פון פערדינאַנד

סערגעי שעוויטש (אין 1880 און אין 1893).

לאַסאַל׳ס ראָמאַן האָט זײַן פּערזאָן צוגעגעבן אַ ספּעציעלען מאַגנעטיזם. זײַן רוסישע אויסשפּראַך האָט אין זיך געהאַט אַן אַריסטאָקראַטישען רוסישען קלאַנג. אַזאַ אײַנדרוק, ווייניגסטענס, האָט זי אויף אונז געמאַכט; און דאָס האָט געשטימט מיט דעם פאַקט, אַז אין דעם רוסישען פּרייהייטס־קאַמף נעמען אַנטייל פּריצישע קינדער. דאָס אַלץ האָט פאַרגרעסערט דעם צויבער פון זײַנע ווערטער. אָבער אַ רעדנער־קראַפט האָט ער ווירקליך געהאַט אַן אויסערגעוועהנליכע. דערצו מוז מען גערענקען, אַז דאָס איז געווען די ערשטע סאָציאַליסטישע רוסישע רעדע, וואָס איך האָב ווען עס איז געהערט אויף אַ גרויסען אָפּענעם מיטינג.

ער האָט אויף מיר געמאַכט אַן אונבעשרייבליכען אײַנדרוק.

דער אינהאַלט פון זײַן רעדע איז, אין קורצען, בעשטאַנען אין פאָלגענדען:

„די פּאָגראָמען, וועלכע האָבען אייך, רוסישע אידען, געצוואונגען צו זוכען אַ נײַע היים, זײַנען געמאַכט געוואָרען פון אונוויסענדע פויערים, וועלכע פאַרשטעהען ניט וואָס זיי טוען. ווען זיי וואָלטען יאָ פאַרשטאַנען, וואָלטען זיי באַפאַלען ניט אידישע הײַזער, ניט די אידישע אײַנוואוינער פון עליסאַוועטגראַד, באַלטע, אָדער קיעוו, נאָר דעם צאַר׳ס פּאַלאַץ אין פּעטערסבורג. אָט דאָרטען וואָלטען זיי געמאַכט אַ פּאָגראָם. זיי וואָלטען פאַרניכטעט די דעספּאָטישע הערשאַפט און זיי וואָלטען אָרגאַניזירט אַ רעגירונג, וואָס זאָל זײַן געגרינדעט אויף פרייהייט, אויף גלייכהייט און אויף ברידער־ליכקייט.״

מיר האָבען געשלונגען יעדען וואָרט.

דער האָל איז געווען געפּאַקט. די מאַיאָריטעט איז באַשטאַנען פון ווייניג אינטעליגענטע מענשען. עס איז אָבער געווען אַ היבשע צאָהל אינטעליגענטע צוהערער אויך. און רוסיש האָבען יעדענפאַלס פאַרשטאַנען כמעט אַלע, וואָרים זיי זײַנען מייסטענס געווען פון קיעוו, אָדעס און אַנדערע דרום־רוסישע שטעדט, וואו די אידישע מאַסען זײַנען שוין דאַן געווען גוט באַקאַנט מיט דער רוסישער שפּראַך.

נאָך שעוויטש׳ן האָט גערעדט אַ דאַרער דייטשער אַנאַרכיסט מיט׳ן נאָמען קייזער, אַ פייערדיגער אַגיטאַטאָר; און נאָך קייזער׳ן

— א צווייטער דייטשער אנארכיסט, אַ קירצערער, דיקערער יונגער־מאַן, מיט'ן נאָמען נעלקע. די דייטשע רעדעס האָב איך ווייניג פארשטאנען. אז קייזער איז א פלאמענדער אגיטאטאָר, האָב איך געפיהלט נאָך די ווינציגע ווערטער, וועלכע איך האָב געכאפּט. נאָך ווייניגער האָב איך פארשטאנען נעלקע'ן.

13.
מַיין ערשטע רעדע. — א צווייטע און א דריטע.

די רעדעס האָבען זיך געענדיגט. דער פּאָרזיצענדער האָט אויסגערופען, אז מען קען קריגען דאָס וואָרט, און עטליכע יונגע לייט מיט אמאָל האָבען גענומען לויפען צו דער פּלאטפאָרמע, שפּארען זיך און שרייען. עס איז געוואָרען א טומעל. דאן האָט דער פאָרזיצענדער ערקלערט, אז אין די אינטערעסען פון אָרדנונג זאָלען זיך אלע אויסזעצען און יעדער וואָס פארלאנגט דאָס וואָרט, זאָל אויפהויבען די האנט. דאן האָבען די וואָס האָבען זיך אזוי געריסען צו דער פּלאטפאָרמע מעהר זיך ניט געריהרט. איך בין געווען דער איינציגער וואָס האָט אויפגעהויבען די האנט. דער טשערמאן האָט געפרעגט מיין נאָמען, און איך האָב באקומען דאָס וואָרט. מיט א קלאפּענדיגע הארץ האָב איך זיך אנידערגעשטעלט און גענומען געהן צו דער פּלאטפאָרמע. איך בין דאן געווען א דארער, בלאסער בחור'ל און האָב אויסגעזעהן א סך אינגער ווי צוויי־און־צוואנציג יאָהר; און אזוי ווי אין רוסלאנד איז מען איבערהויפּט ניט געווען געוואוינט צוּ מיטינגען, האָט אונזער עולם זיך פאַרגעשטעלט, אז א רעדנער דאַרף זיין עלטער און אויסזעהן וואזשנער. אז אזא „מאלטשישקא" זאָל זיך אונטערנעמען צו האלטען א רעדע, דאָס האָבען פילע פון די אנוועזענדע אָנגענומען פאר א שטיק חוצפּה. מען האָט אָנגעהויבען געהן צום טיר.

דער לעזער קען זיך פאָרשטעלען ווי איך האָב זיך געפיהלט דערביי. דער זאָל איז אָבער געווען א לאנגער און איך בין געזעסען ניט ווייט פון דער פּלאטפאָרמע. אלזאָ, איז דער וועג צום טיר געווען א סך לענגער ווי מיין וועג צו דער פּלאטפאָרמע; דאָס איז געווען מיין גליק; אז ניט, וואָלט מסתמא דער גאנצער עולם ארויס

פון זאָל איידער איך וואָלט פּאָספּייעט צו עפּענען מיין מויל. אַזוי אָבער האָב איך דערגרייכט די פּלאַטפאָרמע, ווען נאָר עטליכע זיינען שוין געווען אויף יענער זייט שוועל; די איבעריגע האָבען ערשט געהאַלטען אין געהן. איינער פון די וואָס האָבען גענומען פאַר־לאָזען דעם האַל איז געווען אַן אימיגראַנט, מיט'ן נאָמען פּאָל קאַפּלאַן. ער איז שוין געווען איינער פון די אָנגעזעהענסטע אימיגראַנטען אונזערע. דערנאָך איז ער געוואָרען איינער פון מיינע בעסטע פריינד, און ער האָט מיר שפּעטער דערצעהלט איינצעלהייטען פון דיזער סצענע.

איך האָב גענומען ריידען מיט אַ ספּעציעלער פעסטקייט אין מיינע ווערטער, מיט אַ בייזען טאָן. ווען איך האָב אָפּגערעדט אַ צעהנדליג ווערטער, און דער עולם האָט דערהערט מיין קלינגענדע שטימע און גוטע רוסיש, האָט זיך דער מענשליכער שטראָם אָפּגעשטעלט, פּנים'ער האָבען זיך אומגעקערט פון דער טיר צו דער פּלאַטפּאָרמע. מען איז געשטאַנען, געקוקט און זיך צוגעהערט נייגעריג. ביסלעכווייז האָט מען זיך גענומען רוקען צוריק. אַז דער „מאַלטשישקאַ“ זאָל אַזוי ריידען, איז געוואָרען טשיקאַווע. מען איז געוואָרען נייגעריג און מען האָט זיך ווידער אויסגעזעצט.

ווען איך האָב דאָס דערזעהן, האָב איך באַקומען נאָך מעהר מוט. איך האָב פאָרטגעזעצט מיט אַ נייעם פייער.

דער אינהאַלט פון מיין רעדע איז באַשטאַנען אין פאָלגענדען:

מיר געפינען זיך אין אַ לאַנד, וואָס איז פאַרהעלטניסמעסיג פריי. מיר זוכען דאָ אַ נייע היים. מיר טאָרען אָבער ניט פאַר־געסען אָן יענעם גרויסען פרייהייטס־קאַמף, וועלכען מיר האָבען איבערגעלאָזען אין אונזער אַלטער היים. אין דער צייט ווען מיר זאָרגען זיך נאָר וועגען זיך אַליין, קעמפען דאָרטען אונזערע חברים, אָדער זיי מוטשען זיך אין די רוסישע טורמעס, אונזערע העלדען, אונזערע מאַרטירער.

מיר טאָרען דעם פרייהייטס־קאַמף פון אונזער אַלטער היים ניט פאַרגעסען. מיר קענען פון וויטען פיל ניט טאָן; אָבער געלט זאַמלען קענען מיר. מיר מוזען שטיצען יענע הייליגע באַ־וועגונג. דער קאַמף פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערען מוז אונז

לינען מיך אין הארצען. אָן די מאַרטירער, וואָס מאַטערען זיך אין סיביר, אויף קאטאָרגע, טאָרען מיר ניט פארגעסען.

ווען איך האָב גענענדיגט, האָט אויסגעבראָכען א שטורמישער אפלאָדיסמענט. איך בין פשוט פאר׳שכור׳ט געוואָרען.

קיין אנדערע רעדנער זיינען ניט געווען. און קיין קאָלעקשאָן האָט מען ניט געמאכט. דער עולם איז דאן נאָך געווען צו אָרים. מען איז נאָך געווען זעהר „גרין”, און זעלטען ווער עס האָט געארבייט און פארדינט אויפ׳ן לעבען.

מיראָוויטש האָט געשלאָסען דעם מיטינג. ארום איהם און מיר האָט זיך ארומגעקליבען אַן עולם. יעדער האָט געוואָלט וויסען ווער איך בין, פון וואַנען איך בין. איך בין געווען דער „העלד פון טאָג”.

איך האָב מיראָוויטש׳ן גענומען פרעגען וועגען זיין געזעלשאפט און ער האָט מיר ערקלעהרט, אז זי הייסט „פראפאגאנדא פאראיין”, און אז איהר צוועק איז צו פארשפרייטען סאָציאַליזם צווישען די אידישע אימיגראנטען.

— אויב דאָס איז פאר אידישע אימיגראנטען — האָב איך געפרעגט — טאָ פארוואָס זיינען די רעדעס געהאלטען געוואָרען אויף רוסיש און אויף דייטש?

— אויף וועלכער דען שפראך זאָל מען האלטען א רעדע? — האָט ער געפרעגט מיט שפאָט — וועלכער איד קען דאָס ניט קיין רוסיש?

— אָט מיין טאטע פארשטעהט זעהר ווייניג רוסיש, — האָב איך געענטפערט.

איך האָב שוין אויבען געזאָגט, אז מיראָוויטש איז געווען פון פעטערסבורג; ער איז מיט די אידען פון די אידישע שטעדט און שטעדטלעך ניט געווען באקאנט. אליין האָט ער אידיש ניט געקענט ריידען קיין ווארט; האָט ער אזא אידען, וואָס פארשטעהט ניט קיין רוסיש, זיך ניט געקענט פאָרשטעלען.

ווען איך האָב אויסגעדריקט די מיינונג, אז פאר אידען מוז מען האלטען רעדעס אויף אידיש, האָט ער זיך צולאכט און א פאָר פון די, וואָס זיינען געשטאַנען לעבען אונז, האָבען מיט איהם מיטגעלאכט — אפילו אזעלכע, וואָס האָבען אליין אידיש

גערעדט גאַנץ גוט. אז מען זאָל אויף אידיש קענען האלטען א רעדע, דאָס איז ביי זיי אויסגעקומען קאָמיש. די אידישע שפּראַך איז געווען פאַררעכענט פאַר א לשון, אויף וועלכען מען רעדט אין שטוב, אין חדר, אָדער אין א אידישער קראָם; אז אזא וואַזשנע זאַך ווי א רעדע זאָל מעגליך זיין צו האלטען אויף אידיש — צו אזא געדאַנק זיינען זיי ניט געוואוינט געווען.

— אנו, וועט איהר האלטען א רעדע אויף אידיש? — האָט מיראוויטש מיך נעפרעגט אין א שפּאַסיגען טאָן.

— און פאַרוואָס ניט? — האָב איך אָפּגעענטפערט מיט שטאָלץ און מיט סטירדעס.

קורץ, מעהר אין שפּאַס ווי אין ערנסט, האָט דער פּראָפּאַגאַנדע פאַראיין גענומען א האָל פאַר דעם נעקסטען פרייטאָג אווענד און מען האָט אָפּגעמאַכט, אז איך זאָל פּרופען האלטען א אידישע רעדע איבער סאָציאַליזם.

די גאַנצע וואָך האָב איך זיך געפערטיגט. פאַר מיינע אייגענע עטליכע סענט האָב איך געלאָזען דרוקען „הענד־בילס" אויף אידיש, און איך און בערנארד וויינשטיין האָבען זיי צוטיילט אויף די אידישע גאַסען.

דער מיטינג איז פאָרגעקומען דעם 26טען יולי, אין א קליינעם האָל, הינטער א דייטשען ביר־סאַלון, אין 625 איסט 6טע סטריט.

דער זאָל איז געווען געפּאַקט; אָבער איך גלויב ניט, אז דאָרטען זיינען געווען מעהר ווי פיר הונדערט מענשען. פאַר דיזען עולם האָב איך געהאַלטען מיין ערשטע לעקטשור; דאָס איז געווען די ערשטע סאָציאַליסטישע רעדע, וואָס איז ווען עס איז גע־האַלטען געוואָרען אויף אידיש אין אמעריקא.

איך האָב ערקלעהרט קאַרל מאַרקס'עס „מעהר־ווערט טעאָריע", די טעאָריע פון קלאַסען־קאַמף און וועגען נאַטירליכען איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם. איך האָב גערעדט אויף די איינפאַכסטע אידיש. די לעקטשור האָט געדויערט נאָהענט פון צוויי שטונדען.

אלס רעזולטאט, האט מיראוויטש מיך געבעטען האלטען נאך א לעקטשור, פאר א גרעסערען עולם. די נעקסטע לעקטשור איז געווען ערגעץ וואו אין סאפאלק סטריט. דער נומער איז ביי מיר אין זכרון ניט פארבליבען. דאס זיינען געווען צוויי זאלען, אפ־געטיילט מיט „סליידינג דאארס" (טירען וואס קענען זיך פאנאנ־דעררוקען). מען האט די טירען פאנאנדערגערוקט, און פון די צוויי זאלען איז געווארען איינער. עס איז געווען איבערגעפאקט; אלע סיטס זיינען געווען פארנומען און א געדיכטער קראוד איז גע־שטאנען. עטליכע פון די צוהערער, צווישען זיי א פריילין אין א פענסנע, זיינען געשטאנען אויף א טיש.

איך האב אפגערעדט אנדערהאלבען שטונדען; מען האט געמאכט א „ריסעס" אויף פופצעהן מינוט, און דערנאך האב איך ווידער גערעדט אנדערהאלבען שטונדען. דאן האט מען מיר גע־שטעלט פראגען און איך האב געענטפערט.

דיזע לעקטשור איז פארגעקומען דעם דריטען אוגוסט, 1882. איהר אינהאלט האב איך שפעטער געדענקט נאר אין אלגעמיין, ניט דייטליך. אבער גאלדגאר, דער סעקרעטער פון דעם פראפא־גאנדע פאראיין, האט איהר געדענקט מיט אלע איינצעלהייטען, און מיט דרייסיג יאהר שפעטער האט ער מיך עראינערט אן איהר דורך א בריף.

דאס איז געווען א רעדע פון א באי, וואס האט מעהר פייער ווי פראקטישען שכל. איך האב, צום ביישפיל, געשריען אז די ארבייטער מוזען געהן אויף דער פינפטער עווענץ מיט אייזענס און מיט העק און צונעהמען די פאלאצען מיט די רייכטימער, ווארים אלץ איז זייער אייגענטום. די מיליאנערען האב איך גע־שאלטען מיט ווילנער קללות. עס איז געווען א נארישע רעדע, אבער איך בין ניט געווען דער איינציג:ער, וואס האט געהאלטען אזעלכע רעדעס אין יענע צייטען. ענטוויקעלטערע און עלטערע מענשען ווי איך פלעגען זאגען אזעלכע רעוואלוציאנערע „חכמות" און נאך גרעסערע. די פיהרער פון די אנארכיסטען, אדער „סאציאל־רעוואלוציאנערען", ווי זיי האבען זיך גערופען, פלעגען אימער אזוי ריידען. און א פאר מאנאט פאר דער צייט, ווען דיזע שורות ווערען צוגעפערטיגט צום דרוק, האבען

פיהרער פון ניו יאָרקער קאָמוניסטען געהאַלטען פונקט אזא סאָרט רעדעס — נאָך נארישערע — און געשריבען פונקט אזעלכע ארטיקלען אין בעצוג צו א סטרייק פון אידישע פאָר ארבייטער.

.14

פרעמדקייט. — בענקעניש. — בריף אַהיים. — אַלץ אַנדערש. — אַ נייע וועלט, אַ גרויסע וועלט. — א נייער „איך".

עס זיינען געווען פילע מינוטען פון בענקעניש. יעדער אימיגראַנט בענקט אהיים די ערשטע צייט. איך האָב אָבער אין דיזער באַציהונג געליטען מעהר ווי דער דורכשניטליכער „גרינער". כמעט יעדע נאכט פלעג איך אין חלום זעהן עפּעס א נאָהענטען מענשען פון ווילנא: מיין פאָטער, מיין מוטער, מיין איינציגען ברודערל, מיין מוהמע'ן, מיין פעטער, זייערע קינדער, מיינע חברים, באקאנטע. אמאָל פלעגט זיך מיר חלום'ען וועליזש. דער עיקר איז אָבער געווען ווילנא. די הארץ פלעגט נאָגען און נאָגען.

צוליב דיזער בענקעניש איז מיר אמעריקא צוערשט געווען ניט ליב. יעדע זאך, וואָס איך האָב באגעגענט, איז מיר געווען אונאנגענעהם.

דער לעזער האָט שוין געזעהן ווי די אידיש, וואָס איך האָב געהערט פון אמעריקאנער־געבאָרענע קינדער, האָט מיר גע־גרילצט אין די אויערען. דאָס זעלבע האָב איך געפיהלט אין באַצוג צו די אידיש פון די „אויסגעגרינטע" אימיגראנטען — צו די ענגלישע אויסדרוקען און ווערטער, מיט וועלכע זייער לשון איז געווען אָנגעפּיקעוועט. ווען איך פלעג הערען אזא פראַזע ווי „ער מאכט א לעבען", פלעג איך שיער ניט קריצען מיט די ציינער. איך געדענק ספּעציעל דיזען אויסדרוק און אויך דעם אויסדרוק „ער איז ווערט צעהן טויזענד דאָלאר". היינט די „ווינדעס" מיט די „סילינגס" מיט די „פּאָטייטאָס"!...

עס איז געווען אין די רעכטע היצען. צו אזא גליהענדער

און שווערער לופט ווי די ניו יארקער לופט איז אין דזשולייַ אָדער אין אָוגוסט, בין איך ניט געווען געוואוינט.

קיין זעהר הויכע געביידעס זיינען אין ניו יאָרק נאָך ניט געווען. די העכסטע הויז איז, ווי שוין געזאָגט, געווען פון אכט עטאזש. די שטאָדט איז געווען א סך לופטיגער און קיהלער ווי זי איז איצט, אָבער אין פארגלייך מיט דער טעמפעראַטור פון מיין געבורטס־פלאַץ איז די היץ דאָ געווען אונערטרעגליך.

מיינע קערפערליכע ליידען האָבען זיך צוזאמענגעמישט מיט מיין בענקעניש און מיט דעם אונאנגענעהמען איינדרוק וואָס דער אמעריקאנער לעבען האָט אויף מיר געמאכט. איצט, מיט עטליכע און פערציג יאָהר שפּעטער, ווען עס קומען די היצען, אין דזשולאַי אָדער אָוגוסט, דערמאָן איך זיך אָפט אָן מיין ראַמאָלסדיגען צושטאנד, און יענער שווערער געמיט לעבט אין מיר אויף מיט א שארפען וועהטאָג.

מיסעס זאָס'עס וואוינונג (עטליכע רומס מיט קארפּעטס, אויל־קלאָטה, מיט שעהנע מעבעל אין פּארלאָר) איז געווען א סך רייכער ווי די וואוינונג פון אזא פאמיליע וואָלט געווען אין רוסלאנד. און אזוי זיינען פארהעלטניסמעסיג געווען די אמע־ריקאנער דירות אין אלגעמיין. דער בעסערער קלאס ארבייטער האָט געוואוינט אזוי ווי מיסעס זאס; דאָס הייסט, אזוי ווי אין ווילנא א פארמעגליכע באלעבאטישע פאמיליע. אָבער דאָס אַלץ האָט ביי מיר קיין חן ניט געהאט. אז דאָ לעבט זיך בעסער ווי אין רוסלאנד, האָב איך ניט געפיהלט. עפּעס איז די מעבעל קיין מעבעל ניט געווען, און דער „קאווויאָר” (קארפּעט) קיין קאווויאָר ניט; פונקט ווי מיר האָט זיך דאן געדוכט, אז די אמעריקאנער עפּעל זיינען קיין עפּעל ניט; די אונטערקעס קיין אונטערקעס ניט, און די נגונים קיין נגונים ניט. פון די מעלאָדיען, וואָס איך פלעג הערען אויפ'ן גאס, אָדער פון די מיידלאך וועלכע פלעגען באזוכען מיסעס זאס'עס טאָכטער, האָט מיר געעקעלט.

אהיים פלעג איך שרייבען לאנגע מגילות. איך האָב זיך ניט באקלאָגט. איך האָב אַלץ געפּרופט פארגלעטען; מיין ארבייט

אב. קאַהאַן אין 1883 (דעם פּערפאַסער'ס ערשטע פאָטאָגראַפיע אין אַמעריקא).

אויף דער פאַבריק און מײַנע נעפיהלען צו אמעריקא האָב איך זיך געסטאַרעט פאַרצושטעלען אין די שעהנסטע פאַרבען; איך האָב ניט געוואָלט, אז מײַנע עלטערן זאָלען זיך אָפּעסען דאָס הארץ.

אך, ווי אנגענעם עס איז געווען צו שרײַבען אהיים! איך האָב געשריבען וואָס אָפּטער און וואָס לענגער. איך פלעג זיי איבערגעבען מײַנע אײַנדרוקען, באַשרײַבען דעם אמעריקאַנער לעבען.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געפּרופט עפּעס באַשרײַבען אויף אידיש. ביז וועליזש האָב איך קיין מאָל קיין אידישען בריף ניט געשריבען; פון וועליזש האָב איך זיך קאָרעספּאָנדירט מיט מײַנע עלטערן, און אויף אידיש, נאַטיר־ליך; אָבער אזעלכע לאַנגע בריף ווי פון ניו יאָרק, האָב איך זיי פון דאָרטען קיינמאָל ניט געשיקט.

זײַענדיג אין וועליזש האָב איך אויך שטאַרק געבענקט אהיים, אָבער ווײַט ניט אזוי שטאַרק ווי אין די ערשטע פּאָר יאָהר פון מײַן לעבען אין אמעריקא.

אָפט, געהענדיג איבער׳ן גאַס, פלעג איך שטילערהייט זינגען איינעם פון די נגונים וואָס איך פלעג הערען פון מײַן פאָטער. אָדער אז ניט, פלעג איך פאַר זיך זינגען א רוסישע פאָלקס־ליד פון די, וואָס מען האָט אונז געלערענט אין דעם ווילנער לעהרער־אינסטיטוט, אָדער א געוויסען נגון, וועלכען דאָקטאָר יאַצקע־וויטש׳עס עלטערע טאָכטער פלעגט שפּילען אויף איהר פּיאַנאָ.

די רוסישע פאָלקס־לידער זײַנען דורכגעדרונגען אי מיט דער פּאָעזיע פון אומעט, אי מיט א געפיהל פון ברייטע פעלדער און הויכע הימלען; און מיט דיזער דאָפּעלטער פּראַכט זײַנען זיי געווען אײַנגעוואָרצעלט אין מײַן הארצען. און איצט האָט זייער פּאָעַ־טישער אומעט אין מײַן בענקענדער נשמה א ליידענשאַפטליכען אָפּקלאַנג געפונען.

די מעלאָדיען, וואָס מײַן פאָטער פלעגט זינגען, זײַנען ניט געווען קיין פאָלקס־נגונים. זיי האָבען ניט פאַרמאָגט די פּאָעזיע און די ברייטקייט פון די רוסישע דאָרף־לידער; זיי האָבען אָבער געהאַט א מעלה, וועלכע איז מיר טייערער געווען ווי אלע צויבערען פון מוזיק: זיי זײַנען געווען מײַן טאַטענ׳ס נגונים.

אלץ איז מיר געווען פרעמד און דערווידער. מיר האָט זיך געדוכט, אז אלץ איז דאָ אנדערש ווי אין דער היים, ווי אין גאנץ איירָאָפּא, ווי אויף דער גאנצער וועלט.

פילעס איז ווירקליך געווען אנדערש — אונצעהליגע זאכען, מנהגים, באגריפען, געשמאקען. און דאָס האָט אויף מיר — און אויף אלע אנדערע אימיגראנטען — געמאכט דעם איינדרוק אז אלץ איז אנדערש.

איך האָב, צום ביישפּיל געזעהן ווי אן אמעריקאנער טרינקט קאפע: די קאפע איז צו הייס, גיסט ער אין איהר אריין אביסעל קאלטע וואסער, און טרינקט ווייטער.

אָדער איך פלעג אמאָל זעהן ווי אן אמעריקאנער עסט ברויט מיט פּוטער, גאָרניט ווי ביי אונז: אנשטאָט די שטיקעל פּוטער צו שמירען אויפ'ן ברויט לייגט ער זי ארויף אויפ'ן ברויט און אזוי נעמט ער די ברויט אריין אין מויל.

אָט די דאָזיגע וואסער אין דער קאפע, די שטיקלעך פּוטער, דער „אָלל־רייט" מיט דעם „נעווער מאין", מיט העססטער סטריט, וועלכע האָט מיר געקלונגען ווי „אסתר־סטריט", מיט סאָפאָלק סטריט, וועלכע אידען רופען „ספק סטריט", מיט דער „עסיג סטריט", אַנשטאָט עסעקס סטריט, מיט די שרעקליכע היצען, מיט די גרויסע פיר־קאנטיגע שטיקער אייז וואָס מען האָט מיט צוואנגען געשלעפּט אין די הייזער, מיט דעם גראָבען געשריי: „איים! איים!" פון די „אייז־לייט" — דאָס און הונדערטער אנדערע זאכען פלעגען זיך מיר ניט אויפהערען צו פלאָנטערען אין מיין שווערען, בענקענדען געמיט.

היינט, ווען עס קומט קיין אמעריקא אונזערער אן אימיגראנט, געפינט ער א גרויסע אידישע וועלט. די דאָזיגע אידישע וועלט איז טאקע פול מיט שטריכען און פארבען, וואָס זיינען איהם פרעמד. זי איז אבער פאָרט א אידישע. דער אויסגעגרינטער רוסישער, פוילישער, גאליצישער אָדער רומענישער איד איז א איד אזוי ווי דער גרינער. ער ווערט צו דעם אויסגעגרינטען שנעל צוגעוואוינט, און דורך איהם — צו אמעריקא.

מיט פילע אמעריקאנער אידישע ווערטער און מיט פילע אמעריקאנישע מנהגים איז דער היינטיגער אידישער אימיגראנט

זאָגאר באקאנט פון דערהיים — פון בריף אָדער פון צייטונגען, אָדער פון געסט וואָס קומען פון אמעריקא.

מיר אָבער האָבען דאָ געפונען גאנץ ווייניג אידען, און אַ גאנץ קליינע אידישע וועלטעלע. אין דערהיים האָבען מיר וועגען אמעריקא אבסאָלוט גארניט געוואוסט. אונזער געפיהל פון פרעמדקייט איז געווען פיל טיפער, אונזער עלענט — אַ סך שארפער.

די קאַץ, וואָס איך האָב דערזעהן אין דעם פילאדעלפיער האַ־פען, ווען איך בין אראָפּ פון שיף, איז פאר מיר געווען אַ לעבעדיגער באווייז, אַז אמעריקא געהערט צו דער זעלבער וועלט, ווי ווילנא, ווי פעטערסבורג, ווי לעמבערג, ווי בערלין. ווען איך האָב אָבער גענומען באקאנט ווערען מיט אמעריקא, אין די ערשטע מאָנאטען פון מיין לעבען אין איהר, איז אין מיר געוואקסען אַ פארקערטער איינדרוק: מיר האָט זיך געדוכט, אַז עס איז גאָר אַן אנדער וועלט.

אַ נייע וועלט — אין דעם בוכשטעבליכען זין פון די ווערטער!

זי איז מיר געווען אונאנגענעהם. זי האָט מיך אָבער געקרעפ־טיגט אויך — אזוי ווי דער שטארקער, געזונטער ריח פון אַ פריש־געאקערטען פעלד.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז אמעריקא לעבט אין איין טאָג מעהר ווי רוסלאנד אין צעהן.

אמעריקא האָט מיך אינטריגירט, געצונדען מיין נייגעריגקייט.

איך האָב געזעהן ארום זיך איבערראשענדע רייכטימער, אַן איבערראשענדע טעטיגקייט און אונטערנעהמונגס־גייסט, ברייטע אויסזיכטען אויף צו פיהרען אַ נוצליכען און אינטערעסאנטען לעבען.

פון דעם אויסדרוק „די לאנד פון אונבאשרענקטע מעגליכקיי־טען" האָב איך נאָך דאַן ניט געוואוסט. דעם זין פון דער פראַזע האָב איך אָבער געפיהלט — געפיהלט דאָס אין באצוג צו אמעריקא בכלל און אין באצוג צו מיין אייגענער צוקונפט בפרט.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז, ניט־ווילענדיג, ווער איך אויך אַן אַנדערער.

במעט יעדע מינוט האָט געבראַכט א נייעם איינדרוק, און איך האָב איהם אויפגענומען מיט דורשט. איך האָב אַלץ באַקוקט, צו אַלץ זיך צוגעהערט, אַלץ בעאָבאַכטעט. און אַלץ האָט מיך אַ מאָל אָפּגעשטויסען, אַ מאָל געצויגען צו זיך; אַ מאָל געגעבען אַ שטויס צו מיין היים־ווער, און אַ מאָל מיך געפּייניגט מיט צוזאָגונגען.

מיין ערפאָלג אַלס רעדנער און לעקטשורער, דער אומערוואַרטעטער טעם פון אַפּלאָדיסמענטען, דער פּלוצלינגדיגער געפיהל, אַז טויזענטער מענשען קענען מיך, — דאָס האָט מיך באַזויפען. די בענקעניש און מיינע פאַרשידענע אַנדערע גייסטיגע שמערצען האָט דאָס אָבער גיט געלינדערט.

מיין אונרוהיגע נאַטור האָט מיך יענע מאָנאַטען אָנגעפילט אַ מאָל מיט יסורים, אַ מאָל מיט תענוג.

עס זיינען געווען מינוטען, ווען איך האָב מיין אייגענעם „איך" ניט דערקענט.

איך האָב אַלץ פאַרבראַכט פילע שטונדען אויף „אַפּפעלטאַנ'ס גרעממער". אָפט אָבער פלעג איך אַ אָוועגד פאַרברענגען ביי מיינע לאַנדסלייט אָדער ביי די דייטשע אַנאַרכיסטען. אָפט פלעגט צו מיר קומען באַראַנעס, און מיר פלעגען צוזאַמען אַוועקגעהן צו די דייטשע געגאַסען.

דיזע עטליכע מאָנאַטען שטעלען זיך מיר פאָר אין געשטאַלט פון די גאַסען, דורך וועלכע איך פלעג דורכגעהן, שפּאַצירענדיג פון דער בלעך־פעקטאָרי צו מיין לאָזשי ביי מיסעס זאַסס. הובער סטריט, קאַנעל סטריט, איבער בראָדוועי, עליזאַבעטה סטריט, מאָטט סטריט, דאַן איבער דער באָוערי ביז קעטהרין סטריט, קאָרנער מאַנראָו.

דער סאַין אויף אַ געוויסער בעיקערי אויף קאַנעל לעבען מאָטט, די אָמניבוסען פון בראָדוועי און די האָרס־קאַרס פון דער באָוערי — דאָס דערזעה איך אימער ווען איך דערמאָן זיך אָן די בענקענישען און שטרעבונגען, וועלכע האָבען דאַן אָנגעפילט מיין האַרץ.

פינפטער קאפיטעל.

גרופען און פערזענליקייטען.

1.

די ווילנער קאָמונע. — באָקאָל.

די ווילנער גרופע האָט זיך באַזעצט אויף אַ קוואַרטיר פון עט־ליכע רומס, אין 48 עסעקס סטריט, לעבען גרענד. זיי האָבען גע־לעבט עכט קאָמוניסטיש. דער פיהרער פון דער קאָמונע איז געווען מענאַקער.

איינע פון די פרויען פלעגט זיין אין שטוב און פיהרען די באַלעבאַטישקייט; די איבעריגע מיטגלידער פלעגען געהן אַרביי־טען אין פאַרשידענע פעקטאָרים; און אַלץ וואָס מען האָט פאַר־דינט האָט מען אָפּגעגעבען אין דער אַלגעמיינער קאַסע.

צווישען די מיטגלידער זיינען געווען צוויי קלאָוקמאַכער, דאַמ־סקע שניידער פון דער היים, וועלכע האָבען דאָ פאַרדינט גאַנץ גרויסע וויידזשעס, — האָבען זיי דאָס אַלץ אַוועקגעגעבען דער קאָמונע. דער געפיהל צווישען די מיטגלידער איז געווען אַן אמת קאָמוניסטישער, אַ הערצליכער.

איך האָב אין דער קאָמונע ניט געוואוינט. איך פלעג איהר אבער אָפט באַזוכען. און ווען איך האָב פאַרלאָרען מיין דזשאַב אין דער בלעך־פעקטאָרי, האָט מענאַקער מיך איינגעלאַדען צו וואוינען אין דער קאָמונע אַלס גאַסט אויף אַ געוויסער צייט.

זייער קוואַרטיר איז געווען אַ מיטעל־פונקט, וואו עס פלעגען זיך פערזאַמלען אַלערליי פאָרטגעשריטענע אימיגראַנטען, מיטגלי־

דער פון „עם־עולם" און אנדערע. אהין פלעגט מען זיך צוזאמענ־קומען אין אָוועגד, ווי אין א קלוב.

ווען איך שרייב דיזע ווערטער, שטעהט מיר פאר די אויגען א יונגערמאן פון דעם „אָרעסער עם־עולם", ניט קיין הויכער, מיט שווארצע האָר, מיט א קורצער שווארצער בערדעל און מיט אינטע־רעסאנטע שווארצע אויגען. ער איז געווען איינער פון די וויכטיג־סטע פיגורען אין דעם „עם־עולם" און איינער פון די אינטערע־סאנטסטע טיפּען פון דער אימיגראציע. זיין נאָמען איז גע־ווען באָקאָל.

א געוויסע צייט האָט ער געהאַלטען לעקטשורס אין דער וויל־נער קאָמונע. ארום א גרויסען, לאנגען, פּראָסטען, ניט־צוגעדעקטען טיש פלעגען זיצען מיטגלידער פון דער קאָמונע און זייערע געסט, און א היבשע צאָל איז געשטאַנען ארום. אין מיטען, ביים טיש, איז געזעסען באקאָל. ער האָט גערעדט — באַלעבאַטיש, געלאַסען און מיט א למדנ'ישען שמייכעל אויף די ליפּען — און דער עולם האָט זיך צוגעהערט. זיין שפּראך איז געווען אן אָדעסער אידיש און זי איז געווען אָנגעפּילט מיט רוסישע ווערטער און אויסדרוקען. ווען איהם פלעגט פעהלען א וואָרט, פלעגט ער איינפּאך נעהמען א רוסי־שען וואָרט און איהם געברויכען ווי א אידישען. אָנשטאָט, למשל: „מען שטעלט די פראגע", פלעגט ער זאָגען: „עס יאָוועט זיך א וואָפּראָס". און דעם וואָרט „יאָוועט" פלעגט ער אויסריידען, לויט דער אויסשפּראך פון אָדעסער אידיש: מיט א קמץ אָנשטאָט א פּתח. פּונקט ווי ער פלעגט זאָגען „טאָטע" אָנשטאָט „טאטע" און „כאָסענע" אָנשטאָט „כאסענע".

א זאָנדערבארער סאָרט לעקטשור איז דאָס געווען. ער האָט נעלעזען א היבשע ביסעל (אויף העברעאיש און אויף רוסיש); קיין אמת געבילדעטער מענש איז ער אָבער ניט געווען, און זיינע לעק־טשורס זיינען געווען געבויט א סך מעהר אויף זיינע אייגענע גע־דאנקען, ווי אויף דעם, וואס ער האָט געלייענט אָדער געלערענט. ער איז געווען א בעאַבאַכטער און א דענקער. קיין סיסטעם האָט ער אָבער אין זיינע געדאנקען ניט געהאַט, און זיינע „לעקטשורס" זיינען אויך געווען אָהן א סיסטעם און, אייגענטליך, אָהן א באַ־שטימטער טעמע אויך.

מיכאַיל באַקאַל אין 1883.

וואָס עס פלעגט איהם אריינפאַלען אין זינען, וועגען דעם האָט ער גערעדט. ער איז געזעסען און געשמועסט — „געטראכט אין דער הויך", — ווי אמעריקאַנער רופען דאָס.

איך געדענק, צום ביישפּיל, ווי איינמאָל האָט ער זיינע צוהערער געשטעלט די פאָלגענדע פראגע:

— פארוואָס לאַכט מען, ווען מען זעהט, אז איינער גליטשט זיך אויס און פאַלט?

און אויף דיזער פראגע האָט ער געענטפערט מיט א לאנגער ערקלערונג, וועלכע איז געווען געגרינדעט אויף פּערזענליכע ער־פאהרונגען און באטראכטונגען.

ער איז געווען א פעהיגער מענש און א קלוגער מענש; און דער מוח האָט ביי איהם שטענדיג געארבייט. פילעס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען אינטערעסאַנט. אָפט פלעגט ער זאָגאר אויסדריקען זעהר א געראָטענעם אָריגינעלען און וויכטיגען געדאנק. — אָבער א סך פון זיינע רייד זיינען באשטאנען פון בויך־סברות — אזא מין סאָרט „פילאָזאָפיע", וואָס איהר קענט הערען פון יעדען אונוויסענדען אָבער קלוגען סוחר, ווען ער צורעדט זיך וועגען דער וועלט.

צו זיינע לעקטשורס פלעגען אייניגע אימיגראנטען זיך פאר־האַלטען אזוי ווי זיי וואָלטען געווען הויך־וויסענשאפטליכע. די אינטעליגענטערע און ענטוויקעלטערע האָבען אזא מיינונג וועגען זיי ניט געהאַט. אינטערעסאנט זיינען זיי אָבער געווען אַלעמען, און רעספּעקט האָט צו איהם געהאַט כמעט יעדער.

א טייל פון דעם רעספּעקט איז געווען געגרינדעט אויף דעם פאקט, אז ער האָט געלעבט ווי א פרוש. מען האָט איהם באַטראַכט אַלס א מענשען, וואָס איז אבסאָלוט פריי פון עגאָאיזם. טיילווייז איז דאָס געווען אמת. מען קען אָבער ניט זאָגען, אז ער איז אימער געווען דורכאויס אויפריכטיג. עהרליך איז ער געווען און גייס־טיג־ריין אויך, און פון דער נאַטור איז ער געווען א שטילער, פריד־ליכער, מילדער מענש. מען האָט קיינמאָל ניט געזעהן, אז ער זאָל ווערען אין כעס. ווען ער איז מיט אייך ניט געווען איינפארשטאַ־נען, פלעגט ער מיט אייך ארגומענטירען אין א זעהר פריינדליכען טאָן, און דערביי פלעגט זיין בלאַסער פנים באלויכטען ווערען מיט

א שמייכעל, וועלכער האָט שטאַרק געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז עפּעס גאָרניט ווי אַלע מענשען; אַ מין הייליגער.

אָפט פלעגט ער אָבער אויף אייניגע פון אונז מאַכען דעם איינדרוק, אַז ער איז אַ שטיקעל פּאָליטישען. מיר פלעגען צווישען זיך זאָגען, אַז ער איז כיטרע, אַז ער ווייסט וואָס צו פאַרשווייגען און ווי צו ריידען — ווי עס לוינט זיך. ביי קיין ליגען אדער צבועצסטווא האָט מען איהם אָבער קיינמאָל ניט געכאַפּט.

אין סך־הכל איז ער געווען אַן אינטערעסאַנטע פּערזענליכקייט. ער האָט געפיהרט אַ פּרינציפּ־טרייען לעבען און אָפט גע־הונגערט. דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכען, וועלכע האָבען איהם געבראַכט צו שווינדזוכט און צו אַ פריה־צייטיגען טויט.

אין זיינע לעצטע מאָנאַטען האָט ער גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין פּראָספּעקט פּאַרק, וואו ער האָט זיין גוף געשפּייזט מיט מילך, און זיין גייסט — מיט לעזען און טראַכטען.

.2

אין אַ גרעמער סקול, צוזאַמען מיט אַמעריקאַנער באָים. — פאַררעל, מיין אַמעריקאַנער לעהרער.

איך האָב ביסלעכווייז גענומען געבען לעסאָנס אין ענגליש. איך האָב נאָך אליין די שפּראַך געקענט נאָר „טעאָרעטיש", פּשוט'ער גערעדט — גאַנץ ווייניג; פונדעסטוועגען האָבען מיך אייניגע פון מיינע באַקאַנטע מיט פאַרגעניגען אָנגענומען פאַר אַ לעהרער.

איך האָב זיי געלערענט וויפיל איך האָב געקענט, און צו דער זעלבער צייט האָב איך פאָרטגעזעצט אליין צו שטודירען די שפּראַך. איך האָב זיך גענומען ספּעציעלע מיה ריכטיג צו וויסען ווי אויס־צוריידען די ווערטער, וועלכע איך האָב געלעזען מיט מיינע שילער.

אַזוי ווי דער אַמעריקאַנישער „ר" האָט אַ גאַנץ אייגענאַרטיגען קלאַנג (ער איז אַנדערש אפילו ווי ביי די ענגלענדער), האָב איך גענומען נאָכמאַכען דיזען „ר". מיט דעם ענגלישען „טה", וועל־כער ווערט אויסגערעדט מיט דער הילף פון דעם ברעג צונג (עס האָט

זיך פּשוט ניט געגלויבט, אז מען מיינט דאָס ערנסט און ניט קיין שטיפערישע איבערקרימעניש), האָט יעדער אימיגראַנט טראַבעל. מיין צונג איז אָבער אַזעלכע שווערינקייטען לייכט ביינעקומען.

ווען מיינע חברים פון די אימיגראַנטען האָבען געהערט ווי איך סטאַרע זיך אויסצורייידען ענגלישע ווערטער אויף דעם „עכטען אַמעריקאַנער" שטייגער, איז דאָס איינינע פון זיי אויסגעקומען אָפּשטויסענד: עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט זיך געקרימט, געמאַכט משונה'דיגע אוואַיעס. אָבער מיסעס זאַסס' טאָכטער און איהר מאַן האָבען פון מיין „טה" און „ר" געקליבען נחת.

איך האָב זיך מישב געווען, אַז דאָס בעסטע וועט זיין, ווען איך וועל געהן אין סקול, ניט אין אַ איווענינג־סקול, צוזאַמען מיט אַנדערע אויסלענדער, נאָר אין אַ רעגעלמעסיגער גרעמער־סקול, צוזאַמען מיט אַמעריקאַנער קינדער. דאָס איז מיר איצט מעגליך געווען, ווארים בייטאָג בין איך שוין געווען פריי. די לעסאָנס, וואָס איך האָב גענעבען, זיינען אַלע געווען אין אָווענד.

איך בין, אַלזאָ, אַרויפגעקומען אין דער פּאַבליק־סקול, וואָס געפינט זיך אויף קריסטי, קאָרנער העסטער (זי שטעהט דאָרטען עד היום, נאָר די געביידע איז אַ נייע).

איך בין אַריינגעקומען אין דעם אַלגעמיינעם זאַל. אויף דער פּלאַטפאָרמע איז געזעסען דער פּרינסיפּאַל — אַן אַלטער מאַן מיט ווייסע באַקען־בערד — מיסטער ראַיט. אויף מיין געמאַטערטען ענגליש האָב איך איהם ערקלערט, אַז איך בין אין דער היים געווען אַ טיטשער אין אַ פּאַבליק־סקול און דאָ וויל איך ווערען אַ שילער אין אַזאַ שול, כדי זיך גרינדליך אויסצולערנען די אויסשפּראַך.

ער האָט מיך פאַרשטאַנען, און מיין ערקלערונג האָט איהם פאַראינטערעסירט. ער האָט מיר געראַטען אָנצוקומען אין דעם העכסטען קלאַס. צווישען די קליינע קינדער, אין די נידעריגע קלאַסען, וואָלט איך געווען פּונקט אַזאַ אויסלענדער, ווי צווישען די עלטסטע באָים אין סקול, און איך וואָלט פון זיי ווייניג גע־לערענט — האָט ער מיר ערקלערט — פון די דערוואַקסענע קינ־דער, ווידער, וועל איך יאָ האָבען וואָס צו לערנען.

איך האָב זיין עצה אָנגענומען. ער האָט מיך אַריינגעפיהרט

אין א קלאס־צימער, וואו עס זיינען געזעסען בּאַיס פון צוועלף, דרייצעהן און פערצעהן יאָהר; און דאָרטען האָט ער מיך פארגע־שטעלט פאר דעם טיטשער, א מיסטער פאררעל, א מאן מיט האר־טע, שווארצע האר און וואָנצעס, אין א לאַנגען שווארצען ראָק.

דער פּרינסיפּאַל האָט איהם אַלץ ערקלערט, און ער, מיסטער פאררעל, האָט מיר געגעבען א סיט ביי איינעם פון די ערשטע דעסקס, נאָהענט צו זיין טישעל. ער האָט מיך אוועקגעזעצט לעבען א באָי מיט'ן נאָמען פירסט, וועלכער איז געווען איינער פון די בעסטע שילער אין קלאָס, און ער האָט איהם געהייסען מיר העלפען מיט דער אויסשפּראך. דערביי האָט ער צו מיר געמאכט אוואַיעס, ווי צו א שטומען.

ביי צוויי־דריטעל פון די באָיס זיינען געווען קריסטליכע, און פון דער אידישער דריטעל איז אפשר א העלפט באַשטאַנען פון „יהודים“.

איינער פון די אידישע (ניט־יהודים'שע) שילער איז געווען אייבּרעהעם סאראזאָהן, דער זוהן פון כתריאל סאראזאָהן, דער גרינדער פון „טאגעבלאַט“ (דאן האָט ער ארויסגעגעבען א אידיש וואָכענבלאַט אונטער'ן נאָמען „די גאזעטטען“).

סיי די קריסטליכע, סיי די אידישע אינגלעך האָבען מיך גוט באהאנדעלט; און דער לעהרער אויך. בשעת איך פלעג לעזען, האָט קיינער ניט געלאכט. פארקערט, די באָיס האָבען מיט זייערע אוואַ־יעס אויסגעדריקט איבערראשונג, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך גע־חדוש'ט, ווי גוט איך לעז ענגליש. זיי האָבען דאָס געטאָן אומישנע, מיר צוגעבען מוט. זיי האָבען זיך אָבער טאקע געוואונדערט אויך. ווען איך האָב איבערגעלעזען דעם איינפאכסטען וואָרט, זיי־נען זיי איבערראשט געוואָרען, עפּעס אזוי ווי איך וואָלט געווען א קאַץ אָדער א קאַלב, און עס איז מערקווירדיג וואָס איך קען גאָר ארויסלאָזען א מענשליכען קלאַנג פון מיין מויל.

מיסטער פאררעל האָט די באָיס געלערענט זינגען אויך. ער אליין האָט אָבער ניט מיטגעזונגען. קיינמאָל ניט. ער פלעגט נאָר קאָמאַנדעווען, קוקען אין ביכעל מיט געדרוקטע נאָטען, מאכען

מיט'ן פינגער אהין און אהער און ציילען דעם טאקט: איינס, צוויי, דריי! איינס, צוויי, דריי! און די באָים פלעגען זינגען.

איך בין געווען זיכער, אז ער קען קיין טאָן ניט נעהמען. און דיזער „שטומער דיריגענט" לערענט דאָס זינגען! — פלעג איך זיך טראַכטען. איך האָב דאָס צוגעלייגט צום צעטעל פון באשולדיגונגען, וואָס איך האָב געהאט געגען קאָלאָמבוס'ען...

איינמאָל, ווען איך בין געזעסען און געקוקט אויף איהם, מיט זיינע הארטע, שווארצע האָר, איז מיר פאָרגעקומען, אז ער זעהט אויס ווי עליע איטשע, דער ראש־ישיבה, מיין אמאָליגער רבי. צו געפינען עהנליכקייט צווישען זיי איז געווען קאָמיש. אבער וואָס מעהר איך האָב געקוקט אויף מיסטער פאררעל'ען, אלץ גרעסער איז די עהנליכקייט געוואָרען.

פרייטאָג פלעגט קומען א פראָפעסיאָנעלער לעהרער פון זינגען. דאַן פלעגט פאררעל מיט מיר ארויסגעהן אין דעם אלגעמיינעם זאל און דאָרטען מיר געבען א באזונדערען לעסאָן אין לעזען ענגליש.

ווען פאררעל האָט גערעדט אָדער פאָרגעלעזען עפּעס פאר'ן קלאָס, האָב איך זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט, צו יעדען קלאנג. איך האָב זיך אויך צוגעהערט צו דער אויסשפּראַך פון די באָים. איך האָב נאָכגעפאָלגט זייערע מאַניערען, זייערע מינעס. דאָ האָט מיר די ענגלישע שפּראַך געקלונגען נאָך משונה'דיגער, אוננאטיר־ליכער ווי אין ליווערפּול. מיר האָט זיך געדוכט, אז דער לעהרער קרימט די ליפּען, מאכט משוגענע שטיק. אָבער זיין פריינדליכקייט און גוטסקייט צו מיר האָט אלץ צוגעדעקט.

מיר האָבען געלעזען מאק־גאפּפי'ס פינפטען „ריעדער". איינ־מאָל האָט מען געלעזען אַן אויסצוג וועגען דעם אמעריקאַנער פויגעל באָבאָלינק. די ערשטע ווערטער זיינען געווען:

„דהי באָב־אָ־לינק, דהי באָב־אָ־לינק, ספּינק, ספּענק, ספּינק!"

די קינדער האָבען דאָס געלייענט דעקלאַמירענדיג, אַזוי ווי א געדיכט, און דער וואָרט „באָב־אָ־לינק" מיט דער דעקלאַמאַציע

האָט מיר געקלונגען אזוי זאָנדערבאר, אזוי פרעמד, אז די סצענע און די טענער האָבען זיך טיף איינגעגראָבען אין מיין געדאנק.

אין שפּעטערע יאָהרען, ווען איך האָב זיך גענומען אינטערעסי־רען מיט אמעריקאנער פויגלען, האָב איך צוערשט די גרעסטע אויפ־מערקזאמקייט געשאָנקען דעם באבאָלניק. און עד היום, ווען עס געהט אוועק א פריהלינג און איך זעה ניט דיזען עכט־אמעריקאנער פויגעל און הער ניט זיינע אָנגענעהמע קלארנעטענע טענער, פעהלט ער מיר א גאנץ יאָהר.

עטליכע מאָל האָט מיסטער פאררעל די באָיס געהייסען זיך אראָפּנעהמען א מוסר פון מיר. ער פלעגט מיר עפּעס פרעגען וועגען רוסלאנד, און אז איך פלעג איהם ענטפערען, פלעגט ער צו זיי זאָגען:

— איהר זעהט, מר. קאהאן קען גוט די געאָגראפיע פון זיין געבורטס־לאנד; פארוואָס־זשע האָט איהר ניט קיין חשק צו לערנען די געאָגראפיע פון אייער לאנד?

ביכער האָט מען געגעבען אומזיסט — און א גאנצען בארג. פלעג איך אין דער פריה געהן מיט א פּאַק ביכער אין סקול אריין, ווי א באָי, און אין אָוועגד פלעג איך ווערען א לעהרער. און שפּעטער אין אָוועגד, ווען איך פלעג קומען אהיים, פלעג איך אָנגעהן מיט מיין „אפּפּעלטאָן׳ס גרעממער״.

אין פארלויף פון עטליכע מאָנאטען האָב איך שוין פאר־שטאנען גענוג ענגליש צו לעזען צייטונגען און ביכער.

אין גאנצען בין איך אין סקול געגאנגען ביי דריי מאָנאט. מעהר וואָלט איך פון איהר ניט געקענט ציהען קיין נוצען. און „אפּפּעלטאָן׳ס גרעממער״ איז מיר שוין אויך געוועזן איבעריג. אָבער אז מען הויבט עפּעס אָן, ווילט זיך ניט לאָזען אין מיטען. האָב איך זיך געקליבען צו דערגעהן אין „אפּפּעלטאָן׳ס גרעממער״ ביז׳ן סוף — אלץ געקליבען זיך און אָפּגעלייגט.

איינמאָל האָב איך א קוק געטאָן אין אפּפּעלטאָן׳ס לעצטען לעסאָן. איך האָב זיך ערקונדיגט, אז דאָס איז ביי מיר שוין אויך קיין נייעס ניט; און אז איך דארף דעם בוך אבסאָלוט שוין מעהר ניט האָבען.

.3

ווילליאַם פרעי. — פעליקס אדלער. — מיין ערשטער אַרטיקעל אויף ענגליש.

אין יענע מאָנאַטען האָט די פּערזענליכקייט פון ווילליאַם פרעי, דער רוסישער געלעהרטער, וועלכער איז דערמאָנט געוואָרען אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל, געשפּילט אַ אינטערעסאַנטע ראָלע אין דעם גייסטיגען לעבען פון אונזערע אינטעליגענטע אימיגראַנ־טען. דאָס איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע מענשען, וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגענט. אַזעלכע נאַטורען זיינען פאַראַן ווייניג אויף דער וועלט.

דער לעזער ווייס שוין, אַז ער איז געווען אַ קאָמוניסט, און אַז דער קאָמוניזם איז ביי איהם געווען צוזאַמענגעבונדען מיט אויגוסט קאָנט'ס „רעליגיאָן פון דער מענשהייט“. קאָנט אַליין איז קיין קאָמוניסט ניט געווען. אויך האָבען זיינע אַנדערע אַנהענגער ניט געהאַלטען פון קאָמוניזם. ביי פרעי'ען אָבער זיינען די צוויי „איזמען“ — דער פּאָזיטיוויזם און דער קאָמוניזם — געווען אַ צוזאַמענגעוואַקסענער צווילינג. און ער האָט זיי געדינט אַזוי ווי אַ באַגייסטערטער פרומאַק דינט זיין אמונה. דערביי האָט ער אַרויסגעוויזען אַ מערקווירדיג שטאַרקען כאַראַקטער. ער איז געווען אַ מאָראַלישער ריעז.

זיין איינפלוס אויף אונז איז געווען גרויס, און אויב דיזער איינפלוס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען, איז אָבער ביי יעדען פון אונז אויף אייביג פאַרבליבען פרעי'ס געשטאַלט ווי אַ ליכטיגער שטערן. מיר האָבען איהם אַלע פאַרגעטערט, און איינינגע פון אונז האָבען איהם געפאָלגט ווי אַ באַגייסטערטער חסיד פאָלגט זיין רבי'ן.

זיין אמת'ער נאָמען איז געווען וולאַדימיר הייגס, אָבער אין אַמעריקאַ האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבען וויליאַם פרעי, און אַזוי האָט ער זיך שוין גערופען ביז זיין טויט.

ער האָט איצט געוואוינט אין ניו יאָרק, אָבער נאָר אויף עטליכע מאָנאַט. ער האָט זיך געקליבען צו פאָהרען אין דער

קאָמונע „ניו אָדעסא“, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען פון דעם ערשטען אָדעסער „עם־עולם“, לעבען פאָרטלענד, אָרעגאָן.

אין זיינע יוגענד־יאָהרען האָט ער שטודירט אין דער מיליטערישער אקאדעמיע פון פעטערסבורג; דערנאָך איז ער געוואָרען אַן אפיציר און אַ וויסענשאַפטסמאַן. ער האָט אנטייל גענומען אין אַ געוויסער וויסענשאַפטליכער עקספּעדיציע, און ער איז שנעל געשטיגען; אָבער פּלוצלינג האָט ער אַלץ אוועקגעוואָרפען און איז אוועק דינען זיין קאָמוניסטישען אידעאַל. אין 1875 איז ער געקומען קיין אַמעריקא מיט אַ גרופּע אַנדערע אידעאַליסטען, און אין דעם סטייט קענזעס האָבען זיי געגרינדעט אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניע. דאָרטען האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט דער לעהרע פון דעם פראַנצויזישען פילאָזאָף, אוגוסט קאָנט; ער האָט איהר אויך גרינדליך דורכגעשטודירט און איז פאַר איהר באַגייסטערט געוואָרען. ער האָט גענומען פיהרען זיין לעבען לויט קאָנט'ס רעליגיע, אָבער אויף אַ פיל טיפערען רעליגיעזען שטייגער ווי אַנדערע קאָנטיסטען, און צו דער „רעליגיאָן פון דער מענשהייט“ האָט ער צוגעגעבען ניט נאָר קאָמוניזם, נאָר אויך וועגעטאַריאַניזם. ער האָט זיך געשפּייזט נאָר מיט פרוכט און גרינסען. און אין דעם איז ער געווען אַזוי פרום ווי אין זיין „רעליגיאָן פון דער מענשהייט“.

ער איז געווען פון מיטעלען וואוקס, אַ דארער, מיט שווארצע ווייכע האָר און אַ שווארצע ווייכע באָרד, מיט רעגעלמעסיגע געזיכטס־שטריכען, וועלכע פלעגען אָפט באַקומען אַ קינדערשען אויסדרוק.

איך פלעג איהם באַזוכען אויף זיין קוואַרטיר (אין אַן אָרימען טענעמענט־הויז אויף דער ניינטער סטריט, לעבען דער ערשטער עוועניו), און ביי יעדען וויזיט פלעג איך פיהלען ווי אַ חסיד פיהלט ביי זיין רבי'ן, הגם זיין קאָנטיזם האָט מיך ניט גענומען און זיין וועגעטאַריאַניזם האָט אין מיר נאָר ארויסגערופען נייגעריגקייט.

פאול קאַפּלאַן, וועלכער איז געווען איינער פון די פיהרער פון דער „ניו אדעסא“ און האָט באַזארגט זייערע געשעפטען אין ניו יאָרק, האָט דאַן געוואוינט ביי די פרעיס.



וויליאַם פרעי (אין 1883).

כמעט אַלץ וואָס פרעי האָט געטאָן, איז געווען אַ טייל פון זיין רעליגיע. ער פלעגט אַליין קנעטען און באַקען אַזאַ מין לאַנגינקע בולקעלעך פון אַ ספּעציעלען סאָרט מעהל, לויט זיין טעאָריע פון אָפּהיטען דאָס געזונט. אַרום די דאָזיגע בולקעלעך פלעגט ער אַרומפּאַדען ווי אַ פרומער איד אַרום מצה שמורה. אַז ער פלעגט עסען, פלעגט ער קייען און שלינגען מיט אַ פרומער כונה. דאָס אַלץ איז ביי איהם געווען אַ הייליגע באַשעפטיגונג, אַ מצוה.

דער הויפּט צוועק פון זיין לעבען איז געווען צו דינען דער מענשהייט; דעריבער איז עס זיין פליכט צו היטען זיין אייגענעם געזונט אויך, וואָרים ער, פרעי, איז דאָך אַ טייל פון דער מענשהייט. דאָס איז געווען זיין טעאָריע.

ער איז געווען אַ פאַנאַטיקער, אָבער אַן אינטערעסאַנטער פאַנאַטיקער.

מרס. פרעי, זיין פרוי, איז אויך געווען אַ פּאָזיטיוויסטקע. זי איז געווען פון אַ פריצישער פאַמיליע, אַזוי ווי ער, און אין ניו יאָרק האָט זי געוואַשען גרעט, אייגענע און פרעמדע.

זי איז געווען קליין־געוואַקסען און איהר געזיכט האָט געהאַט אַ צייכען פון אַ סיבה, וואָס האָט איהר געטראָפען ווען זי און איהר מאַן האָבען געלעבט אין דער קענזעסער קאָמונע. פרעי האָט עפּעס געבויט און זי האָט איהם געהאָלפען. זי איז געשטאַנען אונטען, און ער האָט פון אַ אויבערשטען פענסטער איהר דערלאַנגט אַ קלאָץ. זי האָט די קלאָץ ניט פּאַספּייעט צו כאַפּען אין צייט, און זי האָט איהר שטאַרק צוקאַליעטשעט דעם נאָז. דעם אַנגענעמען קלוגען אויסדרוק פון איהר פּנים האָט דאָס אָבער ניט געשטערט.

זיי האָבען געפיהרט אַן אידעאַלען לעבען פון איינפאַכקייט, עהרליכע פּראַצע און פּרינציפּ־טרייהייט. איך פלעג זיצען ביי זיי אין שטוב, און זיך קלעהרען מיט עהרפורכט: „אין רוס־לאַנד וואָלטען זיי געקענט לעבען רייך און אַריסטאָקראַטיש, און דאָ באַקט ער זיינע בולקעלעך און זי וואַשט גרעט, און זיי פאַרברענגען די פרייע צייט אין פּרעדיגען זייערע אידעען“.

היינט, ווען איך באטראכט פרעי'ען, ווי איך געדענק איהם, זעה איך אז קיין מענש מיט א ברייטען בליק איז ער ניט געווען. קיין פראקטישען באגריף וועגען דער וועלט און וועגען מענשען האט ער אוראי ניט געהאט. בעטראכטען א זאך פון דעם אנדערען'ס שטאנדפונקט איז אויך ניט געווען זיין טבע. ער איז געווען זעהר איינזייטיג, אָבער אזוי זיינען דאך אלע פאנאטיקער.

זיינע מיינונגען וועגען דעם פרייהייטס־קאמף אין רוסלאנד און וועגען דער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא זיינען געווען אונפראקטיש, פשוט קינדעריש. ער איז געווען געגען יעדען קאמף. ברויכען גוואלט־מיטלען, אפילו געגען דעם ערגסטען טיראן, טאָר מען ניט, — האט ער געזאָגט. אויך טאָר מען ניט אָרגאניזירען זיך און פאָדערען מעהר וויידזשעס.

„אלעס גוטעס, וואָס מיר האָבען געפונען, האט פאר אונז צוגעגרייט די מענשהייט, — פלעגט ער דרש'ענען, — דעריבער איז אונזער פליכט צו געבען דער מענשהייט וואָס מעהר און ביי איהר צונעמען וואָס וויינינער; וואָס מעהר שאפען און וואָס ווייניגער פאָדערען!"

אזוי פלעגט ער אויךריידען צו די פיהרער פון דער ארבייטער באוועגונג, מיט וועלכע ער איז געווען באקאנט.

צו זיין פאָזיטיוויסטישער אידעע, ווי ער האט איהר אויסגע־טייטשט, איז ער געווען איבערגעגעבען מיט א פייער און א זעלבסט־אָפּפערונג, וועלכע כאראקטעריזירען נאָר פיהרער פון גרויסע רעליגיעזע באוועגונגען. ער האט געהאט אן אייזערנע נאטור, און אויף אונז האט ער געמאכט דעם איינדרוק פון א פארצייטיגען נזיר, אָדער א רעליגיעזען מארטירער, וואָס קומט אָפּ פאר זיין אמונה און קען זיך לאָזען ברענען און בראָטען פאר איהר.

מיט עטליכע יאָהר שפעטער, ווען ער האט געוואוינט אין ענגלאנד, האָט די פרוי פון פרעדריק העררימאָן, דער פיהרער פון די פאזיטיוויסטען, וועגען איהם געזאָגט: „איידער איך בין באקאנט געוואָרען מיט פרעי'ען, האָב איך ניט געהאט קיין

באגריף וואָס פאר א סאָרט מאן יעזוס קריסטוס איז געווען. איצט קען איך זיך איהם פאָרשטעלען."

ווען ער איז געווען אין ניו יאָרק, האָט ער פאר אונזער קאָלאָניע געהאַלטען א סעריע לעקטשורס (אויף רוסיש) איבער זיין פאָזיטיוויזם. טיילווייז זיינען זיינע לעקטשורס געווען געריכטעט געגען רעוואָלוציאָן, וואָרים, ווי געזאָגט, איז ער געווען געגען יעדער פאָרמע פון גוואַלט־טאַט. ער האָט געפּרעדיגט ברידערליכקייט און קאָמוניזם; און דער פּרינציפּ פון ניט וועהרען זיך, ניט געבען קיין ווידערשטאנד (נאָן־רעזיסטענס), וועלכעס טאָלסטאָי האָט שפּעטער געפּרעדיגט, איז געווען א טייל פון פרעי'ס „אמונה", אזוי ווי קאָמוניזם און וועגעטאַריאַניזם.

די קאָנטיסטישע לעהרע האָט ביי איהם באַקומען אן אייגענאַרטיגען כאַראַקטער. אזוי ווי א מוזיקער נעמט א נגון און שפּילט איהם מיט ענדערונגען אויף זיין אייגענעם שטייגער, אזוי האָט פרעי געטאָן מיט קאָנט'ס „רעליגיאָן פון דער מענשהייט". אויף זיינע מיטינגען פלעג איך דעבאַטירען מיט איהם אינ'ם נאָמען פון סאָציאַליזם און קלאַסען־קאַמף; אָבער דער עולם האָט געהאַלטען מיט איהם.

מיט קאָנט'ס טעאָריע האָט ער צוזאַמענגעבונדען געוויסע טיילען פון הערבערט ספּענסער'ס טעאָריע, און דער סך הכל איז געווען א געדאַנק, אז די מענשהייט איז אן אָרגאַניזם — איין ריזיגע באַשעפעניש; און די איינצעלנע מענשען זיינען אזוי ווי אטאָמען (טיילכעלעך) פון דיזען גרויסען אָרגאַניזם.

צווישען די ערקלעהרונגען און באַמערקונגען, וואָס זיינען פאַרבליבען אין דעם זכרון פון די וואָס האָבען זיינע לעקטשורס בייגעוואוינט, געפינט זיך די פאָלגענדע:

„מיר טאָרען ניט שעדיגען אונזער געזונט, ווייל מיט דעם שעדיגען מיר אן אטאָם פון דער מענשהייט; מיר טאָרען ניט זיין שלעכט צו אנדערע מענשען און מיר טאָרען ניט זינדיגען געגען זיך אליין, וואָרים אלע זיינען מיר אטאָמען פון דעם גרויסען אָרגאַניזם — מענשהייט."

„וואָס פאר א רעכט האָט זשעליאַבאָוו געהאַט צו פאַרלירען

זיין טייערע בלוט צוליב די שמוציגע בלוט פון אלעקסאנדער דעם צווייטען?״ — האָט ער געפרעגט.

אויף יענעם מיטינג האָב איך איהם געפרעגט א קשיה:

— אויב די מענשהייט איז אן אָרגאניזם, מוז מען דעם דאָזיגען אָרגאניזם אויסהיטען פון קראנקהייטען: אמאָל מוז מען מאכען אן אָפּעראציע איבער איהם, ווי מען טוט מיט דעם אָר־גאניזם פון אן איינצעלנעם מענשען. אויב א געוויסער גליד איז אזוי קראנק אז ער איז שעדליך פאר די איבעריגע גלידער, דארף מען איהם אָפּשניידען. אָט דאָס האָבען די רעוואָלוציאָנערען געטאָן מיט אלעקסאנדער'ן.

אויף דעם האָט פרעי געענטפערט, אז קיינער האָט ניט קיין רעכט זיך צו ערקלערען פאר דעם דאָקטאָר און כירורג פון דער מענשהייט; אז קיינער האָט קיין רעכט ניט צו מאכען בלוטיגע אפּעראציעס איבער איהר.

איינמאָל, ווען ער האָט קריטיקירט די רוסישע רעוואָלו־ציאָנערען פאר זייערע טהאטען, איז איינער פון דעם עולם, א היציגער יונגער מאן, אויפגעשפּרונגען.

— איהר זייט א פּאָדלעץ! — האָט ער אויסגעשריען.

אָבער פרעי איז אפילו ניט אין כעס געוואָרען.

אויף שפּאָס פלעגען מיר איינער דעם אנדערען רופען „אטאָם״: „קום אהער, מיסטער אטאָם״, אָדער „ווי געפעלט דאָס דיר, מיין ליבער אטאָם?״ צו פרעי'ען און זיינע לעקטשורס האָבען מיר זיך אָבער פארהאַלטען זעהר ערנסט.

יעדען זונטאג אין דער פריה פלעגט פרעי געהן אין טשיקערינג האָלל (אויף פינפטע עוועניו לעבען אכצענטער סטריט). וואו פעליקס אדלער פלעגט האלטען זיינע לעקטשורס, ריכטיגער געזאָגט דרשות, פאר זיין „עטהיקעל קאָלטשור סאָסייעטי״ (געזעלשאפט פון מאָראל־פּראָפּאגאנדע) *). פרעי'ען האָט אדלער'ס טעאָריע ניט

---

*) אדלער'ס פאָטער איז געווען דער ראבינער פון טעמפּעל עמאנועל, די שול פון די רייכסטע דייטשע יהודים אין ניו יארק (אויף דער פינפטער עוועניו און 43טער סטריט). דער יונגער אַדלער האָט אויך אויסגעשטודירט אויף ראַבינער. ער האָט אָבער געענדיגט צוויי וועלט־ליכע אוניווערסיטעטען, אין אמעריקא און אין דייטשלאנד, און אין

צופרידענגעשטעלט; ער האָט איהם אָבער געהאַלטען פאַר א פּאָרטגעשריטענעם און נוצליכען מאָראַל־פּרעדיגער, און אין זיין טעטיגקייט האָט ער געפונען א שטיקעל שייכות צו דער „רעליגיאָן פון דער מענשהייט".

איך פלעג אויך אטענדען אדלער'ס לעקטשורס. אָבער פאַר מיר זיינען זיי געווען ניט מעהר ווי לעסאָנס אין דער ענגלישער שפּראַך (א פּאָר יאָהר שפּעטער פלעג איך מיט דעמזעלבען צוועק געהן הערען דרשות אין קריסטליכע קירכען אויך). פאַר פרעי'ען אָבער איז טשיקערינג האָלל טאַקע געווען א טעמפּעל. די אויסערליכע פאָרמע פון רעליגיע איז אויך פאַר איהם געווען וויכטיג.

צוויי אָדער דריי מאָל בין איך מיט איהם, און מיט זיין באָי ווילי, אהין געגאַנגען צוזאַמען.

אדלער פלעגט אימער אריינקומען ווען דער אָרגעל האָט שוין געהאַלטען אין שפּילען. געקליידט אין א לאַנגען, שווארצען ראָק, פלעגט ער זיך באווייזען דורך דער פּלאַטפּאָרמע־טיר, און מיט לאַנגזאַמע טריט, מיט פּריסטערישער זעלבסט־ווירדע פלעגט ער צוגעהן זיין גרויסען שטול און זיך זעצען, אוועקלייגענדיג א פוס אויף א פוס און די אָרעמס אויף די צוויי פּאַרענצען. אימער אזוי. זיין יעדע באוועגונג איז געווען דיזעלבע יעדען זונטאָג.

אַלע אויערען זיינען אָנגעשטרענגט אויף די כוואַליעס מוזיק, וואָס טראָגען זיך איבער'ן הויכען, גרויסען פּאַראַדנעם זאַל. אַלע אויגען זיינען אָנגעשטרענגט אויף דעם מאַן אין דעם שווארצען ראָק. דער אָרגעל ווערט אנטשוויגען. דער מאַן אין דעם שוואר־

דייטשלאַנד האָט ער גענומען א ספּעציעלען קורס אין פילאָזאָפיע. נאָך זיין פאָטער'ס טויט האָט ער געזאָלט ירש'ענען זיין שטעלע. אָבער אין זיין פּראָבע־דרשה אין טעמפּעל עמאַנועל האָט ער קיין איינציגען מאָל ניט דערמאָנט גאָט, און ער האָט די שטעלע ניט באַקומען. דאַן האָט ער געגרינדעט די „מאָראַל געזעלשאַפט" פאַר מענשען וואָס גלויבען ניט אין א גאָט־רעליגיאָן. זיינע לעקטשורס האָבען צוגעצויגען מענשען, וואָס האָבען ניט קיין אמונה, אָבער וואָס בענקען נאָך עפּעס אזוינס, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַן אמונה. פילע פון די מיטגלידער פון דער „עטיקעל קאַלטשור" זיינען געווען רייכע, מייסטענס אידען.

צען ראָס זיצט נאָך. א שטילקייט הערשט. זי ווירקט אויף די נערוועז. דער מאן אין דעם שווארצען ראָק שטעלט זיך לאַנג-זאם אנידער און לאנגזאם געהט ער צו צום ברעג פּלאטפאָרמע. ער בלייבט שטעהן. די שטילקייט ווערט, דאכט זיך, נאָך טיפער. ענדליך הויבט ער אָן. ער הויבט אָן מיט א שטימע, וואָס קלינגט מיט וואזשנעקייט, מיט פייערליכקייט, מיט אן ערנסטקייט, וואָס פארטראָגט אין א יום־טוב'דיגען טרויער.

פרעי זיצט מיט זיין ווילדי'ן אויפ'ן שוים, און זיין געזיכט שיינט מיט פרומקייט. איך זיץ לעבען איהם און פון צייט צו צייט באטראכט איך זיין פנים. איך גלויב ניט אין זיין לעהרע און איך גלויב ניט אין אדלער'ס לעהרע; איך בין אָבער שטאָלץ מיט דעם וואָס איך זיץ לעבען פרעי'ען און זיין שטילע התלהבות באצויבערט מיך.

איינינע פון אונז זיינען אויף א געוויסער צייט געוואָרען פּאָזיטיוויסטען און וועגעטעריאנער. אויף עטליכע מאָנאטען איז וועגעטעריאניזם געוואָרען די „העכסטע מאָדע" אין דער רוסישער קאָלאָניע. יונגע באלעבאָסטעס האָבען זיך געלערענט מאכען פאר-שידענע מאכלים פון גרינסען און פרוכטען; מען האָט אויסגע-קלערט אלערליי געריכטען. אָפּט האָט דאָס קיין שום טעם ניט געהאט. מען האָט אָבער געגעסען און זיך כלומר'שט פּאָסמאקעוועט.

איינער פון די באגייסטערטע פרעי'איסטען און וועגעטעריא-נער איז געוועזען מיינער א לאנדסמאן, א יונגער מאן מיט'ן נאָמען מירסקי. א געוויסע צייט — אין דעם זומער 1883 — האָבען מיר געוואוינט אויף איין קווארטיר (אויפ'ן סטופּ פון 181 קריסטי סטריט). איין מאָל האָט ער מיך מכבד געווען מיט א זופּ, וואָס ער האָט אויסגעקאָכט פון צעהן מינים גרינסען. עס האָט גע-טוינט אויף כפרות. ער האָט מיר אָבער פארזיכערט, אז עס איז אַ אנטיק, און אז ער פיהלט ווי עס קומט איהם צו געזונט פון יעדען לעפעל.

איינער פון די, וואָס זיינען באקערט געווארען צו פרעי'ס רעליגיע, איז געוועזען באָקאל. ער איז געוואָרען אן איבערגעבענער

ווענעטעריאַנער און ער האָט גענומען לעבען ווי אַן אמת'ער פרומער, ביז ער איז קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען, ווי עס איז שוין דערצעהלט געוואָרען.

אַ פּאָר פון אונזערע אימיגראַנטען זיינען אויף אימער פאַר־בליבען פּרעיאיסטען, דאָס הייסט פּאָזיטיוויסטען און ווענעטער־יאַנער (מער אָדער ווייניגער), אָבער אָהן דעם קאָמוניזם.

מיין קוואַרטיר אין 181 קריסטי סטריט עראינערט מיך אָן דעם ערשטען אַרטיקעל, וואָס איך האָב אויפגעשריבען אויף ענג־ליש, ווארים דאָרטען איז ער געשריבען געוואָרען. ער איז ער־שינען אין דער „ניו יאָרק וואָירלד" (דזשאָזעף פּוליצער האָט מיט אַ קורצער צייט פריהער אָפּגעקויפט די צייטונג און איהר אָנגעהויבען צו ענטוויקלען. עס האָט זיך דאַן קיינעם ניט גע־חלום'ט, אַז ער וועט איהר מאַכען פאַר אַזאַ ריזיגער קראַפט).

אין מאָסקווע איז דאַן פאָרגעקומען די קאָראָנאַציע פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען, דער זוהן פון דעם צאַר וועמען די רעוואָלוציאָנערען האָבען געטויט. די רוסישע דעפּעשען אין די אַמעריקאַנער צייטונגען האָבען דערצעהלט וועגען דער ליבע וואָס דאָס פאָלק ווייזט אַרוים צו דעם נייעם קייזער, וועגען סצע־נעס פון איבערגעבענהייט און באַגייסטערונג ביי דער קאָראָ־נאַציע. האָב איך זיך אוועקגעזעצט און אויפגעשריבען אַן אַרטי־קעל, אין וועלכען איך האָב ערקלערט, אַז דאָס איז ניט אמת. דער אַרטיקעל איז ערשינען אין דער „וואָירלד" אויף דער ערשטער פּיידזש, מיט אַן אָנמערקונג, אַז די רעדאַקציע האָט איהם באַקו־מען פון אַ רוסישען אימיגראַנט און אַז זי דרוקט איהם ווי ער שטעהט און געהט.

אין אמת'ן האָבען זיי מיין ענגליש שטאַרק פאַרריכט.

4.

מיכאַיל האַלפּערין. — זיין זוהן לואי.

אַ צווייטע ליכטיגע פּערזענליכקייט, מיט וועלכע מיר זיינען אָפט געקומען אין באַריהרונג אין יענע יאָהרען, איז געווען מיכאַיל האַלפּערין.

וויליאם פרעי האָט איבערגעלאָזען א טיפען איינדרוק אויף דער אינטעליגענץ פון דער רוסישער קאָלאָניע פון יענע יאָהרען, און מיכאיל האלפּערין האָט איבערגעלאָזען א טיפען איינדרוק (הגם פון א גאנץ אנדער סאָרט) אויף אַלע אידישע אימיגראנטען פון די זעלבע צייטען.

אויב פרעי איז די גרעסטע פיגור, איז האלפּערין די ליבליכ־סטע פיגור, וואָס די אימיגראנטען מאסע פון די אכציגער יאָה־רען האָט דאָ באגעגענט. די אנדערע אמעריקאנער אידען, מיט וועלכע זיי האָבען געהאט ערפאהרונגען, האָבען דאָס רוב אויף זיי געמאכט אַן אונגינסטיגען איינדרוק. אָפט דורך מיספאר־שטענדישען, אָבער אָפט טאקע דורך אמת'ע אורזאכען, האָבען די דאָזיגע אמעריקאנער אידען דעם אימיגראנט'ס שווערע הארץ נאָך שווערער געמאכט. האלפּערין אָבער איז געווען א לעבעדיגע טרייסט פאר זיי, א זייל פון ליכט.

אידען וואָלטען זאָגען, אז האלפּערין איז א „דימענט", „א מענש אָהן א גאל". אָבער אזעלכע ווערטער קענען ניט אויסדריי־קען די טיפע מענשען־ליבע פון דיזען מאַן.

ווען מיר זיינען אהער געקומען איז ער געווען איין־און־זעכציג יאָהר אלט. ער איז געווען א מענש פון מיטעלען וואוקס, ניט קיין דארער, מיט א שעהנע געזיכט, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעגאָסען בילדונג, איידעלקייט און צערטליכקייט, און וועלכע איז געווען איינגעפאסט אין א ווייסער, קורץ־געשאָרענער, קיילעכ־דיגער באָרד. אין אלגעמיין האָט ער געמאכט דעם איינדרוק פון א פּראָפעסאָר אָדער א מוזיקער.

א געבאָרענער איז ער געווען פון פּעטריקאָוו, פּוילען. די אימיגראנטען האָבען זיך איהם פאָרגעשטעלט אלס א קינד פון אן אריסטאָקראטישער פאמיליע; עס איז געווען פארשפּרייט אן איינדרוק, אז ער איז געבאָרען געוואָרען אין א משפחה, וועל־כע האָט אין יענע יאָהרען שוין גערעדט דייטש אין שטוב, גע־קליידט זיך „דייטש" און געשיקט די קינדער שטודירען. דאָס איז געווען א טעות.

האלפּערין'ס פאָטער איז געווען אַ פארצייטיגער איד — א איד א למדן. ער איז אָבער געווען פאראינטערעסירט אין פילאָ־

מיכאיל האלפערין.

זאָפּישע ביכער אויך, און ער האָט געלעזען די דייטשע פילאָזאָפען אין דער דייטשער שפּראַך. אָבער ריידען האָט ער געערדט גע־וועהנליכע אידיש און געקליידט איז ער געווען אויף דעם געוועהנ־ליכען אידישען שטייגער פון יענע צייטען.

מיכאיל האַלפּערין האָט זיינע קינדער־יאָהרען פאַרבראַכט אין דער פּוילישער שטעדטעל טאָמאַשאָוו. שפּעטער, ווען ער איז אַלט געווען נײַנצעהן יאָהר, האָט די פאַמיליע זיך אריבערגעקלי־בען אין אונגאַרן, און ער איז דאַן געווען געקליידט ווי אידישע סוחרים פון פּוילען אין יענע צייטען: ער האָט געטראָגען א לאַנגע קאַפּאָטע און פּאות.

דער יונגער האַלפּערין איז שנעל באַקאַנט געוואָרען מיט דער אונגאַרישער שפּראַך און מיט דער אונגאַרישער ליטעראַטור. ער האָט געעפענט א בוך־קראָם און דורך איהר איז ער געקומען אין באַריהרונג מיט אונגאַרישע פּריצים. ער איז זיי געפעלען געוואָרען און זיי פלעגען איהם איינלאַדען אין זייער קלוב. אין זיין ביאָגראַפיע ווערט ביי דיזען פּונקט באַמערקט אַז זיי פלעגען איהם איינלאַדען ניט קוקענדיג אויף זיינע אַלט־מאָדישע אידישע קליידער. דאָס הייסט, אַלזאָ, אַז אפילו דאַן האָט מיכאיל האַל־פּערין נאָך אויך געטראָגען א לאַנגע קאַפּאָטע און פּאות. שפּע־טער אָבער האָט ער זיך גענומען קליידען אייראָפּעאיש.

אין 1848, ווען אין אונגאַרן האָט אויסגעבראָכען די רע־וואָלוציע, האָט ער אין איהר אַנטייל גענומען. די רעוואָלוציאָ־נערע רעגירונג האָט איהם געמאַכט פאַר איינעם פון איהרע סעק־רעטערע (ער האָט אַכטונג געגעבען אויף איהר ביבליאָטעק און אויף דער פּרעסע־אָפּטיילונג פון איהר טעטיגקייט). נאָכהער, ווען די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלען, איז ער אַנטלאָפען קיין פּאַריז; דערנאָך האָט ער א געוויסע צייט געוואוינט אין ענגלאַנד. שפּע־טער איז ער צוריקגעקומען קיין אונגאַרן.

אין 1858 האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקא. ער איז דאַן שוין געווען גוט באַלעזען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור און אויך אין דער ענגלישער. דיזע צוויי שפּראַכען און אויך דייטש, פּויליש און אונגאַריש האָט ער דאַן שוין געקענט גרינדליך. ער האָט געהאַט אַן אונגעוועהנליכען זכרון, און אַזוי ווי ער האָט

פיל געלעזען און געלערענט, און אלץ גוט געדענקט, האט ער געצוויגען אויפמערקזאמקייט אלס אונגעווענליך געבילדעטער מאן. אין ניו יארק האבען זיך אזעלכע מענשען ווי ער דאן נים געוואלגערט.

ער האט אראפגעבראכט זיין פאטער קיין אמעריקא און די לאנד איז געארען זיין נייע היים.

ער האט זיך דא באשעפטיגט מיט ליטעראַרישע און זשור־נאליסטישע ארבייט. צוערשט הויפטזעכליך אין דער „נעישאן", די וואכען־בלאט פון דער „איוונינג פאוסט". דארטען פלעגט ער שרייבען ליטעראַרישע קריטיקען און ארטיקלען איבער אנדערע פראגען. שפעטער האבען איהם די רעדאקטארען פון „אפּלעטאן'ס אמעריקען ענסאיקלאפידיע" איינגעלאדען צו ווערען ביי זיי א מיטארבייטער. און אין א קורצער צייט האט ער פארנומען איי־נעם פון די וויכטיגסטע פלעצער אין דער רעדאקציע. אויף דעם פאדער־בלאט פון דער ענציקלאפעדיע געפינט זיך זיין נאמען אונטער דעם טיטעל „הילפס־רעדאקטאר". הויפטזעכליך האט ער אין דער צוזאמענשטעלונג פון דער ענציקלאפעדיע געדינט מיט זיין באלעזענהייט און זכרון. ער איז אליין געווען א לעבעדיגע ענציקלאפעדיע. ער פלעגט דורכקוקען אלע ארטיקלען. ווען עס איז געווען עפעס א טעות אין א ציפער אדער אין א פאקט, האט דאס נים געקענט פארבייגעהן זיין אויג.

ער האט געהאט צוויי זיהן, וועלכע זיינען אויך געווען הויך־געלערענטע. אויך האבען זיי געהאט מערקווירדיגע פעהיגקייטען און מענשען־ליבענדע נאטורען. ווען מיר זיינען געקומען קיין אמעריקא, האט ער געוואוינט מיט זיין אינגערען זוהן, לואי (דער עלטערער זוהן, אנדזשעלא, איז געווען פראפעסאר פון פאלעאנטאלאגיע אין אן אמעריקאנער אוניווערסיטעט. ער האט זיך ערווארבען א גרויסען נאמען אין דיזער וויסענשאפט).

ווען אין אמעריקא האבען זיך גענומען באווייזען קרבנות פון די פאגראמען, האבען זיי אויף האלפערין'ען געמאכט א טיפען איינדרוק. זיין סימפאטיע צו זיי איז געווען אזא ווארימע אז — ווי ער פלעגט זיך אליין אויסדריקען — עס האט זיך דורך איהר ביי איהם אנגעהויבען א נייער גייסטיגער לעבען. ער

האָט זיך געפיהלט ווי א באגייסטערטער גר פיהל'ט צו זיין נייער רעליגיע.

ער האָט פאר די אימיגראנטען געארבייט בוכשטעבליך טאָג און נאכט, און פארספענט אויף זיי א גרויסען טייל פון זיין קליינעם פארמעגען.

א געוויסע צייט האָט ער ביי דעם אימיגראנטען־קאָמיטעט פארנומען די שטעלע פון מענערדזשער. ער איז אויסגעשטאנען גרויסע צרות אי פון די אימיגראנטען, אי פון די רייכע יהודים. ער האָט אָבער אַלץ פארטראָגען מיט ליבשאפט.

דער אידעע פון אידישער קאָלאָניזאציע איז ער געווען אי־בערגעבען; אין קאָמוניזם אָבער האָט ער ניט געגלויבט. דאָך האָט דאָס איהם נישט געשטערט צו ארבייטען פאר דער קאָמונע „ניו אדעסא". אָבער זיין הויפט־טעטיגקייט איז געווען פאר־בונדען מיט א שטרעבונג צו באזעצען אידען אַלס איינצעלנע פאר־מערס. עס איז דאן געגרינדעט געוואָרען א ספעציעלע געזעל־שאפט דערצו—די „מאָנטעפיאָר עגריקאָלטשורעל עיד סאָסייעטי", פון וועלכער ער איז געווען דער סעקרעטער און דער הויפט מוער. דער טרעזשורער איז געווען א געוועזענער ריכטער — דזשאָרדזש אייזעקס, און דער קאָנטראָלער — דזשוליוס גאָלדמאן.

עס זיינען געגרינדעט געוואָרען אידישע קאָלאָניעס אין פאר־שידענע פלעצער: אין דאקאָטא, אין קענזעס, אין ניו דזשוירזי. קיין ערפאָלג אַלס קאָלאָניעס האָבען זיי ניט געהאט. אָבער פון א פאָר פון זיי זיינען ארויסגעוואקסען אידישע שטעדטלעך, ווי קארמעל, ניו דזשוירזי, צום ביישפיל, וואו איינע פון די גאסען טראָגט האלפערין'ס נאָמען.

איך וויל דאָ ברענגען א פאָר ביישפילען וואָס וועלען דעם לעזער געבען א באגריף וועגען דעם כאראקטער פון דיזען זעל־טענעם מענשען.

איינער פון זיינע אידישע פארמערס קומט פון קארמעל קיין ניו יאָרק. ער קומט צו האלפערין'ען און פאדערט א קוה, וועלכע ער דארף נויטיג האָבען צו זיין פארם. האלפערין ענט־פערט, אז ער וועט טרייען, ער וועט זעהן; אין דעם מאָמענט

איז די נויטיגע סומע שווער צו קריגען. דער ישוב׳ניק כאפט איהם אָן פאר די קלאפּעס, הויבט איהם אָן צו טרייסלען און שרייט אויפ׳ן עכטען ישובניק׳שען אופן: „א קוה זאָל מיר ווע־רען! איהר הערט? א קוה זאָל מיר ווערען!"

האלפּערין האָט זיך קוים ארויסגעריסען. שפּעטער האָט ער מיט א טרויעריגער מינע די געשיכטע איבערגעגעבען מיין פריינד קאפּלאַן׳ען. קאפּלאַן האָט געמיינט, אז ער איז פאר־טרויערט פון דער גראָבקייט מיט וועלכער מען באצאָהלט איהם פאר אלץ, וואָס ער טוט פאר די אידישע פארמערס. אָבער ניט דאָס האָט האלפּערין געמיינט.

— מען קען זיך שוין פאָרשטעלען, ווי ער נויטיגט זיך אין דער קוה, אז ער איז אזוי ארוים פון געדולד, — האָט ער גע־זאָגט צו קאפּלאַן׳ען.

איינער פון די מיליאָנערסקע יהודים, ביי וועמען האלפּערין איז געגאנגען בעטען געלט פאר די אימיגראנטען, האָט איהם אמאָל גראָב באהאנדעלט, דערנאָך האָט ער איהם איבערגעבעטען. האָט האלפּערין שפּעטער אויסגעדריקט באדויערען וועגען דעם.

— ווען ער וואָלט מיר ניט איבערגעבעטען מיט ווערטער, וואָלט ער אפשר געגעבען א גרעסערע מטבע, — האָט ער גע־זאָגט מיט נאאיווער ערנסטקייט.

מען דארף אָבער ניט מיינען, אז אזעלכע נאאיווע רייד זיינען געוועזען א צייכען אויף ווייניג שכל. האלפּערין איז געווען א קלוגער מענש, מיט א פּראקטישען פארשטאנד און מיט א דעליקאטען טאקט. אָט, צום ביישפּיל, געהט ער צו דעם מי־ליאָנער דזשייקאָב שיף, ביי וועמען ער וויל ארויסקריגען א היב־שע סומע געלט פאר א קאָלאָניע. ער גיט א קוק אויפ׳ן זייגער — עס איז שוין א האלבע שטונדע צו דינער.

— ניין, — זאָגט ער, — איצט איז ניט די צייט צו בעטען געלט. ביי א גביר דארף מען געהן בעטען א צעהן מינוט נאָך דינער, ווען ער איז שוין זאט.

מיט די אימיגראנטען פלעגט ער געברויכען אן אנדער מין טאקט: אום צו געבען שטיצע זיינע באקאנטע אינטעליגענטעןּ, וואָס האָבען זיך גענויטיגט, פלעגט ער צוקלעהרען כלומרשטדיגע

באַשעפטיגונגען פאַר זיי, כדי זיי זאָלען זיך ניט פּיהלען, אַז זיי נעמען צדקה. איינעם, למשל האָט ער געגעבען אַ שטעלע אַלס סעקרעטער הגם קיין סעקרעטער ארבייט האָט ער פאַר איהם ניט געהאַט. פאַר אַ צווייטען האָט ער אויסגעטראַכט עפּעס אַן אַנ־דער דזשאַב, ביי וועלכען עס איז ניט געווען וואָס צו טאָן; אַ גרופּע יונגע לייט האָט ער „געליהען” געלט אויף אַ געוויסער צייט, אַז זיי זאָלען זיך דערוויייל לערנען ענגליש, און ביסלעכווייז זוכען עפּעס צו פאַרדינען. אייניגע האָבען איהם אָפּגענאַרט. און ער האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך אָבער געמאַכט ניט פאַרשטעהענדיג.

זיין זוהן לואי, מיט וועלכען ער האָט געוואוינט, איז גע־יוען פּונקט ווי דער פאָטער. איהם האָט אָבער געפעהלט זיין פּראַקטישקייט. איין מאָל איז צו זיי געקומען אַ איד בעטען אַ פאַר דאָלאַר. דער פאָטער איז ניט געווען אין דער היים און דער זוהן האָט ביי זיך געהאַט נאָר פינף דאָלאַר. האָט ער דאָס איהם אַוועקגעגעבען. דער איד האָט מעהר ווי צוויי אָדער דריי דאָלאַר ניט ערוואַרט, אָבער אַז מען גיט פינף, קען מען דאָך אפשר באַקומען נאָך מעהר. מאַכט ער אַ קרומען פּנים: עס איז ווייניג. נעמט לואי האַלפּערין און גיט איהם אַוועק צוויי שפּאָגעל־נייע סוטס.

— מעהר קיין קעש האָב איך ליידער ניט, — האָט ער זיך פאַר׳ן אידען ענטשולדיגט מיט אַ רחמנות־פּנים, — געהט פאַר־זעצט דאָס. וועט אייך זיין געננג?

ביי די האַלפּערינס אין הויז בין איך געווען נאָר איין מאָל. ער האָט געוואוינט אויף ביקמען פּליים, אַרום דער 50־טער סטריט, אַ שטילער ווינקעל, לעבען דעם איסט ריווער, וועלכער איז דאַן געווען אַ פיינער, באַלעבאַטישער געגענד. איך האָב מיט האַלפּערין׳ען פאַרבראַכט אַן אָוענד. און געהענדיג אַהיים, בין איך געווען פול מיט עהרפורכט צו איהם.

אין דעם קאָמיטעט האָב איך איהם געזעהן און פאַרבראַכט מיט איהם גאַנץ אָפט.

איין מאָל האָב איך איהם געפּרופט אַריינציהען אין אַ דע־

באטע וועגען סאָציאַליזם; ער האָט אָבער צו דעם קיין חשש ניט געהאַט. ער האָט אין דעם סאָציאַליזם ניט געגלויבט. און דעבאַטירען וועגען אַזעלכע ענינים האָט איהם סתם ניט אינ־טערעסירט. ער איז ניט געווען קיין דענקער. זיינע זעלטענע פעהינקייטען זיינען געווען געניינט צו וויסענשאַפטען, וועלכע האָבען געפאָדערט זכרון. ער האָט אָבער אויך ליב געהאַט פּאָעזיע. אין זיין אידעאַליזם איז ער געווען א פּראַקטישער מענש. זיין אונענדליכע מענשען־ליבע און גוטסקייט איז געווען פארבונדען מיט א שטרעבונג צו ברענגען נוצען אויפ׳ן שטעל און צו זוכען פאר נויט־בעדירפטינע א תכלית אין דעם גע־וועהנליכען זין פון דעם וואָרט. באוועגונגען וועגען איבערבויען דעם גאַנצען פונדאַמענט פון דעם מענשליכען לעבען האָבען אויף איהם קיין איינדרוק ניט געמאַכט. די קאָלאָניע־אידעע אָבער האָט צוגעזאָגט הילף אין דער נאָהענטער צוקונפט, איז ער פאר איהר באַגייסטערט געווען; דאָס איז ביי איהם ווירקליך געווען א אידעאַל. און אויב ער האָט געהאָלפען די „ניו־אדעסא" קאָ־מוניסטען, איז דאָס געווען איינפאַך פון גוטסקייט, און אויך וואייל ער האָט אויף זייער פארם געקוקט ווי סתם אויף א קאָ־לאָניע.

.5

בין איך דאן געווען אַן אַנאַרכיסט? — מיראָוויטש. — סאָ־ציאַל־רעוואָלוציאָנערען, אַנאַרכיסטען און דער קאַמף אין רוסלאַנד. — יוסטוס שוואַב.

איך בין געווען טעטיג אין דעם פּראָפּאַגאַנדע פאראיין. אונ־זערע מיטינגען זיינען אימער אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין דעם אַנאַרכיסטישען פארזאַמלונגס־פּלאַץ, אין 625 זעקסטע סטריט. דאָרטען בין איך באַקאַנט געוואָרען מיט דייטשע אַנאַרכיסטען. מיר האָבען זיך געקליבען ארויסצוגעבען אַ אידישע צייטונג, א וואָכענבלאַט פון וועלכער איך האָב געזאָלט זיין דער רעדאַקטאָר. איך האָב אדרעסירט נאָך עטליכע אידישע מיטינגען, אַלץ אין 625 זעקסטע סטריט. קיין אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט האָט דער

פאראיין אָבער ניט געטאָן און איך האָב ניט פארשטאנען וואָס פאר א פראקטישע ארבייט מיר דארפען טאָן.

מיראָוויטש איז געווען אן עהרליכער סאָציאַליסט, אָבער ניט קיין פּראַקטישער מענש, און ביי איהם אין קאָפּ איז געווען אזא טומאן ווי ביי מיר. די אנדערע מיטגלידער זיינען געווען דייטשען, עטליכע רוסישע אידען און א פּאָר אונגארישע, און ביי זיי אין די מוחות איז געווען דער זעלבער טומעל ווי ביי מיר און ביי מי־ראָוויטש'ן.

אז מען דארף אָרגאַניזירען די אידישע ארבייטער, צו פאר־בעסערען זייער מאטעריעלע און גייסטיגע לאגע — אזא געדאנק איז צוערשט קיינעם פון אונז ניט איינגעפאלען. דאכט זיך די געשיכטע מיט דעם סטרייק פון די דאק־ארבייטער האָט געוויזען ווי נויטיג דאָס איז, און מיראוויטש אליין האָט דאָך נאָך פריהער פאררופען א פערזאמלונג פון אידישע אימיגראנטען זיי צו ער־קלערען ווי שענדליך עס איז צו „סקעבען". פארוואָס־זשע איז ער ניט געגאנגען ווייטער? פארוואָס האָט ער ניט אָרגאַניזירט די אידישע שניידער? דער אנטוואָרט איז, אז אזא סאָרט טע־טיגקייט האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אלס צו־וואָכעדיג, צו־ווייניג רעוואָלוציאָנעריש. און אזוי האָב איך אויך דאן געפיהלט.

מיראָוויטש האָט אויף דער אמעריקאנער באוועגונג גע־קוקט דורך די רויטע ברילען פון דעם רוסישען קאמף. זיין ערשט קינד, א אינגעלע, האָט ער א נאָמען געגעבען אנדרעי זשעליאבאָוו, נאָך דעם פיהרער פון דער גרופּע, וואָס האָט גע־טויט דעם רוסישען קיסר. אנדרעי־זשעליאבאָוו־מיראָוויטש, אזוי האָט מען דעם קינד גערופען. דאָס קינד איז אייגענטליך גע־ווען א לעבעדיגער אויסדרוק פון די געפיהלען און מיינונגען, וואָס מיר אלע האָבען דאן געהאט. היינט וואָס פאר אן אינטערעס האָבען מיר געקענט האָבען אין אזעלכע אונשולדיגע, געזעצליכע זאכען ווי טרייד־יוניאָנס אין אמעריקא? צו ארבייטען פאר יוניאָנס שמעקט ניט מיט געפאהר; היינט וואָס פאר א סאָציא־ליזם איז דאָס? — אזוי איז געווען אונזער געדאנקען־גאנג.

באדאנעס איז באפריינדעט געוואָרען מיט א דייטשען אנאר־

כיסט, מיט וועלכען ער פלעגט זיך יעדען אָווענד זעהן אין דעם' זעלבען סאַלון, וואו איך האָב געהאַלטען מיין ערשטע לעקטשור; און דורך באַדאַנעס'ן בין איך אויך מיט איהם באַקאַנט געוואָרען. דיזער אַנאַרכיסט איז געווען אַ וואַרנישער, און ער איז גראָד געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין זיין יוניאָן. איך געדענק וואָס פאַר אַ זאָנדערבאַרען איינדרוק דאָס האָט אויף מיר געמאַכט. אַ רעוואָלוציאָנער זאָל נאָר ריידען וועגען אַזעלכע „וואָכעדיגע", אַזעלכע „לעבליכע" זאַכען!

אַז ביי מיראָוויטש'ן איז דאָן געווען אַ טומעל אין קאָפּ, האָב איך פאַרשטאַנען. ער איז בכלל געווען אַ זאָנדערבאַרער מענש. צום ביישפּיל: ער האָט געצוואונגען זיין פרוי צו לערנען געאָגראַפיע. זי איז ניט געווען גענוג געבילדעט. האָט ער געוואָלט, אַז זי זאָל אין שטוב דורכמאַכען דעם קורס פון אַ רוסישער גימנאַזיע פאַר מיידלעך; אַלזאָ, האָט זי געמוזט לערנען די רוסישע לעהר־ביכלעך. אין שטוב איז געווען אַ שרעקליכער דלות; דאָך האָט זי געמוזט אומגעהן הין און צוריק מיט סמירנאָוו'ס געאָגראַפיע און לערנען אויף אויסווייניג די נעמען פון אינזלען, טייכען, שטעדט. אָפט פלעגט דער קליינער אַנדרעי זשעליאַבאָוו שרייען; עס איז ניט געווען וואָס איהם צו געבען צו עסען. אָבער דער פאָטער איז אימער געווען פאַרטאָן אין דער באַוועגונג. אַן עהרליכער, באַגייסטערטער מענש; אָבער וואָס מען דאַרף טאָן פאַר זיין פאַמיליע, און וואָס מען דאַרף טאָן פאַר דער באַוועגונג, האָט ער ניט פאַרשטאַנען.

איך זאָג, אַז איך האָב פאַרשטאַנען ווי ווייניג טאָלק עס איז פאַראַנען אין מיראָוויטש'עס אַנאַרכיזם. האָב איך אָבער געוואוסט ווי ווייניג טאָלק עס איז פאַרהאַן אין מיין אייגענעם מוח? — טיילווייז האָב איך דאָס געפיהלט. ביי זיך אין האַרצען האָב איך גערורשט נאָך אימיצען, וואָס זאָל מיר אַלץ קלאָר מאַכען, אָבער די ערשטע פיר־פינף יאָהר איז עס ביים דורשטען געבליבען (דאָס אַלץ האָב איך אַמאָל אויסגעדריקט אין אַ בריף, וועלכען איך האָב אַרום יענער צייט געשריבען צו דאָקטאָר ספּיוואַק'ען, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין פילאַדעלפיא, און

ת. ספיוואַקאָווסקי (דר. ספּיוואַק) אין 1885.

וועלכען ער האָט מיט אַ פּערטעל יאָהרהונדערט שפּעטער אָפּגע־דרוקט אין דעם אויבענדערמאָנטען „יובילעאום שריפט“).

די דייטשע אַנאַרכיסטען, אונטער וועמענס איינפלוס איך האָב זיך דאַן געפונען, זיינען אייגענטליך ניט געווען קיין אַנאַר־כיסטען, נאָר סאָציאַל־דעמאָקראַטען, מאַרקסיסטען. זיי זיינען אָבער ניט געווען צופרידען מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טאַקטיק און מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שפּראַך. זיי האָבען געפאָדערט אַ „רעוואָלוציאָנערע“ פּראָגראַם, מיט רעוואָ־לוציאָנערע ווערטער.

צוערשט האָבען זיי זיך מיט דעם נאָמען „אַנאַרכיסטען“ גאָרניט גערופען. זייער אָפיציעלער טיטעל איז געווען „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען“, אַלס געגענזאַץ צו דעם נאָמען „סאָציאַל־דעמאָקראַטען“. זיי האָבען פאַרלאָזען די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי (וועלכע איז געווען אַ ריין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע) און האָבען געגרינדעט „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע קלובען“. זיי האָבען די פּאַרטיי אַטאַקירט מיט די שאַרפסטע ווערטער, איהר און איהר אָרגאַן, די „פאָלקס־צייטונג“, מיט איהרע פיהרער, יאָנאַס, שעוויץ, אַדאָלף דואַי און אַנדערע. זיי האָבען פון זיי חוזק געמאַכט ווי פון „לעמעשקעס“, וועלכע ווילען דעם קלאַסען־קאַמף פיהרען אויף אַ „צירליך־מאַנירליכען“ שטייגער.

דיזעלבע טענות מיט דיזעלבע געשרייען, וועלכע מען הערט היינט פון די באָלשעוויקעס־קאָמוניסטען געגען די סאָציאַליסטען — פּונקט דיזעלבע געשיכטע.

אַנאַרכיסטען זיינען די „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען“ געוואָרען ביסלעכווייז, און טאַקע דורך דעם קאַמף וואָס זיי האָבען געפיהרט געגען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען.

צוערשט זיינען אַנאַרכיסטען אין אַמעריקא געווען נאָר געצעהלטע מענשען (מייסטענס אויך דייטשען). אַזוי ווי אָבער זיי האָבען אויך געברויכט פראַזען ווענען „רעוואָלוציאָנערע טהאַטען“, איז די סימפּאַטיע צווישען זיי און די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען געוואַקסען. וואָס שאַרפער עס איז געוואָרען

די פיינדשאפט צווישען די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען און די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אַלץ נעהענטער זיינען די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען צוגעקומען צו די אַנאַרכיסטען. זיי זיינען צוזאַמענגעמישט געוואָרען אין זייערע „קלובס“, ניט נאָר אַלס מיטגלידער, נאָר אויך מיט זייערע געדאַנקען. דער מאַרקסיזם פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען איז געוואָרען צונויפגעפלאָנטערט מיט אַנאַרכיסטישע פּרינציפּען, וועלכע זיינען דער היפוך פון דער מאַרקסיסטישער לעהרע. עס איז אַרויסגעקומען אַן איינפאַכער אונזין.

די גרינדער פון דער אַנאַרכיסטישער טעאָריע און טאַקטיק זיינען געווען דער פראַנצויז פּרודהאָן און דער רוס באַקונין, און ביידע האָט קאַרל מאַרקס גיפטיג אַטאַקירט און אויסגעלאַכט. צו פּרובען פאַראייניגען דעם מאַרקסיזם מיט דעם באַקוניזם איז אַזוי ווי צו פּרובען פאַראייניגען אַ „יאָ“ מיט אַ „ניין“.

אַ יאָהר נאָך מיין אימיגרירען קיין אַמעריקאַ איז אַהער געקומען דער באַריהמטער יאָהאַן מאָסט. ער איז געוואָרען דער פיהרער פון די היגע אַנאַרכיסטען; און ער האָט זיך אויך געהאַלטען פאַר אַ מאַרקכיסט. פּרינץ פּעטער קראָפּאָטקין, וועלכער איז פילע יאָהרען געווען דער פיהרער פון די אַנאַר־כיסטען אין אייראָפּאַ, איז פון אַזאַ ווידערשפּרוך ווייניגסטענס פריי געווען. ער איז געווען אַ פאָלשטענדיגער געגנער פון דעם מאַרקסיזם.

איך בין, אַלזאָ, געווען אונטער דעם איינפלוס פון די דייטשע „סאָציאַל־רעוואלוציאנערען“ און דעם פּלאָנטער פון סאָציאַליזם מיט אַנאַרכיזם האָב איך ביי זיי איבערגענומען. ווען איך וואָלט געקוי געלעזען די „פאָלקס־צייטונג“, וואָלט איך מעהר פאַרשטאַנען, און מיין מוח וואָלט די מישענינע אויסגע־מידען. אָבער צו דייטש האָב איך געהאַט ווייניג געדולד. עס איז מיר שווער געווען זיך צוצוגעוואוינען צו די לאַנגע, לאַנגע דייטשע זאַצען מיט זייער ווערטער־אָרדנונג, וועלכע קלינגט אונז „אידישע אידען“ אַזוי ווילד. איך פלעג יאָ לעזען די „פאָלקס־צייטונג“, אָבער אויבערפלעכליך. די פייערדיגע פראַזען פון די „רעוואָלוציאָנערען“, ווידער, האָבען צו מיין

יונגע הארץ מעהר אַפּעלירט ווי די רעדעס פון די געלאַסענע סאָציאַל־דעמאָקראַטען. שעוויטש'ען און יאַנאָס'ען און אַ פּאָר אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעדנער (איינער פון זיי איז געוועזן אַ מאַן מיט'ן נאָמען וואַלטער, אַ ציגאַרען־מאַכער, אַ דאַרער, מיט איין אויג אַ צוגעמאַכטע; און אַ צווייטער — אַ האַמבורגער שוסטער מיט'ן נאָמען פּראַאַסט, און אַ דריטער — אויך אַ ציגאַרען־מאַכער, מיט'ן נאָמען בריקמאַן) האָב איך ליב געהאַט צו הערען; אָבער דער אַנאַרכיסטישער רעדנער, קייזער, איז די ערשטע צייט געוועזן מיין ליבלינג.

אַ גרויסע ראָלע האָבען דאָ געשפּילט די רעוואָלוציאָנערע געפיהלען, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד. דער בראַווער קאַמף פון אונזערע טעראָריסטען איז ביי מיר געוועזן אַ הייליגטום. פאָרשטעלען זיך דעם סאָציאַליזם אָהן אַזאַ קאַמף, איז מיר דאַן געוועזן שווער.

די אַמעריקאַנער אומשטענדען זיינען נאַטירליך געוועזן גאַנץ אַנדערע ווי אין רוסלאַנד. די רוסישע טעראָריסטען גופא האָבען דאָס ערקלערט. אין זייערע אַרטיקלען און אין זייערע פּראָ־גראַמען פלעגען זיי דייטליך זאָגען, אַז זיי געברויכען געוואַלט־מיטלען נאָר ווייל די רעגירונג ערלויבט ניט די רעדע־פרייהייט און די בירגערליכע רעכט, וואָס מען האָט אין אַ רעפּובליק, און זאָגאַר אין אַ לאַנד, וואָס האָט אַ קעניג מיט אַ פּאַרלאַמענט.

ווען דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט גאַרפיעלד איז געטויט געוואָרען פון גיטאָ'ן האָט די צייטונג פון די רוסישע טעראָ־ריסטען, „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", דעם פאַקט געמעלדעט אין אַ טרויער־רעמעל, און דערביי האָט זי ערקלערט, אַז אין אַזאַ לאַנד, וואו דאָס פאָלק ערוועהלט זיינע הערשער, איז אַ טאַט ווי גיטאָ'ס פּונקט אַזאַ פאַרברעכען ווי די געוואַלט־טאַטען, וואָס ווערען באַגאַנגען פון אַ דעספּאָט.

דאָס איז געוועזן געדרוקט אין דעם זעקסטען נומער „נאַ־ראָדנאַיאַ וואָליאַ", וועלכען איך האָב באַקומען זייענדיג אין וועליזש.

דעם אונטערשיד צווישען רוסלאַנד און אַמעריקאַ האָב איך,

אלזא, גוט פארשטאנען. און דאך איז דער געדאנק וועגען א סאציאליסטישער באוועגונג ביי מיר געווען ענג פארבונדען מיט דעם געדאנק וועגען גוואלד־טאטען. אנדערש האט דער סאציאליזם ביי מיר קיין פנים ניט געהאט.

ווען איך בין געקומען קיין אמעריקא, האבען מייסטע פון די היגע „סאציאל־רעוואלוציאנערען“, פריוואט וויינינגסטענס, זיך שוין גערופען אנארכיסטען. אלזא, האב איך געמיינט, אז איך בין אן אנארכיסט, אדער א סאציאל־רעוואלוציאנער. ביי מיר איז דאס געווען אלץ איינס.

דעם אמת זאגענדיג, האב איך די ערשטע מאנאטען אפילו קלאהר ניט פארשטאנען אין וואס עס באשטעהט דער אונ־טערשיד צווישען דער „פאלקס־צייטונג“ פארטיי און איהרע געגנער. שעוויטש׳ס רעדעס זיינען געווען פונקט אזוי רעווא־לוציאנער ווי קייזער׳ס.

ווען איך פלעג הערען ווי קייזער אדער נעלקע אטאקירט די „פאלקס־צייטונג“, פלעגט דאס מיר פארשאפען יסורים. ווען ביידע לאגערען וואלטען זיך פאראייניגט, וואלט איך געווען גליקליך.

דער סאלון און פארזאמלונגס־זאל אין 625 איסט זעקסטע סטריט איז געווען איינע פון די הויפט קווארטירען פון די דייטשע סאציאל־רעוואלוציאנערען, און איך פלעג אהין אריינ־קומען א פאר מאל א וואך. דארטען בין איך געווען באקאנט אלס א אידישער רעדנער. מען האט זיך צו מיר דארטען פארהאלטען מיט רעספעקט. און דאס האט מסתמא אויך געהאט צו טאן מיט מיין „אנארכיזם“. עס האט גע׳חנפ׳עט מיין „איינען־ליבע“ און פארשטארקט דעם איינפלוס, וואס די „סאציאל־רעוואלוציאנערען“ האבען אויף מיר געהאט.

א צווייטער מיטעל־פונקט פון די אנארכיסטען — דער וויכטיגסטער אייגענטליך — איז געווען אין נומער 50 ערשטע סטריט, לעבען דער ערשטער עוועניו. דארטען איז אויך געווען א ביר־סאלון מיט א מיטינג רום. דער בעל הבית פון דיזען סאלון איז געווען איינער פון די פיהרער פון די אנארכיסטען, א הויכער, זעלטען שעהנער דייטש, א בלאנדער, מיט א געזיכט

פון יעזוס קריסטוס. זיין נאָמען איז געווען יוסטוס שוואב. ער איז געווען א באַלעזענער מענש און ניט קיין שלעכטער רעדנער. שטעהענדיג הינטער זיין „באר“, מיט די קלאָר־ווייסע ארבעל פון זיין אויבער־העמד פארקאַשערט, מיט זיינע ווייסע, שטארקע אָרעמס האַלב־נאַקעט, פלעגט ער דערלאַנגען גלעזער ביר אָדער בראַנפען, מאַכען „לחיים“ מיט די קאָסטימער און דערביי רעדען וועגען אנארכיזם און סאָציאַליזם. אין זיין עהרליכקייט און איבערגעבענהייט האָט קיינער ניט געצווייפעלט. ער איז געווען איינער פון די באַקאַנטע טיפּען אין ניו יאָרק. רייזענדע פון אנדערע שטעדט פלעגען באַזוכען דעם „אנאר־כיסטישען סאַלון“, און באַקוקען זיין בארימטען באַלעבאָס.

צו שוואב'ען פלעג איך אויך אריינקומען, הגם ניט אזוי אָפט ווי אין 625 זעקסטע סטריט.

אויף דער ערשטער עוועניו, ביי פינף מינוט גאַנג פון שוואב'ס סאַלון, האָט זיך געפונען א פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. אהין פלעג איך אריינקומען זעלטען.

פון די גרויסע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מיטינגען, וואָס איך האָב ביינעוואוינט אין מיין ערשטען יאָהר אין אמעריקא, זיינען מיט העלע פארבען אויפגעמאָלט אין מיין זכרון צוויי: פערדינאַנד לאַסאַל'ס א יאָהר־צייט און א מאַס־מיטינג מיט א באַל לכבוד דער פּאַריזער קאָמונע. ביידע פייערונגען זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין גערמאַניא אסעמבלי רומס—א גרויסער זאַל, וואָס האָט זיך געצויגען פון דער באוערי ביז דער צווייטער עוועניו (דורך האוסטאָן סטריט), מיט אריינגאַנגען און טרעפּ פון ביידע זייטען.

דער יאָהרצייט איז געווען אין א זונטאג נאכמיטאג.

אַן אָרקעסטער שפּילט פרייהייטס־נגונים; א גרויסער כאָר פון קרעפטיגע דייטשע שטימען זינגט „די פרייהייט“. דער זאַל איז געפּאַקט. עס דונערט מיט שטימען, מיט אינסטרומענטען־מוזיק, מיט אפּלאָדיסמענטען. אין מיטען פון דער פּלאַטפאָרמע שטעהט א גיפּסענע פיגור פון פערדינאַנד לאַסאַל, באַפּוצט מיט א רויטער לענטע און מיט רויטע בלומען.

אלעקסאנדער יאַנאס, א גלאַט־ארומגעגאַלטער, שטעהט אויף דער פלאטפאָרמע לעבען דעם גיפּסענעם ביוסט. יאַנאס'עס זיידע איז געווען א איד און זיין פּנים איז געווען א שפור פון א דייטש־אידישען אַנבליק. אין סך הכל אָבער האָט ער אויסגעזעהען ווי א קריסט, ווי א דייטשער פּראָפעסאָר, מיט א קיילעכדיגען פּנים, א שעהנעם, א ליבליכען. ארויפלייגענדיג די רעכטע האַנט אויף לאסאל'ס קאָפּ, רופט ער אוים מיט זיין פולער, איינדרוקספולער שטימע: „פערדינאַנד לאסאל!" דער ריזיגער האָל הילכט מיט אפּלאָדיסמענטען. דער זאָל איז פול מיט יום־טוב — א ספּעציעלער סאָרט יום טוב, וועלכען איך האָב פריהער נאָך קיינמאָל ניט בייגעוואוינט.

פון דעם קאָמונע־פייער געדענק איך דעם באָלל און די רויטע לענטעס, וואָס טאַנצענדע פּאָרלעך האָבען געטראָגען. איך געדענק אויך די טישלעך אין דעם נעקסטען זאָל, מיט די יום־טוב'דיגע ארבייטער וואָס זיינען ארום זיי געזעסען, ביי גלעזער ביר אָדער ווייו. איך געדענק א גרופּע דייטשען, מיט וועלכע איך זיץ און שמועס. זיי פרעגען מיר אוים וועגען די רוסישע טעראָריסטען. איך ענטפער אויף „דייטשמעריש" און איך האָב יסורים דערפון, וואָס מען פארשטעהט מיך קוים. איך געדענק אויך א גרויסען עכט־שווארצען נעגער, וועלכער האָט גערעדט גוט דייטש. ער האָט אויך געטראָגען א רויטע לענטע און ער האָט מיטגעזונגען די רעוואָלוציאָנערע לידער.

אויף איינער פון די פארזאמלונגען, וואָס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין 625 זעקסטע סטריט, האָט זיך אין די דעבאטען באטייליגט א דייטש מיט א גרויסער לאנגער ברוינער באָרד. ער האָט פארטיידיגט די „פאָלקס־צייטונג". דערביי איז ער אָפט וויילע אונטערבראָכען געוואָרען מיט גיפטיגע באמערקונגען, מיט געלעכטערס און מיט אַלערליי פיינדליכע געשרייען. ער האָט אָפּגענטפערט צוריק. ווען דער מיטינג האָט זיך געענדיגט, האָב איך געזעהן ווי ער שטעהט ביי דעם „באַר" און טרינקט ביר צוזאמען מיט דעם, וואָס האָט איהם אונטערבראָכען מיט די שאַרפע אויסגעשרייען. איך בין איבעררראשט געוואָרען. איך

האָב געמיינט, אַז נאָך אַזעלכע דעבאַטען דאַרפֿען מענשען זיך זיין שונאים.

דער מאַן מיט דער גרויסער באָרד האָט געהאַלטען אַ סטאָר פֿון ביכער און סטיישאָנערי אויף עווענוּ „עי“, אַרום זיבעטע סטריט. אַ פּאָר טעג נאָך יענעם מיטינג בין איך צו איהם אַריינגעקומען ספּעציעל זיך דורכצורײדען וועגען דעם ענין פֿון דער דיסקוסיע, אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליגט. איך האָב איהם געשטעלט פֿראַגען; מיר האָבען געשמועסט, דעבאַטירט. קלערער איז מיר אָבער דערפֿון ניט געוואָרען. ער האָט געהערט צו דער „פֿאָלקס־צייטונג“ ריכטונג, ער איז אָבער געווען פֿריינדליך צו די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען אויך. איך האָב ביי זיך גע'פסקנט, אַז דאָס איז צוליב ביזנעס. אָבער נעלקע האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז ער איז אַן עהרליכער מאַן.

זעקסטער קאפיטעל.

אין א בוידעם־צימער אויף קלינטאָן סטריט.

1.

עטליכע פון מיינע שילער.

מיין איינקונפט פון לעסאָנס איז פארגרעסערט געוואָרען. איך האָב צוגעקראָגען א נייעם סאָרט שילער, אזעלכע וואָס האָבען צייט צו לערנען אין דער פריה, אָדער בייטאָג. מיינע פריהערדיגע תלמידים זיינען אלע געווען ארבייטער, און מיין באשעפטיגונג אלס לעהרער איז געווען באשרענקט אויף די אָוועגד־שטונדען; איז דאָס ניט געווען גענוג. אָבער א „קאָסטאָמער־פעדלער" קאָן געפינען א פרייע שעה אין דער פריה, אָדער נאָכמיטאָג — א פאָר מאָל א וואך, וויינינגסטענס. האָט זיך ביי מיר ענטוויקעלט א ספעציעלע „טרייד" צו לערנען קאָסטאָמער־פעדלער ענגליש. איינער האָט רעקאָמענדירט א צווייטען.

איך בין דאָן געווען דער איינציגער פון אונזערע אימי־גראַנטען, וואָס האָט זיך באשעפטיגט מיט לעהרעריי.

איינמאָל, אריינקומענדיג אין א קלאָדהינג־סטאָר אויף לודלאָו סטריט, האָב איך דאָרטען געפונען א ווילנער יונגען מאַן. אין דערהיים האָבען מיר געהערט צו באזונדערע וועלטען; באקאַנט זיינען מיר אָבער געווען.

— וואָס טוט איהר דאָ? — פרעגט ער.

— איך גיב לעסאָנס, — ענטפער איך.

— לעסאָנס?!

און ווענדענדיג זיך צו זיינעם אַ באַגלייטער, האָט ער באַ־מערקט האַלב מיט פּאַרוואונדערונג און האַלב מיט שפּאָט :
— אין אַמעריקא איז אַלץ אַ ביזנעס !
פאַר יענע צייטען איז די באַמערקונג כאַראַקטעריסטיש.

אַלס פּריוואַט־לעהרער האָב איך געהאַט אייניגע טשיקאַווע ערפאַהרונגען.

איינער פון מיינע שילער פלעגט נעמען זיינע לעסאָנס אין דער פריה, גלייך ווי ער איז אַרויס פון בעט, און נאָך איידער ער האָט זיך אַרומגעוואַשען און זיך אָנגעטאָן. נאַקעטערהייט פלעגט ער זיך זעצען ביים טישעל און אָנהויבען צו לעזען ; און לעזענדיג פלעגט ער אייניגע ענגלישע ווערטער אויסציהען מיט אַ געשמאַקען גענעץ. אין זיין טראַנק האָט ער אימער געהאַט אַ פלעשעל בראַנפען, און אין מיטען לערנען פלעגט ער מאַכען אַ שנאַפּס. אויף אונזער ערשטען לעסאָן האָט ער מיך אויך מכבד געווען. איך האָב געענטפערט אַז איך טרינק ניט. ער האָט זיך מיט מיר שטאַרק געדונגען, געפאָדערט איך זאָל טרינקען. איך האָב אָבער ניט נאָכגעגעבען. דאָך האָט ער מיר יעדעס מאָל ווידער מכבד געווען און זיך ווידער מיט מיר געאַמפּערט. ער האָט אָבער קיינמאָל ביי מיר ניט אויסגעפיהרט.

געהאַלטען האָט ער זיך זאָנדערבאַר — שטענדיג אָננע־בלאָזען, אַזוי ווי בייז. איך האָב פון איהם קיינמאָל קיין שמייכעל ניט געזעהן. געלערענט האָט ער זיך גוט און געצאָהלט האָט ער צו דער סעקונדע. ער פלעגט באַצאָהלען פאַר די לעסאָנס יעדען פרייטאַג, נאָך איידער איך האָב איהם זיין לעסאָן געגעבען. דאָס איז געווען זיין באַגריף פון זיין אַ גוטער צאָהלער : נאָך איידער עס קומט ! פרייטאַג, ווען איך פלעג אָנקלאַפּען אין טיר, פלעגט ער אַראָפּשפּרינגען פון בעט, כמעט אַ נאַקעטער מיר עפענען די טיר, און גלייך ביים עפענען מיר דערלאַנגען דאָס געלט.

ווען ער פלעגט אויסריידען אַ וואָרט ניט ריכטיג און איך פלעג איהם פאַרריכטען, פלעגט זיין פּנים זיך פאַרקרימען. צוערשט

בין איך געוואָרען אין כעס און גענומען זיך בייזערען אויף איהם. ער האָט צוריק ניט געשריען.

איך האָב מיט איהם אָפּגעלערנט עטליכע מאָנאָט.

איינמאָל, ווען איך בין געקומען, האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער איז ניטאָ; ער איז קראַנק. עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אַז מען האָט איהם אוועקגעשיקט אין א משוגעים־הויז.

די געשיכטע מיט די בראַנפען עראינערט מיך אָן אנאַנדער ערפאהרונג, וואָס איך האָב געהאַט אלס לעהרער, אין וועלכער בראַנפען האָט געשפּילט א ראָלע. דיזער שילער איז ניט געווען קיין קאָסטאָם־פּעדלער, נאָר אַן עקספּרעסמאַן, א בעל־עגלה פון קאָוונע — א הויכער, געזונטער, שעהנער יונג. אידיש שרייבען האָט ער קיינמאָל ניט געקענט. ענגליש האָט ער אָבער געוואָלט קענען. ער האָט אויך געהאַט גוטע פעהיגקייטען. געוואוינט האָט ער ביי א לאַנדסמאַן, אויף עלדרידזש סטריט.

דעם ערשטען מאָל ווען ער האָט אריינגענומען די פעדער אין האנט, האָט ער איהר באַקוקט מיט א מאָדנעם שמייכעל און מיט א בעל־עגלה׳שען געלעכטעריל — אזוי ווי ער וואָלט געזאָגט: „אזא בייטש האָב איך נאָך קיינמאָל אין האנט ניט געהאַלטען!“ איך האָב איהם געוויזען ווי צו שרייבען דעם בוכשטאַב „אַ“ און ער האָט נאָכגעמאַכט. אַלע ווייַלע פלעגט ער זיך אָפּשטעלען, באַקוקען זיין ארבייט, שמייכלען און קוועטשען מיט די פּלייצעס. עס האָט זיך איהם פּשוט ניט געגלויבט אַז ער קען מאַכען אזא דזשאַב.

איינמאָל, ווען איך בין געקומען צו איהם, איז ער געווען טויט־שכור. ער האָט זיך אוועקגעזעצט צום טיש, און איך האָב מיט איהם גענומען לערנען. ער איז אָבער באַלד אנטשלאָפען געוואָרען. מיט איהם צוזאַמען האָט זיך געלערנט א צווייטער שילער, און יענער האָט זיך ביי מיר געבעטען איך זאָל פּאַרטזעצען דעם לעסאַן מיט איהם אַליין. איך האָב גענענטפערט, אַז צו האָבען א שכור׳ען ביים טיש בין איך ניט געוואוינט. איך בין אוועקגעגאַנגען. אויף מאָרגען האָט דער עקספּרעסמאַן מיך אויפגעזוכט און האָט זיך ענטשולדיגט פאַר מיר פילע מאָל.

— וואָס זאָל מען טאָן, אַז מען איז א פּראָסטער מענש! —

האָט ער מיט מיר גע'טענה'ט, — איהר זייט דאָך אַ רעדנער; איהר האַלט דאָך פאַר אונז, פאַר די פּראָסטע מענשען; איהר דאַרפט אויף מיר ניט זיין אין כעס. איך וועל דאָס מעהר ניט טאָן.

איך בין ווייטער געגאַנגען איהם לערנען.

דער שילער וואָס האָט זיך געלערנט מיט איהם צוזאַמען — אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג — איז געווען אַ ברודער פון דער „מיסעס“ פון דער וואוינונג. ער האָט ניט געטרונקען; ער האָט אָבער געהאַט אַזא גראָבע קאָפּ, אַז עס איז מיר אוממעגליך געווען אין איהר אריינצוקלאַפּען אַ וואָרט. איינמאָל זאָגט ער צו מיר אין אַ ווייכען, גוטמוטיגען, גאַנץ ערנסטען טאָן:

— אפשר זייט איהר צו־גוט צו מיר, מיסטער טיטשער? אין דערהיים אַ רבי, אַז ער שלאָגט אָן, געהט דאָס בעסער. שלאָגט מיר! שעמט זיך ניט!

איך האָב זיך צולאַכט אויפ'ן קול; אָבער זיין שוועסטער האָט איהם צוגעהאָלפען.

— מיר מיינען דאָס אין אמת'ן, — האָט זי געזאָגט, — פּאַטשט איהם אָן, אויב עס געהט ניט.

ענדליך זאָגט ער צו מיר: „פון מיר וועט שוין קיין לייט ניט ווערען. ווייסט איהר וואָס, מיסטער טיטשער, לערנט מיר אויס אונטערשרייבען מיין נאָמען, און ווייטער דאַרף מען ניט. וויפיל וועט דאָס קאָסטען?“

איך האָב איהם געפּרופט ערקלערען, אַז אום אונטערצו־שרייבען דעם נאָמען, דאַרף מען איבערהויפּט קענען אביסעל שרייבען. ער האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען.

— איך וויל דען ווערען אַ לאָיער? — האָט ער געזאָגט — נאָר מיין נאָמען אונטערשרייבען, דאָט'ס אָלל.

דאָס רוב פון די יונגע קאָסטאָם־פּעדלער האָבען זיך געפּוצט. זיי האָבען געטראָגען שעהנע, נעטע קליידער, גאָלדענע זייגערס און דימענטענע רינגען; און געהאַלטען האָבען זיי זיך ווי

אמעריקאנער — אזוי, וויינינגסטענס, האבען זיי געמיינט. איינער פון דיזע פראנטען, א קליינינקער, א לוסטיגער, איז געווען דער זוהן פון א זעהר ארימען שניידער אין סואוואלקער גובערניע. אין דערהיים פלעגט ער געהן אין טראנטעס, און דאס איז געווען ניט מעהר ווי מיט א יאהר דריי צוריק. איצט האט ער געהאט עטליכע פיינע סוטס, א מאסע העל־קאלירטע נעק־טאיס, עטליכע העמס און א גרויסע דימענטענע שפילקע צו זיין נעק־טאי. ער האט דאס אלץ גענומען אין די סטארס, וואו מען האט איהם געגעבען אויף קרעדיט. אלע ווילע פלעגט ער לויפען צום בארבער טרימען די האר. ער האט פליסיג גערעדט א צרה'דיגען ענגליש, געזונגען די נייעסטע אמעריקאנער לידעלעך; געזאגט די נייעסטע שמוציגע אמעריקאנער וויצען און די נייעסטע שטיקלעך „סלענג". לעזען ענגליש האט ער קוים געקענט, און אויף זיין לעסאן פלעגט ער מיט מיר מעהר שמועסען און מאכען שפאס ווי לערנען.

א צווייטער קאסטאם־פעדלער איז געווען ארים געקליידט. ער איז געווען זעהר א קארגער. מען האט געזאגט, אז ער איז אנגעשלאגען מיט געלד. דאך האט ער זיך מיט מיר געדונגען פאר יעדען סענט, און ווען ער פלעגט שרייבען, פלעגט זיך מיר דוכטען, אז ער קארגט אויף טינט. ער איז אבער געווען א שטרענג־עהרליכער און אמת'דיגער מענש.

א דריטער איז געווען א שטיקעל למדן און העברעער, אויך א פרעהליכער. ער האט מיר גלייך גענומען זאגען „דו" און קלאפען אין פלייצע. איך האב איהם געסטאפט איינמאל, צוויי מאל; ביז ענדליך האב איך איהם גאנץ שטרענג געזאגט, אז איך וויל דאס ניט ליידען. דאן האט ער אויפגעהערט.

א פערטער קאסטאם־פעדלער האט ביי מיר גענומען לעסאנס ניט נאר אין ענגליש, נאר אויך אין העכערע אריפמעטיס, געאגראפיע, אלגעברא און געאמעטרי. מיר זיינען געווארען

באַפריינדעט. שפּעטער איז ער אַנגעקומען אין קאָלעדזש און איז געוואָרען אַן ערפאָלגרייכער דאָקטאָר.

איין שילער מיינער איז געווען אויסגערעכענט אויפ׳ן סענט, אָבער אויף קליידער פאַר זיך האָט ער ניט געזשאַלעוועט. ער איז געווען אַ שעהנער יונג און ער האָט זיך אָנגעטאָן מיט געשמאַק. פון אידישע „שוואַרצע פינטעלעך" האָט ער געוואוסט גאַנץ ווייניג. אויף מיין באַשעפטיגונג און מיינע געדאַנקען האָט ער געקוקט מיט פאַראַכטונג; מיר פערזענליך פלעגט ער אָפּגעבען כבוד, און טראָץ זיין קאַרגקייט פלעגט ער מיר געבען מתנות.

אַנאַנדער שילער, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר 25, איז געווען אַ פאַרקאָכטער תלמודיסט. ער פלעגט זיך ביי מיר בעטען, איך זאָל איהם לאָזען מיט מיר לערנען אַ בלאַט גמרא, כאָטש איין מאָל אַ וואָך.

— אָט וועט איהר זעהן ווי געשמאַק דאָס איז! זיס ווי צוקער! — דערביי פלעגט ער אַ קוש טאָן די שפּיצען פון צוויי פינגער און מאַכען אַ מינע פון באַגייסטערונג.

איהם האָב איך אויך געגעבען לעסאָנס אין אַריטמעטיק; און אַז איך פלעג איהם ווייזען אַ טיף־זיניגע „זאַדאַטשע" (פּראָבלעם), פלעגט ער שרייען: „אַי, ווי טיף! גע—הרג׳עט ז—אָל ד—אָס וו—ע—ר—ען!" אָבער פּלוצלונג פלעגט ער זיך געבען אַ כאַפּ און אויסשיסען: „אָבער צו גמרא קומט דאָס ניט

איינער פון מיינע שילער איז געווען אַ פאַרהייראַטער מאַן. ער איז געווען שוואַרץ ווי אַ טאַטער, און די בערדעל וואָס ער האָט געטראָגען, האָט אויסגעזעהען ווי אַ הויפען סאַזשע. אַ נאָז האָט ער געהאַט אַ גרויסען, און אַ שטימע אַ הייזעריגע. זיין פרוי איז געווען אַ שעהנע און אַ חנ׳עוודיגע. דאָך פלעגט ער איהר קיינמאָל ניט ווייזען קיין פריינדליכע מינע, און זי פלעגט „ציטערען פאַר זיין דוך".

2.

אן אווענד־שול פאר אידען. — עמאַניועל קורשעעדט. — די גראָס פאמיליע.

אין הערבסט פון 1883 האָב איך געקראָגען א שטעלע אלס לעהרער אין אן אָווענד שול פאר אונזערע אימיגראנטען, זיי צו לערנען ענגליש. די שול איז געגרינדעט געוואָרען פון דער אויבענדערמאָנטער „יאָנג מענס היברו אסאָסיאיישאָן“.

דער הויפּט צוועק פון דער געזעלשאַפט איז געווען צו אָרגאניזירען לעקטשורס, ליטערארישע דעבאטען און פארשידענע סאָרטען צייט־פארטרייב פאר אידישע יונגע לייט, וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען אין אמעריקא (זי איז געווען א קאָפּיע פון דער „יאָנג מענס קריסטשען אסאָסיאיישאָן“, וועלכע האָט שוין דאן געהאט ברענטשעס איבער'ן גאנצען לאנד). איצט אָבער, אז עס האָבען אָנגעהויבען צו קומען מאסען אידישע אימי־גראנטען, האָט די אסאָסיאיישאָן געגרינדעט א סקול אויף צו לערנען זיי די שפּראך פון זייער נייער היים. פאר דעם פּלאַץ האָבען זיי די ערשטע צייט ניט געדאַרפט צאָהלען. אויף וואוירטה סטריט, ניט ווייט פון טשעטהעם סקווער, איז געשטאַנען א גרויסער ברוינער מויער פון א קריסטליכער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך געזאָרגט פאר עלענדע באָים. דיזע געזעלשאַפט האָט ערלויבט דער „יאָנג מענס היברו אסאָסיאיישאָן“ צו געברויכען זייערע קלאַס־צימערען אין אָווענד, האָט זי דאָרטען געעפענט עטליכע קלאַסען.

די לעהרער זיינען מייסטענס געווען קריסטען — א פּאָר אמעריקאנער און איין דייטש. צוויי טיטשערס זיינען אָבער געווען אידען: איך און דער פּרינסיפּאל (אן אמעריקאנער יונגערמאן מיט'ן נאָמען טאָוני גראָס). א קאָמיטע פון אידישע לאָיערס — וואָרלי פּלאַטצעק, עמאַניועל קורשעעדט, סעמיועל גרינבוים און מארק אש — אלע אמעריקאנער געבוירענע — האָט מיך עקזאמינירט און אָנגענומען אלס לעהרער פאר אָנפאנגער.

מיט קורשעעדט'ן בין איך געווען פון פריהער באַקאַנט.



עמאַניועל קורשעעדט. — פאָטאָגראַפירט אין מיטען פון די
נײנציגער יאָהרען.

ער פלעגט מיך אָפט איינלאַדען צו זיך אין אָפיס, אין נומער 4 וואָררען סטריט, לעבען סיטי האָל, און אַמאָל פלעגען מיר געהן שפּאַצירען צוזאַמען. ער האָט געהערט צו אַ משפחה, וועלכע האָט געוואוינט אין אַמעריקאַ שוין אַ יאָהר הונדערט. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער באַלעזענער מענש, אָבער ענגליש איז געווען די איינציגע שפּראַך וועלכע ער האָט געקענט. צו מיין סאָציאַליזם און צו די אַלע גייסטיגע אינטערעסען פון אונזערע אינטעליגענטע אימיגראַנטען האָט ער זיך פאַרהאַלטען מיט אַ פריינדליכער איראָניע. שמייכלענדיג מיט אַ קלוגען שמייכעל, פלעגט ער זיך צוהערען צו מיינע רייד, פאַרריכטען מיין אויסשפּראַך, און פון צייט צו צייט אויסשרייען מיט האַסטיגע ווערטער: „משוגע, משוגע, משוגע!“ און דערביי, אַלס אַן אַקאָמפּאַנימענט צו זיינע ווערטער, פלעגט ער נערוועז רייבען אַ האַנט אָן אַ האַנט. איך פלעג איהם נעמען באַווייזען אַז מיין סאָציאַליזם איז ניט „משוגע“; פון צוהיצטקייט פלעגט זיך ביי מיר אָפט פאַרטשעפּען דער צונג, און איך בין קיינמאָל ניט געווען זיכער, אַז ער פאַרשטעהט קלאָר וואָס איך זאָג. אַזוי פלעגען מיר פיהרען אונזערע שמועסען און דעבאַטען.

ער איז געווען דער וויים־פּרעזידענט (דערנאָך דער פּרעזי־דענט) פון דער „יאַנג מענס היברו אַססאָסיאיישאַן“, און ער האָט דאָס מיך רעקאָמענדירט צו דעם קאָמיטעט אַלס לעהרער פון דעם אָנפאַנגס קלאַס. שפּעטער פלעגט ער קומען צו מיר אין קלאַס און צוהערען זיך ווי איך לערן מיט די שילער.

מאַרק אַש, וועלכער איז געווען פיעל אינגער ווי קורשעעדט, האָט אויך גענומען אַ אינטערעס אין מיר. ער פלעגט מיט מיר לעזען און מיר געהאָלפען צוקומען צו אַ ריכטיגער אויס־שפּראַך. ער האָט געצייגען מיין אויפמערקזאַמקייט צו געוויסע קלאַנגען אין דער ענגלישער שפּראַך, אין וועלכע אויסלענדער האָבען מייסטענס אַ טעות. מיין אויער און צונג האָבען אַזעלכע זאַכען איבערגענומען לייכט.

איינמאָל האָט מען צוגעגרייט אַן „ענטערטיינמענט“ פאַר דער איוונינג־סקול. האָט מיסטער אַש פאַרגעשלאָגען, אַז איך זאָל פאָרלעזען דזשאָרדזש וואַשינגטאָנ׳ס „פערוועל אַדרעס“.

ער האט מיר פארזיכערט, אז איך מעג ארויסטרעטען פאר אן אמעריקאנער עולם. איך האב איהם געפאלגט, און מיינע אמעריקאנער צוהערער האבען מיר שטארק אפלאדירט. איך האב ביי זיך געפרעגט: „אפלאדירען זיי מיר נאר פון איידעלקייט וועגען, אדער טאקע אין אמת'ען?“ די פראגע האט מיך געמוטשעט עטליכע טעג.

שפעטער האט מען די גאנצע סקול אונזערע געמופט אין 206 איסט בראדוויי. דאן האט מען צוגענומען נאך צוויי אימיגראנטען אלס לעהרער: ניקאלאי אלעניקאוו'ן און אפרים בראוד'ן.

אלס פרינסיפאל איבער אונז אלעמען איז אלץ געווען דער אויבענדערמאנטער גראס. מיט איהם פלעג איך אויך אפט פארברענגען.

איך האב געפרופט איהם באקערען צום סאציאליזם. עס איז אבער געווען אומזיסט מיין ארבייט. איך פלעג איהם אמאל באזוכען אין זיין וואוינונג, און דארטען פלעגען זיינע ברידער אויך אנטייל נעמען אין אונזער דעבאטע. זייער הויפט ארגומענט איז באשטאנען אין פאלגענדען: „אויב מען וואלט געקענט עפענען ביי אלעמען דעם מוח און איהם צוטיילען אזוי, אז אלע זאלען האבען דיזעלבע מאס מארך, וואלט דער סאציאליזם געווען מעגליך. כל זמן אבער עס וועלען זיין קליגערע און נארישערע, פעהיגערע און טעמפערע, וועלען אויך זיין רייכערע און ארימערע. איהר קענט דעם גאנצען קאפיטאל פון דער וועלט צוטיילען אויף גלייך, וועט אין א קורצער צייט ארום ווידער ווערען אונגלייכהייט“.

איך פלעג ענטפערען, אז סאציאליסטען ווילען קיין זאך ניט צוטיילען; זיי ווילען ענדערען די סיסטעם, דעם עקאנאמישען פונדאמענט, אזוי אז קיין ארימערע און רייכערע זאלען נ י ט ק ע נ ע ן זיין. אבער זיי פלעגען ארויסקומען מיט זייער געוועהנליכען ארגומענט, אין אנדערע פארמען, אבער מיט דעמזעלבען עיקר.

די גראס פאמיליע (אן אלטע מוטער, צוויי ניט פארהייראטע

זיכן און אַ טאָכטער, אַ מיידעל) האָט געוואוינט לעבען אונזער
סקוחל, אין אַ הויז וואָס איז געשטאַנען אויף קאָרנער איסט
בראָדוויי און רזשעפערסאָן סטריט, אוים'ן פּלאַץ פון דער
איצטיגער קאַרנעגי לייברערי. איך ווייז אָן אויף דעם פּלאַץ,
ווייל די פאַמיליע איז געווען אַ דייטש־אַמעריקאַנישע, אַ
„יחודים'שע". אַז אַזאַ משפחה זאָל וואוינען אויף איסט
בראָדוויי איז היינט אונמעגליך. דאַן האָבען זיך דאָרטען
געפונען פילע פאַמיליען אַזעלכע. זייער צאָהל איז אָבער געוואָרען
קלענער און קלענער.

די סקוחל האָט איצט ביי מיר אוועקגענומען די אָווענטען.
מיט מיינע קאָסטאָמער־פּעדלער האָב איך געלערנט בייטאָג,
אָדער אין דערפריה, ווי פריהער.

איך האָב פאַרדינט מעהר ווי עס איז מיר נויטיג געווען.
איך האָב זיך געקענט נעמען אַן אַנשטענדיגען צימער און עסען
אין דעם בעסטען רעסטאָראַן, וואָס איז דאַן געווען אויף
גרענד סטריט — גונסט'ס רעסטאָראַן, צווישען עסעקס און
נאָרפאָלק סטריט. גונסט איז געווען אַ דייטש. קיין אידישע
רעסטאָראַנען אָדער קאַפעס זיינען דאַן נאָך ניט געווען. געווען
עפּעס אַ פּאָר אָפענע באָרדינג הייזער; אָבער מיט דעם נאָמען
רעסטאָראַן וואָלט איך זיי ניט באַטיטעלט.

.3

פאול קאַפּלאַן. — מיין צימער. — מיין אַרט לעבען.

איינמאָל, געהענדיג אוים'ן גאַס, האָב איך באַגעגענט
פּאול קאַפּלאַנ'ען. פריער און זיין פאַמיליע זיינען שוין אוועק
אין דער אָרעגאָנער קאָמונע, צוזאַמען מיט אַנדערע מיטגלידער,
און קאַפּלאַן איז פרייוויליג געבליבען אין ניו יאָרק אַלס פאָר־
שטעהער פון דער קאָלאָניע אין די פאַרבינדונגען וואָס זי האָט
געהאַט אין אַמעריקא און אייראָפּא. ער האָט מיר פאָרגעשלאָגען
צו נעמען אַ צימער אין דערזעלבער הויז, וואו ער האָט געוואוינט.
און אַזוי ווי ער איז געווען אַ סימפּאַטישער מענש און אַלע

האָבען איהם ליב געהאַט, האָב איך זיין פאָרשלאַג אָנגענומען נאָך איידער איך האָב געזעהן דעם צימער.

זיין קוואַרטיר איז געווען אין 213 קלינטאָן סטריט, א פּריוואַט־הויז פון צוויי עטאַזשען, מיט אַן „עטטיק״ (די הויז איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ. אויף איהר פּלאַץ שטעהט א גרויסער טענעמענט). דער בעל־הבית איז געווען א דייטש פון די מיטעלע יאָהרען, א מוזיק־קריטיקער אין דער „שטאַאַט־צייטונג״. זיין פרוי איז געווען אַן אַמעריקאַנער דייטשקע, אַביסעל אינגער פון איהם. און זייערע קינדער זיינען אַלע געווען אַמעריקאַנער געבאָרענע. קאַפּלאַן האָט פאַרנומען איינעם פון צוויי עטטיק־רומס און איך האָב זיך אריינגעקליבען אין דעם צווייטען. דער סופיט איז געגאַנגען אראָפּ־באַרג, און ווען מען האָט געוואָלט צוקומען צום פענסטער, האָט מען זיך געמוזט איינבויגען. אָבער דאָס האָט מיך ווייניג געקימערט. עס איז געבליבען גענוג פּלאַץ. צום ערשטען מאָל אויף מיין לעבען האָב איך איצט געהאַט אַזאַ גרויסען גראַמען צימער פאַר זיך אליין. עס איז מיר געוואָרען גראַם אויפ׳ן הארצען. ווינטער האָט ביי מיר געברענט אַן אייזערנע אויווע̇לע. עס איז געווען וואַרים. זומער ווידער איז געווען קיהל.

אין דיזען צימער פלעג איך אָפּזיצען פילע שטונדען לעזענדיג ענגלישע. אָדער רוסישע ביכער, שטודירענדיג די ענגלישע ליטעראַטור. איך פלעג זיך אָנגרייטען עפּעס צו עסען, כדי איך זאָל ניט דאַרפען ארויסגעהן און אונטערברעכען מיין לעזען. אויף דעם אויוועלע פלעג איך זיך מאַכען טהיי, הגם אויף אַזעלכע זאַכען בין איך געווען א פוילער. אַזוי פלעג איך זיצען און לעזען, פאַרטרינקען מיט טהיי און לעזען און לעזען; נעמען א בים ברויט אָדער קעיק און, קייענדיג, ווייטער לעזען; אָדער אַז ניט, פלעג איך ארומגעהן היין און צוריק, ווי ווייט דער קרומער סילינג האָט ערלויבט, ארומגעהן מיט׳ן בוך אין האַנט, לעזענדיג, אָדער טראַכטענדיג. דאָרטען האָב איך געלייענט סאָציאַליסטישע בראָשורען, הויפּטזעכליך דייטשע און ענגלישע, אָבער אויך רוסישע, וועלכע איך האָב באַקומען פון זשענעוואַ, ווי עס וועט דערציילט ווערען ווייטער.

מארק אש.

ניט איינמאָל בין איך אָפּגעזעסען א גאַנצע נאַכט לעזענדיג. אין דערפריה פלעג איך זיך ארומוואַשען, זיך אָנטאָן און לויפען אין גונסט׳ס רעסטאָראַן אויף גרענד סטריט, וואו איך פלעג זיך באשטעלען אַן אמעריקאַנער ברעקפעסט. איך האָב געהאַט הנאה פון מיין ברעקפעסט, פון מיין דינער, פון מיין סאַפּער, פון מיינע אמעריקאַנער נעקטאַיס; פון די ביכער און בראָשורען, וואָס איך האָב געלעזען; פון מיין שכנות מיט קאַפּלאַנ׳ען.

א זעהר ליבער שכן איז קאַפּלאַן געווען, א גוטער הבר און אַן אויפריכטיגער פריינד, אַן אמת עהרליכער מענש, אַן ערנסטער, א קלוגער, א טאַקטפולער. ער איז געווען א היבשע ביסעל עלטער פאַר מיר. מיר זיינען אָבער גיך צוגעוואוינט געוואָרען איינער צום אַנדערען און איך האָב קיין אונטערשיד אין די יאָהרען צווישען אונז ניט געפיהלט.

.4

עדוואַרד קינג.

אויף דיזער קוואַרטיר האָט מיר מעהרערע מאָל באזוכט עדוואַרד קינג — א דריטער אינטערעסאַנטער מאַן, מיט וועלכען אונזער אינטעליגענץ איז דאַן באפריינדעט געוואָרען. מיר זיינען מיט איהם באַקאַנט געוואָרען דורך פּרעי׳ען, זיין „גלויבענס־גענאָסע“; וואָרים קינג איז אויך געווען א „פּאָזיטיוויסט“.

ער איז נאָך דאַן געווען א צימליך יונגער מאַן, הגם א סך עלטער פון אונז. ער איז געווען א קריסט, א סקאָטשמען (שאָטלענדער), נאָך נידעריגער געוואַקסען ווי פּרעי, אָבער דיקער, מיט א שעהנעם, קיילעכדיגען פּנים, מיט א פּליך אויפ׳ן קאָפּ; א לעבעדיגער, א וויציגער, מיט א גלאַטען צונג, כמעט אימער א גוטמוטיגער. ער האָט זיך געקענט אמאָל ארייגלאָזען אין לשון הרע, אַלץ אויף זיין וויציגען שטייגער, און אמאָל פלעגט אין זיין שפּאָט זיך פיהלען א גיפט; אָבער זיין גוטמוטיגקייט איז דערפון ניט געשטערט געוואָרען.

איז ער נאָר באַקאַנט געוואָרען מיט אונז, האָט ער זיך צו אונז צוגעבונדען אויפ׳ן גאַנצען לעבען.

ער איז געווען אן ארבייטער, א טייפ־פאונדער (שריפט־גיסער). ער איז אבער געווען באלעזען — אין געשיכטע, געשיכטע פון פילאזאפיע און פארשידענע אנדערע געגענשטאנדען; זיין הויפט ענין איז דאן געווען „פאזיטיוויזם“, די פילאזאפיע פון אוגוסט קאנט. די שפראך איז ביי איהם געגאנגען פלינק און שעהן, און אויף א נאטירליכען שטייגער, אהן פראזען און אהן חנ׳דעלעך. אפט האט זי געפינקעלט מיט הומאר.

ער איז געווען טעטיג אין זיין יוניאן און איז געווען א וויכטיגע פיגור אין דער „סענטראל לייבאר יוניאן“, די צענטראלע קערפערשאפט פון די ארגאניזירטע ארבייטער פון ניו יארק (איהרע מיטינגען פלעגען אפגעהאלטען ווערען אויף דרייצענטער סטריט, צווישען דריטער און פערטער עווניו).

איינמאל איז דארטען אויפגעקומען די פראגע וועגען ארייגלאזען אידען אין די יוניאנס. איינעגע איינפלוסרייכע דעלעגאטען זיינען געווען געגען זיי. זייער ארגומענט איז געווען, אז די אידישע מאסען קומען פון לענדער וואו דער ארבייטער האט קלענערע באדערפענישען און איז צוגעוואוינט צו קלענערע ווידזשעס ווי דער אמעריקאנער ארבייטער. אבער קינג האט ענערגיש געקעמפט געגען דיזער ריכטונג און ער האט געזיגט.

א נאבעלע שטעלונג האט קינג אויך גענומען אין בעצוג צו יאהאן מאסט׳ן, ווען דער באריהמטער אנארכיסט איז אהער געקומען. דאס איז געווען גלייך נאכדעם ווי מאסט איז אין א לאנדאנער פריזאן אפגעזעסען 18 מאנאטען פאר אן ארטיקעל, אין וועלכען ער האט ערקלערט, אז אלע קעניגע דארף מען טויטען, ווי די רוסישע רעוואלוציאנערען האבען געטויט אלעקסאנדער דעם צווייטען. עס איז געווען א באוועגונג, וואס האט געפאדערט אז מאסט זאל ניט ארייגעלאזען ווערען אין אמעריקא, און קינג האט זיך גלייך געשטעלט אנטקעגען אזעלכע פאדערונגען. דאס הייסט ניט, אז ער האט סימפאטיזירט מיט מאסט׳ס אנארכיזם, אדער מיט זיין גוואלד־טאקטיק. פונקט פארקערט: ער האט מאסט׳ס טעאריען שארף קריטיקירט. ער האט זיך איינפאך געשטעלט אין דעם נאמען פון פרייהייט און

פון דעם פּרינציפּ, אַז אין אַמעריקאַ דאַרף זיין ווילקאָמען יעדער, וואָס ווערט אין אַנדערע לענדער פאַרפאָלגט פאַר זיינע מיינונגען. און מיט פּראָטעסטירען האָט ער זיך ניט באַנוגענט. ער האָט אָנגענומען צו זיין דער פאָרזיצענדער פון דער מאָסט־קאָמיטע.

מאָסט'ן האָט מען אַריינגעלאָזען. די ניו יאָרקער אַנאַרכיסטען האָבען' איהם געגעבען אַ קבלת פּנים אין דעם גרויסען זאַל פון קופּער־יוניאָן, און עדוואַרד קינג איז געווען דער טשערמאַן (דאָס איז געווען מיט עטליכע מאָנאַטען פאַר דעם ווי איך בין געוואָרען קאַפּלאַן'ס שכן). איך האָב די פאַרזאַמלונג בייגעוואוינט. דער זאַל איז געווען געפּאַקט. מיר איז אויסגעקומען צו שטעהן, און מיט מיר צוזאַמען איז געשטאַנען מיסעס פּרעי. ווען קינג האָט פאָרגעשטעלט מאָסט'ן, האָט זי צו מיר געזאָגט מיט כעס: „ווי שעמט ער זיך דאָס ניט?"

אַז אַ „פּאָזיטיוויסט" זאָל זיין דער פאָרזיצענדער אויף אַ מיטינג, וואו מען מאַכט אַ קבלת־פּנים פאַר אַן אַנאַרכיסט, וואָס פּרעדיגט טעראָר — דאָס האָט זי בעטראַכט אַלס פעררעט צו זיינע פּרינציפּען.

קינג האָט ביי אונז גענומען האַלטען לעקטשורס נאָך איידער מיר האָבען פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. די סצענע פון זיין ערשטער לעקטשור, וועלכע ער האָט געהאַלטען אויף עסעקס סטריט, קאָרנער ברום, איבער אַ ביער־סאַלון, געדענק איך גאַנץ גוט. איך האָב איהם קוים פאַרשטאַנען; אָבער דעם עיקר האָב איך מעהר אָרער ווייניגער באַנומען. ווען ער האָט געענדיגט רעדען, בין איך צוגעגאַנגען איהם עפּעס זאָגען. מיין הויפּט צוועק איז געווען צו ווייזען, אַז איך בין ניט איינפאַרשטאַנען מיט איהם. „ניט איינפאַרשטעהן" הייסט אויף ענגליש „דיסאַגרי". דאָס איז אַ געוועהנליכער וואָרט. אָבער ווען אַן אויסלענדער דאַרף עפּעס זאָגען, טרעפט, אַז דעם וואָרט וואָס אַלע געברויכען פאַרגעסט ער און ער געדענקט גראַד אַן אונגעוועהנליכען. אַזוי איז דאַן געווען מיט מיר. איך בין צוגעגאַנגען און געזאָגט: „אַי דייוואוירדזש". „דייוואוירדזש" הייסט פאַנאַנדערגעהן זיך, אַזוי ווי די צוויי קלינגען פון אַ שער, ווען מען עפענט איהר אויף.

ער האָט פארשטאַנען וואָס איך מיין און ער האָט מיט מיר גענומען דעבאַטירען. בין איך געשטאַנען און צוגעהערט; מעהר ניט־פארשטאַנען ווי יאָ פארשטאַנען. איך האָב אָבער געמאַכט אַזאַ מינע אַזוי ווי איך פארשטעה איהם פאָלשטענדיג. יענעם אָוועָנט, ווען איך בין אַוועק אַהיים, האָב איך זיך גענומען דעם לעבען פארוואָס איך האָב געזאָגט „דייוואוירדזש" און ניט „דיסאַגרי". ווען איך וואָלט געוואוסט וואו קינג וואוינט, און איך וואָלט זיך ניט געשעהמט, וואָלט איך גלייך געגאַנגען צו איהם, איהם אויפגעוועקט פון שלאָף און געגעבען אַ געשריי: „אַי דיסאַגרי!"

קינג איז אין אונזער רוסישע אימיגראַנטען־וועלטעלע גע־וואָרען אַזוי ווי אַן אָנקעל. ער האָט פאַר אונז געהאַלטען סעריעס לעקטשורס איבער פילאָזאָפיע. אין שפּעטערע יאָהרען האָב איך גענומען חושד זיין אַז ער איז מעהר בעקאַנט מיט דעם לעבען פון יעדען פילאָזאָף ווי מיט די טיפקייטען פון זיין פילאָזאָפיע. דעם אַלגעמיינעם עיקר האָט ער אָבער געוואוסט, און זיינע לעקטשורס זיינען פאַר אונז געווען זעהר אינטערעסאַנט און ניצליך.

צו מיר, אין מיין עטטיק־רום, אין 213 קלינטאָן סטריט, פלעגט ער קומען צוזאַמען מיט זיינע צוויי פריינד — פּאָזיטי־וויסטען: איינער אַ שוואַרצער (ניט קיין נעגער, נאָר אַ הינדוס), מיט אוניווערסיטעטישע בילדונג, און דער צווייטער — אַ אַ פראַנצויז, אַ באַלעזענער שוסטער. דעם הינדוס פלעג איך פארשטעהן אַ סך בעסער ווי קינג'ען.

איך פלעג אויך איינלאַדען עטליכע רוסישע חברים מיינע; און אַזוי פלעגען מיר פארברייננגען דעם אָוועָנד אין מיין בוידים־צימער, לעזענדיג און דיסקוטירענדיג איבער גלעזער טהיי, וועלכע מיר פלעגען אויפקאָכען אויף מיין אויוועלע.

די קנאַפּע דריי יאָהר, וואָס איך האָב אָפּגעוואוינט אין דעם קלינטאָן־סטריטער עטטיק, זיינען צווישען די בעסטע יאָהרען, וואָס איך האָב פארבראַכט אין אַמעריקאַ.



עדוואַרד קינג.

.5

ניקאָלאַי אַלעיניקאָוו. — יאַקאָב פּעיסאַכאָוויטש.

די וויכטיגסטע פּערזאָן צווישען אונזערע אינטעליגענטע אי־מיגראַנטען איז דאַן געווען ניקאָלאַי אַלעיניקאָוו. איך האָב איהם שוין דערמאָנט, ווען מיר האָבען געהאַלטען ביי בראָד, וואוהין ער איז געקומען מיט דעם „קיעווער עם־עולם“, אַלס זיין פאָרשטעהער. אין אַ געוויסען זין האָבען די אַמעריקאַנער יהודים איהם באַטראַכט אַלס פאָרשטעהער פון אַלע אונזערע אימיגראַנטען. ער איז געווען אין נאָהענטער באַריהרונג מיט מיכאיל האַלפּערין׳ען און מיט דעם אימיגראַנטען־קאָמיטעט, און ער פלעגט זיך זעהן מיט פעליקס אַדלער׳ן און מיט אַנדערע איינפלוסרייכע אַמעריקאַנער יהודים.

קאַפּלאַן האָט זיך אָפּט געזעהן מיט אָנגעזעהענע אַמערי־קאַנער אידען אין די אינטערעסען פון זיין אָרעגאָנער קאָמונע. אַלעיניקאָוו ווידער איז פאַררעכענט געווען אַלס דער פאָרשטעהער פון די אינטעליגענטע אימיגראַנטען, וואָס האָבען געוואוינט אין ניו יאָרק. אָן „עם־עולם“ קאָלאָניע איז שוין דאַן געווען בעטראַכט אַלס אַ גאַנץ אונפּראַקטישע זאַך. אום אַלעיניקאָוו זאָל קענען מאַכען אַ לעבען, האָט מען איהם געמאַכט פאַר דעם סופּעראינטענדענט פון דעם ברענטש, וואָס די יאָנג מען׳ס היברו אַססאָסיאיישאָן האָט געגרינדעט אויף דער איסט סייד — אין 224 איסט בראָדוויי. דאָרטען איז געווען זיין וואוינונג, און זי איז דאַן געווען דער מיטעלפּונקט פון דער רוסישער אינטעליגענץ.

ווען איך קלייב איבער אין מיין זכרון די פיגורען פון אונזער אינטעליגענטער רוסישער קאָלאָניע, ווי זי איז געווען אין די ערשטע עטליכע יאָהרען, זעה איך יאַקאָב פּעיסאַכאָוויטש׳ן. איך האָב שוין דערציילט וועגען דעם נייעם גייסט, וואָס די פּאָגראָמען האָבען אויפגעוועקט אין איינינע פון די אינטעליגענטע רוסישע אידען; ווי אין זיי האָט ערוואַכט דער געפיהל, אַז זיי זיינען אידען. אָבער זעלטען ווער עס האָט דיזען געפיהל אַרויסגעוויזען

אזוי שארף ווי פעיסאכאָוויטש. אנשטאָט יאַקאָב, פלעגט ער פאַר א נייעם באַקאַנטען זיך פאָרשטעלען אלס יאַנקעל, און זיין פרוי האָט ער גערופען ניט אנדערש ווי חיה. קיין „אידישיזם“ האָט נאָך דאַן ניט עקזיסטירט, און ער פלעגט אימער ריידען רוסיש, ווי מיר אלע. אָבער ברויכענדיג דיזע שפּראַך, פלעגט ער ווייזען, אז ער פאַרגעסט ניט אויף א מינוט אז ער איז ניט קיין רוס, נאָר א איד.

ער איז געוועזען פון עליסאַוועטגראַד,וואו ער האָט געענדיגט א רעאַל־שול. דאָרטען האָט ער בייגעוואוינט דעם באַריהמטען פּאָגראָם, דעם ערשטען פון דער סעריע גוואַלט־טהאַטען, וועלכע האָבען געפיהרט צו דער גרויסער אידישער עמיגראַציע.

6.

אונזער ערשטע ניי־יאָהר־אונטערנעהמונג.

דעם ערשטען יאַנואַר, 1883, האָט די אינטעליגענטע רוסישע קאָלאָניע צום ערשטען מאָל געפייערט ניי־יאָהר אין אמעריקא. אין וואַלהאַלאַ האָל, אויף אָרטשאַרד סטריט, איז געוועזען א באָל — דער ערשטער רוסיש־אידישער באָל אין דער נייער היים.

א טייל פון דער אינטעליגענץ האָט דעם יום־טוב אָבער געפייערט באַזונדער, און דיזע פייערונג איז פאָרגעקומען אין די צוויי צימערען, וואו איך און קאַפּלאַן האָבען געוואוינט, אויף 213 קלינטאָן סטריט. עס האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען דריי־און־דרייסיג פּערזאָן — דאַמען און העררען. אין מיין צימער האָט מען געטרונקען און געגעסען און אין קאַפּלאַן'ס צימער האָט מען געטאַנצט, געזונגען, געשפּילט אין „פאַנטען“, געהאַלטען ־ערדעס וועגען רוסלאַנד און איהר פרייהייטס־קאַמף. בשעת מען האָט געטאַנצט, האָט מען געמוזט האַלטען איינגעבויגען די קעפּ, צוליב דער קרומקייט פון דעם סופיט. אָבער דאָס האָט נאָר צו־געגעבען פרעהליכקייט.

כמעט אלע אנוועזענדע האָבען געמאַכט א לעבען פון פּשוט'ער

ארבייט. אינטעליגענטע אימיגראנטען, וואָס זאָלען האָבען אנדערע באשעפטיגונגען, זיינען נאָך דאן געווען אַן אויסנאם.

מיט דיזע צוויי רוסישע ניי־יאָהר אונטערהאלטונגען האָט זיך אָנגעפאנגען אַ לאנגע רייהע פון בעלער, וועלכע זיינען געהאלטען געוואָרען יעדען ערשטען יאַנואר אין אַ גרויסען האָל. זיי האָבען געהאט אַ רוסיש־רעוואָלוציאָנערען כאראקטער, און אין דעם לעבען פון דער רוסיש־ריידענדער אידישער קאָלאָניע זיינען זיי געוואָרען אַן אינסטיטושאָן. פון ארומיגע שטעדט און שטעדטלעך פלעגט מען זיך צוזאמענפאָהרען באגעגענען דעם נייעם יאָהר אויף רוסיש. אויף דיזע בעלער פלעגען זיך טרעפען באקאנטע, וואָס האָבען זיך א גאנץ יאָהר ניט געזעהן, און אזעלכע באקאנטע וואָס האָבען זיך שוין פון יאָהרען ניט געזעהן.

איבער צוואנציג ניי־יאָהר בעלער אזעלכע האָבען מיר גע־פּראוועט — מיט רוסישע געזאנגען, מיט סאָציאַליסטישע רעדעס, מיט לחיים׳ס פאר דעם רוסישען פרייהייטס־קאמף, מיט הורראַ געשרייען פאר די מארטירער פון שליסעלבורג און סיביר, ביז די צאָהל רוסישע אינטעליגענטען איז געוואָרען אזוי גרויס, און דאס לעבען האט זיך אזוי געענדערט, אז דער כאראקטער פון דיזע בעלער האָט זיך אויך געענדערט. אונזער אַלטע ניי־יאָהר צוזאמענקונפטען זיינען געוואָרען אַ זאַך פון דער פארגאנגענהייט.

אַ געוויסע צייט נאָך אונזער ערשטער ניי־יאָהר „באגעגעניש" איז קאפּלאַן אָפּגעפאָהרען אין זיין „ניו־אָרעססאַ" קאָלאָניע אין דעם סטייט אָרעגאָן. צוזאמען מיט איהם האָבען אָפּגערייזט נאָך אייניגע מיטגלידער פון זיין אָרגאניזאציע. אנדערע זיינען אוועק פריהער. מיט די שענסטע ערווארטונגען זיינען זיי אהין געפאָהרען: פיהרען אַן אידעאַלען לעבען פון עהרליכער ערד־ארבייט, פון גלייכהייט און ברודער־ליבע; ווייזען דער עגאָאיס־טישער, ניט־גליקליכער וועלט אַ מוסטער ווי אזוי צו לעבען. ווי ווייט זייערע ערווארטונגען זיינען פארווירקליכט געוואָרען, וועלען מיר זעהן אין אַ ווייטערדיגען קאפּיטעל.

7.
פּאַפּאָוו. — אַן אוצר פון דער שווייץ.

אין ניו יאָרק האָט זיך דאַן געפונען אַ רוס, אַ קריסט פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג, מיט'ן נאָמען פּאַפּאָוו. אין דערהיים האָט ער זיך באַטייליגט אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג און ער האָט געמוזט אַנטלויפען. אין אַמעריקא איז ער געקומען מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער פאַר מיר. איך בין מיט איהם באַקאַנט געוואָרען ביי פּרעי'ען, און ער האָט מיר איינגעלאַדען צו זיך. ער האָט געוואוינט אין אַסטאָריאַ, לאָנג איילאַנד, וואו איך האָב איהם באַזוכט אייניגע מאָל. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון איהם, זיין פרוי און דריי קינדער. צוויי פון דיזע קינדער זיינען געווען פרעמדע, אַדאָפּטירטע, און דאָס אינגסטע קינד אַן אייגענע. ער און זיין פרוי פלעגען פאַר מיר ריידען וועגען דער פאַרשידענהייט פון די געפיהלען וואָס זיי האָבען צו די פרעמדע צוויי קינדער און צו זייער אייגענעם. זיי פלעגען שמועסען וועגען דעם גאַנץ אָפענהערציג, אויפ'ן רוסישען שטייגער. איידער ביי זיי איז געבאָרען געוואָרען דאָס קינד האָבען זיי געדענקט, אַז עס קען גאָרניט זיין קיין גרעסערע ליבע אויף דער וועלט ווי זייער ליבע צו די צוויי אינגעלעך, וואָס זיי האָבען אריינגענומען אין שטוב. עס האָט זיך אָבער באוויזען זייער אייגען פלייש־און־בלוט, און דאַן ערשט האָבען זיי דערפיהלט, וואָס עס הייסט ליב האָבען אַ קינד.

זיי זיינען געווען גאַסט־פריינדליכע מענשען, און מיר איז געווען אנגענעם זיי צו באַזוכען, הגם אין פּאַפּאָוו'ס אינטערעס אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג האָב איך געצווייפעלט. ער איז געווען אַ פּלאָנטער פון אויפריכטיגקייט און פאַלשקייט, אַ מענש מיט ניט קיין שטאַרקען כאַראַקטער. אהיים האָט ער געבענקט אָהן אַ שיעור. ער פלעגט ניט אויפהערען צו ריידען וועגען רוסלאַנד, און אין דיזען ענין האָט ער אין מיר געפונען אַ גוטען צוהערער, וואָרים איך האָב געבענקט ניט ווייניגער ווי ער.

איך זאָג, אַז אין זיין רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג האָב איך געצווייפעלט. ער איז אָבער געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט

ניקאָלאי אלעניקאָוו.

וויכטיגע רוסישע רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען זיך געפונען אין זשענעווא, שווייץ, און זיי האָבען איהם באַטראַכט אַלס זייער פאָרשטעהער אין אַמעריקא. זיי האָבען זיך מיט איהם קאָרעס־פּאָנדירט און איהם צוגעשיקט די ליטעראַטור, וואָס זיי האָבען דאָרטען געדרוקט.

יענעם זומער (1883) האָבען זיי איהם פון זשענעווא צו־געשיקט צוואַנציג עקזעמפּליאַרען פון אַ ביכעל פון אונגעפעהר צוויי הונדערט זייטען, מיט דעם נאָמען „קאַלענדאַר נאַראָדנאָי וואָלי“. דער ביכעל האָט געהאַט אַ רויטע „העמדעל“ און אַלס ביילאַגע — צוויי פּיידזשעס מיט פאָטאָגראַפיעס.

די פיהרער פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“, זייערע באַוועגונגען און מעשים, זיינען געווען איינגעוויקעלט אין אַ טומאַן פון געהיימנים. און פאַר אונז, איהרע פריינד, איז דאָס געווען דער גאָלדענער טומאַן פון אַ שכינה. בשעת מען האָט גע־האַנגען זשעליאַבאָוו׳ן, פּעראָווסקאַיאַ׳ן, קיבאַלטשיטש׳ן, מיכאַי־לאָוו׳ן און ריסאַקאָוו׳ן, זיינען פאַר דער וועלט אַרויסגעשוואומען איינציגע פאַקטען פון זייער אונטער־ערדישען לעבען. דאָס האָט אָבער נאָר טיפער געמאַכט די געהיימנים. דורך מיינע „אונטער־ערדישע“ בעקאַנטשאַפטען אין ווילנא און אין וויטעבסק, און דורך די רעוואָלוציאָנערע בלעטער וואָס איך האָב געלעזען, האָב איך געוואוסט אַ סך מעהר ווי דער אַלגעמיינער עולם; אָבער וועגען דער אינערליכסטער גרופּע פון די „נאַראָדאָ־וואָלצעס“, וועגען זייער הויפּט קאָמיטעט („איספּאָלניטעלני קאָמיטעט“), האָב איך אויך געוואוסט זעהר ווייניג. און איצט האָט דער „קאַלענדאַר“ אַביסעל אויפגעהויבען דעם פאָרהאַנג. איהם האָבען צוזאַמענ־געשטעלט מיטגלידער פון דעם הויפּט קאָמיטעט, וועלכע זיינען געבליבען פריי.

זיין ערשטע און לעצטע טייל האָבען געהאַט די פאָרמע פון אַ לוח, מיט די נעמען און דאַטומס פון אַלע פּאַסירונגען אין דער געשיכטע פון דעם רוסישען קאַמף און פון די וואָס האָבען אין זיי אנטייל גענומען. ווייטער איז דאָס געווען אַ רעוואָלוציאָנערער זאַמעל־בוך פון עראַינערונגען און אַרטיקלען.

פאר דעם, ווען די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געווען טייער, איז דאָס געווען אַן אמת'ער אוצר.

אין דעם ערשטען באַנד פון דיזע „בלעטער", איז דערמאָנט געוואָרען העסיא העלפמאַן, אַ אידישע מיידעל פון מאָזיר, מינסקער גובערניע, וועלכע האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ באַלעבאָסטע אויף דער געהיימער קוואַרטיר, וואו מען האָט געמאַכט די באָמבעס אויף צו טויטען דעם קיסר. וואָס פאַר אַ סאָרט מענש זי איז געווען, וואָס מיט איהר איז פאָרגעקומען אין איהר לעבען אַלס רעוואָלוציאָנערקע — וועגען דעם האָט מען פריהער קיין באַגריף ניט געהאַט. איצט האָב איך אין דעם „קאַלענדאַר" געפונען אַן אַרטיקעל מיט פיל איינצעלהייטען וועגען איהר.

איך האָב שוין אויך דערמאָנט ווי אין דעם ווינטער פון 1879 איז דעם צאַר'ס עס־צימער אויפגעריסען געוואָרען מיט דינאַמיט. שפּעטער האָט מען געהערט, אַז די עקספּלאָזיאָן האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציאָנער מיט'ן נאָמען כאַלטורין. ווי אַזוי ער האָט זיך אַריינגע'גנב'עט אין פּאַלאַץ, ווי אַזוי ער האָט דאָרטען געלעבט און אַריינגעבראַכט די דינאַמיט — דאָס איז געווען איינע פון די רעטענישען, מיט וועלכע די רוסישע טעראָריסטען האָבען אין יענע עטליכע יאָהר צוברענט די נייגעריגקייט פון דער ציוויליזירטער וועלט; און אין דעם רויטען „קאַלענדאַר" וואָס איז איצט אָנגעקומען פון זשענעווא, איז די געשיכטע דער־צעהלט געוואָרען מיט אַלע איינצעלהייטען.

אַן אַנדער אַרטיקעל אין איהם האָט ענטהאַלטען אַ טויזענט־און־איין־נאַכט ערצעהלונג, ווי אַזוי אַ רעוואָלוציאָנער מיט'ן נאָמען גראַטשעווסקי איז אַנטלאָפען פון סיביר.

אויף דער לעצטער זייט אונטער אַ טרויער־פּאַס, האָט זיך געפונען אַ קורצע ביאָגראַפיע פון קאַרל מאַרקס'ען, וועלכער איז געשטאָרבען אין דעם יאָהר, ווען דער קאַלענדאַר איז ערשינען.

די פאָטאָגראַפישע ביילאַגע האָט ענטהאַלטען אַרום 60 פּאָר־טרעטען פון באַריהמט־געוואָרענע רעוואָלוציאָנערע העלדען — מאַרטירער געשטאַלטען, וועלכע מיר פלעגען זיך פּרובען פאָר־שטעלען ווי אַ פרומער איד פּרובט זיך פאָרשטעלען די פּנים'ער פון נביאים אָדער תנאים.

פּאַפּאָוו האָט מיר געבעטען איך זאָל איהם העלפען דעם „קאַלענדאר" פאַרשפּרייטען, און איך האָב ביי איהם גענומען צעהן עקזעמפּליארען. אָן עלפטען האָב איך געקויפט פאַר זיך; און בשעת דיזע ציילען ווערען געשריבען, ליגט ער לעבען מיר אויף מיין דעסק, און איך לעב ווידער דורך דעם מאָמענט, ווען איך האָב איהם צום ערשטען מאָל דערזעהן און דורכגעבלעטערט. יענע נאכט בין איך געזעסען אין מיין בוידעם־צימער, אין 213 קלינטאָן סטריט, לעזענדיג דעם ביכעל ביז עס איז געוואָרען העלער טאָג.

יעדער מענש האָט אין זיין לעבען געוויסע אנדענקענס, וועלכע זיינען איהם ספּעציעל טייער. דיזער ביכעל אין זיין פאַרעלטערטען אָרימען בונד, וועלכען פאַר מיר האָט דערנאָך געמאכט אַ אידישער איינבינדער אויף קריסטי סטריט, איז איינער פון אזעלכע אונשעצבארע דענקמאָלען פון מיין יונגען לעבען.

8.

אנדערע אוצרות. — מיין צווייטע ביבליאָטעק.

אַ געוויסע צייט נאָכדעם האָט פּאַפּאָוו ערהאַלטען פון זשענעוואַ אַ זאמעל־בוך מיט'ן נאָמען „נאַ ראָדיניע", אַ קליינער זשורנאַלטשיק, וועלכער האָט געהאַט דעם זעלבען כאַראַקטער ווי דער „קאַלענדאַר", אָבער מיט נייעם מאַטעריאַל. אינגאַנצען זיינען פון איהם ערשינען דריי נומערן, און יעדער נומער איז פאַר רוסישע סאָציאַליסטען געווען פול מיט די טייערסטע לעזע־שטאָף. אין „נאַ ראָדיניע" האָב איך צום ערשטען מאָל געלעזען לעבענס־באַשרייבונגען פון סאָפיא פּעראָווסקאיא, זשעליאַבאָוו און קיבאַלטשיטש, אונזערע טייערסטע העלדען פון יענער צייט. פון „נאַ ראָדיניע" האָב איך זיך אויך דערוואוסט נייעסען וועגען דעם לעבען פון קעמפער, וואָס האָבען זיך דאָן געפונען אין די קאַטאָרגע־טורמעס פון סיביר, און פאַרשידענע אנדערע פאַקטען אזעלכע.

שפּעטער האָט גענומען אָנקומען דער רעוואָלוציאָנערער זשורנאַל „וויעסטניק נאַראָדנאַי וואָלי", פון וועלכען עס זיינען

אינגאנצען ערשינען פינף נומערען. דיזע „וויעסטניקס" זיינען געווען דיקערע ביכער ווי די „נא ראָדיניע". זיי האָבען ענטהאלטען א סך לעזע־שטאָף פון דעמזעלבען כאראקטער ווי דער אינהאלט פון „נא ראָדיניע" און פון „קאלענדאר", און אויך טעאָרעטישע ארטיקלען. דאָס אלץ האָט אין אויסלאנד ארויס־געגעבען די אָרגאניזאציע „נאראָדנאיא וואָליא".

אנדערע רוסישע רעוואָלוציאָנערע גרופען פון זשענעווא, צוריך, פאריז און לאָנדאָן האָבען אויך געדרוקט ביכלעך, אָדער בראָשורען. די פארשידענע גרופען האָבען פאָלעמיזירט צווישען זיך. עס פלעגט זיך באווייזען א זשורנאל; מיר פלעגען באַ־קומען איינעם, צוויי אָדער דריי נומערען פון איהם, און דאַן פלעגט ער פארשווינדען. דערנאָך פלעגט זיך אָרגאניזירען אַן אנדער גרופע; עס פלעגט זיך באווייזען אַן אנדער זשורנאל־טשיק און ער פלעגט האָבען דעמזעלבען שיקזאל ווי יענער. דיזע אלע אויסגאבען פלעגט מען צושיקען צו פאָפאָוו'ן; און יעדעס מאָל ווען ער האָט באקומען עפּעס נייעס, פלעגט ער מיר לאָזען וויסען, און איך פלעג גלייך צו איהם אריבערפאָהרען.

אין יענע פאָר יאָהר זיינען פאָרגעקומען נייע פּראָצעסען, אלץ איבער מיטגלידער פון דעם הויפּט־קאָמיטעט פון דער „נאראָדנאיא וואָליא", וועלכע זיינען געפאנגען געוואָרען.

די געזעצליכע רוסישע צייטונגען האָבען ווידער אָנגעהויבען צו פארשווייגען נייעס פון דער רעוואָלוציאָנערער וועלט. וועגען די דאָזיגע פּראָצעסען האָבען זיי באריכטעט גאנץ קורץ. די איינצעלהייטען פלעגען אָבער זיך באווייזען אין דער אונטער־ערדישער פּרעסע אין רוסלאנד גופא אָדער אין אויסלאנד.

דיזע באריכטען פלעגען ביי אונז, אימיגראנטען־רעוואָלו־ציאָנערען, אויפגענומען ווערען מיט האסטיג־שלאָגענדע הערצער. רוסלאנד'ס פרייהייטס־קאמף איז אלץ געווען אונזער העכסטער גייסטיגער אינטערעס.

די גרעסטע נייגעריגקייט אין באצוג צו דעם טויט פון צאר איז געווען פארבונדען מיט די קאָבאזעוום, די פּאָר־פאָלק, וואָס האָט געהאלטען די קעז־קרעמעל אויף קליין־סאדאָווער גאס.

אין פעטערסבורג. און איצט, זייענדיג אין ניו יאָרק, האָב איך אין אַ זשענעווער שריפט געלעזען אַז „קאָבאָזעוו'ן" האָט מען ארעסטירט אין מאָסקווע און אַז זיין אמת'ער נאָמער איז באָגדאַנאָוויטש. באָגדאַנאָוויטש! איך האָב פון איהם געהערט אין ווילנע. אין יענעם געגענד, אין דעם טאראָפּעצער אויעזד, פּסקאָווער גובערניע, האָט ער מיט עטליכע יאָהר פריהער געעפּענט אַ קוזניע און געפּרופט פיהרען אַ פרידליכע פּראָ־פּאַגאַנדע צווישען די פּויערים. צוזאמען מיט באָגדאַנאָוויטש'ן, אויך כלומרשט אַלס שמיד, האָט דאָרטען געארבייט סאָלאָוויאָוו, דער שול־לעהרער, וואָס האָט אין 1879 געשאָסען אויפ'ן צאַר און איז דערפאַר געהאַנגען געוואָרען.

דערנאָך האָבען מיר געלייענט אַ באַריכט וועגען באָגדאַ־נאָוויטש'עס פּראָצעס; און אביסעל שפּעטער — אַז זיין כלומרשט'דיגע פרוי פון דער קעז־קראָם איז ארעסטירט געוואָרען אין קיעוו, און אַז איהר אמת'ער נאָמען איז אַקימאָווא.

אין 1883 איז אויך ערשינען דער באַריהמטער בוך „די אונטערערדישע רוסלאַנד", פון סטעפּניאַק, אין אַן ענגלישער איבערזעצונג.

אין 1878, אויף אַ קאָכעדיגער גאַס פון פעטערסבורג, אין מיטען טאָג, האָט דיזער סטעפּניאַק דערשטאָכען גענעראַל מעזענצעוו'ן, דעם הויפּט גענעראַל פון די רוסישע זשאַנדאַרען. מיט דער געשיכטע האָט געקלונגען די וועלט. סטעפּניאַק איז פאַרשוואונדען. שפּעטער, זייענדיג אין איטאַליען, האָט ער אויפגעשריבען זיין בוך, וועלכער איז ערשינען אויף איטאַליעניש. די ווערק איז געווען פול מיט מערקווירדיגע פאַקטען און שילדערונגען פון דעם געהיימניספולען רוסישען קאַמף, און עס האָט ארויסגערופען אַזאַ טיפען אינטערעס, אַז עס איז באַלד איבערזעצט געוואָרען אויף עטליכע שפּראַכען. פאַר אונז, איז עס געווען נאָך אַ רייכערער אוצר ווי דער „קאַלענדאַר נאַראָדנאָי וואָלי".

וואָס האָט פאַר אונז געקאָנט זיין אינטערעסאַנטער ווי דאָס פאָלגענדע, צום ביישפּיעל: אַ רעוואָלוציאָנערקע, מיט'ן נאָמען

רינא, באשרייבט ווי זי האָט זיך עטליכע מאָל געזעהן מיט סאָפיא פעראָווסקאיא׳ן, אין די עטליכע טעג צווישען דעם ערשטען מערץ און דעם טאָג ווען פעראָווסקאיא איז ארעסטירט געוואָרען. פעראָווסקאיא איז ביי אונז געווען בוכשטעבליך א היילינע. יעדער ברעקעל נאכריכט וועגען איהר האָבען מיר געלעזען מיט א פיבערהאפטען אינטערעס. איבערהויפּט וועגען איהר לעבען אין יענער וואָך, ווען די גאנצע פּאָליציי פון פעטערסבורג און א מחנה שפּיאָנען האָבען איהר געזוכט מיט ליכט. רינא האָט זיך ביי איהר געבעטען זי זאָל אוועקפאָהרען כאָטש אויף עטליכע וואָכען, אָבער פעראָווסקאיא האָט זיך אנטזאגט.

„גראָד איצט איז וויכטיג צו זיין אין פעטערסבורג, — האָט זי ערקלערט, — מען מוז זיך זעהן מיט אזוי פיעל מענשען“.

זשעליאבאָוו, סאָפיא׳ס געליבטער, איז שוין געווען ארעס־טירט, און דורך א גענעראל האָט רינא זיך דערוואוסט, אז מען וועט איהם געווים הענגען. זי דערציילט ווי זי האָט דאָס איבערגעגעבען סאָפיא׳ן, און ווי יענע האָט קאָנוואולסיוו געצי־טערט פון אנגסט און פארצווייפלונג.

פון סטעפּניאַק׳ס בוך האָב איך זיך דערוואוסט א מאַסע איינצעלהייטען וועגען דעם ווי ניקאָלאי מאָראזאָוו איז ארעסטירט געוואָרען ביים גרענעץ, און וועגען דעם ניט־פּארווירקליכטען פּלאַן איהם צו באפרייען; אויך האָב איך דאָרטען געלעזען וועגען דער ראָלע וואָס דערביי האָט געשפּילט זיין פרוי, אָלגא ליובאַטאָוויטש (די רעוואָלוציאָנערקע, וואָס האָט זיך דערנאָך באהאלטען אויף דער פּאָהולאַנקער קווארטיר, ביי אונז אין ווילנא).

די אַלע „אוֹצרוֹת“, וואָס פלעגען אָנקוּמען פוֹן זשענעווא, פּאַריז אָדער לאָנדאָן, פלעג איך לאָזען איינבינדען און איך האָב זיי עד־היום. פארשידענע ביכער זיינען אויף מיינע פּאָליצעס געשטאַנען, און זיינען נאכהער אוועק, אום צו מאַכען פּלאַץ פאר אנדערע. דיזע בלייבען אימער צווישען די טייערסטע זאכען, וואָס איך האָב ווען עס איז געהאַט.

איך האָב געקויפט אַ פולען סעט פון דיקענס׳עס ווערק. זיי זיינען געדרוקט געוואָרען אויף סטערעאָטיפּ־פּלאַטען, וועלכע מען האָט אַמאָל געמאַכט פאַר אַ טייערער עדישאָן; אָבער דאָס איז געווען מיט אַ לאַנגער צייט צוריק. די פּלאַטען זיינען שוין געווען שטאַרק אָפּגעניצט, און די בוכשטאַבען זיינען פון דרוק אַרויסגעקומען אָפּגעבראָכען און אָפּגעריבען. די אָריגינעלע עדישאָן איז געווען אילוסטרירט מיט אַ סך בילדער, ספּעציעל געמאַכט פון אַ באַריהמטען לאָנדאָנער קינסטלער. און די פּלאַטען פון דיזע אילוסטראַציעס זיינען אויך געווען שטאַרק אָפּגעניצט.

דערפאַר האָט דער סעט געקאָסט ביליג! די פּאַפּיר איז געווען ניי און אויך דער בונד. אַלץ איז געווען ניי, אויסער דער עיקר — די פּלאַטען, מיט וועלכע דער סעט איז געווען גע־דרוקט. אויסגעזעהן האָבען זיי אָבער פיין און וואַזשנע: צוועלף דיקע, ברוינע בענדער — אַלע ווערק פון טשאַרלס דיקענס! ווען איך האָב זיי אויסגעשטעלט אויף מיין נייער עטאַזשערקע, האָ־בען מיינע אויגען זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקען אויף זיי. דער דרוק איז געווען אַזאַ שלעכטער, אַז עס איז געווען שעדליך פאַר די אויגען. דאָס האָט מיר אָבער ניט געקימערט. איך פלעג אָפּזיצען בוכשטעבליך גאַנצע נעכט לעזענדיג זיי.

איך האָב אויך געקויפט טעין׳ס באַריהמטע „געשיכטע פון דער ענגלישער ליטעראַטור" אין צוויי בענדער. זיי זיינען שוין געווען אויסגעצייכענט געדרוקט.

איינמאָל, געהענדיג איבער דער פערטער עוועניו, האָב איך אין דעם פענסטער פון אַ בוך־סטאָר דערזעהן אַ ענציקלאָפּעדיע פון 15 בענדער, מיט אַ צעטעל, אויף וועלכען עס איז געווען אָנגע־צייכענט „18 דאָלאַר" — אַ זעהר ביליגער פּרייז. איך בין אריינ־געגאַנגען און באַקוקט די ביכער. איך געדענק ניט דעם נאָמען פון דער ענציקלאָפּעדיע, איך געדענק נאָר, אַז עס איז געווען אַ פּאָפּולערע ווערק. דער דרוק איז געווען אַ פרישער, נאָר די בוכשטאַבען זיינען געווען קליינינקע, און די שורות געדיכטע. אָבער דאָך אַ ענציקלאָפּעדיע! און אויך ביליג: 18 דאָלאַר פאַר פופצעהן זעהר גרויסע און דיקע ביכער! איך האָב די

סומע ביי זיך ניט געהאט, האָב איך געגעבן א דעפאזיט, און א פאָר טעג שפעטער האָב איך באצאָהלט דאָס איבעריגע. אָפשיקען מיר דעם פאַק האָט דער סטאָרקיפּער זיך ענטזאגט, און אויף א קאר האָט מען מיר מיט דער משא ניט ארויפגעלאָזען. האָב איך דאָס אוועקגעטראָגען. עס איז געווען גאַנץ שווער. ווען איך האָב דערלעבט צו קומען אויף מיין קווארטיר, האָט זיך פון מיר געגאָסען דער שוויים, און מיינע הענט זיינען געווען צושניטען און צואווייטאָגט פון די שטריק, מיט וועלכע מיין מציאה איז געווען ארומגעבונדען. אויף מיין עטאזשערקע האָבען די פּופּצעהן בענדער פארנומען אנדערהאלבען פּאָליצעס.

איך האָב אויך איינגעהאנדעלט ביי א פּאָר טוץ אנדערע ענגלישע ביכער; און אחוץ די דערמאָנטע רוסישע רעוואָלוציאָנערע שריפטען, וועלכע זיינען אָסאָרשט ערשינען, האָב איך געקויפט א היבשע צאָהל רעוואָלוציאָנערע רוסישע ווערק, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין זשענעווא אין פריהערדיגע צייטען, און אויך געוויסע סאָציאַליסטישע בראָשורעס, וואָס זיינען געדרוקט געווען אויף ענגליש, אין לאָנדאָן אָדער ניו־יאָרק.

מיין עטאזשערקע איז באלד געוואָרען צו קליין; איך האָב געקויפט א צווייטע, אָבער זי איז אויך באלד געוואָרען פול. מיין ניו יאָרקער ביבליאָטעק איז שוין געווען א סך גרעסער ווי די וואָס איך האָב איבערגעלאָזען אין ווילנע.

9.

א מתנה פון ווילנא. — הספדים.

איין מאָל, אין 1884, האָב איך פון דער היים באקומען א געדרוקטען שריפט. איך האָב געמיינט, אז דאָס איז א בריף. ווען איך האָב אָבער אויפגעעפענט דעם קאָנווערט, האָט זיך ארויסגעצייגט, אז עס איז א פּראָקלאמאציע, און פון אויבען און פון אונטען זיינען געווען צוגעשריבען די פאָלגענדע ווערטער:

„עס איז דער'הרג'עט געוואָרען סודעיקין, דער שפּיאָן איבער אלע שפּיאָנען, דער באנדיט איבער אלע באנדיטען!"

קיין נאָמען איז ניט געווען, אָבער אין די עטליכע שורות

האָב איך גלייך דערקענט די האַנדשריפט פון מיין ווילנער חבר האַלפּערין.

דער געדרוקטער פלוג־שריפט גופא איז געווען אַ שטימע פון דער פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג, וואו מען האָט געהאַלטען די וויכטיגסטע רעוואָלוציאָנערען, איידער מען האָט זיי איבערגע־שיקט אין דער שליסעלבורגער פעסטונג. ווי אזוי זיי האָט זיך איינגעגעבען צוצוקומען מיט אַ פּראָקלאַמאַציע צו דער פרייער וועלט, וואו זייערע חברים האָבען איהר אָפּגעדרוקט, איז געווען איינע פון די געהיימניסען, מיט וועלכע די „נאַראָדאָ־וואָלצעס" פלעגען פון צייט צו צייט איבערראַשען די לאַנד. אין דעם פלוג־שריפט האָבען די פאַראורטיילטע טעראָריסטען דערצעהלט ווי מען פייניגט זיי. עס איז געווען אַ שטימע פול מיט שמערץ און העלדען־מוט. דער שריפט האָט ענטהאַלטען איינציגע וויכטיגע איינצעלהיי־טען פון דעם שרעקליכען לעבען אין יענע שטיינערנע קעמערלעך. דער איבערשריפט אויפן אַרטיקעל איז געווען: „אָט מיאָרטוויך ק'זשיוויים" (פון טויטע צו לעבעדיגע), און אונטער דיזע גע־דרוקטע ווערטער האָט האַלפּערין אויפגעשריבען: „פון רוסלאַנד צו אַמעריקאַ".

דערנאָך האָבען מיר געהערט, אז אויף אַלע רוסישע וואָקזאַלען האָט מען אויסגעהאַנגען פּאָרטרעטען פון אַן אָפיצער מיטן נאָמען דעגאַיעוו, מיט אַן ערקלערונג אז ער האָט דאָס דערשאָסען דעם גענעראַל־שפּיאָן סודעיקין. די רעגירונג האָט אַנאָנסירט אַ גרויסע מתנה דעם וואָס וועט איהם כאַפּען. עטליכע מאָנאַט שפּעטער האָב איך אין דעם „וויעסטניק נאַראָדנאַי וואָלי" געפונען אַן אויספיהר־ליכען אַרטיקעל וועגען דער גאַנצער געשיכטע — אַ מערקווירדיגע „דעטעקטיוו סטאָרי" פון דער אונטער־ערדישער רוסישער וועלט.

דעגאַיעוו איז צוערשט געווען אַ טרייער רעוואָלוציאָנער, דער נאָך האָט ער פאַרראַטען זיינע חברים און געשפּילט אַ דאָפּעלטע ראָלע. ענדליך האָט ער דערפיהלט געוויסענביסע און אַלס אַ תשובה האָט ער געטויט דעם הויפּט־שפּיאָן. בשעת ער האָט גע־שפּילט זיין דאָפּעלטע ראָלע, איז די וויכטיגסטע פיגור אין דער געהיימער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע געווען וויערא פיגנער — אַ שעהנע, הויך־געבילדעטע מיידעל פון אַן אינטערע־

סאנטער פריצישער פאמיליע. זי איז דאן געווען דער איינציגער פריי־געבליבענער מיטגליד פון דעם באריהמטען הויפט־קאמיטעט פון דער נאראדנאיא וואליא. אלע איבעריגע האט די רעגירונג שוין געכאפט (א חוץ צוויי, וועלכע האבען זיך באזעצט אין אויסלאנד). מען האט איינינע פון זיי געהאנגען, איינינע „פארמויערט" אין פעסטונגען, אדער פארשיקט אויף קאטארגע. א יאהר און א האלב איז פיגנער געווען דער גאנצער קאמיטעט. זי האט ארגאניזירט טעראריסטישע אטאקעס, געגרינדעט געהיימע דרוקערייען און געארבייט ווידער אויפצובויען די אפגעשוואכטע ארגאניזאציע. איהר גרעסטע געפאהר איז געווען סודעיקין, א זשאנדארמסקער פאלקאווניק, וועלכער איז געווען א זעלטען פעהיגער דעטעקטיוו — א שעהנער, הויכער יונג מיט ברייטע פלייצעס — א ריעז. ער איז געווען דער הויפטמאן איבער אלע פאליטישע דעטעקטיווס און ער האט אויף דער געהיימער ארגאניזאציע געמאכט איין פאגראם נאך דעם אנדערען.

דעגאיעוו איז געווען וויערא פיגנער'ס פארטרויטסטער מענש. ער איז אבער באלד ארייננעפאלען צו סודעיקין'ען אין די הענט — צוזאמען מיט אן אונטערערדישער דרוקעריי (אין אדעס). דאן האט סודעיקין איהם באזוכט אין דער אדעסער געפענגניש און איהם אזוי צושראקען און פארדרעהט דעם קאפ, אז ער האט אנ־גענומען זיין פארשלאג צו זיין א רעוואלוציאנערער פיהרער און א שפיאן צו דער זעלבער צייט (פונקט ווי עס איז מיט יאהרען שפעטער געווען אזעוו). אויף דיזען ארט האט ער ארויסגעגעבען פילע רעוואלוציאנערען — צווישען זיי וויערא פיגנער'ן אליין. זיין געוויסען האט איהם אבער געפלאגט, ביז ענדליך איז ער אוועקגעפאהרען קיין פאריז, אין אלץ זיך מודה געווען פאר דאר־טיגע רוסישע רעוואלוציאנערען, און פארגעשלאגען אויסצוקויפען זיינע זינד מיט'ן טויט פון דעם געפערליכען זשאנדאר.

איין מאל א יאהר, יעדען ערשטען מערץ (דעם 13טען לויט דעם אמעריקאנער קאלענדאר), פלעגען מיר אין ניו יארק מאכען הספד נאך סאפיא פעראווסקאיא, זשעליאבאוו, קיבאלטשיטש,

העסקא העלפמאַן און די אנדערע מאַרטירער פון דעם רוסישען קאַמף. איך פלעג זיין איינער פון די רעדנער.

די מיטגלידער פון דעם רעוואָלוציאָנערען הויפּט־קאָמיטעט, וועלכע מען האָט ניט געהאנגען, האָט מען געהאַלטען אין איינזאַמקייט און מאַטערניש, צוערשט אין דער פּעטראָפּאַוו־לאָווסקער פעסטונג אין פּעטערסבורג און דערנאָך אין דער שליסעלבורגער פעסטונג, אויף אַן אינזעל ניט ווייט פון פּע־טערסבורג. אַרויסצוקומען פון דאָרטען ווען־עס־איז איז קיין האָפענונג ניט געווען. „לעבעדיג־באַגראָבענע" — אַזוי האָבען מיר זיי גערופען. פון צייט צו צייט פלעגען קומען, אַזוי ווי קלאַנגען פון יענער וועלט, נאַכריכטען וועגען זיי: דער איז פון זינען אַראָפּ; יענער האָט זיך אַליין באַגאָסען מיט קעראָסין און פאַרברענט; אַ דריטער האָט געגעבען אַ בעאַמטען פון דער פעסטונג אַ פּאַטש, כדי מען זאָל איהם דערפאַר הענגען, און מען האָט איהם טאַקע געהאַנגען. די דאָזיגע נאַכריכטען פלעגט מען באַקומען ערשט אַ לאַנגע צייט, אַמאָל עטלאַכע יאָהר, נאָכדעם ווי די טראַגעדיע האָט פּאַסירט. קיין דייטליכע מעלדונגען האָט מען ניט געהאַט.

אויף איין פאַרזאַמלונג אַזעלכער, אין אַ האָל אויף איסט בראָדוויי, האָב איך געשילדערט ווי די מאַרטירער געהען אַרום אין זייערע שטיינערנע קעמערלאַך — הין און צוריק, הין און צוריק, איינער אַליין, אָהן אַ מעגליכקייט אויסצורעדען אַ וואָרט מיט וועמען עס איז. טאָג איין, טאָג אויס אַזוי; יאָהר איין, יאָהר אויס. אָהן אַ שיעור, אָהן אַ שטראַהל האָפנונג, אָהן שום באַגריף וואָס עס טוט זיך אויף דער ווייסער וועלט.

10.

מאַשקאָוויטש. — לעאָ האַרטמאַן.

אין 213 קלינטאָן סטריט האָט מיט מיר צוזאַמען אַ געוויסע צייט געוואוינט אַן אָדעסער יונגערמאַן מיט'ן נאָמען מאַשקאָוויטש. פריהער האָט ער געוואוינט אין פּאַריז און אין בעלגיען, וואו ער האָט שטודירט אויף אינזשיניער. דערנאָך האָט ער אַ

געוויסע צייט פארבראכט אין לאָנדאָן, און פון דאָרטען איז ער געקומען קיין ניו יאָרק.

איינמאָל, אין א פריהמאָרגען, ווען מיר זיינען נאָך געלעגען אין אונזערע בעטען, האָט אימעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר. אויף אונזער „קאַם אין" איז אריינגעקומען א קריסט פון א יאָהר דרייסיג, אָדער צוויי און דרייסיג, מיט א בלאָנדער בערדעל. ווי ערשטוינט בין איך געווען, ווען מאָשקאָוויטש האָט איהם מיר פאָרגעשטעלט אלס לעאָ הארטמאַן — דער רוסישער רעוואָלו־ציאָנער, מיט וועמען עס האָט מיט א פאָר יאָהר פריהער געקלונגען די וועלט.

אין דעם ערשטען באַנד איז דערמאָנט געוואָרען ווי ענדע זוכ:ער 1879 איז לעבען מאָסקווע אויפגעריסען געוואָרען א קייזערליכער צוג. מען האָט ערווארט אז דער צאר וועט דאָרטען דורכפאָהרען אויפ'ן וועג פון דרום קיין פעטערסבורג; אָבער אויף דעם דערמאָנטען צארסקען צוג איז דער צאר אליין גראָד ניט געפאָהרען (דאָרטען האָט זיך געפונען א גרויסע צאָל פון זיינע דינער און וועכטער, און פילע פון זיי זיינען טאקע געטויטעט אָדער פארוואונדעט געוואָרען). דער צאר—אלעקסאנדער דער צווייטער—איז אונטערגעקומען אין איניגע מינוטען ארום, אויף א צווייטען צוג. און קיין צווייטער אויפרייס איז שוין ניט געווען. עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז אונטער די רעלסען איז געווען צוגעגרייט א דינאמיטענע מינע, צו וועלכער עס האָבען זיך געצויגען עלעקטרישע דראָטען פון א הויז, וואָס איז געשטאנען ניט ווייט פון די רעלסען. אין דער הויז האָט געוואוינט א פאָר־פאָלק מיטן נאָמען סוכאָרוקאָוו: זיי האָבען זיך דאָרטען באזעצט מיט א קורצער צייט פריהער. זיי האָבען גערעדט און געפיהרט זיך ווי גאַנץ פּראָסטע מענשען. נאכדעם ווי עס זיינען אויפגעריסען געוואָרען די צארסקע וואגאָנעס, זיינען די סוכאָרוקאָווס פארשוואונדען. שפּעטער האָט זיך די רעגירונג דערוואוסט, אז סוכאָרוקאָוו'ס אמת'ער נאָמען איז לעאָ הארטמאַן, און זיין „פרוי'ס" — סאָפיא פּעראָווסקאיא (דיזעלבע פּעראָווסקאיא, וועלכע האָט מיט צוויי יאָהר שפּעטער אָרגאניזירט דעם איבערפאַל אויפ'ן צאר אין פּעטערסבורג.

לעאָ האַרטמאַן. — דאָס בילד געפינט זיך אין די רוסישע רעגירונגס אַרכיוועז פון 1879 און אין יאָבעלסאָן'ס „ערינערונגען פון דער נאַראָדנאיא וואָליאַ".

אין 1879, לעבען מאָסקווע, אין דעם מאָמענט, ווען דער צארסקער צוג איז פארבייגעפאָהרען, האָט זי מיט אַ פּאַטשיילקע געגעבען דעם סיגנאַל צו עקספּלאָדירען דעם דינאַמיט. און פּונקט אַזאַ סיגנאַל האָט זי געגעבען אין 1881, אין פּעטערסבורג, צו די, וואָס האָבען געוואַרט אויפ'ן צאר מיט באָמבעס).

הארטמאַן איז אריבער דעם גרענעץ און איז געקומען קיין פּאריז. אַזוי ווי די רוסישע רעגירונג און די פראַנצויזישע האָבען צווישען זיך געהאַט אַן ענגען דיפּלאָמאַטישען פארבאנד, האָט מען איהם דאָרטען ארעסטירט. עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז די פראַנצויזישע רעפּובליק, די לאַנד פון רעוואָלוציאָנען, זאָל דעם פרייהייטס־קעמפּפער איבערגעבען דעם צאר'ס פּאָליציי אין די הענט. ליבעראַלע מענשען פון פּאריז האָבען זיך אָבער נעשטעלט געגען דעם. און דעם לעזער וועט אפשר אויסקומען זאָנדערבאר צו הערען, אַז דער מאַן, וואָס האָט אָנגעפיהרט דעם קאַמף צו ראַטעווען הארטמאַנ'ען, איז ניט קיין אַנדערער ווי קלעמאַנסאָ, דערזעלבער, וועלכער האָט פערציג יאָהר שפּעטער, ביי דער פרידענס־קאָנפערענץ, נאָך דער גרויסער וועלט־מלחמה, אלס הויפּט מיניסטער פון פראַנקרייך, זיך ארויסגעוויזען פאַר אַ פינסטערען רעאַקציאָנער.

קלעמאַנסאָ האָט געזיגט. דער רוסישער רעגירונג האָט מען הארטמאַנ'ען ניט איבערגעגעבען; אָבער בלייבען אין פראַנקרייך האָט מען איהם אויך ניט ערלויבט. מען האָט איהם געהייסען זיך אויסקלייבען דעם גרענעץ, איבער וועלכען ער וויל אריבער־פאָהרען. ער האָט ערקלערט, אַז ער וויל פאָהרען קיין ענגלאַנד, וועלכע איז געווען די פרייסטע פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער; און אַהין איז ער אוועקגעפאָהרען. פון ענגלאַנד איז ער דערנאָך געקומען קיין אַמעריקא, וואו די צייטונגען האָבען וועגען איהם געשריבען פילע קאָלומס. אין דעם „ניו יאָרק העראַלד" — אין אַ זונטאַגס־נומער — איז וועגען איהם געווען אַ גאַנצע פּיידוש (דעם ארטיקעל האָט אויפגעשריבען שעוויטש).

מאָשקאָוויטש איז מיט הארטמאַנ'ען באַקאַנט געוואָרען אין לאָנדאָן. איצט, זייענדיג אין ניו יאָרק, האָט דער באריהמטער טעראָריסט געארביים אלס עלעקטריקער — אַ פאַך, אין וועלכען

ער האט זיך פאראינטערעסירט בשעת ער האט געהאלפען לייגען די מינע צו טויטען דעם קיסר. דורך דעם האט ער זיך שוין אויך פאראינטערעסירט אין פארשידענע ערפינדונגען.

ער פלעגט צו אונז אריינקומען גאנץ אפט; און שפעטער האט ער א געוויסע צייט געוואוינט ביי מיר. ער פלעגט מיר דערציילען איינצעלהייטען וועגען דער צייט, ווען ער און די אנדערע „נאראדאוואלצעס" האבען געגראבען די מינע לעבען מאסקווע. ער האט מיר אויך דערצעהלט וועגען אנדערע ערפארונגען, וואס ער האט געהאט אלס רעוואלוציאנער. פון סאפיא פעראווסקאיא'ן האט ער צום אנדענקען באקומען א שווארצע זיידענע האלז־פאטשיילקע. ווען ער האט דאס מיר געוויזען, האב איך דאס אריינגענומען אין האנט און באקוקט ווי א הייליגע זאך.

הארטמאן איז געווען א לוסטיגער מענש; ליב געהאט איבערצוזאגען א שפאס, וואס ער האט געהערט, און לאכען דערפון ווידער און ווידער. געוויסע ענגלישע אויסדרוקען, ווי אונוויסענדע אמעריקאנער מאסען ריידען זיי אויס, האבען איהם געקלונגען קאמיש. פלעגט ער מיט געלעכטער זיי איבעררריידען נאך אמאל און נאך אמאל.

זיין פאטער האט געהאט דייטשע עלטערן, אבער זיין מוטער איז געווען אן עכט־רוסישע פרוי, און ער האט זיין כאראקטער מסתמא גע'ירשנ'ט פון איהר. זיין באבע פון דעם פאטער'ס צד האט גערעדט שלעכט רוסיש, פלעגט הארטמאן פאר מיר איבערזאגען איהרע גרייזען, ווי צום ביישפיל: אנשטאט „באבושקא" (א באבע), פלעגט זי זאגען „באבאטשקא" (א זומער־פויגעלע), און ער פלעגט דערביי פרעהליך לאכען.

ער האט געלעבט אהן א חשבון, ווי אן עכטער רוס און איז געווען לייכטזיניג און גאסטפריינדליך ווי אן עכטער רוס. ווען ער האט געהאט געלד, האט ער דאס צובארגט, צושאנקען און פארספענט. ווען ער האט געהאט נאר פינף דאלאר, פלעגט ער איינלאדען אימיצען צו א גוטען דינער און דערנאך געהן

לייען אויף קאַר־פּעער. ווען ער האָט ניט געהאַט קיין אַרבייט און ניט געקענט באַצאָהלען זיינע חובות, פלעגט ער זיין פאַרצווייפעלט. איינמאָל האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אַן אומעדיגען טאָן: „מיין רעפּוטאַציע רייסט זיך ווי מיינע העמדער. איך בין אַ בעל־חוב און האָב ניט מיט וואָס צו באַצאָהלען.“

געלעזען האָט ער ווייניג. ער האָט זיך אימער געפּאָרעט אַרום זיינע צוקונפטיגע ערפינדונגען און געזוכט אַ פּאַרטנער מיט געלט.

ער האָט געמאַכט אַן עלעקטרישען סקאַרף־פּין — אַן ערפינדונג צו באַלייכטען אַ האַלז־טוך. איך האָב געפּרופט אַרויסגעהן דאָס פאַרקויפען אין סטאָרס. ווען דער ערשטער סטאָר־קיפּער האָט דערזעהן, אַז מיין נעק־טאַי ווערט ליכטיג, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט. ווען ער האָט זיך אָבער ערקונדיגט, אַז איך האַלט אין קעשענע אַ בעטערי — אַ היבשע פלעשעל, פון וועלכע עס ציהט זיך אַ דראָט צו מיין נעק־טאַי, האָט ער זיך צולאַכט.

„צי דען מיינט איהר, אַז אַ קאַסטאָמער וועט זיך וועלען אַרומטראָגען מיט אַזאַ ניוסענס ? ״ — האָט ער געזאָגט.

הארטמאַן האָט אַליין געפּרופט פאַרקויפען זיין סחורה, ער האָט אָבער ניט געהאַט מעהר מזל ווי איך.

ער האָט אין זיין ערפינדונג געמאַכט פאַרבעסערונגען. דערנאָך האָט ער געפונען אַ אידען מיט געלט, און זיי האָבען געעפענט אַ פאַקטאָרי פון עלעקטרישע לעמפּעלעך. קיין ערפאָלג האָבען זיי אָבער ניט געהאַט. דער איד האָט צוגעליינגט זיינע פאַר טאָלער.

די עראַינערונג וועגען די דאָזיגע לעמפּעלעך ברענגט אויף מיין געדאַנק אימער אַרויף די אינטערמעצאַ פון דער אָפּערא „קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ“; וואָרים יאָהרען לאַנג האָב איך זיך אַרומגעטראָגען מיט׳ן איינדרוק, אַז דעם וואונדערבאַרען נגון האָב איך צום ערשטען מאָל געהערט פון אַ קאַטערינקע, אויף דער 10טער סטריט, ווען איך בין אַרומגעגאַנגען מיט האַרטמאַן׳ס עלעקטרישע סקאַרף־פּינס.

די אָפּערא איז נאָך דאַן ניט געווען אָנגעשריבען. שפּעטער ווען איך האָב איהר געהערט, בין איך געווען איבערצייגט, אַז די אינטערמעצאַ איז יענער נגון. דאָס איז געווען אַ טעות.

שפּעטער האָט מיר הארטמאן „געקיבעצט״:

— וואָס פאר א סיילסמאן זייט איהר, אז אין מיטען ביזנעס שטעלט איהר זיך אָפּ הערען מוזיק?

איך האָב אָפּגעענטפערט:

—וואָס פאר אַן ערפינדער, אזא סיילסמאן.

איינמאָל איז צווישען אונז ארויסגעקומען אַן אונאַנגענעמליכקייט און מיר האָבען זיך שטארק צו־ווערטעלט.

ער און יאָהאַן מאָסט, דער פיהרער פון די אנארכיסטען, זיינען געווען נאָהענטע פריינד. האָט ער איהם די מעשה איבערגעגעבען פון זיין שטאנדפּונקט. איך האָב געפּרופט די אנגעלעגענהייט פאר מאָסט'ען פאָרשטעלען פון מיין שטאנדפּונקט; אָבער הארטמאן'ען דעם העלד פון דער מאָסקווער מינע, האָט מאָסט פארגעטערט, און דער סוף איז געווען, אז צווישען מאָסט'ען און מיר איז אויך ארויסגעקומען א צוזאמענשטויס.

11.

ערשטע אידישע טעאטער־קאָמפּאַניעס. — ענגלישער טעאטער.

צו מיינע גייסטיגע אינטערעסען אין די ערשטע דריי יאָהר, וואָס איך האָב פארבראכט אין אמעריקא, געהערט, גלויב איך, מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם אידישען און ענגלישען טעאטער און מיט דער אָפּערא.

אידישען טעאטער האָט מען אין ניו יאָרק אָנגעהויבען צו שפּילען אין 1883. אָבער נאָר א פּאָר פון די אַקטיאָרען זיינען געווען, מעהר אָדער ווייניגער, פּראָפעסיאָנעלע. די איבעריגע זיינען געווען יונגע לייט פון אָדעס, וועלכע זיינען אין דערהיים געווען „טעאטער פּאַטריאָטען״, און דאָ האָבען זיי זיך אליין גענומען צו דער ביהנע. צו זיי האָט מען צוגענומען סתם מענשען פון די אימיגראנטען.

איינער פון זיי איז געווען אַן אָדעסער שניידער פון די מיטעלע יאָהרען, אַן אימיגראַנט מיט׳ן נאָמען ישראל באַרסקי. דאָס איז געווען אַ אינטערעסאַנטער טיפּ. ווען איך האָב זיך מיט איהם באַגעגענט צום ערשטען מאָל, האָב איך געמיינט, אַז ער איז אַ דייטשער „יהודי״. אַ קאָסאָקליכער, אַ גלאַט־ארומגעגאָלטער, האָט ער ניט אויסגעזעהען ניט ווי אַ שניידער און ניט ווי אַן אַקטיאָר. איך האָב געמיינט, אַז ער איז אַ מין מיסיאָנער אָדער רעווערענד פון אַ רעפאָרמירטער שוהל. ער האָט אָבער צו מיר גענומען ריידען עכטע אָדעסער אידיש. ער האָט גערעדט וועגען מיינע סאָציאַליסטישע רעדעס. ער איז מיט זיי ניט געווען איינפארשטאַנען. ער האָט געהאַט אַן אייגענעם סאָרט סאָציאַליזם.

אַ געוויסע צייט האָט דער „עם עולם״ „ארויסגעגעבען אַ צייטונג״ (אַ געשריבענע). אַ טייל איז געווען אויף רוסיש און אַ טייל אויף אידיש; איז באַרסקי געווען דער רעדאַקטאָר פון דער אידישער אפּטיילונג. ער האָט אויך געשריבען פּיעסען.

ביי מיר איז אַ לאַנגע צייט געלעגען זיין קאַרד — זיין ביזנעס קאַרד אַי אַלס שניידער, וואָס פּרעסט און פיקסט קליידער גוט און ביליג, אַי אַלס אַ שוישפּילער, וואָס קאָן גוט אונטערהאַלטען מיט פאָרלעזונגען, דעקלאַמאַציעס און סצענקעס.

ווי ער שפּילט האָב איך קיינמאָל ניט געזעהן. אויב זיינע אַ פּיעסע איז ווען עס איז אויפגעפיהרט געוואָרען, ווייס איך ניט. מען האָט מייסטענס געשפּילט גאָלדפאַדען׳ס זאַכען.

פּרויען האָבען דיזע קאָמפּאַניעס אויסגעפעלט; פלעגען די פרויען־ראָלען אָפט געשפּילט ווערען פון יונגע לייט.

דער הויפּט „סטאַר״ איז געווען באָריס טהאָמאַשעווסקי, וועלכער איז דאַן געווען נאָך אַ גאַנץ יונגער בחור׳ל, און ער פלעגט שפּילען מיידעלשע ראָלען מעהר ווי מענערשע.

אין דעם ווינטער פון 1882 בין איך אַ קורצע צייט געווען אַ באָרדער ביי טהאָמאַשעווסקי׳ס מוטער (אויף מאָטט סטריט, לעבען באַיאַרד, ניט ווייט פון דער באַוערי). און איך געדענק איהם גאַנץ גוט אַלס אַ שעהנעם באָי פון 16 יאָהר און אַלס

א קאפריזנעם „סטאר“. אין שטוב פלעג איך אויך זעהן אנדערע מיטגלידער פון זיין טרופע: גאלובאק, א באי מיט׳ן נאמען באיארסקי, און אנדערע. אין טעאטער אבער (אויף דער באוערי האט ער זיך געפונען) האב איך זיי ניט געזעהן.

זינט ספאקאיני האט אין נעוועל פאר מיר איבערגעזונגען די לידער פון גאלדפאדען׳ס פיעסען, האט זיך מיין אינטערעס אין אידישען טעאטער פארגרעסערט. און דאך — צו זעהן ווי דיזע יונגע לייט שפילען האט מיך ניט געצויגען. פארוואס, געדענק איך ניט גענוי. טיילוויז, ווארשיינליך, צוליב דער פאראכטונג, וואס די רוסיש־אידישע אינטעליגענץ האט דאן געהאט צו דער אידישער ביהנע אין אלגעמיין; טיילוויז ווייל אונזערע ערשטע שוישפילער אין אמעריקא זיינען מייסטענס געווען „ליבהאבער“, ניט קיין ארטיסטען פון דערהיים, און טיילוויז ווייל מיין פרייע צייט איז געווען פארנומען מיט זאכען, וועלכע האבען מיך אינטערעסירט א סך מעהר — מיט סאציאליסטישע און אנארכיסטישע מיטינגען, מיט דעבאטען וועגען קאלאניעס, וועגען פאזיטיוויזם א. א. וו.

די ערשטע טרופע פראפעסיאנעלע אידישע אקטיארען איז אין ניו יארק אנגעקומען פון רוסלאנד און רומעניען אין דעם זומער פון 1884, און זייער ערשטע פארשטעלונג אין אמעריקא איז געווען די ערשטע אידישע טעאטער פארשטעלונג, וואס איך האב ווען עס איז ביינעוואוינט.

מיט א וואך פאר דער פארשטעלונג — כמעט אקארשט ווי זיי זיינען אראפ פון שיף — האבען זיי אנטייל גענומען אין א קאנצערט־פראגראם אויף א פארזאמלונג אין טוירן האל, אויף פערטער סטריט, צווישען צווייטער און דריטער עוועניו. איך האב געהאלטען א רעדע וועגען די קומענדע פרעזידענט וואהלען, און זייערע וויכטיגסטע שוישפילער — משה זילבערמאן, חיימאוויטש, סארפ און מיסעס חיימאוויטש — האבען דעקלאמירט.

די מענער האבען געטראגען הויזען, וועלכע זיינען געווען אויבען שמאל און אונטען משונה׳דיג ברייט, ווי א גלאק, ווי די מאדע איז דאן געווען אין רוסלאנד, אבער ניט אין אמעריקא;

און מיט דעם האָבען זיי געצווינגען אויפמערקזאַמקייט אַלס „גרינע“ (צווישען די מאָדעם פון רוסלאַנד און אַמעריקא איז דאַן איבער־הויפּט געווען אַ פּיל גרעסערער אונטערשיד ווי היינט).

זייער ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג האָבען זיי געגעבען מאַסע אין רעמזעלבען טוירן־האָל. זיי האָבען געשפּילט גאָלדפאַדען'ס „די כישוף־מאַכערין“. דער הויפּט העלד איז געווען זילבערמאַן, אַ שעהנער יונגערמאַן, מיט אַ שעהנער טענאָר שטימע. דער צווייטער העלד איז געווען קאַרפּ, אַ הויכער יונג, מיט אַ געזונטער באַריטאָן שטימע און מיט אַן אויסשפּראַך פול מיט דייטשע פּרעטענזיעס. די ראָלע פון דער העלדין האָט געהאַט די אויבען־דערמאָנטע מאַדאַם חיימאָוויטש, וועלכע איז שפּעטער געווען די פרוי פון דזשייקאָב פּ. אַדלער—די באַריהמטע סאַראַה אַדלער. חיימאָוויטש איז געווען דער קאָמיקער פון דער קאָמפּאַני.

אויף דער סטיידזש איז קוים געווען פּלאַץ פאַר עטליכע מענשען, און אַלץ איז געווען צוגעריבט זעהר אָרים. אויף אַן ענליכען אָרימען אופן איז געווען דאָס שפּילען. אין פאַרגלייך מיט אונזער איצטיגען אידישען טעאַטער איז אַלץ געווען זעהר נעבעכדיג. פון מאַדאַם אַדלער, וועלכע איז דאַן געווען זעהר יונג און שעהן, האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט אַן אמת טאַלאַנטפולע און גלענצענדע אַרטיסטין; אין יענע צייטען אָבער האָט זיך איהר טאַלאַנט קוים אַרויסגעזעהען. ווארשיינליך איז דאָס געווען דערפאַר וואָס די ביליגע שונד־ראָלען פון יענע צייטען זיינען ניט געווען פאַר איהר.

די ערשטע ענגלישע פּיעסע, וואָס איך האָב געזעהן, איז געווען אַ סענטימענטאַלע מעלאָדראַמע מיט'ן נאָמען „סילווער קינג“. אַביסעל שפּעטער האָב איך געזעהן דעם באַריהמטען עדווין בוטה אין „האַמלעט“. ער האָט זיך גערעכענט פאַר דעם בעסטען האַמלעט אין דער וועלט. זיין ברודער, ווילקעס בוטה, האָט ערמאָרדעט אייבערהעם לינקאָלן'ען, דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען, און איך געדענק ווי איך פלעג זיך טראַכטען: אין רוסלאַנד וואָלט דער ברודער פון אַזא

מענשען זיך ניט געטארט ווייזען פאר דער וועלט, און דא איז ער דער קעניג פון דער ביהנע*).

זיין שפילען גערענק איך נים. איך גערענק נאר זיין מערקווירדיג אינטערעסאנטען געזיכט און זיין האמלעט־קאסטיום.

אין יענע יאהרען איז איבער דער גאנצער וועלט באריהמט געווען אן איטאליענישער שוישפילער מיט'ן נאמען טאמאסא סאלוויני, וועלכער איז געווען אנערקענט אלס דער בעסטער אטהעלא. איך האב איהם געזעהן אין דיזער ראלע (ער האט געשפילט אויף איטאליעניש און די אנדערע אקטיארען אויף ענגליש). איך גערענק ווי דער טעאטער האט געדונערט פון זיינע אייפערזוכט־געשרייען. איך האב איהם באוואונדערט, ווייל איך האב געוואוסט, אז דאס הייסט שפילען וואונדערבאר, אבער אין הארצען האב איך זיך געקלערט: מיט וואס איז דאס אייגענטליך וואונדערבאר?

אין דעם ווינטער פון 1884—1885 האט די רוסישע קאלאניע אין טוירן האל געשטעלט גאגאל'ס באריהמטע רוסישע קאמעדיע: „דער רעוויזאר“, אלס א ליבהאבער־פארשטעלונג. אלעניקאוו האט געשפילט די הויפט ראלע.

אין דעם ווילנער שטאדט־טעאטער האב איך געזעהן ביי צעהן טעאטער־פארשטעלונגען. דארטען פלעג איך אין טעאטער געהן מיט א פיבערהאפטען אינטערעס. אבער אין הארצען האב איך אפט געפיהלט אן אונצופרידענהייט פון דעם שפילען. בלויז א פאר פון די ווילנער שוישפילער זיינען מיר געפעלען געווען. זיי האבען גערעדט אויף א נאטירליכען שטייגער. די אנדערע אבער האבען די ווערטער דעקלאמירט, געזונגען. ווי איך האב שוין דערצעהלט אין ערשטען באנד, האב איך דאס קיינמאל ניט געקענט פארטראגען. „מענשען ריידען דאך ניט אזוי“, פלעג איך אימער טענה'ן. זייענדיג אין ניו יארק,

---

*) שפעטער האט זיך געכומען תערען פון רוסלאנד, אז ווערא פיג־נער'ס ברודער איז דער וויכטיגסטער טענאר אויף דער פעטערסבורגער אפערא־ביהנע, און אז ער זינגט זאגאר אפט ביים קיסר.

און שמועסענדיג מיט אינטעליגענטע אימיגראַנטען, וואָס האָבען געזעהן דעם רוסישען טעאַטער אין גרעסערע רוסישע שטערט, האָב איך זיך ערקונדיגט, אַז די בעסערע רוסישע ביהנע פאָדערט טאַקע נאַטירליכקייט, און ניט דעקלאַמאַציע.

די אַמעריקאַנער ביהנע איז מיר ניט געפעלען געוואָרען. אַזוי ריידען דען מענשען? — פלעג איך זיך פרעגען. די ערשטע צייט פלעג איך אָבער די שולד אַרויפוואַרפען אויף זיך אַליין: אפשר פאַרשטעה איך ניט. אפשר דאַרף מען אויף ענגליש אַזוי שפּילען.

12.

פּאַטטי.

אין יענע יאָהרען איז אין ניו יאָרק געווען אַן אָפּטער גאַסט די באַריהמטע זינגערין אַדעלינאַ פּאַטטי, די וואונדערליכסטע סאָפּראַנאָ פון דעם גאַנצען נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט. זינגט זי איז אַראָפּ פון דעם אָפּעראַ ביהנע, זיינען געווען אַנדערע זינגערינס, מיט וועלכע עס האָט גע'רעש'ט די וועלט. אין דער געשיכטע פון דער אָפּעראַ איז אָבער קיין צווייטער בייַשפּיל פון אַזאַ וועלט־ערפאָלג ווי פּאַטטי'ס ניטאָ. קאַרוסאָ איז פילייכט געווען דער מערקווירדיגסטער זינגער פון עטליכע דורות, אָבער איבער דער גאַנצער וועלט האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ שטורעמדיגען נאָמען ווי פּאַטטי האָט געהאַט אין פאַרלויף פון דרייסיג יאָהר.

איך האָב פּאַטטי'ן צום ערשטען מאָל געהערט ביים ענד פון יאָהר 1883. די גרויסע אָפּעראַ הויז פון ניו יאָרק איז דאַן געווען די „אַקאַדעמי אָוו מיוזיק", אויף אוירווינג פּליים און 14טע סטריט. דעם יונגען דור אָדער די ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטען קען דאָס קלינגען קאָמיש. די „אַקאַדעמי אָוו מיוזיק" איז אין די לעצטע יאָהרען געווען אַ מואַווינג־פּיקטשור פּלאַץ. און ווען דיזע שורות ווערען צוגעפּערטיגט צום דרוק, קלייבט מען זיך די געביידע איינצאַנצען אַרונטערצורייסען. די 14טע סטריט, קאָרנער אוירווינג פּליים, רעכענט זיך שוין

לאנג פאר דאון־טאון, איסט־סייד — א טייל פון דעם אידישען געגענד. מיט פערציג יאהר צוריק אבער איז דאס געווען דער צענטער פון ניו יארק, און די „אקאדעמי אוו מיוזיק" איז געווען די שטאלצע אפערא־הויז פון דער גרויסער אמעריקאנער שטאדט. אין אוועגט פלעגען ארום דעם קארנער זיך ציהען לאנגע ליינס פון קערידזשעס. דא פלעגט מען זעהן די רייכסטע פאמיליען פון שטאדט. א יאהר צעהן, פופצעהן שפעטער האט די 14טע סטריט באקומען א מיאוסען נאמען. גראד אין יענעם געגענד, וואו עס שטעהט די „אקאדעמי אוו מיוזיק" איז געווען דער צענטער פון א פרויען־מארק. אין דער צייט אבער ווען איך בין אראפגעקומען קיין אמעריקא איז די סטריט געווען אן אנשטענדיגע.

דאס איז אייגענטליך געווען דער צענטער פון דער אמע־ריקאנער טעאטער וועלט, ווארים לעבען דער „אקאדעמי אוו מיוזיק" האבען זיך געפונען צוויי־דריי אנדערע טעאטערס, און א פאר בלאק ווייטער זיינען געשטאנען די וויכטיגסטע דראמע־טעאטערס. טעאטערס האט ניו יארק דאן פארמאגט קוים א צענט־חלק פון היינט (ווענען מואווים ריידען מיר נאטירליך ניט). ערשטענס איז די שטאדט געווען א סך קלענער, און צווייטענס איז דער טעאטער־לעבען געווען א סך וויינינער ענטוויקעלט. עס האבען זיך נאך דאן געפונען פילע אמעריקאנער פאמיליעס, וואס האבען דאס געהן אין טעאטער געהאלטען פאר אן עבירה.

צום ערשטען מאל האב איך פאטטי'ן געהערט אין דער אפערא „הוגענאטען". זי האט געשפילט די וויכטיגסטע ראלע, און די צווייטע וויכטיגע ראלע האט געשפילט א זינגערין מיט'ן נאמען עטעלקא גערסטער, א יונגע אידישע פרוי פון אונגארן. פריילין גערסטער האט אויך געהאט א וואונדערבארע שטימע, מיט ניט־וויינינער צויבער ווי פאטטי'ס; נאר פאטטי'ס שטימע האט א חוץ דעם זעלטענעם פראכט פון איהר קלאנג געהאט אנדערע מעלות אויך.

איינער פון די קריטיקער האט דאן געשריבען, אז א פארשטעלונג, אין וועלכער עס זאלען זינגען אזעלכע צוויי וואונדערס מיט אמאל, האט קיינמאל פריהער ניט געטראפען.

אָבער פריילין גערסטער איז לאַנג אויף דער ביהנע ניט פארבליבען. אין אַ גאַנץ קורצער צייט ארום האָט זי, דורך קראנקהייט, איהר גאָלדענע שטימע פארלאָרען. פּאַטטי אָבער האָט אויף דער ביהנע געזונגען נאָך אַ יאהר צוואנציג.

אין 1883, ווען איך האָב איהר געהערט צום ערשטען מאָל, איז זי געווען אין איהר רעכטען גלאַנץ. פונקט פערציג יאָהר איז זי דאַן אַלט געווען, און איהר סאָפּראַנאָ־שטימע האָט געהאַט איהר בעסטע און שענסטע קראפט, איהר רייכסטע זאפטיקייט און בויגיקייט.

עס איז אינטערעסאַנט צו באמערקען, אַז צום ערשטען מאָל ארויסגעטראָטען פאר אַ פּובליקום איז זי טאַקע אין דעם זעלבען ניו יאָרק — ווען זי איז געווען אַ קינד פון זיבען יאָהר.

די דערמאָנטע פאָרשטעלונג איז געווען מיין ערשטע ערפארונג אַלס אָפּערא באַזוכער. אין דעם ווילנער טעאטער האָב איך געזעהן עטליכע אָפּערעטעס, אָבער קיין אָפּעראס ניט. וועגען פּאַטטי'ן האָב איך נאַטירליך געהערט אין רוסלאַנד. ווארום זי האָט אַ פּאָר מאָל באַזוכט פּעטערסבורג, און יעדעס מאָל האָט מיט איהר געקאָכט ניט נאר דאָרטען, נאָר אויך איבער'ן גאַנצען לאַנד. דעם ערשטען מאָל האָב איך וועגען איהר געהערט ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָהר צעהן.

נאָך די „הוגענאָטען" האָב איך איהר געהערט אין „טראוויאטא".

איך געדענק איהר שטימע און איהרע פויגעל־טרעלען, קאָלאָראַטורען, ווייכע ווי זייד, לייכט ווי פּוך, און צו דער זעלבער צייט הילכיג, מיט אַ גאָלדענעם קלאַנג, און ליכטיג ווי דער בליץ פון פּערל. ווען איך שרייב דיזע שורות, זעה איך איהר ווי פאר די אויגען, אַ ליבליכע, אַ צערטליך־שעהנע.

אמבעסטען געדענק איך איהר ווי זי זינגט אין „טראוויאטא", און עד־היום, ווען מען זינגט אָדער מען שפּילט פאר מיר די טרויעריגע ליד פון דער אונגליקליכער קאמעליען־דאמע, בשעת זי ליגט אַ קראנקע אין בעט און טראכט וועגען דעם געליבטען, וואָס זי האָט פארלאָרען, דערמאָן איך זיך אָן פּאַטטי'ן אין דיזער סצענע.

.13

אידישע אווענדען. — א העברעאישע סטארקע. — רוסישע גרופען. — רוסיש.

געזעלשאפטליכע באקאנטשאפטען האב איך געהאט דריי־ערליי: מיט מענשען, וואס האבען צווישען זיך גערעדט רוסיש, מיט מענשען וואס האבען צווישען זיך גערעדט אידיש, און האבען קיין רוסיש ניט געקענט, און מיט אזעלכע וואס האבען גערעדט ענגליש, ווי די גראססעס, עדווארד קינג, זיינע צוויי פריינד און א פאר אנדערע ענגליש־ריידענדע קריסטען.

א פאר פון מיינע שילער, די וואס האבען אין דערהיים געלערנט גמרא און העברעאיש, פלעגען ארויפקומען צו מיר און מיר פלעגען שמועסען. דורך זיי בין איך באקאנט געווארען מיט א פאר אנדערע אידיש־ריידענדע פאמיליען. אזוי האט זיך צוזאמענגעשטעלט א „סרוזשאק“ ביי אונז.

מיט איינער פון דיזע פאמיליען בין איך געווארען ספעציעל נאהענט. דער פאטער פון דער משפחה, א קאוונער איד מיט'ן פאמיליע־נאמען אלטער, א חיימישער משכיל, איז געווען א זעהר סימפאטישער מענש. ער איז געווען פיל עלטער פאר מיר. איך פלעג מיט איהם ליב האבען ארומצוגעהן און האב אפט פארבראכט אין זיין הויז. כמעט אלע זיינע לאנדסלייט, פריינד פון דערהיים, זיינען געווארען רייך, און ער איז געבליבען א פראסטער ארבייטער, א קאטטער. און אזוי ווי א פאמיליע האט ער געהאט א גרויסע, איז ער געווען א גרויסער ארימאן. איינער פון זיינע בעסטע חברים, וועלכער האט פריהער מיט איהם געארבייט צוזאמען, איז איצט געווען א רייכער פאבריקאנט; און ביי איהם האט דאס אלטער געארבייט. וועגען זיין ארימקייט פלעגט ער ריידען מיט א סימפאטישען שמייכעלע.

ער האט פארשטאנען די וועלט, פארשטאנען מענשען, און אלין האט ער באטראכט מיט דעמזעלבען סלוגען, גוטמוטיגען שמייכעל, אהן א טראפען גאל. אפט פלעגט ער זאגען א וויץ, דערציילען אן אנעקדאט; אדער סתם מאכען א אינטערעסאנטע

באמערקונג וועגן לעבען. אונזערע שמועסען זיינען מיר געווען זעהר אינטערעסאַנט. וואס אנבאטרעפט מיין סאָציאַליזם, איז דער געדאַנק איהם שטאַרק געפעלען געווען. ער האָט אָבער ניט געגלויבט אז ער קאָן מקוים ווערען.

זיין פרוי און קינדער זיינען געווען פונקט אַזעלכע שטילע און גוטע ווי ער. זייער וואוינונג איז געווען אויף דיוויזשאָן סטריט, קאָרנער אָרטשאַרד.

אויף אָרטשאַרד סטריט, לעבען דעם זעלבען קאָרנער, האָט זיך דאַן געפונען אַ קליינינקע סטאָרקעלע פון סיגאַרען, סיגאַרעטען, צוזאַמען מיט אַ ביבליאָטעק פון העברעאישע ביכער, וועלכע דער סטאָרקיפּער האָט געגעבען אויף צום לעזען. דער בעל־הבית פון דער סטאָרקע איז געווען אַ העברעער פון דערהיים, אַ מאַן מיט זילבערנע האָר, מיט אַ שעהנעם פּנים. זיין נאָמען איז געווען בינון. ער האָט דאָרטען געוואוינט מיט זיין פרוי, וועלכע איז געווען אַ סך אינגער פון איהם, און מיט זייערע דריי קליינע קינדער. די סטאָרקע, מיט אַ ברעקעלע בעד־רום דערביי, איז געווען זייער וואוינונג, אַזוי גוט ווי זייער געשעפט.

אחין פלעגען זיך צוזאַמענקלייבען אידען, וואָס האָבען געקענט העברעאיש. זיי פלעגען ריידען וועגען העברעאישע שרייבער אָדער סתם שמועסען. בינון פלעגט פאַר זיי דעקלאַמירען אָדער זינגען העברעאישע לידער. אַלטער פלעגט אחין אריינקומען און דורך איהם — איך אויך.

אויף העברעאיש בין איך געווען אַ קנאַפּער קענער. דאָך האָט דער ליטעראַרישער אינטערעס פון בינון׳ען מיט זיינע קאָסטאַמער און דער גייסט, וואָס האָט עקזיסטירט אין דיזער פּיצעלע סטאָרקע, מיך געצויגען צו זיך. און אפשר האָט מיך געצויגען די אויפמערקזאַמקייט, וואָס איך האָב ביי זיי באַקומען. איך בין דאָרטען געווען דער איינציגער „געשטודירטער"; און די משכילים האָבען זיך צו מיר פאַרהאַלטען מיט באַזונדערער אכטונג. איך פלעג מיט זיי ריידען וועגען סאָציאַליזם, וועגען דעם רוסישען רעוואָלוציאָנערען קאַמף, וועגען דער רוסישער ליטעראַטור, וועגען דעם אַמעריקאַנער לעבען, ווי איך האָב

אויף איהם געקוקט דורך מיינע סאָציאַליסטישע ברילען. דאָס אַלץ איז פאר יענער גרופע געווען א נייעס און מען פלעגט מיך אויסהערען מיט גרויס נייגעריגקייט.

אָפט פלעגט מען זיך צוזאַמענקומען אין אַלטער׳ס הויז און פאַרברענגען די צייט טיילווייז אין ערנסטע געשפּרעכען און טיילווייז אין שפּאַס־מאַכעריי און געזאַנג. איך פלעג זיין איינער פון די לוסטיגסטע אין אַלע אונטערהאַלטונגען אַזעלכע.

א צווייטער פּרעהליכער יונג פון דיזען „קרוזשאָק" איז געווען א שניידער־באָס, א קאָנטראַקטאָר פון רעק. ער איז געווען אן אונוויסענדער מענש. אָבער זיין באַקאַנטשאַפט מיט דיזער גרופּיז האָט אין איהם ערוועקט א שטאַרקען [illegible] צו לערנען זיך. ער האָט מיך געדונגען אַלס לעהרער און איך פלעג איהם געבען זיינע לעסאָנס ביי איהם אין שאָפּ. אין דעם נעקסטען צימער האָבען געקלאַפּט די מאַשינען און די פּרעס־אייזענס, און איך פלעג מיט איהם זיצען, צוהערען ווי ער לעזט, פאַרריכטען זיינע גרייזען, ערקלערען איהם דעם פּשט פון די ווערטער, אָדער ווייזען איהם ווי צו שרייבען. ער האָט זיך געלערנט מיט חשק, אָבער זיין קאָפּ איז געווען פאַרטאָן אין דעם שאָפּ און ער פלעגט זיך איילען וואָס שנעלער אָפּצו׳פּטר׳ען דעם לעסאָן. עטליכע מאָל האָב איך זיך געוואָלט ענטזאָגען צו געבען איהם די לעסאָנס אין זיין שאָפּ; אָבער יעדעס מאָל פלעגט ער מיר אַזוי בעטען, אַז איך פלעג איהם מוזען נאָכגעבען.

אָפט פלעגט ער אונז אַלעמען איינלאַדען צו זיך אויף אַן אָווענט, און דאַן פלעגט זיין ספּעציעל פּרעהליך. און דער סאַפּער איז אויך געווען א גוטער. זיין וואוינונג איז טאַקע געווען אין דעם שאָפּ גופא. די אונטערהאַלטונג פלעגט אָבער נאַטירליך פאָרקומען ווען מען האָט ניט געאַרבייט. עס איז געווען ענג; די לופט איז געווען פול מיט דעם ריח פון „באַנדעלס" טוך און פאַרטיגע רעק; אָבער דעם בעל־הבית׳ס האַרציגע גאַסט־פריינדליכקייט און לוסטיגקייט האָט אַלץ פאַרדעקט.

צווישען די אינטעליגענטע רוסישע אידען, צו וועמען איך

פלעג אריינקומען, זיינען געווען די אַלעיניקאָווס, ביי וועמען עס איז דאָן געווען דער מיטעל־פונקט פון דער אינטעליגענטער רוסישע קאָלאָניע, און עטליכע אַנדערע פאַמיליען. אין דיזע פּלעצער פלעג איך פאַרברייננגען די צייט מיט מענשען פון אַ גאַנץ אַנדער קלאַס ווי די משכילים. דאָרטען האָבען מיר גערעדט דורכאויס רוסיש, און די לידער וואָס מען האָט געזונגען זיינען געווען דורכאויס רוסישע, אָדער מאַלאָרוסישע, וואָרים דיזע אימיגראַנטען זיינען געווען פון זיד־רוסלאַנד.

מיט דיזע רוסיש־ריידענדע באַקענטע מיינע פלעג איך אין די זומערדיגע זונטאָגען אויספאָהרען אין פראָספּעקט פּאַרק אָדער אויף האַי־ברידזש. אַמאָל פלעגען מיר פאַרברייננגען אַ וואָכענט אויף דעם גרענד סטריט דאָק, ביים ברעג טייך, לעבען דער דאַמאָלסדיגער גרענד סטריט פעררי. מיר פלעגען אַלע זינגען רוסישע לידער, אָדער איך פלעג זיך צוהערען ווי מיינע פריינד פון קיעוו, אָדעס, קרעמענטשוג און אַנדערע שטעדט פון דרום־רוסלאַנד זינגען זייערע מאַלאָרוסישע נגונים. די מאַלאָ־רוסישע מוזיק איז פול מיט אומעט, און מיט בענקעניש; פלעגען דיזע מעלאָדיען אין מיר פון דאָס ניי אויפוועקען דעם חיים־ווענה, וואָס פלעגט נאָגען מיין האַרץ די ערשטע מאָנאַטען נאָך מיין קומען קיין אַמעריקא.

מיט דיזען סאָרט אימיגראַנטען, די רוסיש־ריידענדע, האָב איך געוואוינט צוזאַמען, געפיהרט רוסישע מיטינגען צוזאַמען, און צוזאַמען פאַרבראַכט די צייט נאָך אַ מיטינג. אפילו אין דער גרופּע וואָס האָט אָנגעפיהרט אידישע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמ־לונגען, פלעגען מיר צווישען זיך אויך אימער ריידען רוסיש.

אין זייער געזעלשאַפט האָב איך זיך געפיהלט גאַנץ אַנדערש ווי צווישען מיינע אידיש־ריידענדע פריינד. די לעצטע עטליכע יאָהר וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין רוסלאַנד, האָב איך אידיש גערעדט ווייניג. רוסיש איז געווען די שפּראַך פון מיין אינטעליגענטען „איך”. איך האָב געדענקט אויף רוסיש.

איך האָב אָבער אידיש אימער גערעדט ווי אַלע אידען, און די שפּראַך — „ווי די מאַמע רעדט” — האָב איך אימער ליב געהאַט, און אָפט געקעמפט פאַר איהר. אייניגע פון מיינע

מאלאָרוסישע פריינד פלעגען זיך פארהאלטען מיט פאראכטונג צו איהר; פלעג איך מיט זיי היים דעבאטירען, ווייזען זיי ווי זאפטיג און קרעפטיג אונזער מאמע־לשון איז און ווי אזוי מען קען אויף איהר אויסדריקען די שעהנסטע און דעליקאטסטע געדאנקען.

צווישען מיינע רוסיש־ריידענדע פריינד האָב איך זיך געפיהלט היימישער; די אידישע שפראך האָט מיר אָבער שטארק געצויגען צו זיך — א סך שטארקער ווי אין רוסלאנד. ווען איך פלעג באגעגענען א לאנדסמאן, וואָס איך האָב געקענט אינדערהיים, פלעג איך זיך צו־כאפּען צו איהם און האָבען שטארק הנאה פון דעם אידיש, וואָס איך האָב מיט איהם גערעדט.

אזעלכע לאנדסלייט האָב איך די ערשטע פּאָר יאָהר באגעגענט עטליכע. צווישען זיי זיינען געווען: דער שניצער, ביי וועמען מ׳האָט מיר געוואָלט לערנען א מלאכה, דער שניידער, וועלכער האָט גענייהט די קליידער פאַר אונז אינסטיטוטשיקעס, און וואָלפע אָגוז, דער פאָדברעזער סבאָרשטשיק.

זיבעטער קאפיטעל.

ערשטע לעסאָנס אין אמעריקאנער פּאָליטישען לעבען.

1.

גראָווער קליוולענד. — דער בלעין־קליוולענד קעמפּיין. — עוואַרטס. — בענדזשאמין פ. באַטלער. — א רעדע מיינע.

צום אמעריקאנער לעבען האָב איךָ זיךָ צוגעקוקט מיט גרויס אינטערעס.

די אנארכיסטען, און אפילו סאָציאַליסטען, האָבען גע׳טענה׳ט, אַז דאָ איז ניטאָ מעהר פרייהייט ווי אין רוסלאנד. אָבער דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי, פלעג איך זיך טראַכטען. פאָרט ניטאָ קיין קיסר, ניטאָ אויך קיין זשאנדארען און קיין פּאָליטישע שפּיאָנען! רייד און שרייב וואָס דו ווילסט! עלעקשאָנס אויף פּרעזידענט, עלעקשאָנס אויף גובערנאטאָר, אויף דעפּוטאטען, וואָס מאכען געזעצען! אָבער אַלץ איז אַזוי זאָנדערבאר; און אייניגע זאכען זיינען לעבערליך, ווילד אָדער עקעלהאפט.

פיער־פינף מאָנאטען נאכדעם ווי איך בין אראָפּ פון שיף, איז פאָרגעקומען א שטורמישער וואהל־קאמף. עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען א נייעם גאָווערנאָר פאר דעם סטייט ניו יאָרק, און דער שטרייט איז געווען ניט נאָר צווישען די צוויי גרויסע פּאָליטישע פּארטייען — די רעפּובליקאנישע און די דעמאָ־קראַטישע — נאָר אויך צווישען צוויי פראקציעס פון איינער פון זיי.

אין דיזען אינערליכען קאמף האָט זיך ארייגגעמישט דער דאמאָלסדינגער פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען,

טשעסטער ארטהור, און איבער דעם איז ארויסגעקומען א סאך. ארטהור איז געווען א רעפובליקאנער פאליטישען, און איידער ער איז געווארען פרעזידענט איז ער געווען דער „באס" פון זיין פארטיי אין דעם סטייט ניו יארק. און צוליב איהם איז אין דער רעפובליקאנער פארטיי פון דעם סטייט פארגעקומען א צוזאמענשטויס צווישען די מחנות פון צוויי פאליטישענס, וועלכע האבען געוואלט „לויפען" פאר גאווערנאר. פרעזידענט ארטהור האט געברויכט זיין איינפלוס אין די אינטערעסען פון איינעם פון דיזע צדדים. דער אנדערער צד האט געשריען, אז זייענדיג דער אפיציעלער הויפט פון לאנד, טאר דער פרעזידענט ניט אויסנוצען זיין איינפלוס אין פאליטישע סכסוכים. די רעפובליקאנישע ארגאניזאציע פון דעם סטייט איז דורך דעם אינערליכען פאיט צושפאלטען געווארען. אלס קאנ־דידאט פון די רעפובליקאנער איז נאמינירט געווארען ארטהור'ס א געהארכזאמער אנהענגער, א פאליטישען מיט'ן נאמען פאלדזשער. דער קאנדידאט פון דער דעמאקראטישער פארטיי איז געווען גראווער קליוולענד, פון באפאלא.

ווען עס איז געקומען צו די וואהלען, האט פאלדזשער, דורך דער שפאלטונג פון זיין פארטיי, פארלארען א מאסע שטימען, און דורך דעם איז קליוולענד ערוועהלט געווארען מיט אן אונגעהויערער מאיאריטעט.

דאס אלץ בין איך דערגאנגען, טיילווייז פון דער דייטשער „פאלקס־צייטונג" און דעם ענגלישען „העראלד", און טיילווייז פון קורשעערדט'ן. דורך דיזען פאליטישען צוזאמענשטויס בין איך באקאנט געווארען מיט מעהר איינצעלהייטען פון אמעריקאנער „פאליטיקס" ווי איך וואלט געקענט לערנען פון עטליכע ביכער.

מיט עטליכע מאנאט שפעטער האב איך געלעזען, אז אויף די גרויסע טרעפ פון דער סאב־טרעזשורי (די ניו יארקער אפטיילונג פון דעם וואשינגטאנער פינאנץ מיניסטעריום) וועט קליוולענד און דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען האלטען רעדעס ביי דער אויפדעקונג פון א מאנומענט נאך דזשארדזש וואשינגטאן. ווען עס איז געקומען דער טאג, בין איך געווען איינער פון די ערשטע, וואס האבען זיך פארזאמעלט

אויף יענעם פּלאַץ. איך האָב געזעהן ווי [illegible] קליוולענד, א [illegible], א [illegible], מיט [illegible] אינטעליגענטען פּנים, האָט [illegible] די [illegible] פון דעם ערשטען [illegible] פון די [illegible]. איך האָב זיך [illegible] צו דער רעדע פון [illegible] — אויך א [illegible], ניט [illegible] — און ער דער רעדע פון דעם [illegible] רעדנער, [illegible], אויך ניט [illegible]. [illegible] איז דער [illegible] איבער די גרויסע [illegible], און אויך [illegible] אין א [illegible], וואָס דער [illegible] איז געזעסען ניט ווייט [illegible]. א [illegible] האָט די אייגענע [illegible] זיין [illegible] האָט ער זיך געזעצט ביי א טיש און [illegible] זיין [illegible] אויף [illegible]. [illegible] האָט זיך אויך [illegible] האָט [illegible]. איך האָב זיך [illegible]. ווי [illegible] א [illegible] צו [illegible] אן [illegible] ביי א [illegible] פּרעזידענט?

ניט [illegible] יאָהר שפּעטער, אין דעם ווינטער פון 1884, האָט די [illegible] פּאַרטיי [illegible] קליוולענד'ען אלס קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט. די [illegible], [illegible], האָט אלס איהר קאַנדידאַט [illegible]. [illegible]. דער [illegible] ווי אין [illegible] איינער פון די [illegible] אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון אמעריקא.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א [illegible] און [illegible], [illegible] אין יעדען „[illegible]“, [illegible] מיר [illegible] ווי [illegible] א [illegible]; [illegible] אויך [illegible], [illegible] זיינען [illegible] אויך געווען א [illegible]. די [illegible] זיינען געווען [illegible]. און איך [illegible] איך [illegible] ניט נאָר דעם „[illegible]“, נאָר אויך די „[illegible]“, און [illegible] די „[illegible]“ און די „[illegible]“ [illegible]. איך [illegible] מיט [illegible] און [illegible]. און [illegible] איך זיך אויך ניט [illegible]. איך [illegible]

געגאנגען אויף די פארזאמלונגען פון די צוויי פארטייען, געקוקט אויף זייערע דעמאנסטראציעס און אויף אנדערע קעמפיין סצענעס. איך פלעג קוים דערלעבען צו ענדיגען מיין ארבייט אין סקול, ווי איך פלעג לויפען אויף עפעס א פאליטישען מיטינג אדער מארש.

אום דער לעזער זאל פארשטעהן מיין אינטערעס אין דעם לעבען פון מיין נייער היים, וועל איך איהם באקאנט מאכען מיט די הויפט שטריכען פון דעם דאזיגען קעמפיין, מיט דעם ערשטען פרעזידענט־קאמף, וואס איך האב ביינגעוואוינט.

דזשיימס דזש. בלעין, פון אגאסטא, מעין, איז דאן געווען דער מעכטיגסטער רעפובליקאנישער פאליטישען אין לאנד. ער איז געווען קלוג און געשייט, אנגענעם אין זיינע באציהונגען מיט מענשען, א שעהנער אויפ'ן אויסזעהן, אבער ניט זעהר קיין שעהנער מיט זיין מאראלישען פנים. זיין פאליטישע קאריערע האט אויף זיך געהאט גרויסע פלעקען. ער האט זיך געמאכט א סך שונאים; ער האט זיך אבער אויך ערווארבען א סך הייסע פריינד און אנהענגער.

מיט פיער יאהר צוריק, אין 1880, אויף דער קאנווענשאן פון דער רעפובליקאנער פארטיי, וואו מען האט געדארפט נאמינירען א קאנדידאט אויף פרעזידענט, האט ער געהאט די בעסטע אויסזיכטען צו ווערען דער קאנדידאט. ער האט שיער ניט באקומען די נאמינייש אן, אבער די אפאזיציע געגען איהם איז געווען צו שטארק. די אפאזיציע צו די אנדערע קאנדידאטען איז אויך געווען זעהר שטארק; און קיינער פון זיי האט ניט געקענט קריגען די דריי־פערטעל פון אלע שטימען, וועלכע זיינען נויטיג אום ערוועהלט צו ווערען. מען האט געשטימט און גע־שטימט, און צו קיין סוף איז ניט געקומען.

אין אזא פאל טרעפט אפט, אז מען נאמינירט א דריטען פאליטישען, וועלכער איז פיל שוואכער ווי ביידע הויפט־קאנדידאטען — אזעלכען, וועמען עס חלום'ט זיך גארניט צו ווערען דער קאנדידאט. אזוי ווי ער איז ניט אזא תקיף, איז מען נעגען איהם ניט פארביסען. אלזא, קלייבען איהם אויס ביידע צדדים אלס א פשרה־קאנדידאט. אזא קאנדידאט רופט

מען „דארק האָרס“ — א פערד, וועלכען מען האָט אין די רעיסעס פריהער ניט גענומען ערנסט. אזא „דארק האָרס“ איז אויף דער פּרעזידענשעל קאָנווענשאָן פון 1880 געווען דזשיימס גארפיעלד. ער איז נאָמינירט געוואָרען, און אין עטליכע מאָנאטען ארום איז ער ערוועהלט געווארען פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען. אלס וויים־פּרעזידענט איז צוזאמען מיט איהם ערוועהלט געוואָרען דער אויבען־דערמאָנטער טשעסטער ארטהור. א געוויסע צייט שפּעטער האָט א מאן מיט׳ן נאָמען גיטאָ פּרעזידענט גארפיעלד׳ן דערשאָסען (צוליב א שטעלע, וואָס ער האָט געבעטען און ניט באקומען*). דאן איז ארטהור, לויט דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטושאָן, געוואָרען פּרעזידענט פון די פּאר־אייניגטע שטאאטען.

איצט, אלזאָ, אין 1884, האָט מען באדארפט ערוועהלען א נייעם פּרעזידענט, און די רעפּובליקאנער האָבען ווידער אָפּגעהאל־טען א קאָנווענשאָן. בלעין איז איצט א צווייטען מאָל געווען אויף דעם צעטעל פון די, וואָס האָבען געוואָלט ווערען קאנדידאט. עס איז געווען א פאַרביטערטע, פאַרביסענע קאָנווענשאָן, און ענדליך האָט ער געוואונען. ער איז געוואָרען דער קאנדידאט. עס האָט זיך אָנגעהויבען א שטורמדיגער קעמפּיין. אומעטום האָבען זיך געפונען פילע געגנער זיינע. געוועהנליך איז אזוי: דעם קאנדידאט׳ס פּאָליטישע געגנער, אין זיין אייגענער פּארטיי, שלינגען אראָפּ זייער האָס צו איהם און ארבייטען פאר זיין קאנדידאטור. דאָ איז אָבער ניט געווען אזוי. די פאַרביסענקייט פון בלעין׳ס פיינד איז געווען צו גרויס.

*) עטליכע טעג נאָכדעם ווי איך בין געקומען קיין אַמעריקא האָט מען גיטא׳ן געהאַנגען. און איינע פון די ערשטע סצענעס וואָס האָבען אויף מיר געמאכט א שטאַרקען איינדרוק, איז געווען דער געשריי פון די ניוס־באָיס, וועלכע זיינען אַרומגעלאָפען מיט „עקסטראס“, אויסרופענדיג, אַז גיטאָ איז שוין געהאַנגען געוואָרען. מיין אינטערעס דערביי איז געווען באַזונדערס גרויס צוליב דער אויבען דערמאָנטער ערקלערונג וואָס די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ האָט געמאַכט וועגען דער ערמאָרדונג פון פּרעזידענט גארפיעלד.

די דעמאָקראַטען, פון זייער זייט, האָבען אויף זייער קאָנווענשאַן אויך געהאַט אַ ביטערען קאַמף. עס האָט זיך געהאַנדעלט טאַקע וועגען דעם ניו יאָרקער גאָווערנאָר קליוולענד. מען האָט איהם באַטראַכט אַלס דעם בעסטען דעמאָקראַטישען קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט. אָבער די שטאַרקסטע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון דער שטאָדט ניו יאָרק, טאַמעני האָל, האָט איהם פיינט געהאַט, ווייל אַלס גאָווערנאָר האָט ער ניט געדינט איהרע אינטערעסען ווי זי האָט געוואָלט (דער פאַקט איז, אַז ער איז געווען פיל עהרליכער ווי איהרע פּאָליטישענס). די דעמאָקראַטען פון אַנדערע סטייטס אָבער האָבען מיט איהם קיין פאַרהעלטניסען ניט געהאַט; זיינען זיי אויף איהם ניט געווען בייז.

פּאָליטישענס ווילען האָבען אַזאַ קאַנדידאַט, וועלכער קען ערוועהלט ווערען. דאַן באַקומט זייער פּאַרטיי די מאַכט און זי האָט אַ סך רעגירונגס־שטעלעס, מיט וועלכע זיי קענען זיך צוטיילען. אויך האָבען זיי דאַן גרויסע מעגליכקייטען צו מאַכען אַ מטבע, דירעקט אָדער אינדירעקט. גוטע אויסזיכטען ערוועהלט צו ווערען רעכענט מען פאַר דער וויכטיגסטער פון אַלע מעלות וואָס אַ קאַנדידאַט קען נאָר האָבען.

נו, האָבען די פּאָליטישענס פון אַנדערע שטעדט געגלויבט, אַז גאָווערנאָר קליוולענד האָט די בעסטע אויסזיכטען ערוועהלט צו ווערען אַלס פּרעזידענט. דעריבער האָבען זיי געאַרבייט פאַר איהם. טאַמעני האָל ווידער האָט אויף דער קאָנווענשאַן געאַרבייט אויף אַלע כלים נעגען איהם. די קליוולענדיסטען האָבען געזיגט. ער איז נאָמינירט געוואָרען.

אין וואָס איז באַשטאַנען קליוולענד׳ס מאַכט? הויפּטזעכליך אין דעם אדווערטייזמענט, וואָס ער האָט באַקומען פון דעם פאַקט, אַז ער איז ערוועהלט געוואָרען גאָווערנאָר מיט אַן אונגעהויערער מאַיאָריטעט. דאָס האָט געהייסען, אַז ער איז זעהר פּאָפּולער. און די באַריכטען וועגען זיין לאָקאַלער פּאָפּולערקייט, האָבען זיין נאָמען פאַנאַנדערגעקלונגען איבער׳ן גאַנצען לאַנד. פריהער האָט פון איהם קיינער ניט געהערט.

דער אמת איז, אַז קליוולענד איז עלעקטעד געוואָרען

גאָווערנאָר מיט אַן אונגעהויערער מאַיאָריטעט נאָך דערפאַר, וואָס דאַן איז פאָרגעקומען די רייסעריי אין דעם לאַגער פון דער אַנדערער פּאַרטיי, פון די רעפּובליקאַנער—דער אויבען דערמאָנ־טער אינערליכער קאַמף איבער פּרעזידענט אַרטהור'ן און זיין קאַנ־דידאַט פאָלדזשער. צוליב דיזער שנאה האָבען פילע רעפּובליקאַנער פון דעם נִיו יאָרקער סטייט גאָרניט געשטימט, און פילע פון זיי האָבען זאָגאַר געגעבען זייערע שטימען פאַר קליוולענד'ן.

מיר ריידען דאָ, אַלזאָ, וועגען דער גרויסער צאָהל וואָטס, וואָס ער האָט באַקומען, ווען ער איז שוין געווען אַ קאַנדידאַט. מערקווירדיג איז, אַז אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט אויף גאָווערנאָר האָט מען איהם צוליב דעם וואָס ער האָט פריהער באַקומען אַן אונגעהויערע צאָהל וואָטס (ווען ער איז „געלאָפען" אויף אַ קלענערער שטעלע, נעמליך, אַלס מעיאָר פון דער שטאָדט באַפאַלאָ. בעת ער איז „געלאָפען" פאַר מעיאָר פון באַפאַלאָ, איז צושפּאָלטען געוואָרען די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי פון באַפאַלאָ — אויך צוליב אַ סכסוך. דעריבער איז ער דאָס ערוועהלט געווארען מעיאָר מיט אַ ריזיגער מאַיאָריטעט. שפּעטער, אַלזאָ, ווען עס איז געקומען צו די נאָמינײשאָנס פון קאַנדידאַטען אויף גאָווערנאָר, האָבען אַ סך דעמאָקראַטישע פּאָליטישענס גענומען ריידען וועגען איהם, ווייל ער האָט געמאַכט אַזאַ רושם מיט זיין גרויסער צאָל שטימען).

איהם האָט געגליקט ביי יעדער נאָמינײשאָן. און די פּאָליטישענס האָבען פּשוט געגלויבט אין זיין גליק.

ער איז געווען אַ גאַנץ געוועהנליכער מענש מיט ווייניג בילדונג, זאָגאַר אויך מיט ווייניג געלד. אַלס אינגעל האָט ער געדינט אין אַ גראָסערי סטאָר. דורך זיין פּאָליטישען „מזל" אָבער האָט ער שטענדיג באַקומען אַ ריזיגע צאָל שטימען, און אַזוי איז ער געגאַנגען פון שטאַפּעל צו שטאַפּעל, ביז מען האָט איהם איצט (אין 1884) אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט. און דאַן האָט ווידער געטראָפען דיזעלבע געשיכטע: צוליב די גרויסע צאָל שונאים, וואָס בלעין האָט געהאַט, איז דער רעפּובליקאַנער לאַגער צושפּאָלטען געוואָרען. אַ גרויסע צאָל סיטיזענס, וועלכע האָבען פריהער אימער

געשטימט פאר רעפובליקאנער קאנדידאטען, האבען איצט געמאכט אן „אויפשטאנד" און זיך ארגאניזירט צו העלפען בלעין'ס געגנער, גראווער קליוולענד.

איידער מיר געהען ווייטער, מוזען מיר באמערקען, אז קליוולענד איז געווען א מענש מיט א שטארקען כאראקטער, און דאס האט מסתמא אויך געהאט צו טאן מיט דעם ערפאלג וואס ער האט געהאט. אויך איז ער געווען א ריינערער, גלייכערער מענש ווי בלעין.

דער קעמפיין איז געווען אזא היציגער, אזא פארביטערטער; ער האט זיך אזוי צופלאקערט, אז אין די פארטייען גופא זיינען פארגעקומען שפאלטונגען. צייטונגען זיינען ארויסגעטראטען געגען זייערע אייגענע פארטייען. די „טיימס" און די „איווגינג פאסט", פון ניו יארק, וועלכע זיינען אימער געווען רעפובליקאניש, האבען איצט ניט אויפגעהערט צו אטאקירען דעם רעפובליקאנישען קאנדידאט; די דעמאקראטישע „סאן", ווידער, האט ניט אויפגעהערט צו באפאלען קליוולענד'ן. נאר די רעפובליקאנישע „טריביון" איז געבליבען טריי בלעין'ען, און די דעמאקראטישע „וואירלד" — קליוולענד'ען. די „טיימס" און די „איוונינג פאסט" האבען אגיטירט פאר קליוולענד'ען און די „סאן" — פאר בלעינ'ען. אן עהנליכע איבערקערעניש איז פארגעקומען מיט אייניגע וויכטיגע פאליטישענס איןביידע פארטייען.

די אטאקעס אויף בלעינ'ען זיינען געווען פול מיט גיפט און מיט די שווערסטע באשולדיגונגען. די לאנד האט געקלונגען מיט עטליכע בריף, וואס בלעין האט געשריבען צו א געוויסער אייזענבאהן קאמפאניע, בשעת ער איז געווען דער „ספיקער" (פארזיצענדער) פון דער „האוז אוו רעפרעזענטעטיווס". די קאמפאניע האט געוואלט באקומען גרויסע שטיקער לאנד און דאס רעכט צו בויען ווייטערע ליניעס. האט בלעין איהר געלאזט וויסען, אז אויב זי וועט איהם באצאהלען מיט שעערס, וועט ער דאס קענען „פיקסען". עס זיינען אויך געווען אנדערע באשולדיגונגען געגען איהם. אבער דיזע איז געווען די וויכטיגסטע. די דערמאנטע בריף האט געהאט איינער מיט'ן נאמען

מאַליגנען, וועלכער איז פריהער געווען בלעין'ס פּריוואַט סעקרעטער. מען האָט זיי דעריבער גערופען די „מאַליגנען לעטערס".

אַ גרויסע סענסאציע האָט דאַן געמאַכט אַ ספּאָרט־פּיקטשור, וועלכע איז געווען געדרוקט אין דעם ניו יאָרקער וויץ־בלאַט „פּאַק". ס'איז געווען פּאָרגעשטעלט ווי בלעין פּרופּט איבער־יאָגען זיין אייגענעם שאָטען און קען ניט. אויפ'ן שאָטען איז געווען אויפגעשריבען: „מאַליגנען לעטערס", דער נאָמען פון דער דערמאָנטער אייזענבאהן קאָמפּאַניע און ווערטער וועגען זיינע אַנדערע חטאים. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַנגעשטרענגט־קייט און פאַרצווייפלונג. אונטער דעם בילד איז געשטאַנען: „ער קען ניט ביטען זיין רעקאָרד". מיט דעם וואָרט „רעקאָרד" ווערט דאָ, אַלזאָ, געמאַכט אַ וואָרט־שפּיל: אין ספּאָרט הייסט „רעקאָרד" דער העכסטער פּונקט, צו וועלכען דער ספּאָרטסמאַן גרייכט; אין פּאָליטישען לעבען, ווידער, הייסט „רעקאָרד" די רעפּוטאַציע וואָס דער פּאָליטישען האָט — זיינע גוטע אויפ־טואונגען און חטאים. דער ספּאָרט־פּשט פון בילד איז, אַז בלעין, דער לויפער, דער „ראַננער" קען ניט איבעריאָגען זיין רעקאָרד אַלס „ראַננער"; אין אמת'ן אָבער האָט עס געמיינט, אַז ער קען ניט פאַרגלעטען זיינע אונעהרליכע מעשים. יענעם נומער „פּאַק" האָט מען געכאַפּט ווי מצה־וואַסער.

צו דער רעפּובליקאַנישער קאָנווענשאָן, וועלכע איז פאָרגע־קומען אין שיקאַגאָ, האָבען בלעין'ס שונאים צוגעגרייט אַ האַלבען מיליאָן פּיקטשורס אַזעלכע און זיי דאָרטען צוטיילט. עס זיינען וועגען דעם געפלויגען דעפּעשען איבער גאַנץ אַמעריקאַ.

די רעפּובליקאַנער „מאַשין" האָט קליוולענד'ען באַקעמפּט מיט אַלע כחות. געלד האָט זיך געשאָטען אָהן אַ שיעור.

אַזוי ווי נעגען קליוולענד'ס עהרליכקייט האָט מען ניט געהאַט וואָס אויסצוזעצען, האָבען די רעפּובליקאַנישע פּאָליטי־שענס זיין נאָמען געפּרופּט פאַרפלעקען אויף אַנאַנדער שטייגער. זיי האָבען, צום ביישפּיל, פאַרעפּענטליכט מעשות, אַז ער האָט געהאַט פאַרהעלטניסע מיט אַ געוויסער פרוי, און אַז זי האָט

פון איהם געהאט אַ קינד. די רעפּובליקאנער האָבען מאַרשירט איבער די גאַסען, זינגענדיג אַ לידעלע ווי די בייבי שרייט צו דער מאַמען: „מאַ, מאַ, ווהער איז מאַי פּאַ?" (מאַמע, מאַמע, וואו איז מיין טאַטע?). דעמאָקראַטישע פּאָליטישענס, ווידער, האָבען מאַרשירט מיט לידעלעך וועגען בלעינ'ען.

ווי דער שטייגער איז, זיינען אויף די גאַסען געהאַנגען גרויסע לייללאַכער מיט פּיקטשורס פון די קאַנדידאַטען און מיט אויפשריפטען וועגען די גליקען, וואָס זיי זאָגען צו. אין די פענסטער פון די סטאָרס זיינען געווען אויסגעשטעלט פּאָרטרעטען פון בלעינ'ען, פון קליוולענד'ען און פון די קלענערע קאַנדידאַטען. ווען עס איז געקומען נאָהענט צו די וואַהלען, האָט גענומען קנאַקען מיט פייערווערק; רעדנער האָבען אויף אַלע קאָרנערס זיך געריסען די העלזער, לויבענדיג בלעינ'ען און אַטאַקירענדיג קליוולענד'ען, אָדער פאַרקערט. די גאַנצע שטאָדט איז געווען פאַרטיפט און פאַרהאַוועט אין דעם פאַיט צווישען די „בלעין מענשען" און די „קליוולענד מענשען".

אַ סך פון דעם האָט מיר אויסגעזעהען ביליג, וואולגאַר, צוויי־פּנים'דיג, אָדער משוגע. דאָס ערגסטע איז געווען די פאַלשע טענער, וואָס האָבען געקלונגען פון די רעדעס. עס האָט אַזוי געשמעקט מיט צבועצסטוואָ, אַז עס האָט מיר בוכשטעבליך געעקעלט. איך האָב געוואוסט, אַז די אַמעריקאַנער נעמען די רעדנער ניט ערנסט. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע געשיכטע איז ביי פילע פון זיי ניט מעהר ווי אַ מין ספּאָרט. און דאָס האָט די „פּאָליטיקס" אין מיינע אויגען נאָך עקעלהאַפטער געמאַכט. אָבער דער גאַנצער פּאָליטישער יאַריד איז געווען אַזוי טשיקאַווע און אַזוי פול מיט קאָליר! איך האָב געפיבערט מיט אינטערעס.

אַליץ האָב איך געוואָלט וויסען. איך האָב באַזוכט צעהנדליגער מיטינגען, גרויסע און קליינע; צו איינינגע פון זיי איז געווען שווער צוצוקומען, אָבער איך האָב זיך ניט באַרוהיגט ביז איך האָב באַקומען אַ טיקעט.

דער ערשטער און וויכטיגסטער מיטינג, וואָס איז אָפּגע-

האַלטען געוואָרען אין ניו יאָרק פאר בלעינ׳ען, האָט שטאַטגעפונען אין א טעאַטער אויף דער אכטער עוועניו. דאָס איז געווען „דער ערשטער גרויסער שאָס" אין דעם רעפּובליקאַנישען קעמפּיין, נאכדעם ווי דער רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט איז נאָמינירט געוואָרען. אלס הויפּט רעדנער צו דיזען מיטינג האָבען די רעפּובליקאַנער פּאָליטישענס ספּעציעל אויסגעקליבען א מאַן, וואָס איז געווען באַריהמט מיט זיין פעהיגקייט צו האַלטען לאַנגע וואַזשנע רעדעס און גאָרניט זאָגען. דער עיקר איז געווען צו פאַרגלעטען די באַשולדיגונגען געגען בלעינ׳ען, אַזוי ווי א שדכן פאַרגלעט די חסרונות פון א כלה. ווען די חסרונות זיינען צו גרוים און דער שדכן קען זיי ניט פאַררייידען, פאַררעדט ער דעם חתן׳ס עלטערען גלאַט די צייהן. אָט אַזא מין רעדנער איז געווען א באַריהמטער לאָיער און רעפּובליקאַנער פּאָליטישען מיט׳ן נאָמען עוואַרטס, א הויכער, א דאַרער, מיט אַן אַלטען אַריסטאָ־קראַטישען פּנים, מיט א פּאַרצייטיגען אָנבליק, מיט אַן אַלט־פרענקישען האַלז־טוך אַרום זיין דאַרען האַלז.

ווען די צייטונגען האָבען געמעלדעט, אַז עוואַרטס וועט האַלטען די הויפּט רעדע אויף דער בלעין פאַרזאַמלונג, האָב איך גענומען זאָרגען וועגען א טיקעט. אָבער אויף יעדען טיקעט זיינען געווען צעהנדליגער בעלנים; און מיין מיה איז צוערשט געווען אומזיסט. ענדליך האָב איך זיך געווענדעט צו א קריסטליכען יונגען מאַן מיט׳ן נאָמען קאָללינס, וועלכער האָט געאַרבייט און שטודירט אין קורשעעדט׳ס לאָא אָפיס, און וועמענס פאָטער איז געווען אַן איינפלוסרייכער פּאָליטישען. דער יונגער קאָללינס האָט פאַר מיר געקראָגען א סיט אויף דער פּלאַטפּאָרמע.

איך בין געקומען בשעת אויף דער פּלאַטפּאָרמע איז נאָך קיינער ניט געווען. באַלד האָבען זיך באַוויזען סענאַטאָרען, קאָנגרעסלייט, גובערנאַטאָרס פון א פּאָר אַנדערע סטייטס — אַלץ לייבען פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי. איינער פון זיי איז געווען סענאַטאָר האָאָלי, פון קאָננעקטיקוט, וועלכער איז אויף דער שיקאַגאָ׳ער קאָנווענשאָן אַליין געווען א קאַנדידאַט נאָמינירט צו ווערען אַלס פּרעזידענט, און מיין סיט איז געווען לעבען זיינעם.

דער מיטינג האָט זיך אָנגעפאנגען. דער טשערמאַן האָט געהאַלטען זיין הקדמה־רעדע. יעדעס מאָל וואָס ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען בלעין, האָט אויסגעבראָכען אַ פאַטשעריי און אַ געשריי, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען עטליכע מינוטען צייט. האָאָלי איז געווען איינער פון די רעדנער.

ענדליך האָט דער טשערמאַן פאָרגעשטעלט עוואַרטס'ן. דער באַריהמטער רעדנער האָט זיך געשטעלט און איז צוגעגאַנגען צום ברעג פון דער פלאַטפאָרמע. מיט זיין דאַרער פיגור, גלייך ווי אַ שטעקען, מיט איין האַנט פאַרלייגט אויף הינטען, און אויסריידענדיג די ווערטער מיט גרויס צערעמאָניע, האָט ער אָפּגערעדט אַ שטונדע מיט דריי פערטעל. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט אָנגערופען בלעין'ס נאָמען, האָט געדונערט און געקאָכט. ניט אַלע ווערטער זיינע האָב איך געקענט כאַפּען. אָבער אין סך־הכל האָב איך זיין רעדע פאַרשטאַנען, און איך האָב געזעהן, אַז עס איז אין איהר ניטאָ וואָס צו פאַרשטעהן. ניטאָ קיין איין געדאַנק, קיין איין דייטליכער סטייטמענט.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָב איך אין די פּייפּערס געלעזען די גאַנצע רעדע. עס איז געווען פּונקט ווי מען האָט פאָראויסגעזאָגט: געברויכענדיג די העכסטע ענגלישע ווערטער אין לאַנגע, לאַנגע זאַצען, האָט ער אַרום דעם ענין אַרומגעוועבט אַ געדיכטען שלייער. עס איז אונמעגליך געווען צו דערגעהן אַ טאָלק. זיין גאַנצען רעדנער־טאַלאַנט האָט ער געברויכט אויף אַרויסצודרעהען זיך פון צו זאָגען עפּעס. עס איז אויסגעקומען לויט דעם באַריהמטען ווערטעל: דער צונג איז דעם מענשען געגעבען געוואָרען אויף צו פאַרבאָרגען זיינע געדאַנקען. עוואַרטס האָט, נאַטירליך, שטאַרק געלויבט בלעין'ען; אָבער דאָס האָט ער אויך געטאָן מיט אַ וואָלקען שפּראַך.

זיצענדיג אויף דער גרויסער פאַרזאַמלונג, האָב איך געזעהן, אַז די רעדעס מיט די הוראַ געשרייען, מיט דעם גאַנצען פלאַקער זיינען ניט מעהר ווי אַ מאַשינאַווע צערעמאָניע. געהייסען האָט דאָס אָבער, אַז דאָס פאָלק האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אויסצו־דריקען צופרידענהייט מיט בלעין'ען, באַגייסטערונג פאַר איהם.

קלענערע קעמפּיין־פאַרזאַמלונגען האָב איך באַזוכט אַ סך. איך בין מיט דעם קעמפּיין באַקאַנט געוואָרען מיט אַלע איינ־צעלהייטען. מיין אַמעריקאַנער פריינד גראָסס פלעגט מיר געבען קאָמפּלימענטען דערפאַר. ער אַליין איז געווען אַ „בלעין מען". און ווען איך פלעג ריידען אַי געגען בלעין׳ען, אַי געגען קליוולענד׳ען, פלעגט ער וואַרים פאַרטיידיגען זיין קאַנדידאַט.

אַמאָל, געהענדיג איבער איסט בראָדוויי און דעבאַטירענדיג, האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פענסטער פון אַ סטאָר, וואו עס איז געווען אַרויסגעשטעלט אַ גרויסער פּאָרטרעט פון בלעין׳ען. ער האָט מיר אָנגעוויזען וואָס פאַר אַ פיינע, קלוגע געזיכט ער האָט.

— יאָ, ער האָט אַ אינטעליגענטען פּנים, — האָב איך געענטפערט.

— נאָר אַ אינטעליגענטען? — האָט ער פּראָטעסטירט, — איט איז ען אינטעלעקטשועל פעיס" (אַ געזיכט פון אַ הויך־ענטוויקעלטען דענקענדען מענשען).

איך האָב איהם ניט נאָכגעגעבען. פון זיין באַמערקונג האָב איך זיך אָבער צום ערשטען מאָל דערוואוסט דעם אונ־טערשיד צווישען „אינטעלידזשענט" און „אינטעלעקטשועל".

אין יענעם וואהל־קאַמף איז אויך געווען אַ דריטער קאַנדידאַט, בענדזשאַמין פ. באַטלער, אַ באַקאַנטער גענעראַל פון דער מלחמה צווישען דער נאָרטה און דער סאוטה, און אַ געוועזענער גאָווערנאָר פון מאַססאַטשוזעטס. ער האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ ראַדיקאַל. זיין פּאַרטיי האָט געהייסען „גרינבעק ענד לייבאָר פּאַרטי". באַטלער איז ווירקליך געווען פּראָגרעסיווער ווי די אַנדערע צוויי קאַנדידאַטען, און ער האָט אַטאַקירט ביידע גרויסע פּאַרטייען. אָבער קיין באַדייטונג האָט זיין קעמפּיין ניט געהאַט. ביי סאָציאַליסטען האָט ער אויסגעזעהען ווי אַ וואַסערדיגער ליבעראַל. זיי האָבען ערקלערט, אַז ער ווייס אַליין ניט וואָס ער וויל און זיי האָבען זאָגאַר געצווייפעלט אין זיין פּאָליטישער עהרליכקייט (עס האָט זיך טאַקע אויסגעלאָזען מיט דעם וואָס ער האָט זיין איינפלוס פאַרהאַנדעלט צו די רעפּובליקאַנער פאַר

פּאָליטישע נוצען). צוערשט האָבען אָבער פילע פּאַרטגעשריטענע אמעריקאַנער אַגיטירט פאר איהם.

איך האָב דאן זיך נאָך געהאַלטען פאר אַן אנארכיסט, ניט פאר אַ סאָציאַליסט. אַלזאָ, בין איך געווען געגען פּאָליטיק אין פּרינציפּ. אָבער ארום באָטלער'ן האָבען זיך גרופּירט פּראָגרעסיווע אמעריקאַנער, וואָס האָבען געזוכט צו באַקעמפען די מאכט־האָבענדיגע קלאַסען. דעריבער האָב איך געגלויבט, אַז זיין באוועגונג איז אַ גוטער צייכען פון דער צייט.

אויבען איז דערמאָנט געוואָרען אַ פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט שטאָטגעפונען אין טוירן האָל, אויף פּערטער סטריט, וואו פיער אידישע שוישפּילער האָבען דעקלאַמירט און איך האָב געהאַלטען אַ רעדע וועגען די וואהלען. דאָס איז געווען אין דעם זומער פון דעם בלעין־קליוולענד קעמפּיין. אין דיזער רעדע האָב איך קריטיקירט די צוויי גרויסע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און ערקלערט ווי זיי נוצען אויס די מאכט פון דער רעפּובליק געגען די ארבייטער. איך האָב אויך קריטיקירט באָטלער'ס פּאַרטיי. איך האָב אָבער געזאָגט, אַז ׳דער פאַקט, דאָס אַזאַ פּאַרטיי עקזיסטירט, איז אַ פרייליכער צייכען (די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט קיין קאַנדידאַט ניט געהאַט). „די טעג פון די רעפּובלי־קאַנער און די דעמאָקראַטען זיינען געציילטע" — האָב איך אויסגעשריען.

דער עולם איז דורכאויס באַשטאַנען פון „גרינע". אין האָל איז ניט געווען קיין איינציגער סיטיזען.

.2

עלעקשאָן סצענעס. — טשאַרלי סמיטה. — פּאָליטישע זומפּען. — אַ נאַרישע דרשה.

ענדליך איז געקומען „עלעקשאָן־דעי" — די ערשטע פּרע־זידענט־עלעקשאָן, וואָס איך האָב בייגעוואוינט. איך האָב כמעט דעם גאַנצען טאָג פאַרבראַכט אויפ'ן גאַס, ארומגעהענדיג און קוקענדיג אויף די סצענעס צווישען די פּאָליטישענס און די וואָוטערס.

קיין „סיקרעט באַלאָט“ איז נאָך דאַן ניט געווען. דער נאָמען פון יעדען קאַנדידאַט איז געווען געדרוקט אויף א באַזונדערע שטיקעל פּאַפּיר, און דיזע פּאַפּירלעך האָט דער בירגער באַקומען ניט אינווייניג, ניט פון די בעאַמטע, וואָס זיינען געזעסען ביי די שטים־קאַסטענס, נאָר פון די פּאָליטישענס, וואָס האָבען זיך ארומגעדרעהט אין דרויסען. די שטים־צעטלאך, אָדער באַלאָטס, פלעגען זיין צוגעגרייט פון די פּאַרטייען גופא. יעדע פּאַרטיי האָט געדרוקט באַלאָטס מיט די נעמען פון איהרע קאַנדידאַטען; און די פריינד פון יעדען קאַנדידאַט האָבען זיינע צעטעלעך געטיילט אויף די גאַסען, ארום די שטים־פּלעצער. די פּאָליטישענס זיינען באַפאַלען בירגער אַזוי ווי די „אריינ־שלעפּערס“ פון קלאָדינג סטאָרס באַפאַלען פאַרבייגעהער אויף דער היינטינגער קאַנעל סטריט.

וואוטס האָט מען געקויפט און פאַרקויפט גאַנץ אָפען אין רעכטען מיטען גאַס. מען האָט זיך געדונגען וועגען דעם פּרייז, אַזוי ווי מען דינגט זיך איבער פיש אויף א פּיש־מאַרק. פּאָליטישענס זיינען געשטאַנען אויף די קאָרנערס מיט גרויסע פּעק געלד אויפ'ן האַנט און געהאַנדעלט.

עהנליכע סצענעס האָב איך געזעהן אין די פריהערדיגע צוויי עלעקשאָן־טעג (אין נאָוועמבער 1882 און אין נאָוועמבער 1883), וואָס איך האָב ביי געוואוינט אין ניו יאָרק, אָבער איצט איז דער קאַמף געווען א ברייטערער און א הייסערער. אחוץ דעם: איך האָב איצט דעם פּאָליטישען לעבען פון אַמעריקאַ פאַרשטאַנען פיל גרינדליכער, און האָב פיל מעהר געזעהן.

עס איז מיר געווען פיינליך צו זעהן ווי קאָרופּטע פּאָלי־טישענס לערנען אונזערע אונוויסענדע אידען פאַרקויפען זייערע וואוטס. מיר זיינען געקומען פון א לאַנד, וואו עס זיינען קיין וואהלען ניט געווען. דער שטים־קאַסטען, דאָס הייסט, די סיסטעם פון שטימען און אויסוועהלען בעאַמטע אָדער דעפּוטאַטען, איז ביי רוסישע סאָציאַליסטען געווען א הייליגטום, פאַר וועלכען אונזערע מאַרטירער האָבען געלייגט זייערע לעבענס. און די רוסישע אידען האָבען זאָגאַר ניט געהאַט אַזעלכע „פּראַוועס“,

וואָס רוסישע קריסטען האָבען יאָ געהאַט. דאָ אין אַמעריקא איז יעדער אַ בירגער, און אַ איד איז אַזאַ מענש ווי אַ קריסט. אַלזאָ, האָט די שטים־רעכט ביי אונז געדאַרפט זיין נאָך טייערער ווי ביי די אַמעריקאַנער; צום סוף לערענט מען אונזערע אונווי־סענדע אימיגראַנטען דיזען היילינטום פאַר אַ פּאָהַ דאָלאַר צו פאַרקויפען!

דאָס רוב פון די פּאָליטישענס פון דעם אידישען קוואַרטאַל זיינען דאַן געווען קריסטען. עס זיינען אָבער געווען עטליכע אידען אויך. איינער פון זיי איז געווען אַ סאַלון־קיפּער, אַן אַמעריקאַנער געבאָרענער איד, מיט'ן נאָמען טשאַרלי סמיטה, אַ הויכער, אַ געזונטער, מיט שוואַרצע האָר, מיט גרויסע אויגען. זיין סאַלון איז געווען אויף עסעקס סטריט, לעבען גרענד סטריט. טשאַרלי סמיטה האָט דעם גאַנצען פלאָר פון זיין סאַלון אויס־געפלאַסטערט מיט זילבערנע דאָלארס, וועלכע זיינען געווען איינגעפעסטינט אין טיפע קיילעכדיגע גריבלעך, כדי די קאַסטאָ־מער זאָלען זיי נים קענען ארויס'גנב'ענען. דורך דעם איז ער באַ־קאַנט געוואָרען מיט'ן נאָמען „סילווער דאָלאַר סמיטה"—אַ טיטול, מיט וועלכען ער האָט שטאָלצירט. ער איז געווען אַן אַסעמבלימען פון זיין דיסטריקט. ווען איך בין געקומען, האָט ער געהערט צו דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. שפּעטער אָבער איז ער איבער־געגאַנגען צו דער דעמאָקראַטישער. ער האָט „געענדערט זיינע איבערציינוגען", האָט דאָס געהייסען.

איך האָב אַמאָל בייגעוואוינט די פאָלגענדע סצענע: אויף דער שמאָלינקער געסעלע, וועלכע געהט פון עסעקס סטריט צו לאָדלאָו, לעבען גרענד, איז געשטאַנען אַ פּאָליטישער רעדנער־וואָגען און דער רעדנער איז געווען טשאַרלי. ער האָט גע'דרש'נט וועגען זיין אייגענער קאַנדידאַטור צו דער אַסעמבלי. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגערעדט ביי פינף מינוט, האָט ער אַ ברום געטאָן: „באָיס, איהר ווייסט דאָך, אַז איך האַלט אַ בעסערע רעדע ביי מיר אין סאַלון ווי דאָ אויפ'ן גאַס. קוממ, באָיס!" דער גאַנצער עולם איז אריין מיט איהם אין זיין סאַלון, וועלכער איז געווען פּונקט אַנטקעגען דעם אריינגאַנג צו דער געסעלע, און

ער האָט אלעמען מכבד געווען מיט בראַנפען. דאָס איז געווען זיין „רעדע".

ביי איינעם פון די פּלעצער, וואו מען האָט געשטימט אין דעם עלעקשאָן פון 1884, איז געשטאַנען אַ קראַוד און געקוקט מיט גרויס נייגעריגקייט. איך האָב זיך פּאראינטערעסירט. טשארלי איז געשטאנען דערביי, ארומגערינגעלט מיט עטליכע אנדערע פּאָליטישענס.

— איהר וועט באלד זעהן וואָס דאָ וועט זיין, — האָט מיינער אַ באַקאַנטער מיר געזאָגט אויפ'ן אויער.

באלד איז פון דעם שטים־פּלאַץ ארויסגעקומען אַ יונגער מאַן, וועלכער האָט נאָר וואָס אָפּגעגעבען זיין וואוט. טשארלי האָט איהם אָפּגעשטעלט און דורכגעזוכט זיינע פּאקעטס. פון איין פּאקעט האָט ער ארויסגעשלעפּט אַ שטים־צעטעל, און גלייך האָט ער איהם גענומען שלאָגען. יענער האָט געשריען, געמאַכט גערואלדען, אָבער דער פּאָליסמאַן, וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג און ניט זעהענדיג. טשארלי האָט דעם יונגען מאַן באַצאָהלט פאַר זיין וואָוט, האָט מיין באַקאַנטער מיר ערקלערט, און איהם געגעבען זיין באַלאָט. ער האָט אָבער געהאַט אַ חשד, אַז ער וועט ניט וואוטען פאַר איהם, און ער האָט זיין באַלאָט אָנגעצייכענט. דעריבער האָט ער דאָס איהם איצט באַזוכט. ער האָט ביי איהם געפונען דעם אָנגעצייכענטען באַלאָט.

אַלע האָבען געוואוסט, אַז די פינסטערע נפשות פון שטאָדט זיינען פארבונדען מיט די פּאָליטישענס; עס איז געווען אַן אָפענער סעקרעט, אַז אַלע אונאַנשטענדיגע הייזער צאָהלען דער פּאָליציי מאָנאַטליכע צינזען און אַז די פּאָליציי טיילט זיך מיט די הויפּט־מאַכערס פון דער הערשענדער פּארטיי. עס איז פאַר קיינעם אויך ניט געווען קיין סוד, אַז אייניגע פּאָליטישענס זיינען אליין בעלי־בתים פון אונאַנשטענדיגע הייזער. פילע פון די פּאָליטישענס זיינען געווען דורכגעמישט מיט גנבים און אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער; אַז מען זאָל כאַפּען אַ גנב אָדער אַ רויבער, און ער זאָל ארויס פריי, איז געווען אַ גאַנץ אָפטע פּאַסירונג.

דאָס רוב סאַלון־קיפּערס זיינען געווען פּאָליטישענס. מייסטע אָלדערמען (מיטגלידער פון דעם שטאָדט־ראַט) זיינען געווען שענקער. יעדער שענק איז געווען א פּאָליטישער צענטער. די סאַלון־קיפּערס פלעגען שפּילען די ראָלע פון שטימען־זאַמלער. געוויסע שענקען זיינען געווען צענטרען אַי פון פּאָליטיקס, אי פון פאַרברעכענס.

אין דעמזעלבען יאָהר, 1884, האָבען די ניו יאָרקער אָלדערמען פאַרקויפט די וויכטיגסטע סטריט, בראָדוויי, צו א קאַר־קאָמפּאַני פאַר א האַלב מיליאָן דאָלאַר כאַבאַר, אָבער דערוואוסט האָט מען זיך דערפון אביסעל שפּעטער.

איך פלעג פאַרגלייכען די ניו יאָרקער באָאַרד אָוו אָלדערמען מיט דעם שטאָדט־ראַט פון פּעטערסבורג. אין פּעטערסבורג זיינען צווישען די מיטגלידער פון דער דומא (שטאָדט־ראַט) געווען די געבילדעטסטע און די שענסטע מענשען פון שטאָדט. און דאָ זיינען די אָלדערמען מייסטענס געווען פּראָשטעהער פון קאָרופּטע פּאָליטיקס און פון דער אונטערוועלט.

איך האָב אויף דעם אָנגעוויזען אין עטליכע רעדעס, וועלכע איך האָב אין דער צייט פון דעם בלעין־קליוולענד קאַמפּיין געהאַלטען אויף אידיש און אויף רוסיש. איך פלעג ערקלערען, אַז אונטער היינטיגע אומשטענדען איז די שטימרעכט פאַרבונדען מיט אונסימפּאַטישע ערשיינונגען; אַז די נידעריגסטע מענשען ווערען מעכטיג דורך די וואוטס פון די סיטיזענס, וואָס ליגען אין די שענקען, אָדער וואָס מען קויפט פאַר א פּאָר דאָלאַר אָדער פאַר א דושאַב. איך פלעג מיינע צוהערער דערציילען, אַז דער איידעלער אמעריקאַנער קוקט אויף „פּאָלי־טיקס" ווי אויף א מיאוסער באַשעפטיגונג. אויך פלעג איך אָנווייזען, אַז דער אמעריקאַנער מיליאָנער קויפט די קאָרופּטע פּאָליטישענס און נוצט אויס זייער מאַכט פאַר זיינע צוועקען.

דער קעמפּיין האָט זיך געענדיגט מיט א זיג פאַר קליוולענד'ן. ער האָט געוואונען מיט א קליינער מאַיאָריטעט. אַלץ האָט זיך געווענדעט אָן דעם סטייט ניו יאָרק, און דאָרטען איז בלעין דורכגעפאַלען בלויז מיט עטליכע טויזענט שטימען. ווען דער

וועטער וואָלט אין דעם וואהל־טאָג געווען א שעהנערער, וואָלט ערוועהלט געוואָרען ניט קליוולענד, נאָר בלעין. אין די פּארם דיסטריקטען פון ניו יאָרק סטייט איז די רעפּובליקאנער פּארטיי שטארקער ווי די דעמאָקראטישע; אָבער יענעם טאָג איז געגאנגען א שלאגס־רעגען, דעריבער זיינען פילע רעפּובליקאנישע פארמערס ניט געפאָהרען שטימען.

א טשיקאווע פּאסירונג אין דיזען קעמפּיין איז געווען דאָס פאָלגענדע: מיט א קורצער צייט פאר די וואהלען האָט א וויכטיגער גלח, מיט'ן נאָמען בוירטשארד, געהאלטען א רעדע פאר בלעינ'ען, און דיזע רעדע האָט אנשטאָט בלעינ'ען צו העלפען, איהם געטאָן א גרויסען שאָדען. דער גלח איז געווען פון יענע מגידים, וואָס האָבען מעהר פעהיגקייט אויף פּשט'לאך ווי שכל. ער האָט אויסגע'דרשנ'ט א פּשט'ל וועגען דעם בוכשטאב „אר". ער האָט געזאָגט, אז די מאכט פון דער דעמאָקראטישער פּארטיי איז געבויט אויף דריי „אר"ס (ריש'ן): ראָם, ראָמאניזם און רעבעליאָן, דאָס הייסט, שנאפּס, די קאטוי־לישע קירכע און די סאוטה (וועלכע האָט רעבעלירט און זיך געוואָלט אָפּטיילען פון די פאראייניגטע שטאאטען). מיט זיינע רייד האָט בוירטשארד דערצאָרנט איירישע און אנדערע קאטאָ־ליקען, און מען איז געווען זיכער, אז דאָס האָט בלעינ'ען געקאָסט א מאסע וואוטס. די דריי „אר"ס זיינען געבליבען פארשריבען אין דער געשיכטע פון אמעריקאנער „פּאליטיקס"; און אין מיין זכרון זיינען זיי פארצייכענט צווישען די דענקמאלען פון דער צייט ווען איך האָב מיט התמדה געלערנט מיינע ערשטע לעסאָנס אין דעם בוך פון אמעריקאנער לעבען.

.3

מיינע רוסישע קאָרעספּאָנדענציעס.

יענעם זומער האָב איך אויפגעשריבען א גרויסען ארטיקעל אויף רוסיש וועגען דעם פּאָליטישען קעמפּיין. איך האָב איהם אוועקגעשיקט אין פּעטערסבורג צו דעם „וויעסטניק יעווראָפּי", וועלכער איז דאָן געווען איינער פון די צוויי וויכטיגסטע זשור־

גאַלען אין רוסלאַנד (אין איהם האָט טורגעניעוו די לעצטע יאָהרען געדרוקט אלע זיינע ווערק), און ווען מיינער אַ באַקאַנטער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ער האָט אין דער אסטאָר לייברערי געזעהן מיין ארטיקעל אין דעם „וויעסטניק יעווראָפּי", האָב איך זיך געפיהלט גליקליך. איך בין גלייך אַוועקגעלאָפען אין דער ביבליאָטעק און איבערגעלעזען דעם ארטיקעל; און אויף מאָרגען ווידער געלאָפען איהם לעזען.

דאָס איז ניט געווען מיין ערשטע פּראָבע אויפ'ן פעלד פון רוסישען זשורנאַליזם. דער ערשטען יאָהר, וואָס איך האָב פארבראַכט אין אמעריקא, האָב איך געשריבען א סך קאָרעספּאָנדענצען אין דעם „רוסקי יעוורעי", די רוסישע וואָכענבלאַט פאר אידישע אינטערעסען, וועלכע איז דאַן ארויסגעגעבען געוואָרען אין פּעטערסבורג און וועלכע איז שוין דערמאָנט געוואָרען אין ערשטען באַנד. אַ פּאָר קליינע קאָרעספּאָנדענציעס האָב איך אין דיזער וואָכענבלאַט צוגעשיקט נאָך פון ווילנע און זיי זיינען געדרוקט געוואָרען. אלזאָ, האָב איך באַלד נאָך מיין קומען קיין אמעריקא אָנגעהויבען צו קאָרעספּאָנדירען אַהין.

איך האָב געהאָפט, אַז דאָס וועט פאר מיר זיין אַ קוואַל פון איינקונפט, און די רעדאַקציע האָט מיר ווירקליך געענטפערט מיט אַ בריף, אַז זי בעט מיך שרייבען און אַז זי וועט מיר צאָהלען. איך האָב געשריבען כמעט אלע וואָך, אָבער קיין האָנאָראַר האָב איך ניט באַקומען. קיין גילדערנע געשעפטען האָט די צייטונג ניט געמאַכט, כאָטש זי איז געווען פארשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד. ענדליך האָב איך אויפגעהערט צו שרייבען אַהין.

דאָ ניט לאַנג, גרייטענדיג זיך צו דיזע עראינערונגען, האָב איך אין דער ניו יאָרקער שטאָדט־ביבליאָטעק איבערגעבלעטערט יענע יאָהרגאַנגען „רוסקי יעוורעי". איך האָב געזעהן די קאָרעספּאָנדענציעס וואָס איך האָב געשריבען מיט עטליכע און פערציג יאָהר צוריק, און האָב דורכגעלעזען עטליכע פון זיי. איך בין געווען שטאַרק ענטוישט. זיי זיינען געשריבען קלאָר, אָבער טרוקען. דאָס לעבען צווישען אונזערע אימיגראַנטען אין 1882 און 1883 איז געווען פול מיט קאָליר, מיט אינטע־

רעסאַנטע סיטואַציעס, מיט טיפען, פּאַסירונגען, סצענעס; אָבער דאָס האָב איך ניט אָנגערירט.

האָבען אַזעלכע זאַכען אויף מיר קיין איינדרוק ניט געמאַכט? אַזוי צו זאָגען וואָלט געווען ניט ריכטיג. זיי האָבען אויף מיר יאָ געמאַכט אַן איינדרוק, און אַ טיפען; אָבער די רעדאַקציע פון „רוסקי יעווריי" האָט מיר געשריבען, אַז איך זאָל „זיך האַלטען אויף דעם באָדען פון פאַקטען". אחוץ דעם, בין איך סתם געווען אונטער דעם איינדרוק אַז אינטערעסאַנטע אַכען געהערען צו דער אָפּטיילונג פון פעליעטאָנען, און ניט יו סעריעזע קאָרעספּאָנדענצען. אַ קאָרעספּאָנדענץ, אַזוי ווי אַ לייט־אַרטיקעל, דאַרף זיין ערנסט און טרוקען, האָב איך געגלויבט. איך האָב געשריבען פון יוצא וועגען, אָהן אינטערעס. אויסער דעם אינטערעס פון זעהן מיין נאָמען געדרוקט.

מיט אַ פּאָר טעג איידער דיזע שורות זיינען געשריבען געוואָרען — אין 1924 — האָב איך אין דער פּאַבליק לייברערי גענומען דעם נומער פון דעם זשורנאַל „וויעסטניק יעווראָפּי", אין וועלכען עס איז ערשינען מיין אַרטיקעל וועגען דעם בלעין־קליוולענד קאַמפּיין פון 1884. איך האָב איהם איבערגעלעזען. ווען מען פאַרגלייכט מיינע קאָרעספּאָנדענציעס אין „רוסקי יעווריי" מיט דיזען אַרטיקעל, וועלכער איז געשריבען געוואָרען מיט צוויי יאָהר שפּעטער, געפינט מען אַ גרויסען פאָרטשרים. די שפּראַך איז פיל רייכער און בויגינגער, און די געדאַנקען ווייזען אָן אויף מעהר ענטוויקלונג. אונטער דער ערשטער העלפט פון דעם אַרטיקעל וואָלט איך זיך היינט אויך געקענט אונטערשרייבען. מיט אינטערעסאַנטע אַרגומענטען ווערט דאָרט באַוויזען, אַז צווישען די צוויי פּאָליטישע פּאַרטייען פון אַמעריקא איז ניטאָ קיין פּרינציפּ־אונטערשיד; זיי זיינען נישט מעהר ווי צוויי פירמעס, וועלכע קאָנקורירען איבער דעמזעלבען געשעפט — „פּאָליטיקס". עס ווערט אויסגעדריקט דער געדאַנק, אַז די ווירקליכע נפקא־מינה צווישען זיי באַשטעהט נאָר אין דעם, וואָס איין פּאַרטיי האָט די מאַכט און אַלע רעגירונגס אַמטען, און די אַנדערע וואָלט וועלען דאָס ביי איהר צונעמען.

די צווייטע העלפט פון דעם ארטיקעל איז דורכגעדרונגען מיט יענעם איבערטריבענעם סאָציאַליסטישען אָפּטימיזם, פון וועלכען אונזער באוועגונג ליידט נאָך אייגענטליך עד־היום. אָבער היינט האָבען מיר אַ היבשע סאָציאַליסטישע באוועגונג, וועלכע האָט שוין ביי די וואהלען געהאַט איינינע וויכטיגע זיגען, ווערהענד דאַן האָבען די סאָציאַליסטען נאָך אפילו קיין קאנדי־דאַטען ניט ארויסגעשטעלט. דאָך זאָג איך אין יענעם ארטיקעל „נביאות", אַז די צוויי קאפּיטאַליסטישע פּארטייען וועלען באַלד אונטערגעהן. איך ווייז אַן אויף באַטלער'ס פּארטיי אלס אַן ערנסטע פּאָליטישע מאַכט און דריק אויס די איבערצייגונג, אַז אין גיכען וועלען די רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע פּארטייען ־ארטריבען ווערען פון דער פּאָליטישער שאַך־ברעט.

ווען איך לעז דאָס איצט, קומען יענע ווערטער מיינע מיר אוים אַזוי קינדעריש! עטליכע און פערציג יאָהר זיינען אַוועק, און די רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע פּארטייען זיינען נאָך אַלץ די איינציגע צוויי מעכטיגע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקאַ. מיט אַמעריקאַנער „פּאָליטיקס" בין איך דאַן שוין געווען נישקשה'דיג באַקאַנט. אָבער דעם פּאָליטישען לעבען, ווי דעם לעבען אין אַלגעמיין, האָב איך נאָך פאַרשטאַנען גאַנץ ווייניג.

יעדענפאַלס האָט מיין ארטיקעל געמאַכט אַ שטיקעל גערודער אין דער אינטעליגענטער רוסישער קאָלאָניע, און מען האָט מיר גראַטולירט מיט'ן כבוד צו זיין אַ שרייבער אין אַזאַ זשורנאַל.

פון דער רעדאַקציע „וויעסטניק יעוראָפּי" האָב איך באַקומען אַ פריינדליכען בריף מיט אַ געוויסער סומע פאַר דעם ארטיקעל (איך געדענק ניט וויפיל), און אויך אַן איינלאַדונג ווייטער מיטצואַרבייטען. איך בין געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל און איך האָב גענומען פאַרצייכענען טהעמעס, אויסשניידען שטיקלעך פון צייטונגען, פאַרשרייבען נאָטיצען — אַלץ פאַר מיינע ווייטערע ארטיקלען אין „וויעסטניק יעוראָפּי". איך האָב אָבער אהין מעהר ניט געשריבען. מיינע פּלענער האָבען זיך געענדערט. יער בלעין־קליוולענד ארטיקעל איז געווען דער לעצטער וואָס זיך האָב געשריבען אין דער רוסישער שפּראַך. מיין אינטערעס

זיין אריינגעצויגען געוואָרען אין דער ענגלישער זשורנאַליסטיק, און איידער איך האָב זיך צוגעקליבען צו א צווייטען ארטיקעל פאר דעם באריהמטען פּעטערסבורגער זשורנאַל, האָב איך אָנגע־הויבען מיטצואַרבייטען אין דער „ניו יאָרק סאָן“.

4.
דזשאהן סווינטאָן.

די רעדע, וואָס איך האָב געהאַלטען אין טוירן־האָל, איז באריכטעט געוואָרען אין „דזשאהן סווינטאָן'ס פּייפּער“ — א ראַדיקאַלע וואָכענשריפּט, וועלכע איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון א גלענצענדען אמעריקאַנער זשורנאַליסט מיט'ן נאָמען דזשאהן סווינטאָן. צווישען די ווערטער, וואָס דער באריכט האָט איבערגעגעבען פון מיין פּאָרטראַג זיינען געווען די פאָלגענדע:

„אין רוסלאַנד הערשט דער שווערד; דאָ אין אַמעריקא הערשט דער דאָלאַר. אויפ'ן אויסזעהען האָט דער דאָלאַר ניט קיין שאַרף; אין אמתן אָבער איז ער שאַרפער ווי דער שווערד“.

סווינטאָנ'ען האָט די פראַזע פּאַראינטערעסירט, און ער האָט מיך איינגעלאַדען אין זיין אָפיס. דאָס איז געווען א מאַן פון א יאָהר זעכציג, מיט אן איינדרוקספולען אויסזעהן, א הויכער, א שעהנער, מיט קורץ־געשאָרענע זילבערנע האָר, מיט א פּענסנע, וועלכען ער פלעגט ארונטערוואַרפען פון די אויגען דורך דעם וואָס ער פלעגט געבען א שטאַרקען וואונק. אין א ווייל ארום פלעגט ער די גלעזער ווידער אָנטאָן אויף די אויגען, ריידען צו אייך מיט א האַרטער שאָטלענדישער אויסשפּראַך; קוקען אויף אייך ווי א טיגער, און פלוצלונג געבען א וואונק און מיט דעם ווידער אראָפּוואַרפען דעם פּענסנע.

מיט זעהר קורצע און זעהר קרעפטיגע פראַזען פלעגט ער ריידען, און געשריבען האָט ער אויך אזוי. ער איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע זשורנאַליסטען אין אַמעריקא. א לאַנגע צייט איז ער געווען דער מענעדזשינג־עדיטאָר פון דער „ניו יאָרק סאָן“, וועלכע האָט זיך דאַן גערעכענט פאר דער בעסטער צייטונג

אין לאנד. איהר באריהמטער בעל־הבית און הויפט רעדאקטאָר, טשארלס דאנא, האָט צו איהם געהאַט דעם גרעסטען צוטרוי.

ער איז אָבער געווען א סך ראדיקאלער ווי דאנא, און ווען ער האָט אָנגעקליבען עטליכע טויזענט דאָלאר, האָט ער פארלאָזען זיין שטעלע און געגרינדעט אַן אייגענע וואָכענבלאַט. דאָס איז דאַן געווען די איינציגע ענגלישע שריפט אין אמעריקא, וואָס האָט אטאקירט קאפּיטאליסטען און פארטיידיגט די אינטע־רעסען פון די אָרגאניזירטע ארבייטער; זי האָט געבלישטשעט מיט גלענצענדע ארטיקלען און נאָטיצען. סווינטאָן׳ס ווערטער אליין זיינען געווען שארף ווי שפּיזען און וויציג. ער האָט ערווארט, אז די ארבייטער וועלען לעזען זיין צייטונג. ער איז אָבער געווען ענטוישט. ער האָט אין דעם פּייפּער באגראָבען יעדען סענט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט.

קיין סאָציאליסט איז ער ניט געווען. ער איז אָבער געווען א מוטיגער ראדיקאל, אמת טריי דעם ארבייטער קלאַס, און ער איז איהם געבליבען טריי.

אזוי ווי איצט זעה איך איהם, ווי ער געהט איבער׳ן נאָס געארעמט מיט זיין הויכער אלטער אינטעליגענטער פרוי, וועלכע איז געווען א דאָקטאָרקע.

הגם ער איז ניט געווען קיין פאָלשטענדיגער סאָציאליסט, האָט איהם די פּארטיי דאָך געשטעלט אלס איהר קאנדידאַט אויף סטייט־סענאטאָר, פאר דעם געגענד פון ריווינגטאָן סטריט, וועלכער איז דאַן געווען באוואוינט פון דייטשען און פון אידען.

איך וועל דאָ געבען א קליינעם סעמפּעל פון זיין ארט ריידען אויף דער פּלאטפאָרמע: ער לעזט פאָר די פּראָגראַם פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי; ער שטעלט זיך אָפּ אויף דער פאָדערונג, אז מען זאָל ארבייטען ניט מעהר ווי אכט שטונדען. ער גיט א קוועטש מיט׳ן אויג; עס פעלט אראָפּ זיין פענסנע און ער גיט א בייזען ברום צום פּובליקום:

„האָט אימיצער עפּעס דאגעגען? אויב עס איז פאראַן אזעלכער, וואָס מיינט אז אכט שטונדען איז צו וויי‌ניג, זאָל ער מיר צושיקען זיין נאָמען. עס איז מיר אינטערעסאנט צו וויסען ווער דאָס איז".

דזשאָהן סווינטאָן.

דאַן לייענט ער אַן ערקלערונג, אַז פּרויען זיינען פּונקט אַזעלכע מענשען ווי מענער און אַז זיי דאַרפען האָבען שטים־רעכט; און ווייטער גיט ער אַ דרעת מיט'ן אויג, ווידער פּאַלט אַראָפּ דער פּענסנע, און ווידער גיט ער אַ געשריי צום פּובליקום:

„אויב דאָ אין האָל איז פאַראַן אַ מאַן וואָס איז דאַגעגען, זאָל ער מיר צושיקען זיין פאָטאָגראַף“.

איך האָב אין „סווינטאָן'ס פּייפּער“ געשריבען אַ פּאָר אַרטיקלען. זייער אינהאַלט געדענק איך אָבער ניט. איך בין מיט איהם אַ פּאָר מאָל אָפּגעזעסען אין זיין אָפיס, לאַנג שמועסענדיג וועגען אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם. אָבער מיט זיין אַרט ריידען און מיט דעם פּענסנע זיינעם האָט ער געמאַכט אויף מיר אַזא שטאַרקען איינדרוק, אַז איך האָב פּשוט ניט געסמייעט צו שטעלען זיך געגען זיינע אַרגומענטען.

.5

בודעל אָלדערמען. — דזשייקאָב שאַרפּ.

ריידענדיג וועגען דער קאָרופּציאָן פון אַמעריקאַנער פּאָליטי־שענס, האָב איך פאַרבייגעהענדיג באַמערקט, אַז אין דעם יאָהר 1884 האָט די באָרד אָוו אָלדערמען פון ניו יאָרק פאַר אַ האַלבען מיליאָן דאָלאַר כאַבאַר אָפּגעגעבען בראָדוויי צו אַ קאַר קאָמפּאַני. ווען מען האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט זיך אַנגעהויבען אַ סדרה פון אויספאָרשונגען, סענסאַציאָנעלע אַרעסטען און פּראָצעסען.

בראָדוויי איז די לענגסטע און וויכטיגסטע גאַס אין ניו יאָרק, און די קאָרופּטע אָלדערמען האָבען אַרויסגעגעבען אַן ערלויבניש צו בויען אַ קאַר־ליין איבער איהר. פריהער זיינען אויף בראָדוויי קיין קאַרס ניט געגאַנגען. עס פלעגען געהן אָמניבוסען—פערד מיט גרויסע שעהנע ווייסע קאַרעטעס באַפּוצט מיט גאָלד. פאַרשידענע קאָמפּאַניעס האָבען געטרייט צו קריגען אַ קאָנצעסיע דאַרטען צו לייגען רעלסען פאַר קאַרס. פאַר אַזא קאָנצעסיע וואָלט די שטאָדט געקענט באַקומען פילע מיליאָנען,

אָבער זי האָט די וויכטיגע סטריט ניט געוואָלט פארשמידען מיט רעלסען.

פלוצלונג ווערט געמעלדעט, אז א געוויסע קאָמפּאַניע האָט אזא ערלויבניש באקומען, און גאָר אומזיסט. דער פּרעזידענט פון דער קאָמפּאַניע איז געווען איינער מיט'ן נאָמען דזשייקאָב שארפּ.

דאָס איז געווען אַן איבערראַשענדע נייעס. מען האָט גלייך גענומען חושד זיין אז דאָ שטעקט כאבאר. די צייטונגען האָבען דאָס אויפגענומען. עס איז געוואָרען א רעש, און דער דיסטריקט אטוירני איז געצוואונגען געווען צו מאכען אַן אונטערזוכונג. עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דזשייקאָב שארפּ האָט אונטער־געקויפט עטלאכע און צוואַנציג מיטגלידער פון דער באָארד אָוו אָלדערמען פאר א האלבען מיליאָן (די קאָנצעסיע איז ווערט געווען צוואַנציג מיליאָן). פילע פון די אָלדערמען האָט מען ארעסטירט, געמשפּט און פאראורטיילט צו געפענגניש אין סינג־סינג. די אלע פּראָצעסען זיינען אין דער געשיכטע פון אמעריקאַנער פּאָליטיקס באקאנט אלס די טרייעלס פון די בודעל אָלדערמען (כאבאר־אָלדערמען).

דער אָלדערמען פון דעם אידישען פערטען דיסטריקט איז דאַן געווען טאָם שיעלס—א מיטעל־געוואַקסיגער מאַן מיט ברייטע פּלייצעס, מיט א ניט־אינטעליגענטען פּנים, אימער אין א הויכען קאַפּעלוש און אימער מיט א ווייסען שניפּס. ער האָט געהאלטען א סאַלון אויפ'ן קאָרנער פון איסט בראָדוויי און קלינטאָן סטריט. ער איז אויך אינדייטעד געוואָרען. פון אַן אורטייל האָט ער זיך אָבער ארויסגעדרייט. יעדעס מאָל ווען איך פלעג איהם באגעגענען אויפ'ן גאס, אפילו מיט צוואַנציג יאָהר שפּעטער, פלעג איך זיך דערמאָנען אָן דעם סענסאַציאָנעלען פּראָצעס פון די בודעל אָלדערמען.

איך האָב בייגעוואוינט דעם גרעסטען פון די בודעל־טרייעלס, און כלומרשט אלס רעפּאָרטער האָב איך באזוכט די לאָדלאָו סטריט דזשייל, וואו עס איז געזעסען דזשייקאָב שארפּ. איך האָב איהם געזעהן שפּאַצירענדיג איבער'ן הויף — אַן אלטער, א דיקער, מיט א פאראומערטען פּנים.

די אָלדערמען זיינען געווען טאמאני־האָלניקעס און די געשיכטע האָט באשטעטיגט דעם אַלגעמיינעם באַגריף וועגען טאמאני אַלס א נעסט פון כאַבאַר־נעמער, בעלי־בתים פון אונאַנשטענדיגע הייזער, חברים און שותפים פון אַלערליי אויסוואורפען און פארברעכער. די מעשה מיט די בודעל אָלדערמען האָט אַלעמען ערָאינערט אַן דער געשיכטע מיט דעם „טוויד־רינג“ (א טאמאני פיהרער און זיין באנדע) פון 1871, און דעם אויסדרוק „טוויד־רינג“ האָט מען געהערט יעדען טאָג. האָב איך באַקומען א ביכעל, דורך וועלכען איך בין באַקאַנט געוואָרען מיט אַלע איינצעלהייטען פון דעם טוויד־שווינדעל. טוויד איז אין 1871 געווען דער „באָס“ פון טאמאני־האָל, און אונטער זיין פיהרערשאפט האָבען די פאָרשטעהער פון ניו יאָרק און איהרע בעאמטע באַ׳גנב׳עט די שטאָדט אויף פילע מיליאָנען.

לעבען דעם סיטי האָל שטעהט נאָך איצט די קאונטי־קאָורט הויז, וואו עס געפינען זיך די העכערע געריכטען פון ניו יאָרק. ביי דער בויאונג פון דעם הויז אַליין האָט די באנדע גע׳גנב׳עט אכט מיליאָן. די ניו יאָרקער „טיימס“, וועלכע איז דאַן געווען א רעפּובליקאַנער ציימונג, האָט די גנבה אויפגעדעקט און דער סוף איז געווען, אַז עטליכע פון דער באנדע, דער באָס טוויד אריינגערעכענט, זיינען פארשיקט געוואָרען אין סינג־סינג, וואו טוויד איז געשטאָרבען.

מערקווירדיג איז, אַז די סענסאַציע האָט דער מאכט פון טאמאני האָל געשאַדט נאָר אויף איין יאָהר. ביי די נעקסטע וואַהלען האָט זי ווידער געזיגט, און ווידער געהאַט די שטאָדט־אוצרות אין איהרע הענט.

.6

סאָציאַליסטישע מיטינגען אויף ענגליש. — קוירנעל הינטאָן. — מיין טרויעריגע ערשטע פּראָבע.

אין די ערשטע יאָהרען, וואָס איך האָב פארבראַכט אין אַמעריקא, זיינען שוין פאָרגעקומען סאָציאַליסטישע מיטינגען אויף ענגליש. זיי פלעגען שטאַטפינדען יעדען זונטאַג אָוועגט,

און איך פלעג זיי באזוכען. צוערשט איז דער פארזאמלונגס־פלאץ געווען אויף ברום סטריט לעבען דער באוערי; דערנאך אויף דער באוערי אין דעם זעלבען געגענד. איך פלעג קומען רעגעלמעסיג.

איך זאג, אז זיי זיינען געווען סאציאליסטישע מיטינגען. אין אמת'ן האט מען דעם נאמען געקענט געברויכען נאר טייל־ווייז. איהר האט דארטען געפונען מענשען, וואס האבען גע־גלויבט, אז מען דארף רעפארמירען געוויסע זאכען אין די פיה־רונגען פון דער געזעלשאפט, אין דער סיסטעם פון לאנד־אייגענטום, אין דער געלט־סיסטעם, אין דער וואהל־סיסטעם. אייניגע האבען געהאלטען פון וואהל־רעכט פאר פרויען; אנדערע פון אנדערע ענדערונגען אין דער קאנסטיטוציע. רעפארמערס פון פארשי־דענע שאטירונגען פלעגען זיך צוזאמענקומען יעדען זונטאג אווענט, און יעדער פלעגט דרשנ'ען די ספעציעלע אידעע, וועלכע ער האט געהאלטען פאר די וויכטיגסטע. אמת'ע סאציאליסטען זיינען דארטען געווען זעהר ווייניג, און זיי זיינען אלע געווען דייטשען, און האבען גערעדט ענגליש מיט א שווערען דייטשען אקצענט. דעבאטירט האט מען וועגען אלעם אין דער וועלט, אבער געהייסען האט דאס, אז מען האלט סאציאליסטישע לעקטשורס און דעבאטען. פארשידענע „קרענקס“ פלעגען זיך דארטען צוזאמענקלייבען. איהר האט דארטען געזעהן מענער מיט לאנגע האר און פרויען מיט קורצע האר (ביידע זיינען דאן געווען א גרויסע זעלטענהייט אין אמעריקא). יעדער, וואס האט געהאט עפעס א פלאן ווי איבערצומאכען די וועלט, יעדער וואס איז געווען אונצופרידען מיט דער אמעריקאנער פאליטיק, פלעגט אהין קומען אויסגיסען זיין הארץ. אייניגע האבען אליין ניט געוואוסט וואס זיי ווילען. זיי האבען סתם געוואלט ריידען פאר אן עולם, און דאס אלץ האט געהייסען „סאציאליזם“. קיין גרויסער עולם איז דארטען קיינמאל ניט געווען — אין סך הכל ביי א צוויי־דריי הונדערט מענשען.

דער אנאנסירטער לעקטשורער פלעגט זיך אפ׳דרשנ'ען זיין דרשה — געוועהנליך אין א שעהנעם, געשליפענעם ענגליש, און דאן פלעגען עטליכע פון די אנוועזענדע זיך פארשרייבען צום

וואָרט. יעדער דעבאַטאַנט פּלעגט ריידען וועגען זיין ליבלינגס־ענין. זעלטען ווען די דעבאַטען האָבען געהאַט אַ שייכות צו דער לעקטשור.

אויף איינער פון דיזע פאַרזאַמלונגען, ווען איך בין אין אַמעריקא אָפּגעווען וויינינגער ווי אַ יאָהר, האָב איך געהאַלטען מיין ערשטע רעדע אין ענגליש, און איך האָב אַרויסגעוויזען מעהר מוט ווי ענגליש. קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס איך רייד. איך האָב געהאַט עפּעס וואָס צו זאָגען; איך האָב אָבער די ענגלישע שפּראַך געקענט צו וויינינג. איך האָב קיין רעכט ניט געהאַט צו נעמען דאָס וואָרט אויף אַזאַ מיטינג. אַפילו ווען איך האָב שוין געקענט נישקשה'דיג פיהרען אַ פּריוואַט געשפּרעך, פּלעג איך אויף דער פּלאַטפאָרמע די ערשטע צייט אויך האָבען גרויסע שוועריגקייטען, און מיינע צוהערער — נאָך גרעסערע. די אַמעריקאַנער האָבען אָבער פיל געדולד און העפליכקייט. אַ חוץ דעם: יעדער האָט געפּויקט אין זיין פּויק און די אַנדערע האָבען זיך וויינינג אינטערעסירט מיט דעם וואָס ער זאָגט. הייסט וואָס האָבען זיי צוגעלייגט, ווען עס האָט זיך אוועקגעשטעלט אַ בלאַסער, דאַרער רוסיש־אידישער יונגער־מאַן און גערעדט פאַר זיי אַזאַ סאָרט ענגליש, וועלכער האָט זיי געקלונגען ווי טערקיש?

פאַר מיר איז דער פּלאַץ געווען אינטערעסאַנט ניט נאָר אַלס אַן אָרט, וואו מען קאָן דעבאַטירען און וואו מען הערט פאַרשידענע מיינונגען, נאָר אויך אַלס אַ סקוהל אויף צו פּראַקטיצירען ענגליש. אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכוויז האָט די ענגלישע שפּראַך ביי מיר גענומען געהן גלאַטער, און איך בין אַנערקענט געוואָרען אַלס איינער פון די וויכטיגסטע אַנטייל־נעמער אין די דעבאַטען, ביז ענדליך האָט מען מיר מכבד געווען מיט אַ גאַנצער לעקטשור. דאָס איז געווען אין 1885.

צוערשט בין איך געווען דער איינציגער רוסישער איד, וואָס פּלעגט קומען אַהין. שפּעטער האָבען זיך גענומען באַווייזען אַנדערע אויך, אָבער זעהר וויינינג.

איך בין דאָרטען באַקאַנט געוואָרען מיט עטליכע אַמעריקאַנער, מיט אַ פּאָר פון זיי זאָגאַר באַפריינדעט געוואָרען.

איינער פון זיי איז געווען אַ געבאָרענער פון ענגלאַנד. אין אַמעריקא האָט ער שוין געוואוינט לאַנג, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געריעדט מיט דעם ענגלישען אַקצענט, און דער „ה“ פלעגט ביי איהם אָפט פעלען. ער האָט אַנטייל גענומען אין דער אַמעריקאַנער מלחמה צווישען דרום און צפון און איז אַרויס מיט דעם טיטול „קוירנעל“ (פּאָלקאָווניק). זיין נאָמען איז געווען ריטשאַרד הינטאָן. מיר פלעגען איהם רופען קוירנעל הינטאָן. דאָס איז געווען אַ מאַן פון מיטעלען וואוקס, מיט זעהר לאַנגע האָר און מיט אַ געדיכטער לאַנגער באָרד. ער האָט געהאַט אַ רייכע, פליסיגע שפּראַך. ער האָט זיך ערקלערט פאַר אַ סאָציאַליסט איידער ער האָט דעם סאָציאַליזם פאַרשטאַנען; אָבער שפּעטער איז ער מיט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע מעהר אָדער ווייניגער באַקאַנט געוואָרען. ער האָט ליב געהאַט די פּלאַטפאָרמע און פלעגט ריידען צו לאַנג.

אַ פּאָר מאָל האָט דזשאָהן סווינטאָן דאָרטען געלעקטשורט און דאַן איז דער האָל געווען געפּאַקט.

איינמאָל האָט אין פאַרלויף פון די דעבאַטען זיך אוועקגעשטעלט אַן אַמעריקאַנער פרוי מיט אַ פאַרטרויערטען פרומען פּנים. איהר ליבלינגס־ענין איז געווען די געלד־פראַגע. אַז מען וואָלט שמידען מעהר געלד, וואָלטען אַלע האָבען מעהר געלד, — האָט זי געֿדרשנ׳ט, — אַלע וואָלטען דאַן זיין גליקליך; קיינער וואָלט ניט זיין אָרים. איך געדענק איהר פאַרטרויערטקייט, ווי זי שרייט: „וועלען מיר דאָס שווייגען? עס גיסט זיך אַזוי פיל טרערען און בלוט! אַזאַ אָרימקייט, אַזאַ נויט, און מיר טוען גאָרניט! לאָמיר געהן אין וואַשינגטאָן; לאָמיר פאָדערען אַז מען זאָל מאַכען מעהר געלד!“

צו דער טהעמא פון דער לעקטשור, וואָס איז יענעם אָוועגט געהאַלטען געוואָרען, האָט דאָס ניט געהאַט קיין ברעקעל שייכות.

איך בין געווען דער נעקסטער רעדנער. איך האָב אין דער ענגלישער שפּראַך זיך שוין געפיהלט גאַנץ היימיש, האָב איך ער־



קאָרנעל ריטשאַרד הינטאָן.

קלערט, ערשטענס, אז אויב מען וועט מאכען מעהר געלד, וועט דאָס אויך ניט העלפען; און צווייטענס, אז געלד קאָן מען ניט מאכען וויפיל מען וויל. יענע פרוי האָט מיך אונטערבראָכען מיט א געשריי, כמעט מיט א געוויין, אז איך האָב קיין הארץ ניט צו די יסורים, וואָס די מענשהייט שטעהט אויס.

נאָך מיר האָט גערעדט אַן אַמעריקאַנער, וועלכער האָט מיין געדאנק ארויסגעבראכט אויף אַן אַנדער שטייגער. די „געלד־פרוי״ האָט איהם אויך אונטערבראָכען. קוים וואס מען האָט איהר בארוהיגט. נאָך א רעדנער, א דייטש, האָט איהר ערקלערט, אז ווען עס וועט זיין מעהר געלד, וועט דאָס אַלץ ארייגפאַלען צו די וואַנדערבילטס, צו די גולדס, אז ביי די אַרבייטער וועלען די פּאקעטס אַלץ זיין פּוסט. דאַן האָט זיך די פרוי צושריען, אז אַזעלכע מענשען ווי מיר העלפען די וואַנדערבילטס מיט די גולדס.

אויף איינער פון דיזע פאַרזאַמלונגען האָט א שעהן־געקליידע־טער אַמעריקאַנער, מיט שעהנע מאַניערען און מיט א שעהנער ענגלישער שפּראַך, געהאַלטען א לעקטשור געגען דעם סאָציאַליזם. איך בין געווען דער הויפּט דעבאַטאַנט געגען איהם. און אייניגע פון די, וואָס האָבען איהם אַפּלאָדירט, האָבען מיר אויך אַפּלאָדירט.

די דאָזיגע לעקטשורס און דעבאַטען זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אויף דער באַוערי, ווייל דער געגענט, די היינטיגע אידישע איסט סייד, איז דאַן געווען באַזעצט מיט איירישע, אַמעריקאַ־נער און מיט דייטשען, וועלכע האָבען פאַרשטאַנען ענגליש. אין שפּעטערע צייטען פלעגען אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען אָפּהאַלטען זייערע מיטינגען א סך ווייטער אַפּ־טאַון.

אכטער קאפּיטעל.

ערשטע פּראָבעס אין דער אידישער ארבייטער באַוועגונג.

1.

אָנפאַנג פון דער שניידער יוניאָן. — גרעסטע פארזאמלונג אין די ערשטע יאָהרען. — די ערשטע אידישע ארבייטער פיהרער.

די ערשטע פּראָבעס, וואָס זיינען געמאכט געוואָרען צו גרינדען אַ שניידער יוניאָן — ווען, פון וועמען און ווי אזוי זיי זיינען געמאכט געוואָרען — איז נים לייכט פעסטצושטעלען. הערץ בורגין דערציילט וועגען דעם אין זיין „געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג“, אויף דעם גרונד פון אויסקונפּט, וואָס ער האָט געזאמעלט מיט פיל מיה. אָבער דאָס רוב פון די מענשען, וואָס האָבען אין יענע באַוועגונגען אנטייל גענומען, זיינען אין בורגין׳ס צייט שוין געווען טויט, אָדער מען האָט זיי נים געקענט דערגרייכען צוליב אַנדערע אורזאכען. זיינע קאַפּיטלעך וועגען יענע יאָהרען זיינען דעריבער נים אימער פריי פון אונפּינקטליכקייטען, הגם אין אַלגעמיין ענטהאַלטען זיי אַ שאַצבאַרען מאַטעריאַל.

איך גיב דאָ איבער וואָס איך געדענק וועגען דעם ענין פון מיינע אייגענע ערפאַהרונגען — וועגען זאכען, אין וועלכע איך האָב פערזענליך אנטייל גענומען, אָדער וועלכע איך האָב בעאָבאַכטעט.

מוצאי יום־כפור, 1884, איז אויפ׳ן טאָפּ פלאָר פון

165 איסט בראָדוויי געגרינדעט געוואָרען אַ שנײדער יוניאָן
פון רוסישע און פּױלישע אידען, און איך האָב זיך אין דער גרינדונג
באַטײליגט אַלס רעדנער און אױפקלערער. דער מיטינג, אויף
װעלכען דאָס איז געשעהן איז געװען זעהר אַ קלײנער. ער איז
אָבער געװען דער גרונד־שטײן, אויף װעלכען עס איז אין גיכען
אויסגעוואָקסען אַן אָרגאַניזאַציע פון עטליכע טויזענד מיטגלידער.

אונגאַרישע און גרויס־פּױלישע אידען פון ניו יאָרק האָבען
געפּריפט גרינדען אַ שנײדער יוניאָן מיט אַ יאָהר פריהער;
אָבער דערפון איז גאָרניט געוואָרען. זײערע שנײדער זײנען
געװען באַשעפטיגט בײ דער בעסערער אַרבײט פון דעם טרײד,
הגם אײך אין קלײנע שעפּער און בײ קאָנטראַקטאָרס, אַזױ װי
מען האָט געאַרבײט בײ די ביליגערע קלײדער. די שעפּער און
װאױנונגען פון דיזע בעסערע אַרבײטער האָבען זיך געפונען
אַ צעהן, צװעלף בלאָק פון דעם צענטער פין דעם רוסיש־אידישען
קװאַרטאַל, דאָרטען, װאו הײנט איז דער גאַליציאַנער קװאַרטאַל.

די ביליגערע אַרבײט איז געטאָן געוואָרען פון דער גרויסער
מאַסע פּױלישע און ליטװישע אידישע שנײדער, און זײ האָבען
געװאױנט און געאַרבײט אין דעם רוסיש־אידישען געגענד.

די צװײערלײ שנײדער־אַרבײטער זײנען אַ לאַנגע צײט
געבליבען אָפּגעזונדערט, און שפּעטער, װען עס איז שוין גע־
גרינדעט געוואָרען אַ גרויסע שנײדער־יוניאָן, זײנען זײ אַ היבשע
צײט געװען פאַנאַנדערגעטײלט אין צװײ באַזונדערע אָרגאַ־
ניזאַציעס.

דער מוצאי יום־כפּור׳דיגער מיטינג איז אַרויסגעוואַקסען
פון אַ געשפּרעך, װאָס איך האָב געהאַט מיט אַ אידישען
פּרעסער פון גרויס־פּױלען, אַ הויכער, בײנערדיגער מאַן פון
אַ יאָהר פערציג, מיט ברײטע פּלײצעס און מיט יאַפּאַנעזישע
שװאַרצע אױגען. לײדער געדענק איך ניט זײן נאָמען, הגם
ער איז לאַנג געװען טעטיג אין דער יוניאָן און אין פאַרלויף
פון פילע יאָהרען פלעגען מיר זיך אָפט טרעפען אויף פאַר־
זאַמלונגען.

מײן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט איהם איז פאָרגעקומען
אויפ׳ן גאַס. ער האָט מיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז ער

האָט געהערט מיינע סאָציאַליסטישע רעדעס. מיר האָבען זיך צורעדט וועגען דעם שניידער־טרייד און ער האָט פאַר מיר געשילדערט די צרות, וואָס די ארבייטער האָבען אויסצושטעהן פון די קאָנטראַקטאָרס אין זייערע סוועט־שאַפּס. מיר האָבען זיך דערערדט צו דער פראַגע וועגען גרינדען אַ יוניאָן פון די פּרעסערס, אַלס אַן אָנהויב. איך האָב פאָרגעלייגט מיין הילף און איהם געגעבען מיין אדרעס. עס איז דאַן געווען ערב ראש־השנה און מיר האָבען אָפּגעמאַכט צו וואַרטען ביז איבער די ימים־נוראים; וואָרים די אידישע שניידער זיינען אין יענע יאָהרען מייסטענס געווען רעליגיעזע, אַלט־מאָדישע אידען, פילע פון זיי מיט בערד און פּאות.

דער פרעסער האָט זיך דערנאָך צונויפגערעדט מיט עטליכע פון זיינע מיטארבייטער. אַ פּאָר שטונדען נאָך נעילה זיינען מיר זיך אַלזאָ צוזאַמענגעקומען. אין דעם זאַל איז געשטאַנען אַן אָרון־קודש און אַן עמוד, ביי וועלכען מען האָט דעם גאַנצען טאָג געדאַווענט.

165 איסט בראָדוויי, וואו די קליינע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען, איז געווען אַ הויז פון מיטינג־האָלס, און אין יענע יאָהרען פלעגען דאָרטען געהאַלטען ווערען די מעהרסטע פון אונזערע סאָציאַליסטישע רעדעס און לעקטשורס. אָבער ווי אַלע מיטינג האָלס און טאַנץ־זאַלען פון דעם אידישען קוואַרטאַל, זיינען זיי אויף די ימים־נוראים פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין שוהלען.

קיין איינצעלהייטען פון דער פאַרזאַמלונג געדענק איך ניט. איך געדענק נאָר ווי דער הויכער, דאַרער פרעסער האָט מיך פאָרגעשטעלט; ווי איך בין געשטאַנען און גערעדט, און ווי דערנאָך האָט מען פאַרשריבען די ערשטע מעמבערס.

איך געדענק אויך אַ פּאָר פון די שניידער מיטינגען, וועלכע איך האָב אדרעסירט אביסעל שפּעטער, ווען די יוניאָן איז שוין געווען אָרגאַניזירט. די גרעסטע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער איך האָב דאַן אַנטייל גענומען אַלס הויפּט רעדנער, האָט שטאַט־געפונען אין קאָנקאָרדיאַ אַסעמבלי רומס, אויף דער

ערשטער עווענױ, לעבען דער צװײטער סטריט (שפּעטער האָט מען דעם פּלאַץ גערופען פּראָגרעסיװ אַסעמבלי רומס). דיזע פאַר־זאַמלונג געדענק איך מיט פּאָלשטענדיגער דײטליכקײט.

דער האָל איז געװען אַ גרױסער און ער איז געװען געפּאַקט. עס האָבען זיך דאָרטען װאַרשײנליך געפונען איבער צװײ טױזענט מענשען. דאָס איז דאַן געװען די גרעסטע פאַרזאַמלונג פון אידישע אַרבײטער, װעלכע האָט װען עס איז שטאַטגעפונען אין אַמעריקא (און װאַרשײנליך אױך אױף דער גאַנצער װעלט). צו אַזאַ גרױסען עולם האָב איך נאָך פריהער קײנמאָל ניט גערעדט.

איך געדענק דעם שטאַרקען אײנדרוק, װאָס די צװײ טױזענט־קעפּיגע מאַסע האָט אױף מיר געמאַכט. מען האָט מיך פאַר־געשטעלט, און דער עולם האָט גענומען אַפּלאָדירען. װען איך האָב זיך געשטעלט פאַר דיזען ים מיט מענשליכע פּנים׳ער, בין איך אַ מינוט געװען װי אַ צוטומעלטער.

מײן רעדע איז איבערגעהערט געװאָרען מיט דער טיפסטער אױפ־מערקזאַמקײט, נײגעריגקײט און באַגײסטערונג. מיט דער אױסנאַה־מע פון ראַיעװסקי׳ן (שאַמראַיעװסקי) און אַ פּאָר אַנדערע רוסישע סאָציאַליסטען, װעלכע זײנען געקומען אױף דיזען מיטינג, איז צװישען די צװײ טױזענט צוהערער מסתמא ניט געװען קײן אײנער, װאָס האָט פריהער געהערט אַזעלכע רײד. עס איז פאַר זײ געװען אַ גרױסע נײעס. זײ האָבען צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ, געװאונקען אײנער צום אַנדערען, אַז װאָס איך זאָג איז „ריכטיג װי גאָלד“, געפּאַטשט בראַװאָ, און דונערדיג געלאַכט פון יעדער שפּאַסיגער באַמערקונג, װאָס איך האָב געמאַכט.

דער פּאָרזיצענדער פון דעם מיטינג איז געװען אַן אַמע־ריקאַניזירטער פּױלישער איד מיט׳ן נאָמען שאַפּיראָ, אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און דרײסיג, אַביסעל אַ געלײמטער אױף אַ פוס. ער איז געװען דורכגעמישט מיט טאַמאַני פּאָליטישענס, און האָט געקײט טאַבאַק. די אַנדערע פיהרער פון דער יוניאָן זײנען געװען פון דעמזעלבען סאָרט מענשען. אײנער פון זײ האָט געהאַלטען אַ ביער־סאַלון אױף עסעקס סטריט. זײ זײנען

געווען שניידער, אָדער געוועזענע שניידער, און די יוניאָן איז געווען ביי זיי אין די הענט. איך פלעג זיך טרייסטען מיט דער האָפנונג, אז מיט דער צייט, ווען די מאַסע וועט ווערען דורכגעדרונגען מיט אונזער פּראָפּאַגאַנדאַ, וועט זי זיי ארויס־טרייבען.

א דייטשער אנארכיסט האָט ביי מיר אמאָל געפרעגט, פאַרוואָס איך האָב מיט אזא יוניאָן צו טאָן. האָב איך איהם געענטפערט: „ווען מען זאָל מיר ערלויבען צו פּרעדיגען מיינע געדאַנקען אין א געמבלינג־הויז, וואָלט איך זיך אויך ניט געטאָרט ענטזאָגען. עס איז מיין פליכט אָנצופיהרען די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ וואו איך קען נאָר. און דאָס איז דאָך אן אָרגאַ־ניזאַציע פון ארבייטער. זיי מוז מען אודאי אויפקלערען".

דער פּרעזידענט פון דער ערשטער שניידער יוניאָן האָט געהייסען אראָנסאָן. שאַפּיראָ איז געווען דער סעקרעטער, אָבער אויף די מיטינגען פלעגט ער אָפט זיין דער טשערמאַן.

אז אזא מענש ווי שאַפּיראָ זאָל זיין א פיהרער פון א אידישער ארבייטער יוניאָן איז דאַן ניט געווען קיין אונגאַטיר־ליכע זאַך. ער און די אנדערע לידערס זיינען געווען מענשען וואָס האָבען געקענט האַלטען א רעדע. זיי האָבען געוואוסט ווי צו פיהרען א פאַרזאַמלונג. צווישען אונזערע רוסישע אימי־גראַנטען איז אזא מעלה געווען א זעלטענהייט. די וואָס האָבען געקענט פיהרען פאַרזאַמלונגען זיינען אויף א נאַטירליכען אופן געוואָרען די פיהרערס אין די לאַדזשען, און זיי האָבען זיך אויך געדרעהט ארום פּאָליטישענס. אַלזאָ, ווען מען האָט גענומען גרינדען א יוניאָן, האָט די מאַסע זיי אויסערוועהלט פאַר טשער־לייט. וואָרים זיי האָבען געוואוסט ווען א „מאָושאָן" איז אויסער אָרדנונג; ווען מען גיט דאָס וואָרט, ווען מען גיט ניט. קורץ, זיי האָבען געוואוסט ווי צו קאָמאַנדעווען מיט'ן הילצערנעם האַמער. אַלזאָ, ווען עס האָבען זיך גענומען גרינדען אונזערע יוניאָנס, זיינען זיי געוואָרען די רעדעל־פיהרער. אנדערש האָט דאַן ניט געקענט זיין. אונזערע שניידער־מאַסען זיינען דאַן געווען ניט אין ערגעץ אונוויסענדער ווי היינט.

אין דעם אונגארישען קווארטאל איז געווען אביסעל אנדערש. צווישען די אידען פון אונגארן, הויפּטזעכליך אין די גרעסערע שטעדט, איז פאָלקס־בילדונג און די היינטיגע קולטור געווען מעהר פארשפרייט ווי צווישען די אידען פון רוסלאנד אָדער פוילען. צווישען זייערע שניידער אין ניו יאָרק האָבען זיך שוין דאן געפונען עטליכע אינטעליגענטע מענשען, וואָס זיינען באקאנט געווען מיט דעם סאָציאַליזם נאָך פון דערהיים. צו דיזער אונגאַרישער גרופּע האָט אויך געהערט א האלב־אינטעליגענטער שניידער, וועלכער איז געווען ניט פון אונגארן, נאָר פון גרויס־פוילען; אָבער זיין געבורטס־פּלאַץ איז געווען לעבען דעם דייטשען גרענעץ, און ער האָט א געוויסע צייט געוואוינט אין דייטשלאנד. זיין נאָמען איז געווען לואיס סמיטה, און ער איז געווען איינער פון די פיהרער.

דער פאָלגענדער נעשפּרעך, וועלכער איז פאָרגעקומען צווישען מיר און א יונגען אידישען שניידער דעם זעלבען טאָג, ווען איך האָב געהאַלטען די אויבען־דערמאָנטע רעדע אין קאָנקאָרדיא אַסעמבלי רומס, איז כאראקטעריסטיש.

איך און ראַיעווסקי זיינען געגאנגען איבער קאַנעל סטריט, און אונז האָט אָפּגעשטעלט א יונגערמאַן. ער איז געווען אין קאָנקאָרדיא אסעמבלי רומס, ווען איך האָב געהאַלטען מיין רעדע, האָט ער ערקלערט. נאכדעם ווי ער האָט מיר געגעבען א קאָמפּלימענט פאר דער רעדע, האָט ער געפרעגט וויפיל מען האָט מיר באַצאָהלט פאר איהר. איך און ראַיעווסקי האָבען איהם פארזיכערט, אז די וואָס האַלטען אזעלכע רעדעס נעמען ניט קיין געלד. דער יונגערמאַן האָט געלאכט. ער האָט געמיינט, אז מיר מאכען פון איהם חוזק. עס איז אונמעגליך געווען פון איהם ארויסצורייסען די איבערצייגונג, אז אָהן געלד טוט מען קיין זאַך ניט. ער האָט געאורטיילט לויט אזעלכע לידערס ווי שאַפּירא.

און דאָס איז ביי מיר ניט געווען די איינציגע ערפאַהרונג אזעלכע.

צו צוברעכען דיזען באַגריף ביי אונזערע מאסען; צוגע־

וואוינען זיי צום געדאנק, אז עס איז פאראן אזא זאך ווי פרינציפּ אויף דער וועלט, צוגעוואוינען זיי צום געדאנק, אז פאר א סיטיזען צו פארקויפען זיין שטימע אין עלעקשאָן טאָג איז א פיל גרעסערע עבירה ווי צו רויכערען אום שבת — דאָס זיינען געווען אייניגע פון אונזערע אויפגאבען אין יענע צייטען.

אונזער באוועגונג האָט געמאכט פאָרטשריט. די צאָל מענשען, וואָס האָבען זיך אָפּגערופען אויף אונזער אגיטאציע, איז געוואקסען.

דער עולם פון דאמאָלסדיגע מאס־מיטינגען פלעגט אָפט ארויסווייזען א רויהקייט און א קינדישקייט, וועלכע איז איצט ניט אָפט צו טרעפען. איך וועל ברייננגען א ביישפּיל.

עס איז געווען א מיטינג אין וועדעט האָל, אויף פערטער סטריט לעבען דער באוערי. דער טשערמאן איז געווען גרעגאָרי וויינשטיין, אונזערער א ווילנער יונגערמאַן, וועלכער איז דאן געווען אן אמעריקאנער שריפטזעצער און א טעטיגער מיטגליד אין זיין יוניאָן. איך בין געווען איינער פון די רעדנער. עס האָט זיך ענטוויקעלט א דעבאטע איבער דער פראגע צי מען זאָל אין א יוניאָן אננעמען וואָס מעהר מיטגלידער, אָדער צוערשט זיך באשרענקען אויף א קלענערער צאָל. אונזער אימיגראנטען־מאסע איז דאן נאָך געווען אזוי אונפעהיג צו זיין אָרגאניזירט; אין די ערשטע יוניאָנס איז געווען אזוי ווייניג טאָלק, אז מיין מיינונג איז געווען, מען זאָל פריהער גוט אָרגאניזירען די ביסעל מעמבערס, וועלכע געפינען זיך שוין אין דער יוניאָן, און דערנאָך ערשט ארייננעמען ווייטערע מיטגלידער. דערביי האָב איך געגעבען א משל מיט א קעכין, ווי זי קאָכט פיש. זי גיסט ניט אריין א סך וואסער מיט אמאָל; זי טוט אריין אביסעל און לאָזט זיך דאָס איינקאָכען; דאן פארזוכט זי, און אז זי פיהלט אז מען דארף נאָך וואסער, גיסט זי צו. דער משל האָט שטארק אויסגענומען. אָבער נאָך דעם מיטינג, שוין ביים ארויסגאנג, האָט זיך א גרופּע אָפּגעשטעלט דעבאטירען מיט מיר וועגען איהם. איינער, א מיטעליעהריגער איד, איינגאנצען א פארוואקסענער מיט האָר, האָט גע׳טענה׳ט, אז איך האָב דעם

טרייד־יוניאָניזם פארגליכען צו א קעכין; אז איך האלט דעם ארבייטער פאר א דינסט־מיידעל; און עטליכע אנדערע זיינען מיט איהם איינפארשטאנען געווען. מיר זיינען ארויס פון האָל און געגאנגען איבער'ן גאס צוזאמען, דעבאטירענדיג, און דער באוואקסענער איד מיט זיינע אנהייננגער זיינען אלץ געבליבען ביי דאָס זייעריגע.

צווישען די טעטיגע מיטגלידער פון דער ערשטער שניידער יוניאָן האָט זיך געפונען דער אויבען־דערמאָנטער שניידער־אקטיאָר, דער גלאט־געגאָלטער ישראל בארסקי. דורך דער יוניאָן בין איך מיט איהם באקאנט געווארען בעסער, און איך האָב אין איהם געפונען א העכסט עהרליכען מענשען און אן אינטערעסאנטען אידעאליסט.

.2

„לייבאָר לייסעאום". — דר. מערקין.

ביים ענד 1884 האָבען עטליכע פון די רוסישע אימיגראנטען, מיט אלעיניקאָוו'ען אלס פאָרזיצענדער, געגרינדעט א געזעלשאפט אונטער דעם נאָמען „רוסקי ראבאָטשי סאָיוז" (רוסישער ארבייטער־פארבאנד), וועלכע האָט יעדען זונטאָג נאָכמיטאָג געגעבען א לעקטשור מיט דעבאטען אויף רוסיש, אין 106 איסט בראָדוויי. איך בין געווען א מיטגליד און איינער פון די לעקטשורערס. לאנג האָט דער פארבאנד ניט עקזיסטירט. עס איז ארויסגעקומען א מיינונגס־פארשידענהייט — ריכטיגער געזאגט, א פערזענליכער צוזאמענשטויס — און עס איז געגרינדעט געוואָרען אנאנדער רוסישער פאראיין אונטער דעם נאָמען „לייבאָר לייסעאום". איך און לואי מיללער (אויך א ווילנער) זיינען געווען די גרינדער.

אין מיטען פון א מיטינג פון דעם „רוסקי ראבאָטשי סאָיוז", ווען עס איז פאָרגעקומען דער סכסוך, זיינען מיר ארויסגעגאנגען און געדונגען אנאנדער האָל (דעם זעלבען האָל, וואו איך האָב געהאלטען די רעדע ביי דער גרינדונג פון דער שניידער־יוניאָן). דאן האָבען מיר זיך אומגעקערט אויף דער

פארזאמלונג אין 106 בראָדוויי און דאָרטען אויסגערופען, אז נעקסטען זונטאג וועט זיין א רוסישע לעקטשור אין 165 איסט בראָדוויי.

אלס אונזער ערשטען לעקטשורער האָבען מיר אָנגעגרייט אלעקסאנדער יאָנאס׳ן, דעם הויפּט רעדאקטאָר פון דער דייטשער „פאָלקס־צייטונג״. איך בין געגאנגען איהם איינלאַדען און ער האָט מיר אָנגעגעבען אלס טעמא: „אישום אָוו דהי דעי״ (טאגעס־פראגען); דאן האָבען מיר געלאָזט דרוקען א הענד־ביל וועגען דעם און דאָס פארטיילט צווישען די אימיגראנטען.

יאָנאס האָט גערעדט אויף דייטש. די רעדעס פון די דעבאטאנטען זיינען געווען אויף רוסיש, און זיי זיינען איבער־זעצט געוואָרען פאר איהם אויף דייטש.

די וויטערדיגע לעקטשורס זיינען געהאלטען געוואָרען פון שעוויטש׳ן און פון אונזערע אייגענע מענשען: פון ל. מיללער׳ן, מ. זאמעטקינ׳ען, פון מיר און פון אנדערע.

שפּעטער האָבען מיר אריינגעקראָגען א נייעם רוסישען לעקטשורער, וועלכער איז געווען עלטער און וויכטיגער פאר אונז. דאָס איז געווען דר. מערקין, א דינאבורגער איד פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג, א הויכער ברייט־ביינערדיגער מאן מיט א געדיכטער, בלאָנדער באָרד, א קורצזיכטיגער, מיט גאָלדענע ברילען. ער איז געווען א זעלטען פעהיגער, באלעזענער, געבילדעטער מענש, מיט רעדנער־קראפט. זיין רוסיש איז אָבער געווען פון א זאָנדערבארען סאָרט. ער האָט גערעדט מיט א גמרא נגון, און אָפט פלעגט ער ענדיגען די ווערטער אויף גאָר ניט קיין רוסישען שטייגער. פריהער האָט ער א היבשע ביסעל יאָהרען געוואוינט אין דייטש־לאנד, וואו ער האָט געענדיגט שטודירען אויף כעמיקער. די דייטשע שפּראך האָט ער געקענט אויסגעצייכענט, און איהר האָט ער אויך גערעדט מיט א גמרא־אקצענט און מיט א ליטווישער אויסשפּראכע. זיין רוסיש איז געווען נאך קאָמישער. דאָס איז אלץ אָבער געווען א קלייניגקייט, צו וועלכער מיר האָבען זיך לייכט צוגעוואוינט. ער האָט געהאט וואָס צו זאָגען; זיינע לעקטשורס האָבען געהאט א רייכען אינהאלט. מיר פלעגען זיי ערוואַרטען מיט אונגעדולד.

אין דייטשלאנד איז ער געווען טעטיג אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פארטיי, וועלכע האָט דאן איהר ארבייט געמוזט פיהרען געהיים. עס האָט דאמאָלס עקזיסטירט דער ביסמארק געזעץ געגען דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און די געגנאָסען פלעגען אָנגעהן מיט זייער אגיטאציע „אונטער דער ערד“, הגם ביי די וואהלען פלעגען זיי זיך באַטייליגען און, טראָץ אַלע אונטערדריקונגען, פלעגען זיי ערוועהלען אַ גרויסע צאָל סאָציאַ־ליסטישע דעפּוטאטען. ער איז געווען גרינדליך באקאנט מיט דער באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט, און אין דער מארק־סיסטישער טעאָריע איז ער געווען אַ למדן און אַ חריף. און אַלץ האָט ער ערקלערט אויף אַן אינטערעסאַנטען שטייגער — מיט קאָליר און מיט אָריגינעלע געדאַנקען.

ווען ער פלעגט שטארק באגייסטערט ווערען, פלעגט ער ריידען מיט אַן עכט מגיד'ישען טאָן. אין מיטען לעקטשור, שפּאַצירענדיג הין און צוריק איבער דער פּלאַטפּאָרמע, פלעגט ער צוגעהן צום פענסטער, זיך אָפּשטעלען, ארויסקוקען, און ריידען צו דער גאַס; ארונטערלאָזען די הענט אונטער די לאַנגע פּאָלעס פון זיין שווארצען דייטשען ראָק, און בשעת ער האָט ארויסגעזונגען זיינע ווערטער מיט אַ גמרא נגון אויף דער סטריט ארוים, פלעגט ער פון הינטען טרייסלען צו אונז מיט זיינע שווארצע פּאָלעס. באַלד פלעגט ער זיך געבען אַ קער צוריק צום עולם, אריינקוקען אימיצען אין די אויגען און אריינזינגען זיין גמרא נגון יענעם אין פּנים אריין.

ער איז איבערהויפּט געווען אַ זאָנדערבארער מענש. פאַר דער קלענסטער זאַך פלעגט ער זיך באַליידיגען, און גאַנץ אָפט אָהן דער מינדסטער אורזאַכע.

איינמאָל, ווען ער האָט געהאַלטען אין זוכען אַ קוואַרטיר, האָב איך איהם איינגעלאַדען צו זיך ביז ער וועט געפינען אַ פּאַסענדע רום (איך האָב שוין דאַן געוואוינט ניט אין 213 קלינטאָן סטריט, נאָר אויף דער אנטקעגענדיגער זייט, אין 224 קלינטאָן סטריט; און ניט אין אַן עטטיק, נאָר אין אַ גוטען, גרויסען צימער, מיט אַ גלייכען סילינג און מיט צוויי גרויסע פענסטער

צום יארד). דריי אָדער פיער אָווענטען זיינען אָפּגעגאנגען זעהר אנגענעם. מיר פלעגען טרינקען טהיי צוזאמען, שמועסען און פארברענגען די צייט אין דער בעסטער פריינדליכקייט. דעם פערטער אָדער דעם פינפטען אָווענט, ווען מיר האָבען זיך אזוי גענומען גרייטען צו געהן שלאָפען, האָט ער פּלוצלונג זיך אָנגעבלאָזען און זיך גענומען אָנטאָן.

— וואָרום זאָגט איהר מיר ניט אָפען, אז איהר ווילט פון מיר פּטור ווערן? — האָט ער געפרעגט. — איהר מיינט איך בין אזא נאר אז איך פארשטעה ניט?

איך בין ערשטוינט געוואָרען. איך האָב זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל מיר ערקלערען מיט וואָס איך האָב אויף איהם געמאכט אזא איינדרוק. עס איז אָבער אונמעגליך געווען פון איהם צו באקומען אן ענטפער. איך האָב איהם פארזיכערט, כמעט מיט טרערען אין די אויגען, אז איך שעץ זיך גליקליך איהם צו האָבען אלס מיין גאסט. קוים מיט צרות האָב איך איהם בארוהיגט, און ער האָט זיך געלייגט שלאָפען. אויף מאָרגען אין דער פריה האָט ער מיר געזאָגט א ווארימען „גוט־מאָרגען", מיר עטליכע מאָל געדריקט די האנט און זיך ענטשולדיגט פאר מיר.

— איך האָב אלץ איבערגעטראכט, — האָט ער געזאָגט, — איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז איך האָב אייך גאנץ אומזיסט באשולדיגט. איהר זייט ווירקליך זעהר א גאסט־פריינדליכער מענש.

ווי אזוי ביי איהם איז אויסגעקומען, אז איך וויל פון איהם פּטור ווערען, האָב איך בשום אופן ניט געקענט דערגעהן. מסתמא האָט ער עפּעס א וואָרט מיינעם אויסגעטייטשט לויט איינעם פון זיינע צודרעהטע באגריפען.

3.

די ברידער גרעטש. — אידישער ארבייטער פאראיין. — ערשטע קלאָוק־מאכער יוניאָן.

ארום יענער צייט האָבען צוויי ברידער פון אָדעס, מיטיא

גרעטש און ניומאַ גרעטש, געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע מיט'ן נאָמען „אידישער אַרבייטער פאַראיין".

ניומאַ, אַ יונגערמאַן מיט קורצזיכטיגע אויגען און מיט אַ פליכעוואַטען קאָפּ, איז געווען אונטער אַ שטאַרקען איינפלוס פון דער ניו יאָרקער „פאָלקס־צייטונג", דער אָרגאַן פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, און דעם פאַראיין האָט ער גע־גרינדעט מיט אַ דייטליכען צוועק צו פיהרען די אידישע באַוועגונג ניט אויף אַן אַנאַרכיסטישען, נאָר אויף אַ ריין סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישען שטייגער. אַלס אויסגעשפּראָכענער סאָציאַל־דעמאָ־קראַט איז ער געווען ענטשידען געגען דעם אַנאַרכיזם, וועלכער האָט זיך נאָך דאַן שטאַרק געפלאַנטערט אין מיין מוח. ער האָט זיך אַזוי אָפּגעגעבען דער דייטשער באַוועגונג, און געלעזען די דייטשע „פאָלקס־צייטונג" מיט אַזאַ התמדה, אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט גוט ריידען און שרייבען דייטש איידער ער איז באַקאַנט געוואָרען מיט דער ענגלישער שפּראַך.

ער און זיין ברודער האָבען, אַלזאָ, אָרגאַניזירט דעם „אידישען אַרבייטער פאַראיין". קיין רעדנער זיינען זיי ניט געווען, פלעגען זיי מיר אָפּט איינלאַדען צו האַלטען אַ רעדע. זיי האָבען אָבער אימער געפאָדערט אַז איך זאָל אויסמיידען אַזעלכע ערקלערונגען, וואָס זיינען געגען זייערע פּרינציפּען. ניומאַ, דער טעטיגסטער מיטגליד אין דעם פאַראיין, איז געווען אַ שטילער, מילדער מענש. ער פלעגט מיט מיר טענה'ן, אַז עס זיינען דאָ גענוג פּונקטען, אין וועלכע מיר זיינען איינפאַרשטאַנען, און אַז מיר קאָנען אַרבייטען צוזאַמען אין דער אַרבייטער באַוועגונג. אין זיין פאַראיין האָב איך ניט געקענט אַריינגעהן, ווייל איך האָב זיך געהאַלטען פאַר אַן אַנאַרכיסט. אָבער איינלאַדונגען צו האַלטען ביי איהם רעדעס און לעקטשורס פלעג איך אָננעמען.

גרעטש האָט מיט זיין אַרבייטער־פאַראיין געטאָן פיל גוטס. ער האָט געהאָלפען גרינדען אַ פּאָר פון די ערשטע יוניאָנס, און ער איז געווען דער הויפּט־גרינדער פון דער ערשטער קלאָוק־מאַכער יוניאָן. די ערשטע מאַסען־פאַרזאַמלונג פון דיזער אָרגאַניזאַציע האָט שטאַטגעפונען אין 177 איסט בראָדוויי (העררים אַסעמבלי רומס).

איך האָב געהאַלטען אַ רעדע און גרעטש האָט פאַרשריבען די מיטגלידער.

לאַנג האָט דיזע טעטיגקייט גרעטש'ס ניט געדויערט. בים־לעכווייז האָט ער זיך איינגאַנצען אָפּגעגעבען מיט דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ביז ער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס נעשאָנעל סעקרעטערי פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פאַר־טיי — אַן אַמט וועלכען ער האָט געהאַלטען עטליכע יאָהר.

.4

הייראַט. — רעגירונג־שוהל. — „די נייע צייט".

אין פעברואַר 1885 האָב איך געהייראַט. מיין אויסער־וועהלטע איז געוועזען אַניוטאַ (אננא) בראָנשטיין, אַ קיעווערין, די טאָכטער פון אַ אינטערעסאַנטען אינטעליגענטען פאָטער. זי האָט געענדיגט גימנאַזיע. נאָך דעם קיעווער פּאָגראָם איז זי באַגייסטערט געוואָרען פאַר דעם „עם־עולם" און איז געוואָרען אַ מיטגליד פון דער קאָמפּאַניע, אָדער פּאַרטיי, וועלכע ניקאָלאַי אַלעיניקאָוו האָט געפיהרט פון קיעוו קיין אַמעריקא. זי איז אין „עם־עולם" געוועזען איינע פון די צענטער־פיגורען. אין דער רו־סישער קאָלאָניע פון ניו יאָרק האָט זי געצויגען אויפמערקזאַמ־קייט מיט איהר דעליקאַטער אינטעליגענץ און אָריגינעלען שכל, און מיט איהר פּערזענליכקייט איבערהויפּט.

דער לעזער געדענקט פיליכט, אַז צווישען די וואָס האָבען צוגעהערט מיין צווייטע לעקטשור (אין דעם האָל, וועלכער איז באַשטאַנען פון צוויי צימערען מיט „סלאַידינג דאָאָרס"), איז געוועזען אַ פריילין מיט אַ פּענסנע, וועלכע איז געשטאַנען אויף אַ טיש. דאָס איז געוועזען אַניוטאַ בראָנשטיין.

אונזער ערשטע קוואַרטיר איז געוועזען אויף דיוויזשאָן סטריט, צווישען סאָפאָלק און קלינטאָן. ווען איהר געהט איצט דורך דיזען בלאָק צו קלינטאָן סטריט, זעהט איהר, אויף דער לינקער זייט, אַ צייל טענעמענט הייזער. זיי זעהען איצט אויס אַזוי אָרים און אַזוי אַלט, אַז עס גלויבט זיך קוים, דאָס זיי זיינען ווען עס איז געוועזען נייע. אָבער אין 1885 זיינען זיי געוועזען שפּאָ־

מיין פֿרוי, אַננאַ קאַהאַן (געבאָרענע בראָנשטיין), פֿאָטאָגראַפֿירט אין 1885.

געל־ניי. מיר זיינען געווען די ערשטע מענענטס וואָס האָבען אהין אריינגעמופט. די פוירניטשור האָב איך גענומען אויף־אויס־צאָהלען ביי איינעם פון מיינע שילער, אַ קאָסטאָמער פעדלער.

אין יענע יאָהרען פלעגען אונזערע אינטעליגענטען פאַרדינען אַזוי ווייניג, אַז די וואוינונג אונזערע האָט ביי אונזער קאָלאָניע געהייסען אַ פיינע קוואַרטיר. דריי נייע צימערען, פריש מעבלירט — האָבען זיי ווירקליך אויסגעזעהן פיין.

די באָארד אָוו עדיוקיישאָן פון ניו יאָרק האָט די איווינינג־סקול פון דער יאַנג מענס היברו אסאָסיאיישאָן איבערגענומען צו זיך. מיר, די לעהרער, האָבען געהאַלטען עקזאַמען, און אין אַ געוויסען אָוונד, אין אָקטאָבער, 1885, נאָך דעם ווי מיר האָבען באַקומען אונזערע דיפּלאָמען, האָבען מיר אַריבערגעמאַרשירט מיט אַלע אונזערע שילער פון 206 איסט בראָדוויי אין דער פּאַבליק־סקול, וואָס געפינט זיך אויף קריסטי סטריט לעבען ריווינגטאָן. דאָרטען האָב איך די שטעלע אָנגעהאַלטען צוועלף יאָהר.

איך האָב אימער געטרוימט אַרויסצוגעבען אַ אידישע סאָ־ציאַליסטישע צייטונג. דער לעזער וועט זיך עראינערען, אַז אַ פּלאַן צו גרינדען אַזאַ צייטונג איז געבאָרען געוואָרען שוין ביי דעם „פּראָפּאַגאַנדא פאַראיין" מיט דריי יאָהר פריהער. דאַן איז דער פּלאַן ניט פאַרווירקליכט געוואָרען. איך האָב איהם אָבער קיינמאָל ניט אויפגעגעבען. און איצט, אַז די אידישע אַרבייטער באַוועגונג האָט גענומען וואַקסען, האָט זיך די נויטווענדיגקייט אין אַזאַ צייטונג געפיהלט אַלץ שטאַרקער. ראַיעווסקי האָט אויך גע־האַט אַזעלכע געדאַנקען; אַלזאָ, האָבען מיר באַשלאָסען צו מאַכען אַ פּראָבע אַרויסצוגעבען אַ וואָכען־בלאַט.

געזאָגט און געטאָן. וועגען קאַפּיטאַל האָבען מיר ניט גע־דאַגה'ט. איך האָב פאַרדינט נאָר אויפ'ן לעבען. און ראַיעווסקי ניט מעהר ווי איך. ער איז אָבער ניט געווען פאַרהייראַט, האָט ער געקענט עפּעס אָפּשפּאָרען. ער האָט געאַרבייט אין אַ פעקטאָרי (זיין פאָטער האָט געהאַט אַ זייף־פאַבריק אין קרעמענטשוג, האָט ער דאָ זיך אויסגעזוכט אַ דזשאָב ביי'ם זעלבען פאַך). איך זאָג אַז ער האָט

געקענט עפעס אָפּשפּאָרען. זיין גאַנצער איינענס איז באַשטאַנען פון צעהן דאָלאַר, און דאָס איז געווען אונזער גאַנצער „אינ־וועסטמענט". דאָס איבעריגע האָט אונז דער פּרינטער געגעבען אויף באָרג. אָט אונטער דיזע אומשטענדען האָבען מיר אנגע־הויבען ארויסצוגעבען די צייטונג.

א גאַנצען טאָג האָט ראיעווסקי געאַרבייט אויף זיין פאַבריק און איך האָב זיך באַשעפטיגט מיט מיינע לעסאָנס; און די פרייע שטונדען האָבען מירביידע אָפּגעגעבען צו אונזער פּלאַן. ביי טאָג האָב איך געהאט גענוג צייט, האָב איך איהר אויסגענוצט אויף דער צוגרייטונג צו דער אונטערנעמונג.

די צייטונג האָבען מיר א נאָמען געגעבען „די נייע צייט". דער ערשטער נומער איז ערשינען שבועות 1886. אַלץ איז געווען געשריבען אויף דעם איינפאַכסטען אידיש, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען, אַזוי אַז דער אונענטוויקעלטסטער ארבייטער זאָל קענען פאַרשטעהן.

— ווי קען מען דאָס שרייבען אידיש פונקט ווי מען רעדט?

— האָבען ביי מיר געפרעגט איינינע אינטעליגענטען. — ווען מען שרייבט, דאַרף מען די אידישע שפּראַך אויספּוצען, זי זאָל אויסזעהן „אנשטענדיגער".

איך געדענק א געשפּרעך וואָס איך האָב געהאט מיט א אינטעליגענטען אימיגראַנט מיט'ן נאָמען שור, פון זשיטאָמיר. ער איז געווען איינער פון די באַקאַנטע פיגורען אין דער קאָלאָניע — א קלוגער, מיט זעלבסטשטענדיגקייט אין זיין כאַראַקטער און מיט א גיפּטיגען הומאָר אין זיין שפּראַך.

— קאַהאַן, — זאָגט ער צו מיר, ווען עס איז ערשינען אונזער ערשטער נומער, — אייך קומט א מעדאַל פאַר אייער צייטונג.

אויף זיין שמייכעלע האָב איך געזעהן אז דער קאָמפּלימענט איז „מיט פּינטעלעך".

— וואָס מיינט איהר, שור? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב אַלע מאָל געוואוסט, אז ליטוואַקעס האָבען א סך חוצפּה, — האָט ער געענטפערט, — אָבער אַזוי פיל חוצפּה ווי איהר ווייזט ארוים מיט אייער „נייע צייט", האָט אפילו קיין

ליטוואַק נאָך ניט אַרויסגעוויזען. אייער צייטונג וועט האָבען אַ גרויסען ערפאָלג.

דאַן האָט ער מיר געגומען געבען אַ גאָב: ווי סמייעט דאָס אַ מענש צו שרייבען אַזאַ פּראָסטען אידיש ווי טאַטע־מאַמע ריידען? ...

דעם כלל אַז צו געברויכען איינפאַכע אידיש איז ניט שעהן, האָט מען דאַן געהיט אויף דער ביהנע אויך. אין דעם אידישען טעאַטער פלעגט מען ריידען „דייטשמעריש". אַפּט פלעגט אפילו אַ חסיד אָדער אַ שמש פון אַ שול אויף דער ביהנע ריידען „דייטש".

אויבען איז דערמאָנט געוואָרען דער אידישער שוישפּילער קאָרפּ, וועלכער איז געקומען קיין אַמעריקאַ מיט דער ערשטער פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער קאָמפּאַני (אין דעם זומער פון 1884). איך האָב איהם אַמאָל געפרעגט פאַרוואָס ער רעדט אויף דער ביהנע „דייטש" אַנשטאָט אידיש, און זיין ענטפער איז געווען, אַז די פליכט פון אַ אידישען אַקטיאָר איז דעם פּובליקום אויסצובילדען, צו לערנען איהם ריידען אַן איידעלען לשון.

אַז זיין אייגענע „דייטש" איז געווען ניט מעהר ווי לעכערליכע אידיש — דאָס האָט ער מסתמא ניט געוואוסט. יעדענפאַלס איז ער געווען איבערצייגט אַז צו ריידען אַ געבראָכענעם דייטש איז שעהנער ווי צו ריידען אַ גאַנצען אידיש.

שור האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז אונזער וואָכען־בלאַט וועט האָבען אַ גרויסען ערפאָלג, טאָקע ווייל זי איז געשריבען אויף אַזאַ „חוצפה'דיגען" מאַמע־לשון. ער האָט נעגלויבט, אַז די מאַסען וועלען איהר קויפען. און זיין נבואה וואָלט אפשר מקוים געוואָרען, ווען די רעדאַקטאָרען פון דער צייטונג וואָלטען אָנגעפאַנגען כאָטש מיט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר. אַזוי אָבער בין איך געווען אי הויפּט־רעדאַקטאָר, אי קאָרעקטאָר, אי מענעדזשער, אי בוכהאַלטער, אי אַדווערטייזינג־איידזשענט. און דיזע אַלע פליכטען האָב איך ערפילט אין די שטונדען ווען איך בין געווען פריי פון סקול און פון פּריוואַט לעססאָנס. ראַיעווסקי, ווידער, האָט

א גאנצען טאג שווער געארבייט אין פאבריק און זיין אנטייל אין אונזער ארבייט איז געווען באשרענקט אויף די אווענדען.

די צייטונג האט זיך געדרוקט ביי א פרינטער מיט'ן נאמען קאטטאן, אין א קעלערעל, וואס האט זיך געפונען אויף דעם פלאץ, וואו קאנעל סטריט קומט זיך צוזאמען מיט דיוויזשאן. און דארטען, ביי א שטיקעל דעסק, וועלכען מר. קאטטאן פלעגט אונז ערלויבען צו געברויכען, איז געווען אונזער „רעדאקציע".

ס'איז געווען א שווערער קאמף. איך פלעג ארומלויפען נאך אדווערטייזמענטס און נאך דֵי פאר דאלאר, וואס אונז האט געקומט פאר זיי. איך בין געווען א גאנץ צרה'דיגער ביזנעס־מאן. מיין ארבייט אלס סאָליסיטאר און קאלעקטאר איז געווען געמישט מיט פראפאגאנדא. ווען אן אדווערטייזער האט גע־מאכט שפאס פון דעם סאציאליזם, וועלכען אונזער צייטונג האט געפרעדיגט, פלעג איך מיט איהם פארציהען א דעבאטע און פאר־לירען צייט. אין איין פאל האב איך זאגאר פארלארען דעם אדווערטייזער אויך. איך האב זיך צוקאכט און דעם ביזנעס־מאן ערקלערט, אז ער איז א פיאווקע, וואס לעבט פון דעם ארביי־טער'ס בלוט, און האב שטאלץ ארויסגעמארשירט פון זיין סטאר.

א איד מיט'ן נאמען סאנדלער, וועלכער האט געהאלטען א שוך־סטאר אויף איסט בראדוויי לעבען ראטגערס, איז פארבליבען אין מיין זכרון, ווייל איך האב זיך מיט איהם אפט געזעהן און געהאט לאנגע שמועסען מיט איהם. ער פלעגט מיך פאנאנדער־פרעגען ווי אזוי מענשען וועלען לעבען אהן געלט און ס'וועלען ניט זיין קיין רייכע און קיין אָרימע. דער „פלאן" איז איהם שטארק געפעלען געווען; און ער פלעגט מיך לאזען ווארטען ביז ער פלעגט אפ'פטר'ן א קאסטאמער, כדי ווייטער צו הערען ווע־גען די סאציאליסטישע משיח'ס־צייטען; אבער מעהר ווי איין דאלאר האב איך ביי איהם פאר זיין אדווערטייזמענט ניט גע־קענט ארויסקריגען.

ווען עס איז ערשינען אונזער דריטער נומער, האבען זיך באוויזען קאנקורענטען. עס זיינען געקומען צוויי יונגעלייט מיט אכט הונדערט דאלאר, וואס זיי האבען אפגעספארט, ארבייטענ־

דיג אין אמעריקאנער פעקטאָרים, און זיי האָבען געגרינדעט א ראדיקאלע וואָכען־בלאט מיט מאָזעס מינץ און אבעל ברעסלאוו־סקי אלס רעדאקטאָרען. דער נאָמען פון זייער צייטונג איז געווען „פאָלקס־צייטונג“. זיי האָבען געגרינדעט אן אייגענע דרוקעריי און האָבען פארנומען א גאנצען פלאָר. זייער צייטונג איז געווען פיל גרעסער ווי אונזערע, און זיי האָבען אָנגענומען דרוק־ארבייט פון אנדערע אויך.

ווען מיר וואָלטען געקענט קריגען עטליכע הונדערט דאלאר די צייטונג צו שטיצען די ערשטע מאָנאטען, וואָלט די „נייע צייט“ די קאָנקורענץ מסתמא אויסגעהאלטען. מיר האָבען אָבער ניט פארמאָגט קיין סענט. יעדע וואָך האָבען מיר געהאט שווער צו קעמפען איידער מיר האָבען געקראָגען צו באצאָלען דעם דרו־קער. ער איז געווען א גאנץ פריינדליכער מענש; אָבער ער איז אליין ניט געווען קיין רייכער. מיט די גרעסטע שווערינקייטען און אנגסטען האָבען מיר דערצויגען ביז דעם פערטען נומער.

ביי די שניידער איז דאן פאָרגעקומען א סטרייק און די יוניאָן האָט אונזער צייטונג געוואָלט שטיצען, אָבער נעהמען שטיצע פון אן ארבייטער־אָרגאניזאציע האָבען מיר געהאלטען פאר א פארברעכען; מיר האָבען נאָר גענומען פאר די אנאָנסען, וואָס די יוניאָן האָט אריינגעשטעלט, אָבער דאָס האָט די „נייע צייט“ פון טויט ניט געראטעוועט.

וואָס פאר א צייטונג איז דאָס געווען? צו מיין באדויערען קען איך ניט קריגען קיין איין קאָפּיע פון דער „נייער צייט“. איך געדענק אָבער איהר פּנים און איהר אינהאלט. זי האָט ענט־האלטען די סאמע התחלה פון סאָציאליסטישער אגיטאציע. מיין ארטיקעל אין דעם ערשטען נומער איז געווען א צימליך־נאאיווער. צוזאמענבינדענדיג די ערשיינונג פון אונזער צייטונג מיט'ן שבועות, האָב איך גערעדט וועגען מתן־תורה; איך האָב די אידי־שע ארבייטער געזאָגט, אז די סאָציאליסטישע געדאנקען, וועלכע מיר וועלען זיי ערקלערען, דארפען זיין זייער תורה. אלזאָ, איז אונזער צייטונג א נייע מתן־תורה.

אויסער מיינע און ראיעווסקי'ס ארטיקלען, האָט דער ערש־

טער נומער ענטהאלטען אן ארטיקעל פון אלעקסאנדער הארקאווי וועגען „די ארבייטער אין משה רבינו׳ס צייטען". א פעליעטאָן אין דיזען נומער האָט ענטהאלטען א סאָציאליסטישען משל מיט א נמשל.

די גאנצע אידישע צייטונגס־ביזנעס איז דאן געווען זעהר ווייניג ענטוויקעלט. די „קאפיטאליסטישע פרעסע" פון דעם אידישען קווארטאל איז געווען „די גאזעטען" — די מוטער פון „טאגעבלאט". מיט א קורצער צייט פריהער איז ערשינען א צווייטע אידישע צייטונג, אויך א „קאפיטאליסטישע". איהר נאָמען געדענק איך ניט. זיי זיינען ביידע געווען פון דעם זעלבען סאָרט: אָרטאָדאָקסיש און קליין־שטעדטעלדיג. די שפראך איז געווען אָנגעפיקעוועט מיט „דייטשמעריש" און מיט שטיקלעך גמרא. ביידע זיינען געווען וואָכען־בלעטער. פון א טעגליכער אידישער צייטונג האָט זיך נאָך דאן קיינעם ניט גע׳חלום׳ט.

שפעטער אביסעל איז ערשינען א דריטע אידישע צייטונג, אויך א וואָכען־בלאַט. אויף די סטענדס האָט מען איהר ניט געקענט געפינען. די אורזאכע דערפון איז געווען דער כאראק־טער פון איינינע פון איהרע אדווערטייזמענטס. דער רעדאקטאָר און בעל־הבית האָט איינגערעדט קריסטליכע פירמעס, אז ער קען זיי געבען א „הכשר" אויף אזא סחורה ווי שיך אָדער סאָס־פענדערס און ער האָט ווירקליך געדרוקט אן אדווערטייזמענט, אז די סאָספענדערס פון א געוויסער פירמע זיינען אָנערקענט פון רבנים אַלס „כשר׳ע". ער פלעגט אָפדרוקען נאָר א קליינע צאָהל קאָ־פיעס אזעלכע — נאָר פאר די אדווערטייזערס. אין די קאָפיעס, וואָס ער פלעגט שיקען זיינע אידישע אדווערטייזערס, האָבען זיך דיזע „הכשרים" ניט געפונען. „אידישע" קאָפיעס האָט ער סתם ווייניג געדרוקט. זיין הויפט איינקונפט איז געקומען פון די ניט־אידישע.

די „פאָלקס־צייטונג" איז געווען אַ ראדיקאַלע ארבייטער־צייטונג. זי האָט עקזיסטירט לענגער ווי די „נייע צייט", אבער אויך ניט זעהר לאנג — ניט מעהר ווי א יאָהר דריי.

אב. קאהאן. — פאטאגראפירט אין 1885.

נײנטער קאַפּיטעל.

צװײ שטורמדיגע יאָהרען.

.1

די שיקאַגאָ'ער באָמבע.

אין דעם יאָהר 1886 זײנען אין די פאַראײניגטע שטאַאטען פאָרגעקומען צװײ געשעהעניש׳ען,װעלכע האָבען אױפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד און סאָציאַליסטען בפרט. אײנע האָט פּאַסירט אין שיקאַגאָ; די אַנדערע אין ניו יאָרק. צװײ גאַנץ פאַרשידענע געשעהעניש׳ען זײנען זײ געװען; זײ זײנען אָבער ארױסגעװאַקסען פון דעם זעלבען װאָרצעל: פון אַ פּראָטעסט־גײסט, װעלכער האָט זיך אױסגעדריקט אין אַ שאַרפער באַװעגונג פאַר אַן אַכט־שטונדיגען ארבײטס־טאָג.

אין שיקאַגאָ איז דעם דריטען מאַי פון יענעם יאָהר געפאַלען אַ באָמבע אױף פּאָליס־לײט, אין דעם מאָמענט, װען זײ האָבען אָפּגעשטעלט אַן „אָפּען־עער" ארבײטער־מיטינג. נײן אַנאַרכיסטען זײנען ארעסטירט געװאָרען אױף דער באַשולדיגונג אין מאָרד, און זיבען פון זײ האָט מען פאַראורטײלט צום טױט. און אין ניו יאָרק, צום ענדע פון יענעם זומער, האָבען די ארבײטער אָנגעפיהרט אַ מערקװירדיגען װאַהל־קאַמף פאַר אַ באַריהמטען מאַן, װעמען זײ האָבען ארױסגעשטעלט אַלס זײער קאַנדידאַט פאַר מעיאָר — אַ קאַמף, מיט װעלכען עס האָט גע'רעש'ט ניט װײניגער װי מיט דער שיקאַגאָ'ער באָמבע.

בײדע פּאַסירונגען האָבען איבערגעלאָזען אַ טיפען אײנדרוק אױף מיר. אױף אַן אינדירעקטען שטײגער האָבען זײ געמאַכט

אַ; איבערקעהרעניש אין מיינע געדאנקען און מיר געהאָלפען קומען צו קלאָרע איבערציינונגען. איך וועל בקיצור איבערגעבעןביידע היסטאָרישע פאַקטען.

דער יאָהר 1886 איז געווען אַ יאָהר פון ארבייטסלאָזיגקייט. מאַסען אַמעריקאַנער ארבייטער זיינען ארומגעגאַנגען אָהן באַשעפטיגונג. דערצו נאָך האָבען אויף פילע פאַבריקען, וואו עס איז יאָ געווען ארבייט, זיך אָנגעפאַנגען סטרייקס. צווישען די דייטשע ארבייטער פון שיקאַגאָ איז דאַן געווען אַנטוויקעלט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט ארויסגעשפּראָצט פון די אויבענדערמאָנטע „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע קלאָבס“. דער הויפּט פיהרער פון דיזער באַוועגונג איז געווען אוגוסט שפּיעז, אַ יונגער דייטש, וועלכער האָט אַ חוץ זיין מוטער־שפּראַך, געקענט אויסגעצייכענט ענגליש, און איז געווען אַ גוטער רעדנער אויף ביידע שפּראַכען. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער שיקאַגאָ׳ער דייטשער „ארבייטער־צייטונג“ און דער לייטענדער גייסט פון דער גאַנצער באַוועגונג.

שפּיעז און עטליכע אַנדערע דייטשען און אַן אַמעריקאַנער מיט׳ן נאָמען אַלבערט פּאַרסאָנס, האָבען גענומען אַ לעבהאַפטען אַנטייל אין דער אַכט־שטונדיגער באַוועגונג. פּאַרסאָנס איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דעם ענגלישען אַנאַרכיסטישען אָרגאַן „אַלאַרם“ (דער וועקער), וועלכער איז אויך ערשינען אין שיקאַגאָ. ער און שפּיעז און עטליכע אַנדערע אַנאַרכיסטען פלעגען געהן פון מיטינג צו מיטינג און האַלטען רעדעס פאַר דעם אַכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג.

איין מיטינג אַזעלכער איז אין שיקאַגאָ פאָרגעקומען לעבען אַ פעקטאָרי, וואו עס איז דאַן געווען אַ סטרייק און וואו עס האָבען געארבייט איינינגע סקעבס. דאָס איז געווען דעם דריטען מאַי, 1886. עס איז ארויסגעקומען אַ צוזאַמענשטוים צווישען די סקעבס און די סטרייקערס. עס האָט זיך באַוויזען פּאָליציי און זי איז באַגעגענט געוואָרען מיט שטיינער. דאַן האָבען די פּאָליסלייט גענומען שיסען. זעקס מענשען זיינען געפאַלען טויט און פילע זיינען פארוואונדעט געוואָרען.

שפּיעז האָט דאַן ארויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע, וועלכע

האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דעם אויסגעשריי: „נקמה!“ ער האָט אויפגעפאָדערט די ארבייטער זיך צו באוואפענען און זיך צו באשיצען געגען אטאַקעס.

א ספּעציעלער מאַס־מיטינג איז גערופען געוואָרען פאַר דעם נעקסטען אָוענט מיט דעם צוועק צו פאַרדאַמען דעם זעקס־פאַ־כיגען מאָרד. דער מיטינג האָט שטאַטגעפונען אויף דעם העי־מאַרקעט סקווער. עס איז זיך צוזאַמענגעקומען אַן אונגעהויערע מאַסע מענשען. די רעדעס זיינען געהאַלטען געוואָרען פון שפּיעז׳ען, פּאַרסאַנ׳ען און אַן ענגלישען אַנארכיסט מיט׳ן נאָמען פיעלדען. דער מעיאָר פון שיקאַגאָ, קאַרטער ה. העריסאָן, איז ספּעציעל געקומען אויף דער פאַרזאַמלונג; וואָרים מען האָט זיך געריכט אויף אַ ראַיאָט, און ער האָט געוואָלט זעהן וואָס דאָ וועט זיין. נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט אַ פּאָר פון די רעדעס, איז ער אַוועק, ערקלעהרענדיג דער פּאָליציי, אַז די רע־דעס זיינען ניט קיין געפעהרליכע. ביסלעכווייז האָט זיך דער עולם גענומען צוגעהן.

עס איז געבליבען נאָר אַ קליינער קראַוד. די רעדעס זיינען פאָרטגעזעצט געוואָרען, אַלץ אין דעם זעלבען „ניט־געפעהרליכען“ טאָן ווי פריהער. פּלוצלינג האָט זיך באַוויזען אַ גאַנצע מחנה פּאָליס־לייט און זייער קעפּטעין האָט דעם מיטינג צוטריבען. פיעלדען האָט דאַן געהאַלטען אין ריידען. ער האָט פּראָטעסטירט צום קעפּטעין פאַרוואָס ער פאַרווערט די פאַרזאַמלונג.

„מיר זיינען דאָך פרידליך“, — האָט ער געזאָגט. אין דעם זעלבען מאָמענט האָט געפּלאַצט אַ באָמבע. איין פּאָליס־מאַן איז געפאַלען טויט און עטליכע זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען.

די פּאָליציי האָט דאַן גענומען שיסען רעכטס און לינקס און איינינגע פון די אנוועזענדע ארבייטער האָבען געענטפערט מיט זייערע פּיסטאָלעטען. עס זיינען געווען טויטע און פאַר־וואונדעטע פון ביידע זייטען. זיבען פּאָליס־לייט זיינען געפאַלען טויט און זעכציג זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען; און פון די אר־בייטער זיינען געפאַלען פיער טויטע און ארום פופציג זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען.

ווער עס האט געווארפען די באמבע האט מען ניט גע־וואוסט און מען ווייס עד־היום ניט.

מארים הילקוויט אין זיין „געשיכטע פון סאציאליזם אין די פאראייניגטע שטאאטען" דערצעהלט דאס פאלגענדע:

„רודאלף שנאבעלד, איינער פון די, וואס זיינען ארעסטירט געווארען צוליב דער באמבע, און וועלכער איז אנטלאפען אין איירא‍פא, איז א לאנגע צייט באטראכט געווען אלס דער מאן, וואס האט די באמבע געווארפען; אבער זייענדיג שוין אין איי־ראפא, האט ער דאס מעהרערע מאל אפגעלייקענט. פילע האבען געגלויבט, אז די באמבע האט געווארפען א פראוואקאטאר, וועל־כער איז געווען אנגעשטעלט פון די קאפיטאליסטען און פון דער פאליציי מיט דעם צוועק דורך דיזער געשיכטע צוצוברעכען די אכט־שטונדען־באוועגונג."

יעדענפאלס בלייבט די געהיימניס א געהיימניס ביז היינ־טיגען טאג. די פאליציי האט דאן ארעסטירט די פאלגענדע אנארכיסטען: אוגוסט שפיעז, אלבערט פארסאנס, סעמיועל פיעלדען, מייקעל שוואב, אדאלף פישער, דזשארדזש ענגעל, לואי לינג, אסקאר נעבע, רודאלף שנאבעלד, און וויליאם זעלינגער. די קלאגע געגען זיי איז געווען, אז זיי זיינען שולדיג אין דעם טויט פון דעם פאליס־מאן, וועלכער איז געפאלען פון דער באמבע (דעם פאליס־מאן'ס נאמען איז געווען דעגען). שנאבעלד, ווי מיר האבען געזעהן, איז אנטלאפען. זעלינגער, ווידער, איז איבער־געגאנגען צו דער פאליציי אלס עדות געגען די אנארכיסטען און מיט דעם האט ער געוואונען זיין לעבען און פרייהייט.

דער טרייעל איבער די אכט אנארכיסטען האט זיך אנגע־פאנגען דעם 21טען דזשון, 1886. דער ריכטער איז געווען דזשאזעף ע. גערי. דער טרייעל האט געדויערט ניין־און־פערציג טעג. לויט דער באשולדיגונג איז די באמבע געווען די פרוכט פון דער אגיטאציע, וואס די אנגעקלאגטע האבען אנגעפיהרט; אז זיי האבען אויפגעהעצט דעם עולם צו באגעהן מארד און אז דעגען'ס טויט איז געווען א רעזולטאט דערפון.

פון א געזעצליכען שטאנדפונקט איז די באשולדיגונג געווען געגרינדעט אויף א פשוט'ען אונזין. ווארים דער

געזעץ געפאָדערט, אז מען זאָל באווייזען, דאָס דער מערדער איז דעם פאַרברעכען באַגאַנגען אונטער דעם איינפלוס פון די באַשולדיגטע. אלזאָ, איז נויטיג געווען פריהער פון אלץ צו ענטדעקען ווער עס האָט געוואָרפען די באָמבע. אויב ניט, איז דאָך אונמעגליך צו באווייזען, אז ער האָט דאָס געטאָן אונטער דעם איינפלוס פון די ארעסטירטע. און ווער דער באָמבע־וואַרפער איז געווען האָט מען ניט געהאַט קיין באגריף.

דער ריכטער איז אָפען געווען פּאַרטייאיש געגען די אָנגעקלאָגטע. לאָיערס, וואָס האָבען זאָגאר ניט סימפּאַטיזירט מיט די אנארכיסטען, זיינען געווען אויפגעבראַכט פון דעם שטייגער ווי ער האָט געפיהרט דעם פּראָצעס. א ליסט פון קאַנדידאַטען צו דער דזשורי האָט ער געהייסען צוזאַמענשטעלען אויף אַן אונגעזעצליכען אופן. און די דזשורי גופא איז אויסגעקליבען געוואָרען אויף אַזאַ ארט, אז מען האָט גלייך געזעהן, דאָס די צוועלף מאַן זיינען געגען די אָנגעקלאָגטע. קיינע פּראָטעסטען פון די לאָיערס האָבען ניט געהאָלפען.

די קאַפּיטאַליסטען פון שיקאַגאָ און פון גאַנץ אמעריקאַ האָבען געפאָדערט בלוט, און דער טרייעל האָט זיך געענדיגט לויט זייער וואונש. זיבען פון די אָנגעקלאָגטע זיינען פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט און איינער צו פופצעהן יאָהר געפענגניש.

מיט וואָס די דראַמע האָט זיך געענדיגט וועלען מיר זעהן ווייטער.

2.

א נייעס אין דער געשיכטע פון ניו יאָרקער וואהל־קעמפּיינס. — דער הענרי דזשאָרדזש קעמפּיין. — די הענרי דזשאָרדזש טעאָריע.

די ניו יאָרקער פּאָסירונג איז פאָרגעקומען ענדע זומער פון דעם זיבּעצען יאָהר (1886). דאָס איז געווען א ריין פּאָליטישע געשעהעניש. אבער ווי מיר האָבען שוין געזאגט, האָט מיט

איהר געשטורעמט איבער'ן לאנד ניט ווייניגער ווי מיט דער שיקאגא'ער באמבע.

רופט אן דעם יאהר 1886 פאר אן אלטען ניו יארקער, און ער וועט זיך גלייך דערמאנגען אן הענרי דזשארדזש'ן מיט זיין קעמפיין פאר מעיאר. חויפטזעכליך וועט אזוי זיין, אויב דער אלטער ניו יארקער איז א פאליטישען אדער א קאטוילישער גלח, אדער א מעניש פון א פונקט־פארקערטען סארט — א סאציא־ליסט אדער אן אנארכיסט. א מערקווירדיגער נערודער האט זיך פאנאנדערגעשפרייט. א נייער מין געשרייען האט זיך געהערט ביי דעם וואהל־קאמף; נייע סצענעס האבען זיך באוויזען, נייע געפיהלען זיינען ארויסגערופען געווארען.

געוועהנליך פלעגט אן אמעריקאנער וואהל־קאמף פארקומען צווישען די צוויי קאפיטאליסטישע פארטייען, די דעמאקראטישע און די רעפובליקאנישע. אמאל פלעגט די ניו יארקער ארגאני־זאציע פון די דעמאקראטען צושפאלטען ווערען אויף צוויי פיינד־ליכע לאגערען און דאן פלעגען ביי די שטאדט־וואהלען זיין דריי קאפיטאליסטישע פארטייען. אבער דאס האט דעם כאראקטער פון דעם וואהל־קאמף ניט געענדערט, ווארים די פיהרער און קאבלעפעל זיינען אלע געווען די זעלבע פאליטישע טיפען. עס האט ניט אויסגעמאכט צו וועלכער פארטיי זיי האבען געהערט. כמעט אלע האבען זיי געהאט די זעלבע שטרעבונג — צו בא־ראבעווען די שטאדט.

דיזען מאל איז געווען א גאנץ אנדער ערשיינונג. עס איז געווען אן ערנסטער צוזאמענשטויס צווישען צוויי צדדים: איין צד איז באשטאנען פון די רייכע און זייערע קארופטע פאליטישע משרתים, און דער אנדערער צד — פון די אמעריקאנער ארביי־טער־יוניאנס און געבילדעטע פארשטעהער פון יושר און אנ־שטענדיגקייט. עס איז געווען א ק ל א ס ע ן ־ ק א מ ף. אזוי האבען איהם אנגערופען ביידע צדדים און אלס אזעלכער איז ער אנגעפיהרט געווארען.

אז עהרליכע בירגער זאלען ארויסטרעטען מיט זייערע א קאנדידאט נעגען די פארדארבענע פאליטישענס — דאס האט

פאַר דעם יאָהר 1880 אויך געטראָפען. אָבער פריהער האָבען אזעלכע ארויסטרעטונגען קיין ממשות ניט געהאט. דער עולם האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט זיי; די פרעסע האָט זיי פאַר־שוויגען — ניט ווייל מיט'ן שווייגען האָט זי געוואָלט דערשטיקען זייער מאַכט (עס איז ניט געווען וואָס צו דערשטיקען), נאָר פשוט ווייל די ארויסטרעטונגען האָבען קיין באַדייטונג ניט גע־האַט אלס צייטונגס־מאַטעריאל *).

גאַנץ אנדערש איז געווען דיזען מאָל. די שטאָדט האָט גע־פלאַקערט מיט דער קאַנדידאַטור פון הענרי דזשאָרדזש. עס איז געווען א וויכטיגע נייעס. אלזאָ האָבען די צייטונגען גע־דרוקט גאַנצע קאָלומס וועגען זיינע מיטינגען און יעדען וואָרט פון די אָפענע בריף, וואָס ער האָט געשריבען צו זיין הויפט־געגנער.

די שטאָדט איז געווען צוטיילט אויף צוויי מחנות — פאַר דזשאָרדזש'ען און געגען דזשאָרדזש'ען. און דער קעמפיין איז געווען ניט א פאַיט צווישען צוויי פּאַרטייען, וועלכע רעפּרעזענ־טירען אייגענטליך די זעלבע קאַרופּטע אינטערעסען, ווי געוועהנ־ליך אין אמעריקאַנער קעמפּיין, נאָר א שטרייט צווישען פּאָליטי־שער ריינקייט און קאָרופּציאָן, און צו דער זעלבער צייט אויך צווישען ארבייט און קאַפּיטאל.

גאַנץ אמעריקא איז געווען פאַראינטערעסירט. באַריכטען פון ניו יאָרקער שטאָדט־קעמפּיין זיינען געווען געדרוקט אין אלע צייטונגען פון לאַנד.

הגם דזשאָרדזש איז ניט געווען קיין סאָציאַליסט, האָבען זיך פונדעסטוועגען אלע סאָציאַליסטען אריינגעוואָרפען אין זיין קעמפּיין. און הגם איך האָב געמיינט, אז איך בין מעהר אנאַר־כיסט ווי סאָציאַליסט, און הגם דער אנארכיזם איז געגען וואַה־לען, פונדעסטוועגען האָב איך אין דיזען קעמפּיין געאַרבייט מיט אלע כוחות. איך האָב געזעהן מיין ווידערשפּרוך. איך האָב זיך

*) עס האָט שוין אמאָל פּאַסירט, אז גרויסע מאַסען האָבען זיך באַטהיי־ליגט אין א ניו יאָרקער וואַהל־קאַמף אלס אַרבייטער. דאָס איז אָבער געווען מיט פיעלע יאָהרען פריהער, ווען פון קיין ארבייטער־באַוועג־ונג אין דעם היינטיגען זין האָט מען נאָך ניט געוואוסט.

אָבער ניט געקענט העלפען; איך האָב געפאָלגט מיינע געפיהלען, ניט מיינע איבערצייגונגען. ריכטיגער געזאָגט, קיין איבערצייגונגען האָב איך נאָך דאַן איינענטליך ניט געהאַט. און ביי זיך אין הארצען האָב איך דאָס געוואוסט גאַנץ קלאָר. איך פלעג אָפט זיך באַקלאָגען פאַר זיך אליין, אַז ביי מיר אין קאָפּ איז אַ „סומבור" ווי איך פלעג דאָס אויסדריקען אויף רוסיש — אַ מישענינע.

דער דזשאָרדזש־קעמפיין האָט מיר אָבער געהאָלפען דיזען „סומבור" פאַנאַנדערטרייבען. פאַר מיין פּאָליטישער ערציהונג האָבען יענע עטליכע מאָנאַטען געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג.

העענרי דזשאָרדזש, דער פאַרפאַסער פון דעם בוך „פּראָגרעס ענד פּאָווערטי" („פאָרטשריט און אָרימקייט") איז דאַן געווען אויף דעם העכסטען שטאַפּעל פון זיין פּאָפּולערקייט; די טעאָריע, וואָס ער האָט געפּרעדיגט, האָט געהאַט אָנהענגער ניט נאָר אין אַמעריקא, נאָר אויך אין איירּאָפּא (איינער פון זיי איז געווען לעוו טאָלסטאָי). סאָציאַליסטען האָבען זיך צו דיזער טעאָריע פאַרהאַלטען מיט אַ איראָנישען שמייכעל. אָבער דאָס האָט זיי ניט געשטערט צו נעהמען אַן ענערגישען און באַגייסטערטען אַנטייל אין זיין קעמפּיין, וואָרים אין דיזען קאַמף האָט ער ניט רעפּרעזענטירט זיין טעאָריע, נאָר די אָרגאַניזירטע ארבייטער.

אַלס טעאָריע איז ביי דזשאָרדזש'ען די לאַנד־פראַגע געווען די פראַגע פון אַלע פראַגען, דער ענין פון אַלע ענינים. באַפרייט די לאַנד פון די לענד־לאָרדס און אויף דער וועלט וועט קיין אָרימקייט ניט זיין! — דאָס איז געווען דער עיקר פון זיין לעהרע.

דאָס הייסט ניט, אַז ער האָט געפאָדערט, מען זאָל טאַקע אַוועקנעהמען ביי די לענד־לאָרדס זייער לאַנד. ער האָט געגלויבט, אַז מען קען דאָס מאַכען דורך אַ זייטיגען מיטעל. זיין פּלאַן באַשטעהט אין פאָלגענדען: אָפּשאַפען אַלע טעקסעס, צינזען, אויסער איינעם — דעם טעקס אויף לאַנד. און דיזער טעקס זאָל זיין אַזוי הויך ווי דער ווערט פון דעם שטיקעל לאַנד, וואָס איינער האָט. אויב דער ווערט פון אַ געוויסען שטח ערד וואַקסט אויף, זאָל די רעגירונג גלייך אויפהויבען דעם טעקס אַזוי הויך,

אז ביי דעם לענד־לאָרד זאָל גאָרניט בלייבען. ווען דער פּרייז פון א „לאָט“ ווערט פאַרגרעסערט דורך דעם, למשל, וואָס אין יענעם געגענד איז אויפגעוואַקסען די באַפעלקערונג, אָדער דורך דעם, וואָס די ביזנעס פון דער סטריט איז פאַרגרעסערט געוואָרען, רופט דזשאָרדזש דאָס אָן „א ניט־פאַרדינטע פאַרגרעסערונג“. אַלזאָ, פאָדערט ער, אז מען זאָל דורך טעקסעס ביי דעם לענד־לאָרד אוועקנעהמען יעדען ניט־פאַרדינטען סענט אַזעלכען. דורך דעם וועט זיך קיינעם ניט לוינען צו זיין א לענד־לאָרד אָדער צו ספּעקולירען מיט לאַנד. און דאָס וועט ברענגען א ישועה אויף דער וועלט: עס וועט אָפּשאַפען רויבעריי און אָרימקייט.

דאָס איז דער גרונד־געדאַנק פון הענרי דזשאָרדזש׳ס לעהרע.

אַזוי ווי לויט זיין טעאָריע דאַרף עקזיסטירען נאָר איין סאָרט טעקסעס, אויף לאַנד, איז זי באַקאַנט אונטער׳ן נאָמען „סינגעל־טעקס טעאָריע“, די לעהרע וועגען אַן איינציגען טעקס; און איהרע אָנהענגער רופט מען „סינגעל־טעקסערס“.

די סאָציאַליסטען האָבען אונטערשטיצט דזשאָרדזש׳ס קאַנדידאַטור אויף מעיאָר, אָבער ניט זיין סאָציאַלע טעאָריע.

.3

סענטראַל לייבאָר יוניאָן. — דייטשע סאָציאַליסטען און זייער איינפלוס.

ווען מען זאָל היינט זאָגען, אז די ניט־אידישע אַמעריקאַנער יוניאָנס פון ניו יאָרק האָבען זיך פאַראייניגט ארויסצושטעלען א קאַנדידאַט אויף מעיאָר געגען די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, וואָלט דאָס אויסגעקומען אונגלויבליך. אָפיציעל מישען זיי זיך ניט אין פּאָליטיק; פּריוואַט אָבער ארבייטען זיי כמעט אַלע פאַר די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. הויפּטזעכליך פאַר טאַמאַני האָלל. ווען איהר רעדט מיט זייערע לידערס וועגען וואָוטס פאַר ספּעציעלע ארבייטער־קאַנדידאַטען, זאָגען זיי אייך: „ניין, דאָס טאָר מען ניט פּרעדיגען! די יוניאָנס דאַרפען זיך אין פּאָליטיק ניט מישען! פאַר וועלכער פּאַרטיי איינער זאָל שטימען, דאָס איז זיין פּריוואַט זאַך“. און דאָך, מיט פערציג יאָהר

צוריק האָבען די אמעריקאנער יוניאָנס פון ניו יאָרק ארויס־געשטעלט א קאנדידאט נעגען דער דעמאָקראטישער „טאַ־מאני־האָלל“, געגען א צווייטער דעמאָקראטישער אָרגאניזאציע, וואָס האָט זיך גערופען „קאונטי דעמאָקראסי“, און אויך געגען דער רעפובליקאנישער פּארטיי — נעגען אַלע קאפּיטאליסטישע פּאָליטישע קערפּערשאפטען פון שטאָדט.

הענרי דזשאָרדזש איז דאָס געווען זייער קאנדידאט פאַר מעיאָר. זיי האָבען איהם ארויסגעשטעלט ערנסט און זיי האָבען פאַר איהם געארבייט ערנסט.

דער לעזער ווייס שוין, אז די טריידיוניאָנס פון ניו יאָרק זיינען דאן געווען פאראייניגט אין א צענטראלער אָרגאניזאציע, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען „סענטראל לייבאָר יוניאָן“. אונטער דיזען נאָמען איז זייער פאראייניגונג געבליבען פילע יאָהרען (שפּעטער איז דער נאָמען צוויי מאָל געענדערט גע־וואָרען).

די דאמאָלסדיגע פיהרער פון דער „סענטראל לייבאָר יוניאָן“ זיינען נעקומען צו דער איבערצייגונג, אז די ארבייטער מוזען אריינגעהן אין פּאָליטיק אלס ארבייטער, אום פּאָליטיש צו פאַר־טיידיגען זייערע אינטערעסען. זיי זיינען געקומען צו דער אי־בערצייגונג, אז צו קעמפען עקאָנאָמיש אליין איז ניט גענוג, ווייל האָבענדיג די פּאָליטישע מאכט, קענען די קאפּיטאליסטען פאַר־ניכטען אלץ, וואָס די ארבייטער זיינען אימשטאנד אויפצוטאָן פאַר זיך דורך זייערע עקאָנאָמישע יוניאָנס. די קאפּיטאליסטישע פּאָליטישענס קענען, צום ביישפּיל, שיקען פּאָליס־לייט און מיליץ נעגען סטרייקערס; זיי קענען דורכפיהרען געזעצען, וועלכע זאָ־לען לייגען שטיינער אין וועג פון דעם טריידיוניאָניסטישען קאמף. אלזאָ, האָט די „סענטראל לייבאָר יוניאָן“ גלייך ביי איהר געבורט נאָמינירט קאנדידאטען צום קאָנגרעס, צו דער אססעמבלי און צו דער באארד אָוו אָלדערמען פון ניו יאָרק. דאָס איז גע־ווען אין הערבסט פון דעם יאָהר 1882 (איך בין דאן געווען בלויז עטליכע מאָנאט אין לאנד, און האָב פון דיזען פּאָליטישען

פאַקט אפילו ניט געהערט. ווענען דעם קליוולענד־פאַלדזשער קאַמפּיין אויף גאָווערנאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין דעם זעלבען יאָהר, האָב איך שוין געלעזען און זיך אינטערעסירט מיט איהם, אָבער ווענען די ארבייטער־קאַנדידאַטען אויף קאָנגרעס, אססעמבלי און באָארד אָוו אָלדערמען — ניט. ווענען זיי האָט מען ניט גערעדט. די אמעריקאַנער פּרעסע האָט זיך מיט זיי ניט אינטערעסירט. די „פאָלקס־צייטונג" האָט, נאַטירליך, געשריבען ווענען זיי, אָבער ניט גענוג צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון אזא „גרינעם" ווי איך בין דאַן געווען).

די ארבייטער־פיהרער האָבען געגלויבט, אז די גרויסע מאַסען אמעריקאַנער ארבייטער וועלען זיך אָפּרופען און אין עלעקשאָן־טאָג וועלען זיי שטימען פאַר זייערע אייגענע קאַנדידאַטען. אויף מאָרגען נאָך עלעקשאָן האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, אז דאָס איז געווען א ביטערער טעות. די צאָהל שטימען, וואָס די ארבייטער האָבען דאַן געגעבען פאַר זייערע קאַנדידאַטען, איז געווען אזוי קליין, אז עס האָט נאָר ארויסגערופען געלעכטער.

אין די נעקסטע פיער יאָהר האָט זיך די „סענטראַל לייבאָר יוניאָן" אין פּאָליטיק ניט געמישט. דער איינדרוק איז געווען, אז די ארבייטער ווילען ניט, אז זייערע יוניאָנס זאָלען זיך באַשעפטיגען מיט אזעלכע זאַכען.

עס האָט געהייסען אזוי: יעדער ארבייטער האָט זיך זיין פּארטיי, אזוי ווי ער האָט זיך זיין רעליגיאָן; און פונקט ווי ער וואָלט ניט וועלען ליידען, אז זיין יוניאָן זאָל איהם זאָגען א דעה צו וועלכען גאָט צו דאַווענען, אזוי וויל ער ניט ליידען, אז זיין יוניאָן זאָל איהם זאָגען א דעה פאַר וועלכער פּארטיי צו שטימען. אי די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען צוברעכען זיינע סטרייקס? אי, שטימענדיג פאַר זיי, פאַרגרעסערט ער די מאַכט פון זיינע שונאים? — האָט זיך אָבער דער אמעריקאַנער ארבייטער אזעלכע פראַגען ניט געשטעלט; און צו די וואָס האָבען זיי יאָ געשטעלט, האָט ער זיך ניט צוגעהערט.

אין דער „סענטראַל לייבאָר יוניאָן" זיינען אָבער געווען

מענשען,וועלכע האָבען די זאַך פאַרשטאַנען בעסער און זיי האָבען ניט אויפגעהערט אָנצופיהרען זייער אַגיטאַציע.

מען דאַרף באַמערקען, אַז די פיהרער פון די דייטשע יוניאָנס האָבען אין דיזער „סענטראַל לייבאָר יוניאָן" געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע און דיזע דייטשע יוניאָנס זיינען געווען שטאַרק דורכגעדרונגען מיט סאָציאַליסטישע אידעען. די דייטשע באַפעלקערונג אין ניו יאָרק איז דאַן געווען גרויס, וואָרים די אימיגראַציע פון דייטשלאַנד נאָך אַמעריקאַ איז געווען גרויס, און דיזע אימיגראַציע האָט אריינגעבראַכט אַ סך סאָציאַליסטען. זיי האָבען דאָס געגרינדעט די דייטשע „פאָלקס־ציימונג" און אונטער זייער איינפלוס איז דער סאָציאַליזם צווישען די דייטשע אַרבייטער אין ניו יאָרק געווען שטאַרק פאַרשפּרייט. אַלזאָ, האָבען די דייטשע מיטגלידער פון דער „סענטראַל לייבאָר יוניאָן" געהאַט אַ וויכטיגען איינפלוס. זיי זיינען אָבער ניט געווען די איינציגע. עס זיינען דאַן געווען אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָניסטען, וואָס האָבען אויך געפיהלט די נויטווענדיגקייט פון אַן אַרבייטער־פּאַרטיי ביי די וואַהלען, הגם קיין סאָציאַליסטען זיינען זיי ניט געווען.

געוויסע סטרייקס האָבען געעפענט די אויגען ביי פילע אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָניסטען, וועלכע זיינען פריהער אין דיזער פראַגע געווען ווייניג פאַראינטערעסירט. די סטרייקס זיינען צושלאָגען געוואָרען דורך דער פּאָליציי און דורך אַנדערע פאַרפאָלגונגען, אין וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע מאַכט האָט געברויכט איהר אייזערנע האַנד. פילע אַרבייטער האָבען זיך איבערצייגט, אַז כל זמן די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען וועלען האָבען די רעגירונג אין זייער האַנד, וועט יעדער סטרייק זיין געשטערט.

מען איז אַלץ מעהר געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז דער פּאָליטישער קאַמף איז פאַר דעם אַרבייטער פּונקט אַזוי נויטיג ווי דער עקאָנאָמישער. ציל־באַוואוסט אויף'ן סאָציאַליסטישען שטייגער זיינען געווען נאָר די דייטשע דעלעגאַטען פון דער „סענטראַל לייבאָר יוניאָן"; אָבער דעם קלאַסען־קאַמף־גייסט פון דער באַוועגונג האָבען אפילו די ניט־דייטשע דעלעגאַטען אויך געפיהלט.

.4

אָנהויב פון דעם הענרי דזשאָרדזש קעמפּיין. — דער „לידער". — יוּאיט. — אַ דעבּאַטע דורך בּריף. — טהעאָדאָר רוזוועלט.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אויף אַ מיטינג פון דער „סענטראַל לייבּאָר יוניאָן" איז אַפּאָינטעד געוואָרען אַ קאָמיטע אויסצואַרבּייטען אַ פּלאַן וועגען אַריינגעהן אין פּאָליטיק. די קאָמיטע האָט שפּעטער אָפּגעגעבּען איהר בּאַריכט, און עס איז פאַררופען געוואָרען אַ קאָנפערענץ, צו וועלכער מען האָט צוגעלאָזען נאָר אַרבּייטער־דעלעגאַטען.

די קאָנפערענץ האָט שטאַטגעפונען אין אויגוסט. הענרי דזשאָרדזש'ס נאָמען איז געווען בּיי פילע דעלעגאַטען אויפ'ן צונג. ענדליך איז בּאַשלאָסען געוואָרען צו שיקען צו איהם אַ קאָמיטע און פרעגען צי ער וועט אָננעהמען אַ נאָמינײשאָן פאַר מעיאָר. זיין אַנטוואָרט איז געווען, אַז אויבּ דרייסיג טויזענט וואָטערס וועלען זיך אונטערשרייבּען, אַז זיי פאַרלאַנגען איהם צו האָבּען אַלס קאַנדידאַט, וועט ער אָננעהמען. ווען ער זאָל גלאַט אַזוי „לויפען" אַלס דעלעגאַט פון די אַרבּייטער, וואָלט מען זיין קעמפּיין געשאָנקען וויניג אויפמערקזאַמקייט, האָט ער ערקלעהרט. די בּירגער האָבּען אַ כּלל, אַז נאָר קאַנדידאַטען פון די גרויסע, שטאַרק־אָרגאַניזירטע, רייכע פּאַרטייען האָבּען אַ ממשות. זיי זיינען צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז ווען אַ נייע פּאַרטיי געהט אין די וואַהלען, בּאַקומט זי אַ גאַנץ קליינעם וואָוט; מען נעהמט איהר קעמפּיין ניט ערנסט. אום מען זאָל זיין קאַנדידאַטור נעהמען ערנסט, פאַרלאַנגט ער דעריבּער, אַז מען זאָל ווייזען די בּירגער פון שטאָדט, אַז הינטער איהם שטעהען וויניגסטענס דרייסיג טויזענט סיטיזענס.

זיין פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען און מען האָט אָנגעהויבּען צו קלייבּען אונטערשריפטען. דער רעזולטאַט איז געווען מעהר ווי דרייסיג טויזענט, און הענרי דזשאָרדזש איז געוואָרען דער קאַנדידאַט. עס האָט זיך גענומען קאָכען. אַלע יוניאָנס זיינען געוואָרען „בּיזי" בּיי דעם קעמפּיין נאָך איידער די קאַפּי־

סאָליסטישע פּאַרטייען האָבען ארויסגעשטעלט זייערע קאנדי־דאטען.

די סאָציאַליסטען האָבען הענרי דזשאָרדזש׳ס „סינגעל־טעקס״ פּאַרבוינגען אָן אַ זייט, און אָנגענומען זיין קאנדידאטור. דאָס זעלבע איז געווען מיט זיינע מאַסען אָנהענגער אין אַלגע־מיין. ער האָט טאַקע גערעדט וועגען דער לאַנד־פּראַגע. אָבער די גרויסע מאַיאָריטעט פון די וואָס האָבען אונטערשטיצט זיין קעמפּיין, האָט זיך מיט דיזער פראַגע ניט אינטערעסירט. מען האָט איהם אונטערשטיצט ניט צוליב זיין טעאָריע, נאָר טראָץ זיין טעאָריע. מען האָט איהם אונטערשטיצט אַלס אַ פאָרשטעהער פון ריינקייט און עהרליכקייט ביי די וואַהלען, אַלס אַ נעגענזאַץ צו דער קאָרופּציאָן און רויבעריי פון די אַנדערע פּאַרטייען. פאַר סאָציאַליסטען, ווידער, איז דער עיקר געווען דער פאַקט, אַז ער איז דער קאַנדידאט פון דעם אַרבייטער־קלאַס. אַלס אַזעלכען האָט איהם די סאָציאַליסטישע אַרבייטער־פּאַרטיי אָנגענומען. איהר דייטשער אָרגאַן „די פאָלקס־צייטונג״ האָט ענערגיש געאַרבייט פאַר איהם, און איהר זונטאָג־רעדאַקטאָר, דער טאַלאַנטפולער רוס, סערגעי שעוויטש, וועלכער איז געווען דער בעסטער רעדנער פון דער פּאַרטיי, האָט געהאַלטען אַגי־טאַציאָנס־רעדעס פאַר איהם.

דערנאָך איז געגרינדעט געוואָרען אַ טעגליכער ענגלישער אָרגאַן מיט׳ן נאָמען „לידער״, ספּעציעל צו דינען דעם דזשאָרדזש קעמפּיין. די גרינדער זיינען אייגענטליך געווען די ארויסגעבער פון דער „פאָלקס־צייטונג״, די דייטשע סאָציאַליסטען; און די רעדאַקציע און אָפּיס פון דעם „ליעדער״ זיינען געווען אין דער נעבײדע פון דער „פאָלקס־צייטונג״. פאַר דעם רעדאַקטאָר פון דעם „לידער״ האָט מען געמאַכט שעוויטש׳ן.

דער דזשאָרדזש־קעמפּיין האָט זיך אייגענטליך צופלאַסערט נאָך איידער הענרי דזשאָרדזש האָט אָנגענומען די נאָמינײשאָן.

בשעת מען האָט געזאַמעלט די אונטערשריפטען, האָט די „סענטראַל לייבאָר יוניאָן״ איהם אייננעלאַדען צו „רעוויוען״

איהר „לייבאָר־דעי“־פּאראד, דעם ערשטען מאָנטאָג אין סעפּטעמבער; און ער האָט אָנגענומען. לייבאָר־דעי איז דאַן געווען אַ נייעס. און דער טאָג איז געפייערט געוואָרען ניט נאָר פון סאָציאַליסטען, נאָר פון די קאָנסערוואַטיווע יוניאָנס אויך. אַלזאָ, האָבען אַלע ארבייטער־אָרגאַניזאַציעס יענעם טאָג געהאַט אַ גרויסען פּאראַד מיט מוזיק און מיט פאָהנען; און דאָס אַלץ איז אויסגענוצט געוואָרען אַלס אַ הענרי דזשאָרדזש דעמאָנסטראַציע.

ניט קיין הויכער, אַ פולער, מיט ברייטע שולטערען, מיט אַ פליכעוואַטע קאָפּ, מיט אַ קיילעכדיגער געזיכט און אַ געדיכטער ברוינער באָרד, איז ער געשטאַנען אויף דער פלאַטפּאָרמע, אויף יוניאָן סקווער, נייגענדיג זיך פאר די טויזענטער און טויזענטער, וואָס האָבען פארביימארשירט מיט הורא־געשרייען און אפּלאָדיסמענטען פאר איהם.

שפּעטער, ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּיציעל אָנגענומען זיין נאָמיניישאָן, האָט זיין טעטיגקייט אין דעם קעמפּיין זיך פיל פארשטאַרקט.

די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען האָבען זיך דערשראָקען. דאָס איז דייטליך געוואָרען פון דעם פאָלגענדען פאַקט: די צוויי פיינדליכע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען דאַן עקזיסטירט אין ניו יאָרק, „טאַמאַני־האָלל“ און „קאַונטי דעמאָקראַסי“, האָבען געמאַכט שלום, אום צו ארבייטען מיט פאַראייניגטע קרעפטען געגען הענרי דזשאָרדזש'ס קאַנדידאַטור.

אַלס קאַנדידאַט אויף מעיאָר האָבען זיי ארויסגעשטעלט אַ בכבוד'ען אנשטענדיגען און געבילדעטען בעל־הבית מיט'ן נאָמען אייבערעהעם ס. יואיט. ער איז געווען אַן איידעם פון דעם באַריהמטען פילאַנטראָפּ פּיטער קופּער, און איז אין קאָרופּטע „פּאָליטיקס“ קיינמאָל ניט געווען פארמישט. ער איז געווען זייער לעבעדיגער אנטוואָרט אויף דער באשולדיגונג, אַז זיי זיינען אַ קאָרופּטע געזינדעל.

און די רעפּובליקאַנער האָבען אויך אַזוי געטאָן. זיי האָבען זאָגאָר ארויסגעשטעלט אַ קאַנדידאַט, וועלכער האָט זיך פּאָפּולער געמאַכט מיט זיין קאַמף געגען אונעהרליכע פּאָליטישענס. דאָס

איז געווען ניט קיין אנדערער ווי דער צוקונפטיגער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען, טהעאָדאָר רוזוועלט. ער איז נאָך דאַן געווען א גאנץ יונגער מאַן, ער האָט אָבער שוין געצויגען אויפ־מערקזאמקייט אלס פּאָליטישער קעמפער, הגם ער האָט געהערט צו דער אריסטאָקראַטיע און די אריסטאָקראַטיע האָט זיך מיט פּאָליטיק וויינינג באשעפטיגט. ער איז געווען איינער פון די יונגע רעפּוב־ליקאנער, וואָס האָבען אָנגעפיהרט דעם „אויפשטאנד” געגען דזשיימס דזש. בלעין׳ען. ער איז דאַן געווען אַן אסעמבלימען. איצט, אַלזאָ, האָט מען איהם נאָמינירט אלס מעיאָר פון ניו יאָרק.

איבערינענס האָט דזשאָרדזש די רעפּובליקאנער קיין שאָדען ניט געקענט טאָן. די שטאָדט ניו יאָרק שטימט מייסטענס דע־מאָקראטיש. ניו יאָרקער ארבייטער האָבען אימער געוואוט פאר דעמאָקראטישע קאנדידאטען. דאָס וואָס זיי האָבען דיזען מאָל געשטיצט הענרי דזשאָרדזש׳ען, איז דעריבער געווען א געפאהר פאר די דעמאָקראטען, אָבער ניט פאר די רעפּובליקאנער. פאר זיי וואָלט פון דעם געקענט ארויסקומען א טובה: דזשאָרדזש זאָל, צום ביישפּיל, אָפּציהען א סך וואָטס פון יואיט׳ען, און פאר דזשאָרדזש׳ען אליין זאָלען די וואוטס ניט זיין גענוג אויף עלעק־טעד צו ווערען, אָבער דורך דעם זאָל אויסקומען אזוי, אז רוז־וועלט זאָל האָבען א מאיאָריטעט.

הענרי דזשאָרדזש האָט יואיט׳ען ארויסגערופען אויף א דע־באַטע. יואיט האָט געענטפערט, אז ער נעהמט ניט אָן. ער האָט דאָס אָבער געטאָן דורך אַן אָפענעם בריף אין די צייטונגען, און דאָס האָט הענרי דזשאָרדזש׳ען געגעבען א געלעגענהייט צו ענט־פערען אויך מיט אַן אָפענעם בריף אין דער פרעסע. ער האָט פאָרגעשטעלט יואיט׳ען אלס א פיהרער פון די רייכע קלאַסען און אלס קאנדידאט פון די קאָרופּטע פאליטישענס. זיינע בא־שולדיגונגען זיינען געווען אזעלכע שווערע, אז איבערלאָזען זיי אָהן אַן אנטוואָרט האָט יואיט שוין ניט געקענט. האָט ער ווידער געענטפערט — שארפער ווי פריהער. און אזוי איז דאָס געגאַנ־גען ווייטער. אלע דיזע בריף זיינען געווען געדרוקט אין אלע צייטונגען. די דעבאטע, פון וועלכער דער דעמאָקראטישער

קאנדידאט האָט זיך ענטזאגט, איז אלזאָ פאָרט פאָרגעקומען, ניט אין א האָלל, נאָר אויף די קאָלומס פון דער גאנצער פרעסע פון לאנד — ניט נאָר פאר דער גאנצער שטאָדט, נאָר פאר גאנץ אמעריקא. דער עולם האָט די בריף געלעזען מיט דעם טיפסטען אינטערעס, געלעזען און דיסקוטירט. וואו מען איז געשטאנען און וואו מען איז געגאנגען, האָט מען געהערט די נעמען הענרי דזשאָרדזש און יואיט.

אין אלע זיינע בריף האָט יואיט הענרי דזשאָרדזש'ען כאַראקטעריזירט אלס דעם קאנדידאט פון סאָציאַליסטען, אנארכיסטען, קאָמוניסטען. ער האָט ערקלעהרט, אז ער רעפּרעזענטירט די, וואָס וואָלטען מיט זייער הערשאפט רואינירט די געזעלשאפט; און וועגען זיך האָט ער געזאָגט, אז ער האָט אָנגענומען די קאנדידאטור, אום צו ראטעווען די געזעלשאפט פון סאָציאַליסטען, אנארכיסטען, קאָמוניסטען.

אין הענרי דזשאָרדזש'ס לאַגער האָט מען אויפגענומען דעם איראָנישען אויסדרוק „דער רעטער פון דער געזעלשאפט“. און דיזע ווערטער, אין א טאָן פון שפּאָט און האַס, האָבען געהילכט אויף אלע דזשאָרדזש־מיטינגען.

די געשריבענע דעבאטע צווישען די צוויי קאנדידאטען איז, אלזאָ, געווען א דעבאטע צווישען א פאָרשטעהער פון קאפּיטאל און דעם פּאָליטישען זומפּ פון איין זייט, און פון די ארבייטער, עהרליכקייט און פאָרטשריט — פון דער אנדערער זייט. הענרי דזשאָרדזש'ס בריף צו יואיט'ען האָבען ענטהאלטען געדאנקען, אונטער וועלכע סאָציאַליסטען האָבען זיך געקענט אונטערשרייבען מיט'ן גאנצען הארצען. וועגען זיין „סינגעל־טעקס“ האָט ער אין זיי ניט דערמאָנט. ווען הענרי דזשאָרדזש וואָלט געווען א סאָציאַליסט, וואָלט ער די סאָציאַליסטען ניט געקענט מעהר צופרידענשטעלען ווי ער האָט זיי צופרידענגעשטעלט מיט זיינע אָפענע בריף צו יואיט'ן.

בעת איך שרייב דיזע ווערטער, האָב איך פאר זיך די דאָזיגע בריף. זיי געפינען זיך אין א באריכט איבער דעם גאנצען קאמף — א בוך, וועלכער איז פארעפענטליכט געוואָרען א קורצע צייט נאָך

דעם קעמפיין און וועלכער איז ביי מיר פארבליבען פון יענע צייטען.

„זעהט איהר דען ניט, מר. יואיט, — שרייבט הענרי דזשארדזש, — זעהט איהר דען ניט די בערג פלאסטער־שטיינער, וועלכע ליגען איצט אויף פילע גאסען? זעהט איהר דען ניט ווי דער סטריט־דעפארטמענט פון אונזער שטאדט־רעגירונג איז פון העלער הויט ביזי געווארען? און ווייסט איהר דען ניט, אז דיזע פלוצליכע טעטיגקייט פאר עלעקשאן־צייט איז א טייל פון א סיסטעם דורך וועלכער ארימע לייט ווערען אונטערגעקויפט מיט דזשאבס? מ'גיט זיי ארבייט אויף עטליכע טעג, כדי זיי זאלען שטימען פאר די טאמאני־האל קאנדידאטען. און ווייסט איהר דען ניט, אז פילע פון די בירגער צווינגט מען צו שטימען פאר אייך? אז ניט, סטראשעט מען זיי, אז זיי וועלען פארלירען זייערע דזשאבס. צי דען ווייסט איהר דאס ניט? און ווייסט איהר דען ניט, אז דאס געלט, וואס געהט אויף דיזער קארופציע און מיט וועלכען מען קלייבט זיך מיר נידערצושטימען, קומט פון די רייכע?"

יואיט האט אין זיינע בריף מעהרערע מאל אנגעוויזען אויף דער פראנצויזישער רעוואלוציע און די מערדערייען, וועלכע זיינען באגאנגען געווארען אין איהר „שרעקענס־הערשאפט". מיט דעם האט ער געפרופט איבערשרעקען די ניו יארקער בירגער. אויב הענרי דזשארדזש זאל עלעקטעד ווערען, האט ער זיי געסטראשעט, וועט דאס שטארק מאכען די סאציאליסטען, אנארכיסטען און קאמוניסטען, וועלכע שטרעבען צו אזא רעוואלוציע ווי די פראנצויזישע. הענרי דזשארדזש האט אין זיין ענטפער פון דיזען סטראשונאק חוזק געמאכט. ער האט באוויזען, אז דאס זיינע צבועצקע רייד.

ער האט גערעדט וועגען א קלאסען־קאמף, און יואיט האט אין זיינע בריף און רעדעס געמאכט א גוואלד, אז דער קאנדידאט פון די ארבייטער העצט אויף איין טייל פון דער געזעלשאפט געגען דער אנדערער.

געגען דזשארדזש'ס ווערטער וועגען דיזען פונקט האט יואיט געבראכט א טייל פון א רעדע פון א גוט־באקאנטען ארבייטער־

פיהרער, נעמליך, פון טשיעף ארטהור, דעם דאמאָלסדיגען פרעזי־דענט פון דער יוניאָן פון לאָקאָמאָטיוו אינזשיניערס, וועלכע איז די וויכטיגסטע אָרגאניזאציע פון אַלע אייזענבאהן־ארבייטער אין לאנד. דיזער טשיעף ארטהור איז געווען באקאנט אלס רעאַק־ציאָנער, און אין יענער רעדע האָט ער געזאָגט דאָס פאָלגענדע:

„מיר האָבען ניט קיין סימפּאטיע מיט די מענשען, וועלכע טענה׳ען, אז די רייכע זיינען פארפליכטעט צו געבען די אָרימע אַ מעגליכקייט צו מאכען אַ לעבען. מען זאָגט און מען שרייבט אַ סך וועגען דער שנאה צווישען קאפּיטאַל און ארבייט. לויט מיין מיינונג איז אַזאַ זאַך אויף דער וועלט ניטאָ. עס זיינען פאראַן מענשען וואָס האָבען ליב צו ארבייטען און ס׳זיינען פאראַן פוילערס; די פיינדשאפט צווישען ארבייטער און קאפּיטאַליסטען עקזיסטירט נאָר אויף אזוי ווייט ווי די פוילערס העצען אויף די ארבייטער.”

די ענגרי דזשאָרדזשיסטען האָבען גערונגען טשיקערינג האָלל (אויף פינפטער עוועניו און 19טער סטריט) אויף אַ געוויסען אָוונעד, וועלכער איז אנאָנסירט געוואָרען אלס די צייט פון דער דעבאטע, און יואיט איז אויפגעפאָדערט געוואָרען ער זאָל קומען. יענעם אָוונעד איז דער האָל געווען געפּאקט. דזשאָרדזש איז געקומען. יואיט אָבער ניט. דזשאָרדזש האָט געהאַלטען אַ לאנגע רעדע און געענטפערט אויף פראגען פון פּובליקום.

מיר, רוסישע סאָציאַליסטען, און כמעט אַלע אינטעליגענטע אימיגראנטען, זיינען געווען באגייסטערט פאר׳ן ענגרי דזשאָרדזש קעמפּיין. איך בין געווען זעהר טעטיג.

איך האָב שוין געזאָגט, אז דער פיהרער פון דער סאָציאַלי־סטישער באוועגונג, אונזער לאנדסמאן, דער גלענצענדער רעדנער, סערגעי שעוויטש, האָט אדרעסירט גרויסע ענגרי דזשאָרדזש פאר־זאמלונגען. איך האָב בייגעוואוינט יעדע פון זיי. אָבער ספּע־ציעל געדענק איך אַ מיטינג, וועלכער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין מיטען וואָלל סטריט, אין אַ שבת בייטאָג. די פּלאטפאָרמע איז געווען אויפגעשטעלט אויף די טרעפּ פון דער סאָב־טרעזשורי,

לעבען דעם אויבען־דערמאָנטען מאָנומענט נאָך דזשאָרדזש וואַ־שינגטאָנ'ען, כמעט אנטקעגען דער בערזע. דאָס איז דער רעכ־טער מיטעל־פונקט פון אמעריקא'ס געלד־וועלט. איך בין געווען אויף דער פלאַטפאָרמע, און האָב פארשריבען שעוויטש'עס רעדע מיט'ן צוועק איהר צו דרוקען נאכהער אין א ליפלעט.

די „נייע צייט" איז דאן שוין געווען אונטערגעגאנגען. די וועכענטליכע אידישע צייטונג, מינץ'ס און ברעסלאַווסקי'ס „פאָלקס־צייטונג", האָט פארנומען איהר פלאַץ און אין דיזען קעמפיין האָט זי געדינט אלס דער אידישער אָרגאַן פון די סאָ־ציאַליסטען.

.5

דעניעל דע־ליאָן. — פאדהער מעק־גלין.

יענער קעמפיין איז פארבונדען אין מיין זכרון מיט דעם נאָמען דעניעל דע־ליאָן; וואָרים דיזער מאן, וועלכער האָט מיט זעקס, זיבען יאָהר שפּעטער אָנגעהויבען צו שפּילען אזא גרויסע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג פון אמעריקא, האָט זיך פאר די סאָציאַליסטען דאן באוויזען צום ערשטען מאָל, און ניט אלס א סאָציאַליסט, נאָר אלס א „סינגעל־טעקסער".

ער האָט זיך פאר אונז באוויזען אין א זונטאָג בייטאָג, אין 68 איסט בראָדוויי, אויף דעם ערשטען פלאָר. מיר, אידישע ראדיקאלען זיינען דאָרטען געווען פארזאמעלט מיט דעם צוועק צו אָרגאַניזירען אונזער ארבייט פאר דעם הענרי דזשאָרדזש קעמפיין. אין מיטען פון די רעדעס זיינען אריינגעקומען צוויי אונבאקאנטע מענשען אלס א קאָמיטע. איינער פון זיי איז געווען א מאן פון מיטעלען וואוקס, מיט א שעהנעם אידישען פנים, מיט א שעהנער שווארצער באָרד און גרויסע אויגען; און דער צווייטער—א בלאָנדער יונגערמאן, אויך מיט א אידישען פנים. דער ערשטער איז געווע דעניעל דע־ליאָן. ער האָט דאן געהאט א שטעלע אלס לעקטשורער איבער אינטערנאציאָנאלער יוּ־ריספּרודענץ אין קאָלאָמביא קאָלעדזש. ער האָט אונז ערקלעהרט,

אַז ער און זיין באַגלייטער קומען פון די „סינגעל־טעקסערס“, וועלכע פאַרלאַנגען, אַז מיר זאָלען זיך פאַראייניגען מיט זיי.

איך האָב גענומען דאָס וואָרט און האָב געזאָגט אונגעפעהר דאָס פאָלגענדע: מיר באַטייליגען זיך אין דעם ענגרי דזשאָרדזש קעמפּיין ניט אַלס „סינגעל־טעקסערס“, נאָר אַלס סאָציאַליסטען, און מיר מוזען געהן באַזונדער: מיר קענען זיך מיט קיין „בור־זשואַזע“ ענגרי דזשאָרדזשיסטען ניט פאַראייניגען.

נאָך דעם מיטינג האָב איך געהערט, אַז דע־ליאָן איז ניט קיין איד, נאָר אַ שפּאַניער, פון זיד־אַמעריקאַ.

מיט יאָהרען שפּעטער, ווען דע־ליאָן איז שוין געווען אַ סאָציאַליסט און מיר זיינען געווען באַפריינדעט, פלעגט ער מיר דערמאָנען אָן יענעם מיטינג און די רעדע, וואָס איך האָב געהאַל־טען געגען איהם און זיין באַגלייטער.

איינע פון די אונפאַרגעסליכע פיגורען אין דעם ענגרי דזשאָרדזש קעמפּיין איז געווען אַ קאַטוילישער גלח, פאַדהער מעק־גלין. ער האָט געאַרבייט אין דעם קאַמף מיט אַ מערקוויר־דיגער באַגייסטערונג; און זיינע האַרציגע רעדעס און נאָבעלע פערזענליכקייט האָבען אריינגעבראַכט אַ באַזונדערע פּראַכט אין דער אַגיטאַציע.

ער האָט ענגרי דזשאָרדזש'ען בוכשטעבליך פאַרגעטערט. ביי זיך אין האַרצען האָט ער איהם געוויס געשטעלט פיל העכער ווי דעם פּאַפּסט פון רוים. ער פלעגט איהם שילדערן אַלס איינעם פון די גרעסטע מענשען, וואָס זיינען ווען עס איז געבאָרען געוואָרען אויף דער וועלט. אַ הויכער, אַ דיקער, מיט ברייטע שולטערען, מיט אַ גרויסען, גוטען גלח'שען פּנים, און געקליידעט אין זיינע לאַנגע, שוואַרצע, גלח'שע בגדים, פלעגט ער פון דער פּלאַטפאָרמע אויף מיר מאַכען אַן איינדרוק, אַזוי ווי ער וואָלט געווען ניט קיין גלח, נאָר אַ פריידהייטס־נביא. זיין נאָמען און זיינע ווערטער האָבען צוגעצויגען אַ סך פרומע איירישע צו דער דזשאָרדזש־באַוועגונג. פון דער אַנדערער זייט זיינען אַנדערע קאַטוילישע גלחים אַרויסגעטראָטען געגען ענגרי דזשאָרדזש'ען. טאַמאַני האָלל, וועלכע האָט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף דער

קאטוילישער קירכע אין ניו יארק, האט אויף זיי געווירקט, אז זיי זאלען טעטיג ארבייטען געגען פארהער מעק־גלין׳ס אגיטאציע. ענדליך איז ארטש־בישאפ קארריגען, דער הויפט פון דער קאטוילישער קירכע אין אמעריקא, אויך ארויסגעטראטען געגען דזשארדזש׳ען. ער האט אין דער פרעסע פארעפענטליכט א בריף, אין וועלכען ער האט געלאזט וויסען אלע קאטאליקען, אז די קאטוילישע קירכע איז געגען איהם.

דעם ארטש־בישאפ׳ס אפיציעלער בריף האט דעם קעמפיין צוגעגעבען א נייעם שטורמדיגען כאראקטער. פילע קאטאליקען, וועלכע האבען סימפאטיזירט מיט הענרי דזשארדזש׳ען, האבען זיך דערשראקען און פארלאזען זיין מחנה. און די אנדערע האבען גענומען ארבייטען פאר דזשארדזש׳ען מיט נאך מעהר ענערגיע.

.6

עלעקשאן־טאג, 1886.

ענדליך איז געקומען דער טאג פון די וואהלען.

די פאליטישענס האבען געארבייט אויף אלע כלים. געלט איז געפלויגען אהן א שיעור דער שטימען־מארק האט געקאכט. דער פרייז אויף א טאמאני־וואוט איז געשטיגען. פילע דזשארדזש־מענשען זיינען בארויבט געווארען פון זייערע שטימען. ווען זיי זיינען אריינגעקומען וואוטען, האבען די אפיסערס זיי ערקלערט, אז לויט דעם בוך וואו מען פארשרייבט די וואוטס, האבען זיי שוין זייערע שטימען אפגעגעבען (דאס הייסט, אז אויף זייערע נעמען האבען געוואוט אנדערע — פאר יואיט׳ן). פראטעסטען, באווייזען, געשרייען האבען ניט געהאלפען.

ענדליך איז געווארען אווענד; מען האט גענומען צעהלען די אפגעגעבענע וואוטס, און דאן האבען זיך אנגעפאנגען נייע שווינדלען, נייע אפענע רויבערייען.

איך בין ארומגעלאפען פון „פאולינג פליים" צו „פאולינג פליים" און האב עטליכע מאל באזוכט די הויפט־קווארטיר פון די דזשארדזשיסטען, אויף דער אכטער סטרים לעבען בראדוויי.

דערנאָך בין איך נעגאַנגען אויף אַ צווייטען צענטער פון אונזער סאָמף, אויף לאַפאַיעט פּלייס. איך האָב געהאַט באַווייזע, אַז דאָרטען און דאָרטען האָט מען הענרי דזשאָרדזש'ן באַשווינדעלט. דער קאָמיטע־מאַן האָט אויסגעהערט מיר און אַנדערע פריינד, און אַלץ פאַרשריבען. ער האָט עס אָבער געטאָן מיט אַ מינע פון האָפנונגסלאָזיגקייט, און איך בין פון איהם אַוועק אַ פאַר־צווייפעלטער.

צווישען מיינע ערפאַהרונגען פון יענעם טאָג, איז אין מיין זכרון אויפגעמאָלט דאָס פאָלגענדע: אויף דער פערטער עוועניו, לעבען דעם קאָרנער פון אַכטער סטריט, שטעל איך זיך אָפּ ריידען מיט אַ צייטונגס־רעפּאָרטער. ער האָט אַ סימפּאַטישען אינטעליגענטען אויסזעהן און איך פיהל אַז ער איז פריינדליך צו אונזער קעמפּיין. איך דערצעהל איהם וועגען די שווינדלען וואָס איך האָב אַליין געזעהן, ווי די פּאָליטישענס האָבען גע־שלעפּט זייערע מענשען וואָטען צום צווייטען מאָל. דער רעפּאָר־טער גיט מיר איבער עהנליכע זאַכען וואָס ער האָט בייגעוואוינט. איך פרעג ביי איהם צי ער וועט דאָס באַריכטען, און ער ענט־פערט מיר מיט אַ געהיימניספולער מינע: „איך וועל זעהן וואָס איך קען טאָן".

ער האָט געאַרבייט אין דער צייטונג „מעיל ענד עקספּרעס", וועלכע איז געוועזען איינע פון די אַנטי־טאַמאַני בלעטער. איך בין געוועזען זיכער, אַז די אַלע באַריכטען וועלען דאָרט זיין אָפּגעדרוקט. ווען די צייטונג איז אַרויס און איך האָב אין איהר ניט געפונען קיין שפּור דערפון, האָב איך געשריען, אַז זי איז פאַרקויפט צו די יואיט־אינטערעסען.

דער אָפיציעלער רעזולטאַט פון די וואַהלען איז געוועזען: 68,110 וואָטעס פאַר הענרי דזשאָרדזש'ן און 90,552 פאַר יואיט'ן; און יואיט איז עלעקטעד געוואָרען (רוזוועלט, דער רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט, האָט באַקומען 60,435 שטימען — ווייניגער ווי דזשאָרדזש, אַלזאָ).

די רייכע קלאַסען און די קאָרופּטע פּאָליטישע באַנדעס

האָבען געזיגט. אָבער 68,000 שטימען פאר אן ארבייטער־קאנ־דידאט איז אין יענע צייטען געווען אזא אונגעהייערע צאָהל, אז עס האָט איבערראשט גאנץ אמעריקא.

די צאָהל 68 איז אין דעם געדאנק פון פאָרטגעשריטענע מענשען פארצייכענט געוואָרען צוזאמען מיט דער פארקערטער צאָהל 86 („הענרי דזשאָרדזש האָט באקומען 68 טויזענט שטימען אין דעם יאָהר 1886" — דאָס איז אן אונפארגעסליכער פאקט ביי אונזערע מענשען).

אונזער ענטוישונג איז געווען אונבעשרייבליך. אינטערע־סאנטע סצענעס זיינען יענעם אָווענט פאָרגעקומען אויף די הענרי דזשאָרדזש הערדקוואָרטערס אויף דער אכטער סטריט, בשעת מען האָט אריינגעבראכט די עלעקשאָן־ריטוירנס. איך געדענק די געזיכט פון אן אמעריקאנער יונגערמאן, א קליין־געוואקסיגען, א שווארצען, וועלכער האָט אויסגערופען די ציפער. אלע ווייל¬ע פלעגט ער אויסשרייען מיט שפּאָט: „די רעטער פון דער געזעל־שאפט!" איך געדענק די פרייד, מיט וועלכער מען האָט אויס־גענומען יעדען גוטען באריכט פאר הענרי דזשאָרדזש'ן. אָבער דייטליכער פון אלץ געדענק איך די ווערטער, וואָס צו מיר האָט דערביי געזאָגט מאַשקאָוויטש, דער אדעסער יונגערמאן, מיט וועל־כען איך האָב פריהער געוואוינט אויף איין קווארטיר אין 213 קלינטאָן סטריט, און וועלכער איז מיט מיר צוזאמען יענעם אָווענד אָנוועזענד געווען אין די הענרי דזשאָרדזש הערדקוואָר־טערס:

— איהר זייט דאָך אן אנארכיסט, קאהאן, — האָט ער בא־מערקט מיט א שמייכעל, — ווי קומט דאָס עפּעס וואָס איהר זייט אזוי פאראינטערעסירט אין די וואהלען?

די ווערטער האָבען מיר געטראָפען ווי שפּיזען.

עטליכע טעג האָבען די דזשאָרדזשיסטען און די סאָציאַ־ליסטען זיך געפיהלט נידערגעשלאָגען.

ביסלאכווייז אָבער האָט דיזע שטימונג אָפּגעטראָטען דעם פּלאַץ צו אן אנדערער. מיר האָבען אָנגעהויבען צו פיהלען וואָס פאר א גרויסער מאָראַלישער זיג די 68,000 שטימען זיינען.

אלע צייטונגען האָבען מודה געווען, אז דאָס איז אַן אונערוואַרטע גרויסע צאָהל.

אונזער קעמפיין־אָרגאַניזאַציע איז געווען ניי און שוואַך. קיין געלט האָבען מיר ניט געהאַט. אונזערע וואָטס זיינען געווען דורכאויס עהרליכע, ניט קיין געקויפטע. מיט געלט האָבען מיר די רעדער ניט געשמירט. דער שונא, ווידער, האָט געהאַט א גרויסע שמאַרקע מאַשין מיט הונדערטער טויזענטער דאָלאַר אויף צו שמירען איהרע רעדער און רעדלעך. און דאָך — אָה טויזענד! דער ציפער האָט אונז אריינגעגעבען נייעם מוט!

מען האָט זיך גענומען גרייטען צום נעקסטען קעמפיין. אָבער די פאראייניגונג פון די סאָציאַליסטען מיט די הענרי ־דזשאָרדזשיסטען, אָדער „סינגעל־טעקסערס", ווי מען האָט זיי מייסטענס גערופען, האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען.

7.

א דעבאַטע צווישען הענרי דזשאָרדזש'ן און שעוויטש'ן

וואָס א טאָג איז שעוויטש'ן און זיינע אָנהענגער געוואָרען קלערער, אז זיי מוזען זיך מיט די „סינגעל־טעקסערס" געזעגענען. ווען די היין פון דעם היסטאָרישען קעמפיין איז פאַראיבער און יעדער צד האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אידעאַל, האָט ער זיך ארומגעזעהן, אז ער קען מיט דער טעאָריע פון דעם אנדערען צד קיין שייכות ניט האָבען. ווי געוועהנליך אין אַזעלכע פאַלען, איז אַנשטאַט דער פריהערדיגער פריינדשאַפט ענטוויקעלט גע־וואָרען א פאַרביסענע פּאַרטיי־שנאה.

שעוויטש האָט ארויסגערופען הענרי דזשאָרדזש'ן אויף א דעבאַטע, און זי האָט שטאַטגעפונען אין מיינער'ס טעאַטער, אויף דער אַכטער עווניו לעבען דער 23טער סטריט — דער זעלבער טעאַטער, וואו מיט צוויי און א האַלב יאָהר פריהער האָב איך ביינעוואוינט די גרויסען בלעין פאַרזאַמלונג.

איך בין אויף דער דעבאַטע געפאָהרען אין א פיבער פון ערוואַרטונגען. איך בין געקומען צו דער 23טער סטריט אויף א דריטע עווניו קאַר. איבער 23טער סטריט איז געגאַנגען א

האָרס־קאר פון דעם סאָרט, וועלכער איז שוין אויבען דערמאָנט געוואָרען און אויף וועלכער דער דראַיווער איז אויך געווען דער קאָנדוקטאָר. איהר האָט אריינגעוואָרפען אייערע פינף סענט אין א גלעזערנער קעסטעלע, וועלכע האָט זיך געפונען אינוועניג אין קאר. דער דראַיווער האָט אָבער געקענט זעהן וויפיל מען ווארפט אריין, און ער האָט אייך געגעבען די טשיינדזש דורך א לעכעל אין דער פאָדערשטער טיר.

די ערשטע 23טע סטריט־קאר, וואָס איך האָב דערזעהן, איז געווען זעהר געפאַקט. ווארטען אָבער אויף א צווייטער האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב געגארט וואָס שנעלער צו קומען אין טעאטער, כדי צו פארנעמען א גוטען פלאַץ. אלזא, האָב איך ניט געוואָלט פארלירען קיין סעקונדע און בין ארויפגעשפרונגען אויף דער געפאַקטער קאר, קוים אָנהאַלטענדיג זיך מיט איין פוס אויפ'ן טרעפעל.

דורכשפארען זיך צו דעם פלאַץ, וואו מען האָט בארארפט אריינוווארפען די פינף סענט איז געווען שווער, און איידער וואָס־ווען, האָט דער קאָנדוקטאָר אָפּגעשטעלט דעם פערד און אויס־געשריען: „העי! באַצאָהלט אייער פעיר!“

עטליכע אַמעריקאַנער יונגע לייט האָבען זיך צולאַכט, און איינער האָט באַמערקט, ווינקענדיג אויף מיר מיט א כיטרען שמייכעל:

— איהר האָט געמיינט ס'וועט אייך אָפּגעהן, הא?

דער פנים האָט ביי מיר גענומען ברענען. איך בין אזוי באַגייסטערט פאר דער הייליגער דעבאטע, און דאָ איז מען מיר חושד, אז איך וויל זיך אויסדרעהען פון באַצאָהלען פינף סענט!

אזוי ווי מיט שמוץ וואָלט מען מיך באַגאָסען...

איך האָב אריינגעוואָרפען דעם ניקעל. מיין שאַנדע איז אָבער אזוי לייכט ניט איבערגעגאַנגען.

איך בין אריינגעגאַנגען אין מיינער'ס טעאטער. דאָן האָב איך זיך געכאַפּט, אז פון גרויס באַגייסטערונג האָב איך זיך פאַר־געסען מיטצונעמען מיין טיקעט. אָבער פון דעם אומגליק איז געוואָרען א גליק. באלד האָט זיך באַוויזען שעוויטש, און ווען ער האָט געזעהן ווי איך טענה מיט דעם טיר־וועכטער, האָט ער

מיך אריינגענומען. אַנשטאָט איך זאָל האָבען אַ סיט צווישען דעם עולם, האָט ער מיר געגעבען אַ פּלאַץ לעבען זיין פרוי, אויף דער פּלאַטפאָרמע. ער האָט מיר פאָרגעשטעלט פאר איהר — פאר דער באריהמטער העלענא פאָן ראקאָוויץ, איבער וועלכער פערדינאַנד לאַסאַל האָט פארלאָרען זיין לעבען אין אַ דועל. זי האָט דאן נאָך געהאט געָנוג רייץ אין זיך. מיט איהרע רויטליכע האָר און אינטערעסאַנטע גרויסע אויגען און מיט איהר איינדרוקס־פולען שמייכעל, האָט זי געצויגען פיל אויפמערקזאַמקייט.

איך בין געזעסען ביי איהר לינקער האַנט. פון דער אַנ־דערער זייט איז לעבען איהר געזעסען אַ רייכער, געבילדעטער אַמעריקאַנער, וועלכער האָט ארויסגעוויזען סימפּאַטיע מיט׳ן סאָ־ציאַליזם. איך געדענק ניט זיין נאָמען. איך געדענק נאָר, אַז ער, צוזאַמען מיט דעם מיליאָנער קארנעגי, האָט געגרינדעט דעם „ניינטינטה סענטשורי קלאָב”, וואו עס פלעגען פאָרקומען דעבאַ־טען איבער סאָציאַלע פראגען. שמועסענדיג מיט מאדאם שע־וויטש, איידער די פאַרזאַמלונג איז גערופען געוואָרען צו אָרדנונג, האָט ער ביי איהר געפרעגט אויב עס ציהט איהר ניט ווידער צו דער ביהנע; און זי האָט געענטפערט: „געוויס ציהט מיך. איך בין ווי אַ מלחמה־פערד, וועלכען עס שלעפּט צום שלאַכט־פעלד, ווען ער דערהערט נאָר דעם קלאַנג פון טרומייטען”.

די טיקעטס האָט מען צוטיילט אויף צוויי גלייכע העלפטען צווישען די צוויי צדדים, און דער טעאַטער איז אויך אַזוי געווען צוטיילט — איין העלפט פאר די הענרי דזשאָרדזשיסטען און די אַנדערע פאר אונזערע (קוקענדיג פון פּובליקום צו דער פּלאַט־פאָרמע, איז אונזער העלפט געווען די לינקע און זייערע — די רעכטע). אַזוי ווי שעוויטש איז געווען דער ארויסרופער, איז ער געווען דער ערשטער רעדנער. אַ הויכער, אַ שעהנער, אָנ־געטאָן אין אַ געוועהנליכען סורטען ראָק, האָט ער זיך גע־שטעלט און איז צוגעגאַנגען צום ברעג פּלאַטפאָרמע. דער טעאַ־טער איז געווען אַזוי ווי אָנגעגאָסען מיט ליכט. ער איז באַגריסט געוואָרען מיט אַ קראַכענדען ווילקאָמען פון אונזער העלפט. ווען עס איז ענדליך שטיל געוואָרען, האָט ער אויפגעהויבען זיין סאָ

צו די באלקאָנען און אָנגעהויבען. ער האָט גערעדט אין א גאנץ איינפאכער שפּראך. אלס הויפּט־פראגע האָט ער אוועקגעשטעלט דאָס פאָלגענדע: ווי אזוי ערוואַרטעט דזשאָרדזש מיט זיין „סינ־געל־טעקס" אָפּצושאפען ארימקייט אויף דער וועלט? פארוואָס גלויבט ער, אז די לאנד־פראגע איז די איינציגע פראגע וואָס מען דארף האָבען אין זינען? לאָמיר זיך פארשטעלען, אז דאָס לאנד איז שוין ווירקליך פריי פון לענדלאָרדס, וועט דאָס דען זיין גע־נוג? און וואָס איז מיט ארבייטס־מיטלען, מיט פאבריקען, מיט מאשינעריי, מיט מאטעריאלען? זאָל הענרי דזשאָרדזש ענטפע־רען ווי אזוי אן ארבייטער, וועלכער האָט א שטיקעל לאנד און ווייטער גאָרנים, קען מיט הוילע הענט קאָנקורירען מיט דעם קאַ־פּיטאליסט? ווי קען ער עקזיסטירען אויף דער וועלט ניט האָ־בענדיג קיין ארבייטס־געצייג, ווערענד דער קאפּיטאליסט האָט די מעכטיגסטע מאשינעריי?

הענרי דזשאָרדזש באקומט דאָס וואָרט. מיט זיין ניט־הויכער פיגור אין א לאנגען „פּרינץ־אלבערט"־ראָק, מיט זיין גע־דיכטער ברוינער באָרד, נעט פארקעמט, געהט ער צו צום ברעג פּלאטפאָרמע, באגעגענט מיט א שטורם פון אפּלאָדיסמענטען און באגריסונגס־געשרייען פון זיין העלפט טעאטער. ער נייגט זיך אהין און אהער. ער בלייבט שטעהן. אויף זיין גרויסען קיילעכ־דיגען קאָפּ בלישטשעט א פּליך. ער הויבט אָן צו ריידען. שעהנע, גלאטע זאצען קלינגען איינער נאָך דעם אנדערען. אזוי רעדט ער אָפּ ביי צעהן מינוט. ניט ווילענדיג, האָב איך הנאה פון די געראָטענע ענגלישע פראזען.

ענדליך נעמט ער זיך צו דער פראגע וואָס שעוויטש האָט איהם געשטעלט. ער זאָגט עטליכע ווערטער אלס הקדמה, און דאן ווערט ער אנטשוויגען. ער שטעהט און טראכט. דאן פארררייסט ער דעם קאָפּ שטאָלץ צום סילינג; די לינקע זייט פון זיין רעכטער האנט לענט ער צו צום שטערן. אזוי שטעהט ער און שווייגט. מען זעהט, אז ער איז אין א פארלעגענהייט. אלע ווערען נערוועז. איין האלבער טעאטער איז פול מיט אומ־רוהיגקייט; די אנדערע העלפט איז פול מיט נערוועזע פרייד: אהא, ער ווייס ניט וואס צו ענטפערען!

ענדליך לאָזט דער באריהמטער מאַן ארונטער זיין האַנט, גלייכט זיך אויס און זאָגט:

„אויב דער ארבייטער האָט ניט קיין געצייג און קען ניט שאפען קיין פאבריק־פּראָדוקטען, קען ער דאָך געהן פאנגען פיש און דערפון מאכען א לעבען“.

א שטורם פון געלעכטער ברעכט אויס אויף דער סאָציאַ־ליסטישער זייט פון דעם טעאַטער.

הענרי דזשאָרדזש פּרופט ערקלעהרען זיין שטאַנדפּונקט. עס איז לייכט צו זעהן, אז ער איז נידערגעשלאָגען, פארצווייפעלט.

אין זיין לעצטער אנטוואָרט־רעדע האָט שעוויטש חוזק געמאכט פון זיין געגנער׳ס אויסרוף, אז דער ארבייטער קען געהן פאנגען פיש. איין העלפט טעאַטער קראַכט מיט אפּלאָ־דיסמענטען און געלעכטער, און די אנדערע הושעט מיט בייזע פּראָטעסט־געשרייען.

צוריק פון טעאַטער זיינען די סאָציאַליסטען געגאַנגען קאָמ־פּאַניעס ־ ווייז. מען האָט לוסטיג געשריען: „דער אד־בייטער קען געהן פאנגען פיש! דער ארבייטער קען געהן פאנ־גען פיש!“ („הי קען גאָו פישינג“).

די פראַזע איז געוואָרען א גאַנגבארער ווערטעל איי דעם קאַמף פון די סאָציאַליסטען געגען די „סינגל־טעקסערס“.

.8

דער „לידער“ און דער „ארגוס“.

ווען די סאָציאַליסטען האָבען זיך אפּגעטיילט פון די „סינגעל טעקסערס“ איז דער „לידער“ געבליבען ביי די סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען געוועזען זיינע גרינדער און אייגענט־ליך זיינע בעלי־בתים פון אָנפאַנג אָן. שעוויטש איז געבליבען דער רעדאַקטאָר.

אין דעם „לידער“ האָב איך געדרוקט א פּאָר ארטיקלען

און אויך מיינע אן ענגלישע איבערזעצונג פון שענקעוויטש'עס קורצער ערצעהלונג „יאנקאָ דער מוזיקאנט”.

נעקסטען יאָהר, ביי די וואהלען, איז הענרי דזשאָרדזש גע־לאָפען פאר סעקרעטערי אָוו סטייט. זיין פארטיי האָט ארויס־געגעבען א וואָכען־בלאט מיט'ן נאָמען „סטענדארד”. צו זיין קעמפיין אָבער האָבען זיינע אָנהענגער געגרינדעט א קליינע טעג־ליכע מאָרגען־צייטונג אויך. איהר נאָמען איז געווען „ארגוס” (א ריעז וואָס האָט א סך אויגען), און פון אויבען איז געווען א בילד פון אן אויג. דער „לידער” האָט אָנגעפיהרט דעבאטען מיט דעם „ארגוס” און מיט דעם „סטענדארד”.

אין דעם „לידער” האָט זיך באטייליגט לוסיען סעניעל, א פראנצויזישער סאָציאליסט, וועלכער האָט זיך באזעצט אין אמע־ריקא אין אָנפאנג פון די זעכציגער יאָהרען, און וועלכער האָט אין דער סאָציאליסטישער ארבייטער־פארטיי אָנגעהויבען שפּילען א וויכטיגע ראָלע. ער איז געווען א גלענצענדער זשורנאליסט און עקאָנאָמיסט.

דער ערשטער נומער „ארגוס” האָט אנטהאלטען די פאָל־גענדע באגריסונגס־שורה:

„צו אונזערע 68 טויזענט וואָטערס — גוט מאָרגען!”

יענעם נאָכמיטאָג האָט סעניעל אין דעם „לידער” געהאט די פאָלגענדע ווערטער:

„היינט זאָגט דער „ארגוס” „גוט־מאָרגען”; נאָך די וואהלען וועט ער זאָגען: „גוט־נאכט!”

און אזוי איז טאַקע געווען. ווייטער ווי עלעקשאָן־טאָג האָט דער „ארגוס” ניט עקזיסטירט; וואָרים אָנשטאָט די 68 טויזענד שטימען וואָס הענרי דזשאָרדזש האָט פאראיאָהרען בא־קומען בלויז אין שטאָדט, האָט ער דיזען מאָל באקומען 35 טויזענד איבער'ן גאנצען סטייט.

דער „לידער” האָט דעם „ארגוס” איבערגעלעבט מיט צוויי יאָהר.

פאדהער מעק־גלין האָט געגרינדעט אן „אנטי־פאָווערטי סאָסייעטי” (א געזעלשאפט אָפּצושאפען ארימקייט). סאָציאַ־

ליסטען האָבען נאַטירליך ניט געהאַלטען פון דער טעאָריע, אויף וועלכער זי איז געווען געבויט; אָבער זייער רעספּעקט צו דעם נאָבעלען גלח איז קלענער ניט געוואָרען. אונזער ליבע צו איהם איז נאָך שטאַרקער געוואָרען צוליב די פאַרפאָלגונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון דער קאַטוילישער קירכע. פון רוים איז געקומען אַ באַפעהל, אַז ער איז אויס גלח. ער איז געוואָרען אַ פּריוואַט מענש, אַ פאַרפאָלגטער, אַ באַיקאָטירטער, אַ נידערגע־שלאָגענער.

עטליכע יאָהר האָט ער בראַוו אָנגעהאַלטען זיין קאַמף. אָבער ענדליך איז זיין מוטיגער גייסט געבראָכען געוואָרען. ער האָט געמאַכט שלום מיט דער קירכע און זיין גלח־שטעלע האָט ער ווידער באַקומען.

.9

רעוואָלוציאָנערע רעדעס. — אַ רוף צו וואַפען. — יאָהאַן מאָסט פאַראורטיילט.

נאָכדעם ווי אין שיקאַגאָ איז געפאַלען די באָמבע און מען האָט די זיבען אַנאַרכיסטען פאַראורטיילט צום טויט, האָט זיך אַ געפיהל פון קאַמפּס־לוסט פאַרשפּרייט צווישען די ראַדיקאַלען פון ניו יאָרק אויך. סאָציאַליסטען, אַזוי גוט ווי אַנאַרכיסטען, האָבען אויף זייערע פאַרזאַמלונגען אָנגעהויבען צו ריידען מיט אַזאַ טאָן, אַזוי ווי זיי וואָלטען געשטאַנען ביים שוועל פון אַן ערנסטער רעוואָלוציאָנערער צייט. דירעקט האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם אַכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. זיי האָבען זיך אָבער פאָר־געשטעלט, אַז דורך דעם קען קומען צו גרעסערע פאָדערונגען. זיי האָבען געגלויבט, אָדער געגלויבט אַז זיי גלויבען, דאָס דער גאַנצער אַמעריקאַנער ארבייטער־קלאַס איז געגרייט צו אַ מוטיגען קאַמף, צו באַריקאַדען זאָגאַר. די לופט האָט געשמעקט מיט פּולווער — אַזוי ווענינגסטענס האָבען די לאַגע געשילדערט די פיהרער; ניט נאָר מאָסט, דער אַנאַרכיסט, נאָר אויך שעוויטש דער סאָציאַל־דעמאָקראַט.

אויף איין מיטינג איז דער פייערדיגער יאַהאַן מאָסט ארויפ־געקומען אויף דער פּלאַטפאָרמע מיט א ביקס אין האַנט, און האָט אויפגערופען די ארבייטער זיך צו באוואפנען. „עטליכע הונדערט באוואפענטע ארבייטער קענען מאכען די סאָציאַלע רעוואָלוציע" — האָט ער געזאָגט.

ער איז ארעסטירט געוואָרען און מען האָט איהם פאַר־אורטיילט אויף א יאָהר געפענגניש. איך און מיין פרוי זיינען געשטאַנען דערביי, ווען א שעריף האָט איהם אראָפּגעפיהרט פון די טרעפּ פון קאָורט, א צוגעקייטעלטען מיט איין האַנט צום שעריף און מיט דער אנדערער האַנט צו א גנב. אזוי האָט מען זיי ארייגגעזעצט אין א „בלעק מעראיא" (א גרויסער וואָגען אָהן פענסטער, אין וועלכען מען פיהרט ארעסטאַנטען).

שעוויטש האָט אויך געהאַלטען קאַמפּס־דורשטיגע רעדעס אין יענער צייט, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין נאָמען אלס געפעהרליכער „אויפהעצער", האָט מען איהם ניט אַרעסטירט. איין מיטינג אזעלכער, וועלכען איך האָב בייגעוואוינט, איז פאַר־געקומען אין קופּער־אינסטיטוט (קופּער־יוניאָן). דער גרויסער האַלל איז געווען געפּאַקט מיט דייטשען, אידען און אביסעל איירישע. שעוויטש האָט גערעדט וועגען דער שיקאַגאַ'ער פּאַ־סירונג. ביי א געוויסען פונקט האָט ער אויסגערופען:

„ווען זיי זאָלען אפילו פארוואנדלען אלע וועלדער אין תליות, וועלען זיי אויך דעם קאַמף פון דעם ארבייטער־קלאַס ניט דער־ווערגען".

די ווערטער זיינען באגריסט געוואָרען מיט אַן אונבאשרייב־ליכער סצענע. א העלפט פון דעם עולם איז אויפגעשפּרונגען, אַפּלאָדירענדיג און שרייענדיג מיט ווילדע קולות. שעוויטש איז געשטאַנען מיט פארמאכטע ליפּען און געוואַרט. ווען עס איז געוואָרען שטיל, האָט ער צוגעלעגט:

„און ווען זיי וועלען פארוואנדלען אלע בליי־מינען אין קוילען, וועלען זיי ניט קענען נידערשיסען דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף פון די ארבייטער־מאסען".

דאַן האָט אויסגעבראָכען נאָך א ווילדערער שטורעם פון באגייסטערונג און קאַמפּס־לײדענשאַפּט.

איין פּאַרזאַמלונג איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אויף יוניאָן סקווער, וואו אַלע אונזערע „אָפּען־עער" מיטינגען פּלעגען יענע יאָהרען שטאַטפינדען. שעוויטש האָט גערעדט, און גראָד ווען זיינע ווערטער זיינען געווען גאַנץ פרידליך, איז פּלוצלונג באַפאַלען א פּאָלים־קעפּטעין (מאַקאַלאַ האָט ער געהייסען) מיט א מחנה פּאָליסלייט. זיי האָבען דעם מיטינג צוטריבען מיט זייערע קלאָבס. שעוויטש האָט פון דער פּלאַטפאָרמע אויסגעשריען צו דער מאַסע:

„נעקסטען מאָל קומט באוואפּענטע, גענאָסען!"

די פּאָליציי האָט איהם אָבער ניט ארעסטירט.

אויף די ווייטערדיגע פאַרזאַמלונגען איז קיין טראָבעל ניט געווען. די פּאָליציי האָט ארויסגעגעבען ערלויבנייסען אויף צו האַלטען ווייטערע פאַרזאַמלונגען אויף דעם זעלבען פּלאַץ, און זי' האָט זיי ניט געשטערט.

איין מאָל האָב איך געהערט ווי א דייטשער אנארכיסט זאָגט צו יוסטוס שוואַב'ען:

„זיי סמייען ניט צו אטאַקירען ארבייטער־פאַרזאַמלונגען; זיי האָבען מורא פאַר אונז".

שוואַב האָט זיין מיינונג געמאַכט צו קליין־געלד. „ווען זיי וואָלטען מורא געהאַט, וואָלטען זיי די פאַרזאַמלונגען גראָד נ י ט ערלויבט", — האָט ער געזאָגט.

שוואַב האָט נאַטירליך געהאַט רעכט. די פּאָליציי האָט גאַנץ גוט געוואוסט אז די אמעריקאנער ארבייטער־מאַסען זיינען ווייט פון א רעוואָלוציאָנערער שטימונג. מאָסט'ען האָט מען ארעסטירט, ווייל ער האָט געטראָגען דעם זעלבען טיטול — אנאַר־כיסט — ווי די, וועלכע מען האָט פאַראורטיילט פאַר דער שיקאַ־גאָ'ער באָמבע.

אין מיין זכרון איז אויך פאַרבליבען א בילד פון א מיטינג, וועלכען איך און מיין פרוי האָבען ארום יענער צייט בייגעוואוינט אין א זונטאָג, צעהן אוהר אין דער פריה, אוים'ן גראונד פלאָאָר

פון דזשערמייניא אסעמבלי רומס (אויף קארנער צווייטע עוועניו און האוסטאן סטריט). שעוויטש האט דארטען גערעדט און איינער א האסעלמאן, א הויכער דייטש מיט לאנגע בלאנדע לאקען, וועלכער איז מיט עטליכע יאהר פריהער געוועזן איינער פון די סאציאליסטישע דעפוטאטען אין דעם דייטשען רייכסטאג. ער איז ניט געוועזן קיין אויסגעשפראכענער אנארכיסט, אבער כמעט אן אנארכיסט. ער איז געוועזן א גלענצענדער רעדנער.

אין ניו יארק האט האסעלמאן א געוויסע צייט ארויסגע־געבען א דייטשע וואכענבלאט מיט'ן נאמען „ארבייטער צייטונג". דערנאך האט ער געפעדעלט מיט שנאפס, און איך פלעג זעהן ווי ער געהט, א הויכער, אן אפגעריסענער, מיט א גרויסער פלאש אין יעדער האנט. געהענדיג, פלעגט ער צושאקלען מיט זיינע לאנגע בלאנדע לאקען צו דעם טאקט פון זיינע טריט. ער האט געמאכט אן איינדרוק ווי א פיגור פון א פארצייטיגער מעשה. מען האט געזאגט אז ער איז ניט אין גאנצען ביים זינען. אבער אויף דער פלאטפארמע האט ער גערעדט פיל לאגישער ווי אין פריוואט־געשפרעכען. די אויגען האבען ביי איהם געקוקט אזוי ווי ניט פון דער וועלט.

זיין רעדע יענעם זונטאג איז געוועזן פול מיט קאמף. ער האט זיך ניט געקאכט, אבער זיינע געלאסענע ווערטער האבען געבליצט ווי שווערדען. דיעזען מיטינג האט די פאליציי אויך ניט געשטערט.

10

דער עלפטער נאוועמבער.

דעם 11טען נאוועמבער, 1887, איז פארגעקומען דער שלוס־אקט פון דער שיקאגא'ער דראמא. פון די זיבען אנארכיסטען, וועלכע מען האט פאראורטיילט צום טויט, האט מען יענעם טאג פיר געהאנגען: שפיז'ן, פארסאנס'ן, ענגעל'ן און פישער'ן. א פינפטער — לינג — האט זיך גענומען דעם לעבען מיט א באמבע, זיצענדיג אין פריזאן, און די איבעריגע צוויי — פילדען'ען און

שוואַב'ן—האָט מען דעם טויט־אורטייל פאַרביטען אויף לעבענס־לענגליכע געפענגניש.

די פיר שיקאַגאָ'ער תליות האָבען געמאַכט אַן אונבאַשרייב־ליכען רושם אויף אונז. סאָציאַליסטען, אַזוי גוט ווי אַנאַר־כיסטען, זיינען ארומגעגאַנגען ווי אבלים. צו דעם וועהטאָג פון רחמנות איז געווען צוגעמישט אַ וועהטאָג פון פאַרצווייפלונג, דורך דעם פאַקט וואָס די אַמעריקאַנער ארבייטער בלייבען גלייכ־גילטיג אָדער אַפּלאָדירען זאָגאַר דעם תליון.

איך האָב דערהערט די שרעקליכע נאַכריכט זיצענדיג ביי מיינעם אַ שילער, ביי דעם דאַמאָלסדיגען סעקרעטער פון דער טשילדרען דזשעקעט מייקערס יוניאָן. זיין אָפיס איז געווען אין אַ קליינעם צימערעל אויף'ן טאָפּ פלאָאָר פון אַ מיטינג־האָל־געביידע, אין 66 עסעקס סטריט.

דאָס איז געווען פרייטאָג אין דער פריה, דעם 11טען נאָ־וועמבער, דער טאָג וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דעם פיר־פאַכען מאָרד.

מיר זיינען געזעסען איבער אַ סקול־רידער, אין וועלכען ער האָט פאַר מיר געלעזען. איך האָב באַדאַרפט צוהערען, פאַר־ריכטען זיין אויסשפּראַך, פאַרטייטשען ווערטער און ערקלערען זייער גראַמאַטיקאַלישע שייכות. מיינע געדאַנקען זיינען אָבער געווען פאַרנומען מיט שיקאַגאָ. אָט איצט, אין דיזער שטונדע, דאַרף דאָרטען פאָרקומען די שרעקליכע סצענע. איז זי ווירקליך פאָר־געקומען? קען דאָס זיין? פיליכט האָט דער גאָווערנאָר זיי אין דער לעצטער מינוט פאָרט געשאָנקען דעם לעבען?

איך האָב צוגעמאַכט דעם ביכעל. איך האָב מיין שילער ערקלערט, אַז עס איז מיר שווער היינט איהם צו געבען דעם לעסאָן. ווי איך האָב אַזוי אַרויסגערעדט די ווערטער, האָבען זיך פון סטריט דערהערט געשרייען פון ניוס־באָיס.

איך האָב געגעבען אַ שפּרונג, אויפגעעפענט דעם פענסטער און אַרויסגערוקט די קאָפּ. איך האָב דערהערט די ווערטער:

„עקסטראַ! עקסטראַ! שיקאַגאָ ענערקיסטס העננד!"

די צייטונגען זיינען געווען פול מיט איינצעלהייטען וועגען

דער הינריכטונג. יעדער ניו יאָרקער רעדאקציע האָט אין שיקאגאָ אוועקגעשיקט איהרע בעסטע מיטארבייטער. צעהנדליגע קאָלומס האָט יעדע צייטונג פארנומען מיט באשרייבונגען פון דער פיר־פאכער הינריכטונג.

א סעקונדע פאר'ן טויט, שטעהענדיג מיט דער פעטליע אויפ'ן האלז און מיט א ווייסען זאק איבער'ן קאָפּ און איבער'ן געזיכט, האָט אוגוסט שפּיז אויסגערופען:

„אונזערע שטימען וועלען פון קבר קלינגען העכער ווי זיי האָבען געקלונגען לעבעדיגערהייט".

אלבערט פארסאָנס, אויך שוין מיט א שטריק ארום האלז, און אויך מיט א ווייסען זאק איבער'ן קאָפּ, האָט געפרעגט דעם שעריף צי ער וועט איהם לאָזען האלטען א רעדע, אָבער דער שעריף האָט צוגעמאכט די אויגען — א סיגנאל צום תליון צו טאָן זיין ארבייט; און אין מיטען פון פארסאָנ'ס ווערטער איז אָפּגעשפּרונגען די ברעט פון אונטער זיינע פיס און זיין קערפּער איז געבליבען הענגען אין דער לופטען. זיין שטימע איז אָפּגע־האקט געוואָרען אויף אייביג.

די צייטונגען האָבען באשריבען ווי פארסאָנ'ס פרוי (אַן אינטעליגענטע מולאטין) און זיינע קינדער האָבען דערזעהן זיין טויטען קערפּער מיט דעם צייכען פון דער שטריק ארום זיין האלז. „אלבערט! אלבערט!" האָט זי זיך צואווינט אויפ'ן קול. יעדע איינצעלהייט אזעלכע האָב איך געלעזען צו עטליכע מאָל, און די סצענעס האָבען מיך פארפאָלגט.

יעדען יאָהר פלעגען מיר אָפּהיטען דעם יאָהרצייט פון די שיקאגאָ'ער אנארכיסטען מיט ספּעציעלע פארזאמלונגען, מיט ספּעציעלע רעדעס.

דער דרייצעהנטער מערץ איז ביי אונז געווען דער הייליגער־יאָהרצייט נאָך די מארטירער פון דער רוסישער רעוואלוציע, און דער עלפטער נאָוועמבער — נאָך די פיר מארטירער פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג.

צעהנטער קאַפּיטעל

איך קום צו אַ ברעג.

.1

איך הויב אָן צו פרעגען קשיות. — קען אַ פרייע געזעל־שאַפט אויסקומען אָהן אַפּשטימונג?

די ליאַרמדיגע פּאַסירונגען פון 1886 און 1887 האָבען מיין אינגערליכען ווידערשפּרוך פאַרטומעלט. אין דעם ברען פון דעם הענרי דזשאָרדזש קעמפּיין האָב איך זיך גאַנץ וועניג געקימערט וואָס איך געה געגען דעם אַנאַרכיזם, וועלכער איז אָפיציעל געווען מיין גלויבען. אויבען איז דערצעהלט געוואָרען ווי מיין געוועזענער מיט־קוואַרטיראַנט מאַשקאָוויטש האָט מיר דאָס אויפגעוואָרפען. אויף יענער מינוט האָט דאָס מיר פאַרשאַפט שמערצען, אָבער טאַקע נאָר אויף יענער מינוט. ביי זיך אין הארצען האָב איך שוין דאַן געוואוסט אַז דער אַנאַרכיזם איז ניט מיין גלויבען און אַז איך האָב איבערהויפּט קיין באַשטימטע ריכטונג ניט. איך האָב פעסט געגלויבט אין סאָציאַליזם, אָבער סתם אין סאָציאַליזם. אורטיילען צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די אַנאַרכיסטען האָב איך ניט געקענט.

דערנאָך, ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען די מוטיגע רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען, האָבען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען מיט די אַנאַרכיסטען כמעט פאַרגעסען זייער געוועהנליכע שנאה. מאָסט, האַסעלמאַן און שעוויטש האָבען איינענטליך געהאַלטען דעם זעלבען סאָרט רעדעס. און אין די ערשטע טעג נאָך דעם עלפטען נאָוועמבער איז די פאַרביסענקייט נאָך שוואַכער געוואָ־

רען. אנארכיסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען זיך גע־פיהלט אזוי ווי צוויי צוקריגטע ברידער אויף דער לויה פון א דריטען ברודער. דיזע שטימונג האָט אין מיר געשאַפען א מיינונג, אז דער אונטערשיד צווישען די צוויי פּארטייען איז איבערהויפּט קיין אונטערשיד ניט.

ווען דער רעש איז אָבער איבערגעגאַנגען, האָב איך דעם ווידערשפּרוך צווישען די צוויי ריכטונגען דערפיהלט נאָך שטאַר־קער ווי אימער. נייע פראַגען האָבען זיך אין מיין מוח באוויזען. זיי האָבען מיר ניט געלאָזט רוהען.

עס האָט זיך מיר גערוכט אז מיין טומאַן איז פּלוצלונג געדיכטער געוואָרען. דאָס איז אָבער געווען ענהליך צו דעם טומאַן וואָס א שיף־פּאסאזשיר דערזעהט ווען ער קומט צו נאָהענט צו א ברעג. איך האָב דערשפּירט אז עס איז נאָהענט די צייט ווען איך וועל האָבען א פעסטען באָדען אונטער מיינע פיס.

אויב ביי מיר אין מוח איז געווען א טומעל, האָב איך אָבער גענומען חושד זיין אז ביי מאָסט'ן אין מוח איז אויך ניט אלץ אין אָרדנונג. יעדענפאלס האָב איך גענומען פארשטעהן, אז די גוואַלט־מיטלען, וועלכע ער פּרעדיגט, האָבען ניט קיין שום זין. אלע אנארכיסטען און סאָציאַליסטען זיינען געווען א קליינינקע הייפעלע נעגען צעהנדליגע מיליאָנען. ווען זיי וואָלטען מאָסט'ן געפאָלגט און ארויס מיט ביקסען אויפ'ן גאס, וואָלטען זיי ווי די פליגען צוקוועטשט געוואָרען. ער האָט מיר גענומען אויסזעהן ווי א וואהנזיניגער.

כ'האָב אויבען דערמאָנט א אינטימען בריף, וואָס איך האָב געשריבען צו דעם איצטיגען דר. ספּיוואַק (ספּיוואַקאָווסקי), וועל־כער האָט דאַן געוואוינט אין פילאַדעלפיא. איך האָב פאַר איהם אויפגעעפענט מיין הארץ און זיך מתודה געווען, אז איך האָב ניט קיין קלאָרע איבערצייגונגען; איך האָב געזאָגט, אז איך לעז און לערן אום אזעלכע איבערצייגונגען צו באקומען; אז איך בין מקנא וויליאַם פרעי'ען און יאָהאַן מאָסט'ן זייער קענטניש און זייערע פעסטע מיינונגען. אזוי האָב איך זיך באַקלאָגט מיט א פּאָר יאָהר פריהער. איצט אָבער בין איך געקומען צו דעם געפיהל, אז אין

דיזען פרט האָב איך פרעי'ען און מאָסט'ן ניט וואָס מקנא צו זיין. איך האָב געזעהן, אז זייערע עלטערע יאָהרען, ברייטערע באַלעזענ־הייט און רייכערע לעבענס־ערפאהרונגען האָבען זיי קיין ווינשענס־ווערטע רעזולטאטען ניט געבראכט.

מיט זיין גרויסער קענטעניש איז פרעי געקומען צו א פעס־טען גלויבען, אז צו קעמפען פאר באפרייאונג אָדער זאָגאר פאר בעסערע ווידזשעס איז א זינד. ער פלעגט אונז דערצעהלען ווי אזוי ער האָט זיך געלערענט ניט צו קעמפען, ניט ארויסצואווייזען קיין ווידערשטאנד, נאָר אלץ מקבל באהבה צו זיין. אז אזא געדאַנק איז געבוים אויף א שעהנעם אידעאליזם, אָבער אז ער איז קינדעריש — דאָס האָב איך שוין לאַנג פארשטאַנען.

אן עהנליכען געפיהל האָב איך איצט געהאט אין בעצוג צו יאָהאן מאָסט'ן. פונקט ווי פרעי האָט געפּרעדיגט אן אונ־זיניגע טעאָריע פון ניט קעמפען, אזוי האָט יאָהאן מאָסט גע־פּרעדיגט אן אונזיניגע טעאָריע פון קאמף. ער האָט געלערענט א משונה'דיגען טעראָריזם — ווי אזוי דינסט־מיידלאך, למשל, זאָלען אריינטאָן גיפט אין דער זופּ און אויף דיזען ארט פאר'סמ'ען זייערע קאפּיטאליסטישע בעלי־בתים, ווי אזוי צו מאַכען באָמבעס און טויטען איינצעלנע פאבריקאַנטען. איך האָב נאָך דייטליך ניט געוואוסט ווארום דער אנארכיזם האָט ניט קיין באָדען; אָבער אז דיזע זייט פון יאָהאן מאָסט'ס לעהרע האָט קיין זין ניט, דאָס האָב איך אויך שוין לאַנג פארשטאַנען. מיר האָט אָבער געפעהלט מוט דאָס ארויסצוזאָגען.

איין שטערונג מיינע איז באשטאַנען אין דעם, וואָס מאָסט האָט זיך אימער ערקלערט פאר א מארקסיסט, און זיין אנארכיזם איז געווען צוזאַמענגעמישט מיט מארקס'עס טעאָריע. אין דיזער באַציהונג איז ער געווען אן אויסנאהמע צווישען די אָנגעזעהענע אנארכיסטישע שרייבער. ביי איהם איז געווען א פלאָנטער אין מוח, און איך בין געווען אונטער זיין איינפלוס אפילו דאַן, ווען איך האָב פארשטאַנען ווי קינדעריש עס איז זיין טעראָריזם אָדער „פּראָפּאגאַנדא דער טאַט״ (פּראָפּאגאַנדא דורך פּיסטאָלעטען, באָמ־בעס און סם).

איצט אָבער, אלס רעזולטאט פון די שטארקע איינדרוקען, וואָס אויף מיר האָט געמאכט דער הענרי דזשאָרדזש קַעמפיין, האָב איך זיך גענומען שטעלען נייע פראגען. איך האָב געזעהן וואָס פאר אַן אונגעהייערע באדייטונג דיזער קעמפיין האָט געהאט, און איך בין דאָך אין איהם אריינגעגאנגען אלס „אַ בעל־עבירה'ניק", אַ פארברעכער געגען דעם אנארכיזם. איך האָב איצט געפיהלט, אַז מיינע עבירות זיינען גאָר מצוות; וואָרים דער פּאָליטישער קאמף האָט אין יענע מאָנאטען אויפגעשטורעמט ניו יאָרק, און דורך דעם האָט זיך צופלאקערט די פּראָפּאגאנדא געגען קאפּיטאל און געגען דער קאָרופּציאָן פון די פּאָליטישענס. אז דאָס האָט געבראכט מעהר נוצען ווי די אנארכיסטישע „פּראָפּאגאנדא דער טאט" האָט אַ קינד געקענט פארשטעהן.

דער אונזין פון מאָסט'ס אטאקעס געגען אנטייל נעמען אין וואהל־קאמף איז מיר געוואָרען דייטליכער ווי אימער; און דאָס האָט מיר געבראכט צו שטארקע צווייפלען וועגען אנדערע איינצעלהייטען אין דער טאקטיק פון די אנארכיסטען, און אויך אין דער טעאָרעטישער זייט פון זייער לעהרע.

אין וואָס באשטעהט דער הויפּט־פּונקט פון דעם אנארכיזם? ער איז געגען אירגענד וועלכער הערשאפט, אפילו געגען דער הערשאפט וואָס אַ מאַיאָריטעט גיט אליין איבער צו איהרע אויסערוועהלטע דורך פרייע וואהלען. דער ווילען פון איין מענש איז אזוי וויכטיג ווי דער ווילען פון טויזענט — טענה'ן זיי — הייסט וואָס פאר אַ רעכט האָבען, צום ביישפּיל, פינף הונדערט מענשען צו צווינגען צוויי הונדערט מענשען צו לעבען ווי זיי — די 500 — ווילען? דעריבער איז דער אנארכיזם געגען וואָטען, געגען וואהלען און געגען יעדער פאָרם פון פּאָליטיק.

אויסערליך האָט דער פּרינציפּ מיר געקלונגען העכסט יושר־דיג. ווען איך האָב זיך אָבער גענומען אריינטראכטען אין איהם, האָב איך זיך געמוזט מודה זיין, אַז ער פארטומעלט מיר נאָר מיין מוח. ווי קען מען אלעמען נאָכגעבען? ווי קען מען אויסקומען אָהן וואָטען, סיידען מען זאָל אלץ איבערלאָזען צו אַ דעספּאָט אָדער צו אַ גרופּע דעספּאָטען? אויב מען טאָר ניט

שטימען, טאָ ווי אזוי וועט מען אָפּמאכען ווער עס זאָל זיין דער אָדער יענער בעאמטער? און ווי אזוי וועט מען באשליסען צי מען זאָל איינפיהרען א געוויסע זאך אָדער ניט? ווי וועט מען קענען האָבען א טאָלק אין א פרייער געזעלשאפט?

דעם וואָרט „טאָלק" האָב איך יענעם ווינטער אָפט געברויכט אין די דעבאטען וואָס איך האָב געהאט מיט זיך אליין. איך פלעג זיך רס פרעגען: ווי אזוי קען מען פיהרען א געזעלשאפט מיט א טאָלק, אָהן אָפּשטימונגן.

מיין מוח דענקט מיט משלים. איך שטעל זיך א געדאנק פאָר אין א קאָנקרעטער, ממשות'דיגער פאָרמע, וועלכע איך זעה אזוי ווי פאָר די אויגען. טראכטענדיג וועגען דעם אנארכיזם און זיין פרינציפּ אין באצוג צו וואהלען און אָפּשטימונג, פלעג איך זיך פאָרשטעלען ווי די שילער פון דעם ווילנער אינסטיטוט זיצען ביי די לאַנגע טישען אין דעם עס־צימער, און אלץ איז פריי; מיר זיינען אליין די בעלי־בתים איבער זיך און איבער אלץ. ניטאָ קיין דירעקטאָר, ניטאָ קיין „עקאָנאָם". עס קומט פאָר א פראגע וועגען דער מיטאָג־שטונדע: זאָל דאָס זיין צוויי אוהר אָדער דריי אוהר? אייניגע שילער ווילען אזוי, אנדערע אזוי. ווי־זשע זאָל מען באשטימען? נאָכגעבען ביידע צדדים, דאָס הייסט האָבען צוויי מיטאָגען? איז דאָס אָבער פארבונדען מיט איבעריגע קאָסטען און מיה, וועלכע מען קען ניט אַפּאָרדען. היינט ווי זאָל מען טאָן? ווי קען מען קומען צו א טאָלק?

א צווייטער משל, וואָס פלעגט מיר קומען אויפ'ן זינען, איז געווען מיט עטליכע מענשען וואָס געפינען זיך אין א צימער, און אייניגע ווילען עפענען דעם פענסטער, ווערהרענד פאָר די אנדערע וואָלט געווען צו קאלט. אימיצער מוז דאָך נאָכגעבען. וועלכער צד אָבער?

איך האָב צום צווייטען מאָל דורכגעלעזען א בראָשורקע פון יאָהאן מאָסט, מיט'ן נאָמען „די פרייע געזעלשאפט", וואו ער גיט איבער דעם עיקר פונ'ם אנארכיזם. איך האָב פון דאָס ניי דורכ־געקוקט די ווערק פון די פאָטערס פונ'ם אנארכיזם — פּרודהאָן און באקונין, און צוויי בראָשורען פון פעטער קראָפּאָטקין. איך האָב צום צווייטען מאָל דורכגעלייענט הערבערט ספּענסער'ס

ווערק „סאָשעל סטאַטיקס״, וועלכע ענטהאלט די פילאָזאָפיע פון אינדיווידואַליזם (דער פונדאַמענט פון אנאַרכיזם) און אן אַטאַקע אויף דעם סאָציאַליזם. איך האָב געזוכט אן אנטוואָרט אויף מיינע קשיות און האָב ניט געפונען.

מאָסט׳ס „די פרייע געזעלשאַפט“ ענטהאַלט עטליכע שורות, וועלכע האָבען מיין הויפּט־פראַגע גראַד יאָ באַהאַנדעלט; אבער ווען איך האָב זיי איבערגעלעזען מיט ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דעם הויפּט־פּונקט געהט ער פאַרביי, אז ער ענטפערט אויף דער פראַגע מיט ווערטער, וועלכע ענטהאַלטען ניט קיין אנטוואָרט.

איך האָב חושד געווען, אז ער אליין קען קיין אנטוואָרט ניט געפינען, אז ער פאַרשרייט זיך אליין דעם מוח. אין זיין אבסאָלוטער עהרליכקייט און אויפריכטיגקייט איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט געווען. איך האָב אָבער געזעהן, אז ביי איהם איז דאָס א פראַגע פון גלויבען און געפיהל ניכער ווי פון פאַרשטאַנד; און דאָ וואו דער פאַרשטאַנד שטימט ניט מיט זיין גלויבען, מאַכט ער צו די אויגען און פאַררעדט זיין לאָגיק מיט ווערטער.

אויבען איז שוין דערמאָנט געוואָרען, אז מיינע פּערזענ־ליכע באַציהונגען מיט מאָסט׳ן זיינען ניט געווען קיין פריינד־ליכע. דאָס האָט אָבער אבסאָלוט ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם איינדרוק, וואָס זיין ביכעל האָט אויף מיר געמאַכט. טראָץ יענעם צוזאַמענשטויס, פלעג איך צוהערען זיינע רעדעס מיט באַגייסטערונג, און זיינע בראָשורען האָב איך איצט געלעזען מיט ערוואַרטונגען צו געפינען ליכט אין זיי. איך האָב דאָס אָבער ניט געפונען.

2.

באַכמאַן. — א שפּאַציר, וואָס האָט מיר געמאַכט פאַר אוים אנאַרכיסט. — א געשפּרעך מיט אַלעקסאַנדער יאָנאַס׳ן. — צוויי ביכער.

איך האָב געגאַרט צו האָבען א פּערזענליכען געשפּרעך מיט אן אנאַרכיסטישען טעאָרעטיקער און איהם שטעלען מיינע פראַ־

גען. אזוי ווי מיט מאָסט׳ן האָב איך אזא געשפּרעך ניט גע־קענט האָבען, האָב איך באשלאָסען דאָס צו טאָן מיט אן אנדער אנערקענטען אנארכיסישען אויטאָריטעט; איך האָב זיך אויס־געקליבען א מאן מיט׳ן נאָמען באכמאן, א דייטש, וועלכער האָט אין יענע צייטען ביי די אנארכיסטען געהאט א שם פאר א זעהר באלעזענעם מענשען און א טיפען דענקער, און וועלכער איז געווען איינער פון זייערע פיהרער. איך האָב איהם אויפגעזוכט דורך דעם אויבען־דערמאָנטען יוסטוס שוואב, דעם שעהנעם אנארכיסט, וועמעס סאלון אין נומער 50 ערשטע סטריט איז געווען א הויפּט־קוואַרטיר פון די דייטשע אנארכיסטען.

באכמאן איז געווען אן עלטערער מענש פון מיטעלען וואוקס, מיט גרויע האָר, מיט א בלאסען פּנים, מיט מילדקייט אין זיינע אויגען און אין זיין שטימע. מיר האָבען אָפּגעמאכט צו טרעפען זיך אין שוואב׳ס פּלאץ, אין א געוויסען אָווענד. אין דער בא־שטימטער צייט איז ער געקומען, באגלייט פון זיין פרוי — א דייטשע פרוי פון דעם זעלבען וואוקס ווי ער. די לופט אויף דרויסען איז געווען אנגענעהם, זיינען מיר אויף פרוי באכמאן׳ס פאָרשלאג ארויס אויף׳ן גאס און האָבען דעם גאנצען געשפּרעך געפיהרט שפּאצירענדיג.

מיר האָבען געשפּאצירט איבער האוסטאָן סטריט, וועלכע איז דאן געווען איינע פון די עכט־דייטשע גאסען אין ניו יאָרק. מיר זיינען געגאנגען פון דער צווייטער עוועניו ביז׳ן איסט ריווער און צוריק. אזוי האָבען מיר שפּאצירט הין און צוריק. ביז עס האָט גענומען טאָגען.

רעדענדיג מיט מיין געבראָכענע אידישע דייטש, האָב איך געשטעלט מיינע פראגען און באכמאן האָט אויף זיי געענטפערט, אָדער געפּרופט ענטפערען. ער איז געווען אן אויפריכטיגער מענש, און דאָ וואו ער האָט ניט געהאט קיין קלאָרען אנטוואָרט, האָט ער אָפען מודה געווען אז אויף מיין פראגע קען מען קיין אנטוואָרט ניט געפינען.

איך האָב פון איהם געהערט איינינע זאכען, וועלכע זיינען פאר מיר געווען ניי. ער האָט געבראכט ערקלערונגען פון אינ־טערעסאנטע ביכער. אָבער אויף דער פראגע, ווי אזוי אָהן

וואהלען און אהן אָפּשטימונג קען אין אַ פרייער געזעלשאפט זיין אַ טאָלק און אַ אָרדנונג; ווי אזוי מען קען אלעמען נאָכגעבען — אויף דעם, האָט ער מודה געווען, איז קיין אנטוואָרט ניטאָ. נאָר וואָס דען? די הערשאפט פון אַ מאַיאָריטעט איבער אַ מינאָ־ריטעט איז אַ טיראנייי. מען דארף קעמפפען געגען דעם. עס איז אַ פּרינציפּ־זאַך און דאָס דארף צוגעפּאסט ווערען צום לעבען אזוי ווייט ווי מען קען.

אָפט האָבען זיינע ווערטער ניט געשטימט איינע מיט די אנדערע. און אַ פּאָר מאָל, ווען איך האָב איהם אָנגעוויזען אויף זיינע ווידערשפּרוכען, האָט ער צוגעגעבען אז איך האָב רעכט.

איך האָב איהם געגעבען מיין משל מיט'ן פענסטער. ער־האָט מיט אַ ליבליכען טאָן גערעדט וועגען דער אינערליכער גוטסקייט פון דער מענשליכער נאַטור. ער האָט גע'טענה'ט, אז דאָ וואו מען פיהלט זיך ווי ברידער, געפינט מען שוין אַ וועג. מען שפּארט זיך ניט איין. עס איז אַ תענוג נאָכצוגעבען, דורכ־צוקומען. אויף דעם האָב איך געענטפערט, אז ניט אַלע מענשען זיינען אזוי גוטהערציג ווי ער, און מיסעס באַכמאַן האָט מיר פריינדליך בעדאנקט פאר'ן קאָמפּלימענט.

„אָבער ווי זאָל מען פאַרט טאָן מיט די, וואָס קענען ניט פארטראָגען די קעלט? — האָב איך געפרעגט — און ווי זאָל מען טאָן אויב פאר דעם צווייטען צד איז ביי אַ פארמאכטען פענסטער צו הייס און צו דושנע?"

באַכמאַן האָט אַלץ גע'טענה'ט אז מען גיט זיך שוין ווי־עס־איז אַן עצה: מען מאַכט אַ פּשרה. און איך האָב איהם ניט אָפּגעלאָזען און געפאָדערט ער זאָל מיר ניט אנדערש זאָגען ווי מען וועט טאָן אין אזא פאַל, וואו מען קען קיין פשרה ניט מאַכען.

איינער פון די ארגומענטען, וועלכע האָבען זיך אויסגע־ארבייט אין מיין מוח, איז באַשטאַנען אין פאָלגענדען: איבער־ציינונגען זיינען פאראַן צייטען, ווען אָפּצו־טרעטען פון אַ מיינונג איז אַ פארברעכען געגען דעם מענשען'ס געוויסען. און דאָס שטימט דאָך גראַד מיט דעם אנארכיסטישען פּרינציפּ אז יעדענס ווילען און מיינונג איז הייליג. אַלזאָ, זיינען



אַלעקסאַנדער יאָנאַס. — פֿאָטאָגראַפֿירט אין 1908.

פאַראַן פאַלען, ווען דער גוטהערציגער וואָס וויל נאָכגעבען באַ־נעהמט אַ פאַרברעכען געגען זיין אַנאַרכיסטישען איך; דאָס הייסט, אַז ער לאָזט פאַרגוואַלטיגען זיין ווילען. ווען איך האָב דיזען אַרגומענט פאָרגעבראַכט פאַר באַכמאַנ׳ען, האָט ער אויף זיין מילדען שטייגער צוגעגעבען, אַז דאָס איז אַ וויכטיגער פונקט. ער האָט נאָר געהאַט איין אַנטוואָרט: מאַיאָריטעט־הערשאַפט איז טיראַניי, און די פרייהייט איז די הייליגסטע זאַך, וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט. דעריבער איז דער אַנאַרכיזם, מיט אַלע זיינע שוועריגקייטען, אַלץ בעסער ווי יעדע אַנדערע סיסטעם.

איך בין אַוועק מיט דער איבערצייגונג, ערשטענס אַז באַכ־מאַן איז אַ זעהר סימפּאַטישער מענש, און צווייטענס, אַז דער אַנאַרכיזם איז אַ פּלאָנטער פון ווידערשפּרוכען און אונזינען.

איך בין געקומען אַהיים אויס אַנאַרכיסט. איך בין יענע נאַכט געוועזען זעהר אויפגערעגט. מיין געשפּרעך מיט באַכ־מאַנ׳ען איז ביי מיר געוועזען אַ גרויסע לעבענס־פּאַסירונג. איך האָב די וויכטיגע פונקטען פון אונזער געשפּרעך פאַרשריבען און די אַרגומענטען, וואָס איך האָב אַרויסגעשטעלט געגען באַכ־מאַנ׳ס ערקלערונגען, האָב איך שפּעטער אויסגענוצט אין אַר־טיקלען און לעקטשורס.

וואָס איז אָבער מכח די אַרגומענטען וואָס דער אַנאַרכיזם ניט געגען דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם? וועגען דעם האָב איך געמאַכט אַן אַפּאָינטמענט מיט אַלעקסאַנדער יאָנאַס׳ן. מיט שעוויטש׳ן, דעם רוס, וואָלט מיר נאַטירליך געוועזען פיל לייכטער צו ריידען. אַ חוץ דעם בין איך מיט איהם געוועזען בעסער באַ־קאַנט. אָבער דעריבער טאַקע האָב איך זיך געשעמט פאַר איהם מודה צו זיין וועגען דעם טומעל וואָס האָט געהערשט אין מיין מוח. מיט יאָנאַס׳ן האָב איך זיך איבערהויפּט געפיהלט לייכטער. ער איז געוועזען אַזאַ גוטהערציגער, אַזאַ ליבליכער. איך האָב איהם באַטראַכט ווי אַן אָנקעל, אָדער ווי אַ גוטען לעהרער. שעוויטש׳ן האָב איך הויך געאַכטעט און באַוואונדערט, אָבער אַזוי נאָהענט ווי צו יאָנאַס׳ן האָב איך זיך צו איהם ניט געפיהלט. אפשר

זיינען שעוויטש'ס אריסטאָקראַטישע מאַניערען געווען די אור־זאַכע דערפון.

די דייטשע „פאָלקס־צייטונג" איז געווען אויף וויליאַם סטריט, איין בלאָק פון דעם ברוקלין ברידזש, און יאַנאַס'עס אָפיס איז געווען אין אַ קליינינקען צימערל (אָפּגעצאַמט מיט ברעטער) אויפ'ן גראונד פלאָר, צום־יאַרד־צו. דאָרטען האָב איך מיט איהם געהאַט אַ צוויי־שטונדיגען געשפּרעך. איך האָב איהם אויסגעזאָגט דעם גאַנצען אמת, איהם איבערגעגעבען די אַלע פראַגען און צווייפלען וואָס האָבען געשטערט מיין רוה.

ער האָט מיר אַלץ פאַרענטפערט. אַזוי, וועניגסטענס, האָט זיך מיר געדאַכט יענעם אָוונט. איך בין פון איהם אוועק אַן אויפגערעגטער פון צופרידענהייט.

אויף מאָרגען האָבען מיך אַטאַקירט נייע קשיות. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו יעדען בוך אָדער בראָשורע איבער'ן סאָציאַליזם, וואָס איך האָב נאָר געהאַט אָדער געקענט קריגען אויף ענגליש אָדער רוסיש (דייטש האָב איך אויך געקענט לעזען, אָבער אַלץ ניט אָהן שוועריגקייטען). גראָד איז אַרום יענער צייט אין ניו יאָרק ערשינען אַן ענגלישע איבערזעצונג פון קאַרל מאַרקס'עס „קאַפּיטאַל" (וועלכען איך האָב געלעזען אויף רוסיש זייענדיג אין ווילנע), האָב איך זיך צו דעם איצט צוגעכאַפּט. דיזער טיף־זיניגער ווערק האָט צו אַזעלכע ענינים ווי אָפּשטימונג און די מאָראַל פון מאַיאָריטעט־הערשאַפט קיין שייכות ניט. ער האָט מיר אָבער קלערער געמאַכט דעם פונדאַמענט פון אַלץ. די גאַנצע וועלט האָט ער מיר קלאָר געמאַכט. איך האָב אויך איבערגע־לייענט אַנדערע סאָציאַליסטישע ווערק; איינינגע צום צווייטען מאָל, און אַנדערע צום ערשטען מאָל. ווידער בין איך אָפּט געווען אין אַן אויפגערעגטען צושטאַנד. אָבער דיזען מאָל איז ראָס שוין געווען ניט פון דורשט נאָך אַן אַנטוואָרט, נאָר פון תענוג, וואָס איך האָב שוין ענדליך אַן אַנטוואָרט, אַ קלאָרע, אַן אונבאַשטרייטבאַרען. איך האָב זיך געפיהלט ווי איינער וואָס האָט זיך לאַנג געפּלאָגט אין אַ פינסטערער תפיסה און קומט אַרויס אויף דער ליכטיגער וועלט.

מיט אַ ליידענשאַפטליכער התמדה האָב איך דיזע אַלע ביכער געלעזען. זינט איך האָב געלייענט מאַרקס'ן צום ערשטען מאָל זיינען פאַראיבער זעקס יאָהר. איך בין איצט געווען זעקס יאָהר ענטוויקעלטער. דער מאַרקסיזם האָט ביי מיר באַקומען אַ גאַנץ אַנדער פּנים. אָבער די זעקס יאָהר ענטוויקלונג איז ניט געווען די איינציגע אורזאַכע דערפון. איינינגע נייע ביכער און בראָשורען האָבען מיר געהאָלפען דעם מאַרקסיזם פאַרשטעהן.

די וויכטיגסטע הילף האָב איך באַקומען פון צוויי ביכער. איינער איז געווען „נאַשי ראַזנאָגלאַסיאַ" (אונזערע מיינונגס־פאַרשידענהייטען), פון דעם רוסישען רעוואָלוציאָנער און דענקער פּלעכאַנאָוו, און דער צווייטער — אַ רוסישע איבערזעצונג פון אַ ווערק, וואָס איז געשריבען געוואָרען פון קאַרל מאַרקס'עס מיטאַרבייטער, פרידריך ענגעלס; ריכטיגער געזאָגט, פון דעם וויכטיגסטען טייל פון דיזען ווערק. דער איבערזעצטער טייל האָט געטראָגען דעם נאָמען: „דער איבערגאַנג פון דעם אוטאָ־פּיסטישען סאָציאַליזם צו דעם וויסענשאַפטליכען".

פּלעכאַנאָוו'ס ווערק איז געווען אין דער פאָרמע פון אַן אָפענעם בריף צו פּעטער לאַוורּאָוו'ן, דעם וויכטיגסטען דענקער און לעהרער פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערען פון די זיבעציגסטע און אָנהויב אכציגסטע יאָהרען. דער בוך איז שוין ביי מיר געלעגען אַ היבשע צייט; געלעזען האָב איך איהם אָבער איצט צום ערשטען מאָל; קיין דירעקטע שייכות צו דעם אונטערשיד צווישען דעם אַנאַרכיזם און דעם סאָציאַליזם האָט ער ניט געהאַט; ער האָט מיר אָבער קלערער געמאַכט די סאָציאַליסטישע טעאָריע; און אויב אין מיין מאַרך איז נאָך פאַרבליבען דער קלענסטער שפּור פון אַנאַרכיזם, האָט דיזער בוך דאָס פאַרטריבען.

פּלעכאַנאָוו איז אַמאָל אַליין געווען אַן אַנאַרכיסט. איצט איז ער געוואָרען אַ פאָלשטענדיגער סאָציאַל־דעמאָקראַט. פריהער איז ער געווען נעגען לאַווראָוו'ס אידעען אויף דעם גרונד פון דעם אַנאַרכיזם. איצט איז ער געווען נעגען זיי אַלס איבערצייגטער מאַרקסיסט.

דיזער בוך פּלעכאַנאָוו'ס איז געווען דער פונדאַמענט פון

זיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טעאָריע פאַר רוסלאַנד, אַ טעאָריע פון וועלכער ניקאָלאַי לענין איז שפּעטער געוואָרען אַן אָנהענגער*).

פּלעכאַנאָוו'ס „אונזערע מיינונגס־פאַרשידענהייטען" ענטהאַלט אַ גלענצענדע ערקלערונג פון דעם מאַרקסיסטישען סאָציאַליזם, און האָט מיר געבראַכט די גרעסטע נוצען.

אָבער נאָך מעהר הילף האָב איך באַקומען פון ענגעלס'עס דערמאַנטע ווערק (די רוסישע איבערזעצונג איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע פּלעכאַנאָוו האָט געגרינדעט). דעם עיקר פון דיזען ווערק האָב איך דערנאָך פּאָפּולאַריזירט אויף לעקטשורס.

דער טומאַן אין מיין מוח איז שוין לאַנג צוגאַנגען. איך האָב שוין געהאַט קלאָרע איבערצייגונגען אַלס סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַלס מאַרקסיסט. איך בין צוגעקומען צו אַ ברעג. איך האָב געפיהלט אַ פעסטען באָדען אונטער מיינע פיס.

איך האָב זיך פאַרשריבען אַלס מיטגליד פון דער סאָציאַליס־טישער אַרבייטער פּאַרטיי. ווען איך האָב באַקומען די מיטגליד־קאַרטע, האָב איך געפיהלט אַזוי ווי אַ שטיין וואָלט מיר אַראָפּ פון האַרצען.

---

*) דער הויפּט געדאַנק פון דער פּלעכאַנאָווישער טעאָריע באַשטעהט אין פאָלגענדען: רוסלאַנד איז ניט קיין אויסנאַהמע פון אַנדערע לענדער, און איידער ביי איהר וועט קענען ענטוויקעלט ווערען סאָציאַליזם, וועט זי מוזען ענטוויקלען קאַפּיטאַליזם ביי זיך. פילע יאָהרען שפּעטער, ווען לענין האָט געמאַכט זיין באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, איז ער מיט פּלעכאַנאָוו'ן, זיין לעהרער, געווען אין די פיינדליכסטע באַציהונגען. פּלעכאַנאָוו איז אַלץ געבליבען ביי זיין אַלטער מיינונג, וועהרענד לענין האָט זיך גענומען גרינדען אַ קאָמוניסטישע רוסלאַנד, איידער דאָס לאַנד האָט געהאַט אַן ענטוויקעלטע קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע. אָבער ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, עקזיסטירט אין רוסלאַנד לענין'ס „נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק". לענין איז געצוואונגען געווען ווידער צו ערלויבען קאַפּיטאַליזם, אַלס אַ נויטיגע איבערגאַנגס־סיסטעם, אָהן וועלכער דער סאָציאַליזם איז אוממעגליך. פּלעכאַנאָוו איז שוין טויט; אָבער זיין לעהרע האָט געזיגט.



ווילהעלם ליבקנעכט.

.3

ווילהעלם ליעבקנעכט. — עלעאַנאָרא, די טאָכטער פון קאַרל מאַרקס, און איהר מאַן עוועלינג.

יענעם ווינטער האָט די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי געהאַט געסט פון יוראָפּ, און זייער קומען איז געווען נוציליך פאר מיר. עס האָט געהאָלפען פעסטער מאכען דעם באָדען אונטער מיינע פיס.

די געסט זיינען געווען: דער בארימטער ווילהעלם ליעבקנעכט, איינער פון די צוויי גרינדער און פיהרער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און רעדאַקטאָר פון איהר הויפּט אָרגאַן, בערלינער „פאָרווערטס״; קאַרל מאַרקס'עס טאָכטער, עלעאָנאָרא, און איהר ענגלישער מאַן עוועלינג.

די קבלת־פּנים־פאַרזאַמלונג איז געווען אין דעם גרויסען זאַל פון קופּער יוניאָן. עס איז געווען געפּאַקט, מייסטענס מיט דייטשען. ליבקנעכט איז דאַן געווען אַ מאַן פון איבער זעכציג — מיט אַ שעה־נער גרויער באָרד, מיט אַ אינטערעסאַנטען הויך־אינטעליגענטען פּנים. עלעאָנאָרא מאַרקס־עוועלינג איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָהר צוויי־און־דרייסיג. זי האָט געהאַט אַ אידיש־חן'עווידיגען פּנים, אַ דונקעל ראָזעווען, מיט שעהנע שווארצע אויגען. זי האָט געטראָגען אַ פּאַרצייטיג־גריכישען קאָסטיום פון גרינעם סאַמעט, און איהר אויסזעהן איז געווען זעהר איינדרוקספול. איהר מאַן איז געווען ניט קיין הויכער, מיט אַ גלאַט־געגאָלטען געזיכט, ווי אַ שוישפּילער. מען האָט זיי אַלעמען אויפגענומען מיט וואַרימע אַפּלאָדיסמענטען און באַגייסטערונגס־געשרייען. אבער צו איהר האָט מען ארויס־געוויזען אַ באַזונדערען אינטערעס. ערשטענס, האָט מען אויף איין מינוט ניט פארגעסען, אז דאָס איז קאַרל מאַרקס'עס טאָכטער; אז קאַרל מאַרקס איז געווען דער פאָטער פון דער פרוי, וואָס שטעהט דאָ און רעדט. צווייטענס, איז זי געווען אַ גלענצענדע רעדנערין. און ווען שטעהענדיג פאַר'ן עולם אין איהר גרין־סאַמעטענער גרי־כישער קלייד, האָט זי ארויסגערעדט איהרע ענגלישע ווערטער מיט אַ שעהנער שטימע פול מיט פייער, איז די ווירקונג געווען אַן אונ־

געוועהנליכע. אזוי ווי זי וואָלט טאַקע פון דער פּאַרצייטיגער גריכענלאַנד אַראָפּגעקומען. זי האָט גערעדט אַ פּרעכטיגען ענגליש. איהר אויסשפּראַך איז געווען מיט ווייכע דייטשע ריש'ען און עט־וואָס אונטער'ן צונג; אָבער דאָס האָט איהר לשון נאָר צוגעגעבען חן. דער עיקר איז אָבער געווען דער אינהאַלט פון דער רעדע. זי האָט אַרויסגעבראַכט אינטערעסאַנטע געדאַנקען.

זי איז געווען אַ זעלטען־געבילדעטע און פעהיגע פרוי, האָט גערעדט עטליכע שפּראַכען ווי מוטער שפּראַך און איז געווען אַ גלענצענדע שרייבערין.

אַ צווייטע רעדע איהרע, וועלכע איז פאַרבליבען אין מיין זכרון, האָט זי געהאַלטען אויף אַ באַזאַר צו גונסטען פון דעם „לי־דער", אויך אין דער קופּער־אינסטיטוט געביידע, נאָר אין דעם בייסמענט, אויף קאָרנער אַכטער סטריט און דריטער עווענױ. דער באַזאַר האָט אָנגעהאַלטען אַ גאַנצע וואָך, און איהר רעדע, וועלכע זי האָט געהאַלטען אין אַ נאָכמיטאָג, איז געווען איינע פון די צו־ציהונגס־מיטלען, וואָס די קאָמיטע האָט צוגעגרייט. איהר טעמא איז געווען „דהי פּילגרים פאַדהערס" (די ערשטע אימיגראַנטען, וואָס זיינען געקומען פון ענגלאַנד קיין אַמעריקא).

ליעבקנעכט'ס וויכטיגסטע לעקטשור איז געגעבען געוואָרען ווידער אין דעם גרויסען קופּער יוניאָן זאַל. דיזען מאָל האָט ער פאַרנומען דעם גאַנצען אָוועגד. ער האָט גערעדט וועגען דער באַ־וועגונג אין דייטשלאַנד, אָבער זיין פאָרטראַג איז געווען דורכ־געוועבט מיט באַמערקונגען וועגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טאַקטיק בכלל, און פאַר מיר איז דאָס געווען וויכטיג. ער איז געווען אַ טאַלאַנטפולער זשורנאַליסט, מיט איינבילדונגס־קראַפט און מיט בליצען פון פּאָעזיע אין זיין שרייבען. און דיזע מעלות האָבען זיך געפיהלט אין זיינע רעדעס אויך. פאַר מיר איז דאָס וויכטיג־סטע געווען דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט וועגען דער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער פּראָגראַם גופא.

יענעם אָוועגד האָט ער איבערגעזאָגט אַ באַריהמט געוואָרענעם אַנטוואָרט, וואָס ער האָט אַמאָל געגעבען אַ קאַפּיטאַליסטישען דע־

פּוטאַם אין רייכסטאַג. יענער האָט באַמערקט, אַז ער, ליעבקנעכט, איז שוין ניט יונג, אַז ער איז שוין זעכציג יאָהר אַלט. האָט ליעבקנעכט געענטפערט, אַז ווען מען דאַרף, איז ער „ניט זעכציג, נאָר צוויי מאָל דרייסיג“.

אַ צווייטע באַקאַנטע באַמערקונג זיינע, וועלכע ער האָט איבערגעזאָגט אין דיזען אָווענד, איז געווען:

„טאַקטיק איז אַ פראַגע פון פּראַקטישקייט. ווען די אומשטענדען זאָלען זיך ענדערען יעדע 24 שטונדען, וועלען מיר יעדע 24 שטונדען ענדערען אונזער טאַקטיק“.

עוועלינג איז געווען אַ וויסענשאַפטסמאַן (זיין ספּעציאַליטעט איז געווען נאַטור־וויסענשאַפט); זינט אָבער ער איז באַקאַנט געוואָרען מיט עלעאָנאָרא מאַרקס, האָט ער זיך גענומען פאַר'ן וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם און האָט אָנגעשריבען אַ פּאָפּולערע ערקלעהרונג איבער דער לעהרע פון קאַרל מאַרקס. זיינע לעקטשורס איבער'ן מאַרקסיזם אין ניו יאָרק זיינען געווען אינהאַלטסרייך און ערפאָלגרייך. איך האָב קיינע פון זיי ניט פאַרפעהלט. נאָך יעדער לעקטשור פלעג איך פאַרבלייבען איהם צו שטעלען פראַגען וועגען דעם ענין פון דער לעקטשור אָדער וועגען אַנדערע פּונקטען פון דעם מאַרקסיזם. איינמאָל האָבען מיר אַזוי פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט צוזאַמען. אַ געוויסע שטעלע אין „דאָס קאַפּיטאַל“ איז מיר געווען קשה. איך האָב איהם אָנגעוויזען אויף דער דאָזיגער שטעלע, און ער האָט מיר געגעבען זיין ענטפער. איך בין ניט געווען צופרידען, און צווישען אונז האָט זיך פאַרצויגען אַ שטיקעל דעבאַטע. ביי אַן אַנדער געלעגענהייט איז ליעבקנעכט געווען דערביי. ער האָט גערעדט ענגליש (ער האָט אַ געוויסע צייט געוואוינט אין לאָנדאָן), און אויף איין פראַגע מיינער וועגען אַ געוויסער אָנווענדונג, וואָס די אַנאַרכיסטען מאַכען געגען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טאַקטיק, האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ פאָלשטענדיגער ערקלעהרונג.

אין דער צייט, ווען די דריי געסט זיינען געווען אין ניו יאָרק, האָט מיט ליעבקנעכט'ען און עוועלינג'ען געטראָפען אַזאַ געשיכטע: אַ רייכער אַמעריקאַנער, וועלכער איז באַקאַנט געוואָרען מיט עווע־

לינג'ען אין לאָנדאָן, האָט איהם דאָ איינגעלאַדען צו זיך אין קלוב און צוזאַמען מיט איהם — זיין מיטרייזענדען, ליעבקנעכט'ען (אין לאָנדאָן האָט עוועלינג יענעם געוויזען גאַסטפריינדליכקייט, האָט ער איהם געוואָלט אָפּצאָהלען). דער קלוב איז געווען דער אַריסטאָ־קראַטישער „יוניאָן ליעג קלוב", איינער פון די רעאַקציאָנערסטע.

די צוויי געסט זיינען געקומען. דער קלוב־מעמבער האָט זיי מכבד געווען מיט דינער. פּלוצלינג האָט אַ פּאָרשטעהער פון דעם קלוב אָפּגערופען דעם אמעריקאַנער אָן אַ זייט און איהם ערקלעהרט, אַז זיינע געסט מוזען אויפ'ן שטעל פאַרלאָזען דעם פּלאַץ. מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ליעבקנעכט איז דער פיהרער פון די סאָציאַלי־סטען אין דייטשלאַנד, און אַז עוועלינג איז אַן איידעם פון קאַרל מאַרקס. עס איז געוואָרען אַ גערודער. די מעמבערס האָבען ניט געקענט פאַרטראָגען די אָנוועזענהייט פון אַזעלכע „טריפה" מענשען אין זייער קלוב.

אויף מאָרגען האָבען אַלע צייטונגען דערצעהלט די געשיכטע. די האַנדלונג פון די „איידעלע" מיליאָנערען האָט פּשוט גע־שמעקט מיט גראָב־יונגישקייט און איינינע רייכע אַמעריקאַנער האָבען איהר אויך פאַרדאַמט.

עוועלינג האָט וועגען דעם ענין גערעדט אויף איינער פון זיינע לעקטשורס. אימיצער האָט געשטעלט אַ פראַגע וועגן דער אַנגעלע־גענהייט, און ער האָט זיך אויף איהר אָפּגעשטעלט איינינע מינוט. ער האָט ערקלעהרט, אַז די לייט פון דעם אַריסטאָקראַטישען קלוב זיינען פּשוט ניט קיין ערצויגענע מענשען, און אַז אין ענג־לאַנד וואָלט אַזאַ זאַך געווען אונמעגליך.

4.

די ניי־אָדעסער קאָמונע פאַלט דורך. — ווי די מיטגלידער האָבען געלעבט צווישען זיך. — מיינע דעבאַטען מיט קאַפּלאַן'ען וועגען דער געפאַלענער קאָמונע.

אין נאָוועמבער פון יענעם יאָהר האָט מיין פריינד און אַמאָלי־גער שכן, פּאָול קאַפּלאַן, און איינינע אַנדערע מיטגלידער פון דער ניי־אָדעסער קאָמונע זיך אומגעקעהרט פון אָרעגאָן, און אינדירעקט

עלעאָנאָראַ מאַרקס־עוועלינג. — פאָטאָגראַפירט אין 1891.

האָט דאָס אויך געהאָלפען מיינע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע איבער־צייגונגען.

זייער קאָמונע האָט געפּלאַצט. מעהר ווי אַ העלפט פון די מיטגלידער האָבען פאַרלאָזען די געזעלשאַפט. די איבעריגע, מיט קאַפּלאַן'ען צווישען זיי, האָבען אויפגעהאַלטען די אָרגאַניזאַציע און זיי זיינען געקומען קיין ניו יאָרק מיט'ן צוועק פאָרצוזעצען זייער קאָמוניסטישען לעבען אין שטאָדט.

זיי האָבען זיך באַזעצט ווי אַ פאַמיליע (אין אַ גייער טענעמענט הויז אויף הענרי סטריט ,ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו זי קומט זיך צונויף מיט גרענד), און דאָס געלט, וואָס זיי האָבען געבראַכט פון אָרעגאָן, האָבען זיי אַריינגעלייגט אין אַ לאָנדרי, וועלכע זיי האָבען געגרינדעט אויף עססעקס סטריט, לעבען גרענד, און וועלכע זיי האָבען איינגעסטראָיעט מיט די נייעסטע מאַשינעריי. כמעט די גאַנצע ארבייט איז געטאָן געוואָרען פון די מיטגלידער. איינער פון די וויכטיגסטע און סימפּאַטישסטע פון זיי, אַ באַלעזענער אָדעסער סטודענט מיט'ן נאָמען פייערמאַן, אַ הויכער יונגערמאַן מיט דונ־קעל־רויטע וואָנצעס, פלעגט געהן מיט אַ גרויסען זאַק פון קאָס־טאָמער צו קאָסטאָמער נאָך שמוציגע וועש. די איבעריגע האָבען געארבייט אין דער לאָנדרי גופא. קאַפּלאַן איז געווען דער גע־שעפטס־פיהרער.

פאַרוואָס האָט זייער קאָמוניסטישע פאָרם אין אָרעגאָן קיין קיום ניט געהאַט?

איינינע פון די אורזאַכען, וואָס זיינען זיי געשטאַנען אין וועג, האָבען געהאַט אַן עקאָנאָמישען כאַראַקטער; אַנדערע אַ גייסטיגען. איך האָב אין ביידע סאָרטען געזעהן אַ באַשטעטיגונג פון דער מאַרק־סיסטישער טעאָריע.

נאָר לאָמיר צוערשט איבערגעבען די פאַקטען, ווי איך האָב זיי געהערט פון די מיטגלידער פון דער קאָמונע. איך מיין ווי איך האָב זיי געהערט גלייך דאַן, ווען זיי האָבען זיך אומגעקערט פון אָרע־גאָן, און ווידער אַמאָל מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר שפּעטער. וואָרים מיט עטליכע טעג איידער דיזע צייל̈ען זיינען געשריבען געוואָרען, האָב איך זיך ספּעציעל געזעהן מיט אַ פּאָר פון די אַמאָליגע נייַ־אָדעסער קאָמוניסטען און האָב מיינע „סעקאַנד־הענדיגע" עראַי־

נערונגען פארגליכען מיט זייערע אייגענע אָריגינעלע עראינערונגען. דאָס דארף יעדענפאלס זיין ניט אונאינטערעסאנט, וואָרים פון אלע אונזערע אימיגראנטען, וואָס זיינען נאָך די ערשטע פּאָגראָמען גע־קומען קיין אמעריקא מיט קאָמוניסטישע פּלענער, איז דיזע גרופּע געוועזען די איינציגע, וואָס האָט זיך ערנסט גענומען איהר אידעאַל צו פארווירקליכען. פארוואָס־זשע האָט זיך זייער פּראָבע גע־ענדיגט מיט א דורכפאַל?

אין סך־הכל זיינען געווען ארום פערציג מיטגלידער, מענער און פרויען; און מייסטע פון זיי, אויב ניט אלע, זיינען אהין גע־פאָהרען מיט אן אמת'ער באגייסטערונג. אָבער די ערפאהרונגען, וואָס זיי האָבען דורכגעמאכט, זיינען געווען פארבונדען מיט אונ־אנגענעהמע אומשטענדען, וועלכע דיזע יונגע ענטוזיאסטען האָבען פריהער ניט פאָראויסגעזעהן. זייער באגייסטערונג האָט זיך יעדען טאָג אָפּגעשלאָגען אָן דער הארטער ווירקליכקייט, אזוי ווי א שיף שלאָגט זיך אָפּ אָן גרויזאמע פעלזען. די שיף איז צוקלאפּט געוואָרען.

גלייך פון אָנהויב האָט זיך גענומען פיהלען, אז די שווערע פיזישע ארבייט, וועלכע די מעמבערס האָבען געהאט צו טאָן, איז ניט נאָך זייערע כחות, געוואוינהייטען אָדער נייגונגען.

דער פארם וואָלט גענאנגען גוט, הויפּטזעכליך א דאנק דעם אנטייל פון אן אמעריקאנער מיט'ן נאָמען גאסקין, וועלכער איז צוגעשטאנען צו דער קאָמונע. ער איז געווען א געניטער פארמער און האָט אלץ געפיהרט מיט פעהיגקייט און אָרדנונג. אָבער דאָס וואָלט ניט געווען גענוג פאר פארציג מענשען צו לעבען. האָט מען געמוזט האקען האָלץ אויף „שפּאלען" פאר די דערבייאיגע אייזען־באהנען. די קאָמוניסטען האָבען ארונטערגעזעגט ביימער און זיי צוהאקט אויף „קאָרדס", לויט די באדערפנישען פון די אייזען־באהנען. דאָס רוב פון די יונגעלייט האָבען פריהער קיין פיזישע ארבייט קיינמאָל ניט געטאָן. און הגם פון אָנהויב האָבען זיי געגלויבט אין דער הייליגטום פון אזא סאָרט באשעפטי־גונג און געטרוימט וועגען איהר, האָט זיך אָבער ארויסגעזייגט, אז טרוימען איז איין זאך און פארווירקליכען דעם טרוים איז א גאנץ אנדער זאך.

דאָך, ווען דער גייסט וואָלט געווען צופרידען, וואָלט דער גוף געקענט אַלץ בייקומען. וואָס טוט מען ניט צוליב גייסטיגען גליק? דאָ איז אָבער קיין גליקליכער גייסטיגער לעבען ניט געווען. די פריינדליכע פאַרהעלטניסען זיינען צושטערט געוואָרען.

איינציגע זיינען אַבסאָלוט ניט געווען אין שטאַנד צו טאָן די שווערע אַרבייט און זיי האָבען פאַרבראַכט די צייט ענטוועדער אויף זייטיגע קלייניגקייטען, נוצליכע צי ניט־נוצליכע; אָדער זיי האָבען גאָרניט געטאָן. אָט דורך דעם האָבען זיך אָנגעהויבען צרות.

די וואָס האָבען יאָ געטאָן די שווערע אַרבייט, האָבען די ערשטע טעג זיך געפּרואווט איינריידען, אַז זיי זיינען העכסט צו־פרידען, וואָרים זיי זיינען דאָך אַלע ווי איין פאַמיליע; אָבער אַפילו אין איין פאַמיליע קריגען זיך דאָך אויך שוועסטער, ווען איינע פוילט זיך צו אַרבייטען און דער אַנדערער קומט אויס צו אַרבייטען צופיל.

אין דער צייט וואָס מיטגליד נומער 1 זעגט און האַסט האָלץ, שטעהט מיטגליד נומער 2 און מישט כלומר'שט קאַשע און שמועסט מיט די פרויען. מיטגליד נומער 3, וועלכער איז א הויכער געזונטער יונג, א ריז, קען אַבסאָלוט ניט טאָן קיין פיזישע אַרבייט, ווייל ער האָט פילע יאָהרען פאַרבראַכט אַלס בוכ־האַלטער אין אַן אָדעסער באַנק און די איינציגע געצייג וואָס ער איז געוואוינט צו געברויכען איז א פעדער. אַלזאָ, דרעהט ער זיך אַרום א גאַנצען טאָג און טוט עפּעס א קלייניגקייט, פון וועלכער די האָלץ־העקער מאַכען חוזק. ווי דער געוועזענער בוכהאַלטער פיהלט זיך ווען ער דערוויסט זיך דערפון, קען מען זיך לייכט פאַרשטעלען.

צו קיין געוואַלדיגע סצענעס איז קיין מאָל ניט געקומען, אַפילו צו א צו־ווערטלען זיך אין דער הויך אויך ניט; וואָרים די פערציג מיטגלידער זיינען גראָד אַלע געווען שטילע מענשען. אָבער אויף א שטילען שטייגער האָט זיך פאַר־שפּרייט א געגענזייטיגע אומצופרידענהייט, וועלכע איז געוואַק־סען און געוואַקסען. און פון דער דאָזיגער אומצופרידענהייט האָבען אַרויסגעשפּראָצט מיספאַרשטענדנישען, פּלאָטקעס, גיפ־טיגע שפּאַסען הינטער די אויגען א. אז. וו.

א צווייטער סאָרט אומצופרידענהייט, איינער פון די וויכ־טיגסטע, האָט געשטאַמט פון דעם, וואָס דער לעבען אין דער קאָמונע איז געווען צו לאַנגווייליג פאַר די מיטגלידער. זיי זיינען מייסטענס געווען שטאָרט־מענשען, דאָס רוב אָדעסער, און צו דעם שטילען לעבען פון אַ דאָרף זיינען זיי ניט געווען געוואוינט. די איינטאָניגקייט, מיט וועלכער עס זיינען פאַר־ביינגעגאַנגען די טעג און די אָווענטען, האָט זיך וואָס ווייטער געפיהלט אַלץ שטאַרקער.

אַ סך טראָבעל איז אַרויסגעקומען צוליב דער געשלעכט־פראַגע. עס זיינען געווען פאַרשידענע פאַלען פון אייפערזוכט. צווישען די מעמבערס איז געווען אַ קליינע צאָהל פאַרהייראַטע; ווייטער זיינען געווען עטליכע מיידלאַך, און אַ גרויסע מאַיאָ־ריטעט איז באַשטאַנען פון יונגע לייט. מיידלאַך איז געווען צו ווייניג. זיינען פאָרגעקומען פאַרשידענע ליבעס־פּלאָנטערס. טיילווייז אָפענע, אָבער מייסטענס ניט קיין אָפענע. אין דער קאָמונע איז אָנגענומען געווען פרייע ליבע, אָבער אין אַ קליינער מאָס. יונגע לייט וואָס האָבען געבענקט נאָך ליבע, האָבען צו דער אַלגעמיינער שווערער שטימונג צוגעלייגט די אומצופרידענהייט וועלכע האָט מייסטענס געשטאַמט פון געשלעכט־איינזאַמקייט, און אָפט פון אייפערזוכט אויך.

פילע מעמבערס האָבען אויך שטאַרק געליטען פון דעם, וואָס אין דער קאָלאָניע איז ניט געווען גענוג פּריוואַטקייט. ווען איינער האָט געוואָלט זיין אַ געוויסע צייט מיט זיך אַליין, איז איהם דאָס ניט געווען לייכט אויסצופיהרען. די ניט־פאַרהייראַטע מענער האָבען אַלע געשלאָפען צוזאַמען אין אַ שייער. יעדע פאַרהייראַטע פּאָר האָט געהאַט אַ באַזונדערען צימער; אָבער פאָלשטענדיג פּריוואַט האָבען זיי זיך דאָרטען ניט געקענט פיהלען. אָט, צום ביישפּיל, ווייל אַ פּאָר פאָלק בלייּ־בען אַ פּאָר שטונדען אין זייער צימער אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע, קומט אריין איינער פון די מעמבערס מיט אַ בוך און זעצט זיך אַוועק ביי זייער טיש לעזען. מען בעט איהם אויף אַן איידעלען שטייגער, אַז ער זאָל זיך געפינען אַן אַנדער פּלאַץ. ער וויל אָבער ניט. ער פּראָטעסטירט אין נאָמען

פאול קאפלאן.

פון קאָמוניזם. דער צימער געהערט צו איהם פונקט ווי צו זיי, זאָגט ער, און זייער פאָדערונג אז ער זאָל ארויסגעהן איז אַ פארברעכען געגען דעם קאָמוניסטישען געפיהל.

איינינע מיטגלידער האָבען אָפט צוזאמענגעמישט זייער קאָמוניזם מיט אַ באגריף וועגען עסען פון איין שיסעל און שלאָפען אין איין בעד־רום. זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט, אז איינס אָהן דעם צווייטען געהט ניט. אז מען קען לעבען קאָמוניסטיש וואוינענדיג אין באזונדערע צימערען און שעצענ־דיג דעם אנדערענס פריוואט לעבען — דאָס איז זיי ניט איינגעפאלען.

דאָך זיינען פון אזעלכע אורזאכען קיין גרויסע צוזאמענשטוי־סען ניט פאָרגעקומען; און אין סך הכל איז דער אלגעמיינער פרידען דורך זיי ניט צושטערט געוואָרען. ווען צווישען די מיטגלידער וואָלטען זיך געפונען עטליכע מענשען מיט ביי־זערע אָדער הייסערע טעמפעראמענטען, וואָלט ווארשיינליך געווען פיל ערגער. אויב אָבער אויסערליך איז פון אזעלכע אור־זאכען דער ברידערליכער גייסט ניט צובראָכען געוואָרען, האָט זיך אינערליך, אין די הערצער פון די מִיטגלידער, דורך זיי געקליבען אַ שטימונג, וועלכע האָט דער קאָמונע געגעסען ווי ראָסט עסט אייזען.

אַ גרעסערע און אָפענערע שטערונג איז ארויסגעקומען פון מיינונגס־פארשידענהייטען צווישען וויליאם פרעי'ען און קאפּ־לאַן'ען. פרעי האָט געשטרעבט די קאָלאָניע צו מאכען פאר אַ פּאָזיטיוויסטישע. ער האָט געוואָלט אז די מיטגלידער זאָ־לען לעבען אויף זיין „רעליגיעזען" שטייגער: זיך פיהרען דורכ־אוים לויט אוגוסט קאָנט'ס „רעליגיע פון דער מענשהייט", און דערצו נאָך ניט עסען קיין פלייש; און קאפּלאן האָט זיך גע־שטעלט דאגעגען און שארף קריטיקירט פרעי'ס פּראָגראם.

אין דער קאָמונע איז געווען אַ אָרגעל, פלעגט מען זינ־גען פּאזיטיוויסטישע לידער און באגלייטען אויף איהם די גע־זאנג. דאָס אלץ איז געווען דורך פרעי'ס איינפלוס. און דאָס רוב מעמבערס זיינען געווען צופרידען, איינפאך ווייל דאָס איז געווען אַ שטיקעל צייט־פארטרייב. קאפּלאן אָבער פלעגט

דערביי צושמייכלען גיפטיג; און דורך דעם פלעגט דער פריד־ליכער געמיט פון די מיטגלידער פארשטערט ווערען.

אמת באקעהרט צום פאזיטיוויזם זיינען אין דער קאמו־נע געווען נאר א פאר (איינער פון זיי איז געווען א ברודער פון דער באריהמטער שווישפילערין סערע אדלער), די איבע־ריגע האבען איינפאך ניט געהאט דאס הארץ פרעי'ען צו אנטזא־גען. ווארים ער האט אלץ געטאן אויף א פריינדליכען שטיי־נער; ער האט זיך קיין מאל צו קיינעם ניט באנומען גראב; קיין מאל אויף קיינעם ניט געווארען בייז. און ער אליין האט ווירקליך געלעבט ווי א הייליגער. מען האט איהם געקענט טאן די גרעסטע פערזענליכע עולה, האט ער דאס פארטראגען, און איז געבליבען אמת פריינדליך. מען האט איהם געאכטעט דער־פאר און מען האט איהם אויך געאכטעט ווייל ער איז געווען א הויך געבילדעטער מאן און פיל עלטער ווי די מייסטע מעמ־בערס, און נאך א קריסט און אן אריסטאקראט דערצו.

זיין איינפלוס איז דאריבער געווען פיל גרעסער ווי קאפ־לאן'ס, זיין פאזיטיוויסטישע פראפאגאנדע איז אבער די מעמ־בערס ביסלעכוויז געווארען צו לאסט.

מען קען ניט זאגען, אז די קאלאניע איז צוטיילט גע־ווארען אויף צוויי פארטייען: פרעיאיסטען און קאפלאניס־טען; אבער דורך די דעבאטען און דורך קאפלאן'ס אומ־פריינדליכע שמייכלען, איז דער פרידען אין איהר פיל גע־שעדיגט געווארען.

ספעציעלע מיטינגען, אין באשטימטע טעג, פלעגען אפ־געגעבען ווערען צו געגענזייטיגער קריטיק. איינער נעהמט, צום ביישפיל, דאס ווארט און הויבט אן אנצואווייזען אויף די פעהלערען פון א צווייטען מיטגליד. געהייסען האט דאס, אז מען איז בודק די מאראל איינע ביי די אנדערע, אין די אינ־טערעסען פון דער גאנצער קאמונע, און פון יעדען מעמבער באזונדער — אזוי, למשל, ווי צוויי אידען שלאגען מלקות איי־נער דעם אנדערען. דער מיין דערביי איז געווען א גוטער; אבער מענשען זיינען מענשען, און די פאלגענדע סצענע איז געווען א גאנץ אפטע ערשיינונג: מען קריטיקירט א מיט־

גליד, און אַנשטאַט אויסצוהערען די קריטיק מיט אַ ברידערלי־כען געפיהל און מיט פרומער גוטמוטיגקייט, ווערט יענער בייז און פאַרלאָזט דעם מיטינג.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז כמעט גלייך פון אָנהויב האָט זיך גענומען פיהלען, אַז די קאָמונע וועט זיך לאַנג ניט האַלטען. אייניגע האָבען אויפ'ן שטעל גענומען קלערען וועגען באַפרייען זיך. אנדערע זיינען צוערשט געווען באַגייס־טערט און זיי האָבען זיך געפּרואווט איינריידען אַז זיי זיי־נען גליקליך, אָבער ביי זיי האָט זיך דיזער געפיהל אויך לאַנג ניט געהאַלטען.

די אָרעגאָנער אונטערנעהמונג איז ענדליך אויפגעגעבען גע־וואָרען און פילע פון די מעמבערס זיינען פון דער אָרגאַניזאַציע אין גאַנצען ארויסגעטראָטען.

אין ניו יאָרק, אַלזאָ, האָבען די איבערגעבליבענע געפּרופט פאָרטזעצען דעם קאָמוניסטישען לעבען. אָבער דאָ האָט דאָס גע־האַט פונקט אזוי ווייניג קיום ווי אין אָרעגאָן. די לאַנדרי איז ענדליך פארקויפט געוואָרען און די מעמבערס זיינען זיך צוגאַנ־גען. זיי זיינען זיך געבליבען גוטע פריינד און זייער פּראָבע צו גרינדען אַ קאָמונע איז געבליבען ביי זיי אַן אנדענקען — אַי אַן אנגענעמער אַי אַ טרויעריגער, ווי פילע אַנדענקענס זיינען.

דער דורכפאַל פון דער ניי־אדעסער קאָמונע איז פאַר מיר געווען אַ באַשטעטיגונג פון דער מארקסיסטישער לעהרע. איך האָב אין דער טראַגעדיע הויפּטזעכליך געזעהן צוויי פונקטען, ביידע ריין מארקסיסטישע.

די הויפּט אורזאַכע פון דער אונצופרידענהייט איז, לויט מיין מיינונג, געווען די שווערע ארבייט און דער שווערער געמיט וואָס זי האָט געשאַפען. און פאַרוואָס האָבען די מיטגלידער געדאַרפט ארבייטען אַזוי שווער? ווייל די אייזענבאַהן קאָמ־פּאַניעס, פאַר וועלכע זיי האָבען געזעגט און געהאַקט האָלץ,

און די קאפיטאליסטישע וועלט אין אלגעמיין האבען זיי עקס־פלואטירט.

„איהר זייט ניט געווען קיין אמת'ע קאמונע; אלס האלץ־העקער זייט איהר איינפאך געווען א גרופע פראלעטאריער — פלעג איך טענה'ן אין מיינע געשפרעכען מיט קאפלאנ'ען — און אלס פארמערס האט אייך בארויבט די גאנצע קאפיטאליסטישע סיסטעם, פונקט ווי זי בארויבט אלע אנדערע פארמערס. אויף יעדען דאלאר וואס איהר האט פארדינט זיינען באפאלען אלערליי ליידיג־געהערס: שער־האלדערס פון די באהנען, וועלכע פיהרען אייערע פראדוקטען, גרויסע הענדלער, מיטעלע הענדלער, קליינע הענדלער, באנקירען, אגענטען, און אזוי ווייטער און ווייטער. דעריבער האבען אייערע מיטגלידער געמוזט ארבייטען אזוי שווער; און דערפון האט זיך דאס גענומען די שלעכטע שטימונג. ווען איהר וואלט געארבייט וויינינגער שטונדען, וואלט די ארבייט געווען א פארגעניגען אפילו פאר די וואס זיינען צו פיזישע אנשטרענגונגען ניט געווען געוואוינט; וואלטען זיי פון זייערע פליכטען זיך ניט ארויסגעדרעהט. און די אנדערע וואלטען אויף זיי ניט געקוקט קרום. עס וואלט זיך איבערהויפט געלעבט בעסער, און א בעסערער מאטעריעלער לעבען וואלט גע־שאפען אן אנגענעמערע שטימונג און פריינדליכערע געפיהלען פון איינעם צום אנדערען".

מיין צווייטער ארגומענט איז באשטאנען אין פאלגענדען:

דער היינטיגער מענש איז מיט זיין כאראקטער צו א קא־מוניסטישען לעבען ניט צוגעפאסט. אונזער מאראל איז א פרא־דוקט פון די עקאנאמישע אומשטענדען, אונטער וועלכע מיר ווערען געבארען און האדעווען זיך.

אלזא, אויב די מיטגלידער פון ניי־אדעסא האבען ניט גע־קענט שטימען אין א קאמונע, הייסט דאס, אז די נאטורען, וועל־כע זיי האבען אהין געבראכט פון דער קאפיטאליסטישער וועלט, זיינען ניט פעהיג צו א קאמוניסטישער מאראל. די עקאנאמישע פיהרונגען פון דער וועלט מוזען צוערשט געענדערט ווערען אויף קאמוניסטישע; דאן וועלען ביסלעכווייז ארויסקומען מענשען מיט

קאָמוניסטישע נשמות; און דאן ערשט וועט קענען עקזיסטירען קאָמוניזם.

די ארגומענטען וואס איך האָב קאפלאן'ען געגעבען, געדענק איך מיט אלע איינצעלהייטען. ווארים איך האָב עטליכע מאָל געהאלטען לעקטשורס איבער דיזער טעמא — צוערשט אויף רוסיש, און שפעטער אויף ענגליש.

קאפלאן איז מיט מיר ניט געווען איינפארשטאנען. ער האָט די נידערלאגע פון זיין קאָמונע ערקלערט מיט געוויסע צו־פעליגע אורזאכען, וועלכע וואָלטען געקענט באזייטיגט ווערען, לויט זיין מיינונג. ער האָט געהאָפט אז די ניי־אָדעסא קאָמונע וועט סוף כל סוף דאָך זיין ערפאָלגרייך. און איך פלעג זיך קלערען, אז ער ענטפערט ניט אויף מיינע ארגומענטען און אז ער רעדט אזוי, ווייל ער האָט ניט אריינגעדרונגען אין דעם מארקסיזם.

נאָך מיט פינף יאָהר פריהער, אין די ערשטע עטליכע מאָנאט וואָס איך האָב פארבראכט אין אמעריקא, האָב איך פארשטא־נען אז דער סאָציאליזם אָדער קאָמוניזם קען ניט קומען אלס א קליינער סעמפעל פון א גרויסער אלוועלטליכער זאך, פונקט ווי איין ציגעל קען ניט דינען אלס א סעמפעל פון א גאנצען מויער; און איצט האָב איך דאָס פארשטאנען נאָך קלעהרער און טיפער. איך בין איצט געווען איבערציינגט, אז דער סאָציאליזם מוז קומען דורך א סאָציאלער רעוואָלוציע; אז א סאָציאלע רעוואָלוציע איז א וועלט רעוואָלוציע, און אז די דאָזיגע איבערקערעניש פון קאפיטאליזם אויף סאָציאליזם מוז קומען אלס א נאטירליכע סאָ־ציאלע ענדערונג. היינט וואָס פאר א שייכות קען דערצו האָבען א גרופע אידעאליסטען, וועלכע ווילען שוין לעבען אויף א קאָמוניסטישען שטיינער? דאָס איז איינס. צווייטענס, ווי אזוי קען האָבען א קיום א קליינע, אָרימע קאָמוניסטישע גע־זעלשאפט, וואָס איז ארומגערינגעלט מיט א ריזיגער, אלמעכ־טיגער קאפיטאליסטישער וועלט, פון וועלכער זי איז אָפּהענגיג אויף טריט און שריט? די קאפיטאליסטישע וועלט עקספּלוא־טירט איהר. זי בארויבט איהר; זי עסט אויף איהר קערפּער און איהר גייסט.

.5

אַן אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער קלוב. — מיסס דזשאהנ־סאָן. — מיסעס לעאָנארד. — עדגאַר סאָלטוס. — יוגא פּאָכט. — וואָלטער ווראָמען.

ווען איך בין געוואָרען א מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער ארבייטער־פּארטיי, האָב איך מיין טעטיגקייט הויפּטזעכליך אָפּ־געגעבען איהר אמעריקאנער סעקשאָן (דאָס הייסט, דער אפּטיי־לונג אין וועלכער מען האָט נאָר גערעדט ענגליש). זונטאג נאכמיטאג פלעג איך געוועהנליך באזוכען די רוסישע פארזאמ־לונגען, אין 165 איסט בראָדוויי, וואו איך פלעג אָפּט האלטען א לעקטשור, און כמעט אימער זיך באטייליגט אין די דעבאטען. איך פלעג אויך אַגיטירען אויף אידישע מיטינגען; אָבער מיין גרעסטער אינטערעס איז געווען אין די אַמעריקאנער פּאַרזאַמלונגען.

די הויפּט־קוואַרטיר פון דער „סעקשאָן" איז געווען א לאַנגער זאַל אויף דעם ערשטען פלאָר פון אַן אַלטער געביידע אויף דער 8טער סטריט, ניט ווייט פון בראָדוויי. ביי איין וואַנט האָבען זיך גע־צויגען לאַנגע פּאָליצעס, און אויף א פּאָר פון זיי זיינען גע־שטאַנען אָדער געלעגען ביכער און בראָשורען. א גאַנץ נעבעכ־דיגע ביבליאָטעק איז דאָס געווען. די צאָל פון סאָציאַליסטישע ביכער און בראָשורען אויף ענגליש איז דאַן איבערהויפּט געווען קליין. אונזער ביבליאָטעק האָט א חוץ זיי ענטהאַלטען סתם ראַ־דיקאַלע אָדער אפּיקורסישע ביכער און בראָשורעס, עטליכע בענדער פון הערבערט ספּענסער'ס ווערק און עטליכע צעהנדליג אַנדערע ביכער, א טייל פון זיי אָפיציעלע באריכטען פון וואַ־שינגטאָן.

אין דעם זאַל פלעגען געהאַלטען ווערען די לעקטשורס און געשעפטס־פאַרזאַמלונגען פון דער סעקשאָן, מייסטענס זונטאָג אָוועגד. און ווען ער איז געווען פריי, פלעגען זיך אין איהם צוזאַמענקומען מיטגלידער, זיצען און שמועסען. דאָס איז איי־געגטליך געווען אונזער קלוב. גערופען האָבען מיר דאָס אָבער „סאָציאַליסטישע ביבליאָטעק".

אין דער „סעקשאָן" איז דאַן געווען א געוויסע צאָל אמת'ע

אַמעריקאַנער. די איבעריגע זיינען געווען אַמעריקאַניזירטע אָדער הינע געבוירענע קינדער פון דייטשע עלטערן. פון די רוסישע אימיגראַנטען בין איך און מיין פרוי אַ היבשע צייט געווען די איינ־ציגע מיטגלידער.

די שטעלע פון לייברעריען האָט פאַרנומען אַ מיסס דזשאָהנסאָן, אַן אַמעריקאַנער פריילין פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג. זי פלעגט דאָרטען זיך געפינען אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצען אָווענד. קיין געהאַלט האָט מען איהר ניט געצאָהלט. עס איז ניט געווען פון וואַנען. זי האָט זעהר אָפט פּשוט גע־הונגערט. אַן אַמעריקאַנער באָס־קאַרפּענטער, אַן עלטערער מענש מיט ראַדיקאַלע געדאַנקען, פלעגט אָפט אַריינקומען און איהר איינלאַדען אין אַ רעסטאָראַן. דאָס איז געווען כמעט איהר איינציגע געלעגענהייט צו האָבען אַ דינער.

זי איז געווען אַ גוטע, נאַאיווע פרוי, און ספּיריטואַליזם איז ביי איהר אין קאָפּ געווען צוזאַמענגעמישט מיט סאָציאַליזם. אַמאָל פלעגט זי דערצעהלען, אַז איהרע טויטע קרובים האָבען צו איהר גערעדט פון יענער וועלט; אָדער אַז עס האָט זיך צו איהר באַוויזען אַ גייסט אין דער פאָרמע פון אַ חיה אָדער אַ פויגעל. איין מאָל האָט זי איבערגעגעבען ווי אַ שעהנער טיגער האָט צו איהר גערעדט און איהר געהייסען געהן אהין, טאָן אַזוי און אַזוי. דאָס אַלץ האָט זי געזעהן און געהערט ניט אין חלום נאָר אויפ'ן וואָהר — אַזוי פלעגט זי דערצעהלען.

צווישען אַמעריקאַנער ספּיריטואַליסטקעס איז ניט קיין נאָ־ווינע צו הערען אַזעלכע מעשות. פילע פון זיי ווייסען, אַז די גאַנצע געשיכטע איז אַ שווינדעל. פאָראַן אָבער אַזעלכע, וואָס גלויבען טאַקע. אַ דריטער סאָרט מאַכט זיך, אַז ער „גלויבט”, כדי ניט אָפּצושטעהן פון קאָמפּאַניע, ווייל אין זיין קרייז איז אַ מאָדע צו גלויבען אין דעם. אַ פערטער סאָרט גלויבט האַלב יאָ, האַלב ניט. אַ היבשער פּראָצענט פון די אַמעריקאַנערקעס וואָס האָבען זיך גערופען סאָציאַליסטקעס איז דאַן באַשטאַנען פון ספּיריטואַליסטקעס פון די פאַרשידענע מינים.

איינע פון די וויכטיגסטע פיגורען אין אונזער „אַמעריקען סעקשאָן” איז דאַן געווען מיסעס לעאָנאַרד, די מוטער פון

דער אמעריקאנער אקטריסע ליליען ראסעל, וועלכע איז דאן שוין געוועזן בארימט איבער גאנץ אמעריקא אלס וואָדעוויל שוי־שפּילערין און אלס שעהנהייט. מיסעס לעאָנארד איז געוועזן א פרוי פון איבער זעכציג, א הויכע, א שלאנקע, מיט א שעהנע קאָפּ באקרוינט מיט ווייסע האָר — א קלוגע פרוי מיט ראַ־דיקאַלע איבערציינגונגען. מייסטענס פלעגט זי זיין אונזער פאָר־זיצערין.

א חוץ די מיטגלידער פון דעם ברענטש פלעגען זיך צוזאמענ־קומען פארשידענע אנדערע ראדיקאַלען. פילע פון די וואָס פלעגען באזוכען די אויבען־דערמאָנטע באוועגונגען, פלעגען איצט קומען אהער: „סינגעל טעקסערס", „גרין בעקערס", „טעמפּערענס"־לייט, פארשידענע „קרענקס", יעדער מיט זיין ספּעציעלער רפואה אויסצוקורירען אלע צרות פון דער וועלט.

ניט ווייט פון אונזער קלוב, אויף לאַפאיעט פּליים, איז געוועזן דער אָפיס פון דער צייטונג „טרוטה סיקער" (דער אמת־זוכער), וועלכע האָט געפּרעדיגט אפּיקורסות. אלזאָ, פלעגען איי־ניגע פון די דאָרטיגע אפּיקורסים אָפט אריינקומען צו אונז. אלץ וואָס איז נאָר געוועזן אומגעוועהנליך האָט ביי זיי געהייסען סאָ־ציאַליזם. עס זיינען אָבער דאן שוין געוועזן אייניגע אמעריקאַ־נער, וועלכע מען האָט ווירקליך געקענט רעכענען פאר סאָציאַ־ליסטען.

עטליכע מאָל האָט דעם פּלאַץ באזוכט דער אמעריקאנער שריפטשטעלער עדגאר סאלטוס *), וועלכער איז שפּעטער באַ־ריהמט געוואָרען. איך האָב א פּאָר מאָל מיט איהם פאר־בראכט א נאָכמיטאָג, שמועסענדיג וועגען סאָציאַליזם און דער רוסישער ליטעראטור, פון וועלכער ער האָט נאָר געוואוסט ווע־גען טורגעניעוו'ן.

---

*) עס זיינען אוועק יאָהרען, סאלטוס איז שוין לאנג געשטאָרבען, און איך האָב פארגעסען צי ער איז דאָס טאַקע געוועזן עדגאר סאלטוס, צי ער האָט מיט מיר גערעדט וועגען עדגאר סאלטוס'ען. איך פלעג זיך

מרס. לעאָנאַרד.

איינער פון די, וואָס פלעגען אָנטייל נעהמען אין אונזערע זונטאָג׳דיגע לעקטשורס, איז געוועזן א דייטש מיט׳ן נאָמען יונגאָ פאָכט, א קליינער און א דארער. פון ווייטען האָט ער גע־קענט אויסזעהן ווי א באָי. ער איז געווען א פעהיגער, געביל־דעטער און באלעזענער מענש. ער האָט אימער געהאט וואָס צו זאָגען און האָט דאָס ארויסגעזאָגט אינטערעסאנט און מיט א טאָלק. ענגליש האָט ער גערעדט א ביסעל מיט א דייטשען אקצענט, אָבער זעהר גוט.

ער איז דאן געווען אן אָנגעזעהענע פיגור אין דער דייר־טשער סאָציאַליסטישער באוועגונג; און ביסלעכווייז האָט ער גענומען שפּילען איינע פון די וויכטיגסטע ראָלען אין דער גאַנ־צער פּארטיי. דאן האָט ער אויף די דייטשע מיטינגען זיך אויפגעהערט צו באטייליגען, און האָט זיין גאנצע צייט אָפּגע־געבען דער ענגלישער באוועגונג.

איך פלעג אָפט פארבריינגען מיט וואָלטער וורומען, א יונגער אמעריקאנער, וועלכער איז באקאנט געווען אין אונזער באוועגונג אלס דער „באָי אָרעיטאָר”. אזוי האָט מען איהם גערו־פען, ווען ער איז נאָך ווירקליך געווען א באָי. ווען ער איז געקומען צו אונז, איז ער שוין געווען א יאָהר צוואנציג — א הויכער, א שלאנקער, א בלאָנדער, אן עכטער יענקי אויפ׳ן אויסזעהן, מיט א קלוגען שמייכעל, מיט א פיינער רערנער־קראפט. ער איז געווען טע־טיג אלס סאָציאַליסטישער אגיטאטאָר. זיין שטימע און זיין שמייכעל האָבען געמאכט אן איינדרוק אזוי ווי זיי וואָלטען געווען פיל עלטער ווי ער. און ער האָט טאקע געהאט מעהר פאַרשטאנד ווי געוועהנליך א יונגער מאן פון צוואנציג יאָהר.

אלץ קליבען די דאָזיגע רעטעניש פאנאנדערצופלאָנטערען, און האָב קיין מאָל זיך ניט צוגעקליבען. ענדליך, מיט איניגע וואָכען איידער דיזער בוך איז אָפּגעגעבען געוואָרען צום דרוק, איז ערשינען א ביאָגראַפיע פון עדגאר סאלטוס, געשריבען פון זיין פרוי. דער בוך ענטהאלט אן אויסגעצייכענטען פּאָרטרעט פון דעם שריפטשטעלער. ווען איך האָב אויף דעם פּאָרטרעט א קוק געטאָן, האָב איך אין איהם דערקענט דעם מאן, מיט וועלכען איך בין אין 1887 באקאנט געווארען אין אונזער ביבליאָטעק.

אין אמעריקא זיינען פארהאן א סך „סמארטע“ באָיס. אָבער דאָס רוב זיינען זיי פריהצייטיגע פלאַנצונגען וואָס פארלי־רען גיך זייער זאפט. ניט פילע פון זיי ווערען דערנאָך פעהיגע און קלוגע מענשען. וורומען׳ס פעהיגקייטען און שכל זיינען אָבער געווען ניט פון דעם קינדערשען סאָרט. ער איז ניט גע־ווען נאָר „סמארט“; ער האָט פארשטאנען מענשען און איז ווירקליך געווען קלוג.

ווען אזא יונגער מאן וואָלט געבאָרען געוואָרען אין דייי־טשלאנד, וואָלט ער געהאט א גרויסע פעלד פאר זיך אין דער סאָציאל דעמאָקראטישער פארטיי. אין אמעריקא אָבער איז דער סאָציאליזם דאן געווען א גאנץ אומבאדייטענדע באוועגונג. די אמעריקאנער גופא האָבען זיך מיט וורומען׳ס רעדעס ניט אינטערעסירט. איז איהם אויסגעקומען צו פיהרען זיין אגיטא־ציע צווישען אידען און דייטשען. ער האָט ניט געהאט קיין אמת׳ען באדען אונטער זיך. אפילו זיינע לעבענס־מיטלען האָט אונזער באוועגונג ניט געקענט באזאָרגען.

6.

לאָרענס גראָנלענד און זיינע צוויי ביכער.

ריידענדיג וועגען אונזער ביבליאָטעק, האָב איך געזאָגט אז די צאָל פון ענגלישע ביכער איבערן סאָציאליזם איז דאן געווען זעהר קליין. א זעהר נוצליכע סאָציאליסטישע ווערק איז ארום יענער צייט ערשינען אין ניו יארק גופא. איהר נאָמען איז די „קאָאָפערעיטיוו קאָמאָנוועלטה“ (די קאָאָפעראטיווע געזעלשאפט), און דער נאָמען פון דעם פארפאסער איז געווען לאָרענס גראָנ־לענד. דאָס איז געווען א גלענצענדע פּאָפּולאריזאציע פון דער מארקסיסטישער טעאָריע.

גראָנלענד איז געווען פון דענמארק. ער האָט אָבער גוט געשריבען ענגליש. נאָך דיזען בוך האָט ער ארויסגעגעבען א ווערק מיט׳ן נאָמען „דאנטאָן און די פראנצויזישע רעוואָלוציע“, אין וועלכען ער פיהרט אויך דורך די מארקסיסטישע אידעע.

דער ערשטער בוך איז ביי אונז סאָציאַליסטען גלייך גע־וואָרען זעהר פּאָפּולער, און דעם אויסדרוק „די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט” פלעגען אמעריקאַנער סאָציאַליסטען אָפט געברויכען אין זייערע רעדעס. די ווערטער „סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט” האָבען דאַן אין אמעריקא ניט געקענט האָבען קיין באַדייטונג; וואָרים דער דורכשניטליכער אמעריקאַנער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס מען מיינט מיט דעם. די ווערטער אָבער „קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט” האָט יעדער גלייך פאַרשטאַנען. ער האָט זיך פאָר־געשטעלט א גאַנצע געזעלשאַפט וואו אַלע זיינען שותפים, א געזעלשאַפט וואו קיינער דאַרף זיך ניט פאַרדינגען, און וואו אין דער אינדוסטריע קען איינער מיט'ן אַנדערען ניט קאָנקורירען.

איך בין מיט גראָנלענד'ן באַקאַנט געוואָרען פערזענליך. ער איז געווען ניט הויך־געוואַקסען און ניט קיין דיקער, מיט א קורצער בלאָנדליכער בערדעל. דער בוך־מענש איז איהם גע־לעגען אויפ'ן פּנים. ענגליש האָט ער גערעדט גוט, הגם אביסעל מיט אַן אויסלענדישען אַקצענט. ער פלעגט ריידען שטיל און מיים־טענס וועגען ביכער. מיט דעם פּראַקטישען לעבען איז ער געווען ווייניג באַקאַנט.

א דייטש־אַמעריקאַנישער דזשאָרדזש (א איד) מיט'ן נאָמען סטעקלער, פון דער צווייטער עווענין, האָט איהם איינגעלאַדען צו אַרבייטען אין זיין אָפיס (דעם אָפיס האָט געפיהרט דעם דזשאָרדזש'ס א ברודער, וועלכער איז געווען זיין פּאַרטנער אַלס לאָיער). גראָנלענד האָט דאַן שטודירט לאָא (יוריספּרודענץ) און עס האָט געהייסען אַז די סטעקלערס גיבען איהם א שטעלע אַלס יוריסט.

איין מאָל, ווען איך האָב גראָנלענד'ן באַזוכט אין דיזען אָפיס, האָט ער פאַר מיר געלויבט די סטעקלערס. ער האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען צו איהם זעהר פריינדליך און אַז זיי לאָזען איהם לעזען און שרייבען וואָס ער וויל און ווען ער וויל; אַז קיין אַרבייט גיבען זיי איהם אייגענטליך ניט.

ער האָט געמיינט, אַז די לאָיערס זיינען ליבעראַלע מענ־שען און אַז זיי טוען דאָס איינפאַך אום איהם צו געבען א מעג־ליכקייט צו שרייבען זיינע סאָציאַליסטישע ביכער. אָבער

דזשאָרדזש סטעקלער איז דאַן געווען אַ קאַנדידאַט אויף אַ צוויי־טען טערמין, און עס איז געווען בלויז עטליכע וואָכען צו די וואהלען. אַלזאָ האָב איך גענומען חושד זיין, אז ניט סתם פון גוטסקייט וועגען האלט ער גראָנלענד'ן. ווען גראָנלענד האָט דאָס פון מיר דערהערט, האָט ער זיך אויסגעלאכט.

— אז ער וואָלט וועלען איך זאָל פאר איהם עפּעס טאָן פּאָליטיש, וואָלט ער דאָך מיר געבעטען וועגען דעם, — האָט ער געענטפערט.

ער האָט אָבער באלד ענטדעקט זיין טעות. איין מאָל אין אַ פריה־מאָרגען, האָט זיך צו איהם דער דזשאָרדזש טאקע געווענדעט מיט אַ פארלאַנג אז ער זאָל שרייבען און האלטען רעדעס פאר איהם.

דער פּראָפעסער פון „קאָאָפּערעיטיוו קאָמאָנוועלטה" איז אויף אַ מינוט געבליבען ווי אַ געפּלעפּטער. ווען ער איז גע־קומען צו זיך, האָט ער געזאָגט: „אָה, ניין, ניין! דאָס קען איך ניט טאָן!"

ער האָט גלייך צוזאמענגענומען זיינע פּאפּירען און איז אוועק.

7.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג און די דייטשען.

וואָס פאר אַ שייכות האָט דער סאָציאַליסטישער קלוב גע־האַט צו דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי? דער אמת'ער אַנטוואָרט איז, אז ער האָט זעהר ווייניג שייכות געהאַט. די פארבינדונג צווישען די צוויי איז געווען זעהר אַ שוואכע. די גאַנצע טעטיגקייט פון דער פּארטיי איז געווען אין דייטשע הענט; און די דייטשען, מיט דער אויסנאהמע פון פּאָכט'ען און נאָך עט־ליכע, האָבען זיך מיט דער אמעריקאַנער באַוועגונג גאַנץ ווייניג אינטערעסירט. די צאָל פון אמעריקאַנער סאָציאַליסטען, ווידער, איז געווען זעהר קליין, און אַזוי ווי אין דער פּארטיי איז כמעט אַלץ געגאַנגען אויף דייטש, האָבען זיי צו איהר געהאַט ווייניג שייכות.



לאָרענס גראָנלענד.

אידישע סאָציאַליסטען זיינען דאַן געווען פאַרהעלטניסמעסיג ווייניג. דער כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז דאַן געווען אַ דייטשער.

ווען דער „לידער" איז צונעמאכט געוואָרען, איז קיין סאָציאַליסטישער אָרגאַן אויף ענגליש אין אַמעריקא גאָר ניט געווען, אפילו קיין וואָכען־בלאַט אויך ניט. וועהרענד אויף דייטש איז געווען אַ טעגליכע צייטונג, אַ וועכענטליכע. און דאָס איז גאָר אין ניו יאָרק אליין. אין אַ פּאָר אַנדערע שטעדט זיינען אויך געווען דייטשע סאָציאַליסטישע וואָכען־שריפטען. און די שיקאַגאָ'ער טעגליכע „ארבייטער צייטונג" איז נאָך דער טראַגעדיע פון 1887 מייסטענס געווען „אונפּאַרטייאיש"; דאָס הייסט, דאַרטען האָבען זיך באַטייליגט סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אַנאַרכיסטען.

דער אויבען־דערמאָנטער דר. מערקין האָט דאַן רעדאַקטירט אַ וועכענטליכע סאָציאַליסטישע צייטונג ערגעץ וואו אין אינדיאַנאַ. אַ צווייטע סאָציאַליסטישע וואָכען־שריפט האָט עקזיסטירט אין קליוולאַנד, און אַ דריטע אין סט. לואיס.

די ניו יאָרקער סאָציאַליסטישע וואָכען־בלאַט האָט געהייסען „דער סאָציאַליסט". דאָס איז געווען דער אָפיציעלער פּאַרטיי־אָרגאַן, וואָרים די „פאָלקס־צייטונג", הגם זי איז געווען ענג פאַרבונדען מיט דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי, האָט געהערט ניט צו דער פּאַרטיי, נאָר צו אַ ספּעציעלער פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן, וועלכע איז באַשטאַנען פון פּאַרטיי מיטגלידער.

די דייטשע גענאָסען האָבען נאַטירליך פאַרשטאַנען, אַז די דייטשען אליין וועלען אין אַמעריקא דעם סאָציאַליזם ניט פאַרווירקליכען; זיי האָבען פאַרשטאַנען אַז מען מוז די אידעע פאַרשפּרייטען און די פּאַרטיי אָרגאַניזירען צווישען אַמעריקאַנער, און זיי האָבען אויף דעם געאַרבייט און זיך געאָפּפערט דערפאַר. עס וועט אָבער ניט זיין איבערטריבען צו זאָגען, אַז דאָס אַלץ האָבען זיי געטאָן אַזוי ווי פון יוצא װעגען. אין אמת'ן האָבען זיי געקוקט אויף די אַמעריקאַנער מאַסען מיט אַ שמייכעל, און זיי האָבען אָנגעפיהרט זייער טעטיגקייט אַזוי ווי זייער דייטשע באַוועגונג וואָלט געווען די גאַנצע באַוועגונג.

שעוויטש, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אַ גלענצענ־דער רעדנער אויף ענגליש, פלעגט מיט די אַמעריקאַנער גע־נאָסען ווייניג פאַרקעהרען. אַלעקסאַנדער יאָנאָס האָט אויך גוט געקענט ענגליש און ער האָט אָנגעשריבען אַ בריליאַנטענע בראָ־שורע אויף ענגליש („דער סאָציאַליסט און דער רעפאָרמער״); דאָך האָט ער מיט דער ענגלישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג קיין שייכות ניט געהאַט.

די איינציגע באַדייטענדע פּערזענליכקייט צווישען די דייטשע סאָציאַליסטען, וועלכע איז געווען טעטיג צווישען די אַמעריקאַ־נער, איז געווען דער אויבען־דערמאָנטער יוגאָ פאָכט.

ניו יאָרק איז דאַן איבערהויפּט געווען, אין אַ גרויסער מאָס, אַ דייטשע שטאָדט. די אימיגראַציע פון דייטשלאַנד איז נאָך גע־ווען גרויס, און אַ היבשער טייל פון דער איסט־סייד איז געווען געדיכט באַוואוינט פון דייטשען. דייטשע טעגליכע ציי־טונגען האָבען געהאַט אַ סך לעזער און מיט זייער וואָרט פלעגט מען זיך רעכענען. די גרעסטע פון זיי, די „שטאַאַטס ציימונג״, האָט געהאַט ניט ווייניגער באַדייטונג און מאַכט ווי די גרויסע ענגלישע צייטונגען. רייכע דייטשען און געבילדעטע דייטשען האָבען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם לעבען פון ניו יאָרק, אין פּריוואַט געשעפטען און אין קהל׳שע טעטיגקייטען.

סאָציאַליסטישע מאַסען־פאַרזאַמלונגען פלעגען זיין געפּאַקט מיט דייטשען. ביסלעכווייז האָבען זיך אויף זיי גענומען באַווייַ־זען היבשע צאָלען אידען. אָבער די גרויסע, גרויסע מאַיאָרי־טעט איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ דייטשע.

איינע פון די געוועהנליכסטע „פּיטשורס״ פון אַ גרויסען סאָציאַליסטישען יום־טוב איז געווען די געזאַנג פון אַ צאָל־רייכער דייטשער לידער־געזעלשאַפט. אויף דער ביהנע פלעגען אַרויסטרעטען זעכציג ביז זיבעציג הויכע, ברייט־שולטערדיגע דייטשען, טענאָרען, באַריטאָנען אָדער „בעסער״, און זיי פלעגען פאַרדונערען קופּער־יוניאָן מיט דייטשע געזאַנג.

דאָס ערקלערט דעם לעזער וואָרום אין דעם אַמעריקאַנער אידיש, וועלכער איז ענטוויקעלט געוואָרען ביי אונז, סאָציאַליס־טען, פיהלט זיך נאָך עד היום דער איינפלוס פון דער דייטשער

שפּראַך, הויפּטזעכליך אין אזעלכע אויסדרוקען וועלכע זיינען שייך צום סאָציאַליסטישען פּאַרטיי־לעבען, און פאַרזאַמלונגס־לעבען בכלל. דער וואָרט „גענאָסע", צום ביישפּיל, אָדער „טאַגעס־אָרדנונג", אָדער אזא אויסדרוק ווי „דער מיטינג האָט שטאַטגעפונדען", א. ז. וו. דיזע און א היבשע צאָל אנדערע פראַזען האָבען מיר איבערגענומען ביי אונזערע דייטשע פּאַרטיי־חברים פון יענע יאָהרען.

אנדערע אַמעריקאנער באקאנטשאפטען און ערפאהרונגען.

.1

א קלוב פון יונגע אמעריקאַנער לעהרער. — סטודענטען אין רוסלאַנד און סטודענטען אין אמעריקאַ.

צו דער זעלבער צייט, וואָס איך האָב אָפט באזוכט דעם סאָציאַליסטישען קלוב, בין איך געווען א מיטגליד אין א צווייטען קלוב — אזא וואָס האָט מיט קיין ספּעציעלער פּאָליטישער פּארטיי קיין פּארבינדונג ניט געהאט. די מאַיאָריטעט פון זיינע מיטגלידער איז באשטאַנען פון יונגע אַמעריקאנער סקול־טיטשערס. איך בין אהין אריינגעקומען דורך איינעם פון מיינע מיט־לעהרער אין דער קריסטי סטריט איווגינג סקול, א קריסט מיט׳ן נאָמען קארלס, מיט וועלכען איך בין באפריינדעט געוואָרען — א יונגער מאַן מיט א שעהנעם קיילעכדיגען פּנים, מיט רויטע באַקען. אונזערע קלאַס־צימערען זיינען געווען איינער לעבען דעם אַנדערען, פלעגען מיר אָפט שמועסען פאר די סקול־שטונדען און נאָכדעם; און עטליכע מאָל האָב איך איהם באזוכט אין זיין פאַטער׳ס הויז אויף איסט 106טער סטריט, וועלכע איז דאַן געווען א קריסטליכער געגענד און איז באשטאַנען פון צוויי שיטערע ציילען פון קליינע הילצערנע הייזער. קארלס׳ עלטערען זיינען געווען דייטשע אימיגראנטען, אָבער ער אליין איז געבאָרען געוואָרען אין ניו יאָרק.

צו איהם פלעגען קומען זיינע חברים, איירישע און „עכטע“

אַמעריקאַנער, מיט וועלכע ער האָט אויסגעשטודירט סיטי קאַלעדזש צוזאַמען.

זיי האָבען געהאַט אַ געזעלשאַפט, וועלכע פלעגט זיך פאַרזאַמלען אין איינעם פון די זאַלען פון „קאָנגרעס האָל", אויף דער דריטער עווענוּ, לעבען דער 18טער סטריט; און קאַרלס, ווי אויך אַ פּאָר פון זיינע חברים, האָבען מיך צוגערעדט זיך אַנצושליסען. די יונגע לייט זיינען מיר געפעלען געוואָרען און איך בין געוואָרען אַ מעמבער ביי זיי. דאָס איז געווען איידער איך בין געוואָרען אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי, און איך בין דאָרטען פאַרבליבען מעהר ווי צוויי יאָהר.

דער קלוב איז באַשטאַנען פון אונגעפעהר דרייסיג מיטגלידער, און אַלע, אויסער מיר, האָבען געענדיגט דעם ניו יאָרק סיטי קאַלעדזש. אַלע, אויסער דריי (איך און אַנדערע צוויי), זיינען געווען קריסטען. און אַלע, אויסער פיער אָדער פינף, זיינען געווען סקול טיטשערס.

דער קלוב איז געווען אַ „ליטערערי סאָסייעטי", דאָס הייסט אייגענטליך, אַ דעבאַטען־געזעלשאַפט. און ער האָט זיך געפיהרט ווי אַלע אַזעלכע געזעלשאַפטען פיהרען זיך. אויף דעם רעגעלען מיטינג, וועלכער פלעגט שטאַטפינדען יעדען שבת־צו־נאַכט, פלעגט מען אויסקלייבען אַ טעמא פאַר דעם נעקסטען מיטינג. דער פּאָרזיצענדער פלעגט באַשטימען וועלכע צוויי מעמבערס עס זאָלען ריידען דאַפיר און וועלכע צוויי דאַגעגען. דער צוועק איז געווען צו געבען די מעמבערס אַ טשאַנס צו פּראַקטיצירען אַלס רעדנער און דעבאַטאַנטען.

אָבער אַ חוץ דעבאַטען, פלעגען פאָרקומען פאָרלעזונגען פון עסייס, סקיצען אָדער געדיכטען, וואָס די מיטגלידער האָבען אויפגעשריבען, און נאָך יעדער פאָרלעזונג פלעגט מען די זאַך קריטיקירען. ווען דער אָפיציעלער מיטינג האָט זיך געענדיגט, פלעגט מען סתם פאַרברענגען צוזאַמען — זינגען, זאָגען וויצען, דערציילען זיך אַנעקדאָטען, זיך לוסטיג מאַכען.

אַ פּאָר פון די מעמבערס זיינען געווען גלענצענדע רעדנער.

אין די דעבאַטען האָב איך זיך באַטייליגט צוגלייך מיט די

אנדערע; נאָר פון מיינטוועגן פלעגט מען מאַכען אַ אויסנאַמע: אנשטאָט דער טשערמאַן זאָל מיר באַשטימען אויף וועלכען צד איך מוז ריידען, פלעגט מען מיר ערלויבען זיך אויסצוקלייבען צי איך וויל מיין רעדע האַלטען דאַפיר אָדער דאַגעגען.

איינמאָל האָט איינער פון די מיטגלידער פאָרגעשלאָגען אַלס טעמאַ די פראַגע צי די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איז אַ ריכטיגע סיסטעם צי ניט (אָפיציעל האָט דאָס געלויטעט: „באַשלאָסען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פון פּראָדוקציאָן און פאַרטיילונג איז אַ גערעכטע“). די טעמאַ איז אָנגענומען געוואָרען און דער טשערמאַן האָט מיך באַשטימט אויף דעם „נעגאַ־טיוו“ צד — געגען קאַפּיטאַליזם.

מיין פריינד קאַרלס האָט פּראָטעסטירט. „אַז קאַהאַן זאָל געווינען די דעבאַטע, וועט קיין וואונדער ניט זיין — האָט ער געזאָגט, — ער איז אַ ספּעציאַליסט אויף דעם ענין. זאָל איינער פון אונז ווייזען וואָס ער קען טאָן מיט אַזאַ טעמאַ“.

ער האָט געבעטען דעם טשערמאַן ער זאָל איהם געבען דעם „נעגאַטיוו“.

די סאָציאַליסטישע פראַגע האָט איהם און די אַנדערע מיטגלידער אינטערעסירט ווי דער פאַר־אַ־יאָהריגער שניי. איהם האָט ניט געאַרט צי ער רעדט דאַפיר, צי דאַגעגען; נאָר אויס פריינדשאַפט צו מיר, האָט ער געוואָלט ניט אַנדערש ווי האָבען דאָס וואָרט געגען דער איצטיגער אָרדנונג.

איך האָב איהם אָפּגעטראָטען מיין פּלאַץ; אָבער איך האָב איהם באַזאָרגט מיט מאַטעריאַל (אַ פּאָר סאָציאַליסטישע בראָשורען אויף ענגליש און מיינע אייגענע ערקלערונגען, פון וועלכע ער האָט געמאַכט נאָטיצען). דער סוף איז געווען, אַז ער האָט די דעבאַטע געוואונען. וואָרים זיין געגנער האָט זיך אויף אַזעלכע ארגומענטען ניט געריכט, און ער האָט ניט געוואוסט ווי זיך צוצוגרייטען. אגב, איז קאַרלס טאַקע געווען אַ פעהיגער יונגערמאַן און איינער פון די בעסטע רעדנער אין קלוב.

דער קלוב האָט, אַלזאָ, אָפיציעל „גע'פּסק'ענט“, אַז די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איז געבויט אויף אונרעכט. דאָס איז אָבער געווען נאָר כלומרשט, פּונקט ווי דאָס וואָס מען האָט

„אַנגענומען“ נאָך יעדער אַנדערער דעבאַטע. געזעלשאַפטליכע פראַגען האָבען די באָיס ניט געקימערט. אין רוסלאַנד וואָלטען אַזעלכע יונגעלייט געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין עניגים פון דיזען סאָרט. אייניגע פון זיי וואָלטען זאָגאַר געווען בערייט צו געהן אין סיביר אָדער אויף דער תליה פאַר דעם. די אומשטענדען זיינען דאָרטען געווען גאַנץ אַנדערע און די אינטע־ליגענטע יונגע לייט גאַנץ אַנדערע. איך האָב דאָס, נאַטירליך, געוואוסט, און דאָך איז דער אונטערשיד מיר אימער געלעגען אין זינען, און די גלייכגילטיגקייט פון די באָיס צו סעריעזע פראַגען איז מיר אויסגעקומען אונסימפּאַטיש.

איך האָב זיי אַמאָל ערקלערט די נפקא מינה צווישען די צוויי לענדער אין דיזער באַציהונג. די דראַמאַטישע זייט פון דעם רוסישען קאַמף האָט זיי גלייך פאַראינטערעסירט. עס האָבען גענומען פליהען פראַגען וועגען די רוסישע ניהיליסטען. איך האָב דערצעהלט און זיי האָבען צוגעהערט מיט אַזאַ טיפען אינטערעס און מיט אַזאַ באַוואונדערונג און סימפּאַטיע צו די רעוואָלוציאָנערען, אַז מיר זיינען אַזוי אָפּגעזעסען אַ גאַנצען אָוענט, און קיין מיטינג ניט אָפּגעהאַלטען.

דאָס איז געווען אין אָקטאָבער, אָדער אָנהויב נאָוועמבער, 1887. יעדענפאַלס האָט דאָס געמוזט זיין ניט לאַנג פאַר דעם פרייטאָג, דעם עלפטען נאָוועמבער, ווען מען האָט אין שיקאַגאָ געהאַנגען די פיער אַנאַרכיסטען. וואָרים אויף מאָרגען נאָך דער טראַגעדיע, שבת־צו־נאַכט, דעם 12טען נאָוועמבער, איז געווען אַ מיטינג פון דעם קלוב, האָב איך דאָרטען געהאַט אַ גאַנץ אַנדער סאָרט ערפאַהרונג, און איך געדענק, אַז דאָס איז געווען אַ קורצע צייט נאָך יענעם שבת־צו־נאַכט.

איך בין אויף דעם מיטינג געגאַנגען מיט דעם צוועק דאָרטען צו ערקלערען די פיערפאַכע הינריכטונג לויט אונזער שטאַנדפּונקט, — צו באַווייזען אַז דאָס איז אַ בלוטיגע קלאַסען־נקמה. איך האָב געהאָפט ארויסצורופען סימפּאַטיע צו די געהאַנגענע.

איידער דער מיטינג האָט זיך געעפענט, הער איך ווי צוויי פון די מעמבערס מאַכען זיך לוסטיג איבער די שיקאַגאַ׳ער אַנאַרכיסטען. איינער פון זיי האָט געוויזען מיט׳ן פינגער

אויפ'ן האלז ווי די שטריק ווערט פארצויגען; און ער האט איבערגעקרימט די פיר קרבנות ווי זיי ווערגען זיך און שטעקען ארויס די צינגער.

עס איז מיר פינסטער געווארען אין די אויגען. דער גאנצער קלוב איז מיר געווארען טריף. מיין פלאן צו פרואווען דא ארויסרופען סימפאטיע צו די געהאנגענע האט מיר איצט אויסגעזעהען קאמיש. איך בין שטילערהייט ארויס פון זאל, און האב אויפגעהערט צו קומען אהין.

ווען קארלס האט ביי מיר געפרעגט ווארום איך געה מעהר ניט אויף די מיטינגען, האב איך געזאגט, עפעס א תירוץ, אבער ענדליך בין איך ארויסגעקומען מיט'ן אמת. דאן האט ער און אנדערע פון די מיטגלידער זיך ענטשולדיגט פאר מיר און מיר אזוי הארציג געבעטען ווידער צו קומען, אז איך האב נאכגעגעבען.

אין דער אמעריקאנער ליטעראטור האבען דאן דעם וויכ־טיגסטען פלאץ פארנומען וויליאם האועללס און הענרי דזשיימס.ביידע זיינען געווען רעאליסטען, און דאן איז אין אמעריקא געווען א מאדע מיט זיי זיך צו בארימען. ווען פון אייראפא איז געקומען עפעס א וויכטיגע פערזענליכקייט, און אמעריקאנער רעפארטערס זיינען איהם געקומען אינטערוויוען, פלעגען זיי צווישען אנדערע זאכען דעם גאסט פרעגען אויב ער איז באקאנט מיט „אונזערע שרייבער, האועללס און דזשיימס”. דאך איז אין יענעם קלוב ניט געווען קיין איין יונגערמאן, וועלכער האט געלעזען די ווערק פון דיזע צוויי שריפטשטעלער. מיט די ענגלישע קלאסיקער זיינען זיי געווען גוט באקאנט. האועללס און דזשיימס אבער האבען דאן פארגעשטעלט „דאס נייע ווארט“, און פון דעם האבען זיי ניט געוואוסט.

איך בין מיט האועללס'עם און דזשיימס'עם ווערק שוין געווען גוט באקאנט; און ווען איך האב וועגען זיי געפרופט ריידען מיט די מיטגלידער פון מיין קלוב, האבען זיי אפילו ניט געוואוסט זייערע נעמען.

אין רוסלאנד וואלט אזא זאך געווען אונמעגליך. אז א

יונגערמאַן, וועלכער האָט געענדיגט אוניווערסיטעט, זאָל ניט וויסען אַפילו דעם נאָמען פון דעם בעסטען און וויכטיגסטען בעלעטריסט — דאָס האָט מען אין רוסלאַנד זיך ניט געקענט פאָרשטעלען.

ווידער אַ גרויסער אונטערשיד צווישען די היגע געבילדעטע יונגע לייט און די געבילדעטע יונגע לייט פון רוסלאַנד!

אָבער די צוויי אונטערשידען זיינען געווען ענג פארבונדען. דער טיפער אינטערעס, מיט וועלכען רוסישע סטודענטען האָבען זיך פאַרהאַלטען צו ליטעראַטור, איז געווען אַ טייל פון זייער אינטערעס אין געזעלשאַפטליכע פראַגען; וואָרים די רוסישע ליטעראַטור איז געווען אַ טייל פון רוסלאַנד'ס פרייהייטס־קאַמף. קריטיקירען דעם לעבען האָט די רוסישע צענזור ניט געלאָזט; האָט מען קריטיקירט די בעלעטריסטישע „מעשות“. אָבער אין דער פאָרמע פון ליטעראַרישער קריטיק, האָט מען געגעבען קריטיקען אויף דעם אמת'ן געזעלשאַפטליכען לעבען פון רוסלאַנד. וואָרים די „מעשות“ זיינען געווען שטיקער לעבען. דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכען פאַרוואָס דער אינטערעס אין ליטעראַטור האָט אין רוסלאַנד באַקומען אַן ערנסטערען כאַראַקטער ווי אין אַנדערע לענדער.

אין אַמעריקאַ אָבער איז דאָן ניט פאָרגעקומען קיין פריי־הייטס־קאַמף און קיין צענזור איז אויך ניט געווען. פאָליטישע און געזעלשאַפטליכע פראַגען זיינען אין אַמעריקאַ אָפען באַשפּראָכען געוואָרען אין צייטונגען, זשורנאַלען, ביכער און אויף דער פּלאַטפאָרמע. די ערנסטקייט, מיט וועלכער מען האָט זיך אין רוסלאַנד פאַרהאַלטען צו ליטעראַטור, האָט אין אַמעריקאַ דעריבער ניט עקזיסטירט.

ריידענדיג וועגען די דעבאַטען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם קלוב, האָב איך באַמערקט, אַז די מיטגלידער האָבען זיך מיט געזעלשאַפטליכע פראַגען ניט אינטערעסירט. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז זיי האָבען זיך ניט אינטערעסירט מיט אַמעריקאַנער פּאָליטיק. יעדער באַי איז געווען אַ הייסער אַנהייננער פון איינער פון די צוויי גרויסע פּאָליטישע פּאַרטייען — די רע־

פובליקאנישע אָדער די דעמאָקראַטישע (דאָס רוב איז דאָס געווען די פּארטיי, פאר וועלכער דעם באָי׳ס פאָטער האָט געשטימט).

יעדען יאָהר, ביים סוף זומער, ווען עס גליהט זיך פאנאנדער דער קעמפּיין פאר די וואהלען, פלעגען זיי ווערען פּארקאָכט אין דעם פּאָליטישען צוזאַמענשטויס, יעדער אויף דער זייט פון זיין פּארטיי. אין דעם קלוב אָבער פלעגען זיי דיזע פּארטיי־שטרייטען ניט ארייננברענגען, סיידען אין די אונשולדיגע דעבאַטען.

פילע פון זיי האָבען געהאַט אין זינען צו שטודירען לאָא (איינינע האָבען דאָס שוין געטאָן); און אַ לאָיער טרוימט געוויינליך וועגען א פּאָליטישער קאריערע. זיי האָבען געהאָפט אַמאָל צו זיין מיטגלידער פון דעם וואשינגטאָנער קאָנגרעס, און אזוי ווי דער האָל, וואו זיי פלעגען זיך פארזאמלען, האָט צופעליג געהייסען „קאָנגרעס האָל”, פלעגען זיי אין זייערע רעדעס אמאָל מאכען דעם פאָלגענדען וואָרט־שפּיל: „לאָמיר האָפען, אז קאָנ־גרעס האָל וועט פאר אונז זיין א פּאָרבארייטונג צו די האָלס אָוו קאָנגרעס”.

אפילו די וואָס האָבען זיך ניט געקליבען צו שטודירען לאָא, האָבען זיך אויך אינטערעסירט מיט פּאָליטיק. יעדער אמעריקאַנער אינטערעסירט זיך מיט דעם פון זיינע אינגסטע יאָהרען אָן.

מען קען אָבער ניט זאָגען, אז דער וואָרט „פּאָליטיק” האָט ביי די באָיס געהאַט דיזעלבע באדייטונג ווי ביי א רוסישען אינטעליגענט. אין רוסלאנד האָט מען דעם וואָרט גענומען אין זיין ערנסטען, געזעלשאפטליכען זין. עס איז געווען א פראגע פון טיראַניי אָדער פרייהייט, און ווען א סטודענט האָט זיך באַשעפטיגט מיט פּאָליטיק, האָט ער ריזיקירט מיט זיין לעבען. דער וואָרט האָט געשמעקט מיט מאַרטירערײ. ער האָט געהאַט א הייליגען טעם. אין אמעריקאַ האָט מען פון דעם ניט געוואוסט. ביי דעם יונגען אמעריקאַנער איז פּאָליטיק אָדער „פּאליטיקס” געווען א „גיים”, א ספּאָרט, און הויפּטזעכליך א מיטעל צו מאכען געלט — דירעקט אָדער אינדירעקט — באקומען איינפלוס און מאכט. אזוי איז אין אלע רעפּובליקען אָדער מאָנארכיען, וואָס האָבען פּארלאמענטען, אָבער אין ערגעץ זיינען די אויסזיכטען

אויף אַ קאַריערע ניט אַזוי ענג פאַרבונדען מיט „פּאָליטיקס״ ווי אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

די באַס פון דעם קלוב זיינען געווען גוט באַקאַנט מיט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער פּאָליטישער וועלט פון ניו יאָרק און וואַשינגטאָן — מיט די נעמען, געגענוואַרט און פאַרגאַנגענהייט פון יעדען וויכטיגען פּאָליטישען. זיי זיינען געווען פול מיט נעמען און פאַקטען, מיט אַנעקדאָטען און מיט ציפער — אַלץ וועגען קאָנגרעסלייט, סענאַטאָרס, אַסעמבלימען, אָלדערמען, „לידערס״; וועגען זייערע פּאַיטס, אינטריגעס, אויסזיכטען, זיגען, נידערלאַגעס.

2.

אַנטיסעמיטיזם אין יענע צייטען.

די אידישע און די קריסטליכע באָס פון דעם קלוב האָבען צווישען זיך געהאַט די אינטימסטע חבר׳שע באַציהונגען. זיי פלעגען אָפט באַזוכען איינע די אַנדערע. פון אַנטיסעמיטיזם האָב איך אין יענעם קלוב ניט באַמערקט דעם קלענסטען שפּור. און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע צייטען אין אַלגעמיין. אַנטיסעמיטיזם האָט דאַן אין אַמעריקאַ עקזיסטירט, אָבער אין אַ פיל קלענערער מדרגה ווי בשעת דיזע שורות ווערען געשריבען.

דער גרעסטער קוואַל פון אידען-האַס אין איירפּאַ איז קאָנקורענץ אין געשעפט אָדער אין די פּראָפעסיעס. עס זיינען פאַראַן אַנדערע אורזאַכען אויך, אָבער דיזע איז די וויכטיגסטע. די אַמעריקאַנער אָבער האָבען פאַר אידישער קאָנקורענץ ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבען. דער יענקי איז אַליין אַ געשייטער ביזנעסמאַן און איהם איבערצושטייגען איז ניט לייכט. צווייטענס, איז די צאָהל פון אידען אין אַמעריקאַ דאַן געווען קליין און די צאָהל אַמעריקאַנער, וואָס זיינען מיט זיי געקומען אין באַריהרונג, איז איבערהויפּט געווען קליין. דאָס רוב אַמעריקאַנער האָבען פּשוט ניט געוואוסט ווי אַ איד זעהט אויס. וואָס אַנבאַטרעפט די פיינדליכע געפיהלען, וואָס זיינען געגרינדעט אויף אַן אונ־

טערשיד אין רעליגיאָן, איז אמעריקא א לאנד פון אלערליי אמונות; די באפעלקערונג איז א געמישטע און פאליטישענס זיינען, דורך זייער יאגעניש נאך וואוטס, געוואוינט אזעלכע געפיהלען צו פארבאָרגען. פון א רעליגיעזען אנטיסעמיטיזם האבען אידען, אלזאָ, געווים ניט געליטען.

ביי זיך אין הארצען איז דער יענקי אימער שטאָלץ מיט דעם פאקט, אז ער איז אן „עכטער". ער האלט זיך פאר דעם איינציגען אמת'ן אמעריקאנער. געזעלשאפטליך איז ער מיי־סטענס אַפּגעזונדערט. אָבער אין דיזער באציהונג איז דער איירישער ניט געווען מעהר יחסן ווי דער איד. אויף קאטאָליקען זיינען די „עכטע אמעריקאנער" איבערהויפט געוואוינט געווען צו קוקען קרום, נאָך פון יענע צייטען, ווען זיי האָבען געוואוינט אין ענגלאנד, און די ענגלענדער האָבען ביטער באקעמפט די קאטוילישע רעליגיע. דאָך, אין די רייכע אמעריקאנישע געזעל־שאפטען האָבען זיך א לאנגע צייט געפונען אידען, רייכע נאטירליך.

דער „סנאָב" אנטיסעמיטיזם אָדער „אריסטאָקראטישער" אנטיסעמיטיזם איז אין אמעריקא געקומען פון אייראָפּא אלס א מאָדע־זאך, אזוי ווי פון פאריז קומען נייע מאָדעס אויף קליידער אָדער העטס. וואָס מעהר רייכטום עס האָט זיך דאָ פארשפרייט, אלץ מעהר האָט מען אין די היגע „הויכע פענסטער" נאָכגעטאנצט די מנהגים פון די קעניגליכע הויפען פון יענער זייט ים; און אזוי ווי דאָרטען לאָזט מען די אידען צו דער „הויכער" געזעלשאפט ניט צו, האָט מען זיי דאָ אויך ביסלעכווייז אויסגעשלאָסען.

אין 1877 האָט מען די מיליאָנערסקע אידישע פאמיליע זעליגמאַן ניט ארייננעלאָזען אין דעם רייכען זומער־האָטעל פון ברייטאָן ביעטש, און עטליכע יאָהר שפּעטער האָט מען פאר דעם אידישען מיליאָנער שטראוס פארמאכט די טירען פון דעם ווינטער־האָטעל „לאָרעל האוז" אין לייקוואוד. עס איז געווען נאָך אזא פאל אין יענע צייטען. ווייט האָט זיך אָבער די „מאָדע" נאָך ניט געהאט פארשפרייט.

אין די ערשטע יאָהרען, וואָס איך האָב פארבראכט אין

אמעריקא, זיינען די אמעריקאנער מיליאָנערען ניט געווען גרויס אין צאָהל, און זיי זיינען נאָך געווען פארהעלטניסמעסיג נייע אין זייער ראָלע. זיי האָבען נאָך ניט פאַספּייעט צו ענטוויקלען זייערע „סנאָבישע“ געשמאַקען און פּרעטענזיעס. דעריבער האָט מען נאָך אין זייער „העכסטער“ געזעלשאַפט דאַן געקענט געפינען א פּאָר אידען. קיין נייע האָט מען ניט ארייננעלאָזען, אָבער פון די פריהערדיגע צייטען זיינען געבליבען א פּאָר אידישע פאַמיליעס, וועלכע זיינען נאָך געווען צוגעלאָזען.

איינע פון די וואָס האָבען אנטייל גענומען אין דער אימיגראַציאָנס־קאָמיטע, ווען איך בין געקומען קיין אמעריקא, איז געווען א רייכע אידישע פריילין, א שריפטשטעלערין, וועלכע האָט געהערט צו דער רעכטער סמעטענע פון דער געלט־אריסטאָקראַטיע. איהר נאָמען איז געווען עמא לאַזארוס. זי האָט אונזערע אימיגראַנטען אָפט באַזוכט אין זייער לאַגער אויף וואָרדס איילאַנד; און דאָך האָט דאָס איהר צו איהר ראָלע אַלס איינע פון די „פני“ ניט געשטערט. אמת, זי איז געווען פון די פּאָרטוגעזישע אידען, דאָס הייסט, פון די עלטסטע אידישע פאַמיליען, וואָס זיינען געקומען קיין אמעריקא (מיט פילע דורות צוריק), אָבער היינט וואָלט אפילו א פּאָרטוגעזישע אידישע משפחה צו די „400“*) ניט צוגעלאָזען געוואָרען.

אינטערעסאַנט איז, אז אין די דרום שטאַאטען, וואו דער יחוס־געפיהל פון די ווייסע אמעריקאַנער איז אימער געווען מעהר ענטוויקעלט ווי אין די צפון שטאַאטען, האָט זיך דער אנטי־סעמיטיזם געפיהלט נאָך וויינינגער ווי אין צפון. אידישע פאַמיליעס זיינען דאָרטען אומעטום געווען נעזעלשאַפטליך דורכגעמישט מיט די גרעסטע קריסטליכע „מיוחסים“. אין איינינע פאַלען זיינען אידען זאָגאַר געווען אויסערוועהלט אַלס גובערנאַטאָרען.

די קריסטליכע יונגע לייט פון דעם ליטעראַרישען קלוב, צו

*) עס איז געווען א צעטעל פון פיר הונדערט ניו יאָרקער פאַמיליען, וועלכע האָבען זיך גערעכענט פאַר דער אַריסטאָקראַטיע. די ווערטער „פיר הונדערט“ האָט מען דעריבער גענומען געברויכען ווי דעם וואָרט „אַריסטאָקראַטיע“.

וועלכען איך האב געהערט אין 1887, זיינען נאטירליך ניט געווען פון די אריסטאָקראטישע „400”. זיי האָבען געהערט צו איינפאכע, ניט קיין רייכע פאמיליען. אָבער היינט וואָלטען אפילו אזעלכע באָיס געווען דורכגעדרונגען מיט אנטיסעמיטיזם, סיידען זיי וואָלטען געווען ראדיקאלען; און דאָס זיינען יענע באָיס ניט געווען.

.3

אין דער רעדאקציע פון דער „ניו יאָרק סאָן”. — אמעריקאנער זשורנאליזם. — דאַנא און פוליטצער.

איך האָב אָנגעהויבען צו שרייבען אין דער טעגליכער צייטונג, די „ניו יאָרק סאָן”, וועלכע איז דאן געשטאנען אויף דעם העכסטען שטאפעל פון איהר נאָמען און איינפלוס. זי איז געווען באטראכט אלס דער מוסטער פון אמעריקאנער צייטונגען, און זשורנאליסטען פון גאנצען לאנד פלעגען איהר לעזען און שטודירען. איך האָב געטרוימט צו ווערען אן ענגלישער שרייבער, און די „סאָן” איז געווען אויפ'ן ערשטען פלאן פון מיינע האָפנונגען. דאָס, וואָס איך האָב מיט פיער יאָהר צוריק געהאט אן ארטיקעל אין דער „ניו יאָרק וואָירלד”, האָב איך פאר אן אָנפאנג פון מיין זשורנאליסטישער קאריערע ניט גערעכענט, וואָרים יענער ארטיקעל איז געשריבען געוואָרען איידער איך האָב געהאט א גוטע באקאנטשאפט מיט דער ענגלישער שפּראך. איצט אָבער האָב איך געפיהלט גאנץ אנדערש, און איך האָב זיך באשלאָסען צו מאכען אן אמת'ע פּראָבע.

אלזאָ, האָב איך אויפגעשריבען אן ארטיקעל, אין וועלכען איך האָב געשילדערט סצענקעס פון דעם לעבען אין דעם אידישען קווארטאל, און מיט דעם בין איך אוועק אין דער רעדאקציע פון דער „סאָן”, וועלכע האָט זיך געפונען לעבען סיטי האָל.

אמעריקאנער צייטונגען האָבען דאן ניט געהאט אזעלכע ריזיגע געביידעס און אזעלכע וואונשע אָפיסעס ווי איצט. די רעדאקציע פון דער „סאָן” האָט זיך געפונען אין א קליינעם מויערעל. איך בין ארויפגעגאנגען אויפ'ן צווייטען עטאזש און

אדיינגעגאנגען אין דעם אלגעמיינעם רעדאקציאנס־צימער. נאהענט ביי דער טיר איז געווען א נידעריגע הילצערנע אפצאמונג מיט א טירעלע. צווישען דער טיר און דער אפצאמונג איז געשטאנען א קליינער טישעל און א פאר טשערס. פרייער פלאץ איז געבלי־בען קוים פאר דריי מענשען צו שטעהן. מיך האט אויפגענומען א באי, וועלכער האט ביי מיר צוגענומען דעם מאנוסקריפט און מיך געבעטען ווארטען. מיט א קלאפענדע הארץ האב איך גע־קוקט פון וויטען וואס ער טוט דא מיט מיינע פאפירלעך. ער האט זיי צוגעטראגען צו א שעהנעם מיטעל־יאהריגען מאן, וועלכער איז געזעסען ביי א דעסק לעבען איינעם פון די פענסטער. דער מאן האט א קוק געטאן אויף מיין אויבערשריפט און גענומען בלעטערן. איך האב געזעהן ווי ער פאראינטערעסירט זיך, ווי ער הויבט ווידער אן צו בלעטערן פון אנהויב, ווי זיין אויפ־מערקזאמקייט וואקסט. ענדליך האט ער זיך אויפגעהויבען און איז ארויסגעקומען צו מיר. ער האט מיך באגריסט און זיך פארגעשטעלט אלס עראזמוס דארווין ביעטש (ער איז געווען דער הויפט מאנוסקריפט־לעזער פון דער זונטאגס־„סאן”. קיין אפי־ציעלע זונטאגס־רעדאקטערע זיינען נאך דאן ניט געווען; ער האט אבער אייגענטליך געשפילט די ראלע פון אזא רעדאקטאר). ער האט זיך געזעצט אויפ'ן טישעל, און ריידענדיג אויף אן אנגענעמען שטייגער, האט ער געפרעגט ווער איך בין און וואס איך טו.

— מיר ווילען דאס דרוקען נעקסטען זונטאג, — האט ער געזאגט, — ברענגט אונז נאך אזעלכע זאכען.

איך האב איהם שיער ניט ארומגענומען.

איך האב שוין געהאלטען ביים אוועקגעהן; אבער מיסטער ביעטש האט מיך אפגעשטעלט:

— ענטשולדיגט, איהר געברויכט אין אייער ארטיקעל א ווארט, וועגען וועלכען איך וויל אייך פרעגען. וואס הייסט „גהעטא”?

איך בין ערשטוינט געווארען. איך האב געמיינט, אז אן אינטעליגענטער מענש, וואס זאל ניט וויסען דעם ווארט, איז גאר אויף דער וועלט ניטא.

דעם נאמען באגעגנט מען אין דער געשיכטע פון מיטעל־

אַלטער, אָדער אין באַשרייבונגען פון רוים אָדער ווענעציע אפילו פון אונזער צייט. אויב אָבער מען האָט ביי זיך אין לאַנד ניט קיין געטאָס, קען מען דעם וואָרט פאַרגעסען.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז קיין באַלעזענער מענש אין דעם אייראָפּעאישען זין פון דעם וואָרט איז מיסטער ביעטש ניט געווען. דער דורכשניטליכער טיפּ פון אַ זשורנאַליסט איז אין אַמעריקאַ איבערהויפּט געווען אַנאַנדערער ווי אין אייראָפּאַ.

היינט האָט כמעט יעדע אַמעריקאַנער שטאָדט אַ אידישען קוואַרטאַל און אייניגע פון דיזע קוואַרטאַלען זיינען אַליין גאַנצע שטעדט. די צייטונגען קומט אַזוי אָפט אויס זיי צו דערמאָנען, אַז זיי געברויכען יעדען וואָרט, מיט וועלכען מען קאָן נאָר באַצייכענען אַ אידישען קוואַרטאַל. היינט ווייס שוין יעדער אַמעריקאַנער וואָס אַ געטאָ איז. ער מיינט מיט דעם ניט אַזאַ קוואַרטאַל, וואו אידען זיינען געצוואונגען צו וואוינען און וועלכער איז דער איינציגער קוואַרטאַל, וואו זיי איז ערלויבט צו וואוינען. אַזעלכעס איז נאַטירליך ניטאָ. ער געברויכט דעם וואָרט צו באַצייכענען אַזעלכע גאַסען, וואָס זיינען הויפּטזעכליך באַזעצט מיט אידען.

ביעטש איז געווען גוט באַקאַנט אין דער צייטונגס־וועלט פון ניו יאָרק. וואָרים ער איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע פיגורען אין דער „ניו יאָרק סאָן“, איינער פון דאַנאַ׳ס באַליבטע מיטאַרבייטער.

מיין אַרטיקעל איז ערשינען נעקסטען זונטאַג, מיט גאַנץ ווייניג ענדערונגען. איך בין געווען אויפ׳ן זיבעטען הימעל.

אין מיין אַרטיקעל האָב איך געבראַכט אַ ביישפּיל פון אַמעריקאַניזירטען אידיש, וואָס מען רעדט אין אַמעריקאַ. איך האָב צוזאַמענגעשטעלט אַ לאַנגען זאַץ, וועלכער איז כמעט דורכ־אויס באַשטאַנען פון ענגלישע ווערטער, וועלכע אונזערע אימי־גראַנטען האָבען שוין דאַן געהאַט אריינגענומען אין זייער שפּראַך. אַ טייל פון דעם זאַץ איז געווען: „איך וועל סקראָבען דעם פלאָר, קלינען די ווינדעס און פּאָלישען דעם סטאָוו“.

דיזע ווערטער האָבען אין דער רעדאַקציע געצויגען אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט, אַז דער זעלבער נומער „סאָן“ האָט ענטהאַל־

עראזמוס דאַרווין ביעטש. — פאָטאָגראַפירט אין די אַכציגער יאָהרען.

טען אַ לייט־אַרטיקעל וועגען מיין באַשרייבונג, און דאָרטען איז געבראַכט געוואָרען די דערמאַנטע שטיקעל אַמעריקאַנער אידיש.

איך האָב געשריבען ווייטערע אַרטיקלען, און מען האָט זיי אַלע אָנגענומען, אַלע אויסער איינעם.

כמעט יְעדעס מאָל, ווען איך בין געקומען אין דער רעדאַקציע, פלעגט ביעטש מיט מיר פאַרציהען אַ געשפּרעך. ער פלעגט מיט מיר רעדען וועגען רוסלאַנד און אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועגען די רוסישע שריפטשטעלער, וועגען מיינע באַקאַנטע אין אַמעריקא, וועגען די אידישע אימיגראַנטען, וועגען דער איוונינג סקול, וואו איך בין געווען אַ לעהרער.

ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר צוויי פון די אַנדערע מיטאַרבייטער און דורך זיי בין איך באַקענט געוואָרען מיט נאָך אַ פּאָר. ווען איך פלעג זיי טרעפען אין אַ פרייער צייט, פלעגען זיי מיך בעטען זיצען און מיר פלעגען שמועסען.

איך האָב אויך געשריבען איינינע אַרטיקלען פאַר דער „סטאַר" און דערנאָך פאַר דער „פּרעסס" — צוויי טעגליכע צייטונגען, וועלכע עקזיסטירען שוין לאַנג ניט.

איך בין שוין געווען „גוט אויסגעגרינט", און די אַמעריקאַנער צייטונגען האָב איך געלעזען מיט חשק אין פאַרלויף פון פיער־פינף יאָהר. אָבער וועגען דער צייטונגס־וועלט פון אַמעריקא האָב איך ביז דאַן געוואוסט גאַנץ ווייניג. איצט האָב איך מיט דיזער וועלט אָנגעהויבען באַקאַנט צו ווערען, און איך בין דער־נאַנגען פילע זאַכען, וועלכע זיינען פאַר מיר געווען אַ נייעס.

איך האָב שוין באַמערקט, אַז דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט האָט געהערט צו אַנאַנדער טיפּ ווי דער אייראָפּעאישער. אין רוסלאַנד, צום ביישפּיל, ווען מען האָט באַדאַרפט האָבען אַ רעדאַקטאָר פאַר אַ וויכטיגער צייטונג, פלעגט מען נעהמען אַ געלעהרטען מאַן, אַ פּראָפעסאָר פון אַ אוניווערסיטעט, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט מיט פּאָליטישע פראַגען. אויך די אַנדערע מיטאַרבייטער זיינען מייסטענס געווען געבילדעטע מענשען. דאָ, האָב איך באַמערקט, איז גאַנץ אַנדערש. זינט איך בין געוואָרען אַן איינגעהער אין דער רעדאַקציע פון דער „סאָן", האָב איך

זיך דערוואוסט, אז זעהר ווייניג אמעריקאנער זשורנאליסטען האבען געענדיגט אוניווערסיטעט, און פילע פון זיי האבען אפילו קיין האי־סקול ניט באזוכט.

אמעריקא האט שוין דאן געהאט אויסגעצייכענטע זשור־נאליסטען. געבילדעטע מענשען זיינען אבער צווישען זיי געווען זעהר ווייניג. זיי האבען פארשטאנען ווי צו פיהרען א צייטונג פאר א גרויסען עולם און א היבשע צאהל פון זיי זיינען געווען גלענצענדע שרייבער. זיי האבען זיך דאס אבער אויסגעלערנט אויף א פראקטישען שטייגער, ווי כמעט אלץ פלעגט מען אין יענע צייטען זיך אויסלערנען אין אמעריקא. מען פלעגט ווערען אן אדוואקאט, א דאקטאר אדער אן אינזשיניר מיט ווייניג בילדונג. און דאך זיינען דא געווען אייניגע מערקווירדיגע קרעפטען אין יעדער פראפעסיע. אזוי איז אויך געווען מיט דעם צייטונגס־פאך.

מיט א פאר יאהר פריהער האב איך געלעזען א סטענאגרא־פישען באריכט פון א לעקטשור וועגען זשורנאליזם, וועלכע טשארלס דאנא, דער הויפט רעדאקטאר און בעל־הבית פון דער „סאן", האט געהאלטען פאר די סטודענטען און פראפעסארען פון קאלאמביא קאלעדזש. צווישען אנדערע זאכען האט דאנא געזאגט, אז אמעריקאנער צייטונגס־רעדאקטארען האלטען זעהר ווייניג פון מיטארבייטער, וואס קומען צו זיי פון די קאלעדזשעס. זיי גלויבען, אז צייטונגס־ארבייט דארף מען שטודירען אין א צייטונגס־אפיס און אין לעבען; אז א געשטודירטער מענש קען ביכער, ניט דעם לעבען. און א צייטונגס־מאן דארף קענען דעם לעבען.

„דער בעסטער מיטארבייטער אין אונזער צייטונג קען ניט ספעלען ריכטיג, — האט ער געזאגט, — זיינע גרייזען קען מען אבער לייכט פיקסען, דאס איז א קלייניגקייט. דערפאר האט ער אן אויג צו זעהן און א ריכטיגען שכל צו פארשטעהן וואס ער זעהט".

ווען איך האב דאנא'ס לעקטשור געלעזען אין דער „סאן", האט זי אויף מיר געמאכט א משונה'דיגען איינדרוק. איצט, אז איך בין אביסעל באקאנט געווארען מיט אן אמעריקאנער

רעדאקציע, האב איך דאנא'ס באהויפטונג געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען, אזוי צו זאגען.

איך האב וועגען דעם ענין אמאל געשמועסט מיט איינעם פון די „סאן" מיטארבייטער — א מאן שוין אין די מיטעלע יאהרען. ער גופא איז געווען א לעבעדיגע באשטעטיגונג פון דאנא'ס ווערטער. ער האט מיר אפען געזאגט, כמעט זיך באריהמט, אז ער איז אין סקול געגאנגען גאנץ ווייניג. ער האט אויף זיין לעבען געהאט אלערליי באשעפטיגונגען: געארבייט ביי זיין פאטער אויפ'ן פארם, געווען א שריפטזעצער, א דראגיסט, אן אקטיאר און זאגאר א קאובאי אין די וועסט. ער האט אימער געהאט חשק צו שרייבען. אבער איידער ער האט זיך צוגעשלאגען צו א דזשאב אלס צייטונגס־רעפארטער, האט ער ווידער א פאר יאהר געמוזט ארבייטען אלס שריפטזעצער.

איצט איז ער געווען א גוטער רעפארטער און פעליעטאניסט. דאנא'ן האט ער פארגעטערט.

ריידענדיג מיט מיר וועגען דאנא'ס דערמאנטע לעקטשור, האט ער געזאגט:

„געוויס האט ער רעכט. א מענש, וואס ספעלט ריכטיג און קען גרעמער, קען מען דינגען פאר עטלאכע דאלאר א וואך. שכל אבער, געניטקייט און די פעהיגקייט צו שרייבען אינטערעסאנט — דאס איז א פיל טייערער ארטיקעל."

אין שפעטערע יאהרען האט קאלאמביא קאלעדזש איינגעפיהרט א ספעציעלע אפטיילונג צו לערנען זשורנאליזם. דארטען שטודירט מען די פראפעסיע אויף א פראקטישען, עכט־אמעריקאנישען שטייגער; און דאס איז אבסאלוט ניט דער אייראפעאישער שטייגער. אין די אכציגטע יאהרען אבער זיינען נאך אפילו אזעלכע קורסען אויך ניט געווען. דאס לעבען אליין איז געווען דער איינציגער קורס אזעלכער.

די פינף יאהר, וואס איך האב פארבראכט אין אמעריקא, האבען מיר געגעבען א היבשע ביסעל ערפאהרונג. דער דורכשניטליכער אימיגראנט לעבט דא א לעבען, וואס איז א סך רייכער אין ערפאהרונגען ווי זיין לעבען אין דער אלטער היים. דערצו נאך בין איך געווען פול מיט נייגעריגקייט, פול מיט דורשט צו

בעקאבאכטען. אלזא, האב איך דעם אמעריקאנער זשורנאליזם, אין אלגעמיין גענומען, נאך פריהער פארשטאנען. איך האב געזעהן זיינע שלעכטע זייטען; איך האב אבער אויך געקענט אפשאצען זיינע מעלות.

דאך, די ערפאהרונגען, וואס איך האב איצט געהאט אלס „פרי לענס“ (ניט רעגעלמעסיגער מיטארבייטער) אין א פאר ניו יארקער צייטונגען, האבען מיין באקאנטשאפט מיט דעם אמעריקאנער זשורנאליזם פיעל רייכער געמאכט. יעדען טאג פלעגט זיך מיר דוכטען, אז מיר עפענען זיך די אויגען פון דאס ניי, אז איך פארשטעה בעסער אי זיינע שטארקע פונקטען, אי זיינע שוואכע.

קיין גרויסע גליקען האב איך פון מיינע ענגלישע ארטיקלען ניט געמאכט. דער פרייז פאר א קאלום אין דער „סאן“ (א לאנגער און א געדיכטער קאלום פון אן ערך צוועלף אדער דרייצעהן הונדערט ווערטער) איז געווען אכט דאלאר (די קאלומס אין דער „סטאר“ און אין דער „פרעסס“ זיינען געווען אביסעל קירצער, איז דער פרייז געווען קלענער). אן ארטיקעל פלעגט האל־טען צוויי אדער אנדערהאלבען קאלומס. מיינע זאכען פלעגען קענען געדרוקט ווערען נאר זונטאג (אין דעם „סאנדעי סאפלעמענט“), און האבען דארטען עפעס יעדען זונטאג איז אויך ניט געווען מעגליך. ווען עס זיינען געווען וויכטיגערע זאכען, פלעגט מען מיין ארטיקעל אפלייגען. און אמאל פלעגט טרעפען, אז ער איז שוין געווען אויפגעזעצט, נאר „קראודעט אוט“ (ארויסגע־שטופט פון בילכערע לעזע־שטאף). אין אזא פאל פלעגט מען מיר באצאהלען, אבער איך וואלט בעסער מוחל געווען די געצאלט, אבי זעהן דעם ארטיקעל אין דער צייטונג.

מיין נאמען איז אויף מיינע ארטיקלען ניט געשטאנען. אזוי פיהרט זיך געוויינליך אין אמעריקאנער צייטונגען אפילו היינט אויך. און אין יענע יאהרען איז די מאדע געווען נאך מעהר פארשפרייט. בלויז דעם נאמען פון א באריהמטען שריפט־שטעלער אדער זשורנאליסט פלעגט מען זעהן אין דער צייטונג.

עס האָט דאַן געפלאַקערט אַ קאָנקורענץ צווישען דאַנאַ'ס „סאַן" און דער „ניו יאָרק וואָירלד", פון דזשאָזעף פּוליטצער.

זינט פּוליטצער איז געקומען פון סט. לואיס און האָט אָפּגעקויפט די צייטונג, האָט זי געהאַלטען אין איין וואַקסען. ער האָט אין איהר אריינגעגעבען אַלץ מעהר לעבען, און עס האָט ניט אויפגעהערט מיט איהר צו קאָכען. ער פלעגט זיך צוטשעפּען צו עפּעס אַן אונרעכט, אַן עולה, אַ חשד אויף אַ בעאַמטען, מאַכען דערפון אַן „אישו" און אָנהויבען צו שטורמען. אין זיינע הענט האָט די צייטונג געפלאַמט מיט סענסאַציעס. זי האָט אָבער געהאַט אַ סך זאַכען, וואָס זיינען ווירקליך געווען אינטערעסאַנט. די געוועהנליכע נייעס איז געווען געשריבען מיט קאָליר, מיט איינצעלהייטען, וועלכע מאַכען אַן איינדרוק. און אָפט פלעגט זיך אין דער „וואָירלד" באַווייזען אַ נייעס־באַריכט, וועלכען אַנדערע צייטונגען האָבען ניט געהאַט. ער האָט געהאַט אַ „ביעט" נאָך אַ „ביעט".

עס האָט זיך געפיהלט, אַז אין דער רעדאַקציע פון דער „וואָירלד" זיצט אַן „אונרוה", וועלכער גיט אַכטונג אויף יעדען מיטאַרבייטער, אויף יעדען וואָרט, וואָס ווערט געשריבען, אויף יעדען קער וואָס ווערט געטאָן. עס האָט זיך געפיהלט, אַז די צייטונג ווערט באַהערשט פון אַ קראַפט, וועלכע עלעקטריזירט איהר מיט נערוועזער ענערגיע.

פריהער פלעגט דער „העראָלד" זיין די לעבעדיגסטע צייטונג אין אַמעריקאַ. בעננעט, איהר רעדאַקטאָר און בעל־הבית, האָט געאַרבייט לויט דעם כלל אַז אַ צייטונג דאַרף ניט נאָר דרוקען נייעס, נאָר אויך „מאַכען נייעס", שאַפען סענסאַציאָנעלע פּאַסי־רונגען, וועגען וועלכע דער עולם זאָל ווענען לעזען. ער האָט געשפּענט מיליאָנען אויף סענסאַציאָנעלע עקספּעדיציעס (אויפצו־זוכען, צום ביישפּיל, אַ באַריהמטען רייזענדער און פאָרשער, וועלכער איז פאַרלאָרען געוואָרען אין די ווילדע געגענדען פון אַפריקאַ). כדי צו זיין דער ערשטער ביים טעלעגראַף, אויף די שלאַכטפעלדער פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה, ווען מען האָט ערוואַרטעט אַ וויכטיגע נייעס, האָט בעננעט'ס קאָרעספּאָנ־דענט, מעק־געיהען, טעלעגראַפירט צעהנדליגע פּיידזשעס פון דער

ביבעל. אויף דיזען ארט האט ער געהאט דאס רעכט די גאנצע צייט צו זיצען ביי דעם אפאראט, און ווען די נייעס איז אנגעקומען, האט ער דער ערשטער איהר געקענט טעלעגראפירען.

איצט איז אויך דער „העראלד“ געווען רייך און מעכטיג, אבער די „סאן“ האט פארנומען א זעהר וויכטיגען פלאץ, און זי האט געהאלטען אין איין שטייגען; באוויזט זיך גאר פלוצלונג אן אונגארישער איד און הויבט אן צו קערען וועלטען. דאנא האט פון פוליטצער׳ס ערפאלג שטארק געליטען, און זיין האס צו איהם האט ניט געהאט קיין גרענעץ. ער האט איהם אטאקירט אויף פארשידענע אופנים. ער פלעגט שרייען, אז פוליטצער פארגיפטעט דעם אמעריקאנער זשורנאליזם, אז ער מאכט איהם צו סענסאציאנעל און ביליג.

רופען איהם „שיני“ אדער אפילו „דזשו“ וואלט געווען געגען די אמעריקאנער געוואוינהייטען, געגען די כללים פון אנשטענדיגקייט; האט ער אויסגעקלערט א ווערטעל: „האנגרי דזשאו“ (הונגעריגער דזשאו, אדער דזשאזעף), דאס הייסט, אז דיזער דזשאזעף פוליטצער האט א צו גרויסען אפעטיט; ער וויל ארייננכאפען אלץ מעהר; אין אמת׳ן אבער האט דאס געהייסען „האנגעריען דזשו“ (דער אונגארישער איד).

פוליטצער האט, נאטירליך, ניט געמיינט די הגדה, נאר די סניידלעך. מיט די גוואלדען, וואס ער האט געמאכט וועגען דער אונעהרליכקייט פון געוויסע בעאמטע, וועגען עולות געגען קהל, האט ער געהאט אין זינען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי צירקולאציע. אבער דאנא האט מיט זיינע אטאקעס אויף פוליטצער׳ן אויך ניט געמיינט די הגדה. פוליטצער האט דעם אמעריקאנער זשורנאליזם ניט ערפונדען, נאר געפונען. ער האט איהם גענומען ווי ער איז און אלס אזעלכען האט ער איהם ווייטער ענטוויקעלט.

ער איז געווען א דארער, א קרענקליכער, מיט אן עכט־אידישען פנים, און מיט אן עכט־אידישען נערוועזען טעמפעראמענט. זיין מוטער איז געווען א קריסטין, אבער זיין פאטער איז געווען א איד, און זיין כאראקטער, פונקט ווי זיין פנים, האט ער איינגאנצען געירש׳ענט פון איהם. ער איז געבארען

געוואָרען מיט אַ אידישען אונטערנעמונגס־גייסט, מיט אַ אידישען פייער און מיט אַ זעלטענער ארביטס־פעהיגקייט; און אין אַמעריקא האָט דאָס אַלץ באַקומען אַמעריקאַנישע פאָרמען.

ער האָט געהאַט אַ ריזיגען ערפאָלג. „די וואָירלד" איז געוואַקסען ווי אויף הייוען. מען האָט וועגען איהר גערעדט איבער גאַנץ אַמעריקא, און אומעטום האָבען אַמעריקאַנער רעדאַקטאָרען איהר נאָכגעמאַכט. פּוליטצער איז שנעל געוואָרען אַ מיליאָנער און איינער פון די וויכטיגסטע פּערזענליכקייטען. זיינע אויגען זיינען אָבער געווען שוואַך, און זיין אונערמידליכע טעטיגקייט און פּראַצע האָבען אויף זיי קיין גוטע ווירקונג ניט געהאַט. צוזאַמען מיט ערפאָלג און רייכטום איז ביי איהם געוואַקסען אַ גרויסע טראַגעדיע — פאָלשטענדיגע בלינדקייט.

אין דער צייט, וועגען וועלכער איך דערצעהל אין דיזען קאַפּיטעל, איז די קאָנקורענץ פון דער „וואָירלד" געגען דער „סאָן" געווען אויף איהר העכסטער שטופע. מיין באַקאַנטער רעפּאָרטער פון דער „סאָן" פלעגט מיט מיר ריידען וועגען דעם. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט נעמען ריידען וועגען דער „וואָירלד", פלעגט זיך מיר דוכטען, אַז איך דערמאָן איהם אָן איהר, ווייל איך בין פון דעם זעלבען פאָלק ווי פּוליטצער. דיזער רעפּאָרטער האָט פאַרגעטערט דאַנאַ'ן, און פּוליטצער איז איהם געווען העסליך. אָבער קיין אַנטיסעמיטיזם האָב איך אין איהם ניט געפילט. אַמעריקאַנער זיינען זעהר טאָקטפול און זיי קוקען אויף אַלץ פון אַ פּראַקטישען שטאַנדפּונקט. ביי זיי קומט אַזאַ געשפּרעך אוים גאַנץ אַנדערש ווי ביי אַן אייראָפּעאישען קריסט.

.4

נויט. — בורזשויעס און קבצנים. — איך הויב אָן צו שטודירען לאָא.

מיין מאַטעריעלע לאַגע איז ניט געווען קיין גלענצענדע. מיינע צוויי מלאכות האָבען מיר געבראַכט ווייניג ברכות.

ווען איך וואָלט זיך אינגאַנצען אָפּגעגעבען צו אַמעריקאַנער זשורנאַליסטיק, וואָלט אַלץ געגאַנגען אויף אַנאַנדער שטייגער.

אין איהר זיינען שוין דאן געווען פארשידענע צווייגען, וועלכע האבען גוט געצאהלט, און איך וואלט געקענט אויפבויען א גוטע קאריערע אין זיי. אבער אום צו האבען ערפאלג, איז נויטיג זיך אריינצוואווארפען אין דער זאך מיט דער גאנצער ענערגיע און מיט דער גאנצער באגייסטערונג, וואס מען פארמאגט. איך האב אזוי ניט געטאן. מיין גרעסטער אינטערעס און באגייסטערונג איז געלעגען אין דער סאציאליסטישער באוועגונג. די ראלע וואס איך האב דאן גענומען שפילען אין דער אמעריקאנער סעקשאן איז פיליכט געווען א ספעציעלע טרייב־קראפט דערצו. ווי די מעשה איז, מיינע ארטיקלען פאר דער „סאן“, „סטאר“ אדער „פרעסס“ האב איך געשריבען מיט אינטערעס און אמביציע, אבער ניט מיט א פאלשטענדיגען אינטערעס און מיט א פאל־שטענדיגער אמביציע. זיי זיינען ביי מיר געווען א ביי־זאך.

א צווייטע אורזאכע איז געווען מיין באגריף, אז אין דער קאפיטאליסטישער פרעסע מעג א סאציאליסט שרייבען נאר גע־וויסע זאכען. די רעדאקטארען פון די דערמאנטע צייטונגען פלעגען מיר פארשלאגען ספעציעלע „עססאינמענטס“. איך פלעג זיך אבער אפט ענטזאגען. דאס טאר מען ניט, און יענעס פאסט פאר א סאציאליסט סתם ניט, כאטש די טעמאס זיינען פון א סאציאליסטישען שטאנדפונקט געווען פאלשטענדיג כשר. היינט האבען סאציאליסטען גאנץ אנדערע באגריפען וועגען דעם; און ווען איך דערמאן זיך איצט פון וועלכע „עססאינמענטס“ איך פלעג זיך צוריקהאלטען, קומט דאס מיר אוים נאאיוו.

סתם ענטזאגען זיך האב איך ניט געוואלט. פלעג איך צו־קלעהרען תירוצים. אבער דאס האט מיר געשטערט צו ענטוויקלען מיינע מעגליכקייטען אין דער רעדאקציע.

א דריטע אורזאכע איז געווען דער פאקט, אז איך האב ניט געהאט קיין פראקטישע אויג צו זעהן וואו עס ליגען מיינע בעסטע זשורנאליסטישע געלעגענהייטען. איך האב געארבייט אויף ארטיקלען, וועלכע האבען זיך מיר גארניט געלוינט, און ניט באמערקט אפענע טירען, דורך וועלכע איך וואלט געקענט אריינ־קומען אין פיל וויכטיגערע קרייזען פון דער אמעריקאנער זשור־נאליסטיק, צוקומען צו א נאמען און צו א פיינעם איינקונפט.

דער רעזולטאט איז געווען, אז מיין הכנסה פון שרייבען איז ניט געווען קיין רעגעלמעסיגע און ניט קיין גענוגענדע. קאָמפּלימענטען האָב איך פון די אמעריקאנער רעדאַקטאָרען באַקו־מען, אָבער לעבען פון מיינע אַרטיקלען האָב איך ניט געקענט.

מיינע פּריוואַטע לעססאָנס האָבען מיר שוין אויך מעהר ניט געקענט באַזאָרגען מיט אַ צופרידען־שטעלענדער חיונה. דער גע־צאָהלט איז געווען קליין. אַ חוץ דעם: די לעססאָנס גופא זיינען מיר געוואָרען אַזוי צו־לאַסט, אַז איך פלעג זיי פאַרנאַכלעסיגען, אָדער אינגאַנצען אַוועקוואַרפען. אָט איז אַ ביישפּיל פון איין ערפאַהרונג אַזאַ:

איך האָב געהאַט אַ לעססאָן ביי אַ פאַמיליע פון אַ סטאָר־קיפּער, וועלכער האָט געוואוינט אויף הענרי סטריט. זיינער אַ באַי איז געווען שוואַך אויף גרעממער און אַריפמעטיק, האָט ער מיך גענומען אַלס אַ צוגאַב צו זיין סקול. אימיצער האָט דעם פאָטער דערצעהלט, אַז איך בין אַ קינסטלער אויף צו „פיקסען“ גראָבע קעפּ, האָט ער מיך איינגעלאַדען. מיר האָבען זיך באַדונ־גען אויף דריי לעססאָנס אַ וואָך, צו זעכציג סענט אַ שטיק. איך האָב דאָרטען אָפּגעלערענט עטליכע וואָכען און אַלץ איז געגאַנגען כשורה. דער סטאָר־קיפּער פלעגט זיך ארויפכאַפּען אין שטוב הערען ווי איך לערן מיט זיין זוהן און ער פלעגט גאָר קוועלען. פאַר באַגייסטערונג פלעגט ער זיך אריינמישען אין דעם לעססאָן און מיר טרייען צו ווייזען, אַז ער האָט אַמאָל געלערענט דקדוק אין דער היים און אַז אויף חשבונות איז ער אויך ניט קיין קאַליקע. איך פלעג עס ניט קענען פאַרטראָגען. איך האָב איהם אַ פּאָר מאָל געזאָגט גאַנץ פשוט, אַז ער זאָל זיך ניט מישען. דאָס האָט איהם אָבער ניט געאַרט, און ער האָט זיך ווייטער געמישט.

דאָך, צוליב דעם אַליין וואָלט איך דיזען לעססאָן ניט אַוועק־געוואָרפען. איינמאָל האָט אָבער פּאַסירט אַזאַ געשיכטע:

איך פלעג מיט דעם באַי לערנען אין פּאַרלאָר. דאָרטען איז געשטאַנען אַ ראָקינג־טשער, באַצויגען מיט שוואַרצע סעמעל־האָר; דער ראָקינג־טשער איז געווען אויף ספּרינגס.

בשעת איך פלעג לערנען מיט'ן באַי, פלעג איך ענטווערער גערן איבער'ן צימער הין און צוריק, אָדער זיך וויגען אין ראָקינג־טשער. איינמאָל, בשעת איך בין געזעסען און געוואַרט ביז מיין שילער וועט מאַכען אַ חשבון, וואָס איך האָב איהם ער־קלעהרט, האָב איך זיך אַזוי צו־וויגט, אַז די ספּרינג האָט גע־פּלאַצט. איך האָב דאָס גלייך געזאָגט דער באַלעבאָסטע און פאַרגעשלאָגען צו באַצאָהלען פאַר'ן היזק. איך האָב געמיינט, זיי וועלען מיין פאָרשלאַג ניט אָננעהמען, וואָרים זיי זיינען געוועזען גאַנץ רייך. איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט. דער סטאָר־קיפּער האָט געשיקט נאָך אַ בעל־מלאכה, און מען האָט אריינגע־זעצט אַ נייע ספּרינג. ווען איך בין געקומען דעם נעקסטען מאָל צום לעססאָן, האָט מען מיר דערלאַנגט אַ ביל (פאַר צוויי דאָלאַר, דאַכט זיך), וועלכען ער האָט אראָפּגענומען פון מיין געצאָהלט.

איך האָב זיך געפיהלט עקעלהאַפט. ניט די צוויי דאָלאַר, נאַטירליך, האָבען מיך געערגערט. מיר האָט זיך געדוכט, אַזוי ווי מען וואָלט מיר צופּאַטשט מיין פּנים. די גראָשענע גראָב־יונגישקייט, וועלכע האָט געשטעקט אין דעם, האָט מיך גענער־גערט אָהן אַ ברעג. איך האָב געוואָלט דעם בעל־הבית ערקלעה־רען וואָס פאַר אַן „איידעלער" מענש ער איז. געטאָן האָב איך דאָס ניט. אָבער מעהר ביז איך אַהין ניט געקומען.

דאָס איז נאָר איין ביישפּיל. עס זיינען געוועזען פאַרשידענע אַנדערע פּאַלען. איך פלעג אַוועקוואַרפען אַ לעססאָן צוליב דעם כאַראַקטער פון דעם שילער, אָדער צוליב ספּעציעלע אומשטענדען, וועלכע האָבען אַרומגערינגעלט דעם לעססאָן.

די איווענינג־סקול איז מיר געווען אינטערעסאַנטער. איז זי אָבער געווען אָפען נאָר אין די ווינטער־מאָנאַטען.

ווינטער, ווען איך האָב געהאַט אַ רעגעלמעסיגען איינקונפט פון דער איווענינג־סקול, איז נאָך געווען נישקשה. דאָס נויטיגסטע איז געווען באַזאָרגט. זומער אָבער פלעגט אַמאָל טרעפען, אַז לעססאָנס איז געווען זעהר ווייניג, און ווען קיין איינקונפט פון אַרטיקלען איז אויך ניט געווען, פלעגט אויסקומען גאַנץ ענג.

אויף באַרגען געלד בין איך קיינמאָל ניט געווען קיין קינסטלער. איך האָב זיך געשעהמט. און מיין פרוי איז אויף אַזעלכע זאכען אויך ניט געווען קיין בריה. עס זיינען געווען צייטען, ווען זי האָט אויך געהאַט לעססאָנס; פלעגט אָבער גראָד טרעפען, אַז דאַן האָב איך געהאַט צו־וויינִיג. עס זיינען געווען וואָכען, ווען זי האָט מיט איהרע לעססאָנס אויסגעהאַלטען די גאַנצע הוצאה.

ווען איך פלעג פאַרדינען נישקשה'דיג, און עס פלעגט זיך מיר מאַכען אַ היבשע סומע אין האַנט, פלעגען מיר פריהער פון אַלץ זיך באַזאָרגען מיט דינערס אויף אַ גאַנצען מאָנאַט. אויף קאַנעל סטריט, ניט ווייט פון דער באָוערי, איז דאַן געווען אַ ביליגער קריסטליכער רעסטאָראַן, וואו מיר פלעגען עסען; פלעגען מיר דאָרט איינקויפען דרייסיג „קאָמיוטיישאָן" טיקעטס (פאַר אַ ביליגערען פרייז).

עס האָט ניט זעלטען געטראָפען, אַז איך זאָל באַזוכען אַ פּאָאָן־שאָפּ. איך פלעג זיך אויסקלייבען אַזעלכען, וואָס האָט זיך געפונען וואָס ווייטער פון דעם געגענד, וואו אונזערע באַ־קאַנטע האָבען געוואוינט. איינער איז געווען אויף גרענד סטריט, לעבען פּיטט, און אַ צווייטער נאָך ווייטער צום וואַסער צו. ווען איך פלעג קומען אַהין אין דער פריה, הויפּטזעכליך ביים ענדע וואָך, ווען ביי די אַרבייטער זיינען די ווייִדזשעס שוין לאַנג געספּענט, פלעג איך דאָרטען געפינען אַ גאַנצען קראָוד מיט קינדער, מייסטענס איירישע, יעדער מיט אַ פּעקעל צום פאַר־זעצען. אַמאָל פלעגט מיר אויסקומען דאָרטען צו וואַרטען אַ היב־שע צייט איידער עס איז דערגאַנגען צו מיר. פלעג איך שטעהן און בעאָבאַכטען די פאַרשידענע סצענעס.

אין איינעם פון די צוויי פּאָאָן־שעפּער פלעגט מען נעהמען אַלס אַ משכּון אַזעלכע קלייניגקייטען, אַז איך פלעג ערשטוינט ווערען: אַ העמד, אַ פּאָאַר דראָערס, אַן אַלטע לעפעל, ניט קיין זילבערנע, און זאָגאַר צוויי פּאָר זאָקען. איך האָב אַמאָל פאַר־צייכענט ביי זיך אַזאַ משכּון ווי אַ פּעטטיקאָוט מיט צוויי לעבער. דער פּאָאָן־שאָפּ־קיפּער איז געווען אַ הויכער אַלטער יענקי מיט אַ ווייסער באָרד. ער פלעגט טראָגען אַ ווייסען כאַלאַט. זיין

נאָמען איז געווען ראָוטש *). פון אָנהויב האָב איך געגלויבט, אז דער נאָמען פּאַסט זיך איהם, אָבער ערשטענס, איז ער געווען צו־הויך, און צווייטענס, האָט ער געהאַט אַזאַ אָנגענעמען שמייכעל, אז איך האָב דעם פארגלייך אָוועקגעוואָרפען. די קינדער פלעגען זיצען אויפ'ן קאונטער גרופען־ווייז. זיי פלעגען איהם ציהען פאר זיין כאַלאַט און שרייען: „מיסטער ראָוטש! מיסטער ראָוטש!" און רוקען איהם דעם משכן אין פּנים. און ער פלעגט גאַנץ גוטמוטיג שמייכלען און זיך אָנגעהן מיט זיינע ביזנעס, אזוי ווי ניט איהם מיינט מען דאָס. פאַר פילע משכנות פלעגט ער באָרגען צו צעהן סענט, אָדער זאָגאר צו פינף. אָבער אין דעם זעלבען פּאָן־שאָפּ פלעגט מען אריינברענגען טייערע זאַכען אויך. איך האָב דאָרטען אמאָל געזעהן אַן אמת'ען סיעל־סקין־קאָוט און ווערטפולע דזשועלרי.

איינמאָל, אין אַ פרייען מאָמענט, האָב איך ביי איהם גע־פרעגט ווי אזוי עס לוינט זיך דער קאָמפּאַניע צו נעהמען אזא משכן ווי צוויי פאָר זאָקען אָדער אַ פאָר דראָערס. האָט ער מיר געענטפערט:

„די פאָר דראָערס וועט מען געווים ארויסנעהמען. מיט די פינף אָדער צעהן סענט זיינען מיר זיכער, און מייסטענס קען איך דעם קאַסטאָמער".

איך האָב זיך מיט איהם צורעדט, ספּעציעל אום צו זאַמלען מאַטעריאַל פאַר אַן אַרטיקעל, און איך האָב זיך דערוואוסט אינ־טערעסאַנטע זאַכען. אַמאָל זיינען די משכנות געקומען צוליב דער שכרות פון די באַלעבאַסטעס. אַמאָל פאַרזעצען זיי אַ פּאָר דראָערס, אָדער צוויי פּאָר זאָקען, פּשוט ווייל עס איז ניטאָ אויף ברויט. אָבער אַמאָל ווייל עס איז ניטאָ אויף אַ שנאַפּס. קיין אידען פלעג איך אין ראָוטש'ס פּלאַץ קיינמאָל ניט זעהן.

אזא עקאָנאָמישער צושטאַנד, אין וועלכען איך האָב זיך געפונען, איז דאַן צווישען אונזערע אינטעליגענטע אימיגראַנטען ניט געווען קיין אויסנאַהם. פילע פון אונז האָבען נאָך גע־אַרבייט אויף פּעקטאָרים, ביי העמדלעך, סיגאַרען, אָדער ביי עפּעס

*) ראָוטש הייסט אַ „פּרויסעל" (אַ מין אינזעקט).

אַן אַנדער טרייד. זייערע פאַרדינסטען זיינען געווען קליין. דער אימיגראַנט, וואָס איז געווען אַ בעל־מלאכה פון דער היים, האָט אין אַמעריקא פאַרדינט אַ סך מעהר, און ער האָט געלעבט ווי אַ פּריץ אין פאַרגלייך מיט אונז.

עס זיינען געווען אַ פּאָר, וואָס האָבען דאָ אין אַמעריקא אויסגעשטודירט אויף דאָקטאָר אָדער דענטיסט, און זיי האָבען גענומען פאַרדינען גוטע געלט. אַן אַנדערער האָט זיך צוגעשלאָגען צו אַ פעקטאָרי. ווייטער זיינען געווען עטליכע האַלב־אינטעליגענטען, אָדער פּערטעל־אינטעליגענטען, וואָס אין רוסלאַנד זיינען זיי געווען געשעפטס־לייט אָדער געאַרבייט ביי אַן אַנדערען אין אַ געשעפט, און אין אַמעריקא זיינען זיי גלייך אריין אין ביזנעס. איך מיין אַזעלכע, וואָס זיינען געווען דורכגעמישט מיט אונז. דיזע אַלע זיינען געווען אַן אויסנאַהם. זיי זיינען אין זייער מאַטעריעלער לאַגע געוואַקסען גאַנץ שנעל, און זיי האָבען זיך שנעל אָפּגעטיילט פון דער רוסישער אינטעליגענץ און פון איהרע סאָציאַליסטישע אינטערעסען. מיר האָבען איינער אויפ׳ן אַנדערען געקוקט מיט פאַראַכטונג. מיר האָבען זיי באַטראַכט אַלס בורזשויעס, און זיי אונז אַלס קבצנים, „טרעמפּס“.

דעם אָוועגד פון דעם 31טען דעצעמבער פלעגען איינינגע פון די בורזשויעס זיך דערמאָנען אָן רוסלאַנד און קומען אויף אונזער סאָציאַליסטישען ניי־יאָהר־באָלל, אָבער נאָר איינינגע, און זייער צאָהל איז מיט יעדען יאָהר געוואָרען קלענער.

איינינגע באַקאַנטע האָבען מיך געראַטען צו שטודירען לאָא. אויסער דער פראַגע פון תכלית, איז דערביי געווען אַזאַ רעכענונג: אין דעם עפענטליכען לעבען פון אַמעריקא שפּילען לאָיערס די וויכטיגסטע ראָלע, און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאַרף האָבען איהרע אייגענע לאָיערס. אַלזאָ, האָבען מיינע פריינד, הויפּטזעכליך מיינע אַמעריקאַנער גענאָסען, געגלויבט, אַז אַלס לאָיער וועל איך האָבען ערפאָלג אי אין מיינע פּריוואַט אינטערעסען, אי אין די אינטערעסען פון דער באַוועגונג.

אין דעם אידישען קוואַרטאַל זיינען געווען גענוג לאָיערס, אָבער מיט איין אויסנאַהמע זיינען זיי אַלע געווען אַמעריקאַנער

געבאָרענע, מיט וועמען דאָס רוב פון אונזערע אידען האָבען ניט געקענט זיך צוזאמענריידען. דער איינציגער אויסנאהם איז גע־ווען אליעזר מאשביר, דער פיהרער פון דעם אמאָליגען באַלטער „עם־עולם“, מיט וועמען איך בין געקומען קיין אמעריקא צוזאמען. די ערשטע פאָר יאָהר האָט ער אין אמעריקא געארבייט ביי העמדלעך. דערנאָך איז ער אָנגעקומען אין א לאָא־סקול, און איצט איז ער שוין געווען א געענדיגטער. ער האָט געעפענט אן אָפיס און האָט געהאט א גרויסע פראקטיק*). מיך האָט מען אין דעם קווארטאל געקענט א סך בעסער פון איהם. טויזענטער מענשען האָבען מיך געקענט אלס רעדנער אויף די סאָציאַליסטי־שע מיטינגען און אלס לעהרער אין דער איוונינג־סקול. און אזוי ווי מאשביר האָט גלייך גענומען פארדינען גוטע געלט, האָבען אלע פאָראויסגעזאָגט, אז איך וועל געווים האָבען א גוטע פראקטיק.

אין סעפּטעמבער 1888 בין איך אָנגעקומען אין דער לאָא־אָפּטיילונג פון קאָלאָמביא קאָלעדזש. דער „דיען“ (דירעקטאָר) און וויכטיגסטער פראָפעסאר פון דיזער אָפּטיילונג איז געווען דוואיט, אן אמעריקאנער פון דעם אַלטען שניט, א מאן פון א יאָהר פופציג, מיט קליינע שיטערע באקען־בערד און אן אָפּגע־גאָלטע אויבערשטע ליפּ און מיט א קלוגען אמעריקאנישען שמייכעל. אידען זיינען אויף די קורסען געווען ניט פיל און פון די רוסישע אימיגראנטען בין איך געווען דער איינציגער.

מייסטע סטודענטען זיינען געווען עכטע אמעריקאנער, דייטש־אמעריקאנער אָדער איריש־אמעריקאנער — אלץ אמערי־קאנער געבאָרענע. איינציגע האָבען געהערט צו באקאנטע רייכע אמעריקאנער פאמיליעס. איניגע פון זיי זיינען געווען גענע־דיגטע פון אוניווערזיטעטען און גאנץ איידעלע מענשען. אנדערע האָבען אויף מיר געמאכט אן איינדרוק ווי ווייניג געבילדעטע. ווארים קיין עקזאמען איידער מען האָט באקומען דאָס רעכט צו שטודירען לאָא האָט זיך דאן ניט געפאָדערט.

*) ער איז געשטאָרבען אין 1923. די לעצטע עטליכע יאָהר פון זיין לעבען איז ער געווען אינגאַנצען בליגד.

אָבער אפילו די געבילדעטע האָבען מיר אויך אויסגעזעהן רויה, ווייניג ענטוויקעלט; און פון אידעאַלען האָבען זיי זיך אויסגע־לאַכט, גאָרניט ווי רוסישע סטודענטען. זיי זיינען געווען פון דעם זעלבען טיפ ווי די באָיס פון מיין ליטעראַרישען קלוב.

מיט אַ פּאָר פון די סטודענטען בין איך באַקאַנט געוואָרען נעהנטער ווי מיט די איבעריגע, הויפּטזעכליך מיט איינעם, וועל־כער איז געווען אַ סך עלטער פון מיר — אַ דאַרער, מיט גלאַנ־ציגע שטאָל־קאָלירענע האָר ביי די שלייפען (זיין נאָמען געדענק איך ניט). מיר זיינען געזעסען איינער לעבען דעם אַנדערען, און איידער דער פּראָפעסאָר האָט זיך באַוויזען אויף דער פּלאַט־פאָרמע, פּלעגען מיר אמאָל שטילערהייט זיך פאַרהערען דעם לעססאָן איינער דעם אַנדערען. נאָך די צוויי שטונדען, וואָס מיר פּלעגען פאַרברענגען אין דעם קלאַס־צימער, פּלעגען מיר אָפט געהן צוזאַמען און שמועסען.

אונזער אינטימערע באַקאַנטשאַפט איז אַרויסגעקומען דורך אַ בראָשורע, וועלכע האָט ענטהאַלטען איינגערסאָל׳ס אַ רעדע, און וועלכע איך האָב געהאַט מיט זיך, זיצענדיג ביי דער לעקט־שור. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז ער איז אַן אַטעאיסט, אַ הייסער אַנהענגער פון איינגערסאָל׳ען. אַן אַמעריקאַנער אַטע־איסט הייסט שוין אַ ראַדיקאַל אויך. פאַר אַזאַ מענשען מעגט איהר שוין זיין אַ סינגעל־טעקסער, אַ סאָציאַליסט און אפילו אַן אַנאַרכיסט. יעדענפאַלס איז דאָס אמת וועגען יענע צייטען.

די ערשטע זאַך, וואָס מיר האָבען געלערענט, איז געווען בלעקסטאָן׳ס אַלטע ענגלישע ווערק, אַ גרויסער זעהר דיקער בוך וועגען „קאָממאָן לאָא״, און פּאַרסאָן׳ס דריי דיקע בענדער וועגען די געזעצען, וואָס זיינען שייך צו קאָנטראַקטען (דאָס הייסט, צו יעדען אָפּמאַך, צי אַ געשריבענער, צי ניט, און איבערהויפּט צו יעדער מאַטעריעלער שייכות צווישען איין מענשען און דעם צווייטען). דער אינהאַלט פון די ביכער איז געווען אַ שכל׳דיגער. ווי ווייט איך האָב געדענקט דאָס ביסעל גמרא, וואָס איך האָב געלערענט אַלס אינגעל, האָט דאָס מיך ערינערט אָן גמרא. הויפּטזעכליך האָט בלעקסטאָן׳ס ווערק געהאַט דיזען כאַראַקטער. פילע שטעלען אין איהם האָבען אַ פילאָזאָפישען זין.

סתם אלס א בוך צום לעזן וואלט „בלעקסטאָן׳ס" מיר געווען אינטערעסאנט. אלס א שטודיום אָבער איז דאָס מיר געווען פרעמד און לאנגווייליג. איך פלעג זיך באקלאָגען: וואָס דארף דאָס מיר ארען, אז מר. בראון און מר. סמיטה האָבען צווישען זיך א סכסוך איבער א חוב? וואָס געהט דאָס מיר אָן? און ווי אזוי קען דאָס מיך אינטערעסירען? די דריידלעך פון די פארשידענע קייסעס, וואָס זיינען געבראכט געוואָרען אלס ביי־שפילען צו ערקלערען דעם אָדער יענעם יוריסטישען פרינציפּ, האָבען מיך צייטענווייז יאָ פאראינטערעסירט; קיין אמת׳ע נייגונג צו אזא למוד האָב איך ניט געהאט. אָבער איך האָב געלערנט מיט א געצוואונגענעם חשק.

מיר האָבען דאן געוואוינט אויף׳ן יארד פון נומער 9 אט־טוירני סטריט, אויף׳ן ערשטען פלאָר פון אן אלטער פריוואט הויז, וואו מיר האָבען געהאט דריי קליינינקע צימערלעך. דאר־טען פלעג איך צופערטיגען די לעקטשור, און אויף מאָרגען אין דער פריה, פאָהרענדיג אויף דעם דריטע עוועניו עלעווייטעד, זי ווידער דורכבלעטערען (קאָלאָמביא קאלעדזש איז דאן געווען ארום 47טער סטריט און מעדיסאָן עוועניו).

אין קאלעדזש, ווען דער פּראָפעסאָר פלעגט מיך פרעגען, פלעג איך איהם ענטפערען — אימער ריכטיג. אויף דער מינוט פלעג איך פאראינטערעסירט ווערען און זאָגאר ענטפערען מיט ווארימקייט. אויך פלעג איך אנטייל נעהמען אין „מיוט קאָורטס" — אין כלומר׳שטע טרייעלס — אויך מיט אינטערעס. אָבער ביי זיך אין הארצען פלעג איך אימער פיהלען, אז איך טאנץ אויף א פרעמדער חתונה.

.5

אן אונאנגענעהמע ערפאהרונג. — עדוארד סירינג. — דזשאָדזש גאָלדפאָגעל. — א צווייטע אונאנגענעהמע ערפאהרונג. — איך ווער אוים לאָיער.

ווען מען שטודירט לאָא אין קאלעדזש, איז מען געוועהנליך צו דער זעלבער צייט פארבונדען מיט א לאָא־אָפיס, וואו מען

לערענט די פראפעסיע אויף א פראקטישען שטייגער. מיין ערשטע ערפאהרונג פון דיזען סארט איז געווען ניט קיין אנגענעהמע. איך בין ארייננעטראטען אין א גרויסען לאא־אפיס, אבער איך בין גלייך פון דארטען אנטלאפען.

צו דער דאזיגער לאא־פירמע, וועלכע איז באשטאנען פון אמעריקאנער קריסטען, האט מיך רעקאמענדירט מיינער א באקאנטער, אן איסט־סיידער ביזנעסמאן, א איד מיט'ן נאמער אראנסאן. די לאיערס האבען גראד געזוכט א יונגען מאן, וואס קען רוסיש. אזא סטודענט האבען זיי געדארפט האבען צו א געוויסער קייס. אראנסאן האט זיי דערצעהלט וועגען מיר, און זיי האבען איהם געבעטען מיך ברענגען. די פירמע איז געווען א וויכטיגע, און איך האב גערעכענט, אז פאר מיר איז דאס א גוטער טשאנס.

דער הויפט־לאיער פון דער פירמע האט מיך אויפגענומען פריינדליך און ער האט מיר ערקלעהרט דאס פאלגענדע:

אין א געוויסער קייס זיינער איז פאראן א פאק מיט רוסישע און דייטשע בריף און פארשידענע דאקומענטען; אלזא וויל ער איך זאל דאס אלץ דורכלעזען, געבען איהם א באריכט און נאכהער איבערזעצען די פאפירען, וועלכע ער וועט מיר אנווייזען. וואס דאס איז פאר א קייס האט ער מיר צוערשט ניט געזאגט.

מען האט מיר אפגעגעבען א גרויסען דעסק אין א פיינעם ליכטיגער צימער, און איך האב זיך גענומען צו דער ארבייט. איך האב געלעזען און געלעזען. אלץ וואס איך האב געקענט דערגעהן איז, אז דא האנדעלט זיך עפעס וועגען א באנקראט פון א רוסישען געשעפטס־מאן מיט א אידישען נאמען, וועלכער האט, זייענדיג אין רוסלאנד, געקויפט ווארע ביי א שווייצארישער זייגער־פירמע.

די פאפירען האבען ענטהאלטען פארשידענע איינצעלהייטען מיט פארשידענע ציפער. פון יעדען בריף האב איך פארצייכענט דעם עיקר.

איך האב אפגעארבייט א גאנצען טאג (דאנערשטאג), און עס איז נאך איבערגעבליבען אויף מארגען. פרייטאג, ווען איך האב געענדיגט מיין לעזען און נאטירען די בריף מיט די פאפירען און פאפירלעך און האב זיי אלע געבראכט אין א געוויסער

אָרדנונג, האָב איך אָפּגעגעבן מיין באַריכט. דערביי האָט דער הויפּט־לאַיער געמאַכט פאַרשידענע באַמערקונגען. ביי איין פונקט איז מיר די געשיכטע געוואָרען קשה. איך האָב איהם גע־שטעלט אַ פראַגע און אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט, אַז דער מאַן, געגען וועמען דער פּראָצעס געהט אָן, איז אַן אימי־גראַנט; אַז ער איז אַקאָרשט געקומען קיין אַמעריקא מיט אַ סך וואַרע; אַז ער, דער לאַיער, האָט ערהאַלטען אַ דעפּעשע וועגען איהם פון דער שווייץ, און אַלס רעזולטאַט, האָט ער געלאָזען מאַכען אַן אָביסק אין זיין וואוינונג און צוגענומען ביי איהם די גאַנצע וואַרע, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט. די באַשול־דיגונג איז געווען, אַז ער איז מיט דער סחורה אַנטלאָפען קיין אַמעריקא, מיט'ן צוועק ניט צו באַצאָהלען פאַר איהר.

ווען איך האָב פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז, בין איך אויפ־געשפּרונגען.

— הייסט דאָס, אַז איהר ווילט איך זאָל שפּילען די ראָלע פון אַ שפּיאָן פאַר אייך! — האָב איך אויסגערופען — אָט אויף דעם דאַרפט איהר מיך?

דער לאַיער איז נשתומם געוואָרען.

— מען האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איהר ווילט שטודירען לאָא, — האָט ער געענטפערט.

— יאָ, אָבער ניט צו זיין אַ דעטעקטיוו.

— דער מאַן איז אָבער אַ רויבער!

— איך בין אָבער ניט קיין דעטעקטיוו.

ער האָט מיך אַבסאָלוט ניט געקענט פאַרשטעהן. מען דאַרף באַמערקען, אַז דער וואָרט „שפּיאָן“ האָט אין רוסלאַנד געהאַט אַ פיל ערגערע באַדייטונג ווי אין אַמעריקא. צו זיין אַ שפּיאָן אָדער סיסטשיק (דעטעקטיוו) איז אין רוסלאַנד געווען די שענד־ליכסטע זאַך, וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען. אין אַמעריקא אָבער איז צו זיין אַ דעטעקטיוו אַ ביזנעס ווי אַלע ביזנעס. אין וואָוסטער, מאַססאַטשוסעטס, האָט די וויכטיגסטע צייטונג גע־הייסען „דהי וואָוסטער ספּאַי“ (דער וואָוסטערער שפּיאָן). אַז אַ לאַיער זאָל זיך שעמען צו לאָזען אַרעסטירען אַ מענשען, וועלכער

איז באַשולדיגט אין פאַרנעמען פרעמדע ווארע — דאָס איז יענעם לאָיער פאַרגעקומען אונבאַגרייפליך.

קורץ, איך בין אוועק מיט כעס, און מיין פריינד, מיסטער אראַנסאָן, האָט מיר דערנאָך איבערגעגעבען, אז יענער לאָיער האָט זיך געוואונדערט וואָס פאר א „קרענק" איך בין.

מיין ערשטער געדאַנק איז געווען אוועקצואוואַרפען די גאַנצע לאָאַ־ביזנעס, אָבער דערנאָך האָב איך מיין באַשלוס געענדערט. איך האָב זיך געטראַכט: מען דאַרף נאָר געפינען א לאָיער, וואָס זאָל זיין א פּרינציפּיעלער מענש, און דאַן וועט ניט זיין קיין אורזאַך, פאַרוואָס איך זאָל אויפהערען צו שטודירען לאָאָ. איך האָב אזא לאָיער באַלד געפונען. דאָס איז געווען אן אַמעריקאַנער סאָציאַליסט מיט'ן נאָמען עדוואַרד סירינג, וועלכער פלעגט קומען אויף אונזערע מיטינגען אין דער סאָציאַליסטישער ביבליאָטעק. זיין לאָאָ־אָפיס איז געווען אין 25 טשיימבער סטריט.

דאָ האָב איך ווידער געמאַכט א מיסטייק, אָבער פון א גאַנץ אַנדער סאָרט. פּרינציפּען האָט ער טאַקע געהאַט, אָבער קיין לאָאָ־ביזנעס ניט.

סירינג איז געווען א מאַן פון א יאָהר עטליכע־און־דרייסיג. זיינע עלטערען זיינען געווען רייכע און זיי האָבען איהם געגעבען א גוטע ערציהונג. ער האָט געענדיגט קאָלעדזש און איז געווען גוט באַלעזען. ער האָט ליב געהאַט פּאָעזיע און פון שעקספּיר'ס ווערק האָט ער געקענט פאַרלעזען אויסווייניג צעהנדלינגע פּיי־דזשעס. ער איז אָבער ניט געווען קיין פּראַקטישער מענש און קיין וואַזשנער לאָיער אויך ניט.

אָפט פלעגט ער זיך צולאַכען מיט א קינדערישען געלעכטער, און אז ער פלעגט פאַרלעזען אן ערנסטע זאַך, פלעגט זיין געזיכט זיין שוין צו־ערנסט. אַמאָל, ווען ער פלעגט באַגייסטערט ווערען, פלעגט זיך ביי איהם פאַרטשעפּען דער צונג.

פון זיינע עלטערען האָט ער גע'ירש'ענט א היבש ביסעל ריעל־עסטייט, אָבער א גרויסע טייל פון דעם האָט ער שוין געהאַט פאַרקויפט אָדער פאַרמאָרטגיידזשט. דאָס איז געווען זיין איינ־ציגער קוואַל פון חיונה. ווען איך בין געווען פאַרבונדען מיט זיין

אַפּיס, האָט ער נאָך געהאַט עטליכע „לאָטס“ דאָרטען, וואו איצט איז דער קאָכעדיגער אידישער געגענד פון הארלעם. די „לאָטס“ זיינען געווען גרויסע פעלזען־שטיינער. היינט וואָלטען זיי ווערט געווען אַן אייגענס. דאַן אָבער איז דער גאַנצער געגענד געווען פּוסט, און מען האָט פאַר זיי פאַרגעשלאָגען גאַנץ קליינע סומען. שפּעטער, ווען ער האָט זיי פאַרקויפט, האָט מען זיי מיט דינאַ־מיט אויפגעריסען, און אויף זייער פּלאַץ שטעהען שוין לאַנג גרויסע טענעמענט־הייזער.

ער האָט זיין אָפּיס געהאַט צוזאַמען מיט זיינעם אַ פריינד, אַ הויכען, בילד־שעהנעם אַמעריקאַנער פון אַ יאָהר זעכציג, מיט׳ן נאָמען וואהייט. מיסטער וואהייט האָט יאָ געהאַט אַביסעל פּראַק־טיקע — מייסטענס צווישען קאַפּיטאַנען און באַלעבאַטים פון קליינע שיפלעך.

אהין האָב איך געבראַכט אַ סעקאַנד־העַנדיגען דעסק. און דאָרטען איז געוואָרען מיין אָפּיס. אויף דיזען דעסק פלעג איך שרייבען מיינע לאַאָ־פּאַפּירען און מיינע אַרטיקלען, און לעזען מיינע לאַאָ־ביכער און סאָציאַליסטישע בראָשורען.

עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז סירינג האָט אַבסאָלוט ניט קיין איינציגען קליענט, און דער גאַנצער אָפּיס איז געווען אַזאַ צרה׳דיגער, אַז עס איז אפילו ניט געווען קיין אָפּיס־באָי. וועגען אַ טייפּרייטער מיט אַ טייפּרייטערקע איז שוין גאָרניט געווען וואָס צו ריידען.

צו מיר אָבער האָט מען גלייך אָנגעהויבען צו קומען — אידען, נאַטירליך. מען פלעגט קומען צו מיר — אהיים אָדער אין מיין אָפּיס — מאַכען אַן אַגרימענט אָדער עפּעס אַן אַנדער דאָקומענט; און ביסלעכווייז האָט מען אויך גענומען קומען צו מיר מיט קייסעס. די קייסעס האָט פאַר מיר געפיהרט סירינג און מיר זיינען געווען פּאַרטנערס.

כמעט גלייך ווי איך האָב אָנגעהויבען צו געהן אין לאַאָ־סקול, האָב איך אָנגעהויבען צו פאַרדינען געלט פון לאַאָ, און מיין איינקונפט איז שנעל געוואַקסען. איך האָב זיך שנעל איבער־צייגט, אַז סירינג קען לאַאָ נאָר טעאָרעטיש, און אַז קיין פּראַק־טישען שכל האָט ער איבערהויפּט ניט; קורץ — אַז ער איז פאַר

מיר קיין פּאַרטנער ניט. איך בין אָבער געקומען צום שלום, אַז ביז איך וועל ענדיגען שטודירען און האָבען אַליין דאָס רעכט צו פּראַקטיצירען, וועט זיין בעסער צו פאַרבלייבען מיט דיזען עהר־ליכען, אידעאַליסטישען מענשען, איידער זיך צו פאַרבינדען מיט אַ געשייִטען ערפאָלגרייכען לאָיער, וועלכער האָט ניט קיין אַנדער גאָט ווי דעם דאָלאַר. וואָס אַנבאַטרעפט די לאָא־ביזנעס, וואָס איך קריג אַריין, האָב איך, ערשטענס, געהאָפּט, אַז סירינג׳ס שכן וועט אונז אַרויסהעלפען; און צווייטענס, האָב איך זיך פאַרלאָזען אויף זיך אַליין. איך וועל יעדע קייס אויסשטודירען, נאָכפרעגען, אַרבייטען אונערמידליך און זעהן, אַז סירינג זאָל איהר פיהרען אין קאָורט ווי געהעריג איז.

זעהר אָפט פלעגען מיר פאַרברענגען גאַנצע שטונדען, רייד־דענדיג וועגען סאָציאַליזם אָדער וועגען ליטעראַטור. איך האָב נעקענט באַמערקען, אַז אונזער שכן, דער אַלטער אַמעריקאַנער, האַלט ניט קיין סך, ניט פון סירינג׳ען און ניט פון מיר. אויף זיין אַלטען אַמעריקאַנער פּנים איז געווען אויסגעגאָסען אַן אויס־דרוק, וועלכער האָט געזאָגט: מיט אַזעלכע טרוימערייען וועט איהר ווייט אין די לאָא־ביזנעס ניט אַוועקגעהן.

אַזוי איז אַוועק דער ווינטער. עס איז שוין געווען 1889. מיינע מאַטעריעלע אומשטענדען האָבען זיך אַזוי ווייט פאַרבע־סערט, אַז מיר האָבען שוין געקענט אַפּאָרדען אַ בעסערע קוואַר־טיר. מיין פרוי האָט געפונען פיינע רומס אין אַ שפּאָגעל־נייער הויז אויף הענרי סטריט — און אַהין האָבען מיר אַריינגעמופט.

אָבער מר. ווהייט׳ס נבואה, אַז איך וועל אין די לאָא־ביזנעס ווייט ניט געהן, איז באַשערט געווען מקוים צו ווערען.

דזשאָרזש גאָלדפאָגעל, וועלכער איז אין שפּעטערע יאָהרען באַקאַנט געוואָרען צווישען די אידישע מאַסען, הויפּטזעכליך אַלס טאַמאַני־האָלל׳ס קאַנדידאַט געגען סאָציאַליסטישען קאָנגרעסמען מאיר לאָנדאָן, איז געווען די דירעקטע אורזאַכע פאַרוואָס איך האָב פּלוצלונג אויפגעגעבען די פּראָפעסיע. עס איז געווען אַזאַ געשיכטע:

דער באַלעבאָס פון אַן איסט־סיידער דזשועלרי־סטאָר האָט

געהאט א קאָנטראקט מיט א וואטש־מייקער, וואָס האָט געארבייט אין זיין סטאָר און ער האָט דעם קאָנטראקט געבראכען. די קיים איז געווען א גאנץ איינפאכע און א גאנץ קלאָרע. עס האָט ניט געקענט זיין קיין צווייפעל, אז דער ארבייטער וועט געווינען. ער איז מיט זיין קלאגע געקומען צו מיר, און סירינג איז אָפיציעל געוואָרען זיין לאָיער.

דער טרייעל איז פאָרגעקומען אין א קאורט אויף קלינטאָן סטריט, וואו גאָלדפאָגעל איז דאן געווען דער דזשאָדזש. מען האָט אויסגעהערט די עדות; און ביי די אנדערע לאָיערס, וואָס האָבען זיך דאן געפונען דערביי, איז קיין פראגע ניט געווען, אז מיר האָבען געוואונען. דאָס איז געווען אין א פּריינואָג. אין א וואָך ארום, דעם נעקסטען פּריימאָג ביימאָג, ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט אין אָפיס פון סטריט, זאָגט צו מיר סירינג מיט איינעם פון זיינע קינדערשע געלעכטערם:

— דאָ איז געווען א באָי פון דעם אנדערען צד. ער האָט גע־בעטען אז מיר זאָלען צושטימען צו א ביטע אָפצולייגען דעם דזשאָדזש'ס באשלוס. ער האָט אָבער ניט געטראָפען דעם אָרט! ער האָט געמיינט ער וועט מיך ארייננארען אין זאק אריין. איך האָב זיך אָבער ענטזאָגט צוצושטימען.

— א באָי פון דעם אנדערען צד איז געקומען בעטען אָפּ־לייגען דעם באשלוס? — האָב איך איבערגעפערעגט מיט פאר־וואונדערונג, — ווי קען דאָס זיין? די קיים האָט מען דאָך שוין מסתמא גע'פסקנ'ט. דאָ מוז זיין עפּעס אן אנדער זאך.

סירינג'ס זיגרייכע מינע איז פארשוואונדען. ער האָט גע־וואָלט זיך בעראטען מיט זיין שכן, אָבער יענער איז דאן ניט געווען אין אָפיס.

— יאָ, עס קען זיין אז איך האָב דאָ געמאכט א מיסטייק, — האָט סירינג געזאָגט ווי אן עהרליכער באָיטשיק.

איך בין גלייך אוועקגעגאנגען צום לאָיער פון דעם אנ־דערען צד און ער האָט מיר ערקלעהרט סירינג'ס טעות. ניט ער, דער לאָיער, האָט געשיקט בעטען מען זאָל אָפּלייגען די קיים, נאָר גאָלדפאָגעל, דער דזשאָדזש.

לויט דעם געזעץ האָט א דזשאַדזש פון א דיסטריקט קאורט געהאט א רעכט אָפּצולייגען זיין ענטשײדונג װעגען א קײס ניט מעהר ווי איין וואָך. ווען עס געהט אריבער א וואָך, פארלירט ער שוין זיין ראָלע אלס ריכטער אין דער קייס. ווען אָבער ביידע צדדים זיינען צופרידען אז ער זאָל אָפּלייגען אויף נאָך א וואך, מעג ער דאָס טאָן. אזוי פלעגט פאָרקומען גאנץ אָפט. גאָלדפאָגעל, אלזאָ, האָט געשיקט זיין באָי צו ביידע לאָ־יערס בעטען אן ערלויבניש אָפּצולייגען די קייס אויף א וואך, ווייל ער האָט קיין צייט ניט געהאט איבערצוקוקען די פּאַפּירען. עס פארשטעהט זיך, אז אין אזא פאל וואָלט א לאָיער מיט פאר־גענִיגען ערפילט דעם דזשאַדזש'ס ביטע. איינרייסען מיט איהם לוינט זיך איהם, נאטירליך, ניט. אפילו א צווייטען לאָיער טוט מען געוועהנליך אויך אזא טובה. סירינג אָבער האָט פון שעקס־פּיער'ן געוואוסט א סך מעהר ווי פון לאָא, און וועגען דער פּראַק־טיק פון א דיסטריקט קאָורט האָט ער אבסאָלוט קיין באגריף ניט געהאט. אלזא, איז ביי איהם אויסגעקומען, אז דער באָי איז געקומען פון דעם געגענזייטיגען לאָיער איהם אָפּטאָן עפּעס א שפּיצעל.

גאָלדפאָגעל'ס אָפיס איז געווען אויף בראָדוויי, א פּאָר בלאָק פון אונזער אָפיס. בין איך ארויפגעגאנגען צו איהם, ער־קלעהרען דעם מיסטייק. גאָלדפאָגעל איז דאן געווען צימליך יונג און שלאַנק, מיט שווארצע האָר, מיט א ווייסען, לענגליכען פּנים. ער האָט מיר אויפגענומען שטאָלץ און קאַלט, און ווען איך האָב אָנגעהויבען ערקלערען דעם מיסטייק, האָט ער מיר איבערגעשלאָגען די רייד.

— די ענטשיידונג איז שוין אוועקגעשיקט אין קאורט, — האָט ער געזאָגט מאַיעסטעטיש.

פון זיין טאָן האָב איך פארשטאַנען אז ער האָט גע'פּסקנ'ט די קייס געגען אונזער קליענט.

אויב ער האָט דאָס געטאָן, האָב איך זיך נעקלערט, הייסט דאָס איינפאך אז ער האָט גענומען נקמה פון אונז. ער האָט דאָך די פּאַפּירען נאָך ניט איבערגעקוקט.

מיין נבואה איז מקוים געוואָרען. מאָנטאָג אין דער פריה

האָט זיך ארויסגעציינט, אז ער האָט ווירקליך גע׳פּסקנ׳ט די קיים געגען אונז — נאָר דערפאר ווייל מען האָט ניט באוויליגט זיין ביטע.

די געשיכטע האָט אויף מיר געמאכט א שמערצליכען איינ־דרוק. אָט דאָס הייסט גערעכטיגקייט? — האָב איך געשריען — אָט פון אזעלכע ריכטער וועל איך דארפען זיין אָפּהענגיג?

איך האָב זיך ניט געקענט בארוהיגען. אויב איך האָב פריהער אין דער לאָאָ פּראָפעסיע געהאַט ווענינ אינטערעס, איז זי איצט מיר געווארען אבסאָלוט אונערטרעגליך. איך האָב גע־פיהלט, אז איך קען קיין לאָיער ניט זיין. דער סימפּאטישער אַלטער מיסטער ווהייט האָט מיר געראטען צוליב גאָלדפאָגעל׳ס האנדלונג די באשעפטיגונג ניט אויפצוגעבען.

„דאָס לעבען ענטהאלט גרעסערע אונגערעכטיגקייטען ווי דאָס, — האָט ער מיט מיר גע׳טענה׳ט, — מען מוז אויף אזעלכע זאכען קוקען פילאָזאָפיש. איהר האָט א גוטע צוקונפט פאר זיך. ווארפט איהר ניט אוועק צוליב אזא קליינינקייט. איהר וועט חרטה האָבען".

אָבער איך האָב זיך באשלאָסען צו פארלאָזען די לאָאָ ביזנעס, און מיין פרוי, וועלכע איז פון דער גאָלדפאָגעל געשיכטע געווען אזוי אויפגעבראכט ווי איך, האָט מיר צוגעגעבען מוטה.

די זעלבע וואָך האָב איך געמופט מיין סעקאָנד־הענדיגען דעסק פון סירינג׳ס אָפיס צו מיר אהיים און — אויס לאָיער!

ווען סירינג וואָלט געווען אַן אנדער טיפּ, מיט מעהר פּראק־טישען פארשטאנד און מיט מעהר פּראקטיק און געניטקייט אין דער לאָאָ ביזנעס, וואָלט צו דיזער ערפאהרונג מיינער מיט גאָלדפאָגעל׳ן ניט געקומען. ער וואָלט פארשטאַנען נאָך וואָס מען האָט געשיקט צו איהם דעם באָי, און אַלץ וואָלט זיך געהאַט גע־ענדיגט אנדערש. איך גלויב אָבער אז אפילו דאַן וואָלט איך אויך קיין לאָיער ניט געבליבען. לאָאָ אַלס א שטודיום האָט מיר ניט געצויגען צו זיך, און די ביזנעס־דריידלאך און „פּאָלי־טיקס", מיט וועלכע די פּראָפעסיע איז פארבונדען, זיינען מיר ניט געווען צום הארצען.

איינינע פון די בעסטע מענשען פון אמעריקא זיינען לאַ־יערס; איך מיין ניט דוקא די לאַיערס וועלכע נעמען אנטייל אין אונזער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. עס זיינען פאַראַן אַנ־דערע פיינע לאַיערס אויך. און אינטריגעס מיט „פּאַליטיקס" איז הייגט פאַראַן אין יעדער באַשעפטיגונג. דאָ איז הויפּטזעכ־ליך געווען א פראַגע פון טעמפּעראַמענט. מיין טעמפּעראַמענט איז אבסאָלוט ניט צוגעפּאַסט צו דיזער פראָפעסיע. דער בעס־טער באַווייז אויף דעם איז דער פאַקט אַז עטליכע יאָהר שפּע־טער האָב איך ווידער פּרובירט שטודירען לאָאָ און דאָס ווידער אוועקגעוואָרפען אין מיטען.

ווען איך וואָלט געהאַט חשק צו דער פּראָפעסיע, וואָלט די גאָלדפאָגעל געשיכטע אויף מיין לַאָיער־קַאריערע אַזא וויר־קונג ניט געקענט האָבען.

6.

זאָרגלאָזע פויגעל. — ספּענסער׳ס ווערק.

אונזער ענגע מאַטעריעלע לאַגע האָט אונז געקימערט נאָר דאַן, ווען עס איז ניט געווען אויף רענט אָדער פּשוט אויף שפּייז. ווען די שאַרפערע פאָרמע פון נויט פלעגט איבערגעהן, פלעגען מיר אַן איהר פאַרגעסען. עס זיינען געווען קוואַלען פון גייסטיגען אינטערעס, וועלכע האָבען אין דעם עקאָנאָמישען אָרי־מען לעבען אריינגעבראַכט רייכע זונען־שטראַהלען. א נייער בוך, א מיטינג, א באַגעגניש, איז געווען וויכטיגער, א סך וויכ־טיגער, ווי די פּאַרדינסטען. ווען דעם נעקסטען זונטאָג אווענד האָט מען ערוואַרט א אינטערעסאַנטע פאַרזאַמלונג אין דער סאָ־ציאַליסטישער ביבליאָטעק אָדער אין דעם ליטעראַרישען קלוב, אָדער א נייעם סאָרט מאַסען־פאַרזאַמלונג אויף דער איסט־סייד; ווען עס איז אָנגעקומען א נייער ביכעל פון דער אונטער־ערדישער רוסלאַנד, אָדער איך האָב געהאַט אַן אנגענעהמע ערפאַהרונג אין דער רעדאַקציע פון דער „סאָן" אָדער די „סטאַר", אָדער ווען די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי האָט אָפּגעקויפט אַן ענגלישע וואָכען־בלאַט און איהר נעמאַכט פאַר איהר פּאַרטיי־

ארגאן, — דאן איז די אויפמערקזאמקייט געווען פארנומען. די יונגע בלוט האט געשטראמט, דער מוח האט געארבייט, און אויפ'ן הארצען איז געווען לעבעדיג. וועמען איז דאס געלעגען אין זינען צו נעקסטע וואך וועט זיין וואס צו עסען צי ניט?

אין דער צייט ווען איך האב פארלאזען די לאא־סקול און סירינג'ס לאא אפיס, האב איך געפונען א ספעציעלען אינטע־רעס אין ספענסער'ס ווערק. פריהער האב איך נאר איבער־געלעזען זיין „סאשעל סטאטיקס", וועלכע איז וויכטיג געווען צו מיינע דעבאטען מיט זיך אליין אדער מיט אנדערע וועגען דעם אנארכיזם. איצט האב איך זיך פארטיפט אין אנדערע ווערק ספענסער'ס. איך האב איהם גענומען לעזען, ריכטיגער געזאגט, לערנען, אזוי ווי איך וואלט דארפען אפהאלטען עק־זאמען אויף דעם.

דאס איז אייגענטליך אויך געווען א רעזולטאט פון מיינע דעבאטען וועגען דעם אנארכיזם.

אין באסטאן איז דאן צוויי מאל א מאנאט ארויסגעגאנגען א קליינע בלעטעל מיט'ן נאמען „ליבערטי", וועלכע האט גע־פרעדיגט א „פילאזאפישען אנארכיזם" מיט א בייסענדער קרי־טיק אי אויף אונזער סאציאליזם, אי אויף דעם אנארכיזם פון יאהאן מאסט. איהר רעדאקטאר איז געווען אן אינטערעסאנ־טער אמעריקאנער מיט'ן נאמען בענדזשאמין פ. טאקער. אביסעל מעהר וועלען מיר וועגען דיזער צייטשריפט ריידען ווען מיר ווע־לען האלטען ביי מיין ערשטען וויזיט אין באסטאן. דא דערמאן איך „ליבערטי" נאר ווייל זי איז געווען די הויפט אורזאך פון מיין אינטערעס אין די ווערק פון הערבערט ספענסער. אנהענגער פון „ליבערטי" האבען זיך געהאלטען פאר ספענסעריאנער. איי־גענטליך איז זייער „ביבעל" געווען ספענסער'ס „סאשעל סטאַ־טיקס"; זיי זיינען אבער באגייסטערט געווען פאר זיין גאנצער פילאזאפישער סיסטעם — פאר אלץ וואס ער האט געשריבען. און געשריבען האט ער א גרויסע צאהל גרויסע ווערק און א סך קלענערע.

איך בין געווען פעסט איבערצייגט, אז וואס אנבאטרעפט זיין קריטיק אויף דעם סאציאליזם, האבען זיינע ארגומענטען

קיין ממשות נים. אָבער אלס פילאָזאָפישער דענקער און ווי־סענשאַפטסמאַן איז ער נאַטירליך איינער פון די וויכטיגע מע־נער פון אונזער צייט. איך האָב זיך גענומען שטודירען זיינע ווערק, הויפּטזעכליך אום צו קענען בעסער ענטפערען אויף די ארגומענטען פון א ספּענסעריאַנער, וועלכער פלעגט נעמען דאָס וואָרט אין דער סאָציאַליסטישער ביבליאָטעק. אָבער אז כ'האָב שוין אָנגעהויבען, האָב איך זיי שוין געלייענט מיט אַן ערנסטער התמדה.

איך האָב אָנגעפאַנגען פון ספּענסער'ס גרונד־ווערק — „דהי פוירסט פּרינסיפּלס" (ערשטע פּרינציפּען) — א דיקער, טיפזיניגער בוך. פאַר מיינע לעצטע פּאָר גראָשען האָב איך געקויפט א נייעם באַנד, געבונדען אין דונקעל פּיאָלעטענע לייווענט, און האָב זיך פאַרטיפט אין איהם. די ערשטע אָפּטיילונג איז אַן ער־קלערונג וועגען דעם גרענעץ פון אונזער וויסען. דער דענקער באַווייזט וואָרום עס מוז אימער איבערבלייבען עפּעס אַזוינס וואָס מען וועט קיינמאָל ניט קענען דערגעהן. דאָס איז א טיפע שטיקעל „גמרא", און איך האָב זיך אין איהר פאַרטיפט טאַקע ווי אין גמרא. עס איז געווען כמעט אַזוי שווער, ווי די ערשטע עטליכע צעהנדליג בלעטער אין קאַרל מאַרקס'עס „קאַפּיטאַל".

די ווייטערדיגע קאַפּיטלען זיינען לייכטער. איך האָב דעם גרויסען, דיקען בוך דורכגעהאַט אין אַ גאַנץ קורצער צייט.

דערנאָך, אַזוי שנעל ווי איך האָב ווידער געקענט אָפּ־שפּאָרען א פּאָר דאָלאַר, בין איך אריבערגעגאַנגען קויפען א צוויי־טען באַנד פון ספּענסער'ס ווערק. די פּאַבלישערס זיינען געווען אַפּעלטאָן ענד קאָמפּאַני, און זייער געשעפט איז דאַן געווען אויף באָנד סטריט, די קליינע קורצע געסעל וועלכע געהט פון דער באָוערי ביז בראָדוויי און וועלכע איז דאַן געווען טיילווייז פאַרנומען פון אַמעריקאַנער בוך־געשעפטען (אויף דער זעלבער סטריט פלעג איך קויפען סקול־רידערס פאַר מיינע שילער).

איך פלעג ספּענדען אויף ביכער מעהר ווי איך האָב גע־קענט אַפּאָרדען.

אום צו קריגען די ביכער ביליגער, האָב איך ביי מיי־נעם א פריינד, א ניוס־דילער, וועלכער האָט געהאַט א צייטונג־

סטענד אויף קאנעל סטריט, לעבען עלען, גענומען זיין ביזנעס־קארד. אויף דיזער קארד האָב איך באקומען ביכער אויפ'ן האָל־סייל פרייז. מיין פריינד'ס פאמיליען־נאָמען איז געווען פריד־מאַן, און אין דער דערמאָנטער בוך־פירמע פלעג איך קומען אזוי־אָפט, אז איך בין דאָרטען באקאנט געווארען. „העללאָו, מיס־טער פרידמאן!" — פלעגען די קלוירקס מיך באגריסען.

איינמאָל, ווען איך בין געזעסען אין א קאר מיט מיינעם א באקאנטען, איז גראָד ארייגעקומען איינער פון דיזע קלוירקס.

„העללאו, מיסטער פרידמאן!" — זאָגט ער צו מיר.

מיין באגלייטער איז איבערראשט געווארען. צי ער האָט מיר חושד געווען, אז איך פיהר א דאָפּעלטען לעבען, ווייס איך נים. יעדענפאלס האָב איך איהם גלייך ערקלעהרט וואָס דאָ איז.

צוועלפטער קאַפּיטעל.

אינ'ם אידישען קוואַרטאַל.

א.

ענגלישע קלאַסען אין „ישיבת עץ חיים". — די גבאים, די מלמדים, די קינדער. — פאַר וואָס איך האָב פאַרלאָרען דעם דזשאָב.

אין די יאָהרען 1887־1888 בין איך יעדען טאָג געווען באַשעפטיגט צוויי שטונדען אין אַ זאָנדערבאַרער סאָרט סקול. די סקול איז געווען פאַרבונדען מיט דער ישיבה „עץ חיים", וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אויף איסט בראָדוויי, צווישען מארקעט סטריט און פּאַיק.

אָרטאָדאָקסישע אידען פון דעם אַלטמאָדישען היימישען טיפּ האָבען געוואָלט אַז זייערע קינדער זאָלען אין אמעריקא ערצויגען ווערען אַזוי ווי זיי און זייערע פאָטערס זיינען ערצויגען געוואָרען אין דער היים. אנשטאָט צו געהן אין פּאָבליק סקול, וואו מען זיצט אָהן היטלען, מען לערענט נים־אידישע למודים און מען רעדט ניט אויף אידיש, זאָלען זייערע באָיס פאַרברענגען די טעג ביי דער גמרא, ווי היימישע ישיבה בחורים. צו דיזען צוועק איז געגרינדעט געוואָרען די ישיבה „עץ חיים". מען מוז דאָך אָבער קענען אביסעל פון די וועלטליכע למודים אויך, צי דער פרומער טאַטע וויל צי ניט; אמעריקא איז פאָרט ניט פּוילען אָדער ליטא פון פאַר זיבעציג יאָהרען. האָבען די גבאים פון דער ישיבה, ניט־ווילענדיג, געדונגען אַ פּאָר טיטשערס די באָיס צו לערנען אביסעל פון די „גויאישע" למודים.

אויף צוויי שטונדען יעדען טאָג — אויסער שבת — פון צוויי ביז פיר, פלעגען די צוויי ישיבה־צימערען פאַרוואַנדעלט ווערען אין קלאַס־רומס. פאַר דעם נידעריגערען קלאַס האָבען זיי דאַן געהאַט אַ באָכער פון אַ יאָהר פערצעהן, וועלכער האָט אָקאָרשט געענדיגט פּאָבליק סקול, און איך האָב באַקומען דעם דזשאָב אַלַס לעהרער פון דעם העכערען קלאַס. איך האָב באַ־דאַרפט לערנען מיט די באָים גראַמער, די צווייטע טייל פון אריפמעטיק, לעזען און ספּעלען. קיין קלאָהרען באַגריף וואָס מען דאַרף מיט די קינדער לערנען האָבען די גבאים ניט געהאַט, וואָרים זיי אַליין האָבען אַזעלכע גייסטיגע מאכלים קיין מאָל ניט פאַרזוכט.

די גאַנצע „סקול״ איז געווען מעהר פון יוצא ווענגען ווי מיט אַן אמת׳ן צוועק די קינדער צו געבען היינטיגע בילדונג.

די מיטגלידער פון דער סאָסייעטי וואָס האָט אויפגעהאַלטען די ישיבה, זיינען מייסטענס געווען קאָסטאָמער־פּעדלער, אָדער געוועהנליכע פּעדלער, און דאָס רוב פון זיי זיינען געווען אָרימע לייט. די ראש־ישיבה׳ס אָדער מלמדים זיינען געווען אָפּהענגיג פון גבאים, וועלכע האָבען אַליין פאַרדינט זעהר ווייניג. די ווידזשעס פון אַ ראש־ישיבה זיינען געווען פון אַכט ביז צוועלף דאָלאַר אַ וואָך; און אַ פּאָר פון די, וואָס האָבען זיי די געלד געצאָהלט, האָבען אַליין פאַרדינט ווייניגער. פלעגען די מלמדים זיך פאַר מיר באַקלאָגען אַז די גבאים פאַרגינען זיי ניט די עטלי־כע דאָלאַר און אָפּט פאַרציהען זיי דעם געהאַלט אויף עטליכע טעג; אָדער זיי גיבען זיי די סומע ביסלעכווייז. מיט מיר פלעגען זיי אַזעלכע זאַכען זיך ניט ערלויבען צו טאָן.

עס איז אָבער מעגליך, אַז זיי וואָלטען די מלמדים אויך גע־צאָהלט פּינקטליכער, ווען עס וואָלט געווען. די אינסטיטושאָן איז געווען אין אַ זעהר אָרימען צושטאַנד. שפּעטער איז זי גע־וואָרען גרעסער און רייכער און דאַן איז אַלץ געגאַנגען אויף אַ פעסטערען און ברייטערען שטייגער. אין מיין צייט אָבער האָט די ישיבה זיך קוים געהאַלטען.

אַ פּאָר פון די גבאים זיינען געווען פאַרמעגליכע; זיינען זיי אָבער געווען פאַרנומען מיט זייערע אייגענע ביזנעס און די

הויפּט דעה האָבען זיי איבערגעלאָזען א פּאָר אָרימע לייט, וועל־כע האָבען ניט געהאַט ניט די קרעפטען, ניט דעם פאַרשטאַנד ווי אזוי אַלץ צו אָרגאַניזירען.

איך האָב געפונען א שטוינענדע לאַגע. עס האָט זיך פּראַקטיש ניט געגלויבט. קינדער פון צוועלף אָדער זאַנאַר פערצעהן יאָהר האָבען ניט געקענט לעזען ענגליש ווי עס באַדאַרף צו זיין; אין אריפמעטיק זיינען זיי געווען זעהר שוואַך און אין גרעמער נאָך שוואכער. איך האָב אויף זיי רחמנות געהאַט און פלעג מיט זיי פארברענגען מעהר צייט ווי עס האָט זיי געקומט לויט דעם אָפּמאַך. די קינדער האָבען דאָס אָפּגעשאַצט. זיי האָבען זיך פארהאַלטען צו מיר מיט א ווארימע ליבע, וועלכע האָט נאָך מעהר פארגרעסערט מיין איבערגעבענהייט צו זיי. די מאַיאָ־ריטעט פון זיי איז באַשטאַנען פון פּעהיגע באָיס און זיי האָ־בען זיך צוגעכאַפּט צו מיינע לעסאָנס ווי א דורשטיגער צו א קוואַל פרישע וואַסער.

די אָרטאָדאָקסישע גבאים פלעגען מיט מיר טענה׳ן, פאַר וואָס איך „לייג אוועק די כחות״ אויף די לעסאָנס.

„זיי קענען שוין אזוי אויך געננג ענגליש״, — פלעגט איינער צו מיר זאָגען.

ער איז אָבער געווען אזא נאַאיוער און עהרליכער מענש, אז בייז זיין אויף איהם האָט מען ניט געקענט.

שוהל־ביכער איז געווען זעהר ווייניג: צוויי אָדער זאַנאַר דריי באָיס פלעגען מוזען לעזען פון איין „רידער״. און אנדערע ביכער האָבען אין גאַנצען געפעהלט. איך האָב געפאָדערט פון די גבאים אז זיי זאָלען ספּענדען ביי פופציג דאָלאַר אויף סקול ביכער. פלעגען זיי מיר אָפּענטפערען מיט א שמייכעל, און ביי דעם פלעגט דאָס בלייבען.

„וואָס ברענט עס אזוי?״ — פלעג איך אמאָל הערען פון איינעם פון זיי.

און איינער פון די מלמדים פלעגט איהם צוהעלפען — פּשוט ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער ניט מען זיינע ווייי־דושעס אוועק אויף ביכלעך.

מייסטע פון די באָיס זיינען געווען קינדער פון אָרימע על־

טערען. עס זיינען אָבער געווען אַ פּאָר אויסנאַהמען. דער רייכסטער שילער איז געווען אַ שעהנער באָיטשיק מיט רויטליכע האָר, דער זוהן פון אַ ברוקלינער פּאָן־שאָפּ קיפּער — אַ פּוילישער איד, זעהר אַ פרומער און אַ שטילער. דיזער באָי איז געבאָרען געוואָרען אין אמעריקא און האָט גערעדט ענגליש גאַנץ גוט. אָבער אין פּאַבליק סקול איז ער ניט געגאַנגען. ווען איך בין אָנגעקומען אהין, איז ער שוין געווען בר־מצוה. דאָך איז אַ פאַקט, אַז די ערשטע אמת'ע סקול־לעסאָנס, וואָס ער האָט ווען עס איז באַקומען, האָט ער באַקומען פון מיר.

איינער פון די רייכערע גבאים, אַ איד מיט זעהר שווארצע האָר און זעהר שווארצע אויגען, האָט זיך פאַראינטערעסירט אין מיין ארבייט. מיר זיינען אזוי ווייט באַפריינדעט געוואָרען, אַז איך פלעג מיט איהם ריידען וועגען סאָציאַליזם און ער האָט מיר נעגעבען אַ תקיעת כף, אַז ער וועט שטימען פאַר אונזערע קאַנדידאַטען. דער סאָציאַליזם איז איהם ניט געלעגען אין זיין לינקער פּאה. ער האָט מיר דעם צוזאָג געגעבען פּשוט אויס פריינדשאַפט צו מיר.

איינער פון די מלמדים איז געווען אַ שטילער, אָרענטליכער מענש, פון די אויף וועלכע מען זאָגט אַז זיי רירען ניט אָן קיין פליג אויפ'ן וואַנט. די באַים האָבען איהם געליבט. אַ צווייטער, דער העכסטער ראש־ישיבה, איז געווען אַ איד אַ שטאַמלער, וואָס פלעגט זיך שטענדיג באַריהמען און אויספּיינען. ער קומט, צום ביישפּיל, אריין בשעת איך גיב די שילער אַן אריפמעטישע פּראָבלעם („זאַדאַטשע"). זיי הערען זיך צו און נעמען זיך צו דער אַרבייט. דער ראש־ישיבה קוקט צו און טוט אַ מאַך מיט'ן האַנט, אזוי ווי עס וואָלט פאַר איהם געווען אַ קליינינגקייט. ער האָט מיך עראינערט אָן דעם סטאָר־קיפּער, וואָס האָט מיר געגעבען אַ ביל פאַר דעם צובראָכענעם ספּרינג און וועלכער פלעגט זיך מיט באַרימעריי אריינמישען אין מיינע לעסאָנס. איך האָב געוואוסט, אַז דער איד האָט קיין מאָל קיין אריפמעטיק ניט געלערענט, און די קינדער האָבען דאָס אויך געוואוסט. אַ פּאָר מאָל האָב איך אין אזא פאַל צו איהם געזאָגט:

„אדרבא, זעצט זיך אנידער און פרופט איהר מאכען דעם פראבלעם".

ער פלעגט אפענטפערען אויף זיין שטאמלערישען שטייגער, אז אין דער גמרא וואלגערען זיך אזעלכע שכל'ען און ער פלעגט ארויסגעהן מיט א כלומר'שטדיגען שטאלץ. די באים פלעגען זיך צולאכען. אין א פאר טעג ארום פלעגט ער ווידער ארייגקומען און ווידער מאכען אן אנשטעל אז די חשבונות זיינען ביי איהם א קלייניגקייט. אין גמרא איז ער געווען א למדן און האט געהאט א גוטע קאפ. די קינדער האבען איהם אבער ניט ליב געהאט.

די צוויי שטונדען זיינען געווען אינמיטען טאג, ווען עס איז מיר געווען שווער צו קריגען אנדערע לעסאנס. און דער דזשאב האט מיר פארשאפט ניט נאר רעגעלמעסיגע עטליכע דאלאר א וואך, נאר פארגעניגען אויך. די באים האבען מיינע לעסאנס געלערענט מיט חשק. אלזא בין איך צוגעבונדען געווארען צו זיי און זיי געלערענט אזוי ווי זיי וואלטען געווען מיינע אייגענע קינדער.

איך האב די גבאים אזוי לאנג „גענגבערט", אז זיי זאלען קויפען די נויטיגע לעהר־ביכער, ביז איך האב אויסגעפיהרט, טיילווייז ווייניגסטענס.

מען האט עלעקטעד א נייעם פרעזידענט, א מאנופעקטשורער פון קעפס מיט'ן נאמען יהושע ראטהשטיין, און איך האב איהם גענומען באווייזען ווי נויטיג עס איז צו קויפען אלע ענגלישע ביכער וואס מען האט געדארפט — רידערס, אריפמעטיקס, היסטאריעס. ער איז ניט געווען קיין נאר און איז איבערהויפט געווען א וועלטליכערער מענש ווי די אנדערע גבאים.

— איהר האט רעכט, מר. קאהאן, — האט ער צו מיר געזאגט, — מיר דארפען אייך אלע דאנקען פאר אייער טרייהייט און גינציגקייט צו אונזערע באים.

ער האט צוגעזאגט מיר צו געבען וויפיל געלד מען וועט נאר דארפען אויף צו קויפען די ביכער. איך האב אויסגעשטעלט א צעטעל פון אליץ וואס מען דארף האבען און בין ארײ־

בערגעגאנגען צו א פירמע פון סקול־ביכער, אויף דער אויבענדער־מאַנטער באַנד סטריט, וועלכע האָט געדרוקט מעקנאָפּי׳ס רידערס, און ביי זיי גענומען א חשבון, וויפיל דאָס דאַרף קאָסטען. מיט דעם בין איך אוועקגעגאנגען צו דעם נייעם פּרעזידענט אין אָפיס. ער האָט מיך אויפגענומען זעהר שעהן, אָבער שוין צו־שעהן. איך האָב געפיהלט אז עס איז עפּעס ניט גלאַט. ביס־לעכווייז האָט ער מיר ערקלערט דאָס פאָלגענדע:

אין דעם אָרטאָדאָקסישען וואָכענבלאַט „די גאזעטען" איז געווען אָפּגעדרוקט אן אטאקע אויף מיר. מען האָט מיך דאָרטען פאָרגעשטעלט אלס א מענשען, וואס פאַרשפּרייט אפּיקורסיישע גע־דאנקען און סאָציאַליזם, און וועמען די ישיבה צאָהלט פון די הייליגע געלט וואָס מען זאַמעלט ביי גאָטספאָרכטיגע אידען. איך האָב דעם אַרטיקעל פריהער ניט געזעהן. איצט האָט מר. ראָטהשטיין מיר איהם געוויזען.

מיר איז אלץ געוואָרען קלאָהר. אין „די גאזעטען" איז דאַן פאָרגעקומען א סטרייק פון די שריפט־זעצער און אויף איינעם פון די סטרייקערס מיטינגען האָב איך געהאַלטען א רעדע. אלזאָ, האָט דער בעל־הבית פון דער צייטונג, כתריאל סאַראזאָהן, זיך אָן מיר נוקם געווען.

— גוד־ביי! — האָב איך געזאָגט צו ראָטהשטיינ׳ען, אויפ־שפּרינגענדיג פון מיין טשער — מעהר וויל איך מיט אייערע לייט קיין עסק ניט האָבען. פאַר „די גאזעטען" לוינט זיך בעסער אז מען זאָל די קינדער ניט לערנען קיין ענגליש און אז איהרע שריפטזע־צער זאָלען שטאַרבען פון הונגער.

איך האָב זיך א לאָז געטאָן צו די טרעפּ. מר. ראָטהשטיין איז נאָך מיר נאָכגעלאָפען, מיך גערופען זיך דורכצוריידען מיט איהם. איך האָב זיך אָבער ניט אומגעקערט.

2

דער בליזארד.

יעדעס מאָל ווען איך דערמאָן זיך וועגען דער סקול פון ישיבת עץ חיים, דערמאָן איך זיך אויך אָן דעם באַריהמטען בליזארד,

וועלכער האט געבושעוועט פון דעם 11טען ביז דעם 14טען מערץ, 1888. א שרעקליכע זאווערוכע, א ווילדער שטורם־ווינט אנגע־לאדען מיט שניי און האגעל און באגלייט מיט א שטארקען פראסט, האט אטאקירט ניו יארק און די ארומיגע געגענדען. געהן איז גע־ווען אונמעגליך. מענשען זיינען האלב פארגליווערט געווארען פון קעלט און דער אייזיגער שטורם האט זיי געשמיסען אזוי ווי מיט טויזענטער ריטער פון פייער. אייניגע זייגען געפאלען, און דאן פארשאטען געווארען מיט שניי און פארפראָרען געווארען.

אזא שניי־שטורם האט ניט געדענקט דער עלטסטער איינ־וואוינער פון ניו יארק, און אזעלכעס האט ניט פאסירט זינט דאן. א בייזע נאטור־קראפט האט זיך פאנאנדערגעשפילט. זי האט גע־בראכט אן אומבאשרייבליכען חורבן און ארויפגעווארפען אן אימה אויף יעדער לעבעדיגער באשעפעניש. פערד זיינען געווען הילפ־לאז. פילע פון זיי זיינען געפאלען. קארס האבען ניט געקענט געהן.

סענאטאר קאנקלינג, איינער פון די מעכטיגסטע פיהרערס פון דער רעפובליקאנער פארטיי פון די פאראייניגטע שטאאטען, איז געצוואונגען געווען צו געהן פון זיין אפיס א היים צו־פוס, און אין מיטען וועג איז ער געפאלען א פארגליווערטער. אזוי איז ער געלעגען ביז מען האט איהם ארויסגעשלעפט א האלב־טויטען פון שניי און אין א פאר טעג ארום איז ער געשטארבען. אזעלכע קרבנות איז געווען א היבשע צאהל.

די טעלעגראף־דראטען זיינען אין פילע פלעצער געווען איבער־געריסען צום גליק זיינען די קייבעלס אין ים ניט געווען געשע־דיגט. האט מען זיך אזא עצה געגעבען: ווען מען האט געוואלט טעלעגראפירען פון ניו יארק קיין באסטאן, האט מען דאס געטאן דורך לאנדאן, ענגלאנד.

אין מיינע ערינערונגען איז דער בליזארד פארבונדען מיט דער ישיבה, ווייל איך האב זיין שרעקליכע קראפט דערפיהלט אין א געוויסען נאכמיטאג, בשעת איך בין געגאנגען פון דער ישיבה א היים. ער האט זיך צולאזען, ווען איך בין אפגעגאנגען ביי א פאר בלאק. מיין וואוינונג איז דאן געווען אויף עלדרידזש סטריט, צווי־שען ברום און דעלענסי. איך האב דערגרייכט גרענד סטריט.

ווען איך האָב געוואָלט אריבערגעהן די סטריט, האָב איך דערפיהלט אזוי ווי א צעהנדליג בייטשען וואָלטען מיר מיט א ווילדען אימפעט געשמיסען אין פנים און איבער'ן גאנצען קערפער. א שוואכקייט האָט מיר אָנגענומען, א געפיהל פון הילפלאָזיגקייט און פארצווייפ־לונג. איך האָב געמיינט אז אָט־אָט זינק איך ארונטער צו דער ערד; און דאָס וואָלט געהייסען טויט. רופען נאָך הילף וואָלט געווען נוצלאָז, וואָרים יעדער איז געווען פארנומען מיט זיין איי־גענער רעטונג. דורך א נעבעלדיגער, כוואַליעדיגער מישענינג האָב איך, ווי דורך א לייוועגט, געזעהן ווי פיגורען ראנגלען זיך מיט דער פראָסטיגער זאווערוכע, ווי זיי דרעהען זיך און טוליען זיך אין א פארצווייפעלטען קאמף מיט דער גרויזאמער מאכט.

אזא סאָרט בילד פלעג איך זיך פאָרשטעלען ביי דעם געראנק ווענען די לעצטע מינוטען פון דער אומגליקליכער פאמפעי, בשעת אויף די איינוואוינער האָט אָנגעהויבען צו שטראָמען מיט פאר־לענדונג און זיי זיינען געלאָפען ווי די וואהנזיניגע אָהן האפנונג צו אַנטלויפען פון א באלדיגען סוף.

דער געפעהרליכסטער מאָמענט איז פאָראיבער. איך האָב אָפּ־געצוויגען דעם אָטעם און בין ווי עס איז דערגאנגען צו מיין וואוי־נונג.

די קעלט איז געווען א שרעקליכע און קוילען איז געווען שווער צו קריגען, ווייל עס איז ניט געווען קיין מעגליכקייט צו פיהרען זיי פון די גרויסע יארדס אין די קלענערע, און פון די קלענערע אין די קוילען־קעלערס.

אפילו ווען די צו־ווילדעוועטע נאטור האָט זיך אביסעל בא־רוהיגט, איז נאָך אַלץ געווען שווער צו באַקומען קוילען. מען האָט שוין ווי עס איז געקענט ארויסקומען אויפ'ן גאַס. אָבער מען האָט געדאַרפט לאַנג וואַרטען איידער מען האָט באַקומען א פעיל קוילען. דער גליקליכער וואָס האָט דאָס באַקומען איז גע־לאָפען א היים ווי מיט אַן אוצר.

איך און א פּאָר פון מיינע שכנים האָבען זיך אוועקגעלאָזען אויף אזא „יאזדע". געהן אין קאָול־סעללאַרס וואָלט געווען אַן אומזיסטע ארבייט. זיי זיינען שוין לאַנג געווען פּוסט. זיי־

נען מיר געגאַנגען צו די האַלסייל פלעצער — צו איין יארד, צו א צווייטען, צו א דריטען. אומעטום האָבען מיר געפונען קראַודס שטעהענדיג מיט פעילס, אַלט און יונג, מענער, פרויען און קינ־דער. ענדליך האָב איך באַקומען אַן עמער מיט דעם טייערען אַרטיקעל, און איהם אַוועקגעטראָגען אין אונזער פאַרפראָרענער היים.

3

עטליכע טיפּען פון דער איוונינג סקול.

אויב די ישיבה־סקול דערמאָנט מיר אָן דעם היסטאָרישען בלי־זאַרד, דערמאָנט מיר מיין עלדרידזש סטירט'ער קוואַרטיר אָן צוויי איטאַליענער, וועלכע פלעגען מיר דאַרטען באַזוכען.

יענעם ווינטער האָט אין דער איוונינג סקול, וואו איך האָב גע־האַט מיין שטעלע, זיך פאַרשריבען א געוויסע צאָהל איטאַליענער, און — איך געדענק ניט ווי אַזוי דאָס איז געווען — מען האָט זיי אַלעמען אַריינגעשיקט אין מיין קלאַס. קיין איטאַליעניש קען איך ניט. אָבער איינער פון מיינע שילער איז געווען א רוס, א זינגער, וועלכער האָט עטליכע יאָהר שטודירט אין איטאַליען, האָט ער געדינט אַלס דאָלמעטשער צווישען מיר און זיי.

צווישען דיזע איטאַליענישע שילער האָט זיך געפונען א גע־בילדעטער מאַן, בין איך מיט איהם נעהענטער באַקאַנט געוואָרען, און ער פלעגט מיר באַזוכען. א צווייטער איטאַליענער פון דער איוונינג־סקול פלעגט מיר באַזוכען, ווייל ער האָט ביי מיר גענו־מען פּריוואַט לעסאָנס אויך. דער ערשטער איז געווען א בלאָנ־דער מיט בלויע מילדע אויגען; דער צווייטער—א טונקעלער, מיט גלאַנציגע שוואַרצע האָר און מיט שוואַרצע אויגען. דער ערשטער האָט געקענט א ביסעל דייטש, און אַזוי ריידענדיג א ביסעל אויף דייטש און א ביסעל אויף געבראָכענע ענגליש, פלעגט ער מיר דער־צעהלען וועגען איטאַליען און וועגען איהרע שרי־טשטעלער. ער האָט געהאַט אַזא מעלאָדישע שטימע אַז אַפילו ווען ער האָט גע־רעדט אויף זיין געמאַטערטען ענגליש האָט דאָס אויך געקלונגען ווי מוזיק. ער פלעגט פאַר מיר דעקלאַמירען שטיקלעך איטאַליע־

נישע פּאָעזיע, און איך פלעג דאָס צוהערען אַזוי ווי אַ שעהנעם ניגון.

איך האָב איהם געפּרופט באַקעהערען צום סאָציאַליזם, אָבער ער האָט זיך מיט דעם ניט אינטערעסירט. „איט איז נאָט פּאָ־עטיקעל" (עס איז ניט פּאָעטיש) — האָט ער מיר אַמאָל געענטפערט. דער סאָציאַליזם פאָדערט גלייכהייט, און גלייכהייט איז פּראָזאאיש, וואָכעדיג. אַזוי פלעגט ער טענה'ן.

איך האָב איהם געפּרואווט באַווייזען, אַז ער האָט אַ טעות; עס איז אָבער געווען אַן עבירה מיין מיה. ער איז פון דער נאַ־טור מסתמא געווען מעהר פּאָעט ווי דענקער. סאָציאַלע פראַגען האָבען איהם ניט אינטערעסירט.

דער איטאַליענער מיט די שוואַרצע אויגען איז געווען אַ ביזנעס־מאַן, אַ וויין־הענדלער, און ער פלעגט מיר ברענגען איטאַ־ליענישע ווייגען. איך האָב איהם געזאָגט אַז איך טרינק ניט, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען. ער האָט זיך ניט געקענט פאָר־שטעלען ווי אַזוי מען קען לעבען אָהן וויין. זיי ביידע, און אויך די אַנדערע איטאַליענישע שילער פון מיין קלאַס אין דער איווי־נינג סקול, האָבען אויף מיר געמאַכט אַזאַ אַנגענעהמען איינדרוק, אַז די גאַנצע איטאַליענישע נאַציאָן האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס אַ נאַציאָן פון גוטהערציגע מענשען.

צוזאַמען מיט די איטאַליענער האָבען זיך אין מיין קלאַס געפונען עטליכע אידישע שילער אויך. פון דיזע זיינען אין מיין זכרון פאַרבליבען די געשטאַלטען פון צוויי, ביידע געבילדעטע: אַ דייטשער יהודי, וועלכער איז אָקאָרשט געקומען פון יוראָפּ, און אַ מאָסקווער סטודענט. דער ערשטער האָט געמאַכט דעם איינ־דרוק פון אַ מענשען, וואָס האָט פריהער געהערט צו אַ רייכערען שטאַנד. זיינע קליידער זיינען געווען אַלט, אָבער זעהר ציכטיג און עלעגאַנט. ער האָט געלערענט ענגליש פאַר־זיך אויך און ער האָט געמאַכט אַזאַ פאָרטשריט, אַז ער האָט אין מיין קלאַס באַלד ניט געהאַט וואָס צו טאָן. דאָך איז ער אַ לאַנגע צייט נאָך געקומען, געקומען פּינקטליך יעדען אָוועגד. איך האָב חושד געווען, אַז ער האָט פּשוט ניט וואו די אָוועגדען צו פאַרברענגען.

איך געדענק דיזען דייטש־אידישען אימיגראַנט ספּעציעל דורך דעם, וואָס מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער האָב איך מיט איהם געהאַט אַן איבעררעשענדע באַגעגעניש אויף בראָדוויי, לעבען וואָל סטריט, אין דעם דיסטריקט פון דער בערזע און גרויסע באַנק געשעפטען. דאַן זיינען זיינע קליידער שוין געווען ניי און אין אַלגעמיין האָט זיין אויסזעהן עדות געזאָגט, אַז ער געפינט זיך אין אַ גוטען מאַטעריעלען צושטאַנד. ער האָט מיך באַגריסט און מיר האָבען פאַרבראַכט איינינע מינוטען אין געשפּרעך. ענגליש האָט ער שוין גערעדט פליסיג און גוט, דייטליך האָט ער מיר קיין זאַך ניט ערקלערט. אָבער פון איינינע אַנצוהערענישען זיינע האָב איך געדרונגען, אַז ער איז פאַרבונדען מיט אַ גרויסער פינאַנץ־פירמע פון דייטשע יהודים, קרובים זיינע, און אַז ער האַנדעלט אויף וואָל סטריט. פאַרוואָס ער האָט זיך צו זיינע קרובים ניט געמעלדעט גלייך ווי ער איז געקומען קיין אַמעריקאַ, האָב איך ניט געוואוסט.

דער מאָסקווער סטודענט איז געווען פון אַ ליטווישער שטאָדט. דעם נאָמען פון זיין געבורטס־פּלאַץ לאָז איך דאָ אויס, וויל ער איז געווען אַ זאָנדערבאַרער מענש. ווען ער האָט גוט איבערגעלעזען אַן ענגלישען זאַץ און איהם ריכטיג פאַרשטאַנען, פלעגט ער שטילינקערהייט זיך צולאַכען, פאַרשטעלענדיג די מויל מיט'ן האַנט, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ סעקרעט. אַמאָל פלעגט ער פון־העלער־הויט געבען אַ פאַרשטיקטען פּייף, מיט אַ מאָדנעם שמייכעל דערביי. איך האָב געמיינט אַז ער איז ניט ביים זינען. אָבער זיינער אַ לאַנדסמאַן, מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז נאָר „אַביסעל אַ צודרעהטער, אָבער ביים פולען זינען".

ער האָט מיך עראינערט אָן וואָלפען, דעם אידיאָטסקען גאַסמענש, וועלכער פלעגט אָפט אריינקומען אין מיין טאַטע'ס שענק.

נאָך איינער פון די אידישע שילער, וועלכע האָבען זיך געלערענט אין מיין קלאַס צוזאַמען מיט די איטאַליענער, איז גע־

ווען א זאָנדערבארער „קאָסטאָמער", אָבער אויף אַן אַנדער שטײנער.

מיט עטליכע מאָנאַט פריהער, אין א געוויסען נאָכמיטאָג, האָט מיך אויפ׳ן גאַס אָפּגעשטעלט א איד מיט א באָרד און פּאות.

— איהר זיים א טיטשער, — האָט ער געזאָגט, — איך וויל זיך לערנען ענגליש. קען מען זיצען אין סקול אין א העט?

איך האָב איהם ערקלערט, אַז דאָס וואָלט ניט געווען אַנ־גענעהם און אַז עס וואָלט איבערהויפּט ניט געווען בעקוועם ווען א איד מיט באָרד און פּאות זאָל געהן אין סקול. א באָרד מאַכט נאָך ניט אויס. אָבער די פּאות וואָלטען געצויגען צופיל אויפמערקזאמקייט. די אַנדערע שילער וואָלטען געלאַכט און עס וואָלטען ארויסגעקומען אונאַנגענעהמע סצענעס. ער איז געוואָרען אין כעס און האָט גענומען ארגומענטירען, אַז אַמעריקא איז א פרייע מדינה, א. ז. וו.

מיט דריי מאָנאַט שפּעטער פיהרט מען אריין אין מיין קלאַס א יונגען מאַן, א ריין־געשייוועטען און מיט א ברייטען שמייכעל אויפ׳ן פּנים.

— איהר דערקענט מיך? — האָט ער געפרעגט.

ווען איך האָב זיך גוט צוגעקוקט האָב איך דערזעהן, אַז דאָס איז יענער איד, נאָר אָהן דער באָרד און אָהן די פּאות.

— זיך שוין איבערגעקערט? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, וואָס זאָל מען טאָן? די פּאות האָבען מיר גע־שטערט צו מאַכען א לעבען. מען קען אָבער זיין אַן ערליכער איד אָהן פּאות אויך.

ער האָט גענומען געהן אין קלאַס, און פון דעם ערשטען אָוועגד אָן האָב איך פון איהם געהאַט גרויסע צרות. אויף יעדער ערקלעהרונג וואָס איך פלעג געבען, פלעגט ער מיך פאַר־וואַרפען מיט קשיות, ברענגען משלים, שטיקלעך גמרא. די אַנ־דערע שילער האָבען ניט געוואָלט ליידען, פאַרוואָס ער שטערט דעם לעסאָן; פלעגט ער זיך מיט זיי קריגען און זידלען זיי.

ער איז געווען א ליטוואַק, און קיין „ש" האָט ער ניט גע־קענט אויסריידען. ווען איך פלעג איהם זאָגען אַז מען דאַרף ניט זאָגען „סי", נאָר „שי", פלעגט ער זיך גיפטיג צולאַכען,

קוועטשען מיט די פּלייצעס, עפּעס אזוי ווי מען וואָלט דאָ אומ־זיסט זיך געטשעפּעט צו איהם.

פון די איטאַליענער האָב איך געהאַט אַן אַנדער טראָבעל. זיי איז שווער אויסצורעדען אַ וואָרט וועלכער האָט ניט קיין וואָקאַל צום ענד; ליינען זיי צו אַ פּתח. אַנשטאָט „טיש" וואָל־טען זיי זאָגען „טישאַ". אַנשטאָט „באַנק" — „באַנקאַ", אַ. ז. וו. מיט אַ פּאָר פון די איטאַליענער האָב איך אין דיזער באַציהונג ניט געהאַט קיין סך טראָבעל, אָבער מיט די איבעריגע איז מיר געוועזען זעהר שווער. עס איז מיר זאָגאָר אונמעגליך געוועזען זיי צו געבען צו פאַרשטעהן וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך. איך זאָג „ראַיט", זיי זאָגען „ראַיטאַ", און זיי זעהען ניט קיין אונטערשיעד.

איינער פון די שילער איז געוועזען אַן עלטערער מאַן מיט אַן אינטערעסאַנטער געזיכט און מיט אַ פיינער מוזיקאַלישער שטימע. עס וואָלט געוועזען זעהר אַנגענעהם צו הערען ווי ער ליינט, ווען ער וואָלט ניט צוליינען אַ פּתח ביי יעדען וואָרט, וואָס ענדיגט זיך מיט אַ קאָנסאָנאַנט. ער פלעגט זאָגען „טוקאַ" אַנשטאָט „טוק", „טייבלאַ" אַנשטאָט „טייבל", „ווענטאַ" אַנשטאָט „ווענט", אַ. ז. וו.

פריהער זיינען די לעהרער פון איוונינג סקול געוועזען קריסטען און אַ פּאָר אַמעריקאַנער געבאָרענע אידען. איך, אַלעיניקאָוו און דר. בראוד, זיינען געוועזען אויסנאַהמען. אין 1887 און 1888 האָבען זיך באַוויזען נאָך רוסישע אימיגראַנטען אַלס לעהרער. דער איצ־טיגער דאָקטאָר איראַן איז געוועזען איינער פון זיי.

אויסער קאַרלס'ן בין איך צווישען די קריסטליכע לעהרער נאָהענט באַקאַנט געוואָרען מיט איינעם אַ פלעמינג. מיר פלע־גען אָפט געהן פון סקול צוזאַמען. מיין וואוינונג איז געוועזען גאַנץ נאָהענט, וועהרענד ער האָט געוואוינט אויף מעדיסאָן סטריט, לעבען ראָטגערס. מיר פלעגען אָבער דאָס רוב צוערשט געהן שפּאַצירען; דערנאָך פלעגט ער מיך אַמאָל באַגלייטען ביז מיין וואוינונג און אַמאָל פלעג איך איהם צופיהרען ביז זיין וואוינונג. אויפ'ן וועג פלעגען מיר שמועסען, רעבאַ־

טירען. מיינע סאָציאַליסטישע געדאַנקען פלעגען איהם אינ־טערעסירען נאָר ווי אַ טשיקאַווע זייטיגע זאַך. ער פלעגט מיר שטעלען קשיות וועגען די איינפיהרונגען און אָרדנונגען אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, און ער פלעגט מיינע אַנטוואָרטען אויסהערען מיט אויפמערקזאַמקייט. אָבער פועל'ן ביי איהם, אַז ער זאָל קומען אויף איינעם פון אונזערע מיטינ־גען אין דער סאָציאַליסטישער ביבליאָטעק, האָט זיך מיר קיינמאָל ניט איינגעגעבען. איינמאָל, ווען ער האָט דערהערט אַז ליליען ראָסעל'ס מוטער קומט אויף יעדען מיטינג אונזערען און איז אָפט די פּאָרזיצערין, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט קומען. ער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט צוגעקליבען.

.4

דער פּרינסיפּאַל און דער סופּעראינטענדענט. — אַן אונאַנ־גענעהמע סצענע.

דער פּרינסיפּאַל פון מיין סקול איז דאַן געווען איינער פּיטער מאַררויאָ, זעהר אַ הויכער, דאַרער אַמעריקאַנער, מיט גרויסע, ווייסע צייהן, אַ שטילער און אַ העפליכער. פון די צוועלף יאָהר וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער קריסטי סטריט איוונינג סקול, איז ער צעהן יאָהר געווען מיין פּרינסיפּאַל. און דאָך, ווען איך וויל זיך איצט דערמאָנען וואָס פאַר אַ סאָרט מענש ער איז געווען, פיהל איך, אַז איך האָב ניט וואָס זיך צו דערמאָנען. איך האָב וועגען איהם קיין מאָל קיין באַגריף ניט געהאַט. „גוט־מאָרגען, גוט־יאָהר!" — ווי דער ווערטעל איז.

אין דער פריהה איז אין דער זעלבער געביידע געווען אַ נרעמער סקול פאַר קינדער, און מאַררויאָ איז דאָרטען געווען איינער פון די לעהרער. די קינדער זיינען מייסטענס געווען קריסטליכע און די לעהרער זיינען אַלע געווען קריסטען. די קינדער זיינען געווען פון איירישע, דייטשע אָדער אַמעריקאַנישע עלטערען; און די לעהרער זיינען געווען פון דער זעלבער אָפּ־שטאַמונג; אָבער דער פּראָצענט פון יענקים צווישען זיי איז געווען אַ סך גרעסער ווי צווישען די שילער. מאַררויאָ איז געווען אַן עכטער אַמעריקאַנער.

דער איוונינג סקול סופּעראינטענדענט איז געווען איינער אַ דאָקטאָר האָפּמאַן, אַ פולער מאַן פון די אינגערע מיטעלע יאָהרען. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך באַווייזען, זיצען אַ ווײַלע און צוהערען ווי איך טו מיין ארבייט, עקזאַמינירען עטליכע פון די שילער, אַ קוק טאָן אין מיין ראָלל־בוק*), מאַכען אַ פּאָר נאָטיצען אין זיין ביכעל און ארויסגעהן. מאַררא̈ו פלעגט איהם אימער באַגלייטען. ווען האָפּמאַן איז אָבער ניט געקומען, פלעגט ער די קלאַס־צימערען כמעט קיינמאָל ניט באַזוכען.

איין מאָל האָב איך מיט האָפּמאַנ׳ען געהאַט טראָבעל און אַ זעהר אונאַנגענעהמע סצענע. ווען ער איז געקומען צו מיר, האָב איך מיין ראָלל־בוק ניט געהאַט ביי זיך. איך האָב איהם מיטגענו־מען אַ היים צו בריינגען איהם אין „אָרדנונג", און האָב איהם אי־בערגעלאָזען אין דער היים. דר. האָפּמאַן איז געווען מעהר טשי־נאָוניק ווי ערציהער, און דער ראָלל־בוק איז ביי איהם געווען די וויכטיגסטע זאַך. די פראַגע, צי דער לעהרער לערנט די שילער מיט אַ זין, — דאָס האָט איהם אינטערעסירט נאָר פון יוצא ווע־גען. דער ראָלל־בוק אָבער איז ביי איהם געווען אַ הייליגטום.

איך, ווידער, האָב דעם ראָלל־בוק פּיינט געהאַט. איך האָב איבערהויפּט ניט קיין געדולד צו אַזעלכע זאַכען, וואָס פאָדערען טרוקענע חשבונות און טרוקענע פּינקטליכקייט. .

דאָ איז אָבער געווען אַ ספּעציעלע אורזאַכע, פאַרוואָס איך האָב צו דעם ראָלל־בוק ניט געהאַט קיין געדולד. ער איז אין גאַנ־צען געווען אַ פּוסטע צערעמאָניע — אַזוי האָב איך, ווייניגסטענס, דאַן געגלויבט. אין די סקולס פאַר קינדער איז דאָס וויכטיג, וואָרים די שילער מוזען קומען יעדען טאָג; אַ גאַנצען יאָהר אַזוי. דאָס איז זייער איינציגע באַשעפטיגונג. אַלזאָ איז וויכטיג צו פאַרצייכענען יעדען טאָג ווער פון זיי עס פעלט. טאָמער נאַרט דער באָי אָדער די מיידעלע אָפּ די עלטערען און פאַרברייננגט דעם טאָג אַנדערשוואו, וויל מען דאָס וויסען. גאַנץ אַנדערש איז מיט די איוונינג־סקולס פאַר ערוואַקסענע, זעלבסטשטענדיגע מענשען,

---

*) דער בוך, וואו מען פאַרצייכענט ווער פון די שילער עס איז דאָ און ווער עס פעהלט.

וועלכע זיינען א גאנצען טאָג פארנומען ביי ארבייט אָדער פעדלע־ריי. אָפט איז דער שילער אין אָווענט צו מיד צו געהן אין סקול, אָדער ער האָט א פריוואט זאך צו אטענדען. דער אמת איז, אז די מאיאָריטעט פון אונזערע שילער איז געווען זעהר ניט־פינקטליך. נאָר א קליינע צאָהל פון זיי פלעגט קומען יעדען אָווענט. פילע פלעגען אין גאנצען אָפזיין בלויז א קורצע צייט. יעדען ווינטער פלעגען דורך יעדען קלאס דורכגעהן א פּאָר הונדערט שילער און בלייבען פלעגט נאָר א פּאָר צעהנדליג פון זיי. די איבעריגע זיי־נען איבערהויפּט ניט געוואוינט געווען צו א ביכעל. אָדער נאָך א טאָג שווערע ארבייט האָבען זיי זיך פשוט נעגוויטיגט אין רוה. אייניגע פלעגען גלייך אויף מאָרגען שוין ניט קומען, אנדערע פלע־גען פארבלייבען עטליכע טעג. אזוי איז געווען אין יעדען קלאס.

פאר סטאטיסטישע צוועקען איז נאטירליך ריכטיג דאס אלץ צו פארצייכענען. אָבער מיר האָט דאָס ווייניג געקימערט. לער־נען מיט די שילער האָב איך ליב געהאט, אָבער פיהרען דעם „ראָלל־בוק” איז מיר געווען צו־לאסט. פלעג איך איהם פארנאכלעסיגען, און דערנאָך „פיקסען” די ציפער פאר עטליכע אָווענטען מיט אמאָל. דיזען מאָל האָבען זיך אָנגעקליבען אזוי פיל דורכגעלאָזענע דאַ־טומס, אז איך האָב דעם בוך גענומען צו זיך א היים, מיט דעם צוועק דאָרטען צו מאכען די אָפּעראציע. איך האָב דאָס אָבער אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג. און דער ראָלל־בוק איז געבליבען ביי מיר אין דערהיים.

ווען האָפּמאן איז אריינגעקומען, איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען.

ער האָט געבעטען דעם ראָלל־בוק, ווי געוועהנליך.

— איך באדויער זעהר. איך האָב איהם גענומען א היים אריינ־צושרייבען די רעקאָרדס, וועלכע איך האָב פארצייכענט אויף שטיק־לאך פאפּיר און האָב פארגעסען איהם צו ברייגנען, — האָב איך געענטפערט.

ער האָט נאטירליך פארשטאנען אז די מעשה מיט די שטיק־לאך פאפּיר איז א ליגען. זיין טונקעל־רויטע געזיכט האָט זיך בא־צויגען מיט א כמארע.

— שיקט א שילער צו אייך א היים, זאָל ער ברייננען דעם בוך.

— אַלַל רייט! אַט איז דער שליסעל פון מיין טיר, — האָב איך געזאָגט אין פארצווייפלונג.

— איז דאָרט קיינער איצט ניטאָ?

— מיין פרוי איז געגאנגען צו־גאַסט.

— איך וויל ניט אַז אַ פרעמדער זאָל אריין אין אייער וואוי־נונג ווען קיינער איז ניטאָ, — האָט האָפמאַן געזאָגט מיט אַ ביי־זער העפליכקייט.

עס איז געווען זעהר אַן אונאַנגענעהמער מאָמענט פאַר מיר. האָפמאַן און איך זיינען געשטאַנען און געשוויגען. דער גאַנצער קלאַס האָט געקוקט אויף אונזביידען — אייניגע, מסתמא, מיט סימפּאַטיע צו מיר; אַנדערע אפשר מיט דעם תענוג, וואָס אַ טע־אַטער באַזוכער האָט פון אַ דראַמאַטישען מאָמענט. ענדליך האָט דער סופּעראינטענדענט זיך מיט מיר געזעגענט — שטיל און קאַלט — און איז אוועק.

איך האָב געמיינט, אַז איך וועל פאַרלירען מיין דזשאָב. האָפּ־מאַן האָט לייכט געקענט ברייננען דערצו. ער האָט דאָס אָבער ניט געטאָן.

ביים אָנהויב פון דעם נעקסטען ווינטער האָט מען מיר געגעבען דעם העכסטען קלאַס אין דער סקול.

דר. איראָן דערצעהלט מיר די פאָלגענדע פּאַסירונג, וועלכע געהערט צו דיזען פּלאַץ:

איינמאָל איז אין זיין קלאַס־צימער אריינגעקומען מאַרראַו, דער פּרינסיפּאַל, און געזאָגט צו איהם:

— וואָס שרייט דאָרטען קאָהאַן אַזוי הויך? אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך רעדט ער דאָרטען צו די שילער — רוסיש? ער האַלט אַ רעדע פאַר זיי?

אַזוי ווי איראָן איז געווען מיין נעקסט־דאָריגער שכן, און אַזוי ווי איך האָב גערעדט מיט באַגייסטערונג און זעהר הויך, האָט ער געהערט יעדען וואָרט. איך האָב געהאַלטען אַ סאָציאַ־ליסטישע רעדע פאַר די שילער.

— ער ערקלערט די שילער ווי וויכטיג עס איז פאַר

אימיגראנטען צו קענען גוט די ענגלישע שפּראַך, און ער גיט זיי אַ לעסאָן אין „סיוויקס", — האָט איראָן געענטפערט.

— אָה, ווי פיין דאָס איז! — האָט מאַרראָו געזאָגט — אַך, ווי שעהן! — און ער איז אַוועק אַ העכסט צופרידענער.

.5

פייגענזאָן, קאַצענעלענבאָגען און זייער ספרים־סטאָר. — מאָררים ראָזענפעלד.

איך פלעג זיין אָן אָפטער איינגעהער אין אַ קליינער סטאָר פון ספרים, אין 35 לאַדלאָו סטריט. זי האָט געהערט צו צוויי ווילנער יונגע לייט, פייגענזאָן און קאַצענעלענבאָגען. איך האָב זיי ביידען געקענט פון דערהיים.

קאַצענעלענבאָגענ'ען האָב איך אַ פּאָר מאָל געזעהן אין ווילנא. ווען איך בין געוואָרען בעל־מצוה, האָב איך אין זיין מוטער'ס ספרים געשעפט געקויפט אַ „דרך חיים" סדור'ל און ער איז געשטאַנען דערביי און געבעטען ביי דער מאַמע'ן אַ קאָפּיקע. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז אין דעם סדור'ל האָבען געפעהלט בלעטלעך און איך האָב איהם אָפּגעטראָגען צוריק און זיין מוטער האָט מיר געגעבען אַן אַנדערען. דערביי איז ער אויך געוועזען אין קראָם און ער האָט גראַד עפּעס ווידער געבעטען ביי דער מאַמען. איך האָב באַקומען אַ באַגריף אַז ער איז פון די קינדער וואָס לאָזען ניט לעבען. מיט אַ יאָהר פערצעהן שפּעטער, ווען איך בין מיט איהם בעקאַנט געוואָרען אין ניו יאָרק האָב איך זיך גלייך ערקונדיגט, אַז דער דאָזיגער באַגריף איז אַ גאַנץ פאַלשער. קיין שטילערען, ווייכערען און סימפּאַטישערען מענשען האָב איך קיין מאָל ניט באַגעגענט.

פייגענזאָן'ס פאָטער איז געווען אַ באַקאַנטע פערזענליכקייט אין ווילנא, און זיין נאָמען האָט זיך געלאָזט הערען אין אַנדערע אידישע שטעדט אויך. ער האָט געצויגען אויפמערקזאַמקייט דורך אַ נייעם ש"ס מיט פילע פירושים, וועלכען די וועלט־באַריהמטע פירמע, די ברידער ראָם, האָט אַרויסגעגעבען אונטער זיין רעדאַקציע. און אויך דורך אַ קליינעם רוסיש־אידישען ווערטער־בוך, וואָס ער

האָט פאַרפאַסט. אין דערהיים איז דער יונגער פּייגענזאָן געגאַנגען אין רעאַלנאַיע אוטשילישטשע (רעאַל שול), און איך בין מיט איהם געווען באַקאַנט דורך גאָלדבלאַט'ען דעם קינסטלער. איך און גאָלדבלאַט האָבען איהם איינינע מאָל באַזוכט.

קיין אַמעריקא איז פּייגענזאָן געקומען אַ פּאָר מאָנאַט נאָך מיר. שפּעטער האָט ער, מיט דער הילף פון די ברידער ראָם, געעפענט די ספרים־ביזנעס אויף לאַדלאָו סטריט. אַזוי ווי אָבער ער האָט פון ספרים געוואוסט גאַנץ ווייניג, האָט ער צוגענומען אַלס פּאַרטנער קאַצענעלענבאָגענ'ען, וועלכער איז אין דעם ספרים־געשעפט געבאָרען געוואָרען און אויסגעוואַקסען.

דורך פּייגענזאָנ'ען בין איך דאָס אָנגעקומען אַלס טיטשער אין ישיבת עץ חיים. ער האָט דאָרטען אַ געוויסע צייט געלערנט אַריטמעטיק און ענגליש מיט די קינדער פון דעם העכערען קלאַס. ווען די ספרים סטאָר האָט זיך אַביסעל ענטוויקעלט, און ער האָט אין דעם טיטשער דזשאָב זיך מעהר ניט גענויטיגט, האָט ער מיך רעקאָמענדירט אויף זיין פּלאַץ.

דער אמת'ער פיהרער פון דער סטאָר איז געווען קאַצענעלענבאָגען. אָבער פּייגענזאָן פלעגט דאָרטען אויך אימער זיין. עס פלעגען אהין אריינקומען פאַרשידענע טיפּען. עס איז געווען אַ מין אָפענער קלוב, און איך פלעג דאָרטען ליב האָבען צו פאַרברענגען.

מיט פּייגענזאָנ'ען פלעג איך דאָס רוב ריידען אויף רוסיש אָדער אויף ענגליש. און דאָס עראינערט מיך אָן אַ זאָנדערבאַרען צוזאַמענשטטויס וואָס איך האָב דאָרטען אַמאָל געהאַט.

מיר זיינען געשטאַנען און געשמועסט אויף רוסיש, וועהרענד קאַצענעלענבאָגען איז געווען פאַרנומען מיט אַ קאַסטאָמער — אַ הויכער איד מיט אַן ארומגעשאָרענער בערדעל און אַ ווייסען שניפּסעל — אַ רעוורענד, קענטיג. פּלוצלונג ניט זיך דער „כלי קודש'ניק“ אַ קער צו אונז מיט אַ פלאַקער אין די אויגען.

— קיין אַנדער אָרט צו ריידען רוסיש ווי אין אַ ספרים־סטאָר קענט איהר ניט געפינען? — האָט ער אויסגעשאָסען.

— איך וויל אייך עפּעס פרעגען, — האָב איך געזאָגט, — אויב אין אַ ספרים סטאָר טאָר מען ניט ריידען קיין „גויאישקען“

לשון, טאַ וואָס זאָל טאָן אַן אַמעריקאַנער איד, וואָס קען ניט ריידען קיין אידיש אָדער לשון קודש? אויב ער וויל קויפען אַ סדור אָדער אַ חומש, דאַרף ער דאָס טאָן אויף שטום־לשון?

— ווענען ענגליש רייד איך ניט, ענגליש איז אַלרייט, — האָט ער געענטפערט, — איהר רעדט דאָך אָבער רוסיש.

ער האָט אָנגעהויבען צו שימפען די רוסישע שפּראַך, און איך בין געוואָרען אָנגעצונדען. איך האָב איהם גענומען באַווייזען, אַז די רוסישע שרייבער זיינען די שענסטע און בעסטע מענשען; אַז זיי פאַרדאַמען די פּאָגראָמען; אַז אויף רוסיש ריידען און שרייבען די וואָס קעמפען פאַר פרייהייט און פאַר גלייכע רעכט פאַר אַלעמען, פאַר אידען אויך. איך האָב אָבער גערעדט מיט אַ בייזען טאָן. דער „רעוורענד" האָט מיך געערגערט, הויפּטזעכליך זיין ווייסער שניפּס. ער האָט אויך גערעדט מיט כעס, און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט גענומען סטראַשען:

— איך וועל מודיע זיין, אַז די ספרים ווערען דאָ פאַר־שוועכט; אַז מען רעדט דאָ רוסיש און דאָ איז אַ נעסט פון ניהיליסטען און מיסיאָנערען. אַ איד טאָר אהער ניט אריינקומען.

ווען פיינגענזאָן האָט דאָס דערהערט, האָט ער איהם אָנגעכאַפּט פאַר׳ן קאָלנער און ארויסגעוואָרפען.

איינמאָל זאָגט צו מיר פיינגענזאָן:

— ס׳איז פאַראַן אַ שניידער, וואָס שרייבט פּאָעזיע. מען רופט איהם ראָזענפעלד. ער וואָלט אייך וועלען ווייזען וואָס ער שרייבט.

מיר האָבען אָפּגעמאַכט, אַז איך זאָל זיך מיט איהם טרעפען אין דער סטאָר. אין דעם באַשטימטען טאָג און שטונדע, אין אַ ברענענדיג־הייסען נאָכמיטאָג, אין דזשולייַ אָדער אָוגוסט, האָט פיינגענזאָן פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַ יונגען מאַן, ניט קיין הויכען, מיט שוואַרצע נעגרייזעלטע האָר. ער איז געווען בוכשטעבליך אָפּגעריסען און אָפּגעשליסען. קיין אויבער־העמד און קיין קאָלאַר האָט ער ניט געטראָגען. ער האָט ניט אויסגעזעהען ווי קיין שניידער, נאָר עפּעס ווי איינער פון די יונגען, וואָס ארבייטען אויפ׳ן ברעג פון טייך ווויליאַ, אין ווילנאַ, ביי די פליטען — אזא איינדרוק האָט ער אויף מיר געמאַכט.

ווען ער האָט פאר מיר פאַרגעלעזען זיינע א געדיכט, בין איך ערשטוינט געוואָרען. איך האָב ניט געגלויבט, אז די ליד ווייזט אויף אן ענטוויקעלטען טאלאנט. זי איז אָבער דאָך געווען זעהר גוט — שעהן און שטארק. ווי קומט דאָס צו אזא מענשען?

— עס איז אויסגעצייכענט! — האָב איך געזאָגט, — איהר מוזט שרייבען! פון אייך וועט ארויסוואקסען א פיינער פּאָעט.

ארום דערזעלבער צייט האָב איך אויך אויפגעשריבען א ליד אויף אידיש. איך האָב אָבער אין זינען געהאט ניט פּאָעזיע, נאָר סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ. פייגענזאָן און קאַצענעלענבאָגען האָבען איהר אָפּגעדרוקט (אויף רויטע פּאַפּיר) און פאַרקויפט, פאר צוויי סענט א קאָפּיע, דאכט זיך. זיי האָבען דאָס ארויסגעגעבען אלס איינע פון א רייהע טעאטער־לידער. וואָרים מיין ליד איז געווען צום זינגען. איהר נאָמען איז געווען „דער אָפּערייטאָר". זי איז געשריבען געוואָרען מיט דעמזעלבען טאקט ווי אליקום צונזער'ס „די סאָכע", און אויבען איז געווען א שורה, אז מען דארף איהר זינגען מיט דעמזעלבען נגון.

„דער אָפּערייטאָר" פלעגט געזונגען ווערען אין די שעפּער. אז דאָס איז א פיל שוואכערע זאך ווי די געדיכט, וואָס ראָזענפעלד האָט מיר געוויזען — דאָס איז פאר מיר קיין סעקרעט ניט געווען. אָבער אז עס איז אונטער יעדער קריטיק — דאָס האָב איך פארשטאַנען ערשט שפּעטער. יעדענפאַלס איז דאָס געווען מיין ערשטע און לעצטע פּראָבע אלס פּערזען־פלעכטער אויף אידיש.

.6

זיגמונד מאָגולעסקאָ און מיין אינטערעס אין דעם אידישען טעאטער. — שמר'ס „קאָקעטע דאמען".

פייגענזאָן האָט מיך אויך געמאַכט פאר אן אָפטען באזוכער פון דעם אידישען טעאטער. פריהער איז דאָס פאר מיר געווען א פרעמדע וועלט.

די אויבען־דערמאָנטע קאָמפּאַניע פון זילבערמאַן, קאַרפּ, חיימאָוויטש און די אַנדערע, וועלכע זיינען געקומען קיין אמעריקא אין 1884, האָבען געשפּילט גאָלדפאַדען׳ס זאַכען און אויך עפּעס א נייעס מיש־מאַש, וועלכער האָט געהאַט אַלע חסרונות פון גאָלדפאַדען׳ס פּיעסען, אָהן זייערע מעלות. איך האָב ניט געקענט באַצויבערט ווערען ניט פון די פּיעסען, ניט פון דעם שפּילען.

איך האָב שוין דערצעהלט ביים סוף פון ערשטען באַנד, אז זייענדיג אין נעוועל, סוכות 1881, האָב איך זיך פאַראינטערעסירט אין די אידישע טעאַטער לידלעך, וואָס ספּאָקאָיני האָט פאַר מיר געזונגען. אָבער ערשטענס בין איך דאַן געווען אינגער און ווייניגער ענטוויקעלט, און צווייטענס — און דאָס איז דאָך וויכטיגסטע — זיינען באַזונדערע לידלעך פון דעם אידישען טעאַטער איין זאַך, און א גאַנצע פאָרשטעלונג — א גאַנץ אַנדער זאַך. גאָלדפאַדען׳ס נגונים זיינען אימער געווען געשמאַק, און — אַלס א נייעס — זעהר אינטערעסאַנט און פּיקאַנט.

א געוויסע צייט — אין 1885 איז דאָס מסתמא געווען — בין איך אַזוי באַצויבערט געוואָרען פון גאָלדפאַדען׳ס ליד „א פּאַס־טוכעל", אז איך פלעג איהר זינגען — אינדערהויך, אָדער שטילינקערהייט — אומגעהענדיג איבער׳ן שטוב אָדער שפּאַצירענדיג איבער׳ן גאַס. דער כשוף איז געלעגען נאָר אין דעם נגון. די ווערטער האָבען מיר געקלונגען אומגעלומפּערט.

ווען די זילבערמאַן־חיימאָוויטש קאָמפּאַניע האָט זיך דאָ באַזעצט, האָב איך שוין א היבשע ביסעל דורכגעלעבט, געלעזען און זיך אָנגעזעהן. דאָ איז מיין לעבען איבערהויפּט געווען פילפאַכער ווי אין רוסלאַנד. יעדער יאָהר, וואָס איך האָב דאָ פאַרבראַכט, האָט מיר געגעבען שטראָמען מיט נייע ערפאַהרונגען. איך בין א היבשע ביסעל ענטוויקעלט געוואָרען, און דער אידישער טעאַטער, וועלכער איז דאַן געווען אַזוי רוי, האָט מיר פּשוט אָפּגעשטויסען.

פון טוירן־האָל האָט דער אידישער טעאַטער זיך אריבערגעקליבען אויף דער באוערי, וואו ער האָט זיך א נאָמען געגעבען „אָריענטאַל טעאַטער". שפּעטער איז פון רומעניען אהער געקומען ראָזא גאָלדשטיין, וועלכע האָט דאָ געהייראַט דעם אַקטיאָר

קארפ. זי איז געװען א שעהנע פרוי און א שעהנע זינגערין. צװיי־שען איהר און מאדאם חיימאָװיטש (די שפּעטערע מאדאם אד־לער) איז אָנגעגאנגען א קאָנקורענץ. אלס זינגערין האָט מאדאם גאָלדשטיין געהאט מעהר ערפאָלג. איך בין איהר געגאנגען הערען א פּאָר מָאָל, אָבער די פּיעסען און דאָס שפּילען זיינען מיר געװען דערװידער. איך בין פון דער גאנצער אידישער טעאטער װעלט געװען זעהר װייט. אין דיזער װעלט זיינען פּאָרגעקומען צוזאמענ־שטויסען צװישען צװיי „פּאטריאָטישע" לאגערען, פון װעלכע איך האָב קיין באגריף ניט געהאט.

קיין גלענצענדע געשעפטען האָט דער אידישער טעאטער אין יענע יאָהרען ניט געמאכט. זיי פלעגען שפּילען לויט א קאָאָפּעראַ־טיװען פּלאן. די פארשידענע אקטיאָרען פלעגען באקומען פּאר־שידענע פּראָצענטען אָדער „מארקען", װי זיי רופען דאָס, יעדער װעדליג זיין טאלאנט אָדער פּאָפּולאריטעט; און זיי האָבען קוים געהאט װאָס צו עסען. די אידישע באפעלקערונג איז דאן נאָך ניט געװען גרויס און דער דאָלאר איז דעם אימיגראנט אָנגעקומען פיל שװערער װי היינט.

אין סעפּטעמבער 1886 איז קיין ניו יאָרק אראָפּגעקומען א נייע אידישע טרופּע, א גרעסערע װי די ערשטע. זי איז געקומען פון יאסי, רומעניען. די אקטיאָרען זיינען אָבער מייסטענס געװען פון רוסלאנד. אין רוסלאנד איז דער אידישער טעאטער פארבאָטען געװאָרען; זיינען די קאָמפּאניעס, װאָס פלעגען שפּילען אין אָדעס און אין אנדערע רוסישע שטעדט, זיך צופאָהרען. א פּאָר קאָמפּאניעס, מיט דזשייקאָב פּ. אדלער און מאדאם ליפּצין צװישען זיי, האָבען זיך נעפלאָנט אין לאָנדאָן. פאָהרען קיין אמעריקא האָט געפאָדערט צו גרויסע קאָסטען. די יאסי'ער קאָמפּאניע האָט זיך אָבער צוזאמענגערעדט מיט צװיי אמעריקאנער מענערדזשערס, דראָזדאָװיטש און ראָזענגארטען, און זיי האָבען זיי אראָפּגעבראכט קיין ניו יאָרק.

די פיר װיכטיגסטע שױשפּילער אין דיזער קאָמפּאניע זיינען געװען זיגמונד מאָגולעסקאָ, פיינמאן, דוד קעסלער און פינקעל. א באדייטענדע קראפט איז אויך געװען װיינבלאט. צו זייער קאָמ־

פאניע האט אויך געהערט „פראפעסאר" הורוויץ, הויפטזעכליך אלס דראמאטורג, אבער אויך אלס שוישפילער. אזוי איז דאן ביי די אידישע אקטיארען געוועז איינגעפיהרט. ליטיינער, דער דראמא־טורג פון דער אריענטאל קאמפאניע, האט אויך געשפילט.

די וויכטיגערע צווישען די אקטריסעס זיינען געוועז פינקעל'ס ערשטע פרוי, אלס פרימאדאנא, מרס. עדעלשטיין, אלס דראמאטישע שוישפילערין, און נאך א פאר. לעאן בלאנק איז אויך געוועז אין דער ארגאניזאציע, אבער נאך ניט אלס שוישפילער, נאר אלס איינער פון דעם כאר.

אין ניו יארק האבען דראזדאוויטש און ראזענגארטען קיין טעאטער ניט געקענט געפינען. האבען זיי באשלאסען צו נעהמען די קאמפאניע קיין שיקאגא. אבער מאגולעסקא האט זיך ענט־זאגט צו פאהרען אהין. ער האט געוואלט שפילען ניט אנדערש ווי אין ניו יארק. האט זיך אנגעפאנגען א פראצעס, און איידער וואס־ווען, האט די קאמפאניע גאר ניט געטארט שפילען. דריי מאנאטען האבען זיך אזוי אפגעצויגען. דיזע דריי מאנאטען האט די קאמפאניע נאכהער געדענקט אלס די שרעקליכסטע הונגער־צייט, וואס זיי האבען ווען עס איז געהאט. די מיטגלידער זיינען אומגעגאנגען צו עטליכע טעג נאכאנאנד בוכשטעבליך ניט געגעס־סענערהייט.

די קאמפאניע האט געוואונען די קייס. דאן האט איינער פון איהרע לאיערס מיט א פארטנער זיך גענומען זוכען א טעא־טער פאר איהר. ענדליך האבען זיי געדונגען א קליינינקען טע־אטערל אויף דער באוערי, ניט ווייט פון גרענד סטריט. ער האט געהייסען „נעשאנעל טעאטער". זיי האבען איהם אבער א נאמען געגעבען „רומעניען אפערא־האוס"—צום אנדענקען נאך דעם לאנד, פון וועלכען די שוישפילער זיינען געקומען קיין אמעריקא.

מאגולעסקא איז געוועז דער קאמיקער און דער מוזיק־מייס־טער פון דער קאמפאניע, ווערהענד קעסלער און פיינמאן זיינען געוועז איהרע צוויי דראמאטישע סטארס.

מאגולעסקא'ס טאלאנט און זיין פערזענליכער צויבער האט ארייגעבראכט א נייעם לעבען אין דער אידישער טעאטער וועלט. ער האט דעם עולם בוכשטעבליך גענומען מיט שטורם.

ווי מייסטע אידישע אקטיארען פון יענער צייט, איז ער פריהער געוועזן א משורר'ל. ער האט געזונגען אלס „אלט" ביי דעם בארימטען חזן ניסע בעלזער, צו דער זעלבער צייט ווען משה זילבערמאן האט ביי דעם זעלבען חזן געזונגען אלס טענאר. ווען מאגולעסקא האט אנגעהויבען צו שפּילען — אין גאלדפאדען'ס טרופּע — האט גלייך מיט איהם גענומען קלינגען; און ווען ער איז געקומען קיין ניו יארק, איז זיין טאלאנט שוין געוועזן ענטוויקעלט. . .

צוליב איהם איז פּלוצלונג פארגרעסערט געווארען דער אינטערעס פון דער אידישער באפעלקערונג אין דעם אידישען טעאטער בכלל. און צוליב איהם — דורך פייגענזאנ'ען — האב איך אויך אנגעהויבען אפּטער צו קומען צו אידישע פארשטעלונגען.

מאגולעסקא'ס קאמפּאניע האט אנגעהויבען איהר סעזאן מיט אפּערעטקעס, וועלכע מען פלעגט דאן שפּילען אויף אלע שפּראכען: „פעריקאלא" און „בלוי־בארד". זיי האבען אבער אויך געשפּילט א פּאר זאכען פון אידישע פארפאסערס און פון דיזע האט דעם גרעסטען ערפאלג געהאט שייקעוויטש'עס „קאקעטע דאמען". דאס איז געוועזן א גאנץ ביליגע שונד־מעשה פון דעם פארצייטיגען שנים: א מעשה וועגען דער פרוי פון א פיינעם בעל־הבית, וועלכע פיהרט א ראמאן מיט א יונגען שארלאטאן. די פארהייראטע קאקעטקע איז ניט נאר צולאזען, נאר אויך א שלעכטע שטיף־מאמע. זי פארטרייבט פון שטוב איהר מאן'ס טאכטער פון אן ערשטער פרוי. דעם שארלאטאן גיט מען אפּ פאר א סאלדאט און ער ווערט פארשוואונדען. פילע יאהרען שפּעטער באווייזט ער זיך ווידער — אלס אן אלטער, אויסגעדינטער סאלדאט, א שכור. זיין אמאליגע געליבטע האט אן ערוואקסענע טאכטער און די מאמע מיט דער טאכטער קאקעטעווען צוזאמען (אזוי ווי די מוטער און די טאכטער אין גאגאל'ס „רעוויזאר"). דער שכור פאדערט געלט, און ווען די דאמע וויל איהם ניט געבען, באווייזט ער מיט א צעטעלע אז איהר טאכטער איז זיין קינד. דער פיינער בעל־הבית טרייבט ארויס אי זיין ווייב, אי איהר טאכטער.

אין דער פּיעסע איז פאראן א „שפּרינגע די מעקלערקע".

שפּרינצע קומט צו אַ דאָקטאָר, און דערביי זינגט זי קופּלעטען. די מעקלערקע דאַרף מען אין דער פּיעסע האָבען, ווייל די פּאַר־טריבענע יתומה מוז נעבאך ווערען אַ דינסט־מיידעל און שפּרינ־צע פאַרזאָרגט דינסט־מיידלאך מיט שטעלען.

די ראָלע פון שפּרינצע האָט געשפּילט מאַגולעסקאָ, און כל זמן שפּרינצע איז געווען אויף דער ביהנע, פלעגט דער טעאַטער ניט אויפהערען צו שטורמען און צו דונערען. די ראָלע פון דעם יונגען שאַרלאַטאַן אין ערשטען אַקט, און די ראָלע פון אַלטען שכור אין דעם לעצטען אַקט פלעגט אויך שפּילען מאַגולעסקאָ. האָט מען אין אידישען קוואַרטאַל ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען די וואונדערען וואָס ער באַווייזט, שפּילענדיג דריי ראָ־לען אין איין פּיעסע.

אַ געבאָרענער הויך־באַגאַבטער קינסטלער איז ער געווען, אָבער זיין פּערזענליכער חן האָט געהאַט פּונקט אַזוי פיל צו טאָן מיט זיין ערפאָלג ווי זיין קראַפט אַלס אַרטיסט. ער האָט די טעאַטער באַזוכער פאַר'כשופ'ט — מיט זיין זינגען אַזוי גוט ווי מיט זיין שפּילען. זיין שטימע גופא פלעגט עלעקטריזירען זיינע צוהערער, אי בשעת ער האָט געזונגען, אי בשעת ער האָט גערעדט. חן איז אויך געלעגען אין זיינע מינעס און באַוועגונ־גען. זיין יעדער קעהר איז דעם עולם ליב געווען.

די ערשטע פּיעסע, אין וועלכער איך האָב איהם געזעהן, איז געווען „די קאָקעטע דאַמען“. זיין טאַלאַנט און זיין חן האָבען די נאַרישע מעשה באַלויכטען מיט שטראַהלען פון אַ געטליכען פייער. פון יענעם אָווענט אָן ביז מאַגולעסקאָ'ס טויט, בין איך געווען איינער פון זיינע פאַרעהרער.

7.

„טיסאַ עסלער“. — „פּראָפעסאָר“ הורוויץ. — פיינמאַן, דייוויד קעסלער. — „היסטאָרישע אָפּערעס“. — אַ צווילינג פון אדעם.

אַ צווייטע פּיעסע פון דיזער קאָמפּאַניע, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג, איז געווען „טיסאַ עסלער“, פון „פּראָפעסאָר“

הורוויץ. מיט עטליכע יאָהר פריהער איז אין דער אונגארישער שטעדטעל טיסא עסלאר פאָרגעקומען אן עלילת־דם געשיכטע, מיט וועלכער עס האָט געקאָכט די גאַנצע אידישע וועלט. א איד, א שמש פון א שוהל, איז ארעסטירט געוואָרען אויף דער באשולדיגונג, אז ער האָט געקוילעט א קריסטליך קינד און געברויכט די בלוט אויף פסח. די סענסאציע איז געווען ספּעציעל גרויס דורך דעם, וואָס זיין אייגענער זוהן, מאָריץ, א אינגעל פון דרייצעהן יאָהר, איז געווען דער הויפּט־עדות געגען איהם. מען האָט מאָריץ'ן ארייגענומען אין טורמע, און דאָרטען האָט ער זיך „מודה געווען". ער האָט דערציילט מיט איינצעלהייטען ווי זיין פאָטער האָט געקוילעט דעם קריסטליכען באָי, און ווי ער, מאָריץ, האָט דאָס אליין געזעהן דורך דער לעכעל פון א טיר. עס איז געווען דייטליך, אז מאָריץ'ן האָט מען „אָנגעסטראָיעט". דער אונשולדיגער שמש איז ענדליך באפרייט געוואָרען.

די פּיעסע איז געווען צו לאַנג פאר איין אָווענט; איז זי געווען צוטיילט אויף צוויי טיילען און איז געשפּילט געוואָרען אין צוויי אָווענטען.

די ראָלע פון דעם שמש האָט געשפּילט פיינמאַן און די ראָלע פון דעם אינגעל — מאָגולעסקאָ. „פּראָפעסאָר" הורוויץ האָט געשפּילט דעם פּארטיידיגער. מען האָט גלייך געקענט זעהן, אז ער רעדט ניט לויט א געשריבענער ראָלע, נאָר אז ער האַלט סתם א רעדע. ביי דריי פערטעל שטונדע האָט ער אָפּגערעדט. און וואָס האָט ער דאָרטען ניט אריינגעזאָגט! און אַלץ אויף „דייטשמעריש", נאַטירליך. דעם נעקסטען מאָל פלעגט ער האַלטען אנאנדער רעדע.

פיינמאַן איז געווען א יונגערמאַן מיט א שווער־קלינגענדער באריטאָן שטימע. ער פלעגט זיינע ווערטער דעקלאַמירען אויף דעם אַלט־מעלאָדראַמאַטישען שטייגער, וועלכען דער עולם האָט דאַן ליב געהאַט — יעדענפאַלס מעהר ווי היינט.

די קאָמפּאַניע האָט אויך געשפּילט „די צוויי קוני לעמעלס" און „שמענדריק", און אין ביידע פלעגט מאָגולעסקאָ ארויסרופען שטורמען פון אַפּלאָדיסמענטען און געלעכטער.

דייוויד קעסלער איז אויך געווען זעהר ערפאָלגרייך. עס איז אָבער געווען אַ גאַנץ אַנדער קעסלער ווי דער, וואָס איז געווען באַריהמט שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אין די מיטעלע יאָהרען. ער פּלעגט שפּילען „העלדען"־ראָלען, ריידען מיט אַ „העלדען"־שטימע און טאַנצען מיט „העלדען"־פיס. פון דעם טאַלאַנט, וואָס האָט זיך אין איהם ענטוויקעלט שפּעטער, איז דאַן ניט געווען קיין שפור. אין יענע יאָהרען פלעג איך איינפאַך ניט האָבען קיין געדולד צו איהם. אָבער דער טעאַטער עולם איז מיט מיר ניט געווען איינפאַרשטאַנען. מען האָט פון איהם געקוואָלען — ניט נאָר פרויען, נאָר מענער אויך.

אין דעם זומער פון 1888 האָב איך איהם אמאָל געזעהן געהענדיג איבער איסט בראָדוויי — אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ הויכען קאַפּעלוש, אין אַ לאַנגען ראָק און מיט אַ פראַנטען־שטעקעלע אין האַנט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט קוקען, ניט אזוי אויף איהם, ווי אויף דעם קראַוד, וואָס איז איהם נאָכגע־לאָפען — איניגע מיט שיינענדיגע פּנים'ער, מיט שמייכלען, אין וועלכע עס האָט זיך געשפּיגעלט באַוואונדערונג; אַנדערע — מיט אַן אויסדרוק פון עהרפורכט אויף זייערע געזיכטער.

צוויי שילער מיינע, אַן אַדעסער צווילינג, עהנליך איינער צום אַנדערען ווי צוויי טראָפּענס וואַסער, און ביידע שעהנע יונגען, זיי־נען אמאָל צוגעשטאַנען צו מיר אז איך זאָל מיט זיי געהן זעהן ווי קעסלער שפּילט די העלדען־ראָלע אין אַ געוויסער „היסטאָרישער אָפּערא".

דיזע „היסטאָרישע אָפּערעס" זיינען געווען אַן „ערפינדונג" פון „פּראָפעסאָר" הורוויץ, און זיי האָבען דערגרייכט די נידעריג־סטע מדרגות פון אונזין און געשמאַקלאָזיגקייט, צו וועלכע דער אידישער טעאַטער איז ווען עס איז דערגאַנגען. אזוי ווי מאָגולעס־קאָ האָט אין יענער פּיעסע געהאַט אַ קליינע ראָלע, האָב איך אויף זייער איינלאַדונג געזאָגט אַ תירוץ. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. זיי האָבען זיך אזוי געבעטען, אַז איך האָב געמוזט געהן.

קעסלער איז אַרויסגעקומען אויף דער ביהנע אלס אַ „פּרינץ". ער האָט געטראָגען אַ „שפּאַנישען" הוט מיט אַ גרינעם פעדער, און

א קאָסטיום עפּעס פון מיטעלאַלטער. ער האָט ארומגעשפּרייזט מיט „פּרינציפּעלע" טריט, דעקלאַמירט „פּראָפעסאָר" הורוויץ'עס „מליצה" מיט א „פּרינציפּעלען" נגון, און דער עולם האָט זיך גע־שמאַלצען אין נחת.

איינער פון דעם צווילינג האָט אין דער צייט פון דער פאָר־שטעלונג עטליכע מאָל מיר אריינגעקוקט אין די אויגען, און צו־קערדיג געפרעגט ווי מיר געפעלט.

איך האָב איהם ניט געוואָלט צושטערען זיין פארגעניגען, האָב איך געענטפערט אז איך וועל איהם זאָגען מאָרגען, ביים לעסאָן. אויף מאָרגען, ווען איך בין צו זיי געקומען, האָבען מיר זיך צום ביכעל ניט צוגעריהרט. מיר האָבען די גאנצע שטונדע אָפּגערעדט וועגען קעסלער'ן. איך האָב ערקלערט און ערקלערט; ס'איז אָבער געווען אומזיסט די מיה! זיי האָבען אַלץ געשריען: „ער איז דאָך אזוי שעהן, אזוי שעהן! און די גרינע פעדער, ווי שעהן זי פּאַסט איהם!"

ווען איך פלעג קריטיקירען די אידישע שוישפּילער, אין פּרי־וואַט געשפּרעכען, פלעג איך זיך אויסדריקען, אז זיי דעקלאַמירען מיט'ן מויל און מיט די פּים. וועגען מאָגולעסקאָ'ן פלעג איך דאָס ניט זאָגען. ער האָט זעלטען דעקלאַמירט. ער פלעגט זיך אריינ־לעבען אין זיין ראָלע און מייסטענס ריידען מיט א נאַטירליכען טאָן.

8.

הורוויציזם. — טעאַטער קאָנקורענץ. — אברהם גאָלד־פאדען.

וואָס איך האָב געזאָגט וועגען די „היסטאָרישע אָפּערעס", קען אויך גערן אויף דעם אידישען טעאַטער אין אַלגעמיין. דאָס איז געווען דער נידעריגסטער צושטאַנד, אין וועלכען ער האָט זיך ווען עס איז געפונען. וואָס מען זאָל ניט זאָגען וועגען גאָלדפאדען'ס ווערק און גאָלדפאדען'ס איינפלוס — טאַלאַנט האָט ער געוויס געהאַט, און זיין טעאַטער איז יעדענפאַלס צו אזא באַלאַגאַן־מישענינע ניט דערגאַנגען. מאָגולעסקאָ'ס טאַלאַנט

און ביהנע־חן פלעגט פון דיזער „באַלאַנשטשינע" ארויסשיינען ווי א דימענט פון א זומפּ.

יאָזעף ליטיינער האָט מיט הורוויץ'ן קאָנקורירט, און עס זיינען געווען צייטען, ווען ליטיינער'ס א פּיעסע איז נעגאנגען פילע וואָכען און האָט דער אָריענטאַלַ קָאמפּאניע אריינגעבראכט גרויסע סומען, ווערענד הורוויץ'עס פּיעסען זיינען דורכגעפאלען. און דאָך איז הורוויץ געווען די לייטענדע פיגור אין דער אידישער טעאַטער וועלט און דער הורוויציזם איז געווען דער לייטענדער גייסט אין איהר. אום צו באקומען א באגריף וועגען דיזען קאפּיטעל פון דער אידישער טעאטער געשיכטע, מוז מען צוערשט האָבען א באגריף וועגען דער פּערזאָן, וועלכע האָט אין איהם געשפּילט דיזע הערשענדע ראָלע.

הורוויץ'ס עלטערן זיינען געווען פון גאַליציע. די פאמיליע האָט אָבער עמיגרירט קיין רומעניע, וואו זיין פאָטער איז געווען א מלמד. דאָרטען האָט דער אינגערער הורוויץ אָנגעפאַנגען זיין טעאַטער קאַריערע. זיין פריהערדיגער לעבען איז גענוי ניט באקאנט. עס איז געווען אַלגעמיין אָנגענומען, אז ער האָט זיך גע'שמדט; מען האָט געזאָגט, אז ער איז געווען א מיסיאָנער, און אייניגע פון די אקטיאָרען (ווייכבלאַט, צום ביישפּיל) פלעגען איהם אין די אויגען רופען „פּראָפעסאָר משומד". ער פלעגט דאָס איהם, נאַטירליך, רופען אין א טאָן פון שפּאַס, אָבער אי ווייכבלאַט אי די אנדערע שוישפּילער זיינען געווען זיכער, אז דער טיטול „משומד" איז געגרינדעט אויף אַן אמת.

ער האָט געקענט העברעאיש און דייטש, און זיין אידיש איז געווען שטארק באדייטשט. אז ער האָט געהאַט פעהיגקייטען, האָט קיינער ניט געקענט צווייפלען, און אַז ער האָט געהאַט ענערגיע — אודאי ניט. א פלאקער פון ענערגיע און אונטערנעמונגס־גייסט איז דאָס געווען! און אַלס אוואַנטוריסט האָט ער צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט.

לעאָן בלאַנק האָט איהם אין די אכציגער יאָהרען אמאָל געזעהן איז א רומענישע שטעדטעל — אַן אָפּגעריסענעם, א פאַרוואַקסענעם, מיט א ניט־געשאָרענער באָרד, מיט א גרויכע

לאך אין ארבעל, און מיט צודרעהטע, צוריסענע שיך. אין עטליכע טעג ארום איז ער שוין געווען אויסגעפוצט, ארומגעגאלט און אויסגעפראנטעוועט ווי א רייכער פריץ.

אין די עטליכע טעג האט ער אויפגעשטשאבעט א קנאסעדיגע פיעסע, געקראגען א אידען מיט געלט, און די מויערען פון דער שטעדטעל זיינען פארקלעפט געווארען מיט אפישען, מיט זיין נאמען אין גרויסע בוכשטאבען.

„פראפעסאר מ. איש הורוויץ הלוי" — אנדערש פלעגט ער זיך ניט רופען. ווער עס האט איהם געגעבען דעם טיטול „פראפעסאר", האט מען ניט געפרעגט. דאס איז שוין געווען א קלייניגקייט.

ער האט געהאט א ליידענשאפט צו קעררידזשעם מיט טייערע פערד, אויף דעם אייראפעאישען פריצישען שטייגער. עס פלעגט טרעפען, אז נעכטען האט ער ניט געהאט וואס צו עסען, און היינט זעהט מען איהם שוין אין א קעררידזש מיט פיער פערד און א לאקעי אין א ליווריע, מיט גילדערנע באפוצונגען. ער האט אמאל ביי זיינער א דינסט געבארגט פינף הונדערט דאלאר און געקויפט א פערד מיט א קעררידזש.

עס זיינען געווען צייטען, ווען זיין טעאטער האט צונעלייגט געלט, און די אקטיארען האבען געליטען הונגער, און ער פלעגט זיצען הינטער א קוטשער מיט בלישטשענדע קנעפ און גאלד־בענדער ארום דעם קראגען און די ארבעל, און פאהרען דורך די גאסען פון ניו יארק ווי א רומענישער גראף.

דעם אינהאלט פון זיינע פיעסען פלעגט ער מייסטענס נעמען פון דייטשע טעאטער־שטיק אדער ראמאנען, פון שונד־ווערק פון פארשידענע צייטען און פארמען. אדער אז ניט, פלעגט ער נעמען א קאפיטעל העברעאישע געשיכטע און דאס צוזאמענ־שטשאבען מיט א שונד־מעשה און צונעבען אייגענע שארלא־טאנסקע איינצעלהייטען. ווענען טאלק, ווענען לאגיק, ווענען פראפארציע האט ער זיך קיינמאל ניט געזארגט.

זיין הויפט קאנקורענט, יאזעף ליטיינער, פלעגט אויך נעמען זיינע סוזשעטען פון פארטיגע ווערק, אבער ער פלעגט זיך וויינינסטענס געבען מיה זיי צו באארבייטען לויט זיין פארשטאנד.

הורוויץ האָט זיך אפילו ניט געוואָלט נעמען קיין צייט דערצו. כמעט איבער נאכט פלעגט ער „אויסבאקען“ א פיעסע. אמאָל פלעגט טרעפען, אז אין דעם אָוונט ווען די דראמע האָט געדאַרפט אויפגעפיהרט ווערען, איז זי נאָך ניט געווען פארטיג. עס פעלט נאָך אן אקט אָדער אן אקט־און־א־האלב. דאָס האָט איהם אָבער ניט געקימערט. „נעווער מיינד! — פלעגט ער זאָגען צו די שוישפּילער — שטעלט! מיר וועלען שוין זעהן“. און אנשטאָט א פערטען אקט, פלעגט ער ארויפגעהן אויף דער ביהנע, אָנגעטאָן ווי א טערקישער סולטאן, צום ביישפּיל, און פלעגט ריידען און טענה'ן אויף וואָס די וועלט שטעהט.

דער לעזער וועט פרעגען: וואו האָבען אָבער די אנדערע שוישפּילער גענומען ווערטער צום ריידען? פלעגט הורוויץ זיך אזא עצה געבען: א מינוט פאַר דעם ווי דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף, זאָגט ער צו וויינבלאַט'ען: „וואָס איך וועל ניט זאָגען, זאָלסטו צושאָקלען מיט'ן קאָפּ“.

ער, הורוויץ, איז דער טערקישער סולטאַן און וויינבלאט איז דער שני למלך. דער טערקישער סולטאן רעדט, און דער שני למלך שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און דער עולם האָט הנאה.

הורוויץ האָט דער ערשטער איינגעפיהרט אידישע מאַטינעע פאָרשטעלונגען. דער טעאַטער עולם איז דאַן געווען אזוי אונוויסענד און אזוי וויי‍ניג צוגעוואוינט צו אזעלכע זאכען, אז וויי‍בער האָבען א לאַנגע צייט ניט געוואוסט וואָס „מאַטינעע“ הייסט. די פאָלגענדע פּאסירונג איז ניט קיין אויסגעקלערטע, נאָר א פאַקט:

א אידענע איז אריינגעקומען קויפען טיקעטס אויף שבת און געפרעגט:

„וואָרום שפּילט איהר די דריטע וואָך דיזעלבע פיעסע?“

עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז זי האָט געמיינט דאָס „מאַטינעע“ איז דער נאָמען פון דער פיעסע.

הורוויץ'ס הויפּט קאָנקורענט איז, אלזא, געווען יאָזעף לאַטיינער. עס איז פאַרשפּרייט אן איינדרוק, אז לאַטיינער האָט

גענומען שרייבען פיעסען אין אמעריקא. דאס איז א טעות. עס איז אמת, אז ער איז געקומען קיין אמעריקא פון לאנדאן, און אז אין לאנדאן האט ער געארבייט אלס בארבער. ער האט אבער געשריבען פיעסען איידער ער איז געקומען קיין לאנדאן, ווען ער האט נאך געוואוינט אין רומעניען, וואו ער איז געווען א לעהרער. עס איז א פאקט, אז ער האט פארפאסט א פיעסע מיט דעם סוזשעט פון „שולמית" איידער גאלדפאדען האט זיין „שולמית" געשריבען. ביי איהם האט זי געהייסען „די ליבע פון ירושלים". דאס הייסט אבער ניט, אז דאס איז געווען אן אריגינעלע ווערק. איהם האט דערצו געדינט מאפו'ס ווערק „אהבת ציון". דערנאך האט גאלדפאדען געשריבען זיין „שולמית", וועלכע איז א פיל טאלאנטפולערע ווערק.

די קאנקורענץ צווישען די צוויי טעאטערס און די קאנקורענץ צווישען די צוויי שרייבער מיט זייערע פאטריאטען־מחנות האט זיך פאנאנדערגעברענט. זי האט אנגענומען אזעלכע ווילדע פארמען, ווי די אידישע דראמאטישע ליטעראטור פון יענער צייט. די געגענזייטיגע אטאקעס פלעגען אמאל געפיהרט ווערען אויף דער ביהנע גופא. צווישען די אקטען פלעגט ארויסקומען א מענעדזשער אדער א שוישפילער און נעמען באמבארדירען דעם געגענזייטיגען טעאטער; אפט פלעגט מען דאס טאן אויף אנאנדער ארט: מען פלעגט ארײנשטעלען ספעציעלע פערזען אין די קופלעטען, וואס מען פלעגט זינגען צווישען די אקטען — קופלעטען מיט זידלערייען אויף די קאנקורענטען. אמאל פלעגט מען זאגאר עטליכע ווערטער אזעלכע ארײנשטעלען אין דער פיעסע גופא.

א געוויסער טייל פון דעם עולם פלעגט נאכפאלגען דיזע ווארט־מלחמות צווישען די צוויי ביהנעס מיט גרויס אינטערעס.

אברהם גאלדפאדען איז אויך אריבערגעקומען, אבער קיין סך נחת האט ער דא ניט געהאט. צו א טעאטער זיך צושלאגען איז איהם געווען שווער, און ווען ער האט דא געפרופט שרייבען נייע פיעסען, האט זיין טאלאנט איהם ניט געקענט דינען. דער

אמעריקאנער טעאטער מארק האט געפאדערט א גאנץ אנדערען סארט סחורה.

איך בין מיט איהם באקאנט געווארען אין דעם אפיס פון דעם „פאלקס־אדוואקאט“, א אידישע וואכען־בלאט, וועלכע האט זיך געהאט געגרינדעט מיט א קורצער צייט צוריק, מיט געצעל זעליקאוויטש'ן אלס רעדאקטאר און מיט דעם אויבען־דערמאנטען שור און איינעם מיכאיל מינץ (א ברודער פון מאזעס מינץ) אלס פאבלישערס. איך פלעג אריינקומען אהין, און א פאר מאל האב איך פאר דער צייטונג געשריבען. גאלדפאדען פלעגט פאר מיר זיך באקלאגען אויף די ניו יארקער אידישע טעאטערס, אז מען באצאלט איהם ניט קיין „ראיאלטים“ פאר זיינע פיעסען. ער האט שארף קריטיקירט הורוויץ'ען און לי־טיינער'ען און די שוישפילער. די שוישפילער פלעגט ער אנ־רופען מיט זייערע ערשטע נעמען („דוד'ל“, „משה'לע“), ווי ער איז געוואוינט געווען זיי צו רופען אין רוסלאנד, ווען זיי זיינען צו איהם אנגעקומען זיך לערנען די „מלאכה“. ער פלעגט אפט געברויכען אווארט וואס מען קען ניט דרוקען. ער האט גע־רעדט מיט הומאר, דאס רוב מיט א שמייכעל. אין רומעניען און אין רוסלאנד פלעגט ער אויף זיי קוקען ווי א בעל־הבית קוקט אויף זיינע משרתים. ער האט זיי אלעמען „פאר מענ־שען געמאכט“, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקען. דאס רוב פון זיי זיינען צו איהם געקומען פון דער טיפסטער ארימקייט און אונוויסענהייט. פריהער זיינען זיי געווען משוררים'לעך, זינגער־לעך ביי חזנים אדער אין די אדעסער ווײן־קעלערען. אין זיין טרופע האבען עטליכע פון זיי באקומען נעמען און ער פלעגט פאר מיר טענה'ן, אז זיי זיינען אונדאנקבאר, אז זיי געדענקען ניט „ווער עס האט זיי פאר מענשען געמאכט“.

ווען איך דערמאן זיך איצט וואס פאר אן איינדרוק ער האט אויף מיר געמאכט, דערמאן איך זיך ווי שטארק עס האט זיך אין איהם געפיהלט דער אידישער אקטיאר פון יענע צייטען. אליין האט ער זעלטען געשפילט. דער אקטיארישער איינפלוס האט זיך אבער געשפירט אין זיין ריידען און אין זיינע מאניערען. עס

האט זיך אָבער אויך געפיהלט זיין טאלאנט. אין א שמועס איז ער געווען גייסטרייך און אינטערעסאנט.

.9

א סאלון־קיפּער. — „דוד׳ס הארף״. — טהאָמאשעווסקי, אדלער, שעהנגאָלד. — רודאָלף מארקס.

אין 33 קאנעל סטריט, צווישען עסעקס און לאָדלאָו, האט א איד מיט׳ן נאָמען שרייבער געהאלטען א סאלון, און דאָרטען איז געווען דער מיטעל־פּונקט פון דער דאמאָלסדיגער טעאטער־וועלט.

אויב דער לעזער גערענקט די סצענע אין וואגאן, ווען איך בין אפּגעפאָהרען פון קיעוו, גערענקט ער אויך דעם שעהנעם יונגען מאן מיט דער בלאָנדער באָרד, ועמען פריינד האָבען באגלייט מיט געזאנג און מיט וויין. דאן האָב איך וועגען איהם קיין באגריף ניט געהאט און זיין נאָמען ניט געוואוסט. איך האָב איהם גע־אורטיילט לויט דעם איינדרוק, וואס ער האָט אויף מיר געמאכט אונבאקאנטערהייט.

אין יענעם היסטאָרישען שבת־צו־נאכט, אונטער דער וויר־קונג פון דער אונפארגעסליכער סצענע, און ספּעציעל אונטער דער ווירקונג פון די געזאנג און די צו־ווינשונגען, פון וועלכע ער איז געווען די צענטער־פיגור, האָט ער זיך מיר פאָרגעשטעלט מיט פּאָעטישע פארבען. איך בין געווען זיכער, אז ער איז א למדן א משכיל, און א אידעאליסט.

ער איז אויך געפאָהרען קיין ניו יארק. אין ניו יאָרק האָב איך שפּעטער זיך דערוואוסט, אז ער האלט א סאלון.

ער איז ניט געווען קיין למדן, ניט קיין משכיל און ניט קיין אידעאליסט.

דאָס איז געווען דער מיסטער שרייבער, ביי וועמען עס פלעגען זיך צונויפקומען אידישע אקטיאָרען און זייערע אָנהענגער (דעם וואָרט „פּאטריאָטען״ האָט מען נאָך דאן ניט געהאט „ענטדעקט״).

די וואָס האָבען איהם געקענט האָבען מיר געזאָגט, אז ער איז אין די „פיר איילען" פון א למדן אָדער משכיל קיין מאָל ניט געשטאַנען; אז ער איז א איד אן עם הארץ — א פּאָלשטענ־דיגער.

איך בין ביטער ענטוישט געוואָרען. איך בין געווען אין כעס אויף זיך אליין, פאַרוואָס איך האָב וועגען איהם באַקומען אַזאַ פאַלשען איינדרוק. און אויף איהם בין איך געווען מלא רציחה, אַזוי ווי ער וואָלט מיר יענעם שבת־צו־נאַכט באַשווינדעלט. יעדעס מאָל וואָס איך פלעג איהם באַגעגענען אויפ'ן גאַס, אָדער זעהן איהם ביי דער טיר פון זיין סאַלון, פלעג איך האָבען דיזען געפיהל. נאַדיר א למדן! נאַדיר א משכיל, א אידעאַליסט!

שפּעטער האָב איך זיך וועגען איהם דערוואוסט, אז ער איז א גוט־הערציגער און א קלוגער. אין קיעוו, וואו ער האָט גע־האַנדעלט מיט לימענעס (לעמאָנס, ציטראָנען), האָבען איהם אַלע געקענט פאַר אן עהרליכען מאַן. און אַזוי ווי ער איז געווען א קלוגער און א גוטער, האָט ער דאָרטען געהאַט א סך פריינד. דאָ אין ניו יאָרק האָט ער זיך אויך ערוואָרבען א מאַסע גוטע ברידער. דורך דעם, און דורך זיין פּראַקטישען שכל, איז ער אין א קורצער צייט געוואָרען א וויכטיגע פיגור אין דער אידישער לאַדזשען וועלט. ער איז געווען פּרעזידענט אין א פּאָר צעהנדליג לאָדזשען, און איז געוואָרען די „מיניסטערסקע קאָפּ" פון דער אידישער טעאַטער־פּאָליטיק. פון די אַקטיאָרען גופא האָט זיין סאַלון גאָרניט געהאַט. פאַרקערט, זיי האָבען איהם שטענדיג גע־קאָסט א סך. וואָרים מיט זיין „פרי לאָנטש" האָט זיך געשפּייזט יעדער פון זיי וואָס האָט ניט געהאַט וואָס צו עסען, און פון זיין טיש־קעסטעל פלעגט ער זיי נאָך באָרגען מיט קליין־געלט.

זיין גוט־הערציגקייט, היימישע עהרליכקייט און שכל האָבען זיך יענעם אונפאַרגעסליכען שבת־צו־נאַכט מסתמא אָפּגעשפּיגעלט אויף זיין שעהנעם פּנים. דעריבער האָט ער דאָס מיר אויס־געזעהן אַזוי אינטערעסאַנט און סימפּאַטיש.

אונטער אַמעריקאַנער אומשטענדען האָט פילעס אין איהם אָנגענומען א נייעם כאַראַקטער.

ער און „פּראָפעסאָר" הורוויץ זיינען דאָ געוואָרען נאָהענטע

פריינד. זיי האָבען געהערט צו די זעלבע לאַדזשען, און אין די „פּאָליטישע" נייעס פון די אידישע טעאַטערס פלעגט מען זייערע נעמען אָפט הערען צוזאַמען.

דער סענסאַציאָנעלסטער שטאַפּעל אין הורוויץ'עס קאַריערע איז דערגרייכט געוואָרען ווען ער האָט געגרינדעט „דוד'ס הארף", א געזעלשאַפט, אין וועלכער די ביזנעס פון אַן אָרדען מיט לאַדזשעס האָט געזאָלט זיין פאַראייניגט מיט טעאַטער ביזנעס. דאָס איז געווען א מאָדנער „פּעטענט": דער מעמבער האָט איינגעצאָהלט צוויי דאָלאַר, און דערפאַר האָט ער, ערשטענס, באַקומען זיינע צוויי דאָלאַר צוריק, און אַלס צוגאָב—דרייערליי „בענעפיטס": זיבען דאָלאַר א וואָך, אויב ער ווערט קראַנק, 500 דאָלאַר אויף נדן פאַר זיין טאָכטער, ווען זי האָט חתונה, און 500 דאָלאַר פאַר זיין פרוי, ווען ער שטאַרבט.

די צוויי דאָלאַר באַקומט דער מעמבער ניט אין קעש, נאָר מיט טעאַטער טיקעטס פון דעם הורוויץ טעאַטער.

דער וואָס גלויבט ניט אין קיין נסים, וואָלט געפרעגט: פון וואַנען וועט זיך נעמען די געלט אויף אויסצוצאָהלען די אַלע בענעפיטס? אנשטאָט אַן ענטפער אויף אַזא קשיה, האָט הורוויץ געגעבען א קאָמיטע. די דאָזיגע קאָמיטע, מיט פּראָפעסאָר מ. איש הורוויץ הלוי אַלס פיהרער, און באַגלייט מיט א טעאַטער כאָר, פלעגט געהן פון לאַדזש צו לאַדזש. אומעטום האָט דער פּראָפעסאָר געהאַלטען א דייטשע רעדע וועגען דוד'ן מיט זיין געט־ליכער הארף, וועלבע וועט פאַר צוויי דאָלאַר א וואָך יעדען מעמ־בער געבען פאַר צוויי דאָלאַר טיקעטס און דרייערליי בענעפיטס א צוגאָב. נאָך דער רעדע פלעגט דער כאָר זינגען א קאַפּיטעל תהלים וועגען דוד'ן און זיין הארף.

דער עולם איז אומעטום אַזוי באַגייסטערט געוואָרען, אַז מען האָט ניט געפרעגט קיין קשיות, און צוויי דאָלאַרדיגע זיינען געפאַלען ווי שניי.

טויזענטער און טויזענטער מיטגלידער האָבען זיך פאַר־שריבען. אַן אוצר מיט געלד איז אַריינגעקומען אין דער קאַסע.

שרייבער איז געווען הורוויץ'עס שני למלך און הויפט־מיניסטער אין דעם „סקים“.

אלס א ספעציעלען פובליסיטי־מיטעל האט הורוויץ אויס־געקלערט א „הארף אָוו דייוויד פאראד“ — א גרויסע פראָצעסיע מיט פערד, מוזיק, לענטעס און פאָהנען לכבוד דעם נייעם אָרדען. ווענען דעם קומענדען פאראד האט מען אומעטום אנאָנסירט ווי וועגען א גרויסען פאָלקס יום־טוב. הורוויץ האט געהאלטען רעדעס, דער כאָר האט געזונגען, און צעהנדליגע הורוויץ־„פאטריאָטען“האבען אדווערטייזט די גליקען, וועלכע ער גאראנ־טירט יעדען מיטגליד פון דעם נייעם אָרדען. וואו מען איז געשטאנען און וואו מען איז געגאנגען, האט מען געהערט וועגען דעם קומענדען פאראד.

ווען איך האב וועגען דעם דערצעהלט א באקאנטען אמע־ריקאנער זשורנאליסט, האט ער מיך געבעטען איהם צו נעמען אויף קאנעל סטריט, ווען דער פאראד וועט דאָרטען דורכגעהן.

אין דער אנאָנסירטער צייט זיינען מיר אָנגעקומען אויף קאנעל סטריט, פונקט אנטקעגען שרייבער'ס סאלון, וואָרים דאָרטען האט באדארפט זיין דעם פאראד'ס וויכטיגסטער פונקט.ביידע סיידוואָקס זיינען שוין געווען געפּאקט מיט מענשען. מיר האָבען זיך קוים צוגעשטופּט צו א פלאץ, פון וועלכען מען האט געקענט זעהן די פראָצעסיע.

באלד האָבען זיך דערהערט די קלאנגען פון טרומייטען, און די שטימען פון א כאָר. איך געדענק דעם מארש. מיט דעם געפילדער, מיט דער אויפרעגונג. אין דער ערשטער רייהע, באגריסט מיט דונערענדע הוראס און אפּלאָדיסמענטען, האט מען געפיהרט אונטער די הענט דעם „פראָפעסאָר“ אליין—א דיקלעכער, מיט שווארצע האָר, מיט א שווארצע „שפּאנישע בערדעלע“, אין א הויכען קאפּעלוש, מיט א גרויסע ברוינע לענטע איבער'ן ברוסט; און נעקסט צו איהם, אויך אין א קאפּעלוש, און אויך מיט א גרויסער לענטע, האט מען געפיהרט זיין הויפּט־מיניסטער, שרייבער'ן, דעם סאלון־קיפּער.

איך זאָג, אז מען האט זיי געפיהרט, און אפשר האָבען זיי געריטען. פון דעם געפילדער און דער מישענינע איז די סצענע

אין מיין זכרון אפשר פארפלאנטערט אביסעל. אז עס זיינען געווען רייטער אין דער פראצעסיע — דאס געדענק איך קלאר. אייניגע פון די אנדערע, וואס האבען געזעהן דעם מארש, זאגען מיר, אז הורוויץ מיט שרייבער'ן זיינען געזעסען אויף פערד. אנדערע געדענקען אויך, אז מען האט זיי געפיהרט אונטער די הענט. איך בין זיכער, אז פארביי דעם סאלון, וויינינגסטענס, האבען זיי פארביי־געשפרייזט, מיט אונטערפיהרער פוןביידע זייטען, ווי שטאלצע פרינצען אזיאטישע.

אז די סצענע האט אויף מיך געמאכט אן עקעלהאפטען איינדרוק און אז איך בין פון איהר אוועק א נידערגעשלאגענער — דאס געדענק איך אויך.

„אט דאס ווילען די מאסען! — האב איך זיך געקלערט. די וואולגארסטע פארמע פון אמעריקאנער פרייהייט — אט דאס נעמט זיי! צו וואס דארפען זיי סאציאליסטישע רעדנער? טאמאני פאליטישענס און הורוויצעס — אט אזעלכע רעדנער דארפען זיי!"

„דוד'ס הארף" האט עקזיסטירט עטלאכע מאנאטען. הורוויץ האט זיך גענומען א טעאטער, געקויפט זיך א הויז, א פאר פערד פאר פופצעהן הונדערט דאלאר און — די גאנצע געשיכטע האט נעפלאצט. די וואס האבען געגעבען די צוויי־דאלארדיגע, האבען געשריען, געסטראשעט. זיי זײַנען אבער געווען מאכטלאז.

איך האב ווידער אויפגעהערט צו געהן אין אידישען טעאטער. איך פלעג הערען וואס פאר סארטען פיעסען מען שפּילט. און פון דעם וואס איך האב געהערט, האט זיך מיין אידישער טעאטער אפּעטיט ניט אומגעקערט. אפילו מאגולעסקא האט מיך אויפ־געהערט צו אינטערעסירען.

באָרים טהאמאשעווסקי'ן האבען מיר איבערגעלאזען אין דער צייט ווען ער פלעגט שפּילען מיידעל־ראלען און איז געווען דער וויכטיגסטער „סטאר" און „פרימאדאנא". דאס איז די „פאר־היסטארישע" צייט פון דעם אידישען טעאטער אין אמעריקא — די צייט, ווען איך בין געווען א בארדער ביי טהאמאשעווסקי'ס מוטער. אויף עטליכע יאהר איז ער פארשוואונדען פון ניו יארק.

ער האָט נעשפּילט אין שיקאַגאָ. אָבער מיט אַזעלכע איינצעל־הייטען פון די אידישע טעאַטער־נייעס בין איך דאַן ניט געווען באַקאַנט. פּלוצלונג האָב איך אָנגעהויבען זעהן זיין נאָמען און זיין פּאָרטרעט אויף גרויסע אַפישען. ער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָהר 22, אַ בילד־שעהנער, אַ בליהענדער יונג, מיט אַ געראָ־טענער פיגור, אַ הויכע און אַ קרעפּטיגע.

אין דיזע יאָהרען פון „היסטאָרישע אָפּעראַס“ און „ביבלישע פּרינצען“ איז ער געווען פּונקט אויפ׳ן פּלאַץ. קיין שעהנערען פּרינץ ווי ער האָט מען זיך ניט געקענט פאָרשטעלען. אַ ביבלישער פּרינץ „מוז“ טראָגען קורצע הויזלאַך (כדי די פרויען, וואָס קומען אין טעאַטער, זאָלען זעהן זיינע נאַקעטע פיס העכער ווי די קני); און טהאָמאַשעווסקי האָט געהאַט די שעהנסטע פּאָר פיס אויף דער אידישער ביהנע. אלזאָ, איז ער געוואָרען דער ליבלינג ביים עולם, הויפּטזעכליך ביי די פרויען. מיידלעך פלעגען אָפּשפּאָרען פון דאָס נויטיגסטע און קויפען אַ טיקעט צו אַ פּיעסע, אין וועלכער זיי וועלען זעהן טהאָמאַשעווסקי׳ן. זיי פלעגען זיך אָנזאָגען איינע די אַנדערע, אַז אין דער און דער ראָלע איז ער ספּעצ על נאַקעט און ספּעציעל שעהן. זיי פלעגען שטודירען יעדען ווינקעל, וואו ער שטעהט, און ווי אַזוי ער שטעהט און וואָס פאַר אַ סיט עס איז דער בעסטער פאַר דיזער פּיעסע. אמעריקאַנער דאַמען האָבען זייערע „מאַטיני איידאָלס“ — אַקטיאָרען־פראַנטען מיט שעהנע מענערשע פיגורען, עלעגאַנטע קליידער און אַריסטאָקראַטישע מאַניערען, וואָס זיי ווייזען אַרוים אויף דער ביהנע. די אַמעריקאַנער דאַמען קוועלען קוקענדיג אויף זיי. ביי די איסט סיידער דאַמען און מיידלעך איז באָרים טאָמאַשעווסקי געווען דער „מאַטיני איידאָל“.

אין יענער טייל פון זיין קאַריערע האָב איך איהם אויף דער ביהנע קיינמאָל ניט געזעהן. די איסט סייד איז אָבער געווען פול מיט באַריכטען וועגען איהם און זיין ערפאָלג, און די באַריכטען פלעגען צו מיר אָנקומען. ווער פון די עלטערע ניו יאָרקער אידען געדענקט דאָס ניט, ווי עס האָט זיך גערודערט מיט באָריס טהאָמאַשעווסקי׳ן אין דער ראָלע פון „אלכסנדר, דער פּרינץ פון ירושלים“?

ער איז קעסלער'ן געוואָרען א געפערליכער קאָנקורענט.

אין שפּעטערע יאָהרען האָט די אידישע ביהנע געמאַכט פאָרטשריט א דאַנק די ווערק פון יעקב גאָרדין, און קעסלער, און אויך טהאָמאַשעווסקי, האָבען אין זיך ענטוויקעלט קינסטלע־רישע טאַלאַנטען. עס האָט זיך ארויסגעציינט, אז ווען טהאָמאַ־שעווסקי האָט אן אמת'ע ראָלע, איז ער א פיינער קינסטלער. ער האָט ארויסגעוויזען טאַלאַנט און ארטיסטישע צוריקגע־האַלטענקייט. עס האָט זיך פּראָסט ניט געגלויבט, אז דאָס איז דער „פּרינץ" פון אמאָליגע יאָהרען. קינסטלערישע אינטע־ליגענץ האָט ער ארויסגעוויזען מעהר ווי קעסלער. נאָר די אויס־שפּראַכע האָט איהם אימער אביסעל געשטערט — די „פּרינצליך־דייטשע" אויסשפּראַכע, וועלכע האָט זיך צו איהם צוגעקלעפּט אין די הורוויץ יאָהרען.

פון יוראָפּ איז אריבערגעקומען שעהנגאָלד. בשעת אין רוסלאַנד איז נאָך געווען ערלויבט צו שפּילען אויף אידיש, איז ער דאָרטען געווען דער וויכטיגסטער „סטאַר" אין ערנסטע דראַמאַטישע ראָלען. דייוויד קעסלער האָט אמאָל (מיט יאָהרען שפּעטער) מיר דערציילט ווי שעהן און איינדרוקספול דיזער שעהנגאָלד איז געווען, ווען ער, קעסלער, האָט איהם געזעהן אין קעשענעוו, ווי וואַזשנע ער פלעגט אויסזעהן — אין א פּעלערינע מיט א הויכען קאַפּעלוש — און ווי דער רוסיש־אידישער טעאַטער עולם האָט איהם געליבט. קעסלער איז דאַן באַצויבערט געוואָרען פון שעהנגאָלד'ס שפּילען און פון זיין פּעלערינע; און דאָס איז געווען די אורזאַכע פאַרוואָס ער, קעסלער, האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ, אז ער מוז ווערען אן אקטיאָר.

איך געדענק אן אָפּישע מיט לעכערליך־איבערטריבענע לויב־געזאַנגען וועגען שעהנגאָלד'ען אלס אוריאל אקאָסטאַ.
זעהן איהם אָבער אין טעאַטער בין איך ניט געגאַנגען.

דזשייקאָב פּ. אדלער און מאַדאַם ליפּצין זיינען פון לאָנדאָן געקומען קיין אמעריקא. זייערע ערשטע אמעריקאַנער ערפאָה־רונגען אלס שוישפּילער זיינען אָבער געווען ניט אין ניו יאָרק,

נאָר אין שיקאַגאָ. אין ניו יאָרק האָבען זיי ניט געקענט געפינען קיין מענערדזשער און קיין טעאַטער. שפּעטער זיינען זיי פון שיקאַגאָ געקומען קיין ניו יאָרק, און אָנגעהויבען צו שפּילען. ווענען זיי האָב איך נאָר געהערט און זייערע געשטאַלטען האָב איך געזעהן נאָר אויף די אַפּישען.

עס האָט זיך באַוויזען אַ יונגער שוישפּילער מיט'ן נאָמען רודאָלף מאַרקס, אַ קאָמיקער, קופּלעטען־זינגער און טענצער. מען האָט געזאָגט, אַז ער הויבט אָן צו קאָנקורירען מיט מאָגו־לעסקאָ'ן. אָבער איהם האָב איך אין די ערשטע פּאָר יאָהר פון זיין קאַריערע אויך ניט געזעהן.

מיינער אַ שילער, אַ העברעער, וועלכער האָט געהאַלטען אַ קליינע פּוירנטישור סטאָר אויף נאָרפאָלק (אָדער אפשר סאָפאָלק) סטריט, האָט מיר דערציילט אַז מאַרקס'עס אמת'ער נאָמען איז גאָר ראַטקינסאָן און אַז זיין פאָטער איז אַ באַריהמטער העברעאי־שער שרייבער. דאָס האָט מיך אביסעל פּאַראינטערעסירט. אַז אַ זוהן פון אַזאַ פאָטער זאָל זיך געפינען אויף דער אידישער ביהנע — דאָס איז געווען אַן אונגעוועהנליכע זאַך. דער פּויר־ניטשור דילער האָט מיר איינגעלאַדען צו געהן זעהן ווי מאַרקס שפּילט. איך האָב צוגעזאָגט צו געהן. איך האָב אָבער אַלץ אָפּגעלייגט, און איך האָב מאַרקס'ען אין יענער צייט קיינמאָל אויף דער ביהנע ניט געזעהן.

.10

קהלות וואַקסען. — מען אימפּאָרטירט באַריהמטע חזנים פון דער אַלטער היים. — קופּער פון ווילנא. — פּיניע מינקאָווסקי פון אָדעס.

איך בין איינגעלאַדען געווען אַלס לעהרער אין דער פאַמיליע פון פּיניע מינקאָווסקי, אַ באַריהמטער חזן, וועלכען אידען פון דער איסט סייד האָבען אַריבערגעבראַכט פון אָדעס. זיין קומען איז געווען אַ סענסאַציע. אַז ניו יאָרקער אידען זאָלען אימפּאָר־טירען אַ באַריהמטען חזן פון דער אַלטער היים, און נאָך פון

וואַנען — פון אָדעס! — אַזאַ זאַך האָט איצט געטראָפען צום ערשטען מאָל.

מיט עטליכע יאָהר פריהער זיינען די ניו יאָרקער קהלות געווען קליין, און זייערע שוהלען קליין. די מיטגלידער זיינען מייסטענס געווען אימיגראַנטען פון אָרימע שטעטלעך פון סו־וואַלקער, קאַלישער, ווילנער, קאָוונער אָדער וואַרשעווער גובערניע, און זיי זיינען דאָס רוב געווען אָרגאַניזירט אין לאַנדסלייט־גרופען, יעדע גרופע מיט איהר שוהל'כעל. און אַפילו די שוהלען פון לאַנדסלט פון אַזאַ שטאָדט ווי וואַרשאַ זיינען אויך געווען קליין און אָרים. קיין זעהר רייכע רוסישע אָדער פוילישע אימיגראַנטען זיינען דאַן נאָך איבערהויפּט ניט געווען.

די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג איז געווען קליין, און די אָרטאָדאָקסישע אידען האָבען זיך אין זייער אידישען קוואַרטאַל געפיהלט ווי אין אַ קליין שטעדטעל.

זינט אָבער די פּאָגראָמען האָבען געמאַכט דעם אָנהויב צו אַ גרויסער אידישער אימיגראַציע, האָבען זיך אונזערע אידען אין ניו יאָרק גענומען פיהלען אַנדערש. די אידישע טייל פון ניו יאָרק איז שנעל געוואָרען זעהר גרויס. קהלות זיינען געוואַקסען. עס האָבען זיך גענומען באַווייזען גרעסערע און שעהנערע שוהלען. מען האָט אָנגעהויבען אריבערברענגען דאָס בעסטע וואָס די אַלטע היים האָט פאַרמאָגט. מילא, אַקטיאָרען זיינען אַליין אריבער־געקומען, וואָרים אין רוסלאַנד האָט מען זיי אונטערדריקט. באַריהמטע חזנים און רבנים אָבער האָבען די ניו יאָרקער אידען געזוכט אַראָפּצובריינגען.

ווען איך בין געקומען קיין ניו יאָרק, איז די וויכטיגסטע און גרעסטע אימיגראַנטען־שוהל — דער בית המדרש הגדול — געווען אַ קליינע אָרימע קלויז אויף לאָדלאָו סטריט, צווישען גרענד און ברום (אויף דער וועסט סייד פון דער סטריט). מיט דריי יאָהר שפּעטער האָט דער בית המדרש הגדול אריבערגעמופט אין אַ פיל גרעסערער און וואַזשנערער געביידע אויף נאָרפאָלק סטריט.

פריהער איז דאָרטען געווען אַ קריסטליכע קירכע. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון פאַרוואַנדלען קירכען אין שוהלען.

אלס רעזולטאט פון אונזער אידישער אימיגראציאנס־כוואליע האט די קריסטליכע באפעלקערונג ביסלעכווייז ארויסגעמופט פון דער איסט סייד; זיינען די טשוירטשעס געבליבען אהן באזוכער. די אידען, ווידער, האבען אנגעהויבען זיך צו נויטיגען אין גרעסערע שוהלען. און אזוי ווי פון א טשוירטש צו מאכען א בית המדרש ערלויבט די אידישע רעליגיע (פארקערט — ניט), האט מען ביסלעכווייז אנגעהויבען אפצוקויפען טשוירטשעס אויף דער איסט סייד.

צו דערזעלבער צייט האט מען דא און דארטען אויך אויס־געבויט שעהנע נייע שוהלען, און איינע פון זיי איז געווען די עלדרידזש סטריט'ער שוהל, צווישען קאנעל און דיוויזשאן סטריט. פון דעם שטאנדפונקט פון יענער צייט איז די געביידע געווען פרעכטיג און גרויס. נו, צו אזא שוהל פארערט זיך שוין א גרויסער חזן, האט מען געטראכט וועגען די באריהמטע חזנים פון דער אלטער היים. איינער פון די באריהמטסטע איז דאן געווען פיניע מינקאווסקי פון אדעס. האט מען גענומען פלאנעווען איהם אראפצוברענגען. מיט עטליכע יאהר פריהער וואלט מען וועגען אזא זאך ניט געסמייעט צו טרוימען. איצט האט מען שוין געסמייעט. עס האט זיך אנגעהויבען א קארעספאנדענץ צווישען ניו יארק און אדעס. מען האט מינקאווסקי'ן פארגע־שלאגען א פיל גרעסערען געהאלט ווי ער האט באקומען אין אדעס — א גרעסערען געהאלט ווי אין ניו יארק פלעגען באקומען צעהן חזנים אינאיינעם — און ער איז געקומען. דאס איז געווען אין פעברואר, 1888.

ער האט געהאט א וואונדערבארע טענאר־שטימע און ער האט געזונגען מיט געשמאק. צו זיין דאווענען זיינען געקומען די מוזיק־קריטיקער פון די אמעריקאנער צייטונגען און זיי האבען וועגען איהם געשריבען ארטיקלען מיט לויב־געזאנגען.

דאס אלץ איז געווען א נייעס אין דעם לעבען פון ניו יארק — א נייער קאפיטעל אין דער געשיכטע פון די היגע אידען.

מינקאווסקי איז געווען א אינטערעסאנטער ברונעט, א הויכער, א שטארקער, און נאך א גאנץ יונגער. ער האט געקענט רוסיש, דייטש און העברעאיש. מיר האט ער איינגעלאדען

צו זיך ערשט א יאהר אדער עטוואס מעהר נאכדעם ווי ער איז געקומען קיין ניו יארק; דאס הייסט, דאן, ווען ער האט שוין אראפגעבראכט זיין פאמיליע. ער און זיין פרוי און זיין גאנצע הויז האבען אויף מיר געמאכט א גוטען איינדרוק. מיר זיינען באפריינדעט געווארען. איך האב געגעבען ענגלישע לעסאנס ניט נאר איהם, נאר אויך זיין פרוי — אויך א הויבע און א שעהנע — און זיין זוהן, א אינגעל פון א יאהר 14. אין אדעם איז דער באי דורכגעגאנגען די ערשטע דריי קלאסען גימנאזיע, און איך האב איהם דא געפערטיגט צו קאלעדזש. די מינקאווסקים האבען אויך געהאט נאך א קינד, א מיידעלע פון א יאהר זעקס.

די שטוב האט זיך געפיהרט אויף א שעהן־באלעבאטישען רוסיש־אידישען שטייגער.

ארום דערזעלבער צייט האט די קאלוואריער שוהל אראפגעבראכט פון ווילנא דעם חזן קופער, וועלכער האט פריהער באקומען א גרויסען נאמען אין רומעניע.

.11

דער רב הכולל. — אליקום צונזער.

די ארטאדאקסישע רוסישע אידען פון ניו יארק האבען זיך באשלאסען אראפצובריינגען א באריהמטען רב. די דאמאלסדיגע רבנים פון ניו יארק זיינען געווען ניט קיין וויכטיגע. אפשר האט זיך צווישען זיי געפונען א גרויסער למדן. אויב יא, האט ער אויך ניט געהאט קיין גרויסען נאמען, ווייל ער איז געקומען אליין. מען האט איהם ניט אראפגעבראכט. אלזא, האט זיין קומען ניט געמאכט קיין רעש. דעריבער האט מען זיך באשלאסען צו אימפארטירען א רב. איינער פון די אנפיהרער פון דער באוועגונג איז געווען אויבען דער דערמאנטער קעפ־מאנופעקטשורער, יהושע ראטשטיין, דער פרעזידענט פון „ישיבת עץ חיים". ער און די אנדערע לידערס האבען געהאט אין זינען צו בריינגען ניט אנדערש ווי א רב פון א גרויסער רוסישער שטאדט. זיי האבען געוואלט האבען א רב, צו וועמען מען זאל האבען רעספעקט — אי אין דער אידישער וועלט אי אין

דער קריסטליכער. צו דיזען צוועק איז אָבער נויטיג געווען, אז עס זאָלען זיך פאראייניגען עטליכע וויכטיגע קהלות. איינע וואָלט געווען צו שוואך דערצו.

אזא פאראייניגונג איז פאָרגעקומען. אכצעהן שוהלען האָבען זיך צוזאמענגענומען און זיך אָרגאניזירט אין א פארבאנד. מ'האָט באשלאָסען, אז דער נייער רב זאָל הייסען „רב־הכולל“ — דער רב איבער אַלע רבנים.

נאָך פילע מיטינגען און א לעבהאפטער קאָרעספּאָנדענץ מיט רוסלאנד, האָט מען אנאָנסירט, אז מען ברייננט אראָפּ דעם ווילנער שטאָדט־מגיד, ר' יעקב יאָזעף*).

אין דערהיים איז א רב ניט אימער א מגיד; דאָ איז אָבער נויטיג געווען, אז דער רב הכולל זאָל זיין א גוטער דרשן אויך. דערביי האָט זיך געפיהלט דער איינפלוס פון דער אַמעריקאנער וועלט, וואו די הויפּט ראָלע פון א גייסטליכען איז צו פיהרען די „גאָטעס־דינסט“ און צו זאָגען דרשות. דעריבער האָט מען אלס דעם גרויסען רב אויסגעקליבען א באריהמטען מגיד. די דרשות פונ'ם רב הכולל האָבען געזאָלט דינען אלס אַן אויסערליכער פאר־בינדונגס־מיטעל צווישען די אכצעהן שוהלען, וואָס האָבען זיך פאראייניגט איהם צו ברייננען און אויפהאלטען.

פון מיין פעטער מיכל בייראַק, פון ווילנא, האָב איך וועגען דעם רב הכולל באקומען א בריף, אין וועלכען ער האָט מיר געשריבען אוננעפעהר אזוי:

„ער איז ביי אונז זעהר טייער. ער איז א גרויסער חריף און א זעלטענער ירא שמים. אונז טוט וועה דאָס הארץ וואָס מיר האָבען זיך געדארפט זעגענען מיט איהם. עס ווילט זיך ניט פארלירען אזא טייערען אוצר. זעה, אַלטער, אז אין ניו יאָרק זאָלען אידען וויסען וואָס פאר א דימענט זיי האָבען ביי אונז צוגענומען. זעה מען זאָל איהם גוט שאַצען. דו געהסט ניט אין שוהל. דו האָסט דאָך אָבער א אידישע הארץ. טאָ זאָג־זשע אַלעמען, אז ווילנא האָט זיך געהאלטען גרויס מיט איהם און

*) זיין פאַמיליע נאָמען איז געווען יאָזעף. אויף לשון קודש אָבער פלעגט מ'יָן דעם פולען נאָמען שרייבען „הרב ר' יעקב יוסף“.

אז ניו יאָרק דאַרף פאַרשטעהן ווי אזא טייערע קרוין צו האַלטען אויף זיך".

דער בריף איז שוין לאנג פאַרלאָרען געגאנגען און איך גיב איהם, נאַטירליך, דאָ ניט איבער ווערטערליך. איך געדענק איהם אָבער גוט, וואָרים די ווערטער פון מיין פעטער מיכל האָבען אויף מיר אימער געמאכט אַ טיפען איינדרוק. אויב איך געדענק ניט פינקטליך זיינע שורות, געדענק איך ריכטיג זייער גייסט.

אין אָרטאָדאָקסישע קרייזען האָט זיך געדרודערט; מען האָט דעם גאַסט ערוואַרט מיט פּאַראַד, און ווען ער איז אָראָפּגעקומען, אין דזשולייַ, 1888, האָט זיך געקאָכט. די ענגלישע צייטונגען האָבען געדרוקט גרויסע באַריכטען מיט באַשרייבונגען ווי דער „טשיף ראַבביי" זעהט אויס (קיין פּאָרטרעטען האָט מען נאָך אין די צייטונגען ניט געדרוקט) און וואָס ער זאָגט. די סענסאַציע איז געווען פיל גרעסער ווי מיט דעם אַדעסער חזן. ערשטענס איז די וויכטיגקייט פון אַ רב גרעסער, און צווייטענס, איז דער נייער רב געווען כמעט איבער אַלע באַדייטענדע קהלות, וועה־רענד מינקאָווסקי איז געווען פאַרבונדען נאָר מיט דער עלדרידזש סטריט'ער קהלה.

איך האָב צו דער אָרטאָדאָקסישער וועלט נאַטירליך קיין שייכות ניט געהאַט. אין דעם רב הכולל'ס ראָלע אָבער האָב איך זיך פאַראינטערעסירט אַלס בעאָבאַכטער פון אונזער אידישען לע־בען. איך בין געווען נייגעריג צו הערען זיינע אַ דרשה. שרייבען וועגען דעם אין די ענגלישע צייטונגען האָב איך אין זינען ניט געהאַט. שרייבען געגען איהם וואָלט איך ניט געוואָלט; און גינסטיג פאַר איהם, אויב אַזוי וועט זיין מיין איינדרוק — דאָס וואָלט איך אויך ניט געטאָן. פאַר אַ סאָציאַליסט צו שרייבען אין אַ פריינדליכען טאָן וועגען אַ רעליגיעזען ענין איז, לויט אונ־זערע דאַמאָלסדיגע באַגריפען, געווען אונמעגליך.

ביי פאָרטגעשריטענע מענשען פון אונזער קלאַס איז געווען אַ מיינונג, אז אין אמעריקא מוז אַ רב שפּילען אַ צבועצקע ראָלע; אז דאָ איז אזא ראָלע פשוט אונפאַרמיידליך. פון דער פּלאַט־

פאָרמע און אין פריוואט געשפּרעכען פלעג איך אויסדריקען דעם פאָלגענדען געדאנק: אין דער היים זייגען פאראַן פילע אמת־עהרליכע רבנים, אמת סימפּאַטישע מענשען. דאָ אָבער איז דער לעבען ניט צוגעפּאסט צו דעם אָרטאָדאָקסישען גייסט פון די קליינע היימישע שטעדטלעך. פאר א רב צו בלייבען ביי זיין היימי־שער ריינקייט און אויפריכטיגקייט, איז אונטער די היגע אומשטענ־דען ניט לייכט. אין דער היים איז א גבאי מייסטענס א איד, וואָס קען מעהר אדער ווייניגער לערנען און שעמט זיך „פאר גאָט און פאר לייטען". דאָ אָבער זעהען מיר ביישפּילען ווי א גראָבער יונג ווערט פּרעזידענט פון א שוהל און זאָגט א דעה נאָך דערפאר, וואס ער האָט זיך „ארויפגעארבייט". אָט פון אזעלכע מענשען איז אָפּהענגיג דער רב; צו איהם מוז ער זיך חנפ'ענען. היינט ווי אזוי קאָן דאָ אויפגעהאַלטען ווערען דער טאָן פון דעם היימישען אָרטאָדאָקסישען לעבען?

מיינע רוסישע באקאנטע האָבען זיך מיט אזעלכע זאכען ניט אינטערעסירט, און מיינע אמעריקאנער פריינד נאָך ווייניגער, נאַטירליך. איך פלעג וועגען דיזע ענינים שמועסען נאָר מיט מיינע אידיש־ריידענדע באקאנטע. דורך זיי האָב איך געהערט וואָס עס טוט זיך אין דער אָרטאָדאָקסישער וועלט און דורך זיי האָב איך נאָכגעפאָלגט די נייעס וועגען דעם רב הכולל.

אין א געוויסען שבת האָב איך „צום לייענען" געהערט זיינע א דרשה אין בית המדרש הגדול, אויף נאָרפאָלק סטריט, לעבען ברום.

ער האָט געמאכט אן איינדרוק פון א למדן, א פעהיגע „גמרא קאָפּ", ניט קיין איבערגעשפּיצטער מענש, אָבער אן עהר־ליכער — אן איש תמים.

מען האָט געקענט זעהן אז ער פיהלט זיך ניט ווי ביי זיך אין דער היים. אז דער כבוד וואס מען גיט איהם אָפּ, דער גע־פילדער וואָס מען מאכט מיט איהם און דער גרויסער געהאַלט וואָס ער באקומט, פארשאפט איהם ווייניג נחת.

דאָס איז געווען זיין צווייטע אָדער דריטע דרשה זינט ער איז געקומען קיין ניו יאָרק, און ער האָט זיך געגעבען מיה צו

געברויכען אונזער אמעריקאנער אידיש. צום ביישפּיל: זיינער א משל מיט א היימישען פויער האָט ענטהאַלטען די ווערטער „יוראָפּשער פּויער". איין מאָל האָט ער אויך געברויכט דעם וואָרט „סליען" אנשטאָט „ריין". און איך האָב געקענט זעהן אז ער האָט דאָס אומישנע אויסגעלערענט, כדי ער זאָל ניט מאַכען דעם איינדרוק פון א „גרינעם". אויך האָט ער זיך געטרייט צו האַלטען אביסעל אויף א ציוויליזירטען שטייגער; ער האָט אָבער ניט געוואוסט ווי אזוי. וואָרים אין דער היים האָט זיך דאָס פון איהם ניט געפאָדערט. איין מאָל האָט ער ארויסגענומען פון פּאַקעט א גרויסע בלויע הענדקערטשיף, און באַלד, ווי א צושראָקענער, איהר אריינגעלייגט צוריק. דערביי האָט זיך זיין האַנט פאַרפּלאָנטערט אין דער הענדקערטשיף. דערנאָך האָט ער די הענדקערטשיף געהאַלטען אויפן שולחן, אוןביידע הענט זיינע האָבען זיך נערוועז געפּלאָנטערט ארום איהר. די אמערי־קאַנער ווערטער האָבען ביי איהם געקלונגען אוננאַטירליך. איך האָב געהאַט מיטלייד מיט איהם.

איך האָב באַקוקט די מענשען ארום. כמעט אלע זיינען געוועזען אָנגעטאָן אויף אַן אמעריקאנער שטייגער: אין שעהנע, געפּרעסטע סוטס, מיט ווייסע, געקראָכמאַלטע קראַגענס, מיט נעקטאַיס און מאַנזשעטען. דאָס רוב פון זיי זיינען געווען ארום־גענאָלט און אויסגעפּוצט. דער אלגעמיינער איינדרוק איז גע־ווען גאָר ניט ווי פון אַן עולם פון דער ווילנער שוהל.

דער אימיגראַנט האָט אין אמעריקא פיל מעהר ערפאַהרונג ווי אין א ווילנא; ער ווערט שנעלער ענטוויקעלט. די אויסגע־גרינטע אָרטאָדאָקסישע אידען האָבען דעריבער געקוקט אויף זייער אימפּאָרטירטען רבי'ן ווי אויף א גרינעם, און ער האָט דאָס געפיהלט.

פאַר אמעריקא דאַרף מען האָבען א גאַנץ אַנדערען טיפּ רב. ר' יעקב יוסף האָט זיך ניט געקענט צופּאַסען צו די היגע אומשטענדען. ער איז געווען ווי א פלאַנצונג וואָס מען רייסט אויס פון איהר נאַטירליכען באָדען און מען זעצט אריין אין אַן אוננאַטירליכען. זיין לעבען אין אמעריקא איז געווען א טראַ־

געדיע. דער רעזולטאט איז געווען, אז ער איז שוואך געווארען; אין געזונט און דערנאָך איז ער פאראליזירט געווארען.

צווישען די מענשען מיט גרויסע נעמען, וועלכע זיינען דאָ געקומען קיין אמעריקא, איז געווען אליקום צונזער, דער בארימטער בדחן און פאָלקס־פּאָעט פון ליטא, וועלכער איז דערמאָנט געוואָרען אין דעם ערשטען באנד (א גרויסען חזן אָדער רב ברענגט אראָפּ א שוהל. א גרויסער בדחן איז אין דיזער באציהונג נאָך אין אן ערגערער לאגע ווי אן אקטיאָר, וואָרים אן אקטיאָר קען אראָפּגעבראַכט ווערען פון א טעאטער, אָבער א בדחן האָט אבסאָלוט ניט ווער עס זאָל איהם אראָפּברענגען. איז צונזער אליין געקומען).

אין אמעריקא, ווען א „סאָנג" נעמט אוים ביים עולם, זינגט מען איהם איבערן גאנצען לאנד. אָבער דאָס האלט אָן נאָר א געוויסע צייט, און דאן שטארבט דער „סאָנג" אינגאנצען אָפּ; ער ווערט פארגעסען אזוי ווי א דאמען־העט פון א פאראיאָהריגער מאָדע. ניט אזוי זיינען געווען אליקום צונזערס לידער. זיי פלעגען קיינמאָל ניט ווערען אויסגעשפּילט. מען פלעגט זיי זינגען אימער. ווען ער פלעגט פארפאסען א נייעם נגון, פלעגט מען איהם זינגען מעהר, אָבער אָן די פריהערדיגע פלעגט מען אויך ניט פארגעסען. פארקעהרט: צוליב דעם נייעם פלעגט מען איבערזינגען די אלטע אויך.

עהנליכעס קען מען זאָגען וועגען גאָלדפאדען'ס נגונים. די נייע פלעגען די אלטע ניט פארשטעלען. אָבער גאָלדפאדען האָט זיין מוזיק אליין ניט פארפאסט, און אליקום צונזער'ס מעלאָדיען זיינען געווען זיינע אייגענע שאפונגען.

און דאָך איז צונזער אויך געווען ווי אן איבערגעפלאנצטע בלום. ער האָט זיך אויך ניט געקענט צופאסען צו די אמעריקאנער אומשטענדען. זיינע היימישע לידער, וועלכע זיינען געווען אזוי פּאָפּולער אין אלע אידישע שטעדט און שטעדטלעך פון אייראָפּא, האָט מען אין אמעריקא גארניט געזונגען. און די לידער, וואָס ער האָט דאָ געשריבען, האָט מען ווייניג געזונגען.

איך האָב זיך מיט צונזער'ען געזעהן עטליכע מאָל אין יענע יאָהרען. איך האָב איהם אמאָל דערמאָנט דעם געשפּרעך, וואָס מיר

האבען געהאט אויף א חתונה אין ווילנא, און איך האב געפרופט איהם ערקלעהרען דעם ספעציעלען מאגנעטיזם פון זיינע פאר־פאסונגען. אבער אנשטאט איהם צו פארשאפען פארגעניגען, האב איך איהם נאך דייטליכער געמאכט די טראגעדיע פון זיין לעבען אין אמעריקא.

ער האט דא געגעבען עטליכע קאנצערטען, געשריבען אביסעל און ענדליך האט ער געגרינדעט א דרוקעריי (אויף איסט בראדוויי), פון וועלכער ער האט געצויגען א שווערע חיונה.

12.

וועגען דעם אידישען קווארטאל פון יענע יאהרען אין אלגעמיין.

די צאל אידען אין ניו יארק און אין אנדערע גרויסע שטעדט איז שטענדיג געוואקסען. די אימיגראנטען, וואס האבען זיך „אויס־געגרינט" און געמאכט א לעבען, האבען אראפגעבראכט עלטערען, כלות, פרויען, פריינד. דער אידישער קווארטאל האט זיך פאנאנ־דערגעשפרייט.

בראנזוויל, אלס א אידישע שטאדט, האט נאך דאן ניט עקזיס־טירט. אפילו ניט אלס א דייטליכע שטעדטעל. איך האב געהאט א פאר געלעגענהייטען דעם פלאץ צו באזוכען. איך האב געזעהן, ווי אידישע אימיגראנטען פאנגען דארטען ביסלעכווייז אן זיך צו באזעצען. דער פלאץ איז אבער מייסטענס באשטאנען פון פוסטע פעלדער אדער פון „אויסגעלייגטע" גאסען, אהן הייזער. דא און דארטען האט זיך געזעהן א נייע הייזעל אדער אן אלטע „כאלופקע" פון אן ארימען אמעריקאנער, וועלכער האט אין די פריהערדיגע יאהרען דארטען געהאט א שטיקעל פארם. דא און דארטען האט מען געזעהן, אז עס הויבט אן צו וואקסען א סטריט.

וויליאמסבורג איז געווען א געגענד הויפטזעכליך פון קריסטליכע דייטשען און אמעריקאנער. אידען, אונזערע אימי־גראנטען, האבען זיך שוין דארטען אויך געזעהן, אבער ווייניג. עס האט זיך שוין אנגעהויבען צו ענטוויקלען א שטיקעל אידי־שער מארק אויף סיגעל סטריט, אבער לאנגזאם.

אז הארלעם וועט אמאָל ווערען געדיכט באזעצט מיט אידען, דאָס האָבען מיר ניט פאָראויסגעזעהן. הארלעם איז אין אל־געמיין געווען פוסט. ערטערווייז זיינען געשטאנען קליינע היל־צערנע הייזער; דאָ און דאָרטען א נייער איינציגער מויער און אָרום און אָרום האָבען זיך געצויגען גרויסע שטרעקעס פון ווילדע פעלדער און פעלזען. אויף די דאזיגע פעלדער האָט מען צפט געזעהן א קוים־צונויפגעשלאָגענע שטיבעל אָדער ביידעל, און דאָס איז מייסטענס געווען די וואוינונג פון א „סקוואט־טער" — אַן ארימאַן, וואס מאכט זיך א פאָרלויפיגע דירה אויף א פלאץ וואו עס איז ניטאָ ווער ס'זאָל זאָגען „ניין", אָדער פאָ־דערען רענט.

וואָס אנבעטרעפט די בראָנקס, האָבען אידען דאַן אפילו דעם נאָמען ניט געהערט. מען פלעגט אהין פאָהרען שפאצירען, אָבער נאָר ביז 140טער סטריט, און דער פלאץ איז אונז געווען באקאנט אונטער דעם נאָמען מאָרריסאניא.

טענעמענט הייזער זיינען געווען פון דעם צרה'דיגען אלטען שניט. פילע פון די רומס זיינען געווען פינסטערע און אָהן לופט. אזא גליק ווי „ראָננינג וואָטער, האט ענד קאָלד", וואָלט די פרוי פון א אידישען ארבייטער דאַן זיך ניט געקענט פאָרשטעלען. היינט ווער רעדט שוין וועגען עלעקטרישע באַ־לייכטונג און עלעקטרישע גלעקלעך? די באלייכטונג איז גע־ווען פון געז. קאַרפעטס פלעגט מען אין פארלאר האָבען, אפילו אַן ארבייטער פאמיליע האָט דאָס געהאט. מען פלעגט נעמען ביי א פעדלער אויף אויס־צו־צאָהלען, אבי ניט זיין אָהן קאר־פעט אין פארלאָר. קיין נאקעטע פלאָרס האָט מען ניט געזעהן אפילו ביי דעם אָרימסטען ארבייטער. מען האָט געהאט אויל־קלאָטה. דער אויל־קלאָטה איז אָבער ניט געווען אזא גוטער ווי היינט. קיין „לינאָליאום" איז נאָך ניט געווען.

שיקען די פאמיליע אין א זומער־פלאץ אויף זומער איז גע־ווען א לוקסוס, וועלכען זעהר ווייניג פון די אידישע אימיגראנ־טען האָבען זיך געקענט פארגינען. עס איז איבערהויפט ניט געווען אין דער מאָדע, אפילו ביי אונזערע רייכע אימיגראנטען.

נאָר רייכע קריסטען אָדער דייטשע יהודים האָבען פון דעם געוואוסט.

אין דעם אידישען קווארטאל איז אין די הייסע זומער וועגדען געוועזען דושנע און הייס אָבער ניט אזוי אונערטרעג־ליך ווי היינט. ניו יאָרק האָט נאָך געהאַט ווייניג „סקאי־סקרייפערס", און די העכסטע פון זיי זיינען געווען א סך נידע־ריגער ווי די ריזיגע מויערען פון היינט; איז אין שטאָדט גע־ווען מעהר פרייע לופט.

אין די הייסע זונטאָגען פלעגען מיר אריבערפאָהרען אויף דער גרענד סטריט פערי קיין וויליאמסבורג און נעמען א האָרכ קאר צום פראָספעקט פארק. די קאר פלעגט פאָהרען דורך האלב־פוסטע גאסען מיט שעהנע קאטערזשעס, מיט לאָנקעס און מיט בלו־מען. מען פלעגט פאָהרען א היבשע צייט איידער מען פלעגט קומען אין פארק, און, באזאָרגט מיט א פעקעל לאָנטש, פלעגט מען דאָר־טען פארברענגען דעם זונטאָג.

אנשטאָדט דעם פלעגען מיר אָפט פאָהרען קיין פאָרט דזשאָרדזש מיט דער דריטע עוועניו קאר ביז הונדערט־אכציג־טער סטריט און וואשינגטאָן־האָיטס. דער געגענד איז שוין לאנג פארבויט און באוואוינט. דאן אָבער איז ער באשטאנען פון לאָנקעס און ליידיגע לאָטס.

אָן אנדער פארגעניגען פלעגט ביי אונז זיין זונטאָג צו פאָהרען הין און צוריק מיט דער סטעטען־איילאנד פערי. מיר פלעגען דאָס טאָן אין אָווענט. מיט'ן צווייטע עוועניו עלע־וויטעד פלעגען מיר צופאָהרען צו סאוטה פערי, דארטען נע־מען די פערי און זעהן צו באקומען סיטס אויפ'ן אויבערשטען „דעק". דאָס איז ניט אימער אָנגעקומען לייכט, וואָרים די קראודס זיינען זונטאָג געווען אונגעהייער גרויס. מיר זיינען שוין אָבער געוואָרען געניט אין דעם.

דער פאָהרען איבער'ן וואסער פלעגט געדויערען ביי צוואנ־ציג מינוט. מיר פלעגען ניט ארונטערגעהן, נאָר פאָהרען גלייך צוריק. און דאָס רוב פלעגען מיר דורכמאכען די יאזדע צוויי

מאָל. עס זיינען געווען פילע פּאַרלעך אַזעלכע ווי מיר, ביי וועמען דאָס איז געווען דער בעסטער זונטאָג־„אוטינג". צו־זאַמען מיט די „סטאַפּס" פלעגט אַזוי אַוועקגעהן אַ פּאָר שטונ־דען. צוריק פלעגט שוין אויסקומען צו פאָהרען ביינאַכט.

פון פאָהרען אין קאָוני איילאַנד האָבען אונזערע אימיגראַנ־טען דאַן נאָך געוואוסט גאַנץ ווייניג. יעדער שריט, וואָס מען האָט געמאַכט אין דעם אַמעריקאַנער לעבען איז געגאַנגען לאַנג־זאַם, וואָרים מען האָט אַליין געמוזט דורכברעכען אַ וועג. און דאָס וואָס אַ היינטיגער אימיגראַנט ענטוויקעלט אין זיך אין אַ מאָנאַט, פלעגט אין יענע צייטען גערויערען יאָהרען. דער ערשטער אויסגרינען זיך איז געגאַנגען שנעל; דערנאָך אָבער פלעגט מען זיך ארומזעהן אַז מען איז נאָך מיט'ן אַמעריקאַנער לעבען גאַנץ ווייניג באַקאַנט.

מיינע ערשטע באַזוכען אין קאָוני איילאַנד זיינען געווען אין די צייטען ביי וועלכע מיר האַלטען דאָ. איין מאָל בין איך דאָרטען געווען צוזאַמען מיט דעם אויבען־דערמאָנטען רו־סישען רעוואָלוציאָנער לעאָ הארטמאַן, און אַ צווייטען מאָל מיט אַן אַמעריקאַנער סאָציאַליסט, וועלכער איז קיין ניו יאָרק געקומען פון שיקאַגאָ. איך געדענק ווי איך בין געגאַנגען שפּאַ־צירען דורך אַ זעהר געדיכטער, פרעהליכער מאַסע, און די מאַסע האָט געמאַכט אַן איינדרוק ווי דורכאויס אַ קריסטליכע (עס זיינען נאַטירליך געווען איניגע אידען, אָבער וואהרשיינ־ליך אַמעריקאַניזירטע, און יעדענפאַלס איז די צאָהל געווען זעהר אַ קליינע).

קיין דייטליכען בילד פון יענער קאָוני־איילאַנד האָב איך אין מיין זכרון ניט. איך געדענק אָבער דעם ברעג ים מיט מע־נער און פרויען ווי זיי באָדען זיך — אויך דורכאויס קריס־טען; און איך געדענק די פאַרשידענע קאָוני־איילאַנדער סטענדס מיט די געשרייען פון זייערע פעדלער, די ווינעלעך, די שליטעלעך, די „לופּ־דהי־לופּ", די „פעררים ווהיל", די „מערי־גאָו־ראַונדס".

דער אונטערשיד צווישען יענער קאָוני־איילאַנד און דער היינטיגער איז אונגעהייער.

אָפּט פאָהרען אין קאָוני־איילאַנד זונטאָג — דאָס האָט זיך ביי אונז ענטוויקעלט שפּעטער. מיר פלעגען פאָהרען מיט דער סמיטה סטריט קאַר. די רייזע גופא היין און צוריק איז געווען די וויכטיגסטע טייל פון אונזער פארגניגען. אבער אין דער צייט ווענען וועלכער מיר ריידען דאָ, איז אונזער וויכטיגסטער זונטאָג׳דיגער שפּאציר באַשטאַנען אין דעם אויבען־דערמאָנטען „טריפּ“ צום פּראָספּעקט פּארק אָדער קיין סטעטען איילאַנד.

דער פאָהרען צוריק אהיים זונטאָג אווענד פלעגט אין מיר שאַפען א געדריקטע שטימונג, ווי שבת־צו־נאכט אין סטראַשו־נער׳ס קלויז איידער מען צינדט אָן ליכט. ווען איך דערמאָן זיך אָן יענע מינוטען, קומען מיר פאָר די שווערסטע צייטען, וואס מיר האָבען דורכגעלעבט אין די ערשטע יאהרען אין אמע־ריקא. איך געדענק הויפּטזעכליך דעם געפיהל ביים אומקעה־רען זיך פון פּראָספּעקט פּארק.

דער וועג פון פּארק ביז דער איסט־סאַיד, ניו יארק, האָט דאן געדויערט דריי מאָל אזוי פיל ווי היינט, און מענשען האָ־בען אויף יענעם וועג דאן געוואוינט ווייניג.

די פערד לויפען מיט דער געפאַקטער קאַר דורך א דונ־קעלער אונענדליכקייט. ערטערווייז שיינען פייערלאַך פון די זייטען, אבער זייער בליאסק שטרייכט נאָר אונטער די פינסטער־ניש. זיי פארגרעסערען נאָר דעם אומעט.

דערנאָך געהט מען אריבער אויף דער פעררי.

דער פייף פון דער פעררי, איהרע ערשטע באַוועגונגען; דער שוואנק פון דער וואסער; דער פייף פון א פארבייגעהענדער פעררי.

איך און מיין פרוי שטעהען פון דרויסען; עס איז לופטי־גער. עס איז אויך פינסטערער און עלענדער. אָבער איהר זוכט די עלענדקייט זיך אליין אויף צו להכעיס.

אייך דוכט זיך אז די פעררי שוועבט דורך א תהום. די וואסער איז שוואַרץ און איר שווארצקייט שימערט מיט א בלאַ־סען גלאַנץ. איר פלוסק הילכט אונהיימליך. פון שטאָדט פינקלען אונגעצעהלטע פלאַמען, אזוי ווי פון פאַר טויזענד מייל...

אמעריקאנער באַים און מיידלעך, וואס פאָהרען מיט אייך אויף דער פעררי, זינגען א ליד. מיט פארטראכטע טרויער טענער זינגען זיי. א שמערצליכע בענקעניש פילט מיך אָן. אלע טרייסטלאָזע ערפאהרונגען פון דער וואָך זאמלען זיך אָן אין הארצען.

אך, יענע זונטאָג־אָװענדען, װען מיר פלעגען פאָהרען צוריק אהיים!

ביסלעכווייז האָבען אונזערע רייכערע אימיגראנטען אנגע־הויבען צו שיקען זייערע פרויען קיין עסבערי פּארק אדער אפשר זאַגאר אין די קעטסקילס — אין טענערסוויל.

רייכע אידען — איך מיין אזעלכע וואס זאָלען פּארמאָ־גען הונדערט טויזענד דאָלאר — זיינען צווישען אונזערע אימיגראנ־טען איבערהויפּט געווען ווייניג. די אמת רייכע אידען — מאַ־נופעקטשורערס, באנקירען, גרויסע סטאָר־קיפּערס — זיינען אלע געווען דייטשע יהודים. אונזערע אימיגראנטען זיינען געווען פּעלדערס, ארבייטער אָדער סוועטינג קאָנטראקטאָרס. מיט אזעלכע אויסנאהמען ווי באַלעבאַטים פון סטאָרס פאר קאָסטאָם־פּעדלערס אָדער פון קליינע באַנקען פאר אימיגראנטען.

ווען א רוסישער איד איז געוואָרען א מאנופעקטשורער פון קלאוקס, האָט ער געצויגען פיל אויפמערקזאמקייט. אז אונ־זערער א איד זאָל ווערען איבער־נאכט רייך — פון אזעלכע נסים האָט מען נאָך דאַן כמעט ניט געהערט.

דער גאנצער לעבען האָט געשטראַמט פיל לאנגזאמער ווי היינט; און ניט נאָר ביי אידען, נאָר ביי אמעריקאנער געבאָ־רענע קריסטען אויך. ווענגען די ווייטע געגענדען, ווענגען דער ווּעסט אדער מיטעל־ווּעסט רייד איך דאָ ניט. איך האָב אין זינען בלויז ניו יארק.

די דייטשע אימיגראציע האָט גענומען פארקלענערט ווערען, ביז זי האָט כמעט אין גאנצען געסטאָפּט. די אינדוסטריע האָט אין דייטשלאנד אָנגעהויבען זיך אזוי שטארק צו ענטוויקלען, אז פאר דעם דייטשען ארבייטער איז געווען גענוג ארבייט אין דער

היים. איינער פון די רעזולטאטען דערפון איז געווען אז אונ־זערע אידען האבען ביסלעכווייז גענומען באזעצען די ערשטע סטריט, די צווייטע, די דריטע.

די ווייטסטע סטריט וואו אונזערע אימיגראנטען האבען דאן געוואוינט איז געווען די אכטע. אויף דער צווייטער עוועניו, צווישען 1טער און 14טער סטריט, האבען געוואוינט אונגא־רישע אידען, דייטשע אידען, בעהמישע אידען, אידען פון וויען; און מיט זיי האבען זיך גענומען אויסמישען אונזערע. אבער דאס איז אויך געגאנגען לאנגזאם. פון איסט בראדוויי און די ארומיגע סטריטען זיינען אמעריקאנער געבארענע דייטש־אידישע פאמיליען פארשוואונדען. זיי האבען אלע אריבערגעמופט אין אנדערע גע־גענדען.

די גאנצע באפעלקערונג פון ניו יארק איז נאטירליך גע־ווען א סך קלענער ווי היינט, אבער די פראפארציע פון אידען צו קריסטען איז געווען ניט אין ערך קלענער ווי היינט. היינט וואוינען העכער ווי א מיליאן אמעריקאנער אין אנדערע שטעדט־לעך און דערפלעך און קומען אלע טאג קיין ניו יארק, וואו זיי האבען זייערע אפיסעס אדער סטארס. דאן איז די צאל פון אזעלכע „קאמיוטערס" געווען זעהר קליין. דער וואס האט גע־האט אן אפיס אין ניו יארק, האט געוואוינט אין ניו יארק.

אלזא, איז די פארהעלטניסמעסיגע צאהל פון אמעריקאנער, וואס האבען געוואוינט אין ניו יארק, געווען פיל גרעסער ווי היינט.

אויף די סטריט־קארס און אין די עלעווייטעדס, וואס געהען איבער דער ערשטער, צווייטער און דריטער עוועניו, פלעגען זיך זעהן היבשע צאהלען אידען, אבער אפילו דארטען זיינען זיי גע־ווען א קליינע מינאריטעט. אויף די קארס און עלעווייטעדס פון דער וועסט סייד האט מען געזעהן זעהר ווייניג אידען.

דער לעבען פון דעם אידישען ארבייטער אין די סוועט־שעפער איז געווען שווער. און דאך האט דער דורכשניטליכער אידישער אימיגראנט געפיהלט אז אין פארגלייך מיט זיין אלטער היים איז איהם דא א גן־עדן. דער ארבייטער האט דא געגעסען א סך בעסער און זיך געקליידט א סך בעסער ווי אין דער היים. און

אויב מען האָט נאָר געהאַט א סטעדי דזשאָב, האָט מען אָפּגע־סייפט א פּאָר דאָלאר אויך. אין דער היים האָט א שניידער פאר־דינט דריי־פיר רובעל א וואך. אין אמעריקא האָט מען שוין דאן א באַי אויף א פעקטאָרי געצאָהלט מעהר ווי דריי־פיר דאָלאר א וואָך. און א שניידער פון דער היים, א גאַנץ געוועהנליכער בעל־מלאכה, האָט באַקומען צוואַנציג, דרייסיג און פערציג דאָ־לאר א וואָך.

די קלאָוק־טרייד איז שוין דאן געווען א סעזאָן טרייד, און פילע וואָכען זיינען דאָס רוב פון די ארבייטער אין איהר ארומ־געגאַנגען ליידיג; דערפאַר אָבער האָט מען אין סעזאָן פארדינט אזעלכע ווייזשעס, וועלכע האָבען אין דער אַלטער היים געקלונ־גען אונגלויבליך. איך האָב געקענט דאַמסקע שניידער פון ליט־ווישע שטעדט, וועלכע האָבען אין דער היים געארבייט פאר פיר רובעל א וואָך, און וועלכע פלעגען דאָ אָפּנעהמען צו זיעבציג און צו אכציג דאלאר א וואָך. און די קלאָוק־אָפּערייטאָרס, וואָס האָבען די טרייד זיך אויסגעלערענט אין אמעריקא, פלעגען אין א גאַנץ קורצער צייט פארדינען נאָך מעהר ווי דער דורכ־שניטליכער שניידער. מען פלעגט אין סעזאָן ארבייטען כמעט טאָג און נאכט. די ווייזשעס זיינען אָבער געווען אזוי גרויס, אז עס איז געווען מעהר ווי גענוג אויף א גאַנץ יאָהר.

די פּרייזען אויף שפּייז, קליידער, רענט זיינען געווען פאַרהעלטניסמעסיג קליין. אלזאָ, האָט מען געמאַכט א פיינעם לעבען און מען האָט אָפּגעשפּאָרט געלט.

דאָס האָט זיך אויף דעם אימיגראַנט געפיהלט אויף פאר־שידענע אופנים — אויף איהם גופא און אויף זיינע קינדער. די קינדער זיינען דאָס רוב אויסגעוואַקסען העכער, שטאַרקער און בעסער געבויט ווי זייערע עלטערן. צו זעהן א 16־יאָהריגען באַי, וואָס איז העכער פאר זיין פאָטער, איז אין אונזער קווארטאַל געוואָרען א געוועהנליכע זאַך.

און די פּאָליטישע פרייהייט האָט מען אויך ניט געקענט אוועקמאַכען מיט׳ן האַנט. עס האָט זיך געפיהלט, אז מען איז דאָ מעהר מענש. מיין פריינד אַלטער, וועלכער האָט אימער געפּראָצעוועט און קוים א לעבען געמאַכט, און זיך אליין געהאַל־

טען פאר א „לא יוצלח", האָט צו מיר אמאָל געזאגט מיט זיין גוטמוטיגען שמייכעל: „ווי דֵי מעשהַ איז — אִין דער הַיים פלעג איך האלטען די קאָפּ אראָפּגעלאָזען און דעם קארק איינגעבויגען, און דאָ האלט איך דֵי קָאפּ אַויפגעהויבען און דֶעם קַארק גלייך."

און מיט דיזען גייסט פון זעלבסט־ווירדע זיינגען געוואקסען די קינדער.

פון קיין אידען־פארפאָלגונגען האָט מען אבסאָלוט ניט גע־וואוסט. דער איד האָט זיך געפיהלט גלייך מיט'ן קריסט. מען פיהלט דאָס איצט אויך, טראָץ דעם אנטיסעמיטיזם, וועלכער איז איצט פארשפרייט אין פארשידענע פארמען. אין יענע יאָהרען, ווען דער אנטיסעמיטיזם האָט אין אמעריקא עקזיסטירט נאָר אין די מיליאָנערסקע געזעלשאפטס־קרייזען, און ביי זיי אויך נאָר אלס א מאָדע־זאך, אין יענע יאָהרען האָט דער אידישער אימיגראנט כמעט ניט געוואוסט אז דאָ איז גאר פאראן אזא זאך ווי אנטי־סעמיטיזם.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

דער „וואָירקמענ׳ס עדוואָקעיט” און די סאָציאַליס־טישע ארבייטער פּארטיי.

1.

בושע. — וויקטאָר יאַראָם. — אַ געשריבענע דעבאַטע. — פּראָפעסאָר גאָנטאָן. — א געשפּראָכענע דעבאטע.

די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי פון אמעריקא האָט אָפּגעקויפט אן ענגלישע וואָכען־בלאַט מיט׳ן נאָמען „וואָירקמענ׳ס עדוואָקעיט”. זיין גרינדער און רעדאקטאָר איז געווען איינער לואיס בושע, און דער פּלאַץ וואו ער האָט איהם ארויסגעגעבען איז געווען ניו הייווען. דאָרטען איז די צייטונג געשאַפען געווארען אלס אָרגאַן פון די טרייד יוניאָנס. אונזער פּארטיי האָט איהר איבערגענומען צוזאמען מיט איהר רעדאקטאָר, וועלכער איז געווען סאָציאַליסטיש געשטימט, און האָט איהר אריבערגעמופט קיין ניו יאָרק מיט איהם צוזאמען.

די הויפּט־קוואַרטיר פון דער פּארטיי איז דאן געווען אין 25 איסט 4טע סטריט, לעבען לאַפּאַיעט פּלייס. זי האָט פארנומען א דריי־שטאָקיגע הויז מיט גרעסערע און קלענערע צימערען און מיט א היבשען פארזאמלונגס־זאל פאר לעקטשורס און אלגעמיינע מיטינגען. אין דיזען גרויסען זאל פלעגען געהאַלטען ווערען די ענגלישע לעקטשורס. דאָרטען פלעגען אויך פארקומען די אלגע־מיינע פּארטיי מיטינגען פון אלע דיסטריקטען פון ניו יאָרק. אין דעם זעלבען זאל פלעגט מען זיך אויך צוזאמענקומען אין עלעקשאָן־אָווענט הערען די „ריטוירנס”.

אין דיזער געביידע איז געווען די רעדאקציע פון דעם וועכענטליכען דייטשען פּארטיי־אָרגאַן „דער סאָציאַליסט״ און דאָר־טען פלעגען אויך אָפּגעהאַלטען ווערען די מיטינגען פון דער נאַציאָ־נאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע און פארשידענע אנדערע מיטינגען פון דער באַוועגונג. אַלזאָ, האָט די פּארטיי אין דער זעלבער געביידע איצט אָפּגעגעבען א צימער פאר דער רעדאקציע פון דעם „וואָירק־מענ׳ס עדוואָקעיט״.

די גאַנצע הויז אין אַלגעמיין האָט ביי אונז געהייסען „לייבאָר לייסעאום״.

אויף בושע׳ס איינלאַדונג האָב איך אָנגעהויבען מיטצואַר־בייטען אין זיין צייטונג. איך האָב געשריבען לענגערע זאכען מיט מיין אונטערשריפט, און קירצערע אָהן אַן אונטערשריפט. כמעט אין יעדען נומער האָבען זיך וויניגסטענס געפונען א פּאָר נאָטיצען מיינע.

אין דעם אָפיס פון בענדזשאַמין טאָקער׳ס פילאָזאָפיש־אנארכיסטישען זשורנאַל „ליבערטי״, אין רעוויער סטיישאָן, לעבען באָסטאָן, האָט דאַן געארבייט וויקטאָר יאראָס (יאראָסלאַווסקי), וועלכער איז אין אמעריקא געקומען מיט׳ן קיעווער „עם עולם״, אין 1882. ער איז געווען פון קרעמענטשוג, וואו ער האָט געהערט צו דעם זעלבען רעוואָלוציאָנערען קרוזשאָק ווי ספּיוואקאָווסקי און שאמראיעווסקי. ער איז געווען איינער פון די פעהיגסטע יונגע לייט צווישען די אינטעליגענטע אידישע אימיגראנטען וואָס זיינען אין יענע יאָהרען געקומען קיין אמעריקא. ער האָט סימפּאַטיזירט מיט טאָקער׳ס אידעען און איז מיט איהם באקאנט געוואָרען פּערזענליך. דאַן איז ער אָנגעקומען ארבייטען אין זיין דרוקעריי. און אַזוי ארבייטענדיג אַלס שריפטזעצער, איז ער באַלד געוואָרען זיין מיט־רעדאקטאָר. צו דער זעלבער צייט וואָס יאראָס האָט אין באָסטאָן מיטגעארבייט אין „ליבערטי״, האָב איך אנטייל גענומען אין אונזער ענגלישען פּארטיי־אָרגאַן, „וואָירקמענ׳ס עדוואָקעיט״, און א פּאָר מאָל האָבען מיר אויף די קאָלומס פון די צוויי צייטונגען געפיהרט א פּאָלעמיק — ער אַלס „פילאָזאָפישער אנארכיסט״ און איך אַלס סאָציאַליסט.

דער עיקר פון טאָקער׳ס און יאַראָס׳עס „אַנאַרכיזם“ איז באַשטאַנען אין פרייע קאָנקורענץ, „אַבסאָלוט פרייע“. מיר, סאָציאַליסטען, זאָגען, אַז כל זמן עס וועט זיין קאָנקורענץ און לוין־אַרבייט, וועט ניט זיין קיין יושר און קיין אמת׳ע פרייהייט. טאָקער׳ס מיינונג איז געווען פונקט פאַרקערט. ער האָט גע־טענה׳ט אַז עס איז ניטאָ קיין יושר און קיין פרייהייט, ווייל עס איז ניטאָ קיין אַבסאָלוט פרייע קאָנקורענץ — ווייל עס איז פאַראַן אַ שטאַאַט, וועלכער באַשרענקט דיזע פרייהייט.

אין אונזערער אַ דעבאַטע האָט יאַראָס איין מאָל מיר געמאַכט אַזאַ „טשעלענדזש“: אויב סאָציאַליסטען זיינען איבער־צייגט, אַז ווען די רעגירונג זאָל פיהרען די אינדוסטריען, וועט זיין בעסער, טאָ זאָל אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג ערלויבען פּריוואַט אינדוסטריען מיט איהר צו קאָנקורירען; זאָל זי באַ־ווייזען, אַז זי קען איבערשטייגען פּריוואַט אונטערנעהמער. וויבאַלד אָבער זי וועט קיין פּריוואַט אונטערנעהמער אַבסאָלוט ניט דער־לאָזען, איז אַ סימן, אַז זי האָט מורא פאַר זייער קאָנקורענץ.

מיין אַנטוואָרט אויף דעם איז געווען אַ קורצער אַרטיקעל מיט דעם איבערשריפט: „מענטאַל אַנאַרקיע“ (גייסטיגע אַנאַרכיע, אַ פּלאָנטער אין מוח). זיין אינהאַלט איז באַשטאַנען אין פאָל־גענדען: סאָציאַליסטען זאָגען אַז די סאָציאַלע פראַגע קען ניט געלייזט ווערען סיידען עס וועט אין גאַנצען אָפּגעשאַפט ווערען די קאָנקורענץ אין אינדוסטריע; זאָגט יאַראָס: אויב איהר זייט זיכער, אַז ניט־קאָנקורענץ איז בעסער ווי יאַ־קאָנקורענץ, טאָ זאָלען די צוויי סיסטעמען קאָנקורירען איינע מיט דער אַנדערער, און זאָל דער סאָציאַליזם ווייזען אַז ער וועט זיגען. דאָס הייסט, יאַראָס פאָדערט, אַז דורך קאָנקורענץ זאָלען מיר באַווייזען אַז די אָפּשאַפונג פון קאָנקורענץ איז גוט*).

---

*) דער ענין דערמאַנט אָן דעם, וואָס קומט איצט פאָר אין רוסלאַנד אין באַצוג צו דער פראַגע וועגען רעגירונגס־אינדוסטריע און פּריוואַט־אינדוסטריע אין דעם „נעפּ“. לענין האָט אין זיין באַריהמטער „נעפּ“־רעדע אין 1921 געזאָגט פונקט דאָס זעלבע ווי דאָס וואָס יאַראָס האָט גע׳טענה׳ט צו מיר. ער האָט נעמליך געתייסען די סאָוויעט רעגירונג

וויקטאָר יאָראָס. — פאָטאָגראַפירט אין 1892.

איך האָב דיזע פּאָלעמיק געפיהרט ווען איך בין געגאַנגען אין דער לאָא סקול פון קאָלאָמביא קאָלעדזש און בין געווען פאַר־בונדען מיט סירינג'ען. דעם ארטיקעל „מענטאל אנארקיע" האָב איך געשריבען אויף מיין סעקאָנד־העגדיגען דעסק, אין סירינג'ס אָפיס. דאָס איז אלזאָ געווען אין דעם ווינטער פון 1888 און 1889.

דעם זעלבען ווינטער האָב איך אויך געהאַט א מינדליכע דעבאַטע אין דעם „לייבאָר־לייסעאום" פון דער אמעריקאנער סאָציאַ־ליסטישער סעקשאָן, אין דעם גרויסען זאַל פון 25 פּערטע סטריט.

איינער פון די וואָס פלעגען רעגעלמעסיג קומען צו אונזערע פארזאַמלונגען איז געווען א געגנער פון סאָציאַליזם, אָבער ניט פון דעם אנארכיסטישען שטאַנדפּונקט, אַן אמעריקאנער מיט'ן נאָמען גאָנטאָן, וועלכער האָט זיך גערופען „פּראָפעסאָר". ער האָט אימער געטראָגען א לאנגען שווארצען ראָק און א ווייסען שניפּס. ער פלעגט נעמען דאָס וואָרט געגען אונזערע געדאנקען און פלעגט פארטיידיגען די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, אָבער מיט גרויס העפליכקייט צו אונזער פּארטיי. איך בין געווען איינער פון צוויי, דריי מעמבערס, וועלכע פלעגען איהם ענטפערען. ווען מיר פלעגען דאָס אליין ניט טאָן, פלעגען די אנדערע אָנוועזענדע, אָדער די פּאָרזיצערין, אונז רופען צום וואָרט.

שפּעטער האָט גאָנטאָן געפונען א רייכען אמעריקאנער און מיט זיין הילף האָט ער ארויסגעגעבען א זשורנאל מיט'ן נאָמען „גאָנטאָנ'ס מאנטהלי".

איינינע מאָל האָב איך געהאלטען די זונטאָג'דיגע לעקטשור פון דער סעקשאָן, און איין מאָל איז אנשטאָט די וועכענטליכע לעקטשור פארגעקומען א דעבאַטע צווישען פּראָפעסאָר גאָנטאָן'ען און מיר.

זיין הויפּט געוועהר איז געווען דארוויניזם — דער געוועהנ־ליכער ארגומענט וואָס מען שטעלט ארויס געגען דעם סאָציאַליזם.

קאָנקורירען מיט פּריוואט אינדוסטריען. „אויב מיר וועלען זיי ניט איבעריאָגען, וועלען מיר די מפּלה כשר פארדינען!" — האָט ער געוואָרענט די פאָרשטעהער פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי.

דער דארווינזים לערענט, אז קאנקורענץ און דער קאמף פאר עקזיסטענץ איז דער פונדאמענט פון ענטוויקלונג אין דער נאטור; אז צו קאנקורירען און קעמפען איז א נאטור געזעץ, וועלכער הערשט איבער אלע לעבעדיגע באשעפענישען און פלאנצונגען. דער סאציאליזם וויל אפשאפען די קאנקורענץ, דעם קאמף. אויב אזוי, הייסט דאך דאס, אז ער וויל געהן געגען דער נאטור.

אין מיין ענטפער האב איך ערקלערט דעם עיקר פון דעם דארווינזים און געוויזען אז פראפעסאר גאנטאן האט א טעות אין דעם גאנצען ענין. איך האב געוויזען, אז אין דעם קאמף, וועגען וועלכען דארווין רעדט, שפילט אחדות א וויכטיגע ראלע. אז איינינקייט איז אפט א מעכטיגער מיטעל טאקע אין דיזען קאמף. איך האב געבראכט באווייזען פון דארווינ׳ען גופא און אויך פון דער געשיכטע פון פאר־היסטארישער קולטור. אלס ביישפיל האב איך אנגעוויזען אויף דעם פאקט, אז געוויסע אבעזיאנעס פאראייניגען זיך אמאל אויפצוהויבען א גרויסען שטיין און וועהרענד אייניגע האלטען צו דעם שטיין, קלייבען די איבעריגע אויף די ווערים און די זשוקעס וואס געפינען זיך אונטער איהם און אלע צוזאמען מאכען א סעודה. אליין וואלט קיינע פון זיי ניט געווען אימשטאנד דאס צו טאן.

אין דיזען פאל, אלזא, דינט די פאראייניגונג אלס א וואפע אין דעם קאמף פאר עקזיסטענץ.

איך האב געבראכט אנדערע ביישפילען אזעלכע. און מיין שלוס איז געווען אז דער סאציאליים וועט געברויכען איינינקייט אלס א וואפע אין דעם מענשענ׳ס עקזיסטענץ־קאמף מיט דער נאטור.

עס איז מעגליך אז דעם געדאנק האט אימיצער שוין געהאט ארויסגעבראכט. אויב יא, האב איך פון דעם ניט געהערט.

עטליכע יאהר שפעטער האט פרינץ קראפאטקין דעם זעלבען געדאנק ענטוויקעלט מיט אריגינעלע ביישפילען אין זיין בוך „געגענזייטיגע הילף ביי חיות”. אין דעם בוך זיינען אריינגעקומען ארטיקלען, וועלכע ער האט פריהער געדרוקט אין אן ענגלישען זשורנאל. ווען איך האב געהאט די דעבאטע מיט פראפעסאר גאנטאנ׳ען, זיינען נאך יענע ארטיקלען ניט ערשינען.

2.

לעקטשורס און ארטיקלען. — רעאַליזם. — א בראָשורע. — לוסיען סעניעל.

מיט א קורצער צייט איידער דיזע שורות זיינען געשריבען געוואָרען, האָב איך דורכגעבלעטערט דעם „וואָירקמענ׳ס עדוואָקעיט״ פון יאָהר 1889. דער נומער פון 6טען אפּריל ענטהאלט א גרויסען ארטיקעל פון דריי געדיכטע קאָלומס, וועלכער טראָגט מיין נאָמען. דער ארטיקעל הייסט „רעאליזם״. קיין דירעקטע שייכות צו ליטעראטור האָט ער ניט. עס איז א מין פילאָזאָפישע באטראכטונג פון דעם עיקר פון קונסט אין אלגעמיין.

די טעמע האָט אָבער אין מיין מח געשטאמט פון מיין וואקסענדען אינטערעס אין רעאליסטישער בעלעטריסטיק. האועלס׳ען און דזשיימס׳ען, די וויכטיגסטע אמעריקאנער שרייבער פון יענע צייטען, פלעגט מען רופען רעאליסטען, און איך האָב זייערע ווערק געלעזען מיט התמדה. צו דער זעלבער צייט האָב איך פון דאָס נייע איבערגעלייענט די וויכטיגסטע פון טאָלסטאָי׳ס ווערק. עס האָבען זיך גענומען באוויזען ענגלישע איבערזעצונגען פון דיזע ווערק. און אין די קריטיקען אויף זיי, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין די אמעריקאנער צייטונגען, פלעגט דער וואָרט „רעאליזם״ געברויכט ווערען גאנץ אָפט. נאָך אָפטער פלעג איך דעם אויסדרוק זעהן אין באצוג צו האועלס׳ען און דזשיימס׳ען.

ליטעראטור איז דאן ביי מיר געווען נאָר א צייט־פארטרייב. ווען איך פלעג זיך פארטראכטען וועגען ליטערארישע ענינים, פלעגט דער מוח זיך ארייגלאָזען אין אבסטראקטע געדאנקען וועגען זיי, און דאָס רוב פלעגט ער ממילא שוין צוקומען צו א שייכות צווישען דיזע ענינים און סאָציאלע פראגען.

טיילווייז האָט די טעמע „רעאליזם״ געהאט צו טאָן מיט די בילדער פון דעם בארימטען רוסישען מאהלער, ווערעשטשאגין. ער האָט באזוכט אמעריקא און האָט זיינע בארימטע מלחמה־בילדער אויסגעשטעלט אין א ניו יאָרקער גאַלערעע. איך בין זיי נעגאנגען זעהן. די קונסט־קריטיקער פון די ניו יאָרקער

ציימונגען האָבן געלויבט זיין טאַלאַנט; זיי האָבן אָבער פאַרדאַמט דעם אינהאַלט פון זיינע בילדער. די אויפגאַבע פון קונסט איז צו פאַרשאַפן פאַרגעניגען, האָבן זיי געשריבן. ווערעשטשאַגין'ס בילדער אָבער פאַרשאַפן שמערצן. עס איז שרעקליך צו זעהן אַ מלחמה־האָספּיטאַל, וואו צעהנדליגער סאָל־דאַטען זיינען פאַרקריפּעלט — דער אָהן אַ האַנט, דער אָהן אַ פוס — און פאַרבאַנדאַזשירט אַזוי, אַז די בלוט שלאָגט דורך דעם באַנדאַזש.

דיזע קריטיקען האָבן מיך געערגערט, און איך האָב וועגן זיי געהאַלטען אַ לעקטשור אין לייבאָר־ליסעאום. איך האָב אָנגעהויבען צו לעזען וועגן קונסט אין אַלגעמיין. איך האָב איבערגעלייענט ספּענסער'ס אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ענין. ניט מיט אַלץ בין איך איינפאַרשטאַנען געוועזן. ביי מיר האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ דייטליכער באַגריף וועגן דער פראַגע, און דעם דאָזיגען באַגריף האָב איך איבערגעגעבען אין מיין אַרטיקעל איבער רעאַליזם. מיין הויפּט געדאַנק איז באַשטאַנען אין פאָלגענדען:

דער סוד פון רעאַליסטישער קונסט ליגט אין דעם פאַקט, אַז אַ מענש האָט פאַרגעניגען ווען מען שפּיגעלט פאַר איהם אָפּ די ווארהייט. ווען דאָס וואָס עקזיסטירט, ווערט פאַר איהם פאָר־געשטעלט מיט פאַרב, שניצעריי אָדער ווערטער, אָבער טריי צום אָריגינאַל, האָט ער הנאה דערפון. דאָס גופא וואָס די פאָרשטעלונג איז אַ ריכטיגע, פאַרשאַפט איהם אַן אַנגענעמען געפיהל. מען מיינט דאָ ניט קיין טויטע פאָטאָגראַפיע, נאָר אַ קינסטלערישע אויפ־לעבונג. אויב דיזע קינסטלערישע ווידערהאָלונג שטימט מיט דער זאַך, איז דאָס גופא, דיזע ריכטיגקייט, דיזע קינסט־לערישע אויפריכטיגקייט, אַ קוואַל פון עסטעטישען גענוס. דער גרונד דערפון באַשטעהט אין דעם, וואָס דער אמת איז אונז ליב; דער אמת איז אַ קוואַל פון תענוג. ווען מיר דערקענען אַ באַקאַנטען אויף אַ פּאָרטרעט, גיט די האַרץ אַ ציטער פון הנאה. די דערקענונג איז אונז ליב.

קאַפּיטאַליסטישע קריטיקער ווילען ניט דעם אמת, ווייל ער שטערט דעם קלאַס, וועלכען זיי רעפּרעזענטירען.

דאָס איז דער הויפּט־געדאַנק פון מיין אַרטיקעל. ווען איך

האָב איהם איבערגעלעזען מיט 37 יאָהר שפּעטער, האָב איך, ביז א געוויסען גראַד, אין איהם געפונען א צופרידענשטעלונג, הגם היינט וואָלט איך דאָס זעלבע אויסגעדריקט גאַנץ אנדערש. דער ארטיקעל געהט איבער צו דער סאָציאַלער פראגע, און דאַן באַשטעהט א היבשע טייל זיינע פון פּראָפּאגאנדא געדאַנקען, וועלכע שטערען דעם איינדרוק פון אויפריכטיגקייט.

לעזענדיג דעם ארטיקעל איצט, אונגעפעהר ווען דיזע צייליען ווערען געשריבען, וואָלט איך געקענט אָנווייזען מיט׳ן פינגער, וועלכע שטעלען עס זיינען געשריבען געוואָרען פון הארצען, מיט איבערצייגונג, און וועלכע עס זיינען געשריבען געוואָרען נאָר אלס פּראָפּאגאַנדא פליכט.

איך האָב אבער אזעלכע פּראפּאגאנדע שטעלען אריינגעשריבען מיט׳ן עהרליכסטען אבזיכט. מיר פלעגען מיינען, אז מען מוז אזוי טאָן, און איצט זיינען נאָך אויך פאראַן גענוג סאָציאַליסטען וואָס מיינען אזוי. דאָס פלעגט געטאָן ווערען פון זיך אליין. אלס א גאַנץ נאַטירליכע זאַך. פון דעם דאָזיגען פעהלער האָט געליטען כמעט אלץ, וואָס איך האָב געשריבען אין יענע יאָהרען.

דער לענגסטער ארטיקעל, וואָס איך האָב געהאַט אין דעם „וואָירקמענ׳ס עדוואָקעיט״, איז ערשינען מיט עטליכע וואָכען נאָך דעם ארטיקעל „רעאליזם״. ער איז געווען געדרוקט אין צוויי נומערען, דעם 25טען מאַי און דעם 1טען יוני. צוזאַמען זעקס געדיכטע קאָלומס. דער נאָמען איז געווען „סאָשעל רעמעדיס״ (סאָציאַלע רפואות). אין איהם האָב איך באַטראַכט די מיטלען וואָס ניט־סאָציאַליסטען שלאָגען פאָר אויף צו באַפרייען די וועלט פון איהרע אונרעכטען, און אונזערע אידעען. איידער דער ארטיקעל איז געווען געדרוקט, האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע איהם איבערגעלעזען, און עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אז נאָכדעם ווי די זעקס קאָלומס וועלען שוין ערשיינען, זאָל מען דעם זאַץ געברויכען אויף א בראָשורע. די בראָשורע איז ערשינען אין יוני.

אין דער רעדאַקציע פון דעם „וואָירקמענ׳ס עדוואָקעיט״ בין איך נאָהענט בעקאַנט געוואָרען מיט לוסיען סעניעל׳ן. ער איז

געווען דער וויכטיגסטער מיטארבייטער פון דער צייטונג. מיר האָבען ביידע פאַר איהר געשריבען אָהן געצאָהלט. ער איז שוין דאַן געווען אין די ווייטערע מיטעלע יאָהרען — א הויכער מאַן, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט א גרויסען שעהנעם פראַנצויזישען פּנים, מיט דונקעל־ברוינע האָר, עטוואס באַשפּרינקעלט מיט גרויקייט. ער פלעגט שמעקען טאַבאַק. דער איינציגער געבילדע־טער מאַן, וואָס איך האָב ווען עס איז געקענט, וועלכער האָט געהאַט דיזע געוואוינהייט.

אין די „קורצע לעסאָנס איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע", וועלכע ער האָט געשריבען פאַר דעם „וואָירקמענ'ס ערוואָקעיט", האָבען זיינע פעהיגקייטען אלס דענקער און זיין טאַלאַנט אלס שרייבער זיך ארויסגעצייגנט אויף א גלענצענדען שטייגער. ער האָט געשריבען א מייסטערהאַפטען ענגליש, און גערעדט ענגליש האָט ער אויך גלענצענד. די אויסשפּראַך ביי איהם איז אָבער געווען א שטאַרק פראַנצויזישע, פול מיט ניט־ענגלישע קלאַנגען.

מיט זיין פּערזענליכען כאַראַקטער האָט ער ארויסגערופען דעם העכסטען רעספּעקט און די וואַרימסטע ליבע אין יעדען, וואָס איז מיט איהם געוואָרען נאָהענט באַקאַנט.

3.

ווערעשטשאגין און זיין אויסשטעלונג.

איך האָב דאָ דערמאָנט דעם רוסישען מאַהלער ווערעש־טשאַגין און זיין בילדער־אויסשטעלונג. די דאָזיגע אויסשטע־לונג איז פאַרבונדען אין מיין געדאַנק מיט א פּאַסירונג און א שטימונג, וועלכע געהערט צו מיינע ליבסטע עראינערונגען. איך וועל דעריבער דערצעהלען די איינצעלהייטען.

דאָס איז געווען א יאָהר פאַר דער צייט ביי וועל־כער מיר האַלטען דאָ, אין איינער פון יענע וואָכען, ווען איך און מיין פרוי פלעגען זיין באַקאַנט מיט דעם טעם פון נויט. וואהרשיינליך האָב איך דאַן געהאַט צו־ווייניג לעסאָנס, און די פאַרדינסטען פון מיין שרייבען אין די ענגלישע צייטונגען זיי־נען גראָד דאַן מסתמא אויך געווען זעהר קליין. יעדענפאַלס גע־



לוסיען סעניעל.

דענק איך דייטליך, אז מיר האָבען עטליכע טעג געהאַט קוים־קוים דורכצוקומען. אָבער זעהן ווערעשטשאגין'ס באריהמטע געמעלעכצען פון דער רוסיש־טערקישער קריג פון 1877 האָט זיך אונז שטארק געוואלט. האָבען מיר ניט געשטעלט קיין פראַגען, און כמעט פאר דעם לעצטען דאָלאר האָבען מיר גע־קויפט טיקעטס. מיר האָבען אויף דער אויסשטעלונג פאר־בראכט פילע שטונדען. עטליכע צימערען זיינען געווען פארנו־מען מיט בילדער, גרעסערע און קלענערע, גאנץ גרויסע און גאנץ קליינע; און מייסטע פון זיי האָבען געהאַט א שייכות צו די שלאכט־פעלדער פון דער רוסיש־טערקישער קריג.

אויף איין באריהמטען בילד ווערט פארגעשטעלט ווי א גלח געהט אום איבער די קברים פון די געפאלענע סאָלדאטען, ער האלט א ווייראך־פושקע פאר א קייטעל, און וויגט איהר איבער די בערגלעך ערד, זאָגענדיג זיין תפלה. מיר זיינען געשטאַנען און געקוקט אויף די רייכע דעליקאטע קאָלירען פון דעם גרויסען געמעהלעכץ, אויף דער הייליגער געהיימנים, וואָס האָט געשוועבט איבער די קברים.

א סך אויפמערקזאמקייט האָבען געצויגען דריי קליינע ביל־דער, אויף וועלכע עס איז געווען פאָרגעשטעלט דער זעלבער סאָלדאט. עס איז א שרעקליכע זאווערוכע, און דער סאָלדאט שטעהט אויף דער וואך. אויף איין בילד שטעהט ער מיט'ן ביקס אויפ'ן פּלייצע. אויף דעם צווייטען זעהען מיר איהם א צוזאמענגעקאָרטשעטען פון דעם שניי־שטורם און דעם פראָסט, מיט די פיס איינגעגראָבען אין שניי, מיט דער ביקס אראָפּגע־גליטשט און צוגעדריקט צום הארצען מיט פארגליווערטע אָרעמס. אויפ'ן דריטען איז ער שוין באגראָבען אין שניי, דער ביקס ליגט אָן א זייט.

די אויבען־דערמאָנטע פּיקטשור פון דעם האָספּיטאל אויפ'ן שלאכטפעלד איז געווען שרעקליך צו זעהן. א מאסע סאָל־דאטסטע פיגורען, יעדע אזוי ווי א ווירקליכע. א יאטקע פון צוקאליעטשעטע מענשען, פון רויהע, בלוט־נאסע וואונדען, פון בלאסע, מלאך־המות־געסטראשעטע פנים'ער, אויגען פול מיט א גלייכגילטיגקייט, וואס איז שרעקליכער ווי טויט־שרעק. עס

איז געווען שווידערליך צו קוקען, און דאָך האָט געצויגען ווידער און ווידער צו קוקען.

אן ענגלישער בילד האָט ווערעשטשאַגין געהאַט אויף זיין אויסשטעלונג אין פעטערסבורג, און ווען דער רוסישער קיסר, אלעקסאנדער דער צווייטער, האָט איהם געזעהן, האָט ער גע־פרעגט ביי זיין אדיוטאנט: „צי דען שטעלט דאָס פאָר די ווירקליכקייט?״

און דער אדיוטאַנט האָט געענטפערט: „אָה, ניין, אייער מאַיעסטעט! דאָס איז בלויז א פאנטאזיע פון דעם מאָה־לער.״

ווען מען האָט עס איבערגעגעבען ווערעשטשאַגינ׳ען, האָט ער אראָפּגענומען דעם בילד פון וואנט און איהם פארניכטעט.

ניט נאָר מיט די בילדער פון פארוואונדעטע אָדער טויטע סאָלדאטען האָט ווערעשטשאַגין׳ס אויסשטעלונג געמאכט א טי־פען איינדרוק געגען מלחמה און געגען דער מיליטערישער מאכט אין אלגעמיין. אפילו די לעבעדיגע און געזונטע סאָלדאטען אויף זיינע געמעלעכצען האָבען אויך געהאַט אזא ווירקונג. ער האָט זיי געמאָהלען מיט א טיפער קינסטלערישער טרייהייט, מיט א טיפער אמת׳דיגקייט. און דער רעזולטאט איז געווען, אז אָנשטאָט צו זעהן פאר זיך א העלדישען סאָלדאט, פול מיט קאמף־לוסט, האָט איהר געזעהן אן אומגליקליכען סאָלדאט׳ל. זיינע מיליטערישע קליידער זיינען געהאנגען אויף איהם. זיי האָבען אויסגעזעהן אזוי אָרים, אזוי צרה׳דיג. דער גאנצער מענ־שעל האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א נעבעכעל. אנשטאט צו פיהלען זיין קאמף־לוסט, האָט איהר געפיהלט א רחמנות אויף איהם.

צווישען די גאנץ גרויסע בילדער איז געווען איינער, וועל־כער האָט פאָרגשטעלט א הינריכטונג, תליות.

ווערעשטשאגין אליין האָט ארומגעשפּאצירט אין די גאַ־לערעע־צימערען מיט איינינע פון די באזוכער און געשמועסט מיט זיי וועגען די בילדער און וועגען אנדערע זאכען.

אונטען איז געווען א „רעספּשאָן רום״, וואו א רוסישער

וועיטער אין א רוסישען פאָלקס־קאסטיום האָט יעדען, וואָס האָט זיך געזעצט ביים טיש, דערלאנגט א גלאָז סאַמאָוואר־טיי מיט רוסישע געבעק.

ווען מיר זיינען דארטען געזעסען און געטרונקען טהיי, האָט זיך לעבען אונז געזעצט ווערעשטשאגין און נאָך א פּאָר רוסען. עס איז 'געוואָרען א מין „פּארטי". דער קינסטלער האָט גע־זונגען רוסישע לידער, וועלכע זיינען אונז געוועזן אזוי ליב.

א מערקווירדיגע שטימונג איז דאָס געווען! דער איינדרוק פון דעם סימפּאטישען גרויסען מאָהלער, פון זיין רוסישען גע־זאנג, פון זיין גאסט־פריינדליכקייט און איינפאכקייט, האָט זיך צוזאמענגעמישט מיט דער נשמה־דורכדרינגענדער געהיימניס און פּאָעזיע וואס האָבען ארויסגעקוקט פון זיינע פארבען. מיר זייי־נען אוועק אהיים אין א געמיט, וועלכען מיר קענען קיינמאָל ניט פארגעסען.

דאָס איז געווען אין א שבת. אויף מאָרגען, זונטאָג, ווען איך בין אויפגעשטאנען, איז מיין ערשטער געפיהל געווען, אז איך וואָלט זעהר וועלען געהן צו דער אויסשטעלונג נאָך אמאָל. און דער באגעהר האָט מיך ניט אָפּגעלאָזען. איך האָב אָבער ביי זיך אין פּאַסעט געהאט פּונקט גענוג אויף צו באצאָהלען פאר א דינער פאר אונזביידען. אויב מיר זאָלען ווידער געהן צו דער אויסשטעלונג, וועט ניט זיין וואָס צו עסען. מיר איז איינגעפאלען א פּלאַן אין קאָפּ: מען גיט דאָרטען טהיי מיט רוסישען קעיק, וועט דאָס זיין אונזער דינער.

מילא אויף מיין אייגענעם מאָגען האָב איך געקענט זיין א בעל־צדקה. ווער וויים אבער וואָס אניוטא וועט זאָגען? עס איז מיר שווער געווען איהר דעם פּלאַן פאָרצולייגען. אָבער ענדליך האָב איך דאָס געטאָן.

איהר אנטוואָרט איז געווען א שמייכעל. זי האָט געהאט פּונקט דעם זעלבען געדאנק, און זי האָט ניט געהאט קיין מוטה מיר צו מאכען דעם פאָרשלאג.

מיר זיינען אוועק אויף דער אויסשטעלונג און מיר האָ־בען דארטען ווידער פארבראכט דעם גאנצען טאָג.

.4

גארפיעלד און אַ מעשה מיט אַ בריטווע.

די סאָציאַליסטישע ארבייטער פארטיי האָט ביסלעכווייז גענומען ווערען טעטיג צווישען אמעריקאנער. ווי מיר ווייסען שוין, איז זי אייגענטליך געווען אינגאנצען א דייטשע פארטיי. נאָר מען איז דאָך עפּעס פאָרט אין אמעריקא, האָט מען גענו־מען ארבייטען פאר דער אמעריקאנער אגיטאציע. מיר האָ־בען אויבען געזעהן ווי אזוי די פארטיי האָט געקויפט דעם „וואָירקמענ'ס עדוואָקעיט" און געמאכט איהם פאר איהר אָרגאן. אויך האָט זי אָנגעהויבען צו באזארגען מיטינגען מיט ענגלישע רעדנער. אין 1889 האָט זי אָנגעשטעלט א ספּעציעלען ענגלישען אגיטאטאָר מיט'ן נאָמען טהאָמאס גארפיעלד. דאָס איז געווען א שעהנער יונגערמאן, מיט א קליינער, געלער בערדעלע. אליין איז ער געווען פון סקאָטלאנד, נאָר איצט איז זיין היים געווען אין אמעריקא. ער האָט געוואוינט אין באלטימאָר, וואו ער האָט געהאט א פרוי מיט קינדער. פריהער האָט ער שטודירט אויף גלח; איצט אָבער איז ער צווישען דייטשע סאָציאליסטען באקאנט געווארען אלס א א סאָציאליסט. ער האָט געהאט א פיינע באריטאָן שטימע און איז געווען א גוטער רעדנער. אלזאָ, האָט די פארטיי איהם אָנגעשטעלט ארומצופאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט, האלטען לעקטשורס און רעדעס. אומעטום האָט ער זיך אפּגעשטעלט ביי א דייטשען גענאָסע. אויף רייזע־קאָס־טען האָט מען איהם געגעבען, און זיין פרוי האָט מען געצאָהלט 15 דאָלאר א וואָך אויף צום לעבען. אין יענע צייטען און אונ־טער יענע אומשטענדען פון אונזער פארטיי האָט זיך דאָס גע־רעכענט פאר גענוג.

אין א געוויסען נאָכמיטאָג האָט איהם פאר מיר פאָרגע־שטעלט איינער פון די דייטשע גענאָסען, א מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע, און אויך בושע. דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם גרויסען זאל פון אונזער לייבאָר־לייסעאום. מיר זיינען א געוויסע צייט געשטאַנען און גע'שמועסט. שפּעטער, ווען דער

דײַטשער גענאָסע האָט בײַ מיר געפרעגט ווי עס געפעלט מיר גאַר־סייד, האָב איך געענטפערט:

„איך ווײס ניט; ער מאַכט אויף מיר עפּעס ניט קײן גוטען אײַנדרוק. ער באַריהמט זיך, רעדט נאָר פון זיך, מאַכט אַ פּוריע, און זײַנע רייד קלינגען מיר גיט אויפריכטיג".

דער דײַטשער גענאָסע האָט מיר אויסגערעדט פאַרוואָס איך זאָג אַזעלכע זאַכען וועגען אַזאַ וואוילען מענשען און אַזאַ וויכטיגער פּערזאָן ווי גאַרסייד.

שפּעטער איז וועגען דיזען „וואוילען מענשען" אַנגעקומען אַן אונאַנגענעהמער באַריכט. אַ זאָנדערבאַרע געשיכטע האָט מען פאַרעפענטליכט וועגען איהם.

ווען ער איז געווען אין ניו־אָרליענס, האָט ער אײן מאָל בײַנאַכט געמאַכט אַ געשרײ, אַז אימיצער האָט איהם אַטאַקירט מיט אַ רעוואָלווער, און איהם געוואָלט קוילען. אויף זײַן האַלז האָט ער געוויזען צייכענס פון דעם רעזאָר. ער האָט דעם „אַנפאַל" ערקלעהרט דערמיט, וואָס זײַן אַגיטאַציע איז געפעהרליך פאַר די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען. זיי האָבען געשיקט אַ שליח איהם צו טויטען, הייסט עס.

די געשיכטע איז פאָרגעקומען אין דער וואוינונג פון אַ דײַטשען גענאָסע מיט'ן נאָמען בענש. גאַרסייד האָט דערצעהלט אַז דער מאַן איז אַרײַנגעדרונגען צו איהם אין צימער דורכ'ן פענסטער. ער, גאַרסייד, האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַנט און דער יענער האָט באַוויזען איהם צו קוילען. דאַן איז דער אַנגרייפער אַנטלאָפען, און לויפענדיג האָט ער דעם רעזאָר אַוועקגעוואָרפען אויפ'ן יאַרד, צווישען קלעצער. מען האָט געזוכט צווישען די קלעצער און מען האָט ווירקליך געפונען אַ נייעם רעזאָר. האָט אָבער בענש'ס זוהן דעם רעזאָר דערקענט: ער האָט איהם געזעהן פריהער, און טאַקע בײַ קײן אַנדערען ווי בײַ גאַרסייד'ען. גאַרסייד האָט דאָס געלייקענט. ער האָט קײן מאָל קײן רעזאָר ניט געהאַט, — האָט ער ערקלעהרט. אָבער דער יונגער בענש איז געווען אַבסאָלוט זיכער, אַז ער האָט אַזאַ רעזאָר געזעהן בײַ איהם.

דאָס אַלץ האָט געשטימט מיט אײַניגע באַריכטען, וואָס

מען האָט וועגען גארסייד'ען באקומען פון אנדערע שטעדט, וועלכע ער האָט באזוכט אויף זיין טור. צום ביישפּיל: זייענדיג אין שיקאגאָ האָט ער אטאקירט די אכט־שטונדען־באוועגונג אלס נים ראדיקאל גענוג, און נאָכהער, זייענדיג אין סט. לואיס, האָט ער, אויף א מיטינג פון א דארטיגער יוניאן, געהאלטען א פייערדיגע רעדע פאר דער אכט־שטונדען באוועגונג. אין שיקאגאָ האָט ער דערצעהלט, אז ער האָט באקומען בריף, דורך וועלכע מען סטראשעט איהם מיט טויט, און אין מיננעאפּאָליס האָט ער דערצעהלט ווי איינער האָט איהם איינגעלאדען צו מאכען א שנאפּס, און אין דעם שנאפּס האָט ער אריינגעשאָטען גיפט.

די געשיכטע מיט'ן רעזואר איז געווען אָפּגעדרוקט מיט אלע איינצעלהייטען אין דער ניו־אָרליענסער צייטונג „גלאָוב דעמאָקראט".

די נאציאנאלע עקזעקוטיווע פון דער פּארטיי האָט אלץ אונטערזוכט און דער רעזולטאט איז געווען, אז מען האָט דעם אגיטאטאָר מיט דער געלער בערדעלע נעגעבען א „פּאסירצעטעל".

דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם מאָנאט מאי, 1889. אין דעם נומער פון „וואָירקמענ'ס עדוואָקעיט" פון דעם 25טען מאי איז אָפּגעדרוקט אין עדיטאָריעל אונטער פאָלגענדער קעפּעל:

„מען האָט אויסגעפונען ווער ער איז און מען האָט איהם ארויסגעטריבען. — נארישע באריהמעריי און א ברענענדיגער וואונש צו ווערען באריהמט. — סענסאציאָנעלע טריקס אום צו שפּילען די ראָלע פון א העלד. — זיין גרויסער בלאָף אין ניו־אָרליענס. — זיין ערציהונג אלס א גלח".

דער אויבענדערמאָנטער דייטשער גענאָסע, וועלכער האָט גארסייד'ען פאָרגעשטעלט פאר מיר, איז דאן צו מיר צוגעקומען און געזאָגט:

„קאמאן, איהר האָט געטראָפען".

גלייך נאָכדעם ווי גארסייד האָט אָפּגענומען די עטליכע דאָלאר, וואס איהם האָט געקומט פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיוו קאָמיטע, איז ער פון 25 איסט 4טע סטריט אריבערגעגאנגען צו

יאָהאַן מאָסט'ען, דעם פיהרער פון די אנארכיסטען. ער האָט זיך פאר איהם פאָרגעשטעלט אלס א קרבן פון די סאָציאל־דעמאָקראַ־טען און ערקלעהרט אז מען פארפאָלגט איהם דערפאר, וואס ער איז א צו־עהרליכער רעוואָלוציאנער; ווייל מיר ווילען אז ער זאָל נאָך ריידען וועגען שטים־קאסטען און ער וויל דוקא ריי־דען וועגען רעוואָלוציע.

די אנארכיסטען האָבען איהם גלייך אָנגעשטעלט, און ער האָט פאָרטגעזעצט זיין אגיטאציע שוין אלס ברענענדיגער „סאָ־ציאל־רעוואָלוציאנער".

.5

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאליסטישער קאָנ־גרעס (צווייטע סעריע). — אַ פּאַרזאַמלונג וועגען אַ „ספּליט" אין דער פּארטיי.

ענדע זומער 1889 האָט זיך אין פאריז פארזאמעלט דער ערשטער אינטערנאציאָנאלער סאציאליסטישער קאָנגרעס. דאס איז געווען דער ערשטער פון דער צווייטער סעריע קאָנגרעסען אזעלכע, דער אָנהויב פון דעם „צווייטען אינטערנאציאָנאל", וועלכער עקזיסטירט נאָך היינט (דער ערשטער איז געגרינ־דעט געווארען פון קארל מארקס'ן אין 1864, און ער האָט זיין עקזיסטענץ געענדיגט אין די 70־ער יאָהרען). בושע, דער רע־דאקטאָר פון דעם „וואָירקמענס עדוואָקעיט", איז געווען ער־וועהלט פון דער נאציאָנאלער עקזעקוטיוו קאָמיטע אלס דעלע־גאט צו דיזען קאָנגרעס, און ער איז אוועקגעפאָהרען קיין פאריז. אלס פאָרשטעהער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען איז צום זעלבען קאָנגרעס געפאָהרען לואי מיללער.

אין דער צייט וואס בושע איז ניט געווען אין ניו יארק, האָט סעניעל פארנומען זיין פלאַץ אלס רעדאקטאָר. איך פלעג ארויפקומען כמעט יעדען טאָג און פלעג איהם אויסהעלפען אין דער רעדאקציאנעלער ארבייט.

איין מאָל, אין פארלויף פון די עטליכע וואכען וואס סעניעל האָט פארנומען בושע'ס פלאַץ, איז אין דער רעדאקציע ארויפ־געקומען דער אויבען דערמאָנטער דעניעל דע־ליאָן*). ער איז נים געוועזן קיין סאָציאליסט—ווייניגסטענס האָט ער זיך נאָך ניט ער־קלערט אלס אזעלכער. אָבער דורך דעם הענרי דזשאָרדזש קעמפּיין איז ער באקאנט געווארען מיט אייניגע פון אונזערע אנגעזעהענע מיטגלידער, און צווישען זיי—מיט סעניעל'ן. אלזא, איז ער גע־קומען איהם באזוכען. מיר זיינען אזוי אָפּגעזעסען א לאנגע צייט צוזאמען, שמועסענדיג, און ווען ער איז אוועק, האָט סע־ניעל מיר אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם כאראקטער פון דע־ליאָן'ס רייד — אז ער שטעהט איצט א סך נעהנטער צום סאָציאליזם ווי פריהער.

אין סעפּטעמבער האָט זיך בושע אומגעקערט פון יוראָפּ און ער האָט צוריק איבערגענומען די רעדאקציע. ער איז אָבער לאנג אין איהר ניט פארבליבען.

אין דער פּארטיי איז נאָך פון פריהער געוואקסען א פיינד־ליכער געפיהל צווישען צוויי צדדים, און איצט האָט ער זיך ענטוויקעלט אין אן אָפענעם צוזאמענשטויס און שפּאלטונג. בושע האָט גענומען אן אקטיווען אנטייל אלס א פאָרשטעהער פון איינעם פון די פיינדליכע פראקציעס, און זיין פראקציע האָט פארלאָרען. אלס רעזולטאַט דערפון איז ער געווארען אויס רע־דאקטאָר. אום דער לעזער זאָל זיך קענען קלאָהר פארשטעלען וואָס עס האָט פּאסירט, מוזען מיר צוערשט זיך ווידער אפּשטע־לען אויף דעם פאקט, אז די סאָציאליסטישע ארבייטער פארטיי איז דאן געוועזן א דייטשע פּארטיי. די פּאָר אמעריקאנער סעק־שאָנס וואס זי האָט אָרגאניזירט אין ניו יארק און אנדערשוואו, זיינען געוועזן נאָר א שוואכער אָנהויב. באטראכטענדיג אונזער

---

*) עס איז וויכטיג, דער לעזער זאָל האָבען אין זינען, אז דער נאָמען שרייבט זיך דע־לעאָן. אזוי ווערט ער אויסגערעדט אויף אלע שפּראכען אויסער דער ענגלישער. אויף ענגליש איז די אויסשפּראכע די־ליאָן.

פּארטיי דאן, האָט מען געקענט מיינען, אז די אמעריקאנער זיינען די אויסלענדער, און די דייטשען זיינען די היגע. אזוי ווי די דייטשע אימיגראציע איז יאָהרען לאנג געווען גרויס, האָבען פילע אמעריקאנער שטעדט געהאט גרויסע דייטשע באפעל־קערונגען, און מייסטענס פלעגען די דייטשע אימיגראנטען פיה־רען אן עכט־דייטשען לעבען. אין צעהנדליגע שטעדט האָט די פּארטיי געהאט סעקשאָנס, און כמעט אומעטום זיינען זיי געווען דייטשע אָרגאניזאציעס. זיי האָבען די מיטינגען געפיהרט אויף דייטש, געזונגען דייטשע סאָציאליסטישע לידער, און ווען זיי האָבען געהאט א צייטונג, איז דאָס געווען א דייטשע. די סאציאליסטישע פּרעסע איז געווען הויפּטזעכליך א דייטשע פּרע־סע. דעם „וואָירקמענס עדוואָקעיט״ האָבען די דייטשען גע־קויפט ערשט מיט א פּאָר יאָהר פריהער.

דער אָפיציעלער נאציאָנאלער אָרגאן פון דער פּארטיי איז געווען די דייטשע וואָכענשריפט „דער סאָציאליסט״, וועלכע איז ערשינען אין 25 איסט 4טע סטריט, און זיין רעדאקטאָר, ראָזענבערג (ניט קיין איד) איז אייגענטליך געווען דער אָפּי־ציעלער פיהרער פון דער פּארטיי. יאָנאס, שעוויטש און דואַי זיינען געווען די לידערס פון דער באוועגונג אין ניו יאָרק. אָבער די טעגליכע „פאָלקס־צייטונג״, מיט וועלכער זיי זיינען גע־ווען פארבונדען, איז, ווי שוין געזאָגט, געווען דאָס אייגענטום פון א ניו יאָרקער פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן, א סאָציאליסטישע, נאַ־טירליך, אָבער ניט קיין אָפיציעלער צווייג פון דער פּארטיי.

איבער דער ריכטונג פון דעם „סאָציאליסט„ איז דאָס ארויסגעקומען דער צוזאמענשטויס. דער „סאָציאליסט״ האָט אטאקירט די ניט־סאָציאליסטישע יוניאָנס. די „פאָלקס־צייטונג״, ווידער, איז געווען געגען אזא טאקטיק. דער „סאָציאליסט״ האָט אויף זיין זייט געהאט פילע פון די גענאָסען איבער׳ן לאנד, און די „פאָלקס־צייטונג״ איז געווען געשטיצט פון א מאיאָריטעט פון די דייטשע גענאָסען אין ניו יארק און אין ברוקלין.

דער שטאנדפּונקט, פאר וועלכען עס האָט זיך געשטעלט די „פאָלקס־צייטונג״, דאָס הייסט, יאָנאס און שעוויטש, איז באַ־

שטאַנען אין דעם, דאָס די פּאַרטיי דאַרף די יוניאָנס פון זיך ניט פאַרטרייבען, נאָר פאַרקעהרט — ערנעהנטערען צו זיך; אַז נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען אויף די אָרגאַניזירטע אַרבייטער האָבען אַן איינפלוס און אַריינדרינגען אין זייערע רייהען מיט סאָציאַ־ליסטישע אידעען. אַזוי פלעגען זיי ערקלערען אין זייערע אַר־טיקלען און פון דער פּלאַטפאָרמע. ראָזענבערג, ווידער, און צוזאַמען מיט איהם אַ געוויסע מיט׳ן נאָמען געריקע, וועלכער איז געווען אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער אין דעם „סאָציאַליסט", פלעגען זאָגען, אַז די „פאָלקס־צייטונג" חנפ׳עט זיך צו די יוניאָנס און מאַכט צו די אויגען צו זייער ניט־סאָציאַליסטישער טאַקטיק. זיי האָבען געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל נעמען אַ „ראַדיקאַלערע שטעלונג", ווי מען רופט עס געוועהנליך אין דע־באַטען פון דיזען סאָרט.

דורך דיזער מחלוקה איז די פּאַרטיי צוטיילט געוואָרען אויף צוויי פיינדליכע לאַגערען, וועלכע זיינען באַקאַנט גע־וואָרען אונטער דעם נאָמען: „די ראָזענבערג ריכטונג" און „די „פאָלקס־צייטונג ריכטונג".

דער „סאָציאַליסט" האָט ניט אויפגעהערט אָנצוגרייפען די „פאָלקס־צייטונג". די „פאָלקס־צייטונג", ווידער, איז געווען צו־ריקגעהאַלטענער און מילדער. יאָנאָס און שעוויטש האָבען גע־האַט מעהר טאַקט און זיי האָבען געטאָן אַלעס מעגליכעס אויס־צומיידען אַ שפּאַלטונג. אָבער אַ שפּאַלטונג איז געווען אונ־פאַרמיידליך. עס איז געקומען צו אַן אָפענעם קאַמף — צווישען דעם „סאָציאַליסט" און דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי, פון איין זייט, און דער „פאָלקס־צייטונג" און די ניו יאָרקער מיטגלידער, פון דער אַנדערער זייט.

דער „וואָרקמענס עדוואָקעיט" איז אויך געווען דאָס איי־גענטום פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, אַזוי ווי דער „סאָ־ציאַליסט", און ער איז מיטגעגאַנגען מיט ראָזענבערג׳ן.

ביידע רעדאַקציעס זיינען געווען אין דער זעלבער געביידע, און בושע פלעגט מיט ראָזענבערג׳ן און געריקע׳ן זיך זעהן אַלע ווייל. דיזע צוויי דייטשען זיינען געווען בעסערע קענער פון

דעם סאָציאליזם ווי בושע. אלזאָ, האָבען זיי אויף איהם נע־האט אן איינפלוס.

איך האב פארשטאנען אז בושע׳ס טאקטיק צו די יו־ניאָנס איז ניט קיין ריכטיגע, און איך האָב א פּאָר מאָל מיט איהם גערעדט, וועגען דעם, אָבער מיינע ארגומענטען האָבען אויף איהם קיין ווירקונג ניט געהאט.

אין א געוויסען זונטאָג נאָכמיטאג, אין קלארענדאָן האָל, אויף דער 13טער סטריט, צווישען דער דריטער עוועניו און דער פערטער, איז פּאָרגעקומען א פארזאמלונג פון דער גאנצער ניו יארקער אָפּטיילונג פון דער סאָציאליסטישער ארבייטער פארטיי. די פארזאמלונג איז געווען ספּעציעל פאררופען מיט דעם צוועק צו באטראכטען דעם סכסוך. אלע מיטגלידער, וואס האָבען זיך באטייליגט אין די דעבאטען, אויסער א פּאָר, האָבען גערעדט אויף דייטש, און אלע, אויסער א פּאָר, האָבען זיך אויסגע־שפּראָכען געגען דער האלטונג פון דעם „סאָציאליסט" און דעם „וואָירקמענס עדוואָקעיט" צו די יוניאָנס. די וויכטיגסטע רעדעס זיינען געהאלטען געוואָרען פון שעוויטש׳ן און יוגאָ פאָכט׳ן. ביידע האָבען זיי אטאקירט דער נאציאָנאל־עקזעקוטיוו קאָמיטע מיט איהרע צוויי אָרגאנען. פאָכט האט שארף קריטיקירט בושע׳ן. ער האָט איהם ארויסגעשטעלט אלס א רעדאקטאָר פון א סאָציא־ליסטישער צייטונג, וועלכער איז ניט באקאנט מיט דעם סאָ־ציאליזם.

איך בין געווען איינער פון די פּאָר וואס האָבען געהאלטען רעדעס ניט אויף דייטש, נאָר אויף ענגליש. איך האָב זיך ער־קלערט איינפארשטאנען מיט דעם „פאָלקס־צייטונג" צד. איך האָב אָבער פארטיידיגט בושע׳ן פּערזענליך און האָב אפּעלירט צו זיינע געגנער אז זיי זאָלען אויסמיידען א שפּאלטונג.

אז שעוויטש, פאָכט און זייערע אָנהענגער האָבען געהאט רעכט, איז געווען קלאָהר, ווארים די יוניאָנס — דאָס הייסט די דייטשע יוניאָנס — זיינען געווען דער גאנצער אייגענס וואס די סאָציאליסטישע באוועגונג האָט פארמאָגט. און ראָזענבערג׳ס און געריקע׳ס אטאקעס זיינען געווען געווענדט געגען זיי אזוי גוט ווי געגען די ענגליש־ריידענדע יוניאָנס. איך בין אָבער

געווען איבערצייגט, אז מיט פריינדליכע פארהאנדלונגען קען מען קומען צו אן אויסגלייך. פארטיידיגענדיג בושע'ן האָב איך פאַכט'ן געשטעלט די פראגע: אויב בושע פארשטעהט ניט דעם סאָציאליזם, טאָ פאר וואס האָט ער, פאַכט, אזוי לאנג געשוויגען וועגען דעם? פארוואָס איז בושע פלוצלינג געוואָרען ערגער ווי פריהער? איך האָב ערקלעהרט, אז בושע איז טריי דער באַוועגונג, אז ער איז א גוטער רעדאקטאָר און א ניצליכער מענש, און אז די טעאָרעטישע זייט פון דעם סאָציאליזם באהאנד־לען אין דעם „וואָירקמענס עדוואָקעיט" סיי־ווי־סיי אנדערע מיט־ארבייטער. זאָל מען נאָר מיט בושע'ן האנדלען פריינדליך, וועט ער זיין שטעלונג צו די יוניאָנס ענדערען.

שעוויטש און פאָכט האָבען מיר געענטפערט און דער מי־טינג האָט כמעט איינשטימיג אָנגענומען זייער רעזאָלוציאָן געגען דעם „סאָציאליסט" און דעם „וואָירקמענס עדוואָקעיט".

אויף דיזען מיטינג בין איך באקאנט געוואָרען מיט א יונגען אידישען סאָציאליסט פון דייטשלאנד, מיט'ן נאָמען איזידאָר פי־ליפּס — א שעהנער, נעטער יונגערמאן, ניט קיין הויכער. געהענ־דיג פון דער פארזאמלונג האָבען מיר געשמועסט וועגען די רעדעס און וועגען דער פראגע, וועלכע איז דאָרט באשפּראכען געוואָרען. ער האָט אויף מיר געמאכט א גוטען איינדרוק, און מיר זיינען באפריינדעט געוואָרען.

ער האָט געארבייט ביי א זייגער־מאכער. אין דער היים איז ער קיין סאָציאליסט ניט געווען; ער איז באקעהרט געוואָרען צו אונזערע אידעען אין ניו יאָרק, לעזענדיג די „פאָלקס־צייטונג". ער איז געווען זעהר טעטיג אין דער באַוועגונג, און ער איז דאָס עד־היום. ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, איז ער איינער פון די טרייסטע מיטגלידער פון אונזער פארטיי.

אין שיקאגאָ אין דערנאָך פאָרגעקומען א קאָנווענשאָן פון אלע סעקציאָנען פון דער פארטיי; ריכטיגער געזאגט, צוויי קאָנ־ווענשאָנס, וואָרים זי איז צושפּאלטען געוואָרען נאָך איידער די דעלעגאטען זיינען זיך צוזאמענגעפאָהרען.

שעוויטש איז געווען די הויפּט פיגור אויף די מיטינגען

פון די דעלעגאַטען, וועלכע האָבען געשטיצט די פּאָליסי פון דער „פּאָלקסצייטונג", און ראָזענבערג — אויף מיטינגען, אין וועלכע עס האָבען זיך באטייליגט דעלעגאַטען פון זיין פּראַק־ציע, וועלכע ער האָט ערקלעהרט פאר דער אמת'ער קאָנוועגשאָן פון דער פּארטיי.

דער סוף איז געווען, אז אָנשטאָט איין סאָציאליסטישע ארבייטער פּארטיי, זיינען געוואָרען צוויי.

ראָזענבערג איז אוועקגעפּאָהרען קיין סינסינעטי, א שטאָדט, וועלכע איז געווען פול מיט דייטשען, און וואו די סעקציאָן פון דער פּארטיי איז דורכאויס באשטאַנען פון זיינע אָנהענגער; ער האָט אָנאָנסירט, אז אהין האָט געמופט דער נאַציאָנאַלער אָפיס פון דער פּארטיי און די רעדאַקציע פון דעם „סאָציאַליסט". די „פּאָלקסצייטונג", ווידער, האָט אָנאָנסירט, אז די פּארטיי איז נאָך רעאָרגאַניזירט, און אז איהר אמת'ער אָפּיס איז אין דער לייבאָר לייסעאום בילדינג, אין 25 איסט פּערטע סטריט, ווי געווען.

בושע איז געבליבען טריי דעם ראָזענבערג'ישען צד; אריי־בערמופּען אָבער דעם „וואָירקמענס עדוואָקעיט" אין סינסינעטי איז איהם געווען אונמעגליך. די אָפּגעשפּאָלטענע „ראָזענבערג־יאנער" אָרגאַניזאַציע איז געווען צו אָרים. און א חוץ דעם, איז דער ריכטיגער פּלאַץ פאר אן ענגלישען סאָציאַליסטישען אָרגאַן נים סינסינעטי, נאָר ניו יאָרק.

ער האָט זיך באשלאָסען צו קעמפּען און נים אָפּצוגעבען דעם „וואָירקמענס עדוואָקעיט".

מען האָט די צייטונג ביי איהם צוגענומען מיט געוואלט, און לוסיען סעניעל איז אָפיציעל באשטימט געוואָרען אלס רע־דאקטאָר.

די סינסינעטער (אָדער „ראָזענבערגער") ריכטונג האָט באַ־קעמפּט די ניו יאָרקער מיט דער גרעסטער פּארביסענהייט. זי איז אָבער געווען פיל קלענער ווי די ניו יאָרקער פּארטיי, און איז געוואָרען אלץ שוואַכער און שוואַכער, ביז זי איז געבליבען נאָר אויפ'ן פּאַפּיר, און ענדליך איז זי געוואָרען א טייל פון דער פאָר־גאַנגענהייט.

.6

לואי מיללער, מיכאיל זאמעטקין, לעאן באנדאס, מאררים חילקאוויץ. — פאראייניגטע אידישע געווערקשאפ־טען. — מאגידאוו.

ווי עס איז שוין באמערקט געווארען, בין איך אין יענע עט־ליכע יאהרען געווען אינגאנצען ארייננעצויגען אין דער אמערי־קאנער באוועגונג און האב אין דער אידישער זיך ווייניג באטיי־ליגט. איך פלעג טענה'ן, אז אונזערע אימיגראנטען וועלען אין אמעריקא קיין רעוואלוציע ניט מאכען, און אז דער הויפט צוועק פון דער היגער סאציאליסטישער אגיטאציע איז צו באקעהרען ענג־ליש־ריידענדע ארבייטער־מאסען צו אונזערע אידעען. נאטירליך, דערביי האט געשטעקט א פערזענליכע אורזאכע אויך. אן אימי־גראנט האט אן אמביציע צו ווערען אמעריקאניזירט און אנטייל צו נעמען אין דעם לעבען פון דער ברייטער אמעריקאנער וועלט. שפילען ביים אמעריקאנער א ראלע אלס רעדנער און שרייבער איז איהם געווים אנגענעהם.

מען פלעגט מיר איינלאדען צו האלטען לעקטשורס אדער רעדעס אויף אידישע און רוסישע מיטינגען, און פון דיזע איינ־לאדונגען האב איך זיך קיין מאל ניט ענטזאגט. דאס פלעגט אבער אויסקומען ניט מעהר ווי איין מאל אין צוויי־דריי וואכען. אין דער רעדאקציע פון דעם „וואירקעמנס עדוואקעיט" אבער בין איך געווען כמעט א טעגליכער באזוכער און אין די מיטינגען פון דעם לייבאר לייסעאום האב איך זיך באטייליגט רעגעלמעסיג.

וואס אנבעטרעפט די רוסישע פארזאמלונגען, איז מיין הויפט אינטערעס אין זיי געווען פארבונדען מיט מיין אינטערעס אין דעם רוסישען פרייהייטס־קאמף. אנטייל נעמענדיג אין רו־סישע פארזאמלונגען אין ניו יארק, האב איך אויפגעהאלטען מיין גייסטיגע נאהענטקייט צו דער אלטער היים.

מיט די אידישע מיטינגען איז נאטירליך געווען אנדערש. ווען איך בין געשטאנען און גערעדט פאר א פארזאמלונג פון אידישע ניע־פענטס מאכער, טשילדרען דזשעקעט־מאכער, קלאוק־

מיכאל זאמעטקין (אין 1890).

מאכער, אָדער ראָק־שניידער, האָב איך געוואוסט אַז דאָס איז פּראַקטישע אגיטאַציאָנס־ארבייט. איך האָב געפיהלט אַז עס איז מיין פליכט צו העלפען די אידישע ארבייטער ענטוויקלען און אָרגאַניזירען. מיט דיזען געפיהל פון מאָראַלער צופרי־דענהייט פלעג איך האלטען מיינע אידישע רעדעס. איך מוז אָבער ווידער זאָגען: דעם פּערזענליכען געפיהל קען מען ניט אָפּלייקענען. מענשען זיינען ניט קיין מלאכים. דער באוואוסט־זיין, אַז דו טוסט דיין פליכט איז געשמאַק; שטעהן אָבער פאר אַן עולם און באקומען אַפּלאָדיסמענטען איז אויך געשמאַק.

די וויכטיגסטע טוער אין דער אידישער באוועגונג זיינען דאַן געווען לואי מיללער און מיכאיל זאמעטקין. דער ערשטער אלס פיהרער, און דער צווייטער אלס רעדנער.

זאמעטקין איז אַן אדעסער און ער איז עטליכע יאהר על־טער פאר מיללער'ן. ער איז געקומען קיין אמעריקא מיט דריי מאָנאַט שפּעטער ווי איך. אגיטירען האָט ער אָנגעהויבען מיט א יאָהר פיר שפּעטער. און אלס אגיטאַטאָר האָט ער געהאַט א גרויסען ערפאָלג. די אידישע ארבייטער פלעגען ביי זיינער א רע־דע ווערען אָנגעצונדען כמעט פון דעם ערשטען וואָרט וואָס ער פלעגט ארויסזאָגען. ער פלעגט גלייך ארייננקומען אין א נערווע־זער באגייסטערונג, ריידען מיט א מערקווירדיגען פייער, און זיין נערוועזע התלהבות פלעגט איבערגעהן צו זיינע צוהערער.

מיללער, וועלכער האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט אלס גלענ־צענדער רעדנער, האָט דאַן נאָך אויף דער אגיטאַציאָנס־פּלאַט־פאָרמע קיין גרויסע ראָלע ניט געשפּילט. ער איז אָבער געווען דער פיהרענדער גייסט, דער גענעראל פון דער סאָציאליסטישער גרופּע אויף דער איסט סייד.

זיין עלטערער ברודער, לעאָן באנדאס*), וועלכער איז געווען אַן אָנגעזעהענער מיטגליד אין אונזער רעוואָלוציאָנערען קרו־זשאָק אין ווילנא, איז אויך אריבערגעקומען און ער האָט אויך אנטייל גענומען אין דער באוועגונג.

*) באַנדאַס איז דער נאָמען פון דער פאַמיליע. „מילער", האָט דער אינגערער ברודער זיך א נאָמען געגעבען זייענדיג אין דער שווייץ.

ארום יענער צייט איז פון ריגא געקומען אן אינטעליגענטער און פעהיגער יונגער מאן מיט'ן נאָמען מאָררים הילקאָוויץ, און ער איז אויך געוואָרען טעטיג אין דער אידישער באוועגונג. ער איז געווען דער אינגסטער פון דער גרופע.

דעם 9טען אָקטאָבער, 1888, האָט באנדאס, הילקאָוויץ, א גענאָסע מיט'ן נאָמען י. מאגידאָוו, ב. וויינשטיין און נאָך א פּאָר אידישע סאָציאליסטען, אָפּגעהאלטען א מיטינג אויף וועלכען עס איז געגרינדעט געוואָרען „די פאראייניגטע אידישע געווערק־שאפטען", וועלכע איך האָב אויבען דערמאָנט פארבייגעהענ־דיג. דער פּלאַן איז געווען מאגידאָוו'ס. ער האָט איהם קאָפּירט פון די „פאראייניגטע דייטשע געווערקשאפטען", וועלכע האָבען דאַן אין דער אָרגאניזירטער ארבייטער באוועגונג פון ניו יארק געשפּילט א גרויסע ראָלע.

7.

די אידישע אנאַרכיסטען. — זייער צייטונג „וואהרהייט".

די לידערס פון די אידישע אנארכיסטען — ר. לואיס, ש. יאנאָווסקי, זאָלאָטאראָוו, גירזשדאנסקי, רודאשעווסקי און אנדע־רע — האָבען אָנגעפיהרט זייער אגיטאציע לויט דער לעהרע פון יאָהאן מאָסט. אין יעדער רעדע זייערער האָבען זיי גערופען צו א רעוואלוציאן און זיי האָבען אטאקירט אונזערע גענאָסען פארוואס זיי „פאררייִדען דעם ארבייטער די צייהן מיט א שטים־קעסטעלע".

אויך אין פילאדעלפיא האָט זיך געגרינדעט א אידישע אנארכיסטישע גרופּע („פּיאָנערען דער פרייהייט"), און זי איז געוואָרען צימליך גרויס אין צאָל. זייער פיהרער איז געווען פרענער, א יונגערמאן פון א יאָהר צוואנציג, מיט א שעהנעם, עהרליכען פּנים'ל און א קלינגענדע סימפאטישע שטימע. זיינע פלאמענדע רעדעס פלעגען אויף אידישע ארבייטער האָבען א וויר־קונג.

אידישע אנאַרכיסטען און אידישע סאציאליסטען פלעגען זיך ארומרייסען, אָבער ווייט איז דאָס ניט געגאנגען. אין פּריי־וואט לעבען זיינען ביידע פּארטייען געווען בעפריינדעט, און יעדען זונטאָג נאָכמיטאג פלעגען זיי זיך צוזאמענקומען אויף א רוסישער פארזאמלונג. טיילוויז האָט זיי פאראייניגט דער רעספעקט וואס ביידע צדדים האָבען געהאט צו די מארטירער פון דעם רוסישען קאמף, און טיילוויז זיינען זייערע צווישטיגקיי־טען איבערהויפּט געווען ניט מעהר ווי א טעאָרעטישער פּלפּול.

אמאָל פלעגט יאנאָווסקי זיין דער לעקטשורער, אמאָל איי־נער פון די סאָציאל־דעמאָקראטען. אין די דעבאטען פלעגט מען זיך צוהיצען, אָבער אלץ אין די גרענעצען פון אנשטענ־דיגקייט, און נאָכ'ן מיטינג פלעגט מען געהן טרינקען טיי ביי איין טישעל, אדער איינער צום אנדערען צו־גאסט.

א געוויסע צייט זיינען די אידישע אנאַרכיסטען געווען שטארקער ווי די אידישע סאציאל־דעמאָקראטען. די אידישע אנאַרכיסטען האָבען געגרינדעט א צייטונג — א וואכען־בלאַט מיט'ן נאָמען „ווארהייט" — נאָך איידער די סאָציאל־דעמאָקרא־טען האָבען אזעלכעס געקענט באווייזען. זיי האָבען זייער אָר־גאן אָבער אויך לאנג ניט געקענט אָנהאלטען. די „ווארהייט" האָט זיך געהאלטען ווענינגער ווי א יאָהר. א געוויסע צייט איז יאנאָווסקי געווען דער רעדאקטאָר, און א געוויסע צייט זאָלאָ־טאראָוו.

8.

מיינע ערשטע רעדעס אויסער ניו יאָרק.

אין דעם הערבסט פון 1889 האָב איך געהאלטען מיינע ערשטע רעדעס אין אן אנדער שטאָדט ווי ניו יארק. דאָס איז איבערהויפּט געווען מיין ערשטער באזוך אין אן אנדער אמערי־קאנער שטאָדט (אין פילאדעלפיא בין איך געווען פריהער ווי אין ניו יארק; איך האָב אָבער דאן די שטאָדט ניט געזעהן).

די אידישע סאציאליסטען אין באסטאן האבען מיך איינגעלא־דען צו זיך אויף א לעקטשור, אויף א זונטאג ביינאכט, און אויף דעם אווענט איז מאר מיר געווען ארגאניזירט א פארטראג אויף ענגליש ביי דער באסטאנער אמעריקאנער סעקשאן פון אונזער פארטיי.

איך בין אנגעקומען אין באסטאן שבת אין דער פריה. איך האב געוואוסט דעם אדרעס פון י. פינן, דעם גרינדער און פיהרער פון דער אידישער סעקציאן פון באסטאן. ווי עס איז שוין בא־מערקט געווארען, ווען מיר האבען גערעדט וועגען גארפיעלד'ען, האט מען וועגען אפשטעלען זיך אין א האטעל אין אונזער ראווע־גונג נאך דאן נישט געוואוסט. א רייזענדער רעדנער פלעגט אריינפאהרען צו א גענאסען; אלזא, האט פינן מיך איינגעלאדען צו זיך. אבער איידער איך בין אוועק אויף זיין קווארטיר, בין איך געגאנגען באזוכען די שטאדט. דער וואקזאל איז געווען נאר עטליכע טריט פון דעם היסטארישען פארק, „דהי באסטאן קאממאן", בין איך איהם דורכגעגאנגען.

גרויסע אידען, אנגעטאן זונטאג'דיג, האבען ארומגעשפא־צירט צווישען די בוימער. וואס עפעס אזוי פריה? איך האב זיך דערמאנט, אז עס איז יום־כפור. אין ניו יארק קען מען יום כפור געפינען מאסען אידען אין סענטראל פארק. דאס זיינען די, וואס ווילען נישט געהן אין שוהל און קענען אין דער היים אויך נישט בלייבען. אין אנדערע שטעדט איז נאטירליך אויך דאס זעלבע.

די באסטאנער שוהלען זיינען געווען פונקט אזוי געפאקט ווי די ניו יארקער. די אידען וואס איך האב געזעהן אויף דער „קאממאן", זיינען נישט געווען קיין שוהל־אידען. אפשר האבען זייערע עלטערען אדער פרויען געמיינט אז זיי זיינען אין שוהל.

פינן'ס וואוינונג איז געווען אויף ברוקליין סטריט, ביי א קליינעם פארק, און איך בין ענדליך צו איהם אוועק.

דאס איז געווען א סימפאטישער און אינטערעסאנטער מענש. אין דער היים, אין דער ליטא, איז ער געווען א לערנער. דא איז ער געווארען אן אפערייטאר; אבער ארבייטענדיג ביי דער



י. פינן. — פאָטאָגראַפירט אין 1890.

נעה־מאשין האָט ער שטענדיג געארבייט מיט׳ן מוח אויך. ווי ער פלעגט מיר אליין דערצעהלען, איז זיין בעסטע צייט צום דענקען געווען גראָד דאַן, ווען זיינע הענט און פיס האָבען שווער געהאָרעוועט אויף די רעק וואָס ער האָט „געאָפּערייטעד״. ער האָט געהאַט גוטע פעהיגקייטען און א קלאָרען, לאָגישען שכל.

די אידישע פארזאמלונג האָט שטאָטגעפונען אין פעין מע־מאָריעל האָל, א גרויסער זאַל אין מיטען שטאָדט. עס איז געקו־מען א גרויסער עולם.

אויף א לייכטען, פּאָפּולערען שטייגער, מיט משלים, האָב איך ערקלעהרט די גרונד־געדאנקען פון דעם סאציאליזם. דער פיהרער פון די דאָרטיגע אנארכיסטען איז דאן געווען מייקעל קאָהען. ער איז געווען דער הויפּט דעבאטאנט געגען מיר.

נאָך דעם, ווי איך האָב געענטפערט אויף זיין רעדע, האָט א יונגערמאן מיט׳ן נאָמען זלאטקין, א מיטגליד פון אונזער סעק־ציע, געשפּילט אויף א טרומייט. ער האָט געשפּילט ווי אן אָנ־פאנגער, און עד היום, ווען מיר קומט אויס צו זיין אין באסטאן און איך געה פארביי „פעין מעמאָריעל האָל״, קלינגט מיר אין די אויערען דער דאָזיגער טרומייט און מייקעל קאָהען׳ס פּוילישע אויסשפּראך, ווי ער שטעלט מיר זיינע אנארכיסטישע פראגען.

זייענדיג אין באָסטאָן האָב איך באזוכט וויקטאָר יאראָס׳ן, דעם קרעמענטשוגער אימיגראנט, וועלכער איז געווען אי א שריפטזעצער, אי א מיט־רעדאקטאָר אין בענדזשאמין טאָקער׳ס „ליבערטי״. מיר זיינע געווען גוט באקאנט פון ניו יאָרק. איצט האָבען מיר געהערט צו צוויי פיינדליכע ריכטונגען. פערזענליך אָבער זיינען מיר געבליבען פריינד. אלזא, בין איך צו איהם אריבערגעפאהרען. ער האָט געוואוינט ביי דער רעדאקציע, אין רעוויער סטיישאָן. טאָקער׳ס דירה איז געווען אין דער זעל־בער הויז. און דארטען פלעגט זיך צוזאמענקומען זייער קרוזשאָק.

איך האָב ביי יאראָס׳ן פארבראכט א מעת־לעת.

איך געדענק מיין שטימונג, ווען איך בין געפאָהרען צוריק קיין ניו יאָרק. איך בין געווען שטאָלץ מיט דעם וואס איך האָב

געזעהן באָסטאָן, באזוכט א גרויסע וויכטיגע שטאָדט. אָבער צו דערזעלבער צייט האָב איך געפיהלט, אז כ'האָב נאָך אמעריקא נים געזעהן און בין מיט איהר נאָך נים באקאנט; אז עס ליגט א גרויסע, גרויסע לאנד מיט פילע שטעדט, פון וועלכע איך האָב קיין באגריף נים; אז איך לעב אין א קליין וועלטעלע.

(ענדע פון דעם צווייטען באנד.)

ווערטער־בוך פאר ניט אמעריקַאנישע לעזער

ווערטער און אויסדריקע וועלכע זיינען געוואָרען אַ טייל פון דער אידישער שפּראך אין אמעריקא (און ענגלאנד) און וועלכע געהערען ניט צום לשון פון אונזער אלטער היים.

(די איבערזעצונגען ווערען דאָ געגעבען בלויז אין דעם זין אין וועלכען דער וואָרט ווערט געברויכט אין דיזע ווערק).

א.

אגרימענט — קאָנטראַקט, אָפּמאַך.

אדווערטייזינג — אַנאָנסען, רעקלאַמעס.

אדווערטייזמענט — אַנאָנסע, רעקלאַמע.

אוועראָללס — אַרבייטס־קאָסטיום

אווערטיים — מעהר אַרבייטס־שטונדען ווי דער געוועהנליכער אַרבייטס־טאָג.

אוטינג — אַרויספאָהר, שפּאַציר.

אוטסייד — פון דרויסען.

אוטסיידער — ניט קיין אייגענער מענש.

אויסגעפוירנישד — מעבלירט.

אטענדען — באַזאָרגען; ביוואוינען, זיין דערביי (אויף אַ מיטינג אָדער אַ פאַרשטעלונג).

איוונינג סקול — אָווענד־שול.

איידאַל — איינער וועמען מען פאַרגעטערט.

איידזשענט — אַגענט.

אייז־באקס — אייז־קאַסטען.

איילאַנד — אינזעל.

איים — איוז.

איירישמען } אירלענדער.
איירישער

איל — דורכגאַנג צווישען די שטולען אין אַ טעאַטער אָדער אַ פאַרזאַמלונגס־זאַל.

איל־קלאָטה — צעראַטע.

אימפּרואוומענטס — פאַרבעסערונגען, נייע וויגאָדעס.

אינוועסטמענט — אַריינגעלייגטע קאַפּיטאַל.

אינטערוויוען — האָבען אַ געשפּרעך פאַר אַ צייטונג.

אינסייד — אינוועניג.

אינשורענס — פאַרזיכערונג, סטראַכאָווקע.

איסט — מזרח.

איסט־סייד — מזרח־זייט (דער אַלטער אידישער געגענד אין ניו יאָרק).

אישו — קאַמפּפס־פּונקט צווישען צוויי פּאָליטישע פּאַרטייען.

אלל־רייט — גוט, רעכט.

אנקעל סעם — אַ בילד פון אַן אַלטען אַמעריקאַנער, וועלכער שטעלט פאָר די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

אססאָסיאיישאַן — געזעלשאַפט.

אססיסטענט — געהילף.

אססעמבלי — דער פּאַרלאַמענט פון אַ שטאַאַט אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

אססעמבלימען — אַ מיטגליד פון אַ שטאַאַט־פּאַרלאַמענט.

אפּאינטמענט — אַ צייט וואָס מען באַשטימט ווען זיך צו טרעפען; אַ שטעלע, וואָס איז בעשטימט געוואָרען אַז דער און דער זאָל זי האָבען.

אפּאינטעד געוואָרען — באַשטימט געוואָרען, געקראָגען די שטעלע.

אפּארטמענט — אַ דירה פון עטליכע צימערען אין אַ גרויסער הויז.

אפּגעסייפט — אָפּגעשפּאָרט.

אפּ־טאון — אַרויף־שטאָדט.

אפּיעל — ביטע, אַפּעלאַציע, קלאַגע צו אַ העכערען געריכט; אויפרוף.

אפּען־עער — אונטערען פרייען הימעל.

אפעריייטאר — דער וואס ארבייט ביי א מאשין.

אפארדען — באווייזען, דאקאזשען.

אפים — ביורא, קאנטאר.

אפיסער — אפיציר, בעאמטער, פאליציאנט.

ארדען (ארדער) — א פארבאנד פון פעראיינען פאר געגענזייטיגע הילף (זעה „לאדזש").

אריינגעמופט — אריינגעקליבען זיך.

ארעיטאר — אראטאר.

ארענדזש — אפעלסין.

ב.

באארד — קעסט; א ראטה, א קאמיטע פון דירעקטארען, פערוואלטער.

באארד אוו אלדערמען — שטאדטראטה.

באארד אוו עדיוקיישאן — בילדונגס־אפטיילונג פון א שטאדט רעגירונג.

באטעל — פלאש, פלעשעל.

באטש — פארטאטשעווען, פארטאשטעווע.

באטשער — פארטאטש.

באי, באיטשיק — אינגעל.

באנדעל — א פעקעל.

באנדלעך — פעקלעך (פעקלעך טוך פאר שניידער).

באסס — באלעבאס.

באקסינג־גלאווס — הענטשקעס צו ספארט־געשלעג.

באר — שענק־טיש, בופעט.

בארבער — שערער, פריזירער.

בארניין — מציאה.

בארדינג־הויז — פאנסיאן, גארקיך.

בארדער — פאנסיאנער, דער וואס דינגט קעסט און קווארטיר.

בודלער — כאבארניק.

בודעל — כאבאר.

בוטשער — קצב.

בוטשער־שאפ — יאטקע.

בוירטהדעי — געבורטס־טאג.

בום — א פלוצליבער וואוקס, אויפשוואונג.

בוקסיפער — בוכהאלטער.

בושעל — אזא מאס, א מעסטעל (אויף תבואה א. ז. וו.)

ביזי — באשעפטיגט; ווען ס'איז דא א סך ארבייט.

ביזנעס — געשעפט.

ביזנעס־קארד — געשעפטס־קארטע.

ביזנעסמאן — געשעפטסמאן.

בייבי — קינד, עופה'לע.

בייל — ערבות, א געלט־משכן פאר אן ארעסטירטען ביז ס'ענדיגט זיך דער פראצעס.

בייס־באלל — אמעריקאנער שפיל אין באלל.

בייסיקעל — וועליסאפעד.

בייסמענט — קעלער־שטוב.

בייקד בינס — געבאקטע בעבלאך (ווי פון טשאלענט).

בייקערי — דער געשעפט וואו מען פארקויפט געבעקס, בעקערייי.

בילדינג — געבוידע.

בילדער — דער וואס בויט.

בילל — רעכנונג; אסיגנאציע, פאפיר־געלט.

ביעט — שלאגען, איבערשטייגען.

בלאף — א ליגען, א פאלשער אנשטעל.

בלאק — א קווארטאל (פון איין ראג ביז'ן צווייטען).

בליזארד — זאווערוכע.
בעג — זאק, זעקעל.
בעדזש — א מין מעדאל, אדער א צייכען, אז מען איז א מיט־גליד.
בעד־רום — שלאף־צימער.
בעיל — (זעה „בייל״).
בענעפיט — בענעפיס, שטיצע; נוץ.
בראקער (בראוקער) — מעקלער.
ברום — בעזים.
בריק־לעיער — מוליער.
ברעד־לאין — א צייל ארימע לייט וואס ווארטען אויף ברויט.
ברענטש — צווייג, אבטיילונג.
ברעקפעסט — פריהשטיק.

ג.

גאווערנאר — גובערנאטאר.
גאיד — וועגווייזער.
גארבעדזש — מיסט.
גוט־אפ — פארמעגליך, ניט ארים.
גוד־גוירל — וואוילע מיידעל.
גוד־נייט — גוטע נאכט.
גען — גאז.
געטריים — געסטארעט זיך, גע־פרובירט; גע׳משפט.
געטשעלענדזשט—ארויסגערופען.
געים — שפיל.
געמבלינג־הויז — קארטעווניע.
געמיט, געמיטעט — זיך צוזאמ־מענגעקומען אויף א מיטינג.
געסטאפט — אויפגעהערט, אפגע־שטעלט.
געסעקט — אפגעזאגט פון א שטע־לע, פון דער ארבייט.
געספענט — אויסגעגעבען.
געפאבלישט — פארעפענטליכט.
געפיקסט — פארריכט.
געשייווט — געגאלט, ראזירט.
גראונד־פלאר — אונטערשטער עטאזש.
גראסערים — שפייז־ארטיקלען.
גראסערי סטאר — שפייז־קראם.
גריוועגס קאמיטע — א קאמיטעט וואס הערט אויס קלאגעס.
גרעיטער ניו־יארק — די שטאדט ניו יארק צוזאמען מיט ארו־מיגע שטעדטלאך.
גרעממער — גראמאטיק.
גרעממער סקול — פאלק־שול.
גרעפט — כאבאר, ניט־קיין־כשר׳ע פארדינסטען פון אן אנגע־שטעלטען.

ד.

דאון־טאון — ארונטערן שטאדט.
דאון־סטערז — ארונטער די טרעפ.
דאם־ווייטער — א קליינער ליפט אויף ארויפציהען אדער אראפ־ציהען שפייז אדער מיסט.
דאקס — וואו שיפען שטעלען זיך אפ.
דוירבי־העט — אזא מענער־הוט.
דזשאב — ארבייט, שטעלע.
דזשאדזש — ריכטער.
דזשאוק — שפאס, וויץ.
דזשועלרי — צירונג.
דזשורי — די צוועלף געשווארענעביי א פראצעס.
דזשייל — געפענגעניס.
דזשענעראל — גענעראל; אלגע־מיין.
דזשענעראל סעשאנס — נאמען פון א קרימינאל געריכט אין ניו יארק.

דזשעקעט — מאַנטעלע, רעקעל.
דיום — בייטראַג, מיטגליד־שטייער אין אַ פעראיין.
דיינינג־רום — עס־צימער.
דינער — מיטאָג.
דיסטריקט — קרייז, געגענד.
דיסטריקט אַטטוירני — פּראָקוראָר.
דיסטריקט־קאורט — נידעריגער געריכט.
דיען — דירעקטאָר.
דישעס — געפעס.
רעטעקטיוו — געהיים־פּאָליציסט.
דעסק — שרייב־טיש.
דעפּאַרטמענט אוו דזשאסטיס — יוסטיץ־מיניסטעריום.
דעק — —פּאַלובע פון אַ שיף.
דעריק — אַ הויב־מאַשין.
דראַגיסט — אַפּטייקער.
דראַג סטאָר — אַפּטייק.
דראָער — שופלאָד, טיש־קעסטעל.
דראָערס — אונטערהויזען.
דרעסס — אַ קלייד.

ה.

האוז אוו רעפּרעזענטייטיווס — דער דעפּוטאַטען־הויז אין וואַשינגטאָן.
האום־וואורק — שול־אַרבייט וואָס דער שילער גרייט צו אין דער היים.
האי־סקול — גימנאַזיע.
האָלל — פערזאַמלונגס־זאַל.
האָלל־קיפּער — אייגענטימער פון פערזאַמלונגס־זאַלען.
האלסייל — אַגולנע, הורט.

היברו — אידישער, העברעאישער; העברעאיש.
היט — ערפּאָלג.
העד וואַירקער — הויפּט טוער.
העדקוואַרטערס — הויפּט־קוואַרטיר.
העט — הוט, קאַפּעלוש.
הענד־ביל —פלוג־בלעטעל.
הענדקערטשיף — פּאַטשיילקע, נאָז־טיכעל.

ו.

וואָוט — שטימע, אָפּשטימונג.
וואָוטען — שטימען.
וואָטש — אַ זייגער וואָס מען טראָגט ביי זיך.
וואָטש־מייקער — זייגער־מאַכער.
וואָקען — געהן, שפּאַצירען.
ווייִדזשעס — שכירות פון אַן אַרבייטער.
וויטער — קעלנער.
ווייסט — בלוזע; סטאַן; טאַליע.
ווייסטעל — בלוזקע.
ווינדאָו — פענסטער.
ווע‏לל — אלזאָ, נו, גוט.
וועסט — מערב.
וועסט־סייד — מערב־זייט.
ווער־הויז — סקלאַד, שפּייכלער.

ט.

טאָפּ פלאָר — העכסטער עטאַזש.
טהענקסגיווינג — אַ לויב צו גאָט.
טהענקסגיווינג דעי — אַ נאַציאָנאַלער יום טוב ווען דער אַמעריקאַנער פאָלק דאַנקט גאָט פאַר די גוטס וואָס ער טוט מיט איהם.
טוירקי — אינדיק.
טום — קבר.

טומס — קברים (אזוי רופט מען די שטאַדט־געפענגניס אין ניו יאָרק).
טיטשער — לעהרער.
טייפּרייטער — שרייב־מאַשין; דער וואָס שרייבט אויף אַזאַ מאַשין.
טייפּרייטערקע — די וואָס שרייבט אויף אַזאַ מאַשין.
טיקעט — בילעט; צעטעל פון קאַנדידאַטען; קאַנדידאַטען־ליסטע.
טעמעני — דער נאָמען פון אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע אין ניו יאָרק.
טעמפּערענס — צוריקהאַלטונג פון טרינקען.
טענעמענט־הויז — אַ מויער מיט פילע דירות.
טענענט—דער וואָס וואוינט אויף אַ געדונגענער דירה.
טעקסעס — ציגזען.
טראָבעל — צרות, שוועריגקייטען.
טרייד — מלאכה, פאַך, האַנדעל.
טרייד־יוניאָן — פּראָפעסיאָנעלער פעראיין.
טרייד ענד לייבאָר עלייענס — פערבאַנד פון אַרבייטער פעראיינען, יוניאָנס.
טריין — צוג.
טרייעל — אַ פּראָצעס, אַ משפּט.
טרייעלען זיך — משפּט'ן זיך.
טרייען — פּרובען, זיך סטאַרען.
טרימען — באַפּוצען, באַשערען.
טריפּ — רייזע.
טריק — קונץ, שפּיצעל.
טרעמפּ — בראָדיאַגע, וואַגאַבונד.
טשאַנס — אויסזיכטען, שאַנס.
טשוירטש — קירכע.
טשילדרען — קינדער.
טשיף־ראַבביי — הויפּט־ראַבינער.
טשיקען — תוחן.
טשיר — הורראַ־געשריי.
טשעלענדזש — אַרויסרופען צום קאַמף אָדער צו וועטען זיך.
טשעק — צייכען, אָנווייזונג אויף געלט.
טשער — שטוהל.
טשערלייט — פּאָרזיצענדע.
טשערמען — פּאָרזיצענדער.

י.

יאַרד — הויף.
יונייטעד סטייטס — די פאַראייניגטע שטאַאַטען.
יוראָפּ — אייראָפּאַ.
יענקי —יאַנקי, אַן עכטער אַמעריקאַנער פון די ערשטע ענגלישע קאָלאָניעס אין די צפון־שטאַאַטען.

ל.

לאָאַ — געזעץ, יוריספּרודענץ.
לאָאַ־אָפיס — אַדוואָקאַט'ס ביוראָ.
לאָדזש — פעראיין (איינער פון אַ פּאַרבאַנד פון פעראיינען פאַר געגענזייטיגע הילף. דער גאַנצער פאַרבאַנד הייסט „אָרדען" אָדער „אָרדער").
לאָט — דער פּלאַץ, די שטיקעל ערד, אויף וועלכען מען בויט אַ הויז.
לאָיער — אַדוואָקאַט.
לאָמבער — געהילץ, קלעצער.
לאַנטש — לייכטער מאָלצייט.
לאָק־אוט — ווען אַ פּאַבריקאַנט שליסט אויס אַלע זיינע אַרבייטער.

לופ־די־לופ — א שטיפערישע וויגעלע זיך צו אמוזירען.

לידער — פיהרער.

לייבאר — ארבייט.

לייבאר־דעי — ארבייטער יום־טוב (דער ערשטער מאנטאג אין סעפטעמבער).

לייבאר לייסעאום — ארבייטער ליצעי, ארבייטער צענטער.

לייבעל — אן ארויפגעקלעפטער אויפשריפט.

לייברערי — ביבליאטעק.

לייברעריען — ביבליאטעקאר.

ליין — ליניע, שורה.

לינאליאום — דיקע צעראטע.

ליעס — א קאנטראקט אויף א הויז, וואס מען נעמט אויף ארענדע.

ליפלעט — פלוג־בלעטעל.

לערזשיסלייטשור — געזעץ־געבענדע פערזאמלונג, פארלאמענט; דער דעפוטאטען קאמער און סענאט פון אן איינצעלנעם שטאאט.

לעטער־באקס — בריף־קאסטען.

לעטער־קעריער — פאסטשטאליאן, בריף־טרעגער.

לענדלארד—באלעבאס פון א הויז.

לעסאן — לעקציע, אוראק.

לעקטשור — לעקציע, פארטראג, רעפעראט.

לעקטשורער — דער וואס האלט א לעקציע.

מ.

מאושאן — פארשלאג.

מאנופעקטשורער — פאבריקאנט.

מאנקי — מאלפע, אבעזיאנע.

מארטגיידזש — היפאטעקע (ווען מען פארזעצט א הויז).

מארקעט — מארק.

מואווי — קינעמאטאגראף, סינעמא, קינא.

מופען — איבערקלייבען זיך; אויסקלייבען, אוועקשיקען א צווייטען.

מידעל־וועסט — מיטעלסטע טייל פון אמעריקא (צו מערב צו פון ניו יארק), ארום קליוולענד, דעטראיט, שיקאגא.

מיטען — פערזאמלען זיך, האבען א מיטינג.

מייקער — דער וואס מאכט.

מילישע — מיליץ.

מיסאפראפריאיישאן — ווען מען נעמט צו פרעמדע אייגענטום.

מיסטייק — טעות.

מיסעס — באלעבאסטע, די וואס האלט קווארטיראנטען; האלב אויף שפאס הייסט דאס אויך א ווייב („זיין מיסעס" — זיין ווייב).

מעיאר — הויפט פון שטאדט, בירגערמייסטער.

מעמבער — מיטגליד.

מענעדזשער — פערוואלטער.

מעררי־גאו־ראונד — א קארוסעל־וויגעלע.

נ.

נאמינעישאן — די ארויסשטעלונג פון א קאנדידאט.

נאמינירען — ארויסשטעלען א קאנדידאט.

נארט — צפון־זייט.

ניו־ירם — ניי־יאהר.

ניוס־באי — צייטונגס־טרעגער.

ניוסענס — אונאנגענעהמע זאך, שטערונג.

ניו־פּענטס — קורצע הויזעלעך.
נעווער־מיינד — דאגת ניט! ס'מאכט גיט אויס! ניט נויטיג!
נעק־טאי — האלזטוך.
נעקסט־דאאר — נעקסטע טיר.
נעקסט־דאריגע — א שכנ'טע, וואס וואוינט מיט איך א טיר־ביי־א טיר.
נעשאנעל — נאציאנאל.

ס.

סאבוויי — אונטער־ עררישער שטאָדט־באהן.
סאב־קאמיטע — אונטער־קאמיטע
סאוטה — דרום.
סאין — א שילד.
סאלארי — געהאלט, שכירות פון א אנגעשטעלטען.
סאלון — א שענק.
סאלון־קיפּער — שענקער.
סאנג — ליד, געזאנג.
סאנדעי סאפּלמענט — זונטאג־דיגע ביילאגע.
סאסייעטי — פעראיין, געזעל־שאפט.
סאספּענדערס — שלייקעס.
סאפּארטען — אויפהאלטען.
סאפּלמענט — ביילאגע.
סאפּער — וועטשערע.
סאפערען — ליידען.
סאקס — סקארפעטקעס.
סאקסעס / סוקסעס — ערפאלג.
סווערינג־שעפּער — (שוויץ־שעפּער) צרה'דיגע ווערקשטאטען.
סוועטער — באלעבאס פון א צרה'דיגען ווערקשטאט; דער וואס מאכט אז יענער זאל שוויצען.
סום — סך־הכל, קאסטיום.
סוירקיולייש'אן — פירפּוש (ווי־פיל צייטונגען עס פארקויפען זיך).
סוספּענדערס — (זעה „סאספּענ־דערס").
סופּעראינטענדענט — פערוואל־טער, דירעקטאר.
סופּרים־קאורט — העכער גע־ריכט.
סטאוו — אייזערנער אויוועו.
סטאפּ — אויפהער, אפּשטעל.
סטאפּען — אויפהערען, אפּשטע־לען.
סטאק — אנגעגרייטע סחורה צום פארקויפען.
סטאקינגס — זאקען (פאר דא־מען).
סטאר — הויפּט אקטיאר.
סטאר — קראם.
סטאר־קיפּער — קרעמער.
סטופּ — טרעפּלאך ביי א הויז.
סטיווארד — דינער אויף א שיף.
סטיים — שטאאט, איינע פון די מיילען פון וועלכע עס באַ־שטעהען די פעראייניגטע שטאאטען.
סטייטמענט — ערקלערונג, באַ־הויפּטונג.
סטיישאן — סטאנציע.
סטיישאן־הויז — פּאליציי־ביוראָ.
סטירעדזש — דריטער קלאס אויף א שיף.
סטעדי דזשאב — שטענדיגע אר־בייט.
סטעמפּ — פּאָסט־מארקע, עתּי־ליך־געדרוקטע צעטעלער.

סטענד — אַ טיש אויף וועלכען מען פאַרקויפט עפּעס אויפ'ן גאַס.
סטריט — גאַס.
סטריט־קאַר — טראַמוויי.
סטרייק — שטרייק.
סיזאָן־טרייד — אַ פאַך ביי וועל־כען מען אַרבייט נאָר אין געוויסע סיזאָנען.
סיט — אַ פּלאַץ צום זיצען.
סיטי — שטאָדט.
סיטי־האָל — ראַטה־הויז.
סיטיזען — בירגער.
סייד־וואָק — טראָטואַר.
סייפען — אָפּשפּאָרען.
סילינג — סופיט, באַלקען.
סילק סטאָקינג — געצערטעלט ווי אַן אַריסטאָקראַט.
סינג־סינג — דער נאָמען פון אַ טורמע אין שטאַאַט ניו יאָרק.
סיעל־סקין — אַזאַ פוטערוואַרג (פעל פון אַ ים־הונד).
סיקרעט באַלאָט — געהיימע אָפּ־שטימונג.
סירקולײשאָן — (זעה „סוירקיו־ליישאָן").
סליפּינג־קאַר — שלאָף־וואַגאָן.
סלענג — גאַסען־שפּראַך.
סלעק — ווען ס'איז ניטאָ קיין אַר־בייט.
סמאַרט — קלוג.
סנאָב — גרויסהאַלטער, פּוסטער פראַנט.
סעט — אַ גאַנג (אַ גאַנג ביכער, טעלער, א. ז. וו.)
סעטלמענט — אויסגלייכונג.
סעלערי — (זעה „סעלאַרי").
סעמפּעל — פּראָבע, אָבראַזטשיק, מוסטער.

סעקאַנד־הענדיגע — געניצטע.
סעקען — אָפּזאָגען פון אַ שטעלע.
סעקרעטערי — סעקרעטאַר.
סעקרעטערי אָוו סטייט — שטאַאַטס־מיניסטער.
סעקשאָן — סעקציע, אָבטיילונג.
ספּיטש — רעדע.
ספּליט — צושפּאַלטונג.
ספּעלען — אויסלייגען.
ספּענדען — אויסגעבען.
ספּענדער — אַן אויסברענגער.
ספּרינג — ספּרוזשינע; פריהלינג.
סקאַי־סקרייפּער — הימעל־קראַ־צער (זעהר הויכע געביידע).
סקאַרף־פּין — אַ שפּילקע צו אַ האַלזטוך.
סקול — שול (פאַר קינדער זיך צו לערנען).
סקים — אַ פּלאַן, אַ כיטרע „דרייד־על".
סקעב — שטרייק־ברעכער.
סקראָב — שייערען, רייבען.

ע.

עדישאָן — אויסגאַבע.
עווענױ — אַ גרויסע גאַס.
עטהיקעל קאַלטשור סאָסייעטי — אַ פעראיין פאַר דער ענטוויק־לונג פון מאָראַל.
עטטיק — בוידעם־צימער.
עלעווייטאָר — ליפט.
עלעווייטעד — שטאָדט־באַהן וואָס געהט אין דער הויך.
עלעקטעד — ערוועהלט.
עלעקשאָנס — וואַהלען.

עלעקשאַן־ריטורנס — רעזולטאַט
פון וואַהלען, די ציפער וואָס
ווייזען וויפיל שטימען יעדער
קאַנדידאַט האָט באַקומען.
ענגיידזשמענט — פערלאָבונג,
קנס־מאָל, תנאים; אַן אָפּמאַך
ווען זיך צו טרעפען.
ענטערטיינמענט — אונטערהאַל־
טונג.
עססיי — אַרטיקעל, אָפּהאַנדלונג.
עססיינמענט — די אַרבייט וואָס
מען גיט אַרויס אַ מיטאַרביי־
טער, אַ רעפּאָרטער.
עקסטענשאַן — צוגאָב, פאַרגרע־
סערונג.
עקסטרא — ספּעציעלער צייטונגס־
נומער
עקסקורשאַן — אַ שפּאַציר־רייזע.

פּ.

פּאַן־שאָפּ — אַ ליי־קאַסע, וואו
מען באָרגט געלט אויף אַ משכּון
פּאַבליסיטי — עפענטליכקייט,
אַנאָנסען, רעקלאַמען.
פּאַבליק — פּובליקום; עפענטלי־
כע, קהל'שע.
פּאַבליק־סקול — פאָלק־שול.
פּאַבליש — פאַרעפענטליכען.
פּאַבלישינג אַססאָסיאיישאַן —
אַ פעראיין צו דרוקען אַ צײ־
טונג אָדער ביכער.
פּאַבלישער — אַרויסגעבער.
פּאַטעיטאָס — קאַרטאָפעל, בול־
בעס.
פּאַי — אַ געבעק געפילט מיט
פרוכט, קעז אַ. ז. וו.
פּאָליטישען — אַ פּאָליטיקער,
פּאָליטיקאַן.
פּאָליס־קעפּטען — פּאָליציי־קאַ־
פּיטאַן.
פּאָליסי — פּאָליטיק, טאַקטיק.
פּאָליש — פּוצען, פּאָלירען.
פּאַקעט — קעשענע.
פּאַרטי — אַ אונטערהאַלטונג אין
אַ פּריוואַט וואוינונג; אַ
פּאַרטיי.
פּאַרטישאַן — אָפּצאַמונג, סעפּע־
רענע.
פּאַרטנער — שותּף.
פּאַרלאָר — זאַל.
פּוירסער — דער שאַץ־מייסטער
פון אַ שיף.
פּולל — פּראָטעקציע, אַ „צד אין
טיש".
פּיידזש — אַ זייטעל אין אַ בוך,
אָדער אַ צייטונג.
פּיילאָט־באָוט — די שיפעל וואָס
ווייזט אַ גרויסער שיף דעם
וועג.
פּיינטער — מאַהלער.
פּייפּער — פּאַפּיר; צייטונג.
פּיער — וואו שיפען שטעלען זיך
אָפּ אין אַ האַפען.
פּיקטשור — בילד.
פּיקעט — דער וואָס גיט אַכטונג
עס זאָלען ניט זיין קיין
שטרייק־ברעכער.
פּלעזשור — פאַרגעניגען.
פּעדלער — דער וואָס טראָגט אַרום
וואַרע צו פאַרקויפען.
פּעטענט — פּאַטענט (תּויפּטזעכ־
ליך אויף אַן ערפינדונג).
פּעיל — אַן עמער.
פּראָקסי — דער וואָס פאַרנעמט
דעם פּלאַץ פון אַ דעלעגאַט.
פּריזאַן — טורמע, געפענגניס.

פרינטער — דרוקער.
פרינסיפאל — דירעקטאר פון א שול.
פרינץ אלבערט ראק — א לאנגער ראק.
פרעם־פעדערייישאן — פאראייני־גונג ארויסצוגעבן א צייטונג.

פ.

פאיט — געשלעג, קאמף.
פאנאגראף — גראמאפאן.
פאריער — פוטער־קירזשנער.
פארם — פערמע.
פארמאן — אויפזעהער, עלטסטער ביי דער ארבייט.
פארמארטגיידזשט — פארזעצט, פאר׳משכנ׳ט (ווי א הויז אדער מעבעל, ווען די זאך בלייבט ביי אייך, נאר אויב איהר באצאהלט נים, נעהמט מען דאס ביי אייך צו).
פארמער — פערמער.
פאררענטען — פארדינגען.
פוירניטשור — מעבעל.
פוירנישד רומס — מעבלירטע צימערען.
פול איוונינג דרעס — די קליידונג אין וועלכע א מאנסביל פוצט זיך אויס צו א באלל אדער א באנקעט (אין א פראק א. ז. וו.)
פיטשור — געזיכטס־צוג; א סע־ריע ארטיקלען צו־צוציהען לעזער.
פייט — געשלעג.
פייטער — שלעגער, „באקסער".
פייקער — ליגנער, אפנארער.
פינישערין — חעלפערין ביי שנייי־דעריי.

פיקסען — פארריכטען, צורעכט מאכען; אפטאן א שפיצעל.
פלאאר — פאדלאגע; עטאזש (אויפ׳ן דריטען פלאאר — אויפ׳ן דריטען עטאזש).
פעקטארי — פאבריק.
פערוועל אדרעס — געזעגנונגס־בריף, געזעגנונגס רעדע.
פעררי — פאראם, פראם.
פעררים ווהיל — אזא קיילעכדיגע וויג צו אמוזירען זיך.
פרי — פריי.

ק.

קאר־באי — דער וואס ארבייט ביים די אקסען אויף די גרויסע פערמעס אין די מערב־געגענ־דען פון אמעריקא.
קאוט — ראק; דאמסקער מאנטעל.
קאונטי — א טייל פון א שטאאט (אויעזד, פאוויאט).
קאונטער — סטאיקע, דער לאנגער טיש אויף וועלכען א קרעמער פארקויפט זיין סחורה.
קאונטרי — אויסער׳ן שטאדט, לאנד, ישוב.
קאורט — געריכט.
קאזין — שוועסטערקינד.
קאטטעדזש — שעהנע הילצערנע הויז (נים קיין גרויסע).
קאטטער — צושניידער.
קאלומס — שפאלטען פון א צווי־טונג.
קאללאר — קראגען.
קאללעדזש — א אוניווערזיטעט פאר אלגעמיינע בילדונג.
קאלעקטאר — דער וואס זאמעלט; דער וואס מאנט.
קאלעקשאן — זאמלונג.

קאם־אין! — קום אריין!

קאמיוטער — דער וואס וואוינט אויסערן שטאדט און קומט אלע טאג אין שטאדט צוליב געשעפט.

קאמיטע — קאמיטעט.

קאמישאן — מעקלעריי.

קאממאן לאא — ענגלישע געזעצן, איינגעפונדעוועט פון בארצייטען.

קאמפיין — וואהל־קאמף; ענערגישע באוועגונג צו זאמלען שטימען, נדבות, אונטערשריפטען, אדער צוליב עפעס אן אנדער צוועק.

קאנגרעס — דער סענאט צוזאמען מיט'ן דעפוטאטען־קאמער אין וואשינגטאן, דער פארלאמענט פון די פאראייניגטע שטאטען.

קאנווענשאן — צוזאמענפאהר פון דעלעגאטען.

קאנטריביושאן — בייטראג, בייזשטייערונג.

קאסטאמער — קונד.

קאסטאמער־פעדלער — דער וואס ברייגנט אריין זאכען אין שטוב אויף אויסצוצאהלען.

קאסטאם־שניידער — א שניידער וואס ארבייט אויף באשטעלונגען פון קאסטאמער (קונדען).

קאקוס — בעראטונג פון א פראקציע פון א פארטיי.

קאר — וואגאן, טראמוויי.

קאר־ליין — טראמוויי־ליניע.

קאר־פער — די געצאהלט פאר'ן פאהרען אויף א טראמוויי.

קארדס — צוזאמענגעלייגטע געהאקטע האלץ.

קארנער — ראג, ווינקעל.

קארפעט — קאווניאר, טעפיך.

קארפענטער — סטאליער.

קיטשען — קיך.

קיים — פראצעס, דיעלא.

קלאב — קורצער הארטער שטעקען פון א פאליציאנט; קלוב.

קלאדינג־סטאר — קליידער־געשעפט.

קלאוקס — פרויען מאנטלען.

קלאק־קלאק—וואנד־זייגער (פינף א'קלאק — פינף אזייגער).

קלין — ריין.

קלינען — רייניגען.

קעיק — פוטער־געבעק, צוקער־געבעק.

קעמפיין — (זעה „קאמפיין").

קענדי — קאנפעקטען.

קעפ — א היטעל.

קעש — מזומן געלט.

קראוד — מאסע מענשען.

קראססען — אריבערגעהן אויף יענער זייט גאס, וועג אדער טייך.

קריסטמעס — ווייהנאכט, קריסט־טום'עס געבורטסטאג.

קרעדענשאל — מאנדאט.

קרענבערי סאאס — זשוראווינעס־סאק.

קרענק — א צודרעהטער.

ר.

ראיאט — בונט, מאסען־איבערפאל.

ראיאלטי — געצאלט וואס ס'קומט א שרייבער פאר יעדען עקזעמפלאר פון זיין בוך, וואס ווערט פארקויפט אדער פאר יעדעס מאל וואס זיין פיעסע ווערט געשפילט.

ראַללס — בולקעס, זעמעל.

ראַקינג־טשער — וויג־שטוהל.

רום — צימער.

רומינג הויז — אַ הויז וואו מען פאַרדינגט צימערן פאַר קוואַר־טיראַנטען.

רומער — קוואַרטיראַנט.

רוף — דאַך.

רידער — שול־ביכעל צום לעזען (כרעסטאָמאַטיע).

ריטעיל — איינצעלנע פאַרקויף, ניט אָגולנע.

רייאָט — (זעה „ראַיאָט").

ריידער — רייטער.

רייסעס — אַ וועט־געלאַף.

ריסעס — פערעמינע, אָפרוה־צייט אין שול.

ריסעפשאָן־רום — עמפפאַנגס־צי־מער.

ריעל־עסטייט — לאַנד, אָדער הייזער.

רעוויוען — באַקוקען (אַ פראָצע־סיע).

רעווערענד — אַ געאַכטעטער (דאָס געהט אויף אַ רב, אַ גייסטלי־כען, הויפטזעכליך אויף אַ רב אַדער אַן אַנדער „כלי קודש," וואָס געהט געקליידט „הויב־טיג").

רעזיגניישאָן—רעזיגנאַציע (ווען מען זאָגט זיך אָפּ פון אַ שטע־לע).

רייזאָר — ראַזיר־מעסער, בריטווע.

רעיזאָר — (זעה „רייזאָר").

רעליף — הילף.

רענט — דירה־געלט.

רענטען — דינגען, פאַרדינגען.

רענק ענד פייל — די מאַסע, דער עולם.

רעפּאָרט — באַריכט.

רעפּאָרטער — נייעס־זאַמלער אין אַ צייטונג.

רעפאָרמער — רעפאָרמאַטאָר.

ש.

שאָפּ — וואַרשטאַט, פאַבריק.

שוה־סטאָר — שוך־געשעפט.

שוירט — העמד.

שייווען — גאַלען, ראַזירען.

שעפער — פאַבריקען, וואַרשטאַ־טען.

שערוט — אַזאַ ציגאַר, אַ לאַנגער און אַ דינער.

שעריף — געריכטס־פּאָליציאַנט, געריכטס־פּאָליצמייסטער.

v. 2

Date Due

קאהאן , אברהם
בלעטער פון מיין לעבן   מעמוארן
קאה

5285 - v.2

5285

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO